STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00725

DI MILHOME FUN DI YIDISHE PARTIZANER IN MIZREH-EYROPE

Moshe Kahanovich

Permanent preservation of this book was made possible by
William & Estelle Fraidowitz
in memory of
grandfather, David Katz of Hartford, CT

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה קאַגאַנאָוויטש

די מלחמה פון די ייִדישע פּאַרטיזאַנער

אין מזרח-אייראָפּע

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע יידנטום

125

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:

אברהם מיטלבערג

די רשימה פון די דערשינענע ביכער — צום סוף פונעם בוך

משה קאַגאַנאָוויטש

די מלחמה פון די יידישע פּאַרטיזאַנער

אין מזרח-אייראָפּע

באַנד צווייי

★

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל-פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע

בוענאָס איירעס, 1956 — תשט״ז

דרוקעריי ברידער זלאטאפיורא — גאסקאן 1231 — בוענאס־איירעס.

אינהאַלט פון צווייטן באַנד:

19. די ייִדישע פּאַרטיזאַנקע אין די פּוילישע וועלדער — — — — — 7
20. ייִדן אָן געלע לאַטעס — — — — — — — — — — — — — — 77
21. די ייִדישע פרוי אין פּאַרטיזאַנקע — — — — — — — — — — 216
22. ייִדישע פּאַרטיזאַנער פאַר דער רעטונג פון ייִדן — — — — — 247
23. נקמה־אַקטן איבער פּויערים ייִדן־מערדערס און דייטשע אַגענטן 296
24. אויסגעצייכנטע ייִדן אין די קאַמפן — — — — — — — — — — 327
א) סטאַטיסטיק פון קליינע פּאַרטיזאַנישע אָפּעראַציעס — — 366
ב) אַ דייטשישע מאַפּע וועגן דער „רעלסן־מלחמה״ אין מזרח־וויסרוסלאַנד און צפון־אוקראַינע — — — — — — — — — 368
ג) ביבליאָגראַפיע — — — — — — — — — — — — — — 371
ד) קוועלן — — — — — — — — — — — — — — — — — 376
ה) זוכצעטל פון דערמאָנטע נעמען — — — — — — — — — —
ו) אינדעקס פון דערמאָנטע שטעט און שטעטלעך — — — —
ד) קוועלן־אָנגאַבע — — — — — — — — — — — — — — 376
ה) נעמען־רעגיסטער — — — — — — — — — — — — — — 381
ו) רעגיסטער פון שטעט און דערפער — — — — — — — — — 402
ז) רעגיסטער פון וועלדער און פּושטשעס — — — — — — — 414
ח) רעגיסטער פון פּאַרטיזאַנער אין מיליטערישע איינהייטן — 417

קאַפּיטל נײַנצן

די ייִדישע פּאַרטיזאַנקע אין די פּוילישע וועלדער

א. די פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן אין אָקופּירטן פּוילן

עס איז שווער אַרויסצוזאָגן השערות און עס איז אויך ביז היינט נישט אויפגעקלערט געוואָרן, וואָס אייגנטלעך זענען געווען די דייטשע פּלענער לויט דער „נייער אָרדענונג" לגבי פּוילן (אָדער ווי עס איז אָפיציעל באַצייכנט געוואָרן: „גענעראַל־גאָווערנאַמענט").

לויט איין פּלאַן, האָט פּוילן, נאָכן דייטשישן נצחון, געדאַרפט בילדן אַ קליינע וואַסאַלן־מדינה, וואָס שליסט איין קאָנגרעס־פּוילן, מזרח און מערב־גאַליציע מיט קראָקע אַלס הויפּט־שטאָט און מיטן טייך בוג אַלס גרענעץ־ליניע. די נאַטור־אוצרות, רייכע געגנטן פּויזן, פּאָמערן און אויבער־שלעזיע, לגבי וועלכע די דייטשן האָבן שוין לאַנג געהאַט היסטאָרישע פּאָדערונגען אַלס עכט־דייטשע געביטן — זענען באַלד נאָכן דייטשן אַריינמאַרש אָנגע־שלאָסן געוואָרן אין דעם „דריטן רייך". שפּעטער, איז די פּוילישע מאַפּע קאָרעגירט געוואָרן דורכן אָפּרייסן די לאָדזשער וואָיעוואָדזטווע (ליצמאַנ־שטאַדט), ביאַליסטאָקער און גראָדנער געביטן.

לויט אַ צווייטן פּלאַן, האָט פּוילן געזאָלט גענצלעך פאַרשווינדן פון דער אייראָפּעישער מאַפּע ווי אַ מדינה און געדאַרפט באַפעלקערט ווערן דורך דייטשן. די צאָל פון די סלאַווון האָט געדאַרפט „דעפּירט" ווערן ביז צו אַ מינימום. ווי אַ רמז אויף דער רעאַליזירונג פון דעמדאָזיקן פּלאַן, האָט מען באַטראַכט די „פּאַציפיקאַציע" אין זאַמאָשטשער געגנט (1943). די אַנט־

וויקלונג פון די געשעעענישן אויף די פראָנטן און די שאַרפע קעגנערשאַפט פון די פוילישע פויערים, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דיווערסיע־אַקטן קעגן די נייע קאָלאָניסטן, האָט צונישט־געמאַכט דעם פּלאַן.

מיר האָבן פאַר זיך אַ דייטשן מקור וועגן די דייטשע פּלענער אין באַצוג צו די סלאַווישע פעלקער, נאָכן זיג. דער דייטשער היסטאָריקער פון צווייטן וועלט־קריג, וואַלטער גערליץ, וועלכער האָט זיין בוך געשריבן לויט אָפיציעלע דייטשע קוועלן, שרייבט:

„...אָבער היטלער האָט זיך אַנטשיידן אויף עטוואָס אַנדערש. דער סלאַווישער מזרח האָט געזאָלט ווערן דאָס „דייטשע אינדיע”, דאָס גרויסע קאָלאָניאַל־געביט פון דער גערמאַנישער ראַסע. דער ס״ס־רייכס־פירער, הימלער, האָט געחלומט וועגן שאַפן אַ גערמאַנישן „ווערבאַוערנסטאַנדעס” איבער די אָפּגעשטאַנענע סלאַווישע מאַסן, וועלכע זאָל, ווי אין דער לעגענדאַרער אָסטגאָטן־מדינה, דערגיין ביז צו דער וואָלגע און אוראַל. דער מזרח־פּרייסישער גאַוליטער, עריך קאָך, האָט מיט דער הילף פון וויסנשאַפטלער אויסגעאַרבעט פּלענער וועגן צוזאַמענשמידן דיביידע גרויסע „פּראָלעטאַרישע נאַציעס”, ווו די דייטשן האָבן געזאָלט בילדן די אינטעליגענץ און די סלאַווישע פעלקער — די אַרבעטער־מאַסן. לויט דעם פּלאַן, האָט געזאָלט צווישן ווייסל און אוראַל אַנטשטיין אַ גרויסע אינדוסטרי־רייך צו דעם צוועק”.

(„דער צווייטער וועלט־קריג 1939—1945”, צווייטער באַנד, ז״ז 104־105)

דער דייטשער היסטאָריקער, וואַלטער גערליץ, שרייבט אין זיין בוך „דער צווייטער וועלט־קריג 1939—1945” וועגן די סיבות, וואָס האָבן צוגעאיילט דאָס אַנטשטיין פון אַ פּוילישער אונטערגרונט־באַוועגונג. אין קורץ־געפאַסטע זאַצן געפינען מיר דאָ אַ בילד פון די פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן אין אָקופּירטן פּוילן:

„...דער האַרטער רעזשים פון דער דייטשער פאַרוואַלטונג אין פּוילן, דער פּרווו צו פאַרניכטן די אַלטע פעאָדאַלישע פוילישע אויבערשטע שיכט, די קאַטוילישע קירכע און די פוילישע אינטעליגענץ, די אידייע פון דער „הערנראַסע”, וועלכע עס האָט געפּרעדיקט דער גענעראַל־גובערנאַטאָר, ד״ר פראַנק, וואָס האָט טיף באַליידיקט דאָס פוילישע פאָלק, דאָס פאַרשיקן לערך

פון 1.4 מיליאָן פוילישע פּרעמד־אַרבעטער קיין דייטשלאַנד, האָבן באַדיי־טנדיק מיטגעהאָלפן דער אַנטי־דייטשער פּראָפּאַגאַנדע פון דער „היימאַטס־אַרמיי" („אַרמיאַ קראַיאָוואַ"). די פּאָליטיק פון גענעראַל־גובערנאַטאָר אין באַציִונג צו די פּאָליאַקן, האָט געבראַכט דערצו, אַז מיטן באַוויזן זיך פון די רוסן אין פוילן, האָט מען בשום אופן נישט געקענט רעכענען אויף אַ פּוילישער אונטערשטיצונג אין אַ גרעסערן אומפאַנג, טראָץ דעם, וואָס די ברייטע פוילישע מאַסן האָבן אין די רוסן געזען אַ גרעסערע געפאַר ווי אין די דייטשן".

(דאָרט, קאַפּיטל 22 „קריג און רחמנות — דער פּאַרטיזאַנער־קריג 1939—1945", ז' 97).

די שנאה צו די דייטשן איז געווען אַזוי גרויס, אַז אפילו די פּאַר־שאַרפטע באַציִונגען צווישן דער פּוילישער רעגירונג אין לאָנדאָן מיט מאָסקווע, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַנטדעקונג פון די דערשאָסענע פּוי־לישע אָפיצירן ביי קאַטין (סמאָלענסקער געגנט), וועלכע די דייטשע פּראָ־פּאַגאַנדע האָט ברייט אויסגענוצט פאַר אירע צוועקן, כדי צו גראָבן אַ תהום צווישן די פּאָליאַקן און די רוסן, האָט אויך גאָרנישט געהאָלפן. וואַלטער גערליץ שרייבט:

„די דייטשע פּראָפּאַגאַנדע האָט אַלץ געטון, כדי אויסצוניצן דעם פּאַל קאַטין פאַר אירע צוועקן. אָבער די פעלערהאַפטע פוילן־פּאָליטיק פון היטלער און פראַנק האָט שוין דאָס איריקע אָפּגעטון און אַפילו דער קאַטין־דערפּאָלג האָט דאָס שוין נישט געקענט ענדערן".

(„דער צווייטער וועלט־קריג 1939—1945", קאַפּיטל 22 — „קריג און רחמנות, ז"ז 99־100).

די דייטשן האָבן אָרגאַניזירט אין פוילן די אַדמיניסטראַציע און דעם זיכערקייטס־דינסט אין דער ערשטער ריי מיט דער הילף פון די „פּאָלקס־דויטשע" (די דייטשע מינדערהייט אין פוילן), וואָס האָבן געבילדעט אַ נאַציאָנאַלע גרופּע מיט אַ באַדייטנדיקער השפעה אויפן עקאָנאָמישן לעבן אין פוילן. די דייטשע מינדערהייט אין פוילן, וואָס איז שוין פאַר דער מלחמה געווען אַ פיינטלעכער עלעמענט פאַר דער זעלבסטשטענדיקער פוילן, האָט איצט איבערגענומען די פולע מאַכט איבער פוילן אין אירע הענט.

די צאָל „פאָלקסדויטשע״ האָט זיך פאַרגרעסערט מיט צענדליקער טויזנטער פאָליאַקן, וואָס האָבן פלוצים אַנטדעקט, אַז אין זייערע אָדערן פליסט דייטשיש בלוט און אַז זיי זענען ראוי צו געהערן צום „זיגער״-פאָלק. עס איז איבעריק צוצוגעבן, אַז די „פאָלקסדויטשן״ האָבן אין דער פולער מאָס אויסגענוצט זייער פריווילעגירטע שטעלונג אויף אַלע געביטן און זיך באַרייכערט אויפן חשבון פון די מיליאָנען אויסגערויבטע און אויסגעקוילעטע פוילישע ייִדן.

די דייטשן האָבן, וואָס אַן אמת, נישט געפונען קיין קאָלאַבאָראַנטן צווישן די אָנפירנדיקע קרייזן פונעם פאַרמלחמהדיקן פוילן, אָבער זיי האָבן יאָ געפונען הונדערטער טויזנטער פאָליאַקן וואָס האָבן מיטגעאַרבעט און געטריי זיי געדינט אין דער פאָליציי, אין דער אַדמיניסטראַציע אאַ״וו. דאָס איז געווען אַן איינמאָליקע געלעגנהייט, לייכט און אָן שום מי זיך צו באַרייכערן דורכן ייִדישן פאַרמעגן. די דייטשן האָבן אויך די פאָליאַקן מיטבאַטייליקט אינעם רויב פון דעם ייִדישן גרויסן פאַרמעגן און אין פאַרכאַפּן די קאָנפיסקירטע אינדוסטריעלע און האַנדלס-אונטערנעמונגען.

עס איז אַנטשטאַנען אַ פוילישער מיטלשטאַנד, וואָס האָט פאַרכאַפּט אַלע ייִדישע פּאָזיציעס אין האַנדל און אינדוסטריע און איז געוואָרן אַ נאַטירלעכער פאַרבינדעטער פון די דייטשע אָקופּאַנטן. פאַרשטייט זיך, אַז די דייטשן זענען געווען פאַראינטערעסירט אין אַ סאָציאַלן שיכט, וואָס זאָל מיט זיי זיין פאַרבונדן. פון דאַנען נעמט זיך אויך זייער ליבעראַלער צוגאַנג צו דער ספּעקולאַציע, וואָס האָט זיך, אין די מלחמה-יאָרן, פאַנאַנדערגעבליט און אַרומגענומען ברייטע קרייזן.

די פאָליאַקן האָבן טאַקע געלעבט אונטערן יאָך פון דער אָקופּאַציע-מאַכט, זיי זענען אונטערדריקט געוואָרן פונעם „הערן-פאָלק״ ווי אַ מינדערווערטיקע און אָפּגעשטאַנענע סלאַווישע ראַסע, און טראָץ אַלעמען האָט די באַדייטנדיקע מערהייט פון פוילישן פאָלק באַגריסט היטלערס ראַדיקאַלע לייזונג פון דער ייִדן-פראַגע. דער דורותדיקער טרוים פון די פוילישע אַנטיסעמיטן — וועגן אַ פוילן אָן ייִדן — איז ענדלעך פאַרווירקלעכט געוואָרן. פאָליאַקן פלעגן זאָגן: „היטלער טוט עס פאַר אונדזערטוועגן... אונדזערע הענט האָבן נישט פאַרגאָסן דאָס-דאָזיקע בלוט, אָבער ער (היטלער) האָט געלייסטעט פאַר אונדז אַן אומשאַצבאַרן דינסט...״

אין פוילן איז געווען טעטיק אין אונטערגרונט די פאַרטרעטערשאַפט („דעלעגאַטוראַ״) פון דער פוילישער גלות־רעגירונג אין לאָנדאָן. זי איז געווען אַן אַנטשיידנדיקער פאַקטאָר אין דער אונטערגרונט־אַרבעט און איר השפּעה אין פוילן איז געווען אַ קענטיקע. דער מיליטערישער אויספיר־אָרגאַן פון דער פאַרטרעטערשאַפט איז געווען די „ק.ס.ז.״ (קראַיאָווע סילי זבראָינע — די באַוואָפנטע לאַנד־כוחות), אָדער בקיצור: „אַ־ק״ („אַרמיאַ קראַיאָוואַ״ — לאַנד־אַרמיי) 1)

נאָכדעם ווי די „סאַנאַציאַ״ (דער פראָנט פון מאַרשאַל פּילסודסקי אין פאַרמלחמהדיקן פוילן) האָט באַהערשט די מיליטערישע אָרגאַניזאַציע — איז גענעראַל ראָבאַצקי (פּסעוודאָנים „גראָט״) נאָמינירט געוואָרן אַלס איר קאָמענדאַנט און נאָכדעם ווי ער איז אַריינגעפאַלן אין די געשטאַפּאָ־הענט (יוני 1943), איז אויף זיין אָרט געקומען גענעראַל באָר־קאָמאַראָווסקי.

אַלס קעגנגעוויכט צו דער פאָרשטייערשאַפט (דעלעגאַטור) אין וועלכע עס האָבן זיך קאָנצענטרירט די מיינסטע פּאָליטישע פּאַרטייען, אָנגעהויבן פון די רעכט־רעאַקציאָנערע נ.ד., ביז צו דער סאָציאַליסטישער פּ.פּ.ס., איז דורך די לינקע פּאַרטייען קאָנסטיטויִרט געוואָרן די „ק.ר.נ.״ (קראַיאָוואַ ראַדאַ נאַראָדאָוואַ״ — נאַציאָנאַלער לאַנד־ראַט), אין וועלכן עס זענען אַריינ־געגאַנגען די קאָמוניסטן אונטער זייער נייעם נאָמען „פּ.פּ.ר.״ (פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי) און דער לינקער פליגל פון דער פוילישער סאָציאַליס־טישער פּאַרטיי („פּ.פּ.ס.״) אונטערן נאָמען „ר.פּ.פּ.ס.״.

דער מיליטערישער אויספיר־אָרגאַן פון דעם לינקן ק.ר.נ. איז געווען די „אַ.ל.״ („אַרמיאַ לודאָוואַ — פאָלקס־אַרמיי) 2).

---

1) אין אָנהייב — אַ פוילישע מיליטער־אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך אַ גרופּע פאַרטיידיקער פון דער שטאָט וואַרשע אונטערן נאָמען „ז. וו. ז.״ (זוויאָנזעק וואַלקי זבראָינעי — אָרגאַניזאַציע פון באַוואָפנטן קאַמף). נאָכדעם ווי זי איז אָנערקענט געוואָרן דורך דער פוילישער גלות־רעגירונג, האָט זי איר נאָמען געענדערט אויף „פּ. וו. פּ״. (פּאָלסקי זוויאָנזעק פּאָוסטאַנטשי״ — פוילישער אויפשטאַנד־פאַרבאַנד), און נאָכן באַהערשן די מיליטערישע פויערים־אָרגאַניזאַציעס „ב. כ״. („באַטאַליאָני כלאָפּסקיע״ — פויערים באַטאַליאָנען), האָט זי אָנגענומען דעם נאָמען „א. ק״.

2) אַ מיליטערישער אונטערגרונט פאַרבאַנד וואָס איז לכתחילה אַנטשטאַנען לויט דער איניציאַטיוו פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (פּ.פּ.ר.) אונטערן נאָמען

אויסער די צוויי א״ד אונטערגרונט־אָרגאַניזאַציעס, איז געווען טעטיק ביז צו איר אָנשלוס צו דער „א.ק.״ (מערץ 1944) אויך די „נ.ס.ז.״ („נאַראָדאָווע סילי זבראָינע״ — די נאַציאָנאַלע באַוואָפנטע כוחות), אַ פאַשיסטישע מיליטערישע אָרגאַניזאַציע, וועמענס מענטשן עס האָבן זיך רעקרוטירט פון דער „אָ.נ.ר.״ און „פאַלאַנגאַ״, — אויסגעשפּראָכענע אַנטיסעמיטן נאָך פון פאַר דער מלחמה. זיי האָבן אָפן מיטגעאַרבעט מיט דער אָקופּאַציע־מאַכט אין דער אויסראָטונג פון ייִדן, קאָמוניסטן און דעמאָקראַטן, און עפנטלעך דעקלאַרירט, אַז אין דער ייִדן־פאַרניכטונג זענען זיי שותפים צו די דייטשע אידעאַלן.

אין דער צייט ווען די „אַ.ק.״ האָט אָנגעווענדט אַ פּאָליטיק פון אָפּוואַרטן, אַ מעטאָד פון „זיץ און טו גאָרנישט״, גרייטקייט צום לעצטן קאַמף מיט די אָקופּאַנטן אין דעם פּאַסיקן מאָמענט, אָדער, לויט זייער לאַקאָנישער לאָזונג: „מיטן געווער ביי די פיס״ (אין אויגוסט 1944 האָבן זיי אָרגאַניזירט דעם וואַרשעווער אויפשטאַנד), האָט די „אַ.ל.״ געפאָדערט תיכף אָנצוהייבן דעם קאַמף. דעם 15טן מאַי 1942 זענען אָפּטיילונגען פון דער „אַ.ל.״ אַוועק אין די פּיאָטריקאָווער וועלדער און אויפגעשטעלט די ערשטע פּאַרטיזאַנישע איינהייטן אויפן שטח פון „גענעראַל גאָווערנאַמענט״. דיביידע באַוועגונגען האָבן זיך אומברחמנותדיק קעגנזייטיק באַקעמפט און זייערע באַציִונגען האָבן זיך באַזונדערס פאַרשאַרפט, נאָכדעם ווי עס איז אין רוסלאַנד געגרינדעט געוואָרן דער „פאַרבאַנד פון פוילישע פּאַטריאָטן״ און די אַרמיי פון בערלינג און וואַנדאַ וואַסילעווסקאַ.

„דער ייִדישער נאַציאָנאַל־ראַט״ האָט זיך פאַרבונדן סיי מיט דער רעכטער „דעלעגאַטור״ און סיי מיט דער לינקער „ק.ר.נ.״, און ביי ביידע געבעטן הילף. עס איז כדאי צו באַטאָנען, אַז די ייִדישע ווענדונגען האָבן גיכער געפונען אָפענע אויערן ביי דער לינקער „ק.ר.נ.״, אָבער איר השפּעה און מעגלעכקייטן זיינען געווען אַ סך קלענערע ווי די פון דער „דעלעגאַטור״.

די באַציִונג צו די ייִדן מצד דער „דעלעגאַטור״ האָט זיך באַזונדערס פאַרערגערט נאָכן טויט פונעם פּרעמיער פון דער גלות־רעגירונג, גענעראַל

„ג. ל״. („גוואַרדיאַ לודאָוואַ״ — פאָלקס גוואַרדיע). איר ציל — קאַמף קעגן די דייטשן, פאַר אַ זעלבסטשטענדיק פוילן אין צוזאַמענאַרבעט מיט רוסלאַנד. דעם 1טן יאַנואַר, 1944, האָט זי געענדערט איר נאָמען אויף „אַ. ל״. („אַ. על״).

שיקאָרסקי, (5טער יולי 1943), וואָס איז אומגעקומען בעת אַן עראָפּלאַן־קאַטאַסטראָפע ביי רעטזעלהאָפּטע אומשטענדן. אויף זיין אָרט זענען געקומען גענעראַל סאָסנקאָווסקי און מיקאָלאַיטשיק און אין דער פּוילישער רעגירונג אין לאָנדאָן האָבן זיך פאַרשטאַרקט די רעאַקציאָנער־אַנטיסעמיטישע עלעמענטן (ביעלעצקי, גענעראַל אַנדערס אאַ״וו.).

דער גענעראַל שיקאָרסקי איז געווען אַ דעמאָקראַט און זיין באַציִונג צו יידן איז געווען אַ סימפּאַטישע. דעם 5טן מאַי 1943 האָט ער, אין זיינער אַ רעדע, אויף אַ שאַרפן אופן רעאַגירט אויף דער פאַרניכטונג פון די פּוילישע יידן. ער האָט געדראָעט די פּאָליאַקן־קאָלאַבאָראַנטן, וואָס גיבן־איבער יידן אין דייטשע הענט, אָדער באַטייליקן זיך אין זייער פאַרניכטונג, מיט שווערע שטראָפן און אויפגעפאָדערט די פּאָליאַקן צו העלפן די אומגליקלעכע יידן.

אונטערן דרוק פון דער פּוילישער „זשעגאָטאַ״ („ראַדאַ פּאָמאָצי זשידאָם״ — ראַט צו העלפן יידן) 3) און די יידישע אָרגאַניזאַציעס, האָט די „דעלעגאַטור״ אָנגעהויבן אויפצוטרעטן קעגן דער מגפה פון די אויספרעסונגען („שמאַלצאָווניק״) און מסירות, וואָס האָבן באַדראָעט די עקזיסטענץ פון די קליינע רעשטלעך יידן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון דער אויסראָטונג און געזוכט אַ באַהעלטעניש אויף דער „אַרישער״ זייט. נאָך דער ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ, איז די „שמאַלצאָווניקעס״־פּלאָג געוואָרן אַ טאָגטעגלעכע דערשיינונג. פּאָליאַקן האָבן געלויערט אויף זייערע קרבנות, אַרויסגעפּרעסט דעם לעצטן גראָשן און דאַן זיי אויסגעליפערט אין דייטשע הענט... אין די חדשים אויגוסט און סעפּטעמבער 1943 זענען דערשינען צוויי אויפרופן געחתמעט דורך „פּוילישע זעלבסטשטענדיקע פאַרבאַנדן״,

3) „זשעגאָטאַ״ — אין דעצעמבער 1942, איז געגרינדעט געוואָרן אַ געהיימער פּוילישער ראַט צו העלפן יידן. די איניציאַטיוו איז געקומען פון צוויי זייטן: פון קאַטוילישע קרייזן און דעמאָקראַטישע גרופּעס אין דער אונטערגרונט. יולי 1943, האָט דער קאַטוילישער פראָנט פאַרלאָזט דעם ראַט. די „זשעגאָטאַ״ האָט פאַרטיילט געפעלשטע אַריער־דאָקומענטן, האָט אויסגעזוכט ביי פּאָליאַקן געהיימע דירות פאַר יידן, און געשטיצט מיט געלט די נויטבאַדערפטיקע יידן, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אויף דער אַרישער זייט. דאָס געלט האָט דער ראַט באַקומען פון דער לאָנדאָנער רעגירונג. צוליב דעם כסדרדיקן דרוק, איז די סובסידיע פאַרגרעסערט געוואָרן פון 50 אויף 400 טויזנט זלאָטעס אַ חודש. איר טעטיקייט איז געווען אַ ברכה פאַר די רעשטלעך יידן.

וועגן די אויספּרעסונגען און וועגן דערטיילן הילף צו ייִדן. שטיצנדיק זיך אויף די רייד פונעם פאַרשטאָרבענעם גענעראַל שיקאָרסקי אין די טעג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, האָבן די מחברים פון די אויפרופן געפאָדערט:

„מיר ווענדן זיך צו אַלע פּאָליאַקן — כדי אָפּצוהיטן דעם גוטן נאָמען פון פּוילן — אַז זיי זאָלן דערטיילן הילף און אַרויסווייזן אַ מענטשלעכע באַציִונג צו די ייִדן, וואָס זענען בדרך נס נצול געוואָרן פון די דײַטשע תּליונים־הענט און זײַענדיק פאַרפאָלגט, זוכן זיי בײַ אונדז אַ שוץ פון אַ זיכערן טויט״.

עס איז נישט קיין וווּנדער וואָס די ייִדן, וועלכע האָבן געדורשט נאָך נקמה, זענען געקומען אין באַרירונג מיט די קאָמוניסטישע „פּ.פּ.ר.״־קרײַזן, וואָס האָבן פּראָפּאַגאַנדירט אַ באַלדיקן באַוואָפנטן אַרויסטריט קעגן די דײַטשן און זייער באַציִונג צו דער ייִדישער פּאַרטיזאַנקע איז געווען אַ פּיל־סימפּאַטישערע, ווי פון די קרײַזן פון דער לאָנדאָנער „דעלעגאַטור״.

דער אָרגאַן פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, „דער חלוץ־קעמפּער״, קלערט אויף פאַרוואָס די אָרגאַניזאַציע האָט קאָלאַבאָרירט מיט דער קאָמוניסטישער „פּ.פּ.ר.״:

„בײַם אָנהייב פון אונדזער קאַמפּס־טעטיקייט האָבן מיר געזוכט פאַרבינדעטע, אויף וועלכע מיר זאָלן זיך קענען פאַרלאָזן אין דער אָנטשיידנדיקער שעה פון אונדזער גורל. אין לאַנד (פּוילן) האָבן עקזיסטירט אייניקע אונטערגרונט־באַוועגונגען, שטאַרקע און שוואַכע. מיר האָבן געזוכט אַ קאָנטאַקט מיט אַ באַוועגונג, וואָס איר באַציִונג צו פּראַקטישע מעשים זאָל אונדז זײַן נאָענט. דעריבער האָבן מיר לחלוטין אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאָג פון יענע פאַקטאָרן, וואָס האָבן געוואָלט אונדז העלפן געפינען אַ „באַהעלטעניש״ ביז צו דעם „פּאַסיקן״ מאָמענט אין זייערע פאַרמאַסקירטע לאַגערן און מיליטערישע שולן. מיר האָבן נישט געהאַט קיין צוטרוי צו זייערע אידעאָלאָגיעס און אַנשויאונגען און האָבן נישט געוואָלט פאַראַנטוואָרטלעך זײַן פאַר זייער אומטעטיקייט און פאַר אַ וואַקלדיקער פּאָליטיק פון אָפּוואַרטן״.

(דאָרט, — נומער 31, פונעם 27טן אויגוסט, 1943).

אָבער צו ממשותדיקער הילף מצד דער „דעלעגאַטור״ פאַר די אומגליקלעכע רעשטלעך ייִדן איז עס נישט געקומען. די „דעלעגאַטור״ האָט געהאַט אַ סך געווער, אָבער נאָר איינמאָל (סוף יאַנואַר 1943) האָט זי איבער־

געשיקט אַ קליינעם געווער־טראַנספּאָרט פאַר דער „יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע" אין ווארשעווער געטאָ.

די „דעלעגאַטור" און די „אַ.ק."־קאָמאַנדשאַפט זענען געווען קעגן דעם, אַז די יידישע אָרגאַניזאַציעס זאָלן זיך באַוואָפענען און קעגן אָנטייל פון די רעשטלעך יידן אין פּאַרטיזאַנישן געראַנגל אין די וועלדער. דער קאָמענדאַנט פון דער „אַ.ק.", גענעראַל באָר־קאָמאָראָווסקי, האָט איבערגעשיקט (אויגוסט 1943) אַ בריוו צום אָנפירער פון דעפּאַרטאַמענט פאַר אינערלעכע ענינים, פון פאָלגנדיקן אינהאַלט:

„מען האָט מיר געמאָלדן, אַז די געלטער באַשטימטע פאַר הילפס־צוועקן, ווערן דורך די יידן אויסגעגעבן אויף געווער־איינקויף. אַ טייל פון די דאָזיקע געווער פאַלט אַריין אין די הענט פון די ווילדע באַנדעס אָדער צו „פּ. פּ. ר"., וואָס עס פאַרשטאַרקט דעם כאַאָס אין לאַנד.

„אַזוי ווי יידן האָבן נישט קיין מעגלעכקייט צו קעמפן קעגן שונא — דאַרף דאָס געלט פאַרווענדט ווערן אויסשליסלעך און בלויז פאַר הילפס־צוועקן".

מיר ברענגען דאָ אַ זייער כאַראַקטעריסטישן בריוו, וואָס שפּיגלט אָמבעסטן אָפּ די שטימונגען אין די „אַ.ק." און זייער באַציונג צו די יידישע קעמפער אין די פּוילישע וועלדער. די סעקציע פאַר יידישע ענינים ביי דער „אַ.ק."־קאָמאַנדשאַפט האָט באַקומען אַ בריוו מיטן באַשלוס פון קאָמענדאַנט בנוגע דער יידישער באַטייליקונג אין פּאַרטיזאַנישן קאַמף:

„דאָס רעאַליזירן פונעם באַפעל פון אויבערקאָמאַנדאַנט פונעם 10טן נאָוועמבער, 1942, און די שפּעטערדיקע באַפעלן וועגן צוזאַמענאַרבעט מיט די יידישע קעמפער — שטויסט זיך אָן אויף שוועריקייטן נישט צום איבערווינדן. די אַלגעמיינע שטימונגען צו די יידן איז אַזאַ פיינטלעכע, אַז ביי די געגעבענע באַגרענעצטע טעטיקייטס־מעגלעכקייטן אין די באַדינגונגען פון דער אונטערגרונט, וועלן מיר נישט קענען נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער זיכערקייט פון די יידישע אָפּטיילונגען וואָס געפינען זיך איבערן שטח.

„דאָ ווירקט די שנאה, וואָס שטאַמט פון דער יידישער איינשטעלונג צו דער פּוילישער באַפעלקערונג אין דער צייט פון דער סאָוועטישער אָקופּאַציע, און פון דער אויפפירונג פון די יידישע באַוואָפנטע גרופּעס, וואָס פירן דורך רויב־ און אַכזריות־אַקציעס איבער דער באַפעלקערונג. אַלס רעזולטאַט פון דעם אַלעמען ווייס נישט די פּוילישע באַפעלקערונג

ווי אונטערצושיידן צווישן די פּוילן־געטרייע יידן און די, וועמענס באַ־ציונג צו פּוילן איז אַ פייַנטלעכע (וואַרשייַנלעך געמיינט, יידן וואָס סימ־פּאַטיזירן מיטן סאָוועט־רוסלאַנד — דער מחבר).

„דעריבער קענען מיר נאָר עצהן די יידן, פאַר זייער טובה וועגן, אַז זיי זאָלן זייער גאַנצע ענערגיע און אָנשטרענגונג אָנווענדן אויף פאַרזיכערן זייער עקזיסטענץ אין באַהעלטעניש. אין דעם מאָמענט, ווען מיר וועלן איבערגיין צו אַן אָפענעם קאַמף, וועט זיך פאַר זיי געפינען אַ פּלאַץ אין די מיליטערישע רייען, צוזאַמען מיט אַלע געטרייע בירגער פון דער רעפּובליק".

געחתמעט (—) ריינט.

די לאָנדאָנער „דעלעגאַטור" האָט געשטעלט אַלס תנאי פאַר פאַרזעצן דערטיילן פינאַנציעלע הילף פאַר די יידן, (וואָס איז, אגב, געקומען דורך איר פאַרמיטלונג, פון אויסלענדישע יידישע אָרגאַניזאַציעס), אַ יידישע הסכמה, נישט אויסצוגעבן דאָס געלט אויף געווער־איינקויף. די פאָרשטייער פון דער „יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע" האָבן געמאָלדן, אַז זיי וועלן אויף דעם תנאי בשום אופן נישט איינגיין. די שפּאַנונג אין די קעגנזייטיקע באַציִונגען האָבן דערגרייכט דעם קולמינאַציע־פּונקט, נאָך דער שוידערלעכער ידיעה, אַז דרייצן קעמפער פון דער „יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע" זענען, אין דעם דאָרף לידקאָנע (ביי קאָניעצפּאָל), דערמאָרדעט געוואָרן דורך אַן „נ.ס.ז."־באַנדע.

דער קאָמאַנדיר פון דער „אָרגאַניזאַציע", יצחק צוקערמאַן („אַנטעק"), האָט איבערגעשיקט צו דעם קאָמענדאַנט פון די באַוואָפנטע כוחות, גענעראַל באָר־קאָמאָראָווסקי אַן אויספירלעכן בריוו, ווו ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף די קעגנזייטיקע באַציִונגען און געפאָדערט:

„צוצושטעלן וואָפן פאַר די לאַגערן און די לעצטע לעבנס־שעהן פון די רעשטלעך יידן אין פּוילן און דערטיילן הילף צו אָרגאַניזירן אַ יידישן פּאַרטיזאַנישן כוח און געווער־הילף פאַר יענע יידישע קאָנצענט־ראַציעס, וואָס ווילן זיך פאַרטיידיקן".

„אָבער דער דאָזיקער דראַמאַטישער הילפס־רוף האָט נישט געפונען קיין אָפענע אויערן ביים קאָמענדאַנט פון „א. ק.".

(ד"ר בערמאַן — „יידן אויף דער אַרישער זייט, „וואַרשע", גלות־ענציקלאָפּעדיע, ז"ז 714־717).

אויך די ווענדונג פון מרדכי טענענבוים, אַלס קאָמענדאַנט פון דער

יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין ביאַליסטאָק, צו דער אָנפירונג פון ביאַלי־סטאָקער „וואַלקי ציווילנע״ (בירגערלעכער קאַמף — פאַרבונדן מיט דער „א.ק.״), וועגן אויסטיילן הילף אין געווער און אַמוניציע, איז געבליבן אָן אַן ענטפער.

מיר גיבן דאָ איניקע כאַראַקטעריסטישע אויסצוגן פון מעמאָראַנדום, דאַטירט, 2טער אַפּריל 1943, און אונטערגעשריבן דורך טענענבוים מיט זיין טאַטאַרישן פאַמיליע־נאָמען טאַמאַראָוו (דער נאָמען איז אים פאַרבליבן פון דער צייט, ווען ער האָט געפּרוווט אין ווילנע מאַכן זיך אַ דאָקומענט אַלס טאַטאַר):

„...אונדז איז געלונגען אויפצוווייזן אונדזערע פּוילישע חברים (גע־מיינט אין וואַרשע), אַז מיר (יידן) זענען אין אַ באַזונדערער לאַגע. געפי־נענדיק זיך די גאַנצע צייט פאַר אַ דירעקטער טויט־געפאַר, מוז אונדז געגעבן ווערן די מעגלעכקייט — אויב עס איז דערווייל נישטאָ קיין בע־סערער אויסוועג — צו שטאַרבן מיט כבוד, צו פאַרטיידיקן זיך ביזן סוף, אַפילו ווען מיר זענען, פון פאַראויס זיכער, אין אַ פולשטענדיקער פיזישער מפלה.

„...איר זאָגט, אַז איר האָט געגוג פרייוויליקע צום קאַמף — אָבער צי ווייסט איר דען נישט, אַז אין קיין בירגערלעכן שיכט וועט איר נישט געפינען אַזוינע איבערגעגעבענע פרייוויליקע בלב ונפש, וואָס זע־נען גרייט צו טון אַלץ, וואָס עס וועט פאָדערן דער נקמה־געפיל, ווי אונ־דזערע מענטשן?

„...יעדער פּוילישער פרייוויליקער קען דינען זיין לאַנד אויף פאַר־שיידענע וועגן אָבער ער קען אויך וואַרטן ביזן באַפעל־טאָג, אָבער מיר קענען נישט וואַרטן. יעדער טאָג קען קומען דער סוף. מיר מוזן תיכף אָנהייבן קעמפן״.

טענענבוים פאַרענדיקט זיין מעמאָראַנדום וועגן געווער־הילף „וואָס קען דעצידירן דעם גורל פון די לעצטע געטאָ־יידן״, מיט אַן אַפּעל:

„...מיר וואַרטן אויף אייער באַשלוס. מיר האָפן, אַז ביים באַהאַנדלען וועט איר טראַכטן וועגן אייער אַחריות לגבי טויזנטער נפשות און דער געשיכטע״.

(מרדכי טענענבוים (טאַמאַראָוו) — „דפים מן הדליקי״, ז״ז 108־111).

אָבער, ווי געזאָגט, האָבן די ביאַליסטאָקער יידישע ווידערשטענדלער קיין הילף אין געווער פון דער פּוילישער זייט נישט באַקומען.

די „א.ק.״ האָט נישט נאָר נישט אויפגענומען קיין ייִדן אין אירע רייען, נאָר פלעגט אויך אויף אַן אומברחמנותדיקן און סיסטעמאַטישן אופן מאָרדן ייִדישע פאַרטיזאַנער און אומבאַוואָפנטע ייִדן, וואָס האָבן אַרומגעבלאָנקעט אין די וועלדער און דערפער, אָדער זיך אויסבאַהאַלטן ביי פויערים.

דער צוזאַמענטרעף וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן צווישן דעם „ראַט צו העלפן ייִדן״ („זשעגאָטאַ״) און דעם באַפולמעכטיקטן פון דער לאָנדאָנער רעגירונג (17טן יולי 1944) און דער מעמאָראַנדום געחתמעט דורך יצחק צוקערמאַן און סאַמסאָנאָוויטש, וואָס איז איבערגעשיקט געוואָרן צו דער „א.ק.״־אָנפירונג (16טן אָקטאָבער 1943), אין שייכות מיטן מאָרדן דורך די „א.ק.״־חיילות, געראַטעוועטע ייִדן און פאַרטיזאַנער־קעמפער, האָט נישט געבראַכט צו קיין שום פאָזיטיווע רעזולטאַטן.

אַזוי אַרום איז נישט רעאַליזירט געוואָרן די אינסטרוקציע וואָס עס האָט געגעבן דעם 4טן מאַי 1943 גענעראַל ראָבאַצקי צו דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע וועגן „אָרגאַניזירן פאַרטיזאַנישע איינהייטן פון די „ייִדישע גרופּעס״, וואָס פאַרלאָזן דעם וואַרשעווער געטאָ מיט געווער אין די הענט״. עס האָט קיין רייד נישט געקענט זיין וועגן אָרגאַניזירן ייִדישע פאַרטיזאַנער־גרופּעס פאַר אַ געמיינזאַמען קאַמף מיט „ז.וו.ז.״ (די שפּעטערדיקע „אַ.ק.״), צוליב זייער רוצחישער באַציִונג צו די ייִדן — זייערע קאַמפּס־חברים.

אָט זענען אייניקע פאַקטן וועגן דער באַציִונג פון די „א.ק.״ און אַנדערע רעכטע גרופּירונגען צו די ייִדישע פאַרטיזאַנער און צו געראַטעוועטע ייִדן בכלל, לויט די עדות פון עד־ראיה.

לערמאַן, אַן איינוווינער פון שטעטל שטשערזדין (סאָקאָלאָווער קרייז), אַ געוועזענער פוילישער זעלנער, האָט צוזאַמען מיט זיינע חברים אָרגאַניזירט אַ גרופּע, וואָס איז, נאָך דער גרויסער שחיטה אין שטעטל (22טער סעפּטעמבער 1942), אַוועק אין די נאָענט־ליגנדיקע וועלדער (סוף 1942). אָט ווי אַזוי ער שילדערט די באַציִונגען מיט דער „אַ.ק.״:

„אָפטמאָל איז אונדז אויסגעקומען אָפּצושלאָגן אַ דייטשן אָנגריף. עס זענען געווען טויטע און פאַרוווּנדעטע פוןביידע זייטן. די אַרומיקע וועלדער זענען געווען פול מיט „א. ק.״־גרופּעס. לכתחילה האָט מען אונדז איינגעשלאָסן אין אַן „א. ק.״־איינהייט. אָבער נאָך אַ קורצער צייט זענען

מיר געווען געצוווּנגען אָפּצוטיילן זיך פון זיי צוליב זייער פיינטלעכער באַציונג.

„איך וויל אונטערשטרייכן, אַז דער פּאָליטישער דערציער פון דער „א. ק.", דער גלח קריסיאַק, האָט זיך צו אונדז גוט באַנומען און ער אַליין האָט אונדז געעצהט, אַז מיר זאָלן זיך אָפּטיילן פון זיי. ער האָט אויסדריקלעך געזאָגט: 'עס וועט נישט מעגלעך זיין צו ענדערן די אַנטיסעמיטישע טענדענצן, וואָס הערשט אין דער 'א. ק."

„מיר האָבן זיך איבערצייגט, אַז מיר האָבן נישט קיין ברירה. מיר האָבן זיך אָפּגעטיילט פון דער „א. ק." און זיך אָרגאַניזירט אַלס יידישע קאַמפּס־איינהייט. פון איין זייט זענען קעגן אונדז געשטאַנען די דייטשן, און פון דער צווייטער, אונדזערע נעכטיקע „חברים..." אונטער אַזוינע באַדינגונגען איז געווען שווער צו קעמפן. צום באַדויערן האָבן מיר נישט געהאַט קיין שום פאַרבינדונגען מיט דעמאָקראַטישע קאַמפּס־איינהייטן און דאָס האָט באַשווערט אונדזער לאַגע. הונדערטער האָבן מיר געציילט אין אָנהייב פון אונדזער קאַמפּס־טעטיקייט און פון זיי זענען נאָך דער מלחמה לעבנגעבליבן — בלויז צוואַנציק".

(„נאַשע סלאָוואָ", נ' 7, פון 9טן אַפּריל, 1947).

לויט די עדות פון מאָטל שטערנבליץ, אין „דאָס בוך פון לובלין", האָבן די „א.ק."־לייט אויסגעהרגעט אַ טייל פון די חברים פון דער ערשטער יידישער פאַרטיזאַנער־איינהייט, וואָס איז אויפגעקומען אין האַרבסט 1942 אין די לובלינער וועלדער, אונטער דער אָנפירונג פון אַ יידישן בחור מיטן נאָמען צדוק (דעם פאַמיליע־נאָמען געדענקט ער נישט).

צדוקס גרופּע האָט זיך פאַרבונדן מיט אַ באַנדע פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ" און זיי האָבן אונטערגענומען געמיינזאַמע אָנגריפן אויף דייטשן אין דער אומגעגנט פון די וועלדער טישיווע, פיעטרעוויטש און אָסמאָליצע.

צוויי וואָכן נאָך אַ געמיינזאַמען אָנפאַל אויף אַ דייטשן גוטבאַזיץ, האָט זיך צדוק מיט אַ טייל פון זיין גרופּע געטראָפן מיט זייערע „שותפים" פון דער „אַ.ק.", כדי צו באַקומען געווער, ווי זיי האָבן געהאַט אָפּגערעדט. די פּאָליאַקן האָבן זיי מכבד געווען מיט פאַרסמטן בראָנפן און זיי אַלעמען אומגעבראַכט...

מרדכי גראָבאַס (מערדעק), איינער פון די וואַרשעווער געטאָ־קעמפער, איז אַרויס פון געטאָ דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן און אונטער זיין אָנפירונג איז אָרגאַניזירט געוואָרן, אין די ווישקאָווער וועלדער, ביים בוג, אַ פאַרטי־

זאַנער־אָפּטיילונג פון צוואַנציק געראַטעוועטע בחורים. אַ געוויסע צייט האָבן זיי מיטגעאַרבעט מיט אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע פון דער „אַרמיאַ־קראַיאָווע". צום סוף זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן זייערע שפּורן.

דער קאָמענדאַנט פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, יצחק צוקער־מאַן, האָט אין אַ בריוו צו דער הויפּט־אָנפירונג פון דער „אַרמיאַ־קראַיאָווע",

יידישע פּאַרטיזאַנער ביי מאַרקושאָוו (פּוילן, 1943))
(אַרכיוו פון „יד ושם", ירושלים)

געפאָדערט אַן אויפקלערונג און אַן אויספאָרשונג פון דעם פאַל, אָבער ער האָט אפילו קיין ענטפער נישט באַקומען.

לויט די עדות פון ל. ברענער, אין זיין בוך: „ווידערשטאַנד און אומ־קום אין טשענסטאָכאָווער געטאָ" (ז"ז 127־128), זענען אַלע 15 יוגנטלעכע וואָס זענען אַנטלאָפן פון געטאָ אין די וועלדער פון אָלשטין און זלאָטי־פּאָטאָק, אונטער דער אָנפירונג פון ראָזענבערג און פייגנבלאַט, — געפאַלן אין די קאַמפן מיט די פּוילישע „אַ.ק."־פּאַרטיזאַנער. אַ גרויסע טייל פון די פופציק יידן, וואָס זענען אַנטלאָפן פון שטאָט פאַר און נאָך דער ליקווידאַציע

פונעם קליינעם געטאָ — זענען אויך אומגעבראַכט געוואָרן דורך די „אַ.ק.״־רוצחים.

זיי האָבן אויך דערמאָרדעט די סאָסנאָוויצער מיידל רחל שאַבשעווסקאַ, (פּסעוודאָנים „זאָשאַ״), אַ מיטגליד פון דעם פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד „גאַר־באַטי״ („אַרמיאַ לודאָוואַ״), וואָס איז געווען טעטיק אין קעלצער געגנט. זי איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך צוויי „אַ.ק.״־מענטשן, בשעת זי איז געלעגן אַ קראַנקע אין בעט...

אין ביולעטין „דאָס פרייע פּוילן״, אָרגאַן פון „פאַרבאַנד פון פּוילישע פּאַטריאָטן״ אין נאָענטן מזרח (דערשינען אין תל־אביב) — האָט איינער פון די קאָמאַנדירן פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג אין פּוילן, דער ייִדישער מאַיאָר וו. פּ. לעשעק, (וואָס איז אויפגעטראָטן אַלס פּאָליאַק), פאַרעפנטלעכט זיינע זכרונות פון די קאַמפּס־טעג:

פאַקט נומער 1: אין נאָוועמבער 1942, האָט אַ גרופּע פון 45 יידישע סאָלדאַטן, קריגס־געפאַנגענע פון דער פּוילישער אַרמיי, וואָס די דייטשן האָבן געהאַלטן אין אַ געפאַנגען־לאַגער אין לובלין (ליפּאָווע גאַס 7) — זיך פאַרבונדן מיט דער אָנפירונג פון „פּ. אַ. ב.״ (פּוילישע מיליטערישע איינהייט), וואָס האָט ביים אָרגאַניזירן פּאַרטיזאַנישע פאָרמאַציעס זיך גע־האַלטן לויט די אינסטרוקציעס פון דער פּוילישער לאָנדאָנער רעגירונג.

אונטער דער אָנפירונג פון פּאָרוטשניק גלייכער און מאַיאָר לעשעק (דער מחבר פון ציטירטן אַרטיקל), איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ פּאַרטיזאַ־נישער אָטריאַד פון די דאָזיקע יידן, נאָך זייער אַנטלויפן אין די קראַשני־קער וועלדער. זיי האָבן אָנגעהאַלטן ענגע באַציונגען מיט דער „פּ. אַ. ב.״ אין לובלין און דורכגעפירט אַ ריי געלונגענע אָנגריפן אויף די אָקופּאַנטן.

אָבער די קרייז־קאָמענדאַנטור פון „פּ. אַ. ב.״. אין לובלין האָט באַ־שלאָסן, אַז יידן, סאָלדאַטן פון דער געוועזענער פּוילישער אַרמיי, טאָרן נישט איבערלעבן די מלחמה... זיי האָבן נאָר געזוכט אַזאַ וועג פון פאַר־ניכטונג, ביי וועלכע מען זאָל קענען אַרויפוואַרפן די שולד אויף די דייטשן.

אין דער נאַכט פון 18טן אויפן 19טן נאָוועמבער 1942, האָבן זיי דורכגעפירט דעם פאַררעטערישן מאַסן־מאָרד. אַ פּוילישער פּאַרטיזאַנער־באַטאַליאָן, אונטער דער אָנפירונג פון אָפיצירן וואָס האָבן פיגורירט אונ־טער פּסעוודאָנימען „דער שוואַרצער״, „דער מאַטראָס״, איז געקומען צום יידישן באַזיס. זיי האָבן מיט באַגנעטן דערשטאָכן די וואַך און די רויק־שלאָפנדיקע יידן אין די אונטערערדישע בונקערס.

אַלס ענטפער אויף די תחנונים פון די, איבערגעפאַלענע אין שלאָף,

יידן, האָבן די פּאָליאַקן געעפנט אַ פייער פון אַווטאָמאַטן און האַנט־גראַנאַטן...

איך דערמאָן זיך אין די, פון ווייטיק צעקרומטע פּנימער פון די חברים, וואָס האָבן געפרווט אַנטלויפן פון די „סכראַנעס״. איך דערמאָן זיך אין די צעבראָכענע קעפּ מיט די באַנדיטנס ביקסן. זייענדיק זיכער, אַז אַלע יידישע סאָלדאַטן זענען טויט, האָבן זיי פאַרלאָזט דאָס אָרט. פיר פאַרוווּנדעטע פּאַרטיזאַנער איז געלונגען צו אַנטלויפן און מעלדן וועגן דעם שוידערלעכן פאַררעטערישן מאַסן־מאָרד דער „אַרמיאַ לודאָוואַ״, וואָס האָט זיך באַזירט אין קראַשניקער וועלדל. 5 קילאָמעטער פון שטעטל קראַשניק, געפינט זיך דער ברודער־קבר פון די יידן, וואָס זענען דער־מאָרדעט געוואָרן דורך די סאָלדאַטן פון „פּ. אָ. ב״. (שפּעטער זיך אָנגע־שלאָסן אין דער „אַ. ק״.).

פאַקט נומער 2. סוף 1943 האָב איך אָרגאַניזירט אַ פּאַרטיזאַנישע פּאַרמאַציע „רפּפּפּ״ס״ אין דאַנבילסק. די פּאַרמאַציע האָט זיך שנעל אַנט־וויקלט און דערגרייכט גוטע רעזולטאַטן אין דיווערסיע־אַקטן, אָנגריפן אויף פּאָליציי־פּאָסטנס און ליקווידאַציע פון שפּיאָנען.

אין דער זעלבער אומגעגנט איז טעטיק געווען אַ באַטאַליאָן פון דער פאַשיסטיש־אַנטיסעמיטישער „נ. ס. ז.״, אונטער דער אָנפירונג פון „זאַגאַנ־טשיק״. ער האָט שוין מערערע מאָל געפרווט פּאַרניכטן, פון לויערונגען אויס, די פּאַרמאַציע „רפּפּפּ״ס״ — אָבער עס איז אים נישט געלונגען.

סעפּטעמבער 1943 האָבן זיי אויסגענוצט די געלעגנהייט וואָס אויף אונדזער באַזע האָט זיך נישט געפונען קיינער פון דער אָנפירונג — אַ גרופּע פון פוילישע סאָציאַליסטן, וואָס זענען אַרויס צו קאַמפּס־אָפּעראַ־ציעס — און זייערע אַגענטן האָבן דערהרגעט זעקס יידן פון מיין אָפּ־טיילונג. זייערע נעמען: בערעק בורשטיין פון לובלין, מאָדיע פון וואַרשע און פיר פּליטים, וואָס זענען געקומען צו אונדזער באַזע, נאָכן אַנטלויפן פון טרעבלינקער טויטן־לאַגער.

פאַקט נומער 3: די זעלבע אָפּטיילונג פון „זאַגאַנטשיק״ האָט דער־מאָרדעט פינף יידישע פּאַמיליעס, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין זשי־צינער וואַלד. עס האָט זיך געראַטעוועט בלויז איינער, האַלפּערן פון וואַרשע.

פאַקט נומער 4: לויט אַ געהיימען באַפעל „צו פאַרניכטן קאָמוניסטישע באַנדעס״ האָט זיך פאַרשטאַרקט דער טעראָר קעגן יידישע פּאַרטיזאַנער...

אויגוסט 1944 האָט זיך צו מיר געווענדעט דער „אַ. ק.״־קאָמענדאַנט פון זשעלעכאָווער ראַיאָן וואָס האָט נישט געוווּסט, אַז איך בין אַ ייִד, און מיר פאָרגעשלאָגן אַ געמיינזאַמע אָפּעראַציע צו פאַרניכטן די יידישע פּאַרטיזאַנער־פּאָרמאַציעס פון דער לינקער „גוואַרדיאַ לודאָוואַ״, וואָס האָט

געלאַגערט אין דער סביבה. איך האָב תיכף געוואָרנט די יידישע פּאַרטי־זאַנער וועגן דעם פּלאַן פון די "א. ק."־לייט. די יידישע פּאַרמאַציע איז אַוועק אין אַן אַנדער געגנט און אַ דאַנק דעם זענען אויסגעמיטן גע־וואָרן קרבנות".

פּאַקט נומער 5: אַ גרופּע מיטגלידער פון דער פאַשיסטישער „וו. נ. ר." אונטער דער אָנפירונג פון „טאָט" (פּסעוודאָנים) האָט דערמאָרדעט זיבן יידישע פּאַרטיזאַנער פון אַ אָטריאַד, וואָס האָט זיך גערופן אויפן נאָמען פון איר קאָמאַנדיר, אַ יידישער בחור פון ווילנע מיטן נאָמען „איגנאַץ". דער קבר פון די דערמאָרדעטע געפינט זיך אין וועלדל ביים דאָרף זשעלאָנקע, דאָנבילסקער ראַיאָן.

פּאַקט נומער 6: אויפן שטח פון וואַרשע זענען טעטיק געווען באַזונ־דערע אָפּטיילונגען פון דער פאַשיסטישער „נ. ס. ז.", וואָס האָבן מיטגע־האָלפן די דייטשן מאָרדן און פייניקן יידן צוליב „אידעאָלאָגישע טעמים". זיי האָבן אַנטדעקט אַ יידישע פרוי וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן ביי פּאָ־ליאַקן, אַרויסגענומען זי אין הויף און דערהרגעט. אויף די תחנונים פון די פּוילישע הויז־איינוווינער האָבן די מערדער פון „נ. ס. ז." געענטפערט: „מיר פירן אויס די באַפעלן פון אונדזער אויבערשטער אָנפירונג. מיר טוען עס לטובת פּוילן..."

איך וואָלט געקענט דערציילן אַ סך אַזעלכע פאַקטן, אָבער איך גלויב, אַז דאָס וואָס איך האָב דערציילט איז גענוג, כדי אויפצווייזן די רוצחישע מעשים פון דער "א. ק." און די אַנדערע, נאָענט שטייענדיקע צו איר, קאָמפּס־פאָרמאַציעס, קעגן די יידישע פּאַרטיזאַנער און געראַטעוועטע יידן" — פאַרענדיקט דער יידישער מאַיאָר לעשעק זיין אַרטיקל.

(לויט אַ ציטאַט פון ל. לענעמאַנס אַרטיקל אין דער צייטונג „נאַשע סלאָוואָ", אָרגאַן פון „פּוע"צ צ. ס." אין פּוילן, נומער 10, פונעם 27טן נאָוועמבער, 1946).

עס זענען געווען פּויליש־פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס, ווי „שאַניעץ" (מויער), „מיעטש אי פּלוג" (שווערד און אַקער), די א ד. „נ. ס. ז.", „פאַ־לאַנגאַ" אאַנ"ד, וואָס זייער הויפּט־טעטיקייט איז באַשטאַנען אין אַרויסגעבן און מאָרדן יידן, און דאָס לשמה און נישט צוליב רויב־צוועקן. פאַרניכטן די לעצטע יידן איז געווען זייער הייליקע הויפּט־אויפגאַבע...

די מערדערישע באַציִונגען וואָס ברייטע פּוילישע קרייזן האָבן אַרויס־געוויזן לגבי יידן, אילוסטרירט אַמבעסטן דער פאָלגנדיקער ציטאַט פון דעם „פאַלאַנגאַ"־אָרגאַן, אין די שווידער־חדשים פון יאָר 1943, ווען די דייטשן האָבן ליקווידירט די לעצטע איבערבלייבן פון די יידישע ישובים אין פּוילן:

„מיר האָבן באַקומען בריוו פון לעזער וואָס פרעגן, וואָס דאַרף זיין די באַציִונג פון אַ קאַטוילישן פּאָליאַק לגבי אַ ייִדן וואָס אַנטלויפט פון געטאָ און זוכט פאַר זיך אַ רעטונג? אונדזער ענטפער איז: ווי צו אַ שׂונא!”

ווי טיף עס איז געווען די שׂנאה פון די פּאָליאַקן צו זייערע שכנים פון דורות — די מאַסנווייז אויסגעמאָרדעטע ייִדן — באַווייזט דער פאַקט, וואָס די פּאַרטייען וועלכע האָבן זיך אין זייערע אויפרופן געווענדעט צו די פּויליִשע מאַסן מיט אַ רוף צו העלפן די אומגליקלעכע ייִדן — האָבן געמוזט אָנווענדן דראָונגס־אַרגומענטן, אַז דאָס וואָס עס האָט פּאַסירט מיט די ייִדן, קען אויך טרעפן די פּאָליאַקן...

„גוואַרדזשיסטאַ”, דער אָרגאַן פון דער פּאָלקס־גוואַרדיע („ג.ל.”, שפּעטער: „א.ל.”) האָט זיך אין אויגוסט געווענדעט צו דער פּוילישער באַפעלקערונג:

„אונדזער חוב איז צו העלפן די ייִדן, וואָס אַנטלויפן פון געטאָ זיך צו באַהאַלטן הינטער דער שטאָט. מיר דאַרפן געדענקען, אַז דאָס זעלבע קען אויך טרעפן די פּוילישע באַפעלקערונג. די מאַסן־פאַרניכטונג פון די ייִדן, דאַרף פאַר אונדז דינען ווי אַ וואָרענונגס־צייכן”.

מיר ברענגען דאָ אַן אויסצוג פון אויפרוף פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי (קאָמוניסטישע פּ.פּ.ר.), וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין סעפּטעמבער 1942 „צו די פּוילישע פּויערים און לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער”:

„איר זענט עדות פון דער שוידערלעכער פאַרניכטונג, וואָס היטלער האָט דורכגעפירט איבער דער ייִדישער באַפעלקערונג. אין פאַל פון אַ דייטשן זיג — דערוואַרט אייך און אייערע קינדער דער זעלבער גורל. די קעפּ פון אייערע קינדער וועלן זיי צעשמעטערן אין די ווענט פון די הייזער און אין די ביימער ביי די וועגן, פּונקט ווי זיי טוען דאָס היינט מיט ייִדישע קינדער. זיי וועלן אייך מאַסנווייז פאַרפייניקן צום טויט, ווי זיי פאַרפייניקן היינט צו טאָג די ייִדן...”

(לויטן בוך „פּ. פּ. ר.” אין קאַמף און בויאונג”, צום 10טן יובל פון אַנטשטיין פון די פּ. פּ. ר.־פּאַרטיי).

ב. די טראַגעדיע פון די ייִדישע פּאַרטיזאַנער אין די פּוילישע וועלדער

דער טייך בוג, וואָס טיילט אָפּ די „קרעסן” (פּוילישע גרענעץ־געביטן

פֿאַר דער מלחמה) פֿון צענטראַל־פּוילן (קאָנגרעס), באַצייכנט נישט נאָר אַן עטנישע נאָר געוויסערמאַסן אויך אַ טאָפּאָגראַפֿישע גרענעץ.

אין קעגנזאַץ צו די גרענעץ געביטן מזרחדיק פֿון בוג — וואָס באַשטייט פֿון בלאָטעס, געדיכטע, אומדורכדרינגבאַרע וועלדער, געגנטן שוואַך באַפֿעלקערטע און נישט־קולטיווירטע — זענען די געגנטן מערבדיק פֿון בוג געדיכט באַפֿעלקערטע. דאָ זענען נישט פֿאַראַן קיין פּושטשעס, קיין זומפּן וואָס זאָלן זיך אויסשפּרייטן אויף גרויסע שטחים (ווי למשל אין פּאָלעסיע), און די וועלדער זענען דאָ קליינע און נישט קיין געדיכטע.

דאָ און דאָרט טויכט אַפֿילו אויף אַ גרויסער וואַלד: די „אָדלערנעסטן" אין די קאַרפּאַטן און בעסקידן־בערג, דער שוואַרצער וואַלד ביי סטאַניסלאַוואָו, די פּאַרטשעווער וועלדער אאַ"וו. אָבער עס איז דאָ נישטאָ קיין כסדרדיקער המשך. אָט ענדיקט זיך אַ וואַלד און עס שפּרייט זיך ווידער אויס אַ שטח פֿון הונדערטער קילאָמעטערס פֿלאַכלאַנד. די וועלדער זענען טרוקענע, דורכדרינגבאַרע, אַדורכגעשניטענע מיט וועגן און שאָסייען, מיט איין וואָרט: קולטיווירטע וועלדער.

אַזעלכע שטחים זענען נישט קיין אידעאַל פֿאַר אַ פּאַרטיזאַנישער מלחמה. עס איז גענוג צו בלאָקירן אַזאַ וואַלד, „דורכקאַמען" אים און די פּאַרטיזאַנער האָבן נישט קיין שום מעגלעכקייט פֿון אָפּטרעטן אָדער אַריבערגיין אין אַ נאָענטן וואַלד־מאַסיוו.

דער כאַראַקטער, פֿאַרנעם און שווּנג פֿון דער פּוילישער פּאַרטיזאַנקע זענען לגמרי געווען אַנדערע ווי די פֿון דער סאָוועטישער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג. די צאָל קעמפֿערס ווי אויך דער שטח און אומפֿאַנג פֿון קאַמפֿסטעטיקייט איז געווען אַ באַגרענעצטער.

די פּוילישע פּאַרטיזאַנער, סיי דער רעכטער פֿליגל („א.ק.") ווי דער לינקער פֿליגל („א.ל.") האָבן נישט געהאַט די אימפּאָזאַנטע הילף פֿון אַ גרויס־מאַכט אין געווער און אַמוניציע, אָנפֿירונג, פּערמאַנענטע פֿאַרבינדונגען אאַ"וו — ווי עס האָט געהאַט די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנקע.

ערשט ווען די פֿראָנט־ליניע האָט זיך דערנענטערט צו פּוילן האָבן סאָוועטישע פּאַראַשוטיסטן געלאַנדעט אין הינטערלאַנד און סאָוועטישע אָטריאַדן האָבן פֿאָרסירט דעם בוג, כדי אַדורכצופֿירן סאַבאָטאַזש־אַקטן אין רוקן פֿון אָפּטרעטנדיקן שונא. סאַטאַנאָווסקיס פֿאַראייניקונג „נאָך איז פּוילן

נישט פאַרלוירן", וואָס איז באַשטאַנען פון איבער 2500 מענטשן, איז פון וואָלין — איר גרינדונגס־אָרט און טעטיקייט־זאָנע — אַריבער צום מערב־דיקן ברעג פון בוג, אין די פאַרטשעווער וועלדער. (וולאַדאָווער ראַיאָן, ביים טייך וויעפּש).

ווי געזאָגט, האָט זיך סאַטאַנאָווסקיס דיוויזיע רעקרוטירט בעיקר פון וואָלינער פּאָליאַקן, וואָס זענען אונטערדריקט געוואָרן דורך די „באַנדע־ראָוועצעס" און די פאַרשידענע אוקראַיִניש־שאָוויניסטישע באַנדעס.

אין די ערשטע חדשים פון 1944, האָבן זיך אין די א"ד וועלדער אויך קאָנצענטרירט ראָטעס פון פּיאָדאָראָווס, קאָווּפּאַקס, טשאָרניס און גענעראַל באַראַנאָווסקיס פּאַראַייניקונגען. דאָ זענען אויך אַראָפּגעלאָזט געוואָרן אַכ־ציק סאָלדאַטן־דיווערסאַנטן פון דער פּוילישער אַרמיי, וואָס זענען אויסגע־שולט געוואָרן אין רוסלאַנד און צוזאַמען מיט זיי האָט מען צום ערשטן מאָל אויך פּאַראַשוטירט מאָדערנע געווער, מינעס און אויפרייס־מאַטעריאַלן פאַר דיווערסיע און סאַבאָטאַזש. מיטן אָנקומען פון די א"ד רוסישע פּאַר־טיזאַנער־אייִנהייטן האָט די פּאַרטיזאַנער באַוועגונג פון דער לינקער „א. ל." באַקומען אַ באַטייטנדיקע פאַרשטאַרקונג און דער קאַמף קעגן די אָקופּאַנטן און די רעכטע פּאַרטיזאַנער־פאָרמאַציעס איז געשטיגן און אָנגענומען אַ ברייטערן מאַסשטאַב און פאַרנעם.

אָבער די אָרטיקע פּאָליאַקן האָבן געבילדעט אַ מינדערהייט צווישן די פּאַרטיזאַנער. דאָס אילוסטרירט אַמבעסטן דער פאָלגנדיקער פאַקט: דעם 15טן מאַי 1944, האָט דער גענעראַל ראָלאַ־זשימיערסקי, קאָמאַנדיר פון דער „א. ל." געהאַלטן אַ רעדע פאַר די פּאַרטיזאַנער פון די פּאַרטשעווער וועל־דער. סך־הכל זענען אָנוועזנד געוועזן, בעתן פּאַראַד, פיר הונדערט רוסן און צוויי הונדערט פּאָליאַקן און יידן.

אָבער, ווי געזאָגט, האָט זיך די פּאַרטיזאַנקע פון „א. ל." אַנטוויקלט ערשט אין יאָר 1943, און אין דער ערשטער העלפט פון 1944, נאָכדעם ווי די מייניסטע יידן, וואָס זענען אין די יאָרן 1942־1943, אַנטלאָפן אין די וועלדער, זענען פאַרניכטעט געוואָרן דורך איבערפאַלן פון פּאָליציי און דייטשן, דורך מיליטערישע אייִנסן פון דער „נ. ס. ז.", „א.. ק." א"אָ, דורך מסירות פון פּויערים אאַז"וו.

אַ וויכטיקער פאַקטאָר, וואָס האָט געהאַמעוועט דאָס אַנטלויפן אין די

וועלדער, איז געווען דער גרויסער מאַנגל אין געווער און אַמוניציע. די געווער־מקורות אין פּוילן זענען געווען גאָר ווינציקע. אַ שטיקל געווער איז געווען מיט גאָלד צו גלייך, (אַ רעוואָלווער פון 10 ביז 15 טויזנט זלאָ־טעס!), און פאַר די אָפּגעשלאָסענע געטאָ־יידן איז זייער שווער געווען דער צוטריט צו די געווער־קוועלן.

אַ חוץ די געווער, וואָס די אַרבעטער האָבן געגנבעט אין די דייטשע אַרסענאַלן, געווער געקויפטע ביי דייטשן (באַזונדערס נאָך דער סטאַלינ־גראַדער מפּלה, אָנהייב 1943), און פּרימיטיווע געווער, וואָס איז קאָנסט־רויִרט געוואָרן אין לאַבאָראַטאָריומס, איז דער הויפּט־מקור געווער די גע־בליבענע געווער־רעזערוון פון דער פּוילישער אַרמיי נאָך איר צעשמע־טערונג.

די פּוילישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך אומגעקערט צו זייערע היימען פון די פראָנטן נאָך דער גרויסער מפּלה (סעפּטעמבער 1939), האָבן זייערע ביקסן פאַרגראָבן אין דער ערד פאַר אַ שעת הכושר. די פּאָליאַקן האָבן באַוויזן צו באַהאַלטן אַ טייל געווער פון דער צעקלאַפּטער פּוילישער אַרמיי און נאָך אַלעמען האָט געהערשט אַ גרויסער געווער־מאַנגל.

אַ סך יידן, וואָס זענען אַנטלאָפן אין די וועלדער, האָבן זיך צוריק אומגעקערט אין די געטאָס צוליבן מאַנגל אין געווער, אָדער ווייל די פּוי־לישע פּאַרטיזאַנער האָבן זיך אַנטזאָגט זיי אויפצונעמען.

משה אייזן (וואַרשע) דערציילט, אַז אַ גרופּע יידישע בחורים האָבן זיך פאַרבונדן מיט פּאָליאַקן בכדי צו קויפן געווער און אַמוניציע. די געווער איז געווען פעלערהאַפטע און דער פּרייז — אַ לעגענדאַרער.

איינער פון דער גרופּע איז אַוועק אין וואַלד אויסצופאָרשן די אומ־שטענדן און זיך באַלד אומגעקערט אין געטאָ אַריין. די פּוילישע פּאַרטי־זאַנער פון די זשיראַרדאָווער וועלדער האָבן אים בשום אופן נישט געוואָלט אויפנעמען: „נישטאָ קיין פּלאַץ ביי אונדז פאַר „זשידעס" — האָבן זיי געזאָגט.

וועגן אַן ענלעכן פאַל ווערט דערציילט אין בוך „די אונטערגרונט־באַוועגונג אין די געטאָס און לאַגערן".

„אין מאַי 1943, איז אַנטלאָפן פון פּשעמישלער געטאָ (מזרח גאַליציע) אַ יידישער יוגנטלעכער מיטן נאָמען זיגפריד גרום, צוזאַמען מיט נאָך

אַכט בחורים, כדי זיך צו פאַרבינדן מיט די פאַרטיזאַנער אין די וועלדער. די גרופּע האָט עטלעכע טעג אַרומגעבלאָנקעט אין די אַרומיקע וועלדער. עס איז זיי נישט געלונגען זיך צו פאַרבינדן מיט פאַרטיזאַנער און זיי זענען געווען געצוווּנגען זיך אומצוקערן צוריק אין געטאָ אַריין. פאַרן אַריינגיין אין געטאָ האָט זיך צו זיי צוגעטשעפּעט אַ פּוילישער פּאָליציאַנט, וורובעל. זיי האָבן אים דערשאָסן".

(„מאַטעריאַלן און דאָקומענטן" — רעדאַגירט פון ב. אייזנשטיין, ז' 53).

אויך עדוואַרד ליימסיידל פון פשעמישל זאָגט עדות, אַז גרום האָט זיך צוריקגעקערט אין געטאָ, ווייל די פּוילישע אונטערגרונטלער אין פשעמישלער סביבה האָבן זיך אָפּגעזאָגט אויפצונעמען ייִדן אין זייערע רייען.

(דאָרט, ז' 55).

דוד מעקלער פון זאַמאָשטש דערציילט אין זיין גבית־עדות:

„נישט נאָר איך אַליין בין געווען גרייט צו אַנטלויפן אין די וועלדער. שוין דערפאַר ווייל די געגנט איז געווען רייך אין גרויסע, געדיכטע וועלדער. אונדזער גרופּע, וואָס איז באַשטאַנען פון צען פאַריתומטע יוגנטלעכע, האָט באַשלאָסן צו אַנטלויפן פון אַרבעטס־לאַגער, וווּ מיר האָבן געאַרבעט אין אַ פאַבריק פון אויפרייס־מאַטעריאַלן. מיר האָבן אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן צו אָרגאַניזירן זיך אַלס אַ זעלבסטשטענדיקע אָדער זיך אַנצושליסן צו די פּוילישע פאַרטיזאַנער. אַ באַקאַנטער פּאָליאַק האָט אונדז צוגעזאָגט צו פאַרזאָרגן מיט אַ פּאָר ביקסן פאַר אַ פּרייז פון 30 טויזנט זלאָטעס, און אונדז העלפן אויסזוכן אַ באַהעלטעניש אין די וועלדער. עס איז אונדז געלונגען צו פאַרלאָזן דעם אַרבעטס־לאַגער און אָנצוקומען צום אָפּגערעדטן פּלאַץ. דער פּויער האָט מיט זיך געבראַכט עטלעכע אַלטע צעבראָכענע, טויגלאָזע ביקסן. מיר האָבן פאַר זיך נישט געזען קיין אַנדער אויסוועג און זיך צוריקגעקערט אין לאַגער אַריין".

ייִדן, וואָס האָבן געלייגט האָפענונגען אויף די וועלדער, האָבן אַראָפּגעלאָזט די הענט, הערנדיק פון אַלע זייטן וועגן רציחות אויף ייִדן אין די וועלדער.

מעכעלע, אַן אַרבעטער פון דער געווער־פאַבריק „האַסאַג", אין סקאַרזשיסקאָ קאַמיענאַ (ביי ראַדאָם), לאָזט זיך נישט איבערריידן פון זיינע חברים, אַז ער זאָל אַנטלויפן מיט זיי אין די וועלדער, פון אַ זיכערן טויט, וואָס עס דערוואַרט זיי אין לאַגער. ער מאָטיווירט זיין אָפּזאָג מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

— „חברים, געווען צייטן ווען כ'בין געווען נענטער באַקאַנט מיט דער געגנט, ווו מיר האָבן זיך געפונען. דאַן האָב איך גערופן צו לויפן און איר האָט זיך כסדר צוריקגעצויגן... איך בין דאַן געלאָפן ווייל איך האָב געגלויבט אין אַ מעגלעכקייט פון ראַטעווען זיך און נעמען נקמה מיט דער הילף פון די וואַלד־מענטשן... היינט זענט איר די גלויביקע — מוז יעדער האַנדלען ווי ער גלייבט און פילט... איך מוז כאָטש האָבן אַן אילוזיע פון אַ שאַנס. פאַר קיינעם קען איך נישט אַרויסברענגען אין ווערטער דאָס, וואָס איך פיל וועגן דער זינלאָזיקייט פון לויפן סתם. זאָל דערפאַר יע־דער טון, ווי זיין אינערלעך געפיל דיקטירט אים...״

(מרדכי שטריגלער, „אין די פאַבריקן פון טויט״, ז' 30).

דער באַקאַנטער היסטאָריקער, ד״ר פרידמאַן, באַרירט דעם מאָמענט, ער זאָגט:

„...דער דורכפאַל פון די ערשטע וואַלד־עקספּעדיציעס האָט פאַר־שטייט זיך געמאַכט אַ שווערן רושם אין די געטאָס. אַזוי צ״ב זענען אַדורכגעפאַלן די ערשטע פּאַרטיזאַנער, וועלכע זענען אַרויס פון טשענס־טאָכאָוו. עטלעכע גרופּעס אַנטלאָפענע אין וואַלד פון בענדין אין 1942, זענען אומגעקומען. גרופּעס יידן פון מינסק־מאַזאָוויעצק און ראַדזימין זע־נען אַרויס אין וואַלד, אָבער מען ווייס גאָרנישט וועגן זייער ווייטער־דיקן גורל. אַ גרויסע גרופּע יידישע קריגס־געפאַנגענע פון לובלינער לאַ־גער אויף ליפּאָווע גאַס 7, וואָס האָט דורכגעריסן דעם דייטשן קאָרדאָן, בעת מען האָט זיי געפירט אין אַ לאַגער, האָט זיך אין וואַלד אַנגעטראָפן אויף אַזעלכע שווערע באַדינגונגען און סכנות, אַז זי האָט באַשלאָסן צו־ריקגיין אין שטאָט״.

(יידישע קעמפער״, — ניו יאָרק, 15טן מאַי, 1943).

אויך מ. י. פייגענבוים דערציילט וועגן גרופּעס יידן, וואָס קערן זיך אום פון די וועלדער צוריק אין מעזריטשער געטאָ, נישט זעענדיק דאָרט קיין מעגלעכקייט צו לעבן. דאָרט איז צוגעקומען די פּלאָג פון רוסישע צעלאָפענע קריגס־געפאַנגענע, וואָס באַרויבן די יידן. ער שרייבט:

„...דער גרעסטער טייל באַהאַלט זיך אויס אין די וועלדער, ווו מען האָט אַפילו געמאַכט ספּעציעלע באַהעלטענישן. אויב מען איז אַ קליינע גרופּע פון אַ 5־6 מאַן אָן געווער, קען מען נישט באַקומען קיין עסן ביי די פויערים, אַפילו פאַר געלט. מוז מען גיין אין שטאָט אַריין קויפן עסן און דאָס שמעקט מיט טויט. עס זענען אין די וועלדער אויך פאַראַן גרע־סערע יידישע גרופּעס און מיט געווער. פאַר זיי איז דאָס עסן קיין פּראָב־לעם נישט. מען גייט אַוועק ביינאַכט אין דאָרף אַריין, ווען דער פויער

דערזעט אַ רעוואָלוווער ווערט ער ברייטהאַרציק און קיין עסן פעלט נישט. מען מוז זיך אָבער היטן פאַר די אַפּטע אַבלאַוועס. עס איז דאָ נאָך אַ פּלאָג — רוסישע געפאַנגענע, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון די דייטשע לאַגערן — זייער זאָרג איז בלויז צו האָבן עסן, טרינקען און קענען רויק שלאָפן. אָט די באַנדעס זענען עס די סיבה, וואָס אויך באַוואָפנטע יידישע גרופּעס קענען אין וואַלד נישט זיין. אויף אַ ביטערן אופן ווערן די יידן דורך זיי אַנטוואָפנט און באַרויבט פון אַלץ.

„נאָך אַזאַ צונויפטרעף אין וואַלד, קומען די יידן צוריק אין שטאָט אַריין שטאַרק פאַרביטערטע. די „וואַלד־דאַטשע" געדויערט נישט מער ווי עטלעכע וואָכן. כמעט אַלע האָט מען צוריק געזען אין געטאָ".

(מעזריטש" — זאַמלבוך, ז"ז 526־528).

נישט געקוקט אויף אַלע מאָמענטן, וואָס האָבן באַשווערט און געהאַמעוועט, זענען דאָך געמאַכט געוואָרן אַ סך פּרוּוון פון אָרגאַניזירן אַ יידישע פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג, אַנטלויפן אין די וועלדער און צוגרייטן זיך צום קאַמף.

אַ געטריי בילד וועגן די אָנשטרענגונגען און פּרוּוון, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן דורך דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין קראָקע, אויפצושטעלן אַ פּאַרטיזאַנישע קאַמפּס־פאָרמאַציע אין די וועלדער — געפינען מיר אין גוסטאַ דאַווידזאָנס בוך „דאָס טאָג־בוך פון יוסטינאַ". אין דעם דאָזיקן בוך ווערט געבראַכט אַמבולטסטן צום אויסדרוק די גרויסע טראַגעדיע פון די, וואָס זענען פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם פּלאַן פון אַ פּאַרטיזאַנקע אין די וועלדער, און געזען אין דעם אַן איינציקן רעטונגס־אַנקער און דעם איינציקן וועג צו נקמה. די יוגנט, וואָס האָט געלייגט אַזויפיל האָפענונגען אויף דער פּאַרטיזאַנקע און איז געווען גרייט אויף אַלץ — איז געווען געצוווּנגען, צוליב דער איינזאַמקייט און אַלגעמיינע שנאה מצד דער באַפעלקערונג, באַלד נאָך געציילטע טעג, זיך אומצוקערן אין קראָקאָווער געטאָ. זיי האָבן דערביי פאַרלוירן עטלעכע פון זייערע חברים.

די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין קראָקע האָט, אין דער צווייטער העלפט פונעם יאָר 1942, אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אַ פּאַרטיזאַנישע קאַמפּס־איינהייט, וואָס זאָל אַרויסגיין אין די וועלדער. די „פינפטלעך" זענען פון דער אָרגאַניזאַציע אויסגעשטאַט געוואָרן מיט די נייטיקע זאַכן, קליידער און אַרישע דאָקומענטן, כדי אַדורכצושניידן זיך אַ וועג ביז צו די ווייטע

מעכאַווער וועלדער. נאָכן דערוועדבן (פאַר געלט) מיט דער הילף פון דער וואַרשעווער „פּ. פּ. ר.״־אָרגאַניזאַציע 5 רעוואָלווערן, איז ענדע סעפּטעמבער 1942, אַרויס אין די וועלדער דאָס ערשטע „פינפטל:״

„אַ שווערער גורל איז באַשערט געווען דעם ערשטן „פינפטל״ אין וואַלד. מען האָט געמיינט, אַז דאָ איז טעטיק אַן אָרגאַניזירטע פּאַרטיזאַנישע איינהייט און עס איז גענוג צו קומען אַ צוגעגרייטער און באַוואָפנטער, אונטערוואַרפן זיך זייער דיסציפּלין און קעמפן. מען דאַרף בלויז האָבן אַן אַדרעס, כדי מיט זיין הילף זיך איינצוגלידערן אין די ראַמען פון אַ פּלאַנירטער קאַמפּס־טעטיקייט. אונדזערע מענטשן האָבן געהאַט דעם אַד־רעס. אונדזער באַוועגונג האָט דעמאָלט מיטגעאַרבעט מיט דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי, פּ. פּ. ר. די גרופּע איז געריכטעט געוואָרן צו אַ וועג־ווייזער, וועלכער האָט אויף זיי געוואַרט, אַרויסגעפירט דורכן שטעטל און זיי איינגעקוואַרטירט אויף נאַכט אין אַ שטיבעלע ביים ברעג וואַלד.

„אונדזערע מענטשן האָבן געפיבערט פאַר באַגייסטערונג. אַלע זייע־רע געדאַנקען האָבן זיך בלויז קאָנצענטרירט אויף דער קומענדיקער טע־טיקייט. זיי זענען געווען די ערשטע און האָבן געפילט, אַז זיי טרעטן אויס אַ וועג פאַר די נאָכקומענדיקע פון דער אָרגאַניזאַציע.

„צו מאָרגנס, פאַרטאָג, איז געקומען אַן אַנדער וועגווייזער. ער האָט זיי אַרומגעפירט איבער די וועלדער און איז פאַרשוווּנדן, איבערלאָזנדיק זיי אין וואַלד אויף גאָטס באַראָט.

„זייער שטימונג איז געווען אַ שרעקלעכע און אַ פאַריאושטע. אָט האָבן זיי שוין געווער מיט אַ ברענענדיקן ווילן צו קאַמף און נישט וויסנדיק אַפילו, ווו צו זוכן דעם שונא. זייערע פּויסטן האָבן זיך געביילט אין מאַכטלאָזן צאָרן״.

(גוסטאַ דאַווידזאָן — „יומנה של יוסטינא״, ז׳ 48).

אַ גאַנצן טאָג האָבן זיי געזוכט אין וואַלד שפּורן פון פּאַרטיזאַנער און ערשט פאַרנאַכט, האָבן זיי זיך מידע אומגעקערט צו אַ שטיבל לעבן וואַלד כדי איבערצונעכטיקן. די „פּ. פּ. ר.״ האָט אַלזאָ נישט געהאַלטן איר צוזאָג צו פאַרבינדן די פינף יידישע בחורים מיט דער פּוילישע פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג. ווייזט אויס, אַז אין דער דאָזיקער סביבה איז די „פּ. פּ. ר.״ נאָך געווען שוואַך, כדי צו דערטיילן ממשותדיקע הילף צו די יידישע בחורים, וואָס האָבן געלעכצט און געשטרעבט נאָך קאַמף און ממשותדיקן געראַנגל.

פאַרצווייפלטע און אַנטוישטע האָבן זיי זיך געלייגט שלאָפן. פּלוצלינג

האָט זיי אויפגעוועקט דאָס בילן פון אַ הונט. אַ גרופּע פּאָליציי־לייט האָט זיך דערנענטערט צו זייער שטיבל. — „אַ פּאַראַט, און מען טאָר נישט פאַרלירן קיין איין מינוט״.

עס געלינגט זיי, אונטער דער דעקונג פון דער נאַכט־פינצטערניש, צו פאַרשווינדן אין וואַלד. דריי טעג האָבן זיי פאַרבראַכט אין די וואַלד־טיפע־נישן אָן עסן און אָן טרינקען, ביז עס איז אַראָפּגענומען געוואָרן די בלאָקאַדע. און גוסטאַ דאַווידזאָן רעזומירט:

„זיי האָבן נישט געוווּסט וואָהין זיך צו ווענדן און קערן. אין דאָרף האָבן זיי זיך נישט געטאָרט ווייזן. זיי האָבן נישט געהאַט קיין דאַך איבערן קאָפּ. דער וועגווייזער איז מער נישט צוריקגעקומען. זיי האָבן זיך איינגעאַנצן פאַרלוירן. אין וואַלד איז נישט מעגלעך געווען צו ווינטערן און זיי האָבן נישט געהאַט קיין שום אַדרעס און נישט קיין מינדסטן רמז אויף עפּעס אַ פּאַרטיזאַנישן פּונקט...״

(דאָרט, ז״ז 21־52).

די אָנפירונג פון דער קראָקאָווער אונטערגרונט־אָרגאַניזאַציע האָט באַשלאָסן צוריקצוברענגען די 5 יינגלעך אין שטאָט אַריין...

אָבער „די יידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע״ איז דערפון נישט אַנטמוטיקט געוואָרן און באַשלאָסן נאָכאַמאָל פּרווון צו אָרגאַניזירן אַ פּאַרטיזאַנישע איינהייט. דאָס מאָל איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ גרינטלעכער פּלאַן, וואָס האָט זיך באַזירט אויף אייגענע כוחות:

„בענעק, זיגאַ, איגנאַץ און אַדאַש זענען אַרויס אין די דעמביער וועלדער. מען האָט זיי באַאויפטראַגט אויסצוקלייבן אַ פּאַסיקן טעטיקייט־פעלד, גרינטלעך אויסצופאָרשן די סביבה, זיך אָריענטירן אין אָביעקטן צום אָנגרייפן, בקיצור, צוגרייטן אַ באָדן פאַר אַ זעלבסטשטענדיקע אַרבעט. דער פאַרטיידיקונגס שטח אין די וועלדער האָט געדאַרפט זיין אַרומגע־רינגלט מיט אַ נעץ פּריוואַטע דירות, און אין יעדער איינער — ווייניקסטנס איין שטענדיקער איינוווינער. נאָך יעדער קאַמפּס־אָפּעראַציע האָבן זיי געדאַרפט פאַרלאָזן דעם וואַלד און במשך פון איין־צוויי וואָכן זיך אויס־באַהאַלטן אין אַ דירה אין דער שטאָט״.

(גוסטאַ דאַווידזאָן — „יומנה של יוסטינא״, ז׳ 59).

עס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן „פינפטלעך״, וואָס האָבן נאָר געוואַרט אויף אַ צייכן פון די וועלדער. אָבער אויך דער צווייטער פּרווו איז דורכגעפאַלן.

אויפן דריטן טאָג פון זייער ווייל׳ן אין וואַלד איז אויסגעגאַנגען דאָס עסן און זיי זענען געווען געצוווּנגען אַריינצוגיין אין אַ שכנישן דאָרף, זיך פאַרזאָרגן מיט שפּייז. ווי נאָר עס איז צוגעפאַלן די נאַכט, זענען איגנאַץ און בענעק אַריין אין אַ פּויעריש הויז און פּלוצלינג האָט זיך געהערט אַ שטאַרק קלאַפּן אין דער טיר. עס איז אַריינגעקומען אַ דייטשער זשאַנדאַרם צוזאַמען מיט אַ פּאָליציאַנט און וואַלד־וועכטער („לעסניק"). מיט איין שאָס האָט בענעק דערהרגעט דעם דייטשן זשאַנדאַרם און פאַרוווּנדעט דעם פּאָליציאַנט, וואָס איז געפאַלן אין חלשות. אָבער דעם וועכטער האָט זיך איינגעגעבן צו דערהרגענעןביידע חברים. זיי האָבן געהאַט ביי זיך בלויז איין רעוואָלווער. דער צווייטער איז געבליבן ביי די חברים אין וואַלד. אַז די צוויי איבערגעבליבענע אין וואַלד האָבן זיך דערוווּסט וועגן דער דערמאָרדונג פון זייערע חברים, האָבן זיי זיך אומגעקערט קיין קראָקע.

(דאָרט — ז״ז 63־67).

נאָך די צוויי דורכגעפאַלענע פּרוּוון האָט די אונטערגרונט־אָרגאַניזאַציע אין קראָקע באַשלאָסן צו אָפּערירן אין די שטעט אויף דער ליניע קראָקע־לעמבערג־וואַרשע. אין דער הויפּטשטאָט פונעם „גענעראַל־גאָווער־נאַמענט", קראָקע, האָט זיך די אַרבעט געדאַרפט באַזירן אויף איבערפאַלן פון לויערונגען אויף דער אַרישער זייט, אין די נאַכט־שעהן, אויף איינצלנע דייטשן און קליינע גרופּעס.

צוזאַמען מיט דער „גוואַרדיאַ לודאָוואַ" האָבן זיי מיט דערפאָלג אויסגעפירט איניקע קאַמף־אויפגאַבעס. באַזונדערס האָבן זיי זיך קונה־שם געווען מיטן דורכגעפירטן אָנפאַל אויפן קאַפע־הויז „ציגאַנעריאַ" אין קראָקע (22טן דעצעמבער 1942), בעת וועלכער עס זענען דערהרגעט געוואָרן אַ סך דייטשע אָפיצירן און העכערע באַאַמטע.

אָבער אויב די פּרוּוון צו אָרגאַניזירן אַ פּאַרטיזאַנקע אין אַ מאַסשטאַב זענען דורכגעפאַלן, באַטייט דאָס נישט, אַז אין מערב־גאַליציע זענען נישט געווען קיין יידישע באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנער־גרופּעס און קאַמפּס־אומפעיקע אין די וועלדער. די פּרוּוון פון דער קראַקאָווער אָרגאַניזאַציע זענען געמאַכט געוואָרן אין דער צווייטער העלפט פון 1942.

לערך אין אַ יאָר אַרום, אין דער צווייטער העלפט פון 1943, זענען

געוועזן פּאַרטיזאַנער־גרופּעס אין די וועלדער אַרום קראָקע, טאָרנע, רייִשע, בזשעסקאַ, מיעכאָוו, ראַשעלסק, בילגאָריי, נאָוואָסאָנדז אאַז״וו. אין דעם אָרגאַן פון דער „יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע פון דער חלוצישער יוגנט״ א״נ „החלוץ הלוחם״ (דערשינען אין דער פּוילישער שפּראַך) אין קראַקאָווער קרייז, געפינען מיר באַריכטן פון דער הויפּטקאָמאַנדע, וועגן קאַמפן און דיווערסיע־אַקטן פון יידישע פּאַרטיזאַנער־גרופּן אין מערב־גאַליציע.

אַזוי לייענען מיר אין חודש־באַריכט פון דער הויפּטקאָמאַנדע פאַרן חודש סעפּטעמבער, 1943:

„אין די קרייזן יאַסיעלסק, זשעשאָוו, נאָוואָסאָנדז, פּאָדהאַלאַני, טייל־ווייז אויך אין טאַרנאָווער קרייז, איז פאָרגעקומען אַן אָבלאַווע פון דער גראַנאַטאָווער פּאָליציי און דייטשע זשאַנדאַרמעריע, קעגן דער אַלץ כסדר שטייגנדיקער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג. אין אַ טייל ערטער: הינטער בילגאָריי, לוקאָוו און יאָרדאַנסק, האָט עס אָנגענומען אַ כאַראַקטער פון צוזאַמענשטויסן מיט שטאַרקע פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען. דער שונא איז געווען געצוווּנגען צו באַנוצן זיך מיט מאַשין־געווער און אין פיל וועלדער, אַפילו מיט פּאַנצער געווער. אומעטום, וווּ דעם שונאס באַטאַליאָנען זענען אַריין טיף אין די וועלדער, האָבן זיי איבערגעלאָזט טויטע און פאַרוווּנדעטע, נישט פאַראורזאַכנדיק קיין פאַרלוסטן די אויפשטענדלער־כוחות...

„כמעט אין אַלע צוזאַמענשטויסן און קאַמפן האָבן גענומען אַן אָנטייל די כוחות פון דער „יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע פון דער חלוצישער יוגנט״ און פרייע, נישט־אָרגאַניזירטע גרופּעס פון יידישע פּאַרטיזאַנער.

„קיין איין שטח, פון די אַרומגענומענע דורך דער דייטשער אָבלאַווע, איז נישט געוואָרן פאַרלאָזן.

„עס זענען אַדורכגעפירט געוואָרן סאַבאָטאַזש־אַקטן אין קראַקאָווער און מיעכאָווער קרייזן. עס זענען צעשעדיקט געוואָרן טעלעפאָנישע און טעלעגראַפישע איינריכטונגען. אַ באַזונדערע אָפּטיילונג איז באַשעפטיקט מיט די א״ג „אויפרייס־פּאַקעטן״, וועלכע מען שיקט מיט דער פּאָסט און רייסן אויף אין געהעריקן מאָמענט, פאַרברענענדיק דעם גאַנצן פּאָסט־טראַנספּאָרט און אייזנבאַן־באַגאַזש. די דייטשן אַליין באַשטעטיקן די פאַטאַלע אויסווירקונגען פון די פּאַקעטן און געוואָרנט דער פּאָסט פאַר אָננעמען פּאַקעטן מיט דער צושריפט „לייכט־ברענענדיקע״.

(„החלוץ הלוחם״, — נומער 32, פון פרייטיק, 3־9־1943, ז׳ 11).

I polityczna sytuacja wymaga od państw zachodnich energicznej akcji: Armie sowieckie ruszyły z martwego punktu i stwarzają zupełnie nową sytuację nietylko pod względem strategicznym ale i politycznym. A kontyngenty wojsk zachodnich Aliantów muszą się w myśl swych politycznych założeń, znaleźć w odpowiedniej chwili na kontynencie.

zzzzzzzzzzzz

Z FRONTU AKCJI CZYNNEJ

Jak nam donoszą lasy białowieskie zaludniły się grupami partyzanckimi, które częściowo oddawna już tam działają, częściowo zaś przeniosły się z pobliskiego spacyfikowanego terenu lubelskiego. Oddziały partyzanckie rosną i nie ustają w walce, przygotowują się do chwili wystąpienia, która już jest widoczna na widnokręgu. W ten sposób pasmo ruchu powstańczego na wschodnim brzegu Bugu zamyka się od północy.

W walce z akcją kontyngentową:
- W rozwadowskim spalono magazyny, pełne siana kontyngentowego z okolicy.
- W Rajbrocie zastrzelono trgownika, który swą gorliwością narażał się miejscowej ludności. Zarządzone obławy nie dały żadnych skutków. W obławie na lasy brała udział konna policja niemiecka z Bochni.
- Pod Cechową zatrzymano kilkanaście furmanek chłopskich odstawiających kontyngent do magazynów. Zboże zarekwirowano, a chłopom wystawiono pokwitowania dla władz niemieckich...

- W lasach między Suchą a Limanową zastrzelono dwóch prowokatorów, którzy przybyli celem wytropienia oddziałów partyzanckich.
- Rozrzucona w okolicach Trzciany, Tymowej, Iwkowej i Rajbrota ulotka, nawołująca chłopów do pomagania Żydom i nie wydawania ich w ręce policji - znalazła, jak donoszą, pozytywny oddźwięk.

vvvvvvv

KRONIKA KOMENDY NACZELNEJ

ROZKAZ NR 57/43 Wzywa się wszystkie piątki w terenie do nawiązania kontaktu z najbliższymi wolnymi oddziałami partyzantów żydowskich celem wciągnięcia ich w zorganizowaną akcję powstańczą.
O wynikach akcji należy powiadomić najkrótszą drogą Komendę Okręgową.

ROZKAZ NR 59/43 Drużynie "G" wyraża się uznanie za wykonaną robotę w zakresie walki z akcją kontyngentową.

ROZKAZ NR 60/43 Wzywa się wszystkie piątki do przeprowadzenia w miarę możności akcji uświadamiającej wśród ludności wiejskiej, że napady bandyckie na spokojną ludność, które mnożą się pod wpływem zwiększającego się bezhołowia w kraju nie są dziełem żydowskich bojowców. Z naszej strony żaden uczciwy człowiek nie dozna szwanku. Rozprawiamy się tylko z tymi, którzy wysługują się Niemcom i działają na szkodę bądź walczących partyzantów, bądź też innych ukrywających się Żydów.

Chłopi winni zrozumieć, że mamy prawo do walki o życie i wolność, ale nie dzieje się to ze szkodą dla nich, przeciwnie, ponieważ leży w interesie całej ludności Polski - jest więc i ich rzeczą pomagać nam w akcji, w każdym zaś razie nie przeszkadzać jej.
Należy posłużyć się słowem żywym lub drukowaną odezwą.

xxxxxxxx

ŻYDZI UKRYWAJĄCY SIĘ PO LASACH - NIE DAJCIE SIĘ BIERNIE ODPROWADZIĆ NA POLICJĘ - KAŻDY OPÓR SIĘ OPŁACI... O WYNIKU DAJCIE ZNAĆ NAJBLIŻSZEMU SPOTKANEMU PATROLOWI ŻYD. ORG. MŁODZIEŻY CHALUCOWEJ.

זייט נומער 9 פון דער אונטערערדישער צייטונג „החלוץ הלוחם”, נומער 35, פון דעם 1טן אָקטאָבער 1943.
(אַרכיוו פון „יד ושם”, ירושלים)

אויך אין די אַנדערע ביולעטין־נומערן (געפינען זיך אין „יד ושם", ירושלים), געפינען מיר באַריכטן וועגן סאַבאָטאַזש און דיווערסיע. דער איבערשריפט איבערן ביולעטין רופט: ייִדן! באַהאַלט זיך אין די וועלדער! לאָזט זיך נישט פּאַסיוו פירן אין דער פּאָליציי! יעדער ווידערשטאַנד באַצאָלט זיך!

(„החלוץ הלוחם", — גומער 35, פון פרייטיק, 1־10־1943, ז' 9).

אַ סך גרופּעס, וואָס זענען צוועק אין די וועלדער, זענען פאַרניכטעט געוואָרן אונטערוועגס, נישט דערגרייכנדיק צו זייער ציל. מחמת די גרויסע מרחקים פון די ייִדישע קאָנצענטראַציע צו די וועלדער — זענען זיי געווען געצוווּנגען צו דערפאָרן אַהין מיט דער אייזנבאַן און מיט דער הילף פון געפעלשטע דאָקומענטן.

אַכצן „דרור"־חברים פון וואַרשעווער געטאָ, וואָס זענען דורך דער „ייִדיש־נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע" (מיט דער הילף פון פּ. פּ. ר.) געשיקט געוואָרן אין די הרוביעשאָווער וועלדער, זענען דערמאָרדעט געוואָרן בשעת אַ פּאַספּאָרטן־קאָנטראָל, אויף דער אייזנבאַן. בלויז איינער פון זיי האָט זיך געראַטעוועט.

די ווען עס איז שוין יאָ געלונגען אָנצוקומען אין די וועלדער, האָבן געהאַט אויסצושטיין טויט־שרעק אויף שריט און טריט. פון אַ הינטער יעדן בוים און קוסט האָט מען געלויערט אויף זייער לעבן.

מאָטל שטערנבליק (לובלין), וואָס האָט זיך מיט זיין פאַמיליע אויסבאַהאַלטן אין דער סביבה פון אָסמאָליץ, אין די פעלדער און וועלדער, ווינטער 1943־1944 — אין אַ שטיין־ברעכעריי — דערציילט:

„...דאָס שווערסטע איז געווען מיטן עסן און אויך מיט וואַסער. מיר האָבן זיך באַמיט אַרויסצוגיין וואָס ווייניקער. אין זומער איז אונדז אָפט אויסגעקומען צו בלייבן עטלעכע טעג ליגן אויף די תבואה־פעלדער, אין זון און אין רעגן.

„בלויז ביינאַכט זענען מיר געגאַנגען צו די פויערים. יעדער גאַנג איז געווען פאַרבונדן מיט לעבנס־געפאַר. מיר האָבן זיך געדאַרפט היטן פאַר די דייטשן, פאַר דער פוילישער פּאָליציי, פאַר די מוסרים, פאַר דער פויערים־וואַך („בראַניאַ כלאָפּסקאַ"), פאַר פאַרשיידענע באַנדעס פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ", אָדער, וואָס האָבן זיך אויסגעגעבן אַלס „אַרמיאַ קראַיאָוואַ", שפּעטער אויך פאַר באַנדעס אוקראַיִנישע עס־עס־לייט, וועלכע

זענען אַנטלאָפן פון די דייטשן, ווי צ״ב, די באַנדע פון פיאָדערן, די א״ג „בולבאָווצעס״. (פיאָדאָר איז דערשאָסן געוואָרן דורך סאָוועטישע פאַרטיזאַנער אין יאָר 1944 — דער מדבר). אַלע, אַלע האָבן געלייערט אויף די יידן און זיי געמאָרדעט״.

(„דאָס בוך פון לובלין״, — ז' 498).

יידישע פאַרטיזאַנער אין די וועלדער פון מאַקאַשי

(סאָסנאָוויצער געגנט ביי פאַרטש (פוילן)

(אַרכיוו פון „יד ושם״, ירושלים)

די מייסטע פוילישע פאַרטיזאַנער־פאָרמאַציעס („אַ. ק.״, „נ. ס. ז.״, „ב. ח.״ א״אַ), האָבן זיך נישט נאָר אָפּגעזאָגט אויפצונעמען אין זייערע רייען יידן, נאָר האָבן זיי אויך אומבארמהערציק אומגעברענגט.

נאָר די לינקע „א. ל.״ האָט אויפגענומען אין אירע רייען יידן, אין די ראַיאָנען וווּ זיי זענען געווען טעטיק (קעלצער, פאַרטשעווער א״אַ וועלדער) און די באַציִונג צו זיי איז געווען אַ גוטע בדרך כלל, כאָטש אויך דאָ האָבן נישט געפעלט קיין פאָראורטיילן אין דער באַציִונג צו יידן. אויך אין „א. ל.״

האָט דער ייִדישער פּאַרטיזאַן געמוזט אויפטרעטן אונטער אַ פּוילישן נאָמען און מאַסקירן זיין ייִדישן אָפּשטאַם. ווייזט אויס, אַז אויך אין „א. ל.״ זענען געווען עלעמענטן, וואָס האָבן זיך נישט באַזונדערס געפרייט אויפצונעמען ייִדן אין זייערע רייען און ביי אַ פּאַסיקער געלעגנהייט געפּרוווט אויך דאָ אַריינצוברענגען דעם גיפט פון שנאה צו ייִדן.

די פּוילישע שרייבערין סטאַניסלאַוואַ סאַווינסקאַ (באַרבאַראַ) דערציילט אין איר בוך „קאַמפּס־יאָרן״ וועגן די גרויסע שוועריקייטן וואָס זי האָט געהאַט ביים אויספירן אַן אויפגאַבע וואָס איז אויף איר אַרויפגעלייגט געוואָרן: אַריבערפירן פינף פליטים פון געטאָ צו די „א. ל.״־פּאַרטיזאַנער אין די ראַדאָמער וועלדער. אויף דער וואַרשעווער אייזנבאַן־סטאַנציע האָט זיך צו זיי צוגעטשעפּעט אַ געלט־אויספּרעסער („שמאַלצאָווניק״) און געפּאָדערט אויסלייז־געלט. נאָר אַ דאַנק דער ענערגישער האַלטונג פון „באַרבאַראַ״, זענען זיי געראַטעוועט געוואָרן פון זיינע הענט און געקומען בשלום קיין ראַדאָם.

„ראָמאַן״, אַ פּאַרטרויאונגס־מענטש און פאַרבינדלער פון דער „א. ל.״ האָט געזאָגט, אַז ער קען מיט ייִדן גאָרנישט טון און געפּאָדערט זיי זאָלן זיך צוריקקערן קיין וואַרשע. עס איז געקומען צו אַ שאַרפן איבעררייד און „באַרבאַראַ״ האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צוריקצופירן זיי. מאָטיווירנדיק, אַז אַזאַ שריט באַטייט אַ זיכערער טויט פאַר די אומגליקלעכע. דער אַרגומענט האָט געהאַט זיין ווירקונג. זיי זענען איבערגעפירט געוואָרן צו אַ פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד אין דער געגנט פון קראַשניק (אַן ערך 30 מייל פון לובלין).

(„קאַמפּס־יאָרן״ — ז״ז 90־95).

מאַי 1944, האָבן די דייטשן געמאַכט אַ גרויסע אָבלאַווע אויף די פּאַרטיזאַנער פון די פּאַרטשעווער וועלדער. ביי אָסטראָוו (וולאָדאַווער סביבה) האָט דער אָטריאַד „זעמסטאַ״ (נקמה) אָפּגעהאַלטן אַ נצחון איבער די דייטשן אונטער דער אָנפירונג פון צוויי ייִדישע קאָמאַנדירן: מיעטשיסלאַוו סקאָטניצקי (זיין פּאַרטיזאַנישער פּסעוודאָנים, אויכן נאָמען פון זיין אָטריאַד „זעמסטאַ״) און גוסטאַוו אַלעף (פּסעוודאָנים — „באָלעק״). דאַן האָט דער אָטריאַד פאָרגעזעצט זיין אָנגעצייכנטן מאַרש צו דרום.

דער אַטריאַד „זעמסטאַ" איז צום צווייטן מאָל אַרומגערינגלט געוואָרן פון דייטשע כוחות ביי רעמבלאָוו. אַז דער דייטשער רינג האָט זיך ענגער געשלאָסן אַרום די פאַרטיזאַנער, וואָס זענען געווען אין אַ קליין וועלדל, זענען זיי געווען געצווונגען דורכצוברעכן זיך אַ וועג דורך דער שטאַרקער דייטשער ליניע. ביינאַכט האָבן זיי אין קליינע גרופעס דורכגעבראָכן דעם דייטשן בלאָקאַדע־רינג. אַ טייל פון זיי זענען אַנטלאָפן צו די וועלדער פון יאַנאָווער סביבה (לובלינער קרייז); דער צווייטער טייל, אונטער דער אָנפירונג פון סקאָטניצקי, האָט זיך צוריקגעקערט אין די פאַרטשעווער וועלדער. דאָ האָבן די דייטשן זיי פאַרשטעלט דעם גאַנצן וועג מיט לויערונגען. אַ גרויסער טייל פונעם אָטריאַד איז געפאַלן אין די כסדרדיקע שלאַכטן, צווישן זיי אויך דער יידישער קאָמאַנדיר, מיעטשיסלאַוו סקאָטניצקי. בלויז קליינע רעשטלעך פונעם אָטריאַד איז געלונגען זיך אַדורכצורייסן צו די פאַרטשעווער וועלדער.

דערווייל האָט זיך געוועבט אַן אַנטעסימיטישע אינטריגע, וואָס האָט געצילט צו פאַרביטערן דאָס לעבן פון די יידן. קאַפּיטאַן „קאַלקאַ", אַדיוטאַנט פון מאַיאָר מאָטשער (שטאַב־נאַטשאַלניק פון די פאַרטיזאַנער אין די פאַרטשעווער וועלדער) האָט זיך אָפּגעזאָגט איינצושליסן אין די פאַרטיזאַנישע איינהייטן די געציילטע לעבנגעבליבענע יידן.

די אַנטיסעמיטישע אַטמאָספער האָבן אויסגענוצט די רעכטע „אַ. ק."־פאָרמאַציעס. זיי האָבן אַנטוואָפנט די יידן פון אַ פאַמיליען־לאַגער און צוזעמענדיק ביי זיי זייערע געציילטע ביקסן, זיי פאַרבאָטן זיך צו באַוועגן פריי אין די וועלדער. קאַפּיטאַן „קאַלקאַ" האָט אַפילו אַרויסגענומען פון „כילס" (יחיאל גרינשפאַן) אָטריאַד אַן אָפּטיילונג פּוילישע פאַרטיזאַנער...

די יידן האָבן זיך געווענדט נאָך הילף צום גענעראַל באַראַנאָווסקי, דער קאָמאַנדיר פון סאָוועטישן פאַרטיזאַנער־אָטריאַד. מען האָט געשמועסט אַז ער שטאַמט אָפּ פון אונגאַרישע יידן.

ער האָט געוואָרנט די „אַ. ק."־פאָרמאַציעס, אַז זיי זאָלן אויפהערן צו פאַרפאָלגן די יידן, ווייל ער נעמט זיי אונטער זיין שוץ. ער האָט זיך אויך געווענדט צום קרייז־הויפּטשטאַב און די באַציִונג צו יידן האָט זיך באַדייטנדיק פאַרבעסערט.

אָבער נאָך אַלעמען מוז מען מודה זיין, אַז די „אַ. ל.״ איז געווען די איינציקע פאַרטיזאַנישע באַוועגונג אין פוילן, וואָס האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט דעקלאַראַציעס און אויפרופן פול מיט סימפּאַטיע פאַר דער גבורה פון די וואַרשעווער געטאָ־קעמפער, נאָר האָט אויך געעפנט אירע רייען פאַר דער יידישער יוגנט פאַר אַ געמיינזאַמען קאַמף קעגן די נאַציס.

יידישע פּאַרטיזאַנער אונטער דער אָנפירונג פון יחיאל גרינשפּאַן
אין די פּאַרטשעווער וועלדער (פּוילן)
(אַרכיוו פון „יד ושם״, ירושלים)

ג. די יידישע פּאַרטיזאַנער־פאָרמאַציעס אין פוילן און גאַליציע

עס איז שווער צו שרייבן די געשיכטע פון דער יידישער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג אין פוילן. אַ באַדייטנדיקער טייל פון די איינהייטן, וואָס זענען געווען טעטיק אין די וועלדער זענען אויסגעהרגעט געוואָרן ביזן לעצטן און עס איז נאָך זיי נישט איבערגעבליבן קיין שפּורן. די פראַגמענטאַרע ידיעות, וואָס מיר באַזיצן באַזירן זיך אויף דערציילונגען פון פויערים, וואָס זענען געווען עדות פון געראַנגל און פאַרניכטונג פון די יידן. פּרטים

וועגן דער עקזיסטענץ און קאַמף פון יידישע פאָרמאַציעס דערוויסן מיר זיך אויך פון יידישע עדות, וואָס האָבן געפונען אַ מקום מקלט ביי פויערים, אָדער יחידים קעמפער, וואָס האָבן בדרך נס, נישט געטיילט דעם גורל פון זייערע חברים.

ווי געזאָגט, זענען אין פוילן ביז ענדע 1943, נישט געווען קיין פאַר־טיזאַנישע זאָנעס ווי אין די סאָוועטיש־רוסישע און די קרעסן־געביטן פון

דריי העלדישע יידישע פאַרטיזאַנער פון יחיאל גרינשפאַנס אָטריאַד
אין די פאַרטשעווער וועלדער (1943)
(אַרכיוו פון „יד ושם", ירושלים)

פוילן, וואָס זענען איינגעשלאָסן געוואָרן אין רוסלאַנד אין 1939. די קליינע שיטערע און אָפּגעזונדערטע פוילישע וועלדער האָבן נישט אָפּגעשראָקן די דייטשן און זייערע סאַטעליטן אַריינצוגיין אין די וועלדער און זיי „אַדורכ־צוקאַמען". די פאַרטיזאַנישע איינהייטן (אויך די פוילישע), זענען געווען קליינע און צעברעקלטע. זייער אויסריכטונג און באַוואָפענונג איז געווען זייער אַן אָרעמע. אַ יידישע גרופּע פון 20 מאַן האָט ס'רוב פאַרמאָגט בלויז

5־4 ביקסן אָדער רעוואָלווערן (רעוואָלווערן זענען געווען פאַרשפּרייט אין דער פּוילישער פּאַרטיזאַנקע). קוילן־וואַרפערס, מינען־וואַרפערס און אויטאָמאַטישע געווער זענען געווען אַ זעלטענע דערשיינונג. דאָ האָבן די פּויערים נישט מורא געהאַט פאַר די פּאַרטיזאַנער. אַז די פּאַרטיזאַנער זענען געקומען אין די דערפער, פלעגן די פּויערים דורך קירכן־קלאָקן אָדער אַנדערע סיגנאַלן אַלאַרמירן די דייטשע גאַרניזאָנען אין דער געגנט.

דער קאַמפּס־פּאַרנעם פון די יידישע־איינהייטן איז געווען אַ באַגרעניצטער. זיי האָבן זיך באַגנוגנט מיט אָנגרייפן אײנצלנע פּאָליציאַנטן, דייטשע אַגענטן, מוסרים און יידן מערדערס, פון דער באַפעלקערונג.

אין רוסלאַנד און אין די אָנגעשלאָסענע צו רוסלאַנד פּוילישע שטחים (1939), האָבן די יידן זיך איינגעשלאָסן אין דער מעכטיקער רוסישער פּאַרטיזאַנקע און זענען נישט געווען אַזוי איינזאַם אין זייער קאַמף, ווי דער יידן אין פּוילן און אין גאַליציע. דאָ איז בכלל נישט געווען קיין באַדייטנדיקע פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג, און אויך די האָבן אים נישט געוואָלט אויפנעמען אַלס קאַמפּס־חבר. להיפך, אַלע פּאַרטיזאַנער־גרופּעס („נ. ס. ז.", „אַ. ק.", „ב. ח.", אוקראַינישע באַנדעראָוצעס אין גאַליציע און אאַז״וו), האָבן געזוכט ווי צו פאַרניכטן זיי ביזן לעצטן. בלויז די לינקע „א. ל.", וואָס איז געוואָרען טעטיק ערשט אין סוף 1943, און בלויז אין באַשטימטע געגנטן (לובלינער, פּאַרטשעווער, קיעלצער און ראַדאָמער), האָט אויפגענומען יידן אין אירע רייען.

אין די רוסישע געביטן האָבן די אומקאַמפּס־פעיקע יידן געפונען שוץ אין די פּאַרטיזאַנישע זאָנעס און וועלדער און אַפילו די וואָס זענען געווען פאַרבאַהאַלטן ביי פּויערים, זענען שפּעטער אַוועק אין די פּאַרטיזאַנישע פאַמיליע־לאַגערן. די יידישע פּאַרטיזאַנער אין פּוילן זענען געווען אין אַזאַ קלעגלעכער לאַגע, אַז זיי האָבן אין פיל פאַלן זיך נישט געקענט באַהאַלטן אין די קליינע, שיטערע, פאַראיינצלטע וועלדער, אין וועלכע די דייטשן האָבן אָן שום מורא אַרומגעשפּאַצירט און געווען אָפט געצוווּנגען אויסצובאַהאַלטן זיך ביי פּויערים...

עס איז איבעריק צוצוגעבן, אַז זייער באַוואָפענונג איז געווען אַ גאַר שוואַכע און אויך דאָס באַשפּייזונגס־פּראָבלעם איז דאָ געווען אַ פיל האַרבער. נישט זעלטן פלעגן אַפילו באַוואָפנטע יידישע גרופּעס קויפן שפּייז,

כדי נישט איינצורייסן מיט די פּויערים, פון וועמענס חסד זיי זענען געווען אָפּהענגיק, אַ דערשיינונג וואָס האָט נישט געהאַט קיין אָרט אין די רוסישע געביטן. אַלס רעזולטאַט פון די לגמרי אַנדערע באַדינגונגען האָבן ווינציקע פון די יידן אין פּוילן און גאַליציע איבערגעלעבט די מלחמה, בעת אין די רוסישע שטחים האָבן דערלעבט דעם באַפרייאונגס־טאָג אַ באַדייטנדיקער טייל פון די יידן, וואָס זענען אַנטלאָפן אין די וועלדער, סיי די קעמפערס, סיי די אומקאַמפּס־פעיקע אין די פאַמיליע־לאַגערן.

לויטן עדות־זאָגן פון מיכאל לאַטערשטיין, אין „דאָס בוך פון לובלין", זענען „פון די 500־600 יידן, וואָס האָבן אין די יאָרן 1942־1943, געלעבט אין די וואַליער וועלדער (לובלינער געגנט) — געבליבן לעבן בלויז איינצלנע".

אַ גרופּע פון אַן ערך 30 קעמפער, חברים פון „השומר הצעיר" און „דרור" אין וואַרשעווער געטאָ, זענען אין סעפּטעמבער 1942, אַרויס אין די מעזריטשער וועלדער. זיי האָבן זיך פאַרבונדן מיט אַ קליינער גרופּע סאָוועטישע קריגס־געפאַנגענע און צוזאַמען מיט זיי אָרגאַניזירט אַ פּאַרטיזאַנישע גרופּע. אַ שטיקל צייט האָבן זיי מיט דערפאָלג אַדורכגעפירט דיווערסיע־אַקציעס און אַנגריפן אויף קליינע פּאָליציי פּאָסטנס. אַלע זענען זיי געפאַלן אין די קאַמפן און אַבלאַוועס.

דער זעלבער גורל איז אויך באַשערט געווען דער „אַשנדאָרף באַנדע", וואָס איז געווען פּאָפּולער אונטערן נאָמען „די יידישע באַנדע". זי איז געווען טעטיק אין די געגנטן פון באַרשטשאָוו (טשאָרטקאָווער ראַיאָן, מזרח־גאַליציע). בלויז איין לעבעדיקער עדות, וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן ביי אַ פּויער, ווייס צו דערציילן וועגן דער טראַגעדיע פון דער דאָזיקער יידישער פּאַרטיזאַנער־גרופּע:

„לויט דער איניציאַטיוו פון איגזשיניער וואָלף אַשנדאָרף, קלמן שוואַרץ א"אַ, איז אין באַרשטשאָווער געטאָ אַנטשטאַנען תיכף נאָך דער ערשטער אַקציע (26טן סעפּטעמבער, 1942), אַ יוגנט־גרופּע, וואָס איז אַוועק אין די נאָענטסטע וועלדער. פון די 36 יוגנטלעכע זענען בלויז זעכצן געווען באַוואָפנט.

יולי 1943 האָבן זיי דורכגעפירט אַ געוואַגטן איבערפאַל אויף דער יואַך פון דער באַרשטשאָווער קאַזאַרמע. דריי פּוילישע פּאָליציסטן זענען אַנטוואָפנט געוואָרן. מען האָט זיי אַראָפּגעצויגן די מונדירן, געבונדן און

אַריינגעוואָרפן אין אַ קעלער. די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך באַרייכערט מיט דריי ביקסן.

סעפּטעמבער 1943 האָבן זיי אָנגעגריפן דאָס גוט־באַזיץ מישקיטאָוויטש (צווישן באָרשטשאָוו און סקאַלאַט).

סוף נאָוועמבער 1943 איז אַריינגעפאַלן אין דייטשער געפאַנגענשאַפט דער אייבאונאייבציקער אוקראַינער פון זייער אָטריאַד. די יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן באַשלאָסן אים צו ראַטעווען. אין אַ פינצטערער נאַכט זענען זיי געקומען אָנגעטון אין דייטשע זשאַנדאַרם־מונדירן און מיטגעבראַכט מיט זיך אַ צעשלאָגענעם, פאַרוואונדעטן פּאַרטיזאַן אין צעריסענע בגדים. דער תפיסה־וועכטער, וואָס האָט נישט געהאַט קיין אַנונג וואָס דאָ קומט פאָר, האָט פאַר זיי געעפנט דעם תפיסה־טויער. זיי האָבן אים אַנטוואָפנט און מיט זיינע שליסלען האָבן זיי געעפנט די טירן פון די תפיסה־צעלעס. צווישן די באַפרייטע אַרעסטאַנטן זענען געווען אַ סך יידן. אָבער דער תפיסה־וועכטער האָט דערקענט יונגן און געמאָלדן די דייטשן, אַז אין אומגעגנט גראַסירט אַ באַוואָפנטע יידישע באַנדע.

דעם 6טן דעצעמבער 1943, 6 אַזייגער פרי, זענען די פּאַרטיזאַנער איבערראַשט געוואָרן פון אַ שטאַרקער קאַנאָנאַדע. אַנטקעגן די זעכצן יידישע פּאַרטיזאַנער, באַוואָפנטע מיט ביקסן און פּיסטאָלעטן, זענען גע־שטאַנען טויזנט פירהונדערט דייטשן מיט 4 טאַנקן. דער זשילינצער וואַלד איז געווען אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן. צוויי שעה האָבן זיי זיך געהאַלטן. אָבער דער רינג אַרום זיי איז מיט יעדער רגע געוואָרן ענגער.

טשערמאַק, אַן עסטרייכישער זשאַנדאַרם (וואָס האָט באַהויפּטעט, אַז ער איז אַ נאַצי־קעגנער — דער מחבר), וואָס האָט אָנטייל גענומען אין דעם אָנפאַל אויף די פּאַרטיזאַנער, האָט דערציילט, אַז ווען די יידן האָבן געזען, אַז עס איז נישטאָ פאַר זיי קיין רעטונגס־וועג, האָבן זיי אין דער לעצטער רגע באַשלאָסן נישט אַריינצופאַלן קיין לעבעדיקע אין דעם שונאס הענט און זענען אַלע באַגאַנגען זעלבסטמאָרד".

(יצחק פייערשטיין — „פון לעצטן חורבן", מינכען, נומער 3, נאָוועמ־בער, 1946).

אַ בעסערן מזל האָט געהאַט הערשקעס „באַנדע", וועלכע האָט אָפּע־רירט אין אָקנער וואַלד (סקאַלאַטער געגנט). פון 38 יידן, וואָס האָבן געהערט צו זיין גרופּע, האָבן דערלעבט דעם טאָג פון זייער באַפרייאונג דריי און דרייסיק מאַן. אברהם וויסבראָד דערציילט אין „עס שטאַרבט אַ שטעטל — „מגילת סקאַלאַט":

„...דער שעפער און אָנפירער פון דער באַנדע איז געווען הערשקע בירנבוים, אַ שמיד פון דעם דאָרף אָקנע (ביי סקאַלאַט). ווען די דייטשן

האָבן אָנהייב מערץ, 1943, באַפוילן אַלע יידן פון די אַרבעטס־גרופּן אין די דערפער זיך צו קאָנצענטרירן אין סקאַלאַטער אַרבעטס־לאַגער, האָט הערשקע צוזאַמענגענומען זיין משפחה און דעם רעשט אָקנער יידן, צו־זאַמען 21 מאַן און אַוועק מיט זיי אין וואַלד אַריין, ווו פון פריער איז שוין געווען צוגעגרייט צווישן ביימער און קוסטעס אַ גרויסער בונקער מיט אַ טונעל. די גרופּע האָט געהאַט לכתחילה בלויז איין פּאַרראָסטן ביקס און זי האָט זיך געקענט דערהאַלטן בלויז אַ דאַנק דעם, וואָס הערשקע האָט געהאַט אַ גרופּע פויערים, וואָס האָט אים צוגעשטעלט אינפאָרמאַציעס וועגן די פּלענער און באַוועגונגען פון די דייטשן און זייערע מיטהעלפּערס. אין פאַל פון אַ סכנה פלעגט ער איבערוואַנדערן מיט זיין גרופּע אין אַן אַנדער וואַלדיקער געגנט.

„מיט שפּייז האָט זיך די גרופּע פאַרזאָרגט... דורך גניבות. הערשקע און זיינע מענטשן האָבן געקענט די געגנט און די פויערים און זיי האָבן קונציק אַרויסגעגנבעט פון די שטאַלן בהמות און אַלעס בייטיקע. די פויערים האָבן אין די נעכט אַרויסגעשטעלט וואַכן און געשיקט דעלעגאַ־ציעס אין שטאָט צו דער דייטשער קאָמענדאַנטור, אַז זיי זאָלן אַ סוף מאַכן צו די יידישע באַנדיטן און רויבערס, וואָס בושעווען אין די וועל־דער. די דייטשן, וואָס זענען געווען אַנגעשראָקן פון קאָוופּאַקס פּאַרטי־זאַנער, וועלכע האָבן אין יולי 1943 אַדורכגעמאַרשירט די געגנט אויף זייער וועג צו די קאַרפּאַטן, האָבן מורא געהאַט צו גיין אין די וועלדער.

„מיט דער צייט האָט זיך די גרופּע פאַרגרעסערט ביז 38 מאַן. דורך אָנפאַלן אויף פויערים און וואַלד־וועכטערס האָבן זיי דערוואָרבן 3 ביקסן, 1 יאַגד־ביקס, 1 רעוואָלווער און מאַשין־געווער. זיי האָבן שוין געוואַגט צו מאַכן דרייסטע איבערפאַלן אויפן פאָלוואַרק פון דאָרף טוראָווקע, וואָס האָט געהערט צו אַ דייטשן גוטבאַזיצער, אויפן אוקראַינישן קאָאָפּעראַטיוו אין דאָרף סאַדזאַווקע, אויף אַ טראַנספּאָרט צוקער, וואָס איז דורך די דייטשן געגעבן געוואָרן פאַר די בינען־ציכטלערס פון דאָרף אָסטאַפּיע, און אויפן אוקראַינישן קאָאָפּעראַטיוו „מאַסלאָסאָיוז" אין דאָרף אָקנע.

„אַ דאַנק די איבערפאַלן האָט זיך די גרופּע פאַרזאָרגט מיט פיל שפּייז, מלבושים און געקענט שאַפן רעזערוון אויף ווינטער, ווען צוליב די שפּורן אויפן שניי איז מען נישט אַרויס פון די בונקערס".

אַברהם ווייסבראָד דערציילט:

„דער פחד פאַר די פּאַרטיזאַנער איז געווען אַזוי גרויס, אַז די דייטשן האָבן פאַרלוירן די קעפּ. ביי אַזוינע אימפּראָוויזירטע פלעגן געווייינטלעך די ערשטע אַנטלויפן די אוקראַינישע מיליץ און דאָס דאָרף פלעגט בלייבן הפקר. ביי אַזעלכע פאַלן פלעגן אויך די דייטשן אַרויסווייזן פחדנות. „די

צאָל פון די יידישע פּאַרטיזאַנער גייט אין די טויזנטער" — האָט זיך צווישן די דערפער געוועבט אַ לעגענדע... איבערטריבענע ידיעות וועגן דעם געשעענעם האָבן זיך בליץ שנעל פאַרשפּרייט איבער אַלע אַרומיקע דערפער. די פויערים האָבן פאַרשטאַרקט זייערע וואַכן אין די נעכט".
(„מגילת סקאַלאַט" — „עס שטאַרבט אַ שטעטל", ז' 172).

די טאָפּאָגראַפישע באַדינגונגען, ווי אויך די זייער שוואַכע באַוואָפענונג פון די יידישע גרופּעס, אַן וועלכן עס איז אָנשפּאַר און שטיצע מצד פּויי־לישע פּאַרטיזאַנער און פאַרקערט, אָנגעוויזן אויף כסדרדיקע סכנות פון דער באַפעלקערונג און פאַרניכטונג מצד זיי, האָט זיי געצוווּנגען אָנצו־ווענדן אַ באַזונדערע טאַקטיק, אין וועלכער מען האָט זיך כלל נישט גע־נוּיטיקט אין די רוסישע וועלדער.

אַ חוץ די בונקערס אין די וועלדער, זענען זיי געווען געצוווּנגען זיך צו פאַרזיכערן מיט באַהעלטענישן אין די דערפער אָדער אין „בוטאַרס" (פאַרשטענדלעך פאַר געלט), אין פאַל פון אַ דייטשן אָנגריף אויף די וועל־דער, אָדער אַלס באַהעלטעניש נאָך אַן אַדורכגעפירטע דיווערסיע קעגן די דייטשן.

דער צווייטער פּרווו פון דער „יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע" אין קראָקע צו שאַפן אַ באַזע אין די מיעכאָוער און די באָביצער וועלדער האָט זיך באַזירט אויף דער „צוגרייטונג פון קאָנספּיראַטיווע וווינונגען אין די שטעטלעך, וואָס ליגן נאָענט צו די וועלדער, וועלכע זאָלן דינען אַלס פאַרבאַהעלטעניש־באַזע נאָך יעדער קאַמפּס־אָפּעראַציע, ביז נאָך דעם רע־וואַנזש־אָנגריף פון די דייטשן".
(גוסטאַ דאַווידזאָן — יומנה של יוסטינא" — ז' 59).

אין די שטעטלעך זשעשאָוו, דעמביץ, טאַרנאָבזשעג און ראָזוואַדאָוו (מערב־גאַליציע), זענען אַנטשטאַנען בונקערס־באַהעלטענישן, שטיץ־באַזעס אויפן פאַל, ווען מען וועט זיין געצוווּנגען זיך צוריקציען פון וואַלד.

ל. ברענער דערציילט וועגן אַן ענלעכער טאַקטיק וואָס עס האָט אָנגע־ווענדט אַ גרופּע יידישע קעמפערס אין די קאָניעצפּאָלער וועלדער, נאָך אַ מערדערישן אָנגריף פון אַ פּויליש־אַנטיסעמיטישן פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד:

„אַכט און צוואַנציק קעמפערס, וואָס האָבן געלעבט אין די קאָניעצ־פּאָלער וועלדער האָבן אָרגאַניזירט אַנגריפן אויף דייטשן און זייערע

משרתים בכדי איינצושאַפן זיך וואָפן און שפּייז. זיי האָבן געוווסט, אַז אַליין וועלן זיי נישט קענען אונטערנעמען קיין ערנסטערע אָפּעראַציע קעגן די דייטשן און געזוכט וועגן און מעגלעכקייטן אָנצוקניפּן אַ קאָנ־טאַקט מיט פּוילישע פּאַרטיזאַנער־גרופּעס.

„אין קאָניעצפּאָלער געגנט האָט גראַסירט אַן אַנטיסעמיטישע אַ. ק.־באַנדע א"נ „אָזשעל" (אָדלער). די יידישע קעמפערס, וועלכע האָבן נישט געקענט דעם כאַראַקטער פון דער פּוילישער באַנדע, זענען אַריינגעגאַנגען אין פּאַרהאַנדלונגען מיט זיי וועגן געמיינזאַמע אַקציעס קעגן די דייטשן.

„צום באַשטימטן טערמין זענען צום צוזאַמענטרעף־פּונקט געקומען אייניקע יידישע פּאַרטיזאַנער מיט קובאַ ריפּשטיין בראש. עס זענען גע־קומען צען פּוילישע גוט־באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנער. נישט האָבנדיק קיין שום פאַרדאַכט, אַז די פּאָליאַקן האָבן שלעכטע כוונות לגבי זיי, זענען די יידן געגאַנגען זיי אַנטקעגן נישט אַרויסנעמענדיק אַפילו די רעוואָל־ווערן פון די קעשענעס. ווי נאָר זיי האָבן זיך דערנענטערט צו די „אַ. ק."־לייט, האָבן די לעצטע געעפנט אַ פייער. אַלע יידן זענען געפאַלן אויפן אָרט. בלויז איינעם אַ פאַרוואונדעטן איז געלונגען זיך צו ראַטעווען דורך אַנטלויפן.

(לויט ידיעות וואָס איך באַזיץ, איז „אָזשעל" געווען אַן אָטריאַד פון דער „נ. ס. ז." — דער מחבר).

„נאָך דעם פאַל האָבן די יידן אַנגעגומען פאַרזיכטס מיטלען. זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט אין בונקערס ביי זייערע באַקאַנטע זיכערע פּאָליאַקן און גאָר אין די נעכט פלעגן זיי אַרויסגיין דורכפירן איבערפאַלן אויף קליינע דייטשע פּאָסטנס.

„ די „אַ. ק."־באַנדעס האָבן אָנגעהויבן צו זוכן די באַהאַלטענע יידן. צוזאַמען מיט דער דייטשער קאָניעצפּאָלער פּאָליצײ האָבן זיי איינגע־אָרדנט אַבלאַוועס אויף די רעשטלעך יידן אין די בונקערס און וועלדער".

(„ווידערשטאַנד און אומקום אין טשענסטאָכאָווער געטאָ" — ז' 164).

וואָלאַדקע (פייגעלע פעלטעל מיענדזיזשעצקי), די אַקטיוויסטין (קוריע־רין) פון דער יידישער אונטערערד־באַוועגונג אין וואַרשע דערציילט וועגן אירן אַ באַזוך ביי די יידישע פּאַרטיזאַנער אין די קאָניעצפּאָלער וועלדער. זי איז שוין געקומען נאָכן איבערפאַל פון די פּוילישע „אָזשעל"־פּאַרטיזאַ־נער דערציילט אַ ביסל אַנדערש וועגן דעם ווי מיר האָבן עס געהערט פון ל. ברענער. נאָך אַ שמועס מיט איינעם פון די לעבנגעבליבענע יידישע פּאַרטיזאַנער, סטאַשעק, באַשליסט זי, אַז עס איז נישטאָ פאַר די איבער־געבליבענע קיין אַנדער אויסוועג ווי זיי איינצואָרדענען מיט דער הילף פון

געלט אין „מאַלינעס" ביי פויערים. אָט וואָס זי דערציילט אין סטאַשעקס נאָמען וועגן די איבערלעבונגען פון דער פאַרטיזאַנער גרופּע:

„אַ גרופּע חברים איז אַוועק אין די וועלדער און געבילדעט מיט דער הילף פון אַ פּאָליאַק אַ פּאַרטיזאַנער גרופּע. די יידן האָבן זיך שנעל צוגעוווינט צום וואַלד, צום ווינט און צום רעגן. דערנערט האָבן זיי זיך דערפון, וואָס מען פלעגט אין רייכע פּריצישע הויפן מיט כוח איינמאָנען פאַר די פּאַרטיזאַנער ברויט און קאַרטאָפל. פון צייט צו צייט פלעגן זיי גיין אויף „דייטשע אַרבעטן": צעשטערן דייטשע מילן, דערהרגענען אַ דייטשן וועכטער.

„לעצטנס איז אָבער אָנגעקומען אין די זעלביקע וועלדער אַ גרויסע פּוילישע פּאַרטיזאַנער בריגאַדע „אָזשעל". די דאָזיקע גרופּע האָט זיך דערוווסט וועגן די יידן. די ערשטע באַגעגעניש איז געווען אַ גאַנץ פריינטלעכע. די יידישע גרופּע האָט אַפילו זיך געווענדט מען זאָל זיי אָננעמען אין דער פּוילישער פּאַרטיזאַנער־בריגאַדע. שטענדיק איז בעסער צו זיין מיט דערפאַרענע וואַלד־מענטשן און אין אַ גרעסערער פּאַרטיזאַנער גרופּע. קיין ענטפער האָבן זיי אָבער נישט געקראָגן. אין אַ געוויסער נאַכט, ווען די יידן זענען אַוועק זיך איינשאַפן עסן, זענען פלוצלינג אָנגעקומען אַן ערך צען גוט־באַוואָפנטע פּוילישע פּאַרטיזאַנער. די יידן האָבן קיין שום פאַרדאַכט נישט פאַראויסגעפילט און צוגעלאָזט צו זיך די פּוילישע פּאַרטיזאַנער. ווען די פּאָליאַקן זענען צוגעקומען שוין גאָר נאָענט, האָבן זיי פלוצלינג אויפגעעפנט אויף די יידן אַ שיסעריי. עטלעכע יידישע פּאַרטיזאַנער זענען דערהרגעט געוואָרן אויפן אָרט, די אַנדערע איז געלונגען צו אַנטלויפן. דער איבערפאַל איז געווען אַזוי אומגעריכט, אַז מען האָט אַפילו נישט באַוויזן צוצונעמען דאָס געווער ביי די געפאַלענע חברים. פון די פויערים האָבן די ניצול־געוואָרענע זיך דערוווסט, אַז די „אָזשעל"־לייט זוכן אַרום די אַנטלאָפענע יידן און, אַז דאָס האָבן זיי טאַקע אויסגעפונען די באַהעלטעניש פון קובאַ מיט די צוויי מיידלעך. איצט איז צו דער יידישער פּאַרטיזאַנער גרופּע צוגעקומען די לעצטע גרופּע יידן, וואָס מען האָט אַרויסגעטריבן פון דער פויערטעס באַהעלטעניש. זיי דרייען זיך צוזאַמען אַרום אין דערבייאיקן וואַלד און היטן זיך אי פאַר די דייטשן, אי פאַר די פּוילישע פּאַרטיזאַנער. זיי געפינען זיך צווישן צוויי פייערן.

לאַנג זיך אויסהיטן אין וואַלד קען מען נישט. מען האָט געמוזט פאַר יעדן פּרייז זיי איינאָרדענען אין באַהעלטעניש. דורך געלט איז געלונגען צוריק איבערצורעדן די באַקאַנטע קריסטין און אַנדערע פויערים, זיי זאָלן זיי אַריינגעמען צו זיך אין דאָרף. נאָך אַ געוויסער צייט האָב

איך געבראַכט פאַר די באַהאַלטענע יידן אַ פאַפּיר, וואָס אונדזער אונ־טערערד אין וואַרשע האָט אַרויסגעקראָגן פון פּוילישן אונטערערד, אַז זיי ווערן געשיצט פון דער אומלעגאַלער פוילישער מיליטערישער אָרגאַניזאַ־ציע. דאָס האָט די יידן באַדאַרפט פאַרזיכערן פון ווייטערדיקע איבערפאַלן פון אָרטיקע פוילישע פאַרטיזאַנער־גרופּן. שוין נאָך דער קריג האָב איך אין לאָדזש זיך באַגעגנט מיט אייניקע פון די געראַטעוועטע".

(„פוןביידע זייטן געטאָ־מויער" — ז"ז 309־310).

אויך אין ווישקאָווער וועלדער האָבן די יידישע פאַרטיזאַנער לאַנג זיך נישט געקענט האַלטן און די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע האָט נישט געזען קיין אַנדער אויסוועג, ווי איינצואָרדענען זיי אין שטאָט אויף „מאַלינעס". די זעלבע וולאַדקע דערציילט וועגן אירן אַ באַזוך אין די ווישקאָווער וועלדער און פון איר שילדערונג לערנען מיר וועגן אייגנאַרטיקן לעבנס־שטייגער פון די יידישע פאַרטיזאַנער אין די פוילישע וועלדער:

„אַ קליינע גרופּע וואַרשעווער געטאָ אויפשטענדלער האָט זיך גע־ראַטעוועט אין די ווישקאָווער וועלדער און האָט דאָרט געלעבט ווי פאַר־טיזאַנער.

„אין מאַי, 1944, איז מיר אויסגעקומען צו זיין ביי אונדזערע יידישע פאַרטיזאַנער אין וואַלד... די ערד אונטער די פּס ווערט וואָס אַמאָל ווייכער, דיביימער שיטערער. עס הייבן זיך אָן זומפּן. די פאַרטיזאַנער ציען אַראָפּ די שיך, מיר שפּרינגען פון איין קופּקע גראָז אויף אַ צווייטער. די בלאָטע דערגרייכט ביז איבער די קני. דאָס האָבן זיי זיך אַהער אַריבערגעקליבן, כדי די דייטשן זאָל זיין שווער צו זיי צוצוקומען. „די זומפּן זענען אונדזערע פאַרבינדעטע" — רופט זיך אָפּ אַ פאַרטיזאַנער. ענדלעך ווערט די ערד האַרטער, ערשט איצט טרעפן מיר אָן אויפן ערשטן פאַרטיזאַנער־פּאָסטן...

„איך קוק אויף די וואַלד־מענטשן... אייניקע טראָגן בלוזעס, אַנדע־רע מאַרינאַרקעס. קיין גאַנצן מלבוש זעט מען ביי קיינעם נישט. דער גרעסטער טייל האָט אויף זיך לעדערנע פּאַסן. פון דער זייט סטאַרטשען אַרויס רעוואָלווערן. אייניקע טראָגן ביקסן אַריבערגעוואָרפן איבער די אַקסל. די פאַרטיזאַנער־גרופּע ציילט ביי צ פופצן פערזאָן. עס געפינען זיך צווישן זיי צוויי דאָקטוירים, עטלעכע יידן פון קלענערע שטעטלעך און אויפשטענדלער פון וואַרשעווער געטאָ. די גרופּע איז פריער געווען אַ גרעסערע. צוליב די כסדרדיקע איבערפאַלן מצד די דייטשן ווערט זי אָבער אַלץ מער און מער איינגעשרומפּן.

„אין ערגעץ זע איך נישט קיין סימן פון עפּעס אַן איינריכטונג. אין

משה קאַגאַנאָוויטש

אַ זייט באַמערק איך צווישן דיביימער אַ קליין ביידל געפלאָכטן פון צווייגן און בלעטער.

— דאָ האַלט מען דאָס עסנוואַרג, עס זאָל בעת אַ רעגן נישט דורכ־געווייקט ווערן — באַמערקט איינער פון די מיטגייער.

„נישט ווייט פון דאָרטן געפינט זיך די פעלד־קיך. אַ שמאָלע גרוב אַרומגערינגלט מיט עטלעכע שטיינער. אַ ביסל מער אין דער זייט זע איך אַ פירקאַנטיקע גרוב, אָנגעפילט מיט געל וואַסער — דאָס איז דער ברונעם...

— און וווּ שלאָפט איר?

— דאָ אויף דער ערד — קומט אַן ענטפער.

— און אַז עס רעגנט?

— ווערט מען דורכגענעצט ביזן ביין און מען וואַרט אַז די זון זאָל אויסטריקענען.

„...די פּאַליאַנע ווערט כסדר געהיט. בייטאָג און ביינאַכט איז מען גרייט אויפצונעמען אַ דייטשן איבערפאַל. שוין עטלעכע מאָל, ווי די גרופּע האָט געמוזט צוליב די דייטשן אַנטלויפן פון דעם אָרט און אַוועקוואַנדערן עטלעכע קילאָמעטער ווייטער. ווי נאָר עס פלעגט זיך באַרויקן פלעגן זיי זיך אומקערן אויף דער פּאַליאַנע. דאָ קענען זיי שוין די פויערים, דאָ איז דער וואַלד־וועכטער זייערער אַ מענטש, דאָ האָבן זיי שוין געוויסע פאַרבינדונגען מיטן פּוילישן אונטערערד.

— איז ווי אַזוי גיט איר זיך אַן עצה ווינטער־צייט? — פרעגט איינער פון מיינע וואַרשעווער מיטבאַגלייטער.

„צו ווינטער האָבן זיי זיך געמאַכט „זעמליאַנקעס" — וווינונגען אין דער ערד, גרויסע, פאַרמאַסקירטע גריבער, וווּ זיי פלעגן שלאָפן און האַלטן זייערע זאַכן. די דייטשן האָבן אָבער אויסגעשפּירט די „זיעמליאַנקעס", אומגעריכט איבערגעפאַלן זיי און ביי אַ צענדליק חברים זענען אומגעקומען. די איבעריקע האָבן געמוזט אַוועק פון דאָרט. אין די גרעסטע קעלטן איז נישט געווען וווּ זיך אָנצוואַרעמען. מען האָט זיך נישט געקענט וואַשן, איבערטאָן זיך. אַלץ פלעגט גלייך פאַרפרוירן ווערן. מען איז פאַרקראַכן געוואָרן מיט לייז, און דאָס האָט נאָך מער פאַרסמט דאָס לעבן. זיי האָבן געזוכט טיפערע געדיכטענישן, וואָס זאָל זיי כאָטש באַשיצן פון ווינט.

„די גרעסטע פּלאָג אָבער זענען געווען די דייטשע איבערפאַלן. קוים וואָרענען נישט די פויערים און די דייטשן רינגלען פלוצלינג אַרום די פּאַליאַנע איז גאָר געפערלעך. אויפנעמען אַן אָפענעם קאַמף מיט די דייטשן האָט נישט קיין זין. די יידישע פּאַרטיזאַנער זענען געווען אַ קליינע גרופּע, שוואַך באַוואָפנט. בלייבט בלויז איין וועג — אַנטלויפן. מען לויפט

ווו די אויגן טראָגן. געלינגט דורכצורייסן די דייטשע קייט, בלייבט מען לעבן, ווען נישט קומט מען אום.

„אין די רויקע מאָמענטן פירט די גרופּע דורך פאַרשיידענע סאַבאָ־טאַזש־אַקטן. מען צינדט אונטער דייטשע הויפן, מען צעשטערט טעלעגראַף־סלופּעס, מען באַפאַלט דייטשע וואַך־פּאָסטנס, מען שטערט דעם שונא, ווי ווייט מען קען נאָר.

„...פון די ווישקאָווער וועלדער האָבן אָנגעהויבן אָנקומען וואָס אַמאָל אַלץ ערגערע ידיעות. די דייטשע אַבלאַוועס האָבן זיך כסדר פאַרשטאַרקט, דאָס צוזאַמענלעבן מיט די פּוילישע פּאַרטיזאַנער־גרופּעס האָט זיך פאַר־ערגערט. דער קאָרד־ניר־קאָמיטעט האָט זיך דעריבער באַמיט וואָס מער יידישע פּאַרטיזאַנער איינצואָרדענען אין שטאָט אויף „מאַלינעס״. אַ טייל פון דער גרופּע איז אָבער פאַרבליבן אין וואַלד ביז דער באַפרייאונג״.
(לויט „פון ביידע זייטן געטאָ־מויער״ — ז״ז 284־292).

נאָך אַ טאַקטיק פון די יידישע פּאַרטיזאַנער אין פּוילן איז געווען, זיך צו צעשיטן אין די וועלדער אין קליינע גרופּעס צו 10־15 קילאָמעטער איי־נער פון צווייטן. די דאָזיקע טאַקטיק האָט פאַרלייכטערט דאָס אַפּראָוויזאַ־ציע־פּראָבלעם און דער עיקר — אין פאַל פון אַ דייטשן איבערפאַל איז נישט געווען די סכנה, אַז אַלע זאָלן מיט איינמאָל פאַרניכטעט ווערן. דאָס קאָנצענטרירן זיך פון אַ גרויסע גרופּע אויף איין פּלאַץ, וואָלט אויך נישט געקענט בלייבן קיין סוד פאַר דער אַרומיקער באַפעלקערונג, וועלכע וואָלט זיי געקענט אויסליפערן צו די דייטשן.

נחמן בלומענטאַל דערציילט אין זיינע „באַמערקונגען און צוגאָבן צום טאָג־בוך פון יוסטינאַ״ וועגן אַ יידישער פּאַרטיזאַנער־גרופּע אין די וויש־ניצער וועלדער (מערב־גאַליציע) פון וועלכער מיר קענען זיך אויך שאַפן אַ באַגריף וועגן דער טאַקטיק פון די יידישע פּאַרטיזאַנער אין פּוילן:

„הלל וואַידזיסלאַווסקי (פּסעוודאָנים „אַנטעק״) פון וויִשניץ, מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „עקיבא״ אין פּוילן, איז נאָכן טויט פון דאָ־לעקן (דעצעמבער 1942), און אַרעסט פון שימעק און לאַבאַן — געווען דער קאָמאַנדיר פון דער „יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע״ אין קראָקאָווער קרייז.

„הלל האָט אין די וויִשניצער וועלדער צוגעגרייט גוט־פאַרמאַסקירטע בונקערס פאַר די געראַטעוועטע אָרגאַניזאַציע־מיטגלידער און געטאָ־פּליטים. די לעבנגעבליבענע קעמפערריידן וועגן הללן מיט גרויס אַכטונג. ער האָט

זיך פֿאַר זיי ממש מוסר־נפֿש געווען. אין די נעכט פֿלעגט ער פֿון ווייטע געגנט שלעפּן לעבנסמיטלען און בוי־מאַטעריאַלן צו די בונקערס.

„הלל איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ פּאָליצײַ־מונדיר און האָט געהאַט אַ לעגיטימאַציע אויסגעשטעלט אויפֿן נאָמען פֿון אַנטאָני לודוויקאָווסקי, ווישניעצער פּאָליצײַ־קאָמענדאַנט. ער האָט געפּלאַנירט דיווערסיע־אָפּעראַציעס אויף דײַטשע פּאָסטנס און נקמה־אַקטן אויף פּויערים, וועלכע האָבן אַרויסגעגעבן ייִדן. ער האָט זיך פּערזענלעך באַטייליקט אין די אָפּעראַציעס, און אָפֿטמאָל אַן ווען עס איז הילף, אַליין".

(דאָרט, ז' 169).

וועגן די אומשטענדן בײַ וועלכע ער איז געפֿאַלן, דערציילט ירוחם דרענגער, וואָס האָט אויך געלעבט אין הללס בונקער און איז לעבנגעבליבן:

„פֿאַר יום כּיפּורים 1943, איז אין דאָרף קאָראַלאָווקע דערמאָרדעט געוואָרן אַ ייִדיש ייִנגל. הלל מיט צוויי בחורים (פֿרעד און סאַלעק) זענען אַוועק נקמה נעמען פֿון דעם רוצחישן פּויער. בשעת דער אָפּעראַציע איז הללס רעוואָלווער קאַליע געוואָרן און איינער פֿון די פּויערים האָט אים מיט אַן אײַזערנעם שטאַנג געשפּאָלטן די קאָפּ. נאָך דעם בלוטיקן געשלעג, אין וועלכן עס זענען דערהרגעט געוואָרן צוויי פּויערים, איז געלונגען די צוויי בחורים, מיטגייער, אַרויסצונעמען דעם שווערפֿאַרוווּנדעטן הלל און ברענגען אין וואַלד־בונקער. ער האָט געלעבט נאָך עטלעכע טעג. ער איז מיט מיליטערישער צערעמאָניע געבראַכט געוואָרן צו קבורה".

(נחמן בלומענטאַלס באַמערקונגען צום „טאָגבוך פֿון יוסטינאַ" — ז"ז 169, 170).

ווײַזט אויס, אַז די ייִדישע פּאַרטיזאַנער אין פּוילן און גאַליציע איז אויסגעקומען זיך כּסדר צו ראַנגלען מיט פּויערים ייִדן־מערדערס. די הפֿקרות פֿון ייִדישן לעבן האָט אָנגענומען אַזעלכע פֿאָרמען, אַז פֿאַר די ייִדישע פּאַרטיזאַנער איז נישט געבליבן קיין אַנדער ברירה ווי אָנצוהייבן אַן אומברחמנותדיקן קאַמף קעגן די מערדער. נאָר אויף אַזאַ אופֿן האָט מען געקענט האַמעווען די רוצחישע אינסטינקטן פֿון די פּויערים. דער פּויער האָט געדאַרפֿט וויסן, אַז ייִדיש בלוט איז נישט הפֿקר, אַז עס איז דאָ די שטראָפֿנדיקע האַנט פֿון ייִדישן באַוואָפֿנטן פּאַרטיזאַן, וועלכע איז זיך נוקם פֿאַרן אויסגעבן צו די דײַטשן, אָדער פֿײַניקן ייִדישע אומבאַוואָפֿנטע זקנים, פֿרויען און קינדער, וועלכע האָבן געזוכט מחוץ די געטאָ מויערן אַ רעטונגס־אָרט.

אין אָרגאַן פֿון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט גרו־

פירט אַרום זיך די חלוצישע יוגנט פון קראַקאָווער קרייז א״ב „החלוץ הלוחם״ („דער קעמפערישער חלוץ״ — דערשינען אין דער פוילישער שפּראַך), לייענען מיר אונטערן קעפּל „קאַמפּס־טעטיקייט פון דער אָרגאַניזאַציע פון דער קעמפערישער חלוצישער יוגנט״ אין קראַקאָווער קרייז״:

„אין קאַמף פאַרן דערמעגלעכן די עקזיסטענץ פון די רעשטלעך פון פּוילישן יידנטום אין די וועלדער און אין די בערג, איז די יידישע פּאַרטיזאַנקע געצוווּנגען צו ראַנגלען זיך נישט נאָר מיטן הויפּט־שונא, נאָר אויך מיט אַ טייל פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג, וועלכע, זייענדיק פאַרבלענדט פון יידן־שנאה, אַרבעטן זיי מיט, מיטן שונא.

„אין דער פאַרגאַנגענער וואָך זענען אין וואַרשע אויסגעפירט געוואָרן אַ ריי טויט־אורטיילן איבער מוסרים, קאָלאַבאָראַטאָרן מיטן שונא, ביים אויסזוכן די פאַרבאַהאַלטענע אומלעגאַלע יידן. די פאַראורטיילטע רעקרוטירן זיך פון די קרייזן פון דער געוועזענער ענדעציע... אין ראַיטאַווסקער וואַלד זענען דערשאָסן געוואָרן צוויי פויערים פאַר פּרווון אַוועקפירן צו דער פּאָליציי אויסבאַהאַלטענע יידן אין אַ וואַלד־זיעמלאַנקע. די אַרבעט האָבן אויסגעפירט קעמפערס פון דער יידישער אָרגאַניזאַציע פון דער חלוצישער יוגנט. אין די מיעכאָווער וועלדער, דרום־מערב פון דזיאַלאָשיץ, אין דעם דאָרף סאַדעק, זענען בעת דער אָבלאַווע דערשאָסן געוואָרן צוויי לעשניקעס (וואַלד־וועכטערס), אין צייט פון דער שיסעריי זענען געפאַלן פיר פאַרטיזאַנער״.

(„החלוץ הלוחם״ — נומער 33, פרייטיק, 9־10־1943, ז׳ 10).

ווייזט אויס, אַז אונטער דער יידישער פירמע, האָבן פאַרשיידענע פּוילישע באַנדיטישע גרופּעס גערויבט און געמאָרדעט דער פויערישער באַפעלקערונג. אין דעם א״ד אָרגאַן פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע „החלוץ הלוחם״ לייענען מיר אין באַפעל פון דער הויפּט־קאָמאַנדע:

„אַלע פינטעלעך״ וועלן גערופן אַדורכצופירן אַן אויפקלערונגס־אַקציע צווישן דער דאָרפישער באַפעלקערונג, אַז די באַנדיטישע אָנפאַלן אויף דער רויקער באַפעלקערונג, וועלכע האָבן זיך לעצטנס פאַרשטאַרקט, ווערן נישט אויסגעפירט דורך יידן. קיין שום ערלעכער מאַן וועט מצד אונדז נישט אָנגערירט ווערן. מיר רעכענען זיך אָפּ בלויז מיט די, וואָס אַרבעטן מיט מיט די דייטשן און לרעה די קעמפערישע פאַרטיזאַנער, אָדער אַנדערע אויסבאַהאַלטענע יידן״.

(„החלוץ הלוחם״ — נומער 35, פרייטיק, 1־10־1943, ז׳ 9. באַפעל פון דער הויפּט־קאָמאַנדע 60/43).

אויך אין די אַנדערע נומערן פון דער צייטשריפט (געפינען זיך אין „יד ושם“, ירושלים), לייענען מיר וועגן נקמה־אַקטן קעגן קאָלאַבאָראַנטן און יידן־מערדערס.

עס זענען געמאַכט געוואָרן פיל פרווון צו אָרגאַניזירן אין גאַליציע פאַרטיזאַנישע איינהייטן, וואָס זענען באַצייכנט געוואָרן מיטן נאָמען „באַנ־דעס“. אָבער די מיינסטע האָבן זיך נישט געקענט האַלטן און זענען געגצלעך פאַרניכטעט געוואָרן, אָדער זייערע מיטגלידער האָבן זיך צעשפּרייט אין אַלע זייטן און געזוכט רעטונג און באַהעלטענישן, אין בונקערס ביי פויע־רים. אַ סך האָבן פון פאַרצווייפלונג זיך צוריקגעקערט אין די געטאָס, וועל־כע האָבן נאָך דאַן עקזיסטירט.

לויט דער עדות פון ברוך ווידמאַן, האָט אין די סטריער וועלדער (סטאַניסלאַוואָווער קרייז) עקזיסטירט אַ פאַרטיזאַנישער אָטריאַד אונטער דער אָנפירונג פון אוקראַינישן קרימינאַליסט, סטאַש באַבי. אין מאַי 1943, האָט דער אָטריאַד געציילט איבער צווייהונדערט קעמפערס יידן, פון די אַרומיקע געטאָס. נאָכדעם ווי צום אָטריאַד האָבן זיך אָנגעשלאָסן 40 גוט־באַוואָפנטע וולאַסאָווצעס — האָט דער אָטריאַד אָנגעהויבן דורכפירן דרייס־טע דיווערסיע־אָפּעראַציעס.

אָקטאָבער 1943 האָבן די דייטשן אָנגעגריפן מיט האַרמאַטן און עראָפּ־לאַנען דעם זיך־אָרט פונעם אָטריאַד. 66 פאַרטיזאַנער זענען דאַן געפאַלן, פון די לעבנגעבליבענע האָט אַ טייל זיך אַדורכגעריסן דורך דער גרענעץ קיין אונגאַרן און די איבעריקע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די וועלדער און מער נישט אונטערגענומען קיין קאַמפס־אָפּעראַציעס.

אין דער סביבה פון פשעמישל איז געווען טעטיק אַ קליינע פאַרטי־זאַנער גרופּע אונטער דער אָנפירונג פון עדמונד אַדלער, וואָס האָט געפירט כסדרדיקע קאַמפן מיט די דייטשן און זייערע אוקראַאינישע משרתים.

אין די גריזימאַלאָווער וועלדער (טאַרנאָפּאָלער קרייז), איז געווען טע־טיק אַ גרופּע פון דרייסיק יידישע פאַרטיזאַנער אונטער דער אָנפירונג פון הערשל בירנבוים. מיט דער צייט האָבן זיי זיך אָנגעשלאָסן צו אַ רוסישער פאַרטיזאַנער־גרופּע, וואָס איז פון אַ רוסישן עראָפּלאַן דעסאַנטירט געוואָרן אין די וועלדער ביי טאַרנאָפּאָל. צווישן זיי איז געווען אויך אַ ייד, דער

רויטאַרמייער יחזקאל ווערטהיים. זיי האָבן צוזאַמען געקעמפט ביז דער באַפרייאונג.

אין געגנט פון דעם שטעטל באָלעכאָוו איז געווען טעטיק אַ קליינע פאַרטיזאַנער־גרופּע מיטן אינזשעניער מיכל גערשאָווסקי בראש. בשעת קאָוופּאַקס מאַרש צו די קאַרפּאַטן, האָט זיך די גרופּע אָנגעשלאָסן צו זיי.

די שטאַרקסטע יידישע אונטערגרונט־אָרגאַניזאַציע אין מזרח־גאַליציע איז בלי שום ספק געווען די בראָדער, מיט שמואל ווײַלער, יעקב לינדער און שלמה האַלבערשטאַדט בראש. די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין בראָד, וואָס איז אַנטשטאַנען סוף 1942, האָט געשיקט אירע חברים אין די לעבן־ליגנדיקע לעניאַווער און פּאַניקאָוויצער וועלדער צוצוגרייטן אונטערערדישע באַהעלטענישן און בונקערס. עס זענען אויך אויסגענוצט געוואָרן די בונקערס, וואָס די סאָוועטן האָבן איבערגעלאָזט, אין וואַלד.

אין מערץ, 1943, איז אַרויס די ערשטע גרופּע אין וואַלד. נישט געקוקט דערויף וואָס זי איז געווען שטאַרק באַדראָאָט מצד די דייטשן און די אוקראַיניש־שאָוויניסטישע „באַנדעראַ"־באַנדעס, האָט זיך די וואַלד־גרופּע פאַרגרעסערט פון טאָג צו טאָג.

די בראָדער אָרגאַניזאַציע האָט אויך אָרגאַניזירט ווידערשטאַנד־גרופּעס אין די געטאָס און לאַגערן: טאַפּאַראָוו, זלאָטשעוו, קאַזאַקי און סאַסאָוו. די יידישע קעמפער האָבן אויפגעריסן לעבן דאָרף סאַקאָלאָווקע אַ טערפּענטין־פאַבריק און איבערגעפּאַלן די שטיינגרובן אין סאַסאָוו.

גרופּעס לעמבערגער יידן פלעגן אָנקומען מיט אַלע וועגן און אומוועגן כדי זיך אָנצושליסן צו די פאַרטיזאַנער אין די בראָדער וועלדער.

אין ראַפּאָרט פון 30סטן יוני 1943, „לעזונג פון דער יידן־פראַגע אין דיסטריקט גאַליציע" פון ס. ס.־גענעראַל און פּאָליציי־שעף פון דיסטריקט גאַליציע, קאַצמאַן, צו זיין אויבער־געאָרדנטן ס. ס.־פּאָליציי־פירער אין קראָקע, קריגער, ווערט אויספירלעך דערציילט וועגן אַ גרופּע פון 30־20 באַוואָפנטע לעמבערגער יידן, מיט געפעלשטע פּאַר־ און מאַרש־באַפעלן, וואָס האָט זיך דערדעדט מיט 2 דייטשע שאָפערן פון דער לופטגאַו־קאָמאַנדע אין לעמבערג וועגן אַריבערפירן זיי קיין בראָד, פאַרן פרייז פון צוואַנציק טויזנט זלאָטעס.

(דאָקומענט פון נירענבערגער פּראָצעס, 18 — ז' 55).

אין א״ד ראַפּאָרט ווערט דערציילט ווי אַזוי די שאָפערן האָבן פאַר־
נאַרט די 20 יידן און איין פּאָליאַק און זיי אַוועקגעפירט צו דער דינסט־
שטעל פון דער קאָמאַנדע אין לעמבערג, וואָס געפינט זיך ביים בראָדער
שאָסיי. דער באַריכט דערציילט ווי אַזוי מען האָט באַלד די יידן אַנטוואָפנט
און גיט אַן אויספירלעכע באַשרייבונג פון די קאָנפיסקירטע געווער.



Geheime Reichssache!

SS- u. POLIZEIFÜHRER
DISTRIKT GALIZIEN
b.Nr. 41 /43 g.R.-Ch/Pr.-

30. Juni 1943

2 Ausfertigungen
1. Ausfertigung

Betr.: Lösung der Judenfrage in Galizien.
Bezug: Anliegender Bericht.
Anlg.: 1 Bericht (3 Ausfertigungen)
1.Ausfertigung.(gebunden)

An den
Höheren SS-und Polizeiführer Ost
SS-Obergruppenführer und General der Polizei
K r ü g e r - o.V.i.A. -
K r a k a u .

In der Anlage überreiche ich den Abschlußbericht als
1.Ausfertigung über die Lösung der Judenfrage im
Distrikt Galizien mit der Bitte um Kenntnisnahme.

SS-Gruppenführer
und Generalleutnant der Polizei.

באַגלייט־בריוו פון ס.ס.־גענעראַל קאַצמאַן צו זיין אָפּיציעלן באַריכט וועגן
פאַרניכטונג און ווידערשטאַנד פון די יידן אין גאַליציע.
(אַרכיוו פון „יד ושם", ירושלים)

מיר ציטירן דעם אָפיציעלן דאָקומענט, פון וועלכע מיר דערוויסן זיך וועגן טראַגישן סוף פון דער בראָדער פּאַרטיזאַנער־גרופּע אין די וועלדער:

„ביי דער אויספאָרשונג איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז אַ געוויסער ייד, האָראָוויטש, וואָס האַלט זיך אויף מיט אַ גרעסערער גרופּע יידן אין די בראָדער וועלדער האָט אָרגאַניזירט דעם טראַנספּאָרט. דער פּאָליאַק האָט געהערט צו דער ווידערשטאַנדס־אָרגאַניזאַציע „פּפּ״ר״. ער האָט באַצייכנט דעם ייד האָראָוויטש, אַלס הויפּט־פונקציאָנאַר פון פּפּ״ר אין לעמבערג. נאָכן פעסטשטעלן בעתן עדות־פאַרהער דעם זיך־אָרט אין די וועלדער ביי בראָד, איז נאָך דעם זעלבן טאָג (15טן מאַי 1943 — דער מחבר) דער וואַלד־שטח אַרומגערינגלט און „דורכגעקאַמט״ געוואָרן דורך זשאַנדאַרמעריע, אוקראַי־נישע פּאָליציי און 2 קאָמפּאַניעס פון דער ווערמאַכט. דערביי האָט מען זיך אין פאַרשיידענע ערטער אָנגעשטויסן אויף קלענערע באַוואָפנטע „באַנ־דע־טרופּעס״, וועלכע האָבן געלעבט אין בונקערס, נאָך פון די רוסישע צייטן אָפּשטאַמיקע. „די באַנדיטן האָבן אין אַלע פאַלן געמאַכט אַ געבדוויך פון זייער געווער״. אָבער זיי זענען געמאַכט געוואָרן אומשעדלעך. 33 יידישע באַנדיטן זענען דערשאָסן געוואָרן. עס זענען געפונען געוואָרן עט־לעכע אָפּגעשניטענע ביקסן, אויך רוסישע שנעלפייער־געווער און רעוואָל־ווערן. אַ פּוילישער יעגער, וואָס האָט זיך באַטייליגט אין דער אַדורכקאַמונג איז שטערבלעך פאַרוווּנדעט געוואָרן״.

(דאָקומענט פון נירענבערגער פּראָצעס, 18־ — ז״ז, 57, 58).

די יידישע קוועלן באַשטעטיקן די פּרטים פון קאַצמאַנס ראַפּאָרט. שטעלן אָבער פעסט, אַז די דייטשע פאַרלוסטן זענען געווען פיל גרעסערע. די לעבנגעבליבענע פּאַרטיזאַנער האָבן אונטערן דעקמאַנטל פון דער פינצ־טערער נאַכט דורכגעריסן דעם דייטשן קאָרדאָן און ס׳רוב האָבן זיך צוריק אַריינגעגנבעט אין בראָדער געטאָ...

פון דעם א״ד ראַפּאָרט פון ס״ס־גענעראַל קאַצמאַן, דערוויסן מיר זיך אויך, אַז:

„דעם 21טן מאַי 1943, איז געלונגען צו פאַרניכטן אַ יידישע באַנדע ביי ראַווע־רוסקע, וואָס איז געווען אויסגעריכטעט מיט איטאַליענישע 0.8־רעוואָלווערן און. אַז „עטלעכע טעג שפּעטער, דעם 31טן מאַי 1943, זענען בעת אַ דורכקאַמונג פון די וועלדער ביי בוסק, פאַרניכטעט געוואָרן 6 גרעסערע ערד־בונקערס מיט 139 יידישע באַנדיטן״.

(דאָרט, ז׳ 60).

ווייזט אויס, אַז די יידן האָבן אָנגעהויבן זיך צו באַוואָפענען און צע־

לויפן אין די וועלדער אין גרעסערע מאַסן. קאַצמאַנס ראַפּאָרט שטעלט פעסט:

„אין די לעצטע טעג פון חודש יוני 1943, זענען אַריינגעפאַלן פון אין אַלע טיילן פון דיסטריקט גאַליציע אַלאַרמירנדיקע באַריכטן וועגן דער זייד מערנדיקער באַוואָפענונג פון די ייִדן. אין דער זעלבער צייט איז גלייכ־צייטיק אין אַלע טיילן פון דיסטריקט דורכגעפירט געוואָרן אַ פאַרניכטונגס־אַקציע קעגן „יידישן באַנדיטיזם".

(דאָרט, ז׳ 63).

אין די וועלדער פון טלומאַטש (ביי סטאַניסלאַוואָוו) איז טעטיק געווען אַ יידישע פאַרטיזאַנער־„באַנדע", וואָס האָט פאַרלאָזט דאָס געטאָ אין טאָג פון דער ליקווידאַציע. נאָך זייענדיק אין געטאָ האָבן זיי זיך אָרגאַניזירט און דורכגעפירט סאַבאָטאַזש־אַקטן אין דייטשע אונטערנעמונגען. אַנגעטאָן אין ס"ס־מונדירן פלעגן זיי איינאָרדענען כלומרשטע „איבערפאַלן" אויף די אַרומיקע געטאָס, כדי צו אַרעסטירן די יידן און זיי איבערצוזידלען. עס איז איבעריק צוצוגעבן, אַז אָנקומענדיק אין די וועלדער פלעגן זיי די „אַרעסטיר־טע" באַפרייען...

אַ באַדייטנדיקע צאָל יידן איז זיך צעלאָפן אין די וועלדער פאַר און בעתן ליקווידירן די אַרבעטס־לאַגערן אין מזרח־גאַליציע. פיל הונדער־טער יידן זענען זיך צעלאָפן פון די לאַגערן: קוראָוויטשי, לאַצקי, יאַכטאָ־ראָוו, סאַסאָוו א"אַ אַרבעטס־לאַגערן, וואָס די דייטשן האָבן אָרגאַניזירט לענגאויס דעם שאָסיי לעמבערג־טאַרנאָפּאָל כדי צו בויען שאָסייען, בריקן, תבואה־עלעוואַטאָרן אאַז"וו.

אליהו יאָנעס, אַ ווילנער בחור, וואָס איז מיטן מלחמה־אויסברוך מגולגל געוואָרן קיין לעמבערג און שפּעטער אין אַרבעטס־לאַגער קוראָ־וויטשי (היינט צו טאָג אין ישראל), דערציילט אין זיין גבית עדות:

„...23 מאָן זענען מיר אַרויס ביינאַכט און אין עטלעכע שעה אַרום אָנגעקומען אין קראָשענקער וואַלד. דעם זעלבן טאָג איז אונדז באַוווסט געוואָרן, אַז אַלע אַרבעטס־לאַגערן און אויך דער לאַגער קוראָוויטשי זענען ליקווידירט געוואָרן (יולי 1943). מענטשן זענען געשפּרונגען פון די אויטאָ־ביס׳, וואָס האָבן זיי איבערגעפירט קיין יאַכטאָראָוו און פיל זענען זיך צע־לאָפן פון די זאַמדן ביים הריגה־פּלאַץ. ווייל די קליינע אָנוועזנדיקע פּאַ־ליציאַנטן וואָך, האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן מיט אַזאַ גרויסער

צאַל מענטשן. דאָס איז געווען אַ פּאַנישער מאַסן־אַנטלויף. פיל זענען פאַר־וווּנדעט און געהרגעט געוואָרן. אָבער פיל איז אויך געלונגען צו דערלויפן אין די וועלדער. אויך פון קוראָוויטשער פּרויען־לאַגער זענען אַלע געקו־מען צולויפן אין וואַלד, נאָכדעם ווי דער מערדער קעמפּקאַ האָט זיי דאָס דערלויבט, אַ דאַנק דער שתדלנות פון אַ יידישער מיידל, וועמען ער האָט די גאַנצע צייט אַרויפגעצוווּנגען צו לעבן מיט אים.

„דער וואַלד, וואָס האָט זיך געצויגן פון גרושעניקאַ ביז האַנאַטשעוו, איז געוואָרן פול מיט מענטשן, מיט הונדערטער יידן, וואָס זענען אַנטלאָפן פון די אַרבעטס־לאַגערן, פון אַ זיכערן טויט".

דאָרט, ז"ז 73, 75).

לויט עדות זאָגן פון געראַטעוועטע דערוויסן מיר זיך וועגן יידיש־פּאַרטיזאַנישע גרופּן און פאַמיליע־גרופּעס אין פאַרשיידענע אָרטער אין פּוילן און גאַליציע.

אברהם ווייסבראָד דערציילט וועגן אַן ערך 300 יידן, וואָס האָבן געפונען אַ מקום מיקלט אין די וועלדער: קרעגצילאָוו, כמיעליסק, מאַליניק (מזרח־גאַליציע), האָרעס, אָסטראַ־מאָגילער און אָקנער, אַלע אין געגנט פון סקאַלאַט.

לויט אַ רשימה שטעלט ער פעסט, אַז 140 פון זיי זענען אַדורך די מלחמה בשלום.

וועגן די לעבנס־באַדינגונגען אין די וועלדער דערציילט ער:

„אין אָסטראַ־מאָגילער וואַלד האָבן געלעבט אַן ערך 32 יידן. נאָענט פון דעם וואַלד האָט זיך געפינען אַ קליין דערפל פון סך הכל 13 הייזלעך. ווען עס פלעגט נאָר נאַכט ווערן פלעגט עמעצער פון די גוט־באַקאַנטע פויערים געבן אַ ליכט־סיגנאַל, אַ סימן, אַז קיין דייטשן זענען נישטאָ און די יידן פלעגן זיך אַרייַנכאַפּן אין דאָרף צו באַזאָרגן זיך מיט שפּייַז און שוטל זיך אומקערן אין וואַלד אַרייַן צו זייערע בונקערס. די דאָרף־באַפעל־קערונג האָט זיך פריינטלעך באַצויגן צו די יידן און זיי מיטגעהאָלפן מיט אַלעם מעגלעכן. ווען עס פלעגן אין דערפל אָראָפּקומען דייטשן אָ־ער אוקראַיִנישע מיליציאַנטן, פלעגן זיי תיכף צושיקן געבן אין וואַלד און די יידן פלעגן אַוועקוואַנדערן אין אַן אַנדער וואַלד".

(„עס שטאַרבט אַ שטעטל — מגילת סקאַלאַט", — ז' 144).

די יידן אין די אַנדערע וועלדער פון סקאַלאַמער קרייז האָבן געהאַט ווייניקער מזל. אין כמיעליסקער וואַלד האָבן איבערגעלעבט די מלחמה פון 52 יידן בלויז 6. אין מאַליניקער וואַלד האָבן איבערגעלעבט פון 40

מענטשן בלויז 11. די איבעריקע זענען אומגעקומען בעת אַבלאַוועס, פון הונגער און קעלט.

די ייִדן אין די סקאַלאַטער וועלדער האָבן געלעבט אין קליינע גרו־פעס אין אונטערערדישע בונקערס און פלעגן אָפט איבערוואַנדערן אין אַנדערע ערטער, כדי צו פאַרווישן זייערע שפורן, אַ טייל פלעגט זיך אַ קורצע צייט אויך אויסבאַהאַלטן פאַר אַ געהעריקער ביי פּויערים אין די דערפער...

דער גרעסטער טייל פון די אַנטלאָפענע אין די וועלדער האָט זיך געראַטעוועט פון סקאַלאַטער אַרבעטס־לאַגער, אַ דאַנק דעם שופאָ־פּאָלי־ציסט, מאַראַלד, אַ דייטש, וואָס איז געווען אונטערגעקויפט און האָט גע־האַלטן זיין צוזאָג צו וואָרענען פאַר אַן אָנקומענדיקער שחיטה (28טן יולי, 1943).

אין „יזכור־בוך פון דער זשעלעכאָווער ייִדישער קהילה" געפינען מיר אין דער אָפּטיילונג „אין פאַרטיזאַנער מחנות" אייניקע גבית עדותן פון זשעלעכאָווער פאַרטיזאַנער, וואָס האָבן זיך אָרגאַניזירט אונטער דער אָנ־פירונג פון צוויי רוסישע קריגס־געפאַנגענע: סעראַפים און איוואַן און אַ ייִדישע גרופּע אונטער דער אָנפירונג פון שמילקע אַשליאַק. זיי האָבן געפאַרטיזאַנעוועט אין די וועלדער: דאָמבראָווער, גיליוווער א"אַ.

שלום שטיינהענדלער (היינט אין פוילן) דערציילט בקיצור וועגן די קאַמפן פון דער ייִדישער גרופּע:

„די ערשטע שלאַכט־טאַט איז געווען דאָס אַנטוואָפענען די דייטשע פּאָליציי־פּאָסטנס אין די דערפער: זלאָטשעוו, יאַרטשעוו און מיסלאַווא (זשע־לעכאָווער געגנט). צוזאַמען מיט די רוסן האָבן מיר געגומען נקמה אין פּראָוואָקאַטאָרן, דורך וועמענס הענט עס זענען אומגעקומען אַ סך פון אונדזערע בני עיר. צו דער טעטיקייט דאַרף מען צורעכענען: דאָס אויפ־רייסן אַ דייטשן צוג מיט אַמוניציע ביי דער סטאַנציע גאָלאָמב, נישט ווייט פון דעמבלין. דער צוג איז געגאַנגען אויפן מזרח־פראָנט; דאָס פונאַנדער־לאָזן אַ לאַגער פון 200 אַרעסטירטע; דעם גרויסן קאַמף, וואָס מיר האָבן געפירט ביים שטעטל קוראָוו, בעת וועלכן עס זענען דערהרגעט געוואָרן פינף זשאַנדאַרמען און אייניקע פּאָליציאַנטן, צווישן זיי אויך באַראָווסקי — דער קאָמאַנדאַנט פון שטעטל, דער אומיטלבאַרער אויספירער פון טראַנס־פּאָרטירן די קוראָווער יידן קיין טרעבלינקע.

(דאָרט, „אונדזער קאַמף מיט די דייטשן" — ז"ז 262־263).

יאָסל לוקאָוויעצקי (היינט אין קאָסטאַ ריקאַ), וועלכער איז אַנטלאָפן פון זשעלעכאָווער געטאָ אין די דאָמבראָווער וועלדער ענדע פעברואַר 1943, דערציילט וועגן נאָך קאַמפּס־אויפגאַבעס וואָס די זשעלעכאָווער פּאַרטיזאַנער האָבן אַדורכגעפירט:

„דערוויסנדיק זיך, אַז די דייטשן וועלן דורכפירן אַ צוג מיט קרבנות קיין אָשוויענטשים האָבן מיר ביי דער סטאַנציע לעאָפּאָלדאָוו באַשאָסן דעם לאָקאָמאָטיוו. דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַ גרויסער טייל פון די קאַנדידאַטן קיין אָשוויענטשים (פּאָליאַקן) זענען זיך צעלאָפן און צוגע־שטאַנען צו אונדזער גרופּע".

„צוליב דעם וואָס די טשעכאָטשינער פּאָליציי האָט געכאַפּט אַ סך יידן און דערשאָסן, האָבן מיר באַשלאָסן אויסצופירן אַן אַקציע איבער דער פּאָליציי. 21 פּאַרטיזאַנער זענען אָנגעפאַלן אויפן פּאָליציי־פּאָסטן, באַשאָסן אַזוי לאַנג, ביז ער האָט זיך געמוזט אונטערגעבן. מיר האָבן די זיבן פּאָ־ליציאַנטן אויסגעטאָן נאַקעט און צוגענומען דאָס געווער".

(„יזכור־בוך פון דער זשעלעכאָווער יידישער קהילה" — ז' 266).

ער דערציילט אויך וועגן אָנפאַל פון אַ יידישע און רוסישע פּאַרטי־זאַנער־גרופּעס אונטער דער אָנפירונג פון קאַפּיטאַן איוואַן, אויף אַ הויז ווו עס האָבן זיך געפונען דייטשע פּליער (דאָרט, ז' 265) און אַ ריי אַנדערע דערפאָלגרייכע אָפּעראַציעס.

דאַקעגן מענדל גערעכט (היינט אין ישראל) דערציילט וועגן נקמה אַקטן, וואָס די זשעלעכאָווער יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן אַדורכגעפירט אי־בער יידן־מערדערס, א. ק.־לייט, וואָס פלעגן מאָרדן די אומבאַוואָפנטע יידן, וואָס זענען אָנגעלאָפן אין די וועלדער (דאָרט, — ז"ז 269־270).

די זשעלעכאָווער יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן געטיילט דעם זעלבן גורל, וואָס די איבערוויגנדיקע מערהייט יידישע פּאַרטיזאַנער אין פּוילן. שלום שטיינהענדלער רעזומירט:

„אין יאָר 1944, פאַר דער באַפרייאונג האָבן מיר געהאַט גרויסע פאַר־לוסטן. די עיקר סיבה, וואָס מיר זענען געבליבן אָן דער אויפזיכט פון אונדזערע דערפאַרענע רוסישע פירער: סעראַפּים און איוואַן. מיר האָבן געליטן איין מפּלה נאָך דער צווייטער. אין קאַמף אונטער אָקזשעיאַ זענען אומגעקומען פופצן גוט־באַוואָפנטע יידישע פּאַרטיזאַנער. אין קאַמף אונטער טשעכאָמין איז אומגעקומען כמעט די גאַנצע אָפּטיילונג, אָנגעפירט דורך די ברידער מאַקס און סערגיי. פיל זענען געפאַלן בעת אַן אָבלאַווע אין די

גילעווער וועלדער. עס האָבן איבערגעלעבט בלויז יחידים. די פּאַרטיזאַנער האָבן נישט דערלעבט דעם נצחון איבערן שונא און די פרייהייט, וועגן וועלכער זיי האָבן געחלומט".

וועגן דער עקזיסטענץ פון ייִדישע פּאַרטיזאַנער־גרופּעס דערציילן: אסתר פעפער (יאָזעפאָווער וועלדער ביי בילגאָריי), יוסף עלמאַן (וועלדער ביי פּרוזשאַן), ניסענבוים (ראַווא־מאַזאָוויעצקער געגנט), רודאָלף און אָסקאַר צוקהאַפּט (פּיליצער געגנט), געסיע פּרימאַן (זשעשאָווער קרייז) און אַדאָלף וואָלפגאַנג (קאַרפּאַטן־בערג).

פאַראַן עדות וועגן אַ ייִדישער גרופּע אין דער געגנט פון ראַדאָמישל (קראָקאָווער קרייז), וואָס האָט געציילט אַן ערך הונדערט פופציק ייִדן, אונטער דער אָנפירונג פון ראָמאַן אַמסטערדאַם. דעם 27טן דעצעמבער 1944, האָבן זיי דורכגעריסן די פראָנט־ליניעס אין דער ריכטונג פון דער אָנגרייפנדיקער רויטער אַרמיי.

געצל ווייסבערג (שעדלעץ) זאָגט עדות, אַז ער האָט צוזאַמען מיט נאָך פינף און צוואַנציק סאַרנאַקער ייִדן זיך באַהאַלטן אין בונקערס אין די וועלדער ביז צו דער באַפרייאונג. ניין ייִדן זענען דערהרגעט געוואָרן דורך צוויי אָנפאַלן פון דער פּאָליציי אין די חדשים מאַי־נאָוועמבער, 1943.

אַ קליינע גרופּע ייִדישע יוגנטלעכע פון שידלאָוועצ (ביי ראַדאָם), וואָס איז נאָך דער ליקווידאַציע פון געטאָ (23־9־1942) איבערגעלאָזט און אָפּגעשיקט געוואָרן אין אַרבעטס־לאַגער, האָט באַלד אָנגעהויבן צו אָרגאַ־ניזירן דאָס אַנטלויפן אין די וועלדער. זיי זענען אַוועק אין די לאַזשיצקער וועלדער (צווישן פּשיסכע און ראַדאָם). זייער קאָמאַנדיר איז געווען ד"ר אַברהם פינקלער.

אַ גרופּע פון ניין און צוואַנציק אָסטראָווצער (קעלצער קרייז) ייִדן איז אַרויס אין די אַרומיקע וועלדער אונטער דער אָנפירונג פון דוד קעמ־פּינסקי. זיי האָבן באַקומען פינאַנסיעלע הילף פון דער ייִדישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע („זש. אָ. ב.") אין וואַרשע, אויף וואָפן־איינקויף דורך דער קורירין פראַנקאַ ביטאַס (געכאַפּט און דערהרגעט געוואָרן דורך די דייטשן). די גרופּע האָט וואָס ווייטער זיך אַלץ מער פאַרקלענערט, אַלס רעזולטאַט פון די כסדרדיקע איבערפאַלן פון דער אַנטיסעמיטישער „אַ. ק." און פון די דייטשן. איינמאָל, נאָך אַ שטאַרקן אָנגריף פון אונגאַרישע מילי־

טער־אפטיילונגען (דעצעמבער 1944), זענען איבערגעבליבן פון זיי בלויז פינף מענטשן.

יעקב פייערבערג דערציילט אין בוך „מגילת גלינע" (א שטעטעלע לעבן לעמבערג):

„...ווען מען האט אנגעהויבן אוועקצופירן אין די לאגערן האט א טייל פון דער יוגנט זיך ארגאניזירט אין א זעלבסט־שוץ און אנטלאפן אין די וועלדער פון דער געגנט פרעמישלאן, כאנאטשאוו, דינאיעוו א"א וועלדער א סעקציע פון 90 יידן האבן זיך געפונען אין א וואלד. פון זיי זענען געבליבן לעבן בלויז אכט.

(דארט — ז' 263).

א סך יוגנטלעכע, וואס האבן זיך ארומגעשלייכט אין די מזרח־גאליציעע וועלדער האבן זיך אנגעשלאסן אין קאוופאקס אטריאד. קאוופאק — בעת זיין גרויסן מארש פון פוטיוואל ביז צו די קארפאטן בערג און אויף זיין צוריקוועגס דורכן פאדאליער סטעפ קיין פאלעסיע — האט אויפגענומען אין זיין פאראייניקונג א סך פארטיזאנישע קלענערע און גרעסערע גרופעס, ווי אויך איינצלנע, מערסטנסטייל יידן, וואס האבן זיך אויסבאהאלטן אין די וועלדער אן יעדע הילף מצד דער באפעלקערונג. פארפאלגטע פון דייטשן און פאליציסטן, באנדערא־באנדעס און רוצחישע אוקראינישע פויערים, האבן זיי געשטרעבט אויפגענומען צו ווערן אין קאוופאקס פאראייניקונג. ווען־עמענס מוטיקע העלדן־טאטן, דרייסטער מארש אין טיפסטן פיינטלעכן הינטערלאנד און די אויסערארדנטלעך וויכטיקע אויפגאבע, האבן אים געקרוינט מיט א לעגענדארן ארעאל (יולי, 1943). קאוופאק איז אבער געווען אן איבערקלייבער און אויפגענומען אין זיינע רייען נאר געזונטע, יוגנטלעכע. פון י. פייערבערגס דערציילונג דערוויסן מיר זיך, אז קאוופאק האט מסכים געווען צוצונעמען בלויז פיר פון די פערציק חברים, פון דער „אשנדארף־באנדע", וואס האבן זיך געוואלט צו אים אנשליסן.

אויך אברהם ווייסבראד, אין זיין בוך „עס שטארבט א שטעטל — מגילת סקאלאט", דערציילט, אז קאוופאק האט נישט געוואלט, בעת זיין אדורכמארש דורך די סקאלאטער וועלדער, אויפנעמען די מענטשן פון הערשקעס „באנדע" צוליב די קאמפס־אומפעיקע, וואס האבן זיך דארט געפונען.

משה קאַגאַנאָוויטש

„...האַלט נאָר אויס, עס וועט שוין לאַנג נישט געדויערן, מ'ירן אייך באַפרייען" — האָבן זיי געטרייסט די יידן און זיך ווייטער געגאַנגען זייער וועג.

(דאָרט — ז' 166).

נאָך דער שטאַרקער דייטשער בלאָקאַדע, ווען גרויסע דייטשע כוחות האָבן קאָוופּאַקן אָפּגעשניטן יעדע מעגלעכקייט פון באַוועגונג און צוריק־ציִען זיך — זענען אויסגעבראָכן העפטיקע שלאַכטן ביים פאָרסירן דעם טייך לאָמניצע און לעבן דער שטאָט דעלאַטין (אויפן טייך פּרוס). אין די דאָזיקע קאַמפן זענען געפאַלן פיל יידישע יוגנטלעכע, וואָס האָבן זיך צו אים אָנגעשלאָסן בעת זיין מאַרש, און כמעט אַלע פון די באַפרייטע פון סקאַלאַטער געטאָ.

די מיינסטע פאַרטיזאַנישע גרופּעס אין מזרח־גאַליציע האָבן געהאַט אַ כאַראַקטער פון פאַמיליע־לאַגערן.

אין קאַפּיטל „יידישע פאַמיליע־לאַגערן אין די וועלדער" האָבן מיר דערציילט, לויט רוסישע קוועלן, וועגן דריי פאַמיליע־לאַגערן אין די וועל־דער פון מזרח־גאַליציע: אין די האַנאָוויטשער וועלדער, אין דער אומ־געגנט פון בראָד (לויט מעדוועדיעוו), דעם פאַמיליע־לאַגער פון לערך הונ־דערט יידן אין „שוואַרצן וואַלד" ביי סטאַניסלאַוואָוו (לויט וואָרשיגאָראַ); און אַכציק יידן וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די פּיאַניצער וועלדער אין דער סביבה פון לעמבערג (לויט פּערלין).

אליהו יאָנעס שילדערט אין זיין גבית עדות ווי אַזוי מען האָט גע־לעבט אין די כאַנאַטשעווער (מזרח־גאַליציע) וועלדער:

„...פון דער פּראַקטיק, וואָס מ'יר האָבן געהאַט פון די אַבלאַוועס האָבן מיר געוווּסט, אַז עס איז זיכערער צו צעשיטן זיך אין קלענערע גרופּעס. די אָרגאַניזירונג אין גרופּעס איז געווען לויט די חברישע באַציונגען און משפחה־אָנגעהעריקייט. יעדע גרופּע האָט זיך באַמיט צוליב זיכערקייטס־טעמים, זיך צו דערווייטערן פון די אַנדערע גרופּעס.

דעם אַריינגאַנג אין בונקער פלעגן מיר פאַרמאַסקירן מיט אַ קאַסטן זאַמד, וועלכן מיר פלעגן אויפהייבן און אַראָפּלאָזן ביים אַריין און אַרויס־גיין, אַזוי, אַז אויבן איז גאָרנישט געווען קענטיק, אַז אונטער דער ערד געפינען זיך מענטשן. דעם אַריינגאַנג אויבן פלעגט מען אויך פאַרמאַסקירן מיט צווייגן, גריניס אאַז"וו, כדי מען זאָל נישט דערקענען פון דער נאָענט דעם אַריינגאַנג. דאָס פּראָבלעם איז געווען ווי צוצוקומען צום קאַסטן,

בעתן אַריינגיין אין בונקער און נישט איבערלאָזן נאָך זיך קיין סימנים און שפּורן. באַזונדערס איז עס געווען שווער ווינטער, נאָכן אַרויספאַלן פון די שנייען. אויך צוליב דעם איז מען געווען פאַראינטערעסירט זיך צו גרופּירן אין קלענערע גרופּעס. בלויז אין די נעכט פלעגט מען אַרויס־גיין אין די נאָענטע דערפער זיך צו פאַרשאַפן שפּייז („סקאָקן" — שפּרונ־גען). בייטאָג פלעגט מען ליגן אין די בונקערס".
(דאָרט — ז"ז 83־88צ).

יאָנעס דערציילט, אַז די „באַנדעס", וועלכע האָבן זיך פאַרזאָרגט מיט שפּייז דורך אָנפאַלן (זיי זענען געווען טיילווייז באַוואָפנט), האָבן ווינטער־צייט, ווען עס איז געווען געפערלעך צו מאַכן „סקאָקן" אין די אַרומיקע דערפער, אויך געמאַכט אָנפאַלן אויף בונקערס, וווּ עס האָבן געלעבט רייכע ייִדן און זיי באַרויבט.

פרילינגס־צייט האָבן אַ טייל צעוויקטע בונקערס זיך איינגעשאָטן און באַגראָבן אונטער זיך זייערע איינוווינערס און דאָס האָט געצווונגען אַרויסצוגיין אויף דער אויבערפלאַך און זיך איינאָרדענען אין ביידלעך, געמאַכטע פון צווייגן.

אַזוינע פאַמיליע־לאַגערן — קליינע יידישע גרופּעס, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין גוט־פאַרמאַסקירטע אונטערערדישע בונקערס מיט גע־ציילטע ביקסן און פּיסטאָלעטן, פאַרבונדן מיט פאַרטרוילעכע, גוט־באַלוינטע פּויערים, וואָס האָבן זיי באַזאָרגט מיט שפּייז און איבערגעגעבן אינפאָר־מאַציעס, זענען געווען נישט ווייניק אין די וועלדער און וועלדלעך פון גאַליציע און קאָנגרעס פּוילן.

ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, איז די לאַגע פון די יידישע פּאַרטיזאַנער אין יענע געגנטן, וווּ עס האָבן זיך געפונען די לינקע „א. ל."־פאָרמאַציעס געווען אַ פּיל בעסערע. די „א. ל."־פּאַרטיזאַנער זענען געווען קאָנצענטרירט אין די לובלינער, פּאַרטשעווער און קעלצער וועלדער, בעיקר אָבער, ווי געזאָגט, האָט זיך די באַוועגונג פאַרשטאַרקט ערשט סוף 1943, מיטן אָנקו־מען קיין פּוילן פון סאָוועטישע אָטריאַדן. די ייִדן, וואָס זענען אַנטלאָפן אין די וועלדער שוין אין יאָר 1942, האָבן געהאַט אויסצושטיין גענוג צרות און פּיין ביז וואַנען זיי האָבן זיך געקענט אָנשליסן אין דער פּוי־לישער „א. ל.".

משה קאַגאַנאָוויטש

וועגן דעם דערנער־וועג פון די יידן אין די לובלינער וועלדער און די פאַרטיזאַנער גרופּעס, וואָס זענען דאָרט אַנטשטאַנען, דערציילן אונדז די פאַרטיזאַנער: מיכאל לאָטערשטיין, מאָטל שטערנבליך, אלתר ראָסעט א״אַ, אין זייערע גבית עדותן, פאַרעפנטלעכטע אין „דאָס בוך פון לובלין״. מאָטל שטערנבליך פון לובלין, וועלכער האָט געאַרבעט די גאַנצע צייט ווי אַ פאַרבינדונגס־מאַן פאַר די פאַרשידענע פאַרטיזאַנער־גרופּעס, דערציילט:

„די ערשטע פאַרבינדונג מיט פאַרטיזאַנער האָב איך געהאַט אַרום סוכות 1942. צו יענער צייט האָבן אין די אָסמאָליצער וועלדער געוווינט אַנטשטיין די ערשטע גרופּעס פון יידישע פאַרטיזאַנער. ס׳רוב זענען זיי אַנטשטאַנען נאָכן דייטשן באַפעל אין האַרבסט 1942, אַז די יידן פון די קליינע שטעטלעך פון לובלינער קאַנט דאַרפן זיך צושטעלן קיין בעלזשעץ.
„די ערשטע יידישע פאַרטיזאַנער גרופּע, וואָס האָט געציילט עטלעכע און צוואַנציק מאַן איז אָנגעפירט געוואָרן דורך אַ לובלינער בחור וועמען מיר האָבן גערופן צדוק (זיין פאַמיליע נאָמען געדענק איך ליידער נישט). זיי האָבן זיך פאַרבונדן מיט אַ פאַרטיזאַנער־באַנדע, וואָס האָט געהערט צו דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ״ און צוזאַמען דורכגעפירט עטלעכע איבערפאַלן אויף דייטשן אין די זשאַבע־וואָליער, אַסמאָליצער, פּיעטרעוויצער און טשי־ווער־וועלדער. זיי האָבן אויך דורכגעפירט אַן איבערפאַל איבערן פאַר־וואַלטער פון זשאַבע־וואָליער גוט, אַ דייטש — אַ רוצח.

„צוויי וואָכן נאָכן איבערפאַל האָבן צדוק און אַ טייל פון זיינע חברים געהאַט אַ צוזאַמענטרעף מיט דער א״ד באַנדע פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ״, כדי צו באַקומען געווער. זיי האָבן אויפגענומען די יידישע פאַרטיזאַנער, טראַקטירט מיט פאַרסמטן בראָנפן און דערנאָך זיי אויסגע־שאָסן״.

(„דאָס בוך פון לובלין״ — ז״ז 549־550).

שטערנבליך דערציילט אויך וועגן אַ צווייטער פאַרטיזאַנער גרופּע וואָס האָט געציילט 12 אַנטלאָפענע סאָוועטישע קריגס־געפאַנגענע און אַ 60 יידן (ס׳רוב פון קראַשניק, לובלין און סביבה), אונטער דער אָנפירונג פון אַ לובלינער בחור, וועמענס נאָמען ער געדענקט אַפילו נישט גענוי, יאַנעק שפרינגער אָדער זינגער. (לויט אַנדערע קוועלן דערוויסן מיר זיך, אַז ער האָט געהייסן, יאַנעק זינגער — דער מחבר).

דאַקעגן וויים שטערנבליך פיל צו דערציילן וועגן העניעק צימערמאַן — דער „אָנפירער פון די בעסט־אָרגאַניזירטע און אַקטיווסטע יידישע פאַר־

טיזאַנער־גרופּע אין יענער צייט". הגם די גרופּע איז געווען אַ קליינע (12־20 מאַן, מיינסטנס לובלינער), איז זי אָבער געווען גוט באַוואָפנט, אַדורכגעפירט נקמה־אַקטן, איבער פויערים — יידן מערדערס, געשיצט און געזאָרגט פאַר דער באַשפּייזונג פון די יידן, וואָס האָבן זיך אַרומגעשלייכט אין די דערפער און וועלדער צווישן לובלין און ביכאַווא:

„העניעק צימערמאַן זאָל האָבן דערשאָסן די 7 מאַן פון דער באַנדע, וועלכע האָבן געהרגעט צדוקן און זיינע חברים. ער האָט צונויפגענומען יידישע יונגעלייט, אויסבאַהאַלטענע אין די וועלדער.

ער האָט אָנגעזאָגט אין אַלע אַרומיקע דערפער, אַז יעדער, וואָס וועט אַרויסגעבן אַ ייד, וועט ווערן דערשאָסן און זיין הויז פאַרברענט. ווען דער פויער באַלטשוק אויף טישעווער מיידאַן האָט אַרויסגעגעבן דעם אָסמאָליצער ייד, יואל, האָט העניעק צימערמאַן אונטערגעצונדן זיין הויז. באַלטשוק האָט פּרובירט אַנטלויפן, אָבער די פּאַרטיזאַנער האָבן אים געכאַפּט, דערשאָסן און אַוועקגעלייגט אויפן וועג מיט אַ צעטל: „דערשאָסן פאַר האָבן אויסגעגעבן אַ ייד.

ער האָט אויך געזאָרגט פאַר דער פּראָוויאַנטירונג פון די באַהאַלטענע יידן. ער האָט איין מאָל באַפוילן די פויערים פון מיידאַן־דעמבינסקי, אַרויסצושטעלן יעדע נאַכט טעפּ מיט געקאָכטע קאַרטאָפל נישט ווייט פון זייערע הייזער.

אָנהייב 1943, האָט העניעקס גרופּע דורכגעפירט אַן איבערפאַל אויפן קאָמיסאַריאַט פון דער פּוילישער פּאָליציי אין פּיעטרעוויטש און צוגענומען דאָס געווער ביי די 7 סטאַציאָנירנדיקע פּוילישע פּאָליציאַנטן. ער פלעגט אָנפאַלן אויף קליינע פּאָליציי־פּאָסטנס, איינאָרדענען לויערונגען אאַז"וו. געפאַלן סוף זומער, 1943, בעת אַ דייטשע שטראָף־עקספּעדיציע קעגן דאָרף מיידאַן־דעמבינסקי, ווו ער איז צופעליק מיט זיין גרופּע געווען. נאָך אַ האַרטנעקיקן קאַמף, וואָס האָט געדויערט אייניקע שעה, איז ער שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן, שוין זייענדיק ביים אַריינגאַנג אין וואַלד, און שפּעטער געשטאָרבן".

(„דאָס בוך פון לובלין" — ז"ז 550־551).

וועגן זיין דרייסטקייט און אומדערשראָקנקייט דערציילט אויך אין זיין

משה קאַגאַנאָוויטש

גבית עדות יוסף טייטלבוים פון לובלין, וואָס האָט געהערט צו זיין גרופע און איבערגעלעבט די מלחמה.

וועגן דער פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונג אונטער דער אָנפירונג פון מרדכי (מאַרטשינעק), אַן איינוווינער פון שטעטל מאַרקושאָוו, דערציילט אונדז אַן אויסבאַהאַלטענער ייִד אין יענער סביבה:

„אין דער געגנט פון דאָרף פּלאַשאָוויצע (הינטער לובלין) האָבן עטלעכע ייִדן געבילדעט אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע אונטער דער אָנפירונג פון אַ געוויסן מרדכי, וועלכן מען האָט גערופן מאַרטשינעק פון מאַרקושאָוו. דער דאָזיקער מאַרטשינעק מיט זיין פּאַרטיזאַנער־גרופּע, אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען לובלינער, האָט געמאַכט כסדרדיקע איבערפאַלן אויף די פּויערים און געצוווּנגען זיי צוגעבן געווער און שפּייז. די פּויערים האָבן געמוזט די באַפעלן אויספירן, אָבער גלייכצייטיק געזוכט אַ מיטל, ווי אַזוי פון אים פּטור צו ווערן.

„אין אַ געוויסן טאָג, ווען די גאַנצע גרופּע האָט זיך געפונען ביי אַ פּויער אין הויז, האָט דער לעצטער אַרויסגעשיקט זיין טאָכטער צו די דייטשן, בכדי זי זאָל זיי איבערגעבן וועגן אַ מעגלעכקייט צו פאַרניכטן די פּאַרטיזאַנער.

„די ס״ס־לייט האָבן תיכף אַרומגערינגלט דאָס הויז און אָנגעהויבן צו באַשיסן מיט מאַשין־געווער די פּאַרטיזאַנער. בלויז מאַרטשינעקן, דעם אָנפירער, איז געלונגען אַרויסצובאַקומען זיך פון דעם פייער און פאַרבאַהאַלטן זיך אין אַ שכנותדיקער סטאַדאָלע.

„די דייטשן האָבן נישט וועלנדיק שאַדן די אַרומיקע פּוילישע פּויערים, נישט אונטערגעצונדן די סטאַדאָלע און איבערגעלאָזט די פּויערים גופא אויף דער וואָך מיט דער אויפגאַבע צו דערהרגענען מאַרטשינעקן, ווען ער וועט נאָר אַרויס פון שייער... ווען מאַרטשינעק האָט געזען די דייטשן אַוועקגיין, איז ער אַרויס פון דער סטאַדאָלע. די פּויערים האָבן זיך געוואָרפן אויף אים מיט העק און קאָסעס, אָבער מאַרטשינעק האָט מיט אַ פּאָר גראַנאַטן, וועלכע ער האָט געהאַט ביי זיך, אומגעבראַכט אַן ערך פופצן פּויערים און געצוווּנגען די רעשט צו אַנטלויפן. דאַן האָט ער אויס נקמה אונטערגעצונדן עטלעכע פּויערישע הייזער (מאַרטשינעק האָט איבערגעלעבט די מלחמה)".

(אלתר ראָסעט — „דאָס בוך פון לובלין" — ז״ז, 553־554).

מיכאל לאַטערשטיין, וועלכער האָט געלעבט אין די זעלבע וועלדער דערציילט אויך וועגן אַ גרופּע אונטערן אָנפיר פון אַ מאַרקושאָווער בחור. ביי אים הייסט ער קערשענבלאַט. אָבער דאָס וואָס ער דערציילט איז אַזוי

ענלעך צו דער עדות פון אלתר ראַסעט, אַז מען דאַרף אָננעמען, אַז דאָס איז דער זעלבער מרדכי (מאַרטשינעק):

„אין דער זעלבער צייט איז אין אונדזער געגנט געווען נאָך אַ גרופּע אונטער דער אָנפירונג פון מאַרקושאָווער בחור, קערשענבלאַט. די גרופּע האָט געציילט 12 מאַן, אָפּערירט נישט ווייט פון אונדז, אָבער נישט לאַנג זיך געהאַלטן. אין דעצעמבער 1942, אָדער אין יאַנואַר 1943, זענען זיי געווען איינגעקוואַרטירט ביי אַ פּויער, וועלכער, האָט זיי פאַרראַטן. פון די 12 מאַן זענען צוויי געפאַלן אין קאַמף קעגן די דייטשן, קערשענבלאַט און נאָך איינער האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין אונדזער גרופּע".

(„דאָס בוך פון לובלין — ז' 558).

אין די לובלינער וועלדער האָבן זיך אַרומגעדרייט נאָך קליינע פאַרטיזאַנישע גרופּעס אונטער דער אָנפירונג פון דזשיסעק, יאַנעק זינגער, קליינמאַן, אפרים בלייכמאַן, מאַרטשינעק א"אַ. אָבער לויטן עדות־זאָגן פון מאָטל שטערנבליק, איז בלויז די גרופּע פון העניעק צימערמאַן געווען אַן אַקטיוו־קעמפּערישע:

„...בכלל זענען די פאַרטיזאַנער־גרופּעס, וועלכע כ'האָב געקענט אין די יאָרן 1942־1943, אין די אָסמאָליצער וועלדער, געווען קלענערע, איזאָלירטע גרופּעס, וועמענס ציל עס איז געווען, נישט אַזוי צו פירן קריג קעגן די אָקופּאַנטן, ווי צו באַשיצן אויף אַן אַקטיוון, באַוואָפנטן אופן דאָס אייגענע לעבן. נאָר העניעק צימערמאַן האָט פּרובירט אויסברייטערן די דאָזיקע טעטיקייט, שטעלנדיק זיך אַלס ציל צו באַשיצן די יידן (אויסבאַהאַלטענע אין די אַרומיקע דערפער)".

(„דאָס בוך פון לובלין" — ז' 551.)

אויך מיכאל לאַטערשטיין דערציילט ענלעכעס וועגן די ערשטע טעג אין די קאָזלאָווקער וועלדער (7 קילאָמעטער פון לובאַרטאָוו, לובלינער געגנט):

„מיר זענען געווען אין גאַנצן 7 מאַן און האָבן געהאַט 4 ביקסן מיט בסך־הכל 20 קוילן פאַר אַלעמען. פון וועלכע נישט איז גרעסערע אַקציעס, האָט נישט געקענט זיין קיין רייד. אונדזער טעטיקייט איז געווען געווענדט קודם־כל צו באַזאָרגן עסן. מיר פלעגן אַרויסגיין פון וואַלד נאָר ביינאַכט".

(דאָרט — ז' 557).

די יידישע פאַרטיזאַנער באַוועגונג איז די לובלינער וועלדער האָט אין דעצעמבער 1942, באַקומען אַ באַדייטנדיקע פאַרשטאַרקונג מיטן אַנ־

קומען פון אַן ערך 100 יידישע קריגס־געפאַנגענע פון דער פויליש־דייטשער מלחמה (1939), וואָס זענען אַנטלאָפן פון געפאַנגען־לאַגער אויף דער ליפאָווא־גאַס אין לובלין.

בערנאַרד שווארץ, איינער פון די אַנטלאָפענע קריגס־געפאַנגענע, דערציילט וועגן זייער מאַסן־אַנטלויפן אין זיין גבית־עדות:

„...מען האָט פון אונדז אַלע מאָל אַרויסגעפירט גרעסערע גרופּעס מענטשן און מער האָבן מיר זיי צוריק נישט געזען. מיר האָבן שוין נישט געקענט לענגער וואַרטן. מיר האָבן זיך אָפּגע־רעדט אַלע אויף אַ באַשטימטן טאָג צו אַנטלויפן. כדי אָבער צו קענען זיך פאַרטיידיקן, אויב מען וועט אונדז נאָכיאָגן, האָבן מיר געמוזט האָבן געווער. מיר האָבן אַרויסגעגנבעט געווער פון מאַגאַזין ביים מיליטערישן שפּיטאָל, געווער וואָס איז געבליבן נאָך די געשטאָרבענע דייטשע זעלנער.

„מיר האָבן געזאָלט אַנטלויפן אַלע צוזאַמען, אָבער אָט האָט איין גרופּע, עטלעכע און צוואַנציק מאַן באַלד געהאַט אַ געלעגנהייט אַרויסצובאַקומען זיך מיט אַ לאַסט־אויטאָ, וואָס איז אַרויסגעפאָרן פון שפּיטאָל מיט אַ באַקאַנטן שאָפער. ווען מיר, די איבערגעבליבענע, האָבן דאָס דערזען, האָבן מיר מורא געהאַט, אַז מען וועט זיך באַלד וועגן דעם דערוויסן, און מיר וועלן שוין נישט קענען אַוועק, האָבן מיר זיך גלייך אויך אַרויסגעלאָזט צופוס ביז הינטער דער שטאָט און אַוועק אין וואַלד אַריין אויף דעם אָפּגערעדטן אָרט. דאָס אַנטלויפן האָט זיך אונדז איינגעגעבן".

(„דאָס בוך פון לובלין" — ז' 518).

מיכאל לאַטערשטיין דערציילט וועגן זיי:

„זיי זענען געווען געאיבטע סאָלדאַטן און געקומען צום טייל מיט וואָפן. אָנגעפירט מיט זיי האָט קאַגאַנאָוויטש (בערקע קאַגאַנאָוויטש פון איישישאָק, אַ קוזין פון דעם מחבר פון בוך — באַמערקונג פון מחבר), וועלכער איז, לײַדער, געפאַלן שוין נאָך אַ קורצער צייט מיט אַ 6 וואָכן שפּעטער. די דאָזיקע קריגס־געפאַנגענע האָבן זיך פונאַנדערגעטיילט אין פאַרשיידענע קלענערע גרופּעס און אויפגעשטעלט פאַרבינדונגען. די מייסטע פון זיי זענען העלדיש געפאַלן אין די אומצאָליקע קאַמפן, וועלכע זענען פאָרגעקומען במשך פון די 2 יאָר".

(מיכאל לאַטערשטיין — „דאָס בוך פון לובלין", — ז' 577).

אין די לובלינער וועלדער איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ פּאַרטיזאַנישער אָטריאַד דורך דער צונויפשמעלצונג פון צוויי פּאַרטיזאַנער גרופּן, איינע אונטער דער אָנפירונג פון מיעטשיסלאַוו („מיעטעק") גרובער און

די צווייטע אונטער דער אָנפירונג פון טאָלעק (סאָוועטישער אויבער־לייטענאַנט), צוויי קריגס געפאַנגענע, וואָס זענען אַנטלאָפן פון לובלינער געפאַנגען־לאַגער. דעם 19טן יאַנואַר 1943, זענען די דייטשן באַפאַלן דעם בונקער און דערהרגעט זעקס און דרייסיק, דאָס רוב אומבאַוואָפנטע, אַנטלאָפענע פון מאַרקושאָווער געטאָ (ביי פולאַווי). צווישן די געפאַלענע איז אויך געווען דער קאָמאַנדיר, טאָלעק. זיין פּלאַץ האָט פאַרנומען גרובער, וועלכער האָט זיך צוריקגעצויגן מיט זיינע מענטשן פון די לובלינער וועלדער און אָנגעהויבן זוכן אַ פאַרבינדונג מיט דער „א. ל.״־באַוועגונג. נאָך מערערע שלאַכטן און שווערע פאַרלוסטן האָט ער זיך געטראָפן מיט דער גרופּע פון שמואל יעגער און זיך אָנגעשלאָסן צו איר (פרילינג 1943, זענען אַלע יידישע גרופּעס אין די לובלינער וועלדער איינגעשלאָסן געוואָרן אין די רייען פון דער „א. ל.״).

יעגערס פאַראייניקטע גרופּע האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער „א. ל.״־באַוועגונג און איז צוגעטיילט געוואָרן צו דער 4טער ראָטע אונטערן אָנפיר פון „כיל״ (פסעוודאָנים פון יחיאל גרינשפּאַן). דער קאָמאַנדיר פון אָטריאַד „זעמסטאַ״ („נקמה״), וואָס איז געווען צונויפגעשטעלט פון 4 ראָטעס און צווישן זיי אויך גרינשפּאַנס ראָטע, איז געווען, מיעטשיסלאַוו סקאָטניצקי — אַ וועטערינאַר לויט זיין פאַך (געפאַלן אין קאַמף). די באַזע פון זיין אָטריאַד האָט זיך געפונען אין די פאַרטשעווער וועלדער און בעיקר זיך רעקרוטירט פון פּאָליאַקן. דער שטאַב פון אָטריאַד „זעמסטאַ״ איז געווען פאַרטראָטן אין אַלגעמיינעם קרייז־שטאַב דורך צוויי יידישע אָפיצירן: מיעטשיסלאַוו סקאָטניצקי און גרשון („באָלעק״) אַלעף.

אין מאַרקושאָווער וועלדל האָט זיך קאָנצענטרירט דער יידישער קאַמפּס־אומפעיקער עלעמענט און געבילדעט אַ פאַמיליע־לאַגער. קאָמאַנדיר פון פאַמיליע־לאַגער איז געווען רובינשטיין און שפּעטער גרובער. דער קאָמאַנדיר איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער באַשפּייזונג פון לאַגער. אַ באַדייטנדיקער טייל פון זיי האָט איבערגעלעבט די מלחמה.

עס זענען געווען נאָך אַ סך יידישע פאַרטיזאַנער־גרופּעס און יחידים אין די „א. ל.״־אָטריאַדן אין זשעציטשע (ביי קראַשניק) אין די סוויעטשע־ראָווער, אַנאַפּאָלער, אָסטראָוויעצער, יוזעפאָווער וועלדער אין לובלינער געגנט.

משה קאַגאַנאָוויטש

אין יענער צייט האָט מען אין פּוילן אַ סך גערעדט וועגן דער העל־דישקייט און דרייסטקייט פון אַ ייִדישן פּאַרטיזאַנער־קאָמאַנדיר, וועמענס גרופּע האָט זיך גערופן אויף זיין נאָמען, „שימעק", אַ פּאָליכנאָווער בחור (אַ דאָרף ביי קראַשניק). ער איז געפאַלן בעתן אויפרייסן אַ צוג, ווו עס זענען דערהרגעט געוואָרן פיל דייטשע אָפיצירן און סאָלדאַטן.

בכלל איז שווער פעסטצושטעלן די צאָל ייִדן אין דער פּוילישער פּאַרטיזאַנקע. אַפילו אין דער לינקער „א. ל.", פלעגן ייִדן, צוליב פּאַר־שטענדלעכע טעמים, אויפטרעטן אונטער פּוילישע נעמען און פאַרבאַהאַלטן זייער אָפּשטאַם. דער באַקאַנטער היסטאָריקער, ד"ר פיליפּ פרידמאַן, שרייבט אין פאַרבינדונג מיט שימעקן, וועגן וועלכן מיר האָבן דאָ נאָר־וואָס דערציילט:

„...געוועזן ייִדן, וואָס האָבן נישט מגלה געוועזן דעם סוד פון זייער ייִדישקייט און האָבן דעם דאָזיקן שטאַרק־געהיטענעם סוד פון זייער ייִדיש־קייט מיטגענומען אין קבר אַריין (אין דער לובלינער געגנט, אין פּוילן, געפינט זיך אויף אַ קאַטוילישן צווינטער דער קבר פון אַ געוויסן שימעק, קאָמענדאַנט פון אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע. די פּוילישע פּויערים פאַרערן זייער דעם דאָזיקן קבר און גייען צו אים מיט קירכלעכע פּראָצעסיעס און עד־היום ווייסן זיי נישט, אַז „שימעק" איז געווען אַ ייִד)..."

(„ייִדישער קעמפער" — נומער 1000, פון 3טן אַפּריל, 1953).

אויך יאָנאַס טורקאָוו, וועלכער דערציילט וועגן „שימעקן", דעם ייִדישן דאָרפס־בחור פון פּאָליכנאָוו, זיינע אויפטוען און העלדישן טויט בעתן באַפאַלן אַ דייטשן צוג, באַמערקט דעם פאַקט, אַז „שימעק" איז געבליבן ביי די אָרטיקע פּויערים פאַרגעטערט אַלס זייעריקער ביז היינטיקן טאָג און שרייבט:

„טויזנטער אַזעלכע נאָמענלאָזע העלדן, ס'רוב ביי די פּאַרטיזאַנער, זענען באַגראָבן אין די וועלדער, פעלדער און אויף פאַרשיידענע „צמענ־טאַזשן", פאַרגעסן פון די אייגענע און פרעמדע. ייִדן, ווי פּאַרטיזאַנער אין דעם געוועזענעם „גענעראַל־גאָווערנאַמענט", זענען ס'רוב אויפגע־טראָטן אונטער פאַלשע נעמען, פּסעוודאָנימען און זענען בעת זייער אומ־קום באַגראָבן געוואָרן ווי קריסטן".

(„אין קאַמף פאַרן לעבן" — ז' 310).

אַלס אילוסטראַציע צום אויבנגעזאָגטן דערציילט טורקאָוו וועגן אַן אָנפאַל אויפן באַרימטן וואַרשעווער „קאַפע־קלוב", אויף אַלעיאַ יעראָזאַ־

לימסקאַ, וואָס איז געווען באַשטימט „נור פיר דויטשע“. לויט אים זענען די אויספירערס פון אויפרייס פון קאַפּע (צוזאַמען מיט אַנגעזעענע געשטאַ־פּאָ־מיטאַרבעטער) געווען אַ יידישער סטודענט באַקאַנט אונטערן פּסעוו־דאָנים „פּיעטרעק“ און אַ יידישע פרוי, באַקאַנט אונטערן פּסעוודאָנים „לענא“, וועלכע האָט דאָרט איבערגעלאָזט איר האַנט־בייטל און אין אים אויפרייס־מאַטעריאַלן. (די פרוי פון שטאַב־שעף פון דער „א. ל.“ — „וויטאָלד“ און איצט גענעראַל יוזשוויאַק).

(דאָרט, — ז״ז, 311־312).

אין דער פּוילישער פּאַרטיזאַנקע איז געווען פּאָפּולער דער מאַיאָר „„זנאַכאַר“ (מיכאַל טעמטשין, היינט צו טאָג אַ דאָקטאָר אין ניו יאָרק). צוערשט איז ער געווען קאָמאַנדיר פון אַ פּאַרטיזאַנישע „א. ל.“־איינהייט און שפּעטער, הויפּטלייטער פון פּאַרטיזאַנישן מעדיצינישן־סאַניטאַרן דינסט.

אין מעדיצינישן דינסט אין די פּוילישע וועלדער זענען געווען באַקאַנט ד״ר וויטעק מאַרגאָליס („פּעלעק“) און דער וואַרשעווער דאָקטאָר הירש, וואָס נישט געקוקט אויף זיין טיפן עלטער (אַ זיבעציק־יעריקער), האָט ער זיך צוגעפּאַסט צו די שווערע לעבנס־באַדינגונגען אין די וועלדער און פּאַרלייכטערט די ליידן פון די פאַרוווּנדעטע.

די פּוילישע שרייבערין סטאַניסלאַווא סאַווינסקאַ („באַרבאַראַ“), דער־ציילט אין איר בוך „יאָרן פון גראַנגל“ וועגן צוויי יונגע מיידלעך, וואָס זענען געווען טעטיק אין אונטערגרונט און געפאַלן ביים אויספירן נקמה־אַקטן:

„...צווישן אַנדערע איז אויך געקומען אַ קינד מיט גאָלד־בלאָנדע לאָקן און גרויסע בלויע אויגן. איר פּסעוודאָנים איז געווען „וואַנדאַ“, איר אמתער נאָמען — ניוטאַ טייטלבוים. זי איז געקומען זיך צו פאַררעגיסט־רירן אַלס פּאַרטיזאַנערין, און איז איינגעשלאָסן געוואָרן אין אַן איינהייט, וואָס איז געווען טעטיק ביי ראַדאָמסק. זי איז געווען דאָס איינציקע מיידל און די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך לכתחילה געוויצלט אויף איר חשבון. אָבער באַלד האָבן זיי זיך צו איר אָנגעהויבן באַציען מיט אַכטונג. מען האָט זי געשיקט קיין וואַרשע אין אַ וויכטיקער שליחות. פאַר איר אַרויסגיין אין וועג האָט זי אַ נדר געטון, אַז זי וועט בשום אופן נישט אַריינפאַלן אַ לעבעדיקע אין די דייטשע הענט. און זי האָט איר נדר געהאַלטן...“

„וואַנדאַ“ איז אַלט געווען זעכצן יאָר, אָבער אויסגעזען האָט זי ווי

אַ קינד. זי האָט איר אויסזען אויסגענוצט צו אירע צוועקן. קיין מענטש האָט נישט געקענט פאַרדעכטיקן די קליינע בלאָ־אויגיקע, וואַנדאַ, אַז זי פירט אַריבער געהיימע פּאַפּירן, שמוגלט געווער און פירט אָן מיט אַ גרו־פּע, וואָס איז גרייט אויף אַלץ. זי איז געווען מיט דער גרופּע, וואָס איז איבערגעפאַלן די מלוכה־באַנק און אויפגעריסן אַ קאַפע־הויז פול מיט דייטשן. זי איז אויך געווען די, וואָס האָט געשאָסן אַ געשטאַפּאָ אַגענט, וואָס איז פול מיט פחד אַרומגעלאָפן איבערן צימער. מען האָט זי באַשטימט אַלס אָנפירערין פון אַ דיווערסיע־גרופּע, וואָס האָט דורכגעפירט דרייסטע אָנגריפן און איבערפאַלן אין וואַרשעווער געגנט. זי איז אויך געווען די פאַרבינדלערין צווישן הויפּטשטאַב פון „א. ל." אין וואַרשע און די פּאַרטי־זאַנישע איינהייטן, וואָס זענען געווען צעשאָטן איבערן לאַנד.

אַ גאַנץ יאָר האָט זי זיך אַרויסגעדרייט פון דער געשטאַפּאָ, וואָס האָט זי פאַרפאָלגט, ביז זיי האָבן זי געכאַפּט אין איר צימער (יולי, 1943). די דייטשן איז נישט געלונגען זי צו פייניקן און זיך איזדעקעווען איבער איר. זי האָט געהאַלטן איר נדר. נאָך איר טויט איז זי אויסגעצייכנט גע־וואָרן מיטן העכסטן פּוילישן אָרדן, „גרינוואַלד־קרייץ".

די פּוילישע שרייבערין סאַווינסקאַ דערציילט אויך וועגן אַן אַנדער יידיש מיידל, די 15־יעריקע זאָשע, וואָס איז געשפּרונגען פון דעם צוג, וואָס האָט זי געפירט קיין טרעבלינקע. די א"ד שרייבערין, וואָס איז געווען אַקטיוו אין דער אונטערגרונט־באַוועגונג, האָט מיט דער הילף פון דער „א. ל." איר באַזאָרגט מיט געפעלשטע דאָקומענטן און זי איינגעאָרדנט אין דער געהיימער אָרגאַניזאַציע־דרוקעריי. ווען די דייטשן האָבן אַנטדעקט די דרוקעריי, האָבן זיי זי אַרעסטירט און אַ לאַנגע צייט געפייניקט אין דער „פּאַוויאַק"־תפיסה. אָבער זי האָט זיך נישט איינגעבראָכן און איז באַפרייט געוואָרן. איר ערשטער שאָס איז געפאַלן אין מיטן גאַס. דער ציל — אַ דייטשער זשאַנדאַרם. דאַן האָט זי זיך אָנגעשלאָסן צו די פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער. דער נאָמען פון דער פופצן־יעריקער מיידל איז באַרימט גע־וואָרן אַ דאַנק איר העלדישקייט און מוט, וואָס זי האָט אַרויסגעוויזן אין קאַמף מיט די דייטשן. אין איינע פון די צוזאַמענשטויסן איז זי דערהרגעט געוואָרן פון אַ דייטשער לויערונג. זאָשע האָט פאַרטיידיקט דעם צוריקצוג.

די פּאַרטיזאַנער זענען פון דער פיינטלעכער לויערונג אַרויס אָן פּאַרלוסטן, אָבער פּאַר זאָשען איז דאָס געווען דער לעצטער שאָס.

„וואַנדאַ" און „זאָשע" זענען נישט געווען די איינציקע. עס זענען געווען אַ סך אַזוינע מענער און פרויען, אַנאָנימע העלדן, וואָס האָבן געקעמפט מיטן שונא פון זייער פאָלק. זייערע קברים זענען צעשפּרייט איבער אַלע פּוילישע וועלדער.

מאַרשאַל מיכאַל ראָלאַ־זשימיערסקי האָט דערקלערט ביי דער זיצונג פון פּוילישן „נאַציאָנאַל־ראַט", דעם 2טן יאַנואַר, 1946:

„יידישע סאָלדאַטן און אָפיצירן, האָבן העלדיש און מיט מסירת־נפש געקעמפט קעגן די אָקופּאַנטן־באַנדעס. זיי זענען געווען מוטיקע קעמפער און ס׳רוב אַפילו העלדן. זיי האָבן געקעמפט פאַר דער באַפרייאונג פון פּוילן, וואָס די אָקופּאַנטן האָבן זי פאַרוואַנדלט אין אַ לאַנד פון שוידערלעכע ליידן און פיין פאַר זייער פאָלק".

צום 2טן־יאָרטאָג פון דער באַפרייאונג פון וואַרשע האָט דער שעף פון דער פּוילישער אַרמיי, מאַרשאַל מיכאַל ראָלאַ־זשימיערסקי געגעבן אַן אינטערוויו דעם קאָרעספּאָנדענט פון דער יידישער נייס־אַגענטור. נאָכן לויבן די יידישע העלדן פון דער „קאָשטשושקאָ"־דעוויזיע, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויפן יידישן אַנטייל אין דער פּוילישער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג:

„די מענטשן פון די יידישע פּאַרטיזאַנער־פאָרמאַציעס, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון די געטאָס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן, זענען געווען די בעסטע פּאַרטיזאַנער־קעמפער אין פּוילן. אונדזערע ידיעות וועגן זייער טעטיקייט זענען נישט קיין פולע צוליב די קאָנספּיראַציע־באַדינגונגען, ביי וועלכע זיי איז אויסגעקומען צו אַרבעטן. אונדז איז באַקאַנט, אַז זיי זענען געווען באַזונדערס אַקטיוו אין געגנט ראַדאָם־קעלץ.

„די גאַרבאַטי־פאָרמאַציע, וואָס איז געווען טעטיק אין סטאַניסלאַוואָווער געגנט, האָט צ״אַ געציילט אויך 80 יידן און זייער קאָמאַנדיר, וואָס איז געווען באַקאַנט אונטערן פּסעוודאָנים קאַץ — זיין אמתער נאָמען איז קיינמאָל נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן, — איז געווען באַוווּסט אין גאַנץ פּוילן מיט זיין דרייסטקייט און העלדישקייט.

„דאָס יידישע מיידל, די קליינע זאָשאַ, וואָס איז אַנטלאָפן פון אַ טויט־טראַנספּאָרט קיין טרעבלינקע, האָט זיך אויסגעצייכנט אין אַ פּאַרטיזאַנער־פאָרמאַציע, וואָס האָט זיך אָנגערופן „זשיציע" („לעבן"). די

משה קאַגאַנאָוויטש

קליינע זאַשע מיט נאָך אַ פּאַרטיזאַן האָבן מיט אַ מאַשין־געווער אָפּגע־האַלטן אַ דייטשן אָנגריף און נישט דערמעגלעכט די דייטשן אַרומצו־רינגלען און כאַפּן זיי.

„אַן אויסגעצייכנטער יידישער פּאַרטיזאַן איז געווען יוליאַן אייזמאַן. אין מיטן העלן טאָג איז ער אַריין אין כמיעלאָוו און אַנטוואָפנט אַ קאָמ־פּאַניע סאָלדאַטן פון גענעראַל וולאַסאָווס אַרמיי.

„פון די א״ד פאַקטן איז קלאָר, אַז די יידן האָבן מיט כבוד דערפילט זייער זעלבערישע פליכט אין די פּאַרטיזאַנער־רייען און אין דער פוילישער אַרמיי. מיט זייער העלדישקייט און זעלבסט־אויפאָפּפערונג האָבן זיי זיך דערוואָרבן ליבשאַפט און כבוד ביי זייערע חברים צום געווער און אַ הויכע אָפּשאַצונג ביים פּראָגרעסיוון טייל פון פוילישן פאָלק״.

אין זיין בריוו צום „יידישן פּאַרטיזאַנער־פאַרבאַנד״ האָט דער מאַר־שאַל געשריבן:

„פון די לעבנגעבליבענע יידן זענען טויזנטער אַרויס אין די וועלדער כדי מיט געווער אין די הענט צו קעמפן צוזאַמען מיט זייערע פוילישע פּאַרטיזאַנער־חברים קעגן געמיינזאַמען שונא. די הערא:שע פּאַרטיי־דיקער פון געטאָ וואַרשע, ביאַליסטאָק און אַנדערע שטעט; די פּאַרטיזאַנער פון דער דעוויזיע פונעם קאַפּיטאַן „כיל״ (יחיאל) גרינשפּאַן, אין וועמענס העלדישקייט און איבערגעגעבנקייט פאַר דער פרייהייטס־אידיי איך האָב זיך פערזענלעך איבערצייגט, בעת מיין באַזוך אין די פּאַרטשעווער וועל־דער; די פילע פּאַרטיזאַנער אין די רייען פון דער „א. ל.״, אַזוינע קעמפער ווי פּאָלקאָווניק אַלעף („באָלעק״), מאַיאָר טעמטשין („זנאַכאַר״) און מאַיאָר מאַרגאָליס („פעלעק״); די לויטערע פערזענלעכקייט פון ניוטאָ טייטלבוים („וואַנדאַ״), מאַיאָר סקאָטניצקי („זעמסטאַ״), וואָס זענען געפאַלן אין אומ־גלייכן קאַמף — די אַלע זאָגן עדות, אַז דאָס יידישע פאָלק מעג זיין שטאָלץ אויף זיינע פּאַרטיזאַנער־זין. דאָס פוילישע פאָלק וועט קיינמאָל נישט פאַר־געסן זיינע יידישע העלדן, וואָס האָבן געקעמפט פאַר פוילנס פרייהייט״.

קאַפּיטל צוואַנציק

ייִדן אין געטאָ לאָטשע

א. נקמה־סטימול צום קאַמף מיט די דייטשע מערדערס

די ערשטע זאַך, וואָס יעדער ייִד האָט געטון באַלד נאָכן אַרויסבאַקומען זיך פון די דראָט־פאַרצוימטע געטאָס, איז געווען, דאָס אַראָפּרייסן פון זיך דעם שאַנד־צייכן — די געלע לאַטע.

דאָס אַראָפּרייסן די געלע לאַטע איז געווען מער ווי אַ סימבאָל. פון דעם מאָמענט האָבן מער שוין נישט פאַרפליכטעט, די שענדלעכע באַליידיקנדיקע געזעצן, דאָס זיין אויסגעשטעלט יעדע מינוט אויפן ווילקיר פון די דייטשע „אָרדנונגס־היטער". דער ייִד איז ווידער געוואָרען אַ גלייכבאַרעכטיקטער, פולווערטיקער מענטש. ער מעג ווידער געניסן פריי פון דער נאַטור־שיינקייט און ווידער אָטעמען מיט פרישע לופט פון וואַלד און פעלד.

דאָס אַראָפּרייסן די געלע לאַטע איז אָבער אויך געווען אַ פּסיכאָלאָגישע רעוואָלוציע, פאַר דעם מענטשן, וואָס איז אַרויס פון קנעכטשאַפט צו פרייהייט.

אין די געטאָס האָט זיך אָנגעהויבן שאַפן אַ מענטאַליטעט פון מינדערווערטיקייט. די אומצאָליקע שענדלעכע און באַליידיקנדיקע געזעצן האָבן געהאַט דעם ציל נישט נאָר צו פאַרמיאוסן און דערנידעריקן זיי אין די אויגן פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג, וועלכע האָט דאָך געקענט די ייִדן, ווי אַ קולטור־פאָלק, וואָס איז געשטאַנען העכער פון גאַנצן אַרום,

נאָר האָבן בעיקר געצילט צו שאַפן ביי די ייִדן גופא אַ מינדערוועריקייטס־געפיל, אַ מענטאַליטעט פון אַ פאָלק, וואָס איז באַשטימט צו באַדינען די אַרומיקע באַפעלקערונג, און וואָס איז נישט פעיִק צו רעאַגירן אַקטיוו אויף דעם אַלעמען.

טיילווייז איז עס די דייטשן געלונגען. דער טיפער גלויבן, וועלכער האָט אויפגעהאַלטן די ייִדן אין די געטאָס פון מיטלאַלטער און געגעבן כוח אַריבערצוטראָגן אַלע יסורים, עינוים און פּאָגראָמען, דאָס באַוווּסטזיין פון אתה בחרתנו, וואָס האָט ביי זיי געשאַפן אַ געפיל פון אייגענער גייס־טיקער העכערקייט איבער זייערע אונטערדריקערס, איז ביי די אומרעלי־גיעזע ייִדישע מאַסן אין דער בלוטיקער היטלער־תקופה שוין מער נישט געווען.

מיטן אַרויסגיין פון געטאָ און אַראָפּרייסן די געלע לאַטע האָט מען גלייכצייטיק אַרויסגעריסן פון האַרצן יעדן געפיל פון מינדערוועריקייט און דערנידעריקונג.

עס איז ווידער געבוירן געוואָרן אין יעדן דער פרייער, שטאָלצער מענטש און ייִד. אַ נײַ מעכטיק געפיל האָט באַהערשט די ייִדן, וואָס האָט אָפּגערוימט פון וועג די קרענקלעכע פּסיכאָלאָגישע אויסווירקונגען פון די געטאָס. דאָס איז געווען דאָס נקמה־געפיל.

די ייִדישע יוגנט, די ייִדישע מאַסע, וועלכע איז געקומען צו לויפן אין די פּושטשעס און וועלדער, אויסגעפייניקטע, באַרויבטע, טיף געשעדיקט אין זייער מענטשלעכער און ייִדישער ווירדע, אַלע נאָכן פאַרלירן אַלץ און אַלעמען, די טייערסטע און ליבסטע, די מאַמעס און טאַטעס, שוועסטערס און ברידער, פרויען און קינדער, — האָט געאָטעמט מיט איין געפיל — נקמה, אַ בלוטיקע אָפּרעכענונג פאַר אַלץ און אַלעמען.

דאָס אייגענע לעבן האָט נאָכן פאַרלירן די משפחות ממילא שוין נישט געהאַט אַזאַ ווערט און אָנצי־קראַפט ווי פריִער.

ייִדישע קאָמאַנדירן פון אָטריאַד פירן זייערע מחנות אין קאַמף נישט נאָר מיט די אַלגעמיין־סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער־לאָזונגען „פאַרן פאָטער־לאַנד, פאַר סטאַלינען", נאָר אויך מיט די לאָזונגען: „פאַר אונדזערע טאַטעס און מאַמעס, פאַר אונדזערע שוועסטערס און ברידער, פאַר אונדזער פאָלק

— נקמה;״ דאָס איינציקע, צוליב וואָס מען וואַרפט און עס לוינט צו וואַרפן די יונגע נישט אויסגעלעבטע לעבנס.

נאָכן נצחון אין דערעטשין, בעתן אָנפאַל אויפן גאַרניזאָן, פלעגט ד״ר אַטלאַס כסדר זאָגן צו זיינע פאַרטיזאַנער:

„מען טאָר נישט זיין רויק, בחורים. מיטן נצחון איבערן דערעטשינער דייטשן גאַרניזאָן, האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אונדזער גראַנגל. אין דעם שחיטה־טאָג, 24טן יולי, (1942), האָט איר פאַרענדיקט אייער לעבן. יעדער טאָג פון לעבן געהערט פון דאַן, נישט צו אייך, נאָר צו אייערע אויסגעקוילעטע פאַמיליעס. איר דאַרפט נקמה נעמען פאַר זיי״.

(לויט שמואל באַרענשטיין „פלוגות הד״ר אַטלאַס״ — ז׳ 63).

שלמה קורליאַנדטשיק (סטאַנציע אָראַן) איז שטערבלעך פאַרוונדעט געוואָרן (אַפּריל 1944), אין אַ שלאַכט מיט אַ דייטשער לויערונג, בעת ער איז מיט אַ גרופּע צוריקגעגאַנגען פון מינירן די קליינבאַן־ליניע מאַרציקאַנץ־זובראַווע (גראָדנער קרייז). נאָך דעם קאַמף, וועלכער האָט זיך פאַרענדיקט מיטן נצחון פון די פאַרטיזאַנער, האָט אים זיין רוסישער וזוואָד־קאָמאַנדיר גענומען אויף די הענט. מיט די לעצטע כוחות האָט ער געפרעגט: „וויפל דייטשן זענען געפאַלן? — „זיבן״ — האָט אים דער קאָמאַנדיר געענטפערט. „איצט ווייס איך, פאַרוואָס איך שטאַרב...״ האָט שלמה גזאָגט און מיט אַ שמייכל אויסגעהויכט זיין נשמה.

דער קאָמאַנדיר בולאַט האָט נישט געגלויבט אין דער מעגלעכקייט פון אויפנעמען אַ קאַמף מיט דעם דערעטשינער גאַרניזאָן צוליב דער קליינער צאָל פאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן זיך דאַן געפונען אין די רודער־דאַמבראָווטשיזנער וועלדער. די דערעטשינער יידישע פאַרטיזאַנער־גרופּע סורגעסטירט אָבער דער רוסישער פאַרטיזאַנער־אָנפירונג צו אונטערנעמען דעם מאַרש אויף זייער שטעטל, כדי דורכצופירן אַ בלוטיקן חשבון, מיט די דייטשן און זייערע העלפערס.

עס זענען דאַן פאַרניכטעט געוואָרן זיבעצן דייטשן און פופציק פאָליציי־לייט. אין דעם קאַמף איז צ״אַ אויך געפאַלן דוד דאָמבראָווסקי (דערעטשין). פאַרן טויט האָט ער געזאָגט צו זיין ברודער בנימין: „ווינציק האָב איך נקמה גענומען, צו גיך שטאַרב איך. זיי אומעטום דער ערשטער. נעם נקמה פאַר מיר, פאַר אונדזערע עלטערן און אונדזער פאָלק!...״

ווּעלוול קרופּסקי מוטיקט זיינע מיטגייערס אויף אַ קאַמפּס־אויפגאַבע אויפצורייסן די נאַפּט־ציסטערנעס אין לידע. — „חברה, — זאָגט ער, — וואָס האָבן מיר צו זשאַלעווען אונדזערע פאַרשטונקענע לעבנס? מיר יידן דאַרפן דאָך מיט די ציינער די דייטשע גאָרגלען אַרויסרייסן!...“

שלמה סאַדאָווסקי (סאָבאַקינצע, וואַסילישקער ראַיאָן), אַ פּאַרטיזאַן פון „לענינסקי קאָמסאָמאָל“ אין נאַטשער פּושטשע, רופט זיין וזוואָד נישט צו באַנוגענען זיך מיט די דערהרגעטע אַכט דייטשן און פאַרצוזעצן דעם קאַמף (2טן אָקטאָבער, 1943). באַמערקנדיק, אַז נאָך צוויי דייטשן האָבן זיך פאַרשטעקט אין די קוסטעס שרייט ער: „חברה, הורא. פאָראויס, נקמה פאַר מיין שוועסטער און פאַר אַלע יידן!“ לויפנדיק פאַלט ער אַ אונטערגע־שאָסענער פון אַ פאַרשטעקטן דייטש.

יוסף ראַזאָרסקי (נאָוואָגרודעק), פּלעגט נישט מיד ווערן צו דערמוטיקן יידישע פּאַרטיזאַנער צו קאַמף און נקמה. „מיר האָבן דאָך שוין אַלץ פאַר־לוירן. לאָמיר כאָטש נקמה נעמען פאַרן פאַרגאָסענעם בלוט. פאַר וועמען צו לעבן האָבן מיר סיי ווי נישט. מיר מוזן ווי ווייט מעגלעך אויסנוצן די צייט, בכדי כאָטש מקיים צו זיין די לעצטע ווונטשן פון אונדזערע מאַר־טירער — נקמה!...“

איינער פון די ערשטע קרבנות פון יידישן פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד א"נ „קאַגאַנאָוויטש ל. מ.“ (פּאָלעסיע), איז געווען שלום לען, וועלכער איז אַרויפגעפאַלן אויף אַ דייטשער לויערונג צוזאַמען מיט נאָך פיר חברים אין דאָרף באָרקי (ביי פּאָהאָסט־זאַגאָראָדסקי), גייענדיק אויף אַן אויפגאַבע צו נעמען געווער ביי די פּויערים. זיינע לעצטע ווערטער זענען געווען: „חברה, איר זאָלט נקמה נעמען פאַר אונדזער פאַרגאָסן בלוט!...“

אַפילו דער ווילן צו לעבן איז אויך געווען פאַרבונדן מיט נקמה. דאָס לעבן, האָט אויף אַזוי פיל אַ זין און באַרעכטיקונג, אויף וויפל מען קען נאָך נקמה נעמען פון די דייטשן.

משה בורשטין (ווילנע), איז מיט זיין שוועסטער, סאָניע, אַנטלאָפן אין נאַטשער פּושטשע (2טן מערץ, 1942). בעת דער אַבלאַווע אין דער פּושטשע איז משה מגולגל געוואָרן אין טשאַפּאַיעווס אָטריאַד (אָזיערע נאַראָטש) און זיין שוועסטער אין די רודניצקער וועלדער. בורשטין האָט פאַרגעשלאָגן זיין אָטריאַד־קאָמאַנדיר אָנצופאַלן אויפן דייטשן גאַרניזאָן,

וועלכער האָט זיך געפונען נישט ווייט פון דער פאַרטיזאַנער־באַזע. די יידי־שע פאַרטיזאַנער אין דעם אָטריאַד האָבן זיך די ערשטע געוואָרפן אין קאַמף מיט אַן אויסגעשריי: „אַ טויט די קינדער־מערדערס!" אַ קויל פון אַ דייטשן פּולעמיאָט האָט אַנידערגעוואָרפן משהן אין אַ קאַלוזשע בלוט. אַ פאַרוווּנ־דעטער האָט ער זיך נאָך אויפגעהויבן און דערהרגעט אַ דייטש, וועלכער איז געלעגן נישט ווייט פון אים. אַ רוסישער חבר האָט אים אַריינגעשלעפּט אין דערבייאיקן וועלדל און איבערגעבונדן די ווונד. מיט די לעצטע כוחות האָט ער זיך געבעטן: „אפשר קענט איר מיך נאָך ראַטעווען, איך מוז נאָך לעבן און נקמה נעמען!" זיינע לעצטע ווערטער זענען געווען: „נעמט נקמה אויך פאַר מיר. איך שטאַרב. שלאָגט די דייטשן און באַפרייט די אונטער־דריקטע!" (5טער פעברואַר, 1944, אין דאָרף סאַראַק־טאַטאַראָוו, ביי ווילנע).

באָריס כאַימאָוויטש איז געווען דער ערשטער פאַרטיזאַן פון מינסקער געטאָ. נאָך דער באַפרייאונג האָט דער שטאַב פון פאַרטיזאַנער־אָטריאַד „208 א"ב סטאַלין", פאַרעפנטלעכט אַ קאַמפס־כאַראַקטעריסטיק פון פאָלגנ־דיקן אינהאַלט:

„באָריס פּיוועלעוויטש (זון פון פּיוול) כאַימאָוויטש, געבוירן 1910 פאַרטיי־חבר, איז אין די פאַרטיזאַנישע קאַמפּס־יאָרן געווען אַ מוסטער פון העלדישקייט און דרייסטקייט. ער האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין פערציק פאַרטיזאַנישע שלאַכטן".

איינמאָל ווען דער שונא האָט זיך דערנענטערט צו דער אָטריאַד־באַזע, איז גראָד באָריס כאַימאָוויטש, דער קאָמאַנדיר פון אַ קוילנוואַרפער־ווזוואָד, געווען דער פאַראַנטוואָרטלעכער פון לאַגער. בראש פון זיין ווזוואָד האָט ער באַלד אָנגעקעמאַרשירט צום אָרט פונוואַנען די דייטשן האָבן אָנגעגריפן, צום דאָרף טשעסנאָוואַיע (רודענסקער ראַיאָן).

באָריס האָט געגעבן דעם באַפעל: „אָנגרייפן!" עס האָט זיך צעפלאַקערט אַ קאַמף אויף לעבן און טויט. עס איז באַלד געפאַלן דער ראַטנער „פאָליט־רוק". אַ קוילנוואַרפלער, וואָס איז געלעגן לעבן באָריסן איז שטערבלעך פאַרוווּנדעט געוואָרן. באָריס האָט קאָמאַנדירט: „פאָראויס! פאַרניכטעט די צויגן־זיקן!" ער אַליין איז פאַרוווּנדעט געוואָרן און נישט געקענט זיך רירן פון אָרט. דער ווזוואָד־קאָמאַנדיר, שוקאַלקין, האָט געוואָלט אַרויסנעמען באָריסן פון פייער־שטח. אָבער באָריס האָט נישט געוואָלט הערן דערפון.

משה קאַגאַנאָוויטש

אַ פאַרוווּנדעטער האָט ער פאַרגעזעצט דעם פייער און דערמוטיקט די קעמפּפערס מיט אויסגעשרייען: „פאָראויס! אַ טויט די מערדערס!״ די דייטשן זענען אָפּגעטראָטן אין פּאַניק. אַ באַוווּסטלאָזן האָט מען אים געבראַכט צום באַזיס און בעת דער אָפּעראַציע האָט ער דערמוטיקט דעם ד״ר גרישע גאָרדאָן:

— „דרייסטער ברודערקע, נישט אַזוי האָט מען אונדז שוין געשניטן...

— ווען?

— האָסט שוין פאַרגעסן? אָט דאָ ווען אויף אונדזערע מלבושים אין געטאָ, איז צוגענייט געוואָרן די געלע לאַטע. אָט דאָ האָט מען געשניטן... אין סאַמע האַרצן האָט עס געטראָפן. קיין גרעסערן ווייטיק וועל איך שוין אוודאי נישט פילן... איצט וועלן „זיי״ שוין אים דערפילן...״

(ה. סמאָליאַר — „פון מינסקער געטאָ״, — ז״ז, 130־131).

נאָך דעם ווי די ליטווישע בריגאַדע האָט באַקומען, אין פרילינג 1944, אַ גרעסערן טראַנספּאָרט געווער, דורך סאָוועטישע עראָפּלאַנען, האָט זי פאַרשטאַרקט איר דיווערסיע־אַרבעט. חיים לאַזאַר שילדערט אין קאַפּיטל „פיר כוסות דייטש בלוט״ אַ געלונגענע לויערונג פון דער א״ד בריגאַדע אויפן שאָסיי ווילנע־גראָדנע, אין וועלכער עס האָבן אויך אָנטייל גענומען די ייִדישע אָטריאַדן אין רודניצקער פּושטשע:

„...מיר זיצן אין דערוואַרטונג פאַרשטעקט לענג־אויס דעם שאָסיי ווילנע־גראָדנע, וואָס שניידט דורך דעם וואַלד. מיר הערן פונדערווייטנס דאָס רוישן פון מאָטאָרן. אָן אָבאָז פון געפּאַנצערטע אויטאָס דערנענטערט זיך צו אונדז. מיר וואַרטן אויפן סיגנאַל צו אָנהייבן דעם קאַמף. די שאָפערן פאָרן פאַמעלעך, אויפגעלייגט.

„פּלוצלינג איז די שטילקייט איבערגעריסן געוואָרן דורך שטאַרקע אויפרייסן. מיר עפענען אַ פייער פון אַלע סאָרטן געווער. לכתחילה זענען די דייטשן געוואָרן צעטומלט פון דעם איבעראַשנדיקן פייער, אָבער אַלס געאיבטע סאָלדאַטן אָריענטירן זיי זיך באַלד אין דער לאַגע און קערן זייער געווער אַנטקעגן אונדז. אָט דוכט זיך, אַז מיר האָבן די איבערהאַנט און באַלד זעט עס אויס, אַז מיר וועלן נישט קענען אויספירן די אויפגאַבע און וועלן דאַרפן אָפּטרעטן מיט ליידיקע הענט. אָבער אָט האָט אַ סניאַראַד פון אונדזער אַנטיטאַנק־געווער געטראָפן אַ דייטשע פּאַנצער־מאַשין און זי האָט זיך אָנגעצונדן.

„דערמוטיקטע פון דעם דערפאָלג, גייען מיר אַרויס פון אונדזערע באַהעלטענישן און מיט אַ „הוראַ״־געשריי לאָזן מיר זיך מיט אַ שטורעם אויף

די דייטשע מאַשינען, הרגענענדיק ווער נאָר עס קומט אונטער דער האַנט. אַ צווייטע פּאַנצער־מאַשין צינדט זיך אָן און די דייטשן אַנטלויפן אין פּאַניק.

„אָנגעלאָדענע מיטן שונאס טראָפּייען, וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזט, קערן מיר זיך אום מיט געזאַנג צו אונדזער באַזיס. מיר ווייסן, אַז נישט אַזוי שנעל וועט דער שונא באַגייען די באַוועגונג אויפן שאָסיי. די פּאַר־ברענטע מאַשינעס און די צענדליקער פּגרים וועלן זיי גוט געדענקען...

„פּאַרנאַכט זיצן מיר אַרום פלאַקער און זינגען לכבוד דעם אָפּגעהאַל־טענעם זיג. איינער פון די בייזיצנדיקע האָט איבערגעריסן דעם געזאַנג און געזאָגט: „עס איז פּונקט היינט פּסח. מיר פּראַווען נישט קיין סדר און עסן נישט קיין מצה. אָבער איך צווייפל, צי ווער עס איז פון די יידן אין גאָר דער וועלט האָט אַזוי מקיים געווען דאָס פייערן יום־טוב ווי מיר. מיר האָבן היינט געטרונקען פיר כוסות דייטשע ריינע בלוט...״

(חיים לאַזאַר — „חורבן ומרד״, — ז״ז, 325־326).

דאָס העלדישע דערעטשינער יידישע מיידל, טאַניע ליפּשאָוויטש, איז בעת אַ קאַמף צווישן בולאַקס בריגאַדע מיט דייטשן ביי שליזיען־פּאָדגרע־בעלסקי (15 קילאָמעטער פון דערעטשין, יולי 1943), פאַרוווּנדעט געוואָרן אין אַ פוס. זי איז שפּעטער געשטאָרבן אין שפּיטאָל פון אַ בלוט־פאַר־גיפטונג.

פאַרן טויט האָט זי אָנגעשריבן אַ רירנדיקן געזעגן־בריוו צו אירע העלדישע ברידער פון זעלבן אָטריאַד:

„מיינע טייערע העלדישע ברידער! איך ווייס, אַז איך שטאַרב! עס ווילט זיך נישט שטאַרבן אין אַזאַ שיינעם זומער־טאָג. איך בעט אייך קעמפט און נעמט נקמה פאַר אונדזערע אומגעקומענע עלטערן און אויך פאַר מיין יונג־פאַרשניטן לעבן!״

יוסף פאַרפעל (טאַרטשין) איז געפאַלן בעת אַ קאַמף אין אַ דאָרף דורך אוקראַינישע באַנדעראָווצעס (18טן דעצעמבער, 1943). אים געלינגט צו הרגענען צוויי באַנדיטן. די איבעריקע צוויי באַנדעראָווצעס לויפן אַריין אין אַ דערבייאיקער מעלקעריי. פאַרפעל שפּרינגט אַריין דורכן פענצטער גלייך נאָך זיי. אָבער זיין אַווטאָמאַט ווערט קאַליע און ער באַקומט אַ קויל אין קאָפּ. ער לעבט נאָך 15 מינוט און בעט זיך ביי זיינע חברים: „פאַרגעסט נישט דעם טאָג, ווען איך בין געפאַלן. נעמט נקמה פאַר מיין פאַרגאָסן

בלוט און פאַרן בלוט פון אונדזער פאָלק. זאָל אייך מיין טויט נישט אָפּ־שטעלן, נקמה!״

יוסף אָלשאַנסקי (דאָרף קאַראַסין, סאַרנער ראַיאָן), איז פאַרוווּנדעט געוואָרן (6טן דעצעמבער, 1943) אויף דער באַן־ליניע ראָקיטנע־אָלעווסק. ווינע לעצטע ווערטער זענען געווען: „נעמט נקמה פאַר אונדזער פאָלק און די, וואָס וועלן קומען אין ארץ־ישראל, זאָלן מיין נאָמען אויך דערמאָנען צווישן די, וועלכע האָבן פאַרטיידיקט דעם יידישן כבוד!״

יוסף ראַכמילעוויטש, אַ ייד אין די מיטעלע יאָרן, פון אַ שטעטעלע לעבן סלאָנים, האָט אין דער שחיטה פאַרלוירן זיין פרוי און דריי קינדער. די דייטשן האָבן אים געכאַפּט אַנטלויפנדיק און נאָכן פייניקן אים פאַר זיין „חוצפה״ צו וועלן בלייבן לעבן, האָבן זיי אים געפירט צו דער אויפ־געשטעלטער תליה. אויפן וועג איז אים געלונגען צו אַנטלויפן אין די נאָענט־ליגנדיקע וועלדער. ראַכמילעוויטש איז געקומען צום אָטריאַד־קאָמאַנדיר, ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש באַבקאָוו (בריגאַדע א״נ „ראָקאָסאָוו־סקי״) מיט אַ פאָרשלאַג אויפצורייסן אַ דייטשן עשאַלאָן, טאַקע לעבן זיין הויז אין דעם קליינעם שטעטעלע, ווו ער קען אַלע צוגאַנגען און אָפּגאַנגען פון די ליניעס. דער קאָמאַנדיר האָט צוגעטיילט צו אים פינף פאַרטיזאַנער, זיי זאָלן אים מיטהעלפן רעאַליזירן די קאַמפּס־אויפגאַבע.

פאַרנאַכט זענען זיי אָריין צו אַ פויער, זיך דערוויסן פרטים וועגן די דייטשע בונקערס אין דער אומגעגנט פון די אייזנבאַן־ליניעס. פּלוצלינג איז דאָס הויז אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַלע זייטן דורך צענדליקער דייטשן. די פאַרטיזאַנער זענען, אונטער דער דעקונג פון אַ שטאַרקן פייער פון אויטאָמאַטישן געווער, אַרויסגעלאָפן דורך די פענצטער און פאַרנומען פּאָזיציעס האַרט ביים הויז. ראַכמילעוויטשן האָט אַ קויל אַרויסגעריסן אַ שטיק פון דיקן פלייש. די דייטשן האָבן זיך געפּרוווט דערנענטערן און די פאַרטיזאַנער האָבן זיך שוין אָפּגעשאָסן מיט די לעצטע קוילן. דאַן איז אים איינגעפאַלן אַ פּלאַן אָפּצונאַרן די דייטשן, כדי זיך אַרויסצורייסן פון קלעם. ער האָט אָנגעהויבן געבן באַפעלן שרייענדיק: „דער ערשטער וזוואָד — אויף רעכטס! די גאַנצע ראָטע — אין צענטער! פייער, פייער, הוראַ! די צענדליקער דייטשן האָבן לויט די באַפעלן, זיך געשאַפן אַ שרעק־בילד, אַז

זיי האָבן דאָ פּאַר זיך אַ גרויסן פּאַרטיזאַנישן כּוח און זענען שנעל אָפּגעטראָטן, איבערלאָזנדיק אויפן שלאַכטפעלד זייערע געהרגעטע.

די גוייִשע פּאַרטיזאַנער האָבן געפאָדערט, אַז נאָך דעם וואָס עס איז געשען, זאָל מען זיך אומקערן צוריק צום באַזיס, בפרט נאָך, אַז דער איניציאַטאָר אַליין איז פאַרווונדעט. אָבער ראַכמילעוויטש האָט נישט געוואָלט אַפילו הערן דערפון. אַ פאַרוווּנדעטן האָט מען אים אַריבערגעטראָגן אויפן צווייטן זייט שאָסיי ביי די אייזנבאַן־ליניעס. דער אויפרייס איז געלונגען. אַ צוג מיט צענדליקער וואַגאָנעס דייטשן זענען אויפגעריסן געוואָרן אין דער לופט. יוסף ראַכמילעוויטש האָט זיך אַ גליקלעכער איינגעקוקט אויפן רויטן הימל, אויף דעם קוילן־האָגל, וואָס האָט זיך בלינד געשאָטן אויפן וואַלד פון אַלע זייטן און געפּילט, אַז אָט איז אויך פאַר אים געקומען דער טאָג פון נקמה און אַז זיין ראַנגלען זיך פאַרן לעבן האָט געהאַט אַ טעם און אַ זין".

(יחיאל גראַנאַטשטיין — „איך האָב געוואָלט לעבן", — ז"ז, 49־60).

געוועזן יידישע פּאַרטיזאַנער, וואָס זייער נקמה־געפיל איז געוועזן טיף באַוווּסטזיניק און זיי זענען נישט מיד געוואָרן צו פּראָפּאַגאַנדירן און רופן די יידישע פּאַרטיזאַנער צו באַזיגן דעם איינגעבוירענעם שטאַרקן לעבנס־אינסטינקט, די מורא פאַרן טויט און אַרויסווייזן איניציאַטיוו, קאַמפּס־ און נקמה־לוסט אָן גרענעצן און אָן אַ מאָס.

אַ קלאַסישער ביישפּיל פון אַזאַ יידישן פּאַרטיזאַן איז געוועזן דער העלד פון ראַטנפּאַרבאַנד, ברוך לעווין (זשעלודאָק, היינט אין ישראל).

ער פלעגט ביי יעדן צוזאַמענטרעף מיט יידישע פּאַרטיזאַנער האַלטן אין איין מאָנען און רופן צו נעמען נקמה. „מיר האָבן דאָך דעם בלוטיקסטן חשבון מיט זיי, בלויז די יידן ווערן אויסגעקוילעט טאָטאַל, ווי אַ פאָלק. לאָמיר שטאַרבן העלדיש און באַווייזן, אַז מיר קענען קעמפן און נקמה נעמען!"

ברוך לעווין האָט נישט נאָר אַליין באַוויזן, נאָר אויך דערצויגן און סטימולירט פיל אַנדערע יידישע פּאַרטיזאַנער צו גרויסע טאַטן און מקריב זיין זיך אין קאַמף אויף לעבן און טויט קעגן די פאַשיסטישע מערדערס. ער איז געוועזן דער ליידנשאַפטלעכסטער אידעאָלאָג פון נקמה־געדאַנק און דאָס געוויסן פון די יידישע פּאַרטיזאַנער אין נאַליבאָקער פּושטשע.

משה קאַגאַנאָוויטש

ב. ייִדן אין די פּאַרטיזאַנער־קאַמפּן

עס איז נישט געווען קיין איין פּאַרטיזאַנישע קאַמפּס־פּאָרם און קאַמפּס־צווייג, ווו ייִדישע פּאַרטיזאַנער זאָלן נישט האָבן אַקטיוו אָנטיילגענומען און זיך אויסגעצייכנט.

די ייִדן באַהערשן גיך די קונסט פון מינירן, פּאַרפּולקומען די מינעס. און צייכענען זיך אויס ביים אויפרייסן פיינטלעכע עשאַלאָנען און לאָזן זיי אין דער לופטן. כמעט אין אַלע רוסישע אָטריאַדן זענען געווען אויסגע־צייכנטע ייִדן־מינירערס און דיווערסאַנטן. אין די ספּעציעלע דיווערסיע־גרופּעס האָבן זיך געפונען פיל ייִדן. נישט ווייניק ייִדן זענען אויך געווען קאָמאַנדירן פון דיווערסיע־גרופּעס. טויזנטער עשאַלאָנען מיט דעם שונאס סאָלדאַטן און קריגס־טעכניק זענען דורך ייִדישע פּאַרטיזאַנער אויפגעריסן געוואָרן. פיל ייִדישע פּאַרטיזאַנער האָבן אויף זייער קאָנטאָ פאַרשריבן צו 12־25 אַראָפּגעלאָזטע עשאַלאָנען.

באַזונדערס גרויס איז געווען די צאָל פון ייִדישע קוילנוואַרפלערס. ייִדן האָבן גיך דערלערנט דעם קוילנוואַרפער און געוווסט, ווי צו באַנוצן זיך מיט אים אין די פאַרשיידענע אומשטענדן. יעדער ייִדישער פּאַרטיזאַן האָט געהאַלטן פאַר אַ כבוד צו אַרבעטן ביי אַ קוילנוואַרפער, וואָס עס גיט די מעגלעכקייט צו פאַרשיטן מיט פייער און גורם זיין גרויסע אבידות דעם שונא.

ייִדן האָבן זיך אויך אויסגעצייכנט אין די ספּעץ־ווזוואָדן פון געווער־פאַרזאָרגונג („באַיע פּיטאַניע"). קענענדיק די געגנט, האָבן זיי אַ דאַנק זייער רירעוודיקייט און איינפאַלן, אַלעמאָל זיך דערוווסט, ווו און ביי וועמען עס געפינט זיך פאַרבאַהאַלטן געווער און ווי אַזוי דאָס אַרויסצובאַ־קומען.

עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז ייִדן, וועלכע זענען אַ שטאָטישער עלע־מענט, האָבן זיך דאָך שנעל אָריענטירט אין די וועגן, שטעגעלעך און טראָ־פּינקעלעך פון די געדיכטע וועלדער און פּושטשעס. נישט אין איין פאַל האָבן ייִדן א"ג „פּראָוואָדניקעס" (וועגווייזערס) אין צייטן פון אָבלאַוועס, אַדורכגעפירט די אָטריאַדן דורך זייטיקע וועגן, אומוועגן און טראָפּינקעס, אויסמיידנדיק דעם שונאס קאָרדאָן.

אַ וויכטיקע ראָל אין די פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן האָט אָפּגעשפּילט דאָס אויסשפּיר־ און שפּיאָנאַזש־דינסט. ייִדן האָבן אויך אויף דעם געביט זיך אויסגעצייכנט. די איינגעבוירענע ייִדישע אינטעליגענץ האָט נישט ווינציק מיטגעהאָלפן, אַז ייִדישע אויסשפּירערס זאָלן זיך אַלע מאָל שנעל דערוויסן דורך די פאַרשיידנסטע וועגן און קאַנאַלן, די וויכטיקסטע ידיעות וועגן דער באַוועגונג, פּלענער און אַ״וו פון די דייטשן.

די א״ד ייִדישע אייגנשאַפטן האָט זיי אויך פיל אַרויסגעהאָלפן ביים שפּייז־פאַרזאָרג. עס איז נישט געווען קיין זעלטנהייט צו זען ייִדישע ווירט־שאַפטס־לייטערס („סטאַרשינאַ״) אין די רוסישע אָטריאַדן. די אָנפירערשאַפט האָט אָפּגעשאַצט און נישט געקאַרגט קיין לויב־ווערטער פאַר זייערע אָרגאַ־ניזאַטאָרישע פעיִקייטן און פיל פון זיי צוגעשטעלט צו מלוכה־אויסצייכע־נונגען.

די באַזונדערע ייִדישע פעיִקייט צוצופּאַסן זיך צו אַלע לאַגעס, באַדינ־גונגען און אומשטענדן, אינטעליגענץ, אָריענטאַציע, איניציאַטיוו, איינפאַלן, פּיפּיקייט, האָט זיי געמאַכט פאַר פּולווערטיקע קעמפערס אויף אַלע קאַמפס־שטחים און טעטיקייטס־געביטן פון פּאַרטיזאַנער לעבן. צו דעם קומט צו די ייִדישע איבערגעגעבנקייט, געטריישאַפט און זעלבסטאויפאָפּפערונג אָן גרענעצן צו דער מלחמה קעגן די מערדערס פון זייער פאָלק. די רוסישע פּאַרטיזאַנער־אָנפירונג האָט פון דעם געוווסט און ייִדן פלעגן טאַקע געשיקט ווערן אויסצופירן די סאַמע געפערלעכסטע קאַמפס־אָפּעראַציעס. די ייִדישע פּאַרטיזאַנער האָבן זייערע קאַמפס־אויפגאַבעס דערפילט בשלימות, באַצאָלנ־דיק אין פיל פאַלן, מיט זייערע לעבנס.

אַ גאַנצער ייִדישער ווזוואָד, אַכט און דרייסיק מאַן פון „סטאַלין־אָט־ריאַד״ גרייפט אָן אין 1942טן יאָר דעם גאַרניזאָן פון שטעטל נאַליבאָק. לויט אַ פריִערדיקן אָפּרייד האָט אַ רויטע ראַקעטע געזאָלט זיין דער סיג־נאַל צום אָנגריף, אַ ווייסע צום צוריקטריט. צוגלייך מיטן ייִדישן ווזוואָד האָבן באַדאַרפט אָנגרייפן די רוסן פון אַ צווייטער ריכטונג. לויט די שפּע־טערדיקע אויפקלערונגען פון דער קאָמאַנדע האָט דער אָנגריף געזאָלט אָפּגערופן ווערן צוליב דעם נייעם שטאַרקן כוח פון די דייטשן, אָבער על־פּי טעות איז אָנשטאָט אַ ווייסע ראַקעטע אַרויסגעלאָזט געוואָרן אַ רויטע און דער ייִדישער ווזוואָד איז אַוועק אין אַטאַקע. די דייטשן, וועלכע האָבן

נאָך אין צווישן צייט באַקומען פאַרשטאַרקונגען, האָבן די ייִדן באַגעגנט מיט אַ הוראַגאַן־פייער. דער ייִדישער ווזוואָד האָט נישט אָפּגעטראָטן, ביז אַלע זענען געפאַלן אין דאָזיקן נישט גלייכן קאַמף, חוץ שלום הילדעסהיי־מער, וועלכער האָט זיך געראַטעוועט בלויז צוליב דעם, ווייל ער איז געווען דער פאַרבינדונגס־מאַן מיטן שטאַב. זייער ברודער־קבר געפינט זיך אויפן מאַרק אין שטעטל נאַליבאָק.

דער אָרליאַנסקי־אָטריאַד שטורעמט דעם דייטשן גאַרניזאָן אין נאַק־רישאָק (אַ דאָרף אין ליפּיטשאַנער פּושטשע, זשעטלער קרייז). די דייטשן האָבן זיך באַוויזן אַריינצוכאַפּן אין די גוט באַפעסטיקטע און באַשיצטע בונקערס און געעפנט אַ מוראדיקן פייער, וואָס האָט פאַראוממעגלעכט דאָס דערנענטערן זיך צו זיי.

דער קאָמאַנדיר רופט זיך דאַן סאַרקאַסטיש אָפּ: „ייִדן זענען פּחדנים און ווילן נאָר פאַרהיטן זייער אייגן לעבן". דאָס ווירקט אויף דעם פאַר־טיזאַן משה סענדעראָווסקי (זשעטל) אַזוי שטאַרק, אַז ער וואַרפט זיך פאָראויס אויף די בונקערס מיטן אויסגעשריי: „מיר זענען נישט קיין פּחדנים, נעמט נקמה!" ער פאַלט גלייך אַן אונטערגעשאָסענער.

ענדע אַפּריל 1944, איז דער לענינסקי־אָטריאַד אַוועק ליקווידירן דעם דייטשן גאַרניזאָן אין רודע־יאַוואָרסקע, (אַ דאָרף אויפן קרייץ־וועג פון ליפּיטשאַנער פּושטשע אין אומגעגנט פון טייך שטשאַרע), וועלכער האָט געשטערט די פאַרטיזאַנער אין זייערע באַוועגונגען.

דער פּלאַן איז אויסגעאַרבעט געוואָרן מיט אַלע פּרטים און ער האָט געזאָלט רעאַליזירט ווערן ביי דער מיטהילף פון ווייסרוסישע פּאָליציאַנטן פון גאַרניזאָן, מיט וועלכע מען האָט אונטערגעהאַלטן פאַרבינדונגען.

איין „דאָט" מיט 83 ווייסרוסישע פּאָליציאַנטן איז לייכט פאַרכאַפּט געוואָרן. צוליבן פאַרשפּעטיקן צו פאַרכאַפּן די שטאַב־געבײדע, באַווייזן די דייטשן זיך אַריינצוכאַפּן אין די בונקערס און עפענען אַ פייער פון אַלע מינים געווער, וואָס עס פאַראוממעגלעכט יעדן פּרווו פון אָפענסיווע. בכדי צו זיגן איז געווען בלויז איין אויסוועג: מען האָט באַדאַרפט צוקריכן מיט אַ גראַנאַט צו דער עפענונג פון „דאָט" און מאַכן אים שווייגן. דאָס איז אָבער געווען פאַרבונדן מיט אַ זיכערן טויט. אויף דער דאָזיקער אויפגאַבע האָט מען כסדר געשיקט איינעם נאָכן אַנדערן ייִדישע פּאַרטיזאַנער און

אַלע זענען זיי צעריסן געוואָרן דורך די אַרויסגעשליידערטע דייטשע מינעס. אין דעם דאָזיקן קאַמף זענען געפאַלן דריי יידישע פּאַרטיזאַנער: שלמה שיפּמאַנאָוויטש (זשעלודאָק), ירחמיאל ליכטער (זשעטל) און בעקערשטיין (דערעטשין).

פּאַרטיזאַנער פון „לענינסקי אָטריאַד“

(ליפּיטשאַנער פּושטשע). ערשטע שורה: דער ערשטער לינקס — ירחמיאל ליכטער (געפאַלן אין מערץ 1943 ביים שטורמען דעם גאַרניזאָן אין רודע־יאַוואָרסקע); נעבן אים — שלמהלע שיפּמאַנאָוויטש (זשאָלודאָק, געפאַלן צוזאַמען מיט ליכטערן). צווייטע שורה: נישט־יידישע פּאַרטיזאַנער. דריטע שורה: דער ערשטער לינקס — ראָזאָווסקי אהרן; דער צווייטער — פיגאַ; דער פערטער — וויסמאָנסקי ברוך; דער פינפטער — ראָזנפעלד נח; (געפאַלן).

אין די ליטווישע אָטריאַדן: „אַ טויט די אָקופּאַנטן“, „פּאָראויס“ און „וולאַדאַס באַראָנעס“ האָבן די יידן געבילדעט אַ קענטיקן פּראָצענט. (מערסטנטייל פון קאָוונער געטאָ). בלויז געציילטע ליטווינער האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו די פּאַרטיזאַנער. כמעט אַלע האָבן זיי מיטגעאַרבעט און סימפּאַטיזירט מיט די דייטשן.

משה קאַגאַנאָוויטש

די א״ד דריי אָטריאַדן זענען אַרויס אָנצוגרייפן דעם דייטשן גאַרניזאָן אין וועטשיורישקי, אַ שטעטל, וואָס איז געווען אַ צענטער פון האַלץ־פאַר־זאַרגונג פאַר דייטשלאַנד און איר אַרמיי. אַ שאָס פון ווזוואָד־קאָמאַנדיר, טראָשין איז געווען דער סיגנאַל צו אָנהייבן דעם אָנגריף. די קויל האָט אויך אַוועקגעלייגט דעם דייטשן פּאָסטן, וואָס האָט געוואַכט לעבן פאַר־פעסטיקטן בונקער. די פּאַרטיזאַנער האָבן מיט אַ „הוראַ!״־געשריי אַדורכ־געריסן די דראָט־פאַרצאַמונגען און געשטורעמט די קאַזאַרמעס. פּנחס קאַר־קינאָווסקי האָט מיט זיין פּע־טע־ער (אַ ביקס קעגן געפּאַנצערטע געווער) געעפנט איבער דער געבײַדע אַ געדיכטן פייער. די קוילנוואַרפלערס: אַהרן גאַפּאַנאָוויטש, איציק נעמזער און מיכאל פּאַסטערנאַק האָבן אומאויפהער־לעך אַרויסגעלאָזן סעריעס און באַדעקט מיט אַ קרייץ־פייער די איבער־ראַשטע, שלאָפנדיקע דייטשן. די דייטשן, וואָס האָבן יאָ באַוויזן זיך אַריינ־צוכאַפּן אין די „אָקאָפּעס״, זענען איינגעשטילט געוואָרן מיט האַנט־גראַנאַטן.

פלוצלינג האָט זיך אויף די פּאַרטיזאַנער געעפנט אַ פייער פון די קאַזאַרמעס. הירש סמאָליאַקאָוו האָט בראש פון זיין גרופּע אָנגעגריפן די קאַזאַרמעס, נאָכדעם ווי ער האָט מיט אַ האַנט־גראַנאַט „איינגעשטילט״ אַ פיינטלעכן קוילנוואַרפער. די גרופּעס פון פּרץ פּאַריסמאַן, ל. צאַדיקאָוו און ש. בלאָך האָבן געאיילט צוהילף סמאָליאַקאָוון. גלייכצייטיק איז דער זיץ־אָרט פון דייטשן שטאַב געשטורעמט געוואָרן דורך די גרופּעס פון ז. שטראָם, י. איידלמאַן, מ. פּאַריסאָן און ש. אַבראַמאָוויטש. ברוך ליפּיאַנסקי האָט זיך אַריינגעריסן דורכן פענצטער אין בנין, אַראָפּגעבויגן די לופע פון דייטשן קוילנוואַרפער און מיטן „פריקלאַד״ פון זיין ביקס געשפּאָלטן די קאָפּ פון קוילוואַרפלער. מיט אַ שטורעם זענען באַזעצט געוואָרן די געבײַדעס פון דייטשן גאַרניזאָן. אין דער זעלבער צייט האָבן דיווערסיע־גרופּעס צעריסן די אייזנבאַן־רעלצן, די טעלעפאָן־דראָטן, אויפגעריסן די פעד־פאַבריק און אַזוי ווייטער.

אינצווישן זענען אָנגעקומען דייטשע פאַרשטאַרקונגען פון ווילנע און די לאַגע האָט זיך ראַדיקאַל געביטן צום אומגונסטן פון די פּאַרטיזאַנער. זיי האָבן זיך נישט געקענט האַלטן קעגן דער דייטשער אויבערמאַכט, וועלכע האָט זיי אָנגעהויבן בלאָקירן פון אַלע זייטן. כדי צו דערמעגלעכן דעם צוריקטרעטן פון די פּאַרטיזאַנער צוזאַמען מיט די פילע טראָפייען און

„ציגנער" (געפאַנגענע), האָט אַ ראָטע אויפגענומען דעם אומגלייכן קאַמף מיט די דייטשן און „געדעקט" אַזויאַרום דעם פאַרטיזאַנישן צוריקטריט. זיי האָבן געשאָסן ביז די לעצטע קוילן און זייער צאָל האָט זיך פאַרקלע־נערט פון מינוט צו מינוט. די גאַנצע ראָטע איז געפאַלן אין קאַמף. פון זעכצן מאַן, וואָס זענען געפאַלן, זענען דרייצן געווען יידן פון קאָוונער געטאָ.

בעת דעם אָנפאַל פון „לענינסקי בריגאַדע" אויף קאָזלאָווטשיזנע איז זאַיצעווס גרופּע (בולאַקס אָטריאַד), צוליב דעם אָנקום פון דייטשע פאַר־שטאַרקונגען, געווען געצוווּנגען איבערצולאָזן שטעקן אין די בלאָטעס אַ 45 מילימעטערדיקן האַרמאַט. אייניקע מאָל זענען געגאַנגען רוסישע פאַר־טיזאַנער אַרויסצובאַקומען צוריק דעם האַרמאַט און זיך אומגעקערט מיט ליידיקן. דאַן זענען פרייוויליק אַוועק דריי יידישע פאַרטיזאַנער: גדליה באָסאַק, חיים־שיע ליפשאָוויטש (דערעטשין) און ירחמיאל קרימעלאָווסקי (וואַרשע) און געבראַכט צושלעפּן דעם האַרמאַט. דער נאַטשאַלניק פון ברי־גאַדע־שטאַב, בולאַט, האָט אין זיינע רעדעס צו די פאַרטיזאַנער געהייסן נעמען אַ ביישפּיל פון זייער דרייסטקייט און מוט.

אין דעם קאַמף מיטן דייטשן גאַרניזאָן אין רודע (אָקטאָבער 1942), האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט דער יידישער פאַרטיזאַן פון אַטלאַסעס ראָטע, באַגדוש. אין דעם דאָרף האָבן זיך אָנגעהויבן אַרומצוגראָבן אין אָקאָפּעס אוקראַינער, וואָס זענען געווען אין דינסט ביי די דייטשן. דער דאָרף רודע געפינט זיך אויפן טראַקט, וואָס פאַראייניקט די רודע־דאָמבראָוויטשיזנער וועלדער, דער טעטיקייטס־ראַיאָן פון בולאַקס אָטריאַד, מיט די ליפּיטשאַ־נער וועלדער. דער פאַרטיזאַנער־שטאַב האָט באַשלאָסן דערשטיקן, באַלד ביים אָנהייב דעם נייעם היטלעריסטישן נעסט.

די פאַרטיזאַנער האָבן אָנגעגריפן דעם דאָרף פוןביידע זייטן. פון איין זייט בולאַקס אָטריאַד מיט אַן אויסגעפאַרריכטן רוסישן טאַנק, וועלכער איז איבערגעלאָזט געוואָרן דורך דער אָפּטרעטנדיקער רויטער אַרמיי. פון דער צווייטער זייט האָבן אָנגעגריפן די פאַרטיזאַנער פון די ליפּיטשאַנער וועל־דער. אַז די אוקראַינישע נאַציס האָבן דערזען, אַז זיי זענען אַרומגערינגלט, האָבן זיי געמאַכט אַ ויברח. פיל פון זיי זענען געפאַלן און די פאַרטיזאַנער האָבן גענומען פיל ווערטפולע טראָפּייען.

ש. באָרענשטיין דערציילט וועגן באַגדושעס העלדישן טאַט אין רודער קאַמף:

„...באַגדוש האָט זיך אַרויסגערוקט אין דער ערשטער ריי פון די אָנגרייפער און דער ערשטער צוגעקומען צו אַ פיינטלעכער אָקאָפּע. מער ווי צען נאַציס זענען צעריסן געוואָרן פון זיין געוואָרפענעם האַנט־גראַנאַט. ער איז געווען אויף אַזויפיל באַדאַכט, אַז ער האָט אַ קערעווע געטון די לופּע פון דער פיינטלעכער מאַשין־געווער אין אַנטקעגנאיבערדיקן זייט, געעפנט אַ פייער צום זייט פון דאָרף און אַזוי אַרום געצוווּנגען דעם שונא צו אַנטלויפן".

(„פּלוגות הד"ר אַטלאַס", — ז"ז, 102־104).

דאָס פאַרוואָרפענע פּאָלעסיער שטעטעלע האָראָדנאָיע, אויפן שאָסיי סטאָלין־פּינסק, איז צוליב איר סטראַטעגישער פּאָזיציע געווען באַזונדערס וויכטיק פאַר די דייטשן. אויף דעם שאָסיי איז אַדורך קיין פּינסק און פון דאָרט קיין דייטשלאַנד, די שפּייז פון די אָקופּירטע געביטן. די אייזנבאַן־נעץ אין די געגנטן: סאַרנע־לוניניעץ און פּינסק־לוניניעץ, וואָס האָט אַדורכ־געשניטן די פּאָלעסיער וועלדער און בלאָטעס, האָט פאַרלוירן איר באַדיי־טונג פאַר די דייטשן אַלס קאָמוניקאַציע־מאַגיסטראַל, נאָכדעם ווי זי איז אוממאויפהערלעך צעריסן געוואָרן דורך די פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן זיך געפונען אין די וועלדער און קוסטעס לענגאויס די אייזנבאַן־ליניעס. אין רשות פון די דייטשן איז געבליבן איין וועג — דער שאָסיי סטאָלין־פּינסק און זיי האָבן אים זאָרגפול אָפּגעהיט.

די פּאַרטיזאַנער האָבן קאָנצענטרירט אַ גרויסן כוח און געשטורעמט דעם האָראָדנאָיער גאַרניזאָן. דער קאַמף האָט זיך פאַרצויגן אייניקע טעג און זיך פאַרענדיקט מיט אַ פולן נצחון. בלויז געציילטע דייטשן איז געלונ־גען זיך צו ראַטעווען, אַנטלויפנדיק דורך אַן אונטערערדישער הייל. אַ גע־לאַנדעטער דייטשער עראָפּלאַן, האָט זיי אויפגענומען און אַרויסגעפירט פון סכנותפולן אָרט.

אין דעם קאַמף האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט: די דריי ברידער שפּין (דאָמבראָוויץ), ק. קויפמאַן און איסער גלעזער (סערניק), ל. בראָמ־בערג און ש. גאַלעצקי (סוואָריטעוויטש).

דער אויסשפּירער פון אָטריאַד „קאָמאַלאָוו", בריגאַדע „מאָראָזאָוו" (דיסנער ראַיאָן) סיאָמעק לעקאַך (דיסנע), איז אַרויפגעפאַלן מיט נאָך פינף

פאַרטיזאַנער אויף אַ לויערונג פון 50 דייטשן (26טן יולי, 1943). זיי נעמען אויף אַן אויסזיכטלאָזן קאַמף מיט דער איבערוויגנדיקער צאָל דייטשן. מיט זיין אַווטאָמאַט האָט סיאָמעק געזייט פייער אויף רעכטס און לינקס דער־מונטערנדיק די קעמפנדיקע: „חברים, נישט אונטערגעבן זיך, שיסן ביז צו דער לעצטער קויל!” און שוין זייענדיק צוויי מאָל פאַרווונדעט האָט נאָך סיאָמעק באַוויזן צו וואַרפן זיין גראַנאַט און אויפרייסן אייניקע דייטשן. אין דעם קאַמף איז דער גרעסטער טייל געפאַלן פון סיאָמקעס האַנט. מיט אַ געפיל פון געזעטיקטער נקמה האָט ער אויסגעהויכט זיין נשמה.

דעם 19טן יוני, 1944, אין אַ קאַמף מיט אַ היטלעריסטישן פאָרפּאָסטן לעבן סטויפּץ, איז אליהו קאָווענסקי באַשטימט געוואָרן צוזאַמען מיט אַ שטורעם־גרופּע אויפצורייסן די בונקערס. נאָך אַ פיר־שעהדיקער שיסעריי, באַקומען זיי אַ באַפעל זיך צו וואַרפן מיט גראַנאַטן אויף די בונקערס. קאָ־ווענסקין געלינגט אַריינצוּוואַרפן צוויי קעגן־טאַנק־גראַנאַטן אין אַ בונקער, וווּ עס האָבן זיך געפונען אַכצן דייטשן. אַלע זענען זיי צעריסן געוואָרן. אָפּטרעטנדיק זענען זיי דורך די דייטשן באַשאָסן געוואָרן פון קוילנוואַר־פערס און קאָוועסקי איז פאַרוונדעט געוואָרן אין האַנט. ער באַוויזט נאָך אַרויפצוכאַפּן זיך אויף אַ פערד און אַריבערצושווימען דעם ניעמאַן. מען פירט אים אַוועק מיט אַן עראָפּלאַן פון פאַרטיזאַנישן עראָדראָם קיין מאָסקווע, וווּ מען אַמפּוטירט אים די האַנט.

מלך באַקאַלטשוק דערציילט וועגן פאַרטיזאַן שפּין, וואָס האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט בעתן קאַמף מיטן דייטשן גאַרניזאָן אין שטעטל לעמישעוויטש (ביי פינסק):

„דאָרט האָבן די דייטשן אויפגעבויט דאָטן און פאַרבאַריקאַדירטע שוץ־פּונקטן. דער „וואָראָשילאָוו”־אָטריאַד איז אָנגעפאַלן אויפן שטעטל. נאָך אַ שווערן קאַמף איז דער פּאָליציי־אַמט געוואָרן פאַרכאַפּט דורך די פאַרטיזאַנער און עטלעכע פּאָליציסטן זענען אַריינגעפאַלן לעבעדיקע אין די פאַרטיזאַנישע הענט. די דייטשן זענען אַריין אין די „דאָטן” און זיך פון דאָרט אָפּגעשאָסן. זיי האָבן דורך אַ ראַדיאָגראַם אַרויסגערופן הילף פון פינסק. דער יידישער פאַרטיזאַן, שפּין, האָט צוגעפּויזעט ביז צו דעם פּאָליצייאישן בונקער און אַריינגעוואָרפן אַ באָמבע, וואָס האָט אויפגעריסן דעם בונקער”.

(„זכרונות פון אַ יידישן פאַרטיזאַן”, — פון כתב־יד).

ביי אַ גערעגנגל מיט צוויי דייטשן, וועלכע הערשל בליישטיין (דאָרף לישניפקע, מאַניעוויטשער ראַיאָן, וואָלין), האָט דערשטאָכן מיט זיין באַג־נעט, איז ער אַליין געפאַלן פון אַ זייטיקער דייטשער קויל.

די דריי יידישע פּאַרטיזאַנער פון דער 51טער יידישער גרופּע ביים אָטריאַד „שטשאָרס”: זרח קרעמען, ליקער און בערעזין, זייענדיק אויף־אָן אויפגאַבע אויף די מאַשוקיער כוטאָרס (האַנצעוויטשער ראַיאָן), האָבן זיך דערוווּסט פון די פּויערים, אַז אויף דעם 17טן פעברואַר 1943, גרייט זיך אַ יאַגד אויף חיות אין די מאַשוקיער וועלדער, ווו עס וועלן אָנטיילנעמען הויכע דייטשע אָפיצירן פון באַראַנאָוויטשער אומגעגנט.

די יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן זיך גלייך פאַרבונדן מיט אָרלאָווסקיס דעסאַנטן־גרופּע, וועלכע האָט זיך דאָן צופעליק געפונען נישט ווייט פון דעם אָרט, און צוזאַמען מיט זיי צוגעגרייט אַן „אויפנאַמע...”

נאָך אַ קורצן קאַמף זענען 25 דייטשן געלעגן געהרגעטע. צווישן זיי איז געווען אויך דער אָבערגעביטס־קאָמיסאַר פון באַראַנאָוויטש, גרוי־פּענפּירער פענץ, זיין שאָפער, אַ שטורעמבאַנפירער און די פּאָליצײַ־קאָמענ־דאַנטן פון באַראַנאָוויטשער, טיניאַווקער און קלעצקער ראַיאָנען, וועלכע האָבן באַגלייט דעם דייטשן „מיוחס”, פענץ, אויף זיין יאַגד־פאַרווײַלונג.

ש. פּערסאָוו דערציילט וועגן צוויי און פערציק אונגאַרישע יידן, דאָק־טוירים, יוריסטן, אינזשעניערן, וויסנשאַפטלער פון ווין און בודאַפּעשט, וועלכע די אונגאַרישע אַרמיי האָט מיטגעבראַכט אויפן מזרח־פראָנט אַלס „אַרבעטס־באַטאַליאָן” צו צוואַנגס־אַרבעט און זענען מגולגל געוואָרן (בעת אַ פּאַרטיזאַנישן אָנפאַל אויף אַ דייטשן גאַרניזאָן אין אַ דאָרף), אין אַ רוי־סישן אָטריאַד, וואָס האָט אָפּערירט אין די בריאַנסקער וועלדער. די צוויי און פערציק אונגאַרישע יידן, וואָס האָבן קיין וואָרט רוסיש נישט געקענט, האָבן געבילדעט אַ יידישן ווזוואָד, אונטערן אָנפיר פון אַ רוסישן לייטענאַנט. אַלס דאָלמעטשער איז צוגעטיילט געוואָרן אַבראַם (אַברהמל) דער שמיד, אַן אָרטיקער פּאַרטיזאַן, וועלכער האָט זיך מיט זיי פאַרשטענדיקט אין יידיש אויף פּתחן, ד״ה, אַ געבראָכענעם דייטש. לויטן באַפעל פון אָטריאַד־קאָמיסאַר האָט אברהמל איבערגעזעצט די רוסישע פּאַרטיזאַנישע שבועה אויף יידיש מיט אַ געענדערטן אינהאַלט. אָנשטאָט דעם אָריגינעלן טעקסט אין רוסיש: „איך, דער זון פון רוסישן פאָלק, בירגער פון ראַטנפאַרבאַנד”

האָט אברהמל, מיט דער הסכמה פון אָטריאַד־קאָמיסאַר געענדערט דעם אָנהייב פון דער שבועה אין ייִדיש אויף: „איך אַ פרייער זון פון מיין פּיל־ליידנדיקן פאָלק".

דער קאָמיסאַר האָט זיי דערלויבט, פאַרן אַרויסגאַנג צו אַ קאַמפּס־אויפגאַבע, צו פאַרבלייבן אויף דער באַזע, נישט זייענדיק זיכער, צי זיי, די פּראָפעסאָרן און דאָקטוירים, פילן זיך שוין בכוח צו גיין אין שלאַכט. אָבער זיי זענען עקשנותדיק באַשטאַנען אויף זייער רעכט צו נקמה פון זייערע פּייניקער און אַוועק מיטן אָטריאַד שטורעמען אַ גאַרניזאָן. ש. פּער־סאָוו דערציילט ווי אַזוי דער ייִדישער וזוואָד פון אינטעלעקטועלע, איז אַרויסגעטראָטן אין דער ערשטער שלאַכט:

„...דער יידישער וזוואָד אונטער דער קאָמאַנדע פון זיין רוסישן קאָמאַנדיר האָט אַ קלאַפּ געגעבן פון רעכטס. דער וזוואָד האָט זיך צעשאָטן און געגומען פויזען איבערן שניי. פלוצלינג האָט עמעצער דערהערט אַ שטיל שעפּטשען אויף דייטש. דער ווינער געלערנטער האָט זיך אָפּגערופן, פאַרשטייט זיך, אויך אויף ריין דייטש.

„די דייטשן האָבן באַשלאָסן, אַז דאָס זענען אייגענע, און האָבן זיך אויפגעשטעלט. די יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן באַשאָטן די פאַשיסטן מיט אַ האָגל קוילן. עטלעכע היטלער־יונגען זענען אומגעפאַלן. זעקס האָבן אויפגעהויבן די הענט. איינער האָט געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער גיט זיך אונטער, און דערנאָך האָט ער אַ שטעך געטון פון זיין אַווטאָמאַט. דריי יידישע פּאַרטיזאַנער זענען געבליבן ליגן טויטע.

„דער קאָמאַנדיר האָט זיך אַ ריס געטון פאַראויס:

— „פאַרן בלוט פון אונדזערע חברים... פאַר אונדזערע מאַמעס, פרויען און כלות — פייער!... און דער וזוואָד האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ באַגנעטן־שלאַכט. די דאָקטוירים, אינזשעניערן, יוריסטן, קונסט־טוער און וויסנשאַפטלער פון ווין און בודאַפּעשט האָבן געשטאָכן, געשאָסן, גע־וואָרפן גראַנאַטן, אָנגעגריפן מיט אַזאַ פאַרביטערטקייט און דרייסטקייט, ווי זיי וואָלטן זיך דאָס גאַנצע לעבן פאַרנומען מיט פירן מלחמה..."

(ש. פּערסאָוו — „דיין נאָמען איז פאָלק", „פאַרצייכענונגען וועגן יידן פּאַרטיזאַנער", — ז"ז, 52־58).

אין דער געלונגענער אָפּעראַציע — די פולשטענדיקע צעגראָמירונג פון גאַרניזאָן, האָט דער ייִדישער וזוואָד פון די צוויי און פערציק אונגאַ־רישע ייִדן פון אַרבעטס־באַטאַליאָן, געהאַט אַ גרויסן חלק. דאָס איז אויך

אָפּגעמערקט געוואָרן אין טאָג־באַפעל, און מען האָט זיך צו זיי אָנגעהויבן באַציִען ווי צו אמתע פּאַרטיזאַנער.

ש. באָרענשטיין דערציילט וועגן אַ העלדנטאַט פון קאָמאַנדיר פון דער ייִדישער ראָטע אין בולאַקס אָטריאַד, ד״ר יחזקאל אַטלאַס און אליהו קאָוועסקי:

„...אין איינעם פון די אָקטאָבער־טעג 1942, איז אין לאַגער פון בולאַקס אָטריאַד אַלאַרמירט געוואָרן, אַז לערך דריי טויזנט אוקראַיִנישע באַציס מיט טאַנקן און האַרמאַטן מאַרשירן פון סלאָנים צו דערעטשין. דער שטאַב האָט באַשטימט, אַז אַטלאַסעס ייִדישע ראָטע וועט פאַרנעמען אַ פּאָזיציע אין צענטער, הינטערן דאָרף וואָליע. די אוקראַיִנער פון צווייטן זייט פון דעם טייך שטשאַרע האָבן אָנגעהויבן באַשיסן דעם דאָרף, וואָליע און געוואַרט אויף אַן ענטפער. די פּאַרטיזאַנער זענען געלעגן אין זייערע פאַרמאַסקירטע פּאָזיציעס און נישט געענטפערט. דער דאָרף האָט זיך אָנגעצונדן פון די צינד־קוילן און אין דאָרף איז נישט געווען קיין לעבע־דיקער נפש. די פויערים זענען זיך צעלאָפן אין די שכנישע וועלדער. די אוקראַיִניש־דייטשע כוחות האָבן זיך אָנגעהויבן אַריבערשיפן די שטשאַרע. ערשט ווען זיי האָבן זיך דערנענטערט צו אונדזער ברעג, איז געגעבן געוואָרן דער באַפעל: — פייער!...

„אונדזערע קוילנוואַרפערס האָבן אויסגעליידיקט דיסק נאָך דיסק. אונדזער אַרטילעריע האָט געדונערט. דער גרעסטער טייל אין דער פייַנט־לעכער לאָדקע, איז באַלד געהרגעט געוואָרן. די רעשט איז געשפּרונגען אין וואַסער און געפּרוווט דערשווימען צוריק צום צווייטן ברעג. אָבער דאָ האָט זיי אָפּגעוואַרט בולאַקס גרופּע, וואָס האָבן זיך געפונען אויפן לינקן פלאַנג און אָנגעמאַכט צווישן זיי אַ חורבן. די פון זיי, וואָס זענען געבליבן לעבן זענען אַנטלאָפן צום וועלדל, אַ האַלבן קילאָמעטער פון טייך, און פאַרנומען אַ פּאָזיציע, ביים ראַנד פון וועלדל.

„פּלוצלינג האָב איך דערזען, אַז אַטלאַס, וועלכער איז געלעגן אויפן דאַך פון אַ פויערס הויז און אָבסערווירט דורך זיין שפּאַקטיוו, דעם שונאס באַוועגונגען, האָט אָנגעהויבן שרייען צו אונדז. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז צוויי פאַרוווּנדעטע אוקראַיִנער ליגן פאַרשטעקט אין גראָז און פּרי־זשען צו זייערע מענטשן אין וועלדל. אַטלאַס, און נאָך אים אליהו קאָ־וועסקי זענען אַריינגעשפּרונגען אין טייך און זיך באַוועגט צום צווייטן ברעג. מיר האָבן זיי געהאַלטן פאַר פאַרפאַלענע און געשריגן: — חברה, קערט זיך אום!!! מיר האָבן זיך נישט באַוויזן אַרומצוקוקן, ווי דער דאָקטאָר און קאָוועסקי זענען שוין געווען אויפן צווייטן זייט טייך און זיך געיאָגט נאָך די אָפּטרעטנדיקע צוויי אוקראַיִנער. סיי מיר און סיי די אוקראַיִנער,

וואָס זענען געלעגן אין וועלדל, האָבן איבערגעריסן די שיסעריי, צוליב דער מורא צו טרעפֿן אין די אייגענע מענטשן.

„דער מאָמענט האָט דעצידירט. אַטלאַס האָט זיך דערנענטערט צו איינעם פון די אַנטלויפנדיקע און אים דערשאָסן מיט זיין רעוואָלווער. אַליהו קאָווענסקי האָט דערשאָסן דעם צווייטן. ערשט איצט האָט זיך אַ שאָט געטון פון וועלדל אַ האָגל קוילן אויף די פויזענדיקע, אָפּטרעטנדיקע יידישע פאַרטיזאַנער. אליהו איז דורכגעשווומען דעם טייך מיט איין האַנט, האַלטנדיק אין דער צווייטער, אויפגעהויבן איבערן וואַסער, אַ פיינט־לעכן קוילנוואַרפער־טראָפּיי. אַז זיי זענען אָנגעקומען בשלום צוריק אין דאָרף האָבן מיר זיך אין זיי איינגעקוקט, ווי אויף געקומענע פון יענער וועלט.

„אין אַ פאָר טעג אַרום איז געלייענט געוואָרן אַ באַפעל פון שטאַב וועגן צושטעלן ד״ר יחזקאל אַטלאַס און אליהו קאָווענסקי צו אַ הויכן אָרדן פאַר דער אויסערגעוויינלעכער דרייסטקייט אין קרבנות־גרייטקייט".

(שמואל באָרענשטיין — „פלוגת הד״ר אַטלאַס", — ז״ז, 100־102).

יידישע פאַרטיזאַנער האָבן אַלע מאָל געהאַט די אַמביציע דורכצופירן דיווערסיע־אַקטן און אָנפאַלן אויף זייערע אייגענע געבורטס־שטעטלעך און ישובים, כדי צו דערווייזן זייערע שונאים, אַז זיי לעבן נאָך און נעמען נקמה.

געוויס האָט דאָ געשפּילט אַ ראָל דאָס קענען דעם שטח, דעם צוגאַנג און אָפּגאַנג, וואָס עס האָט דערמעגלעכט דורכצופירן דערפאָלגרייך די קאַמפּס־אָפּעראַציעס.

אברהם קאָפּעלאָוויטש דערוויסט זיך, קומענדיק פון אַן אויפגאַבע, אַז דער אָטריאַד (בולאַקס) איז אַוועק שטורעמען דעם גאַרניזאָן פון זיין שטעטל קאָזלאָווטשיזנע. ער האָט נישט געקענט שלום־מאַכן מיט דעם געדאַנק, אַז ער זאָל נישט נעמען נקמה פון די שטאָטישע „הינט", מיט וועלכע ער האָט אַזויפיל חשבונות. „אָן מיר איז מען אַוועק אויף מיין קאָזלאָווטשיזנע?!" ער כאַפּט אַ פור און דעריאָגט האַרט ביים שטעטל די פאַרטיזאַנער. קענענדיק גוט דעם שטח גייט ער אַלס אויסשפּירער. ער לויפט אַריין אין בירגערמייסטערס הויז מיט אַן אויסגעשטרעקטן אַווטאָמאַט און עפנט גלייך אַ פייער אויף די ווייסרוסישע פּאָליציאַנטן, וועלכע געפינען זיך דאָרט. מיט איין סעריע לייגט ער אַוועק צוויי פּאָליציאַנטן און פאַלט אַליין פון אַ קויל פון אַ פאַרשטעקטן פּאָליציסט. דער העלדישער קאָפּעלאָוויטש איז צוגעשטעלט געוואָרן נאָכן טויט צום „לענין" אָרדן.

די איוויער העלדישע ברידער צאַלקע און מאָטקע גינזבורג און זייער קוזין, מרדכי גומניץ האָבן פאַרגעלייגט דער אָנפירונג פון אָטריאַד „איסקראַ“ אַ פּלאַן פון אויפרייסן דעם טאַרטאַק, מיל און עלעקטראָסטאַנציע אין זייער געבורטס־שטעטל און אויסגעאַרבעט אין אַלע דעטאַלן דעם פּלאַן פון אָנפאַל. אין אַ פינצטערער ווינטער־נאַכט (פעברואַר (1943), זענען די דריי ייִדישע פּאַרטיזאַנער און צוויי אוקראַיִנישע, צוגעפאָרן מיט אַ גרויסן פּאַקעט טאָל צום טאַרטאַק. דעם שליטן האָבן זיי איבערגעלאָזט הינטערן טאַרטאַק. זיי האָבן זיך באַהאַלטן הינטער די קלעצער, בכדי צו קענען אָבסערווירן די באַוועגונגען פון דער דייטשער וואַך און צופּאַסן אַ מאָמענט כדי צו קענען זיך אַריינבאַקומען אין מאַשינען־אָפּטייל און דאָרט אונטערלייגן די מינע.

די פינצטערניש איז געווען אַזוי גרויס, אַז די וואַך איז דורכגעגאַנגען האַרט לעבן זיי און גאָרנישט באַמערקט. זיי האָבן געהערט, ווי איינער רופט זיך אָפּ צום צווייטן: „די קעלט איז גרויס, לאָמיר אַריינגיין אַ ביסל זיך אָנוואַרעמען“.

אויף דעם האָבן די פּאַרטיזאַנער געוואַרט. גלייך ווי די דייטשן זענען אַריין אין אַ דערבייאיקן הויז, האָבן זיך די דריי יונגעלייט אַריינגעכאַפּט אין וווינונג פון טאַרטאַק־פּאַרוואַלטער און טעראָריזירנדיק אים אַרויסגעבאַקומען די שליסלען פון דער מאַשינען־אָפּטייל.

צאַלקע גינזבורג לויפט שנעל אַריין אין דער מאַשינען־האַלע, לייגט אונטער דעם „פּאַקעט“ אונטער די מאַשינען, צינדט אונטער דעם ביקפאָרד־שנור מיט דער אויסרעכענונג, אַז די עקספּלאָזיע זאָל פּאַרקומען אין עטלעכע מינוט אַרום. נישט זייענדיק זיכער, אַז דער שנור איז גוט צוגעבונדן צו דער מינע, ריזיקירט ער אַריינצולויפן נאָך אַמאָל אין דער מאַשינען־אָפּטיילונג און אָן איבערצייגטער, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג, לויפט ער פון דאָרט אַרויס. אין עטלעכע סעקונדעס שפּעטער האָט זיך דערהערט אַ מוראדיקער קנאַל. פון טאַרטאַק האָט אַ זעץ געטון אַ שטיק פייער און קנוילן רויך. פון אַלע אַרומיקע געביידעס האָבן אָנגעהויבן פליִען די דעכער און די שויבן.

פון דערבייאיקן שטעטעלע איוונע (דער טאַרטאַק איז געווען אַן ערך איין קילאָמעטער פון שטעטל), האָבן די דייטשן מיט פּראָזשעקטאָרן באַ־

לויכטן די גאַנצע אומגעגנט און פון שפּיץ קלויסטער, ווו עס זענען געווען אויפגעשטעלט קוילנוואַרפערס, אָנגעהויבן שיסן אין דער ריכטונג פון וואַלד. די פּאַרטיזאַנער האָבן פון פאָראויס אויסגערעכנט, אַז די דייטשן וועלן זיי אָפּשניידן דעם וועג צוריק צום וואַלד, דעריבער האָבן זיי זיך טאַקע געלאָזט אין דער קעגנגעזעצטער ריכטונג, וואָס עס האָט זיי גערא־

דער 66־יעריקער שמואל באָבראָוו

פּאָטער פון פאַרשטאָרבענעם קאָמאַנ־דיר פון יידישן אָטריאַד „קאַגאַנאָ־וויטש ל. מ.״ (פּאָלעסיע), באָבראָוו דוד, האָט געהערט צו דער קאַמפּס־גרופּע (איצט אין אַמעריקע).

טעוועט. דער אָפּקלאַנג פון אויפרייס איז געהערט געוואָרן אין דער גאַנ־צער אומגעגנט און האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אויף דער באַפעלקערונג.

די קאָמאַנדשאַפט האָט אָפּגעמערקט די דרייסטע און דערפאָלגרייכע אָפּעראַציע איבער אַזאַ וויכטיקן מיליטערישן אָביעקט און צוגעשטעלט די אָנטיילנעמער צו הויכע מלוכה־אָרדנס.

אויך דער יידישער אָטריאַד א״נ „קאַגאַנאָוויטש״ ל. מ.״ (פּאָלעסיע), האָט דורכגעפירט אַ דערפאָלגרייכע אָפּעראַציע, אויפרייסנדיק דעם טאַר־

טאָק אין שטעטל פּאָהאָסט־זאַגאָראָדסקי. דער טאַרטאַק האָט געהערט פאַר דער דייטשער אָקופּאַציע צו דער פאַמיליע באַבראָוו. דער צוגאַנג און אָפּ־גאַנג איז געווען זייער אַ שלעכטער פאַר אַן אָנגריף. פון איין זייט האָט דעם טאַרטאַק אָפּגעטיילט דער טייך באַבריק, פון דער צווייטער זייט, די פּאָהאָס־טער אָזיערע און הויכע בערג. דער טאַרטאַק איז געווען אָפּגעהיט טאָג און נאַכט דורך פיר דייטשע פּאָסטנס אויף אַלע עקן פון בריק, וועלכע האָט געפירט צום טאַרטאַק. דער טאַרטאַק האָט געהאַט אַ וויכטיקן מיליטע־רישן באַטייט ביים צושטעלן פאַר דער דייטשער קריגס־אינדוסטריע האָלץ־מאַטעריאַל פאַר שיף־בוי.

נאָוועמבער 1942, האָט דער ראָטע־קאָמאַנדיר, לייבל באַבראָוו, באַקו־מען אַ באַפעל אויפצורייסן די פאַבריק. זייענדיק דער פריערדיקער אייגנטי־מער פון טאַרטאַק האָט ער געקענט אַלע וועגן און צוגאַנגען אויף דעם שטח.

צוקלייבנדיק צו זיך די דרייסטע חברה: שמואל קאָזשושניק, קאָמיסאַר העניעק סאָלאָווסקי א״אַ. זענען זיי, מיט אַ פּאַקעט פון 35 קילאָגראַם אויפ־רייס־מאַטעריאַל, אַוועק אויספילן די אויפגאַבע. מיט גרויס ריזיקע גיט זיך זיי איין דורכצוגיין דעם טייך, אָנצוקומען צום שטח פון טאַרטאַק און אָן רעש אַנטוואָפענען די פיר וועכטערס, וועלכע עס באַוואַכט סאָלאָווסקי. באַבראָוו און קאָזשושניק קריגן זיך שנעל אַריין אין דער מאַשינען־אָפּטייל. זיי האָבן אונטערגעלייגט די מינעס אונטער די גאַטערן מיט דער אויסרע־כענונג, אַז די עקספּלאָזיע זאָל פּאַרקומען אין 15 מינוט אַרום, בכדי זיי זאָלן קענען באַצייטנס אָפּטרעטן און זיך אַריבערכאַפּן אויף דער צווייטער זייט טייך. די עקספּלאָזיע האָט זיך אָבער באַקומען אַ ביסל פריער. דער דאַך פון טאַרטאַק איז געפלויגן אין דער לופטן, די מאַשינען־אָפּטייל און די געביידע זענען פולשטענדיק חרוב געוואָרן. עס האָט זיך גלייך אויפ־געעפנט אַ געדיכטע שיסעריי פון שווערע קוילן־ און מינע־וואַרפערס פון דעם דייטשן גאַרניזאָן און די גאַנצע אומגעגנט איז באַלויכטן געוואָרן מיט שטאַרקע רעפלעקטאָרן. פויזענדיק אויף די בייכער גיט זיך זיי איין צו דערקריכן דורך אַ צווייטער ריכטונג צו דער בריק און פון דאָרט קומען זיי אָן בשלום אין אָטריאַד.

אין אָטריאַד האָט מען זיי אויפגענומען מיט באַגייסטערונג, ווייל דער

אויפרייס־קנאַל איז געהערט געוואָרן אַזש דאָרטן. פאַר דער דרייסטער אָפּעראַציע זענען אַלע אָנטיילנעמער צוגעשטעלט געוואָרן צום אָרדן „רויטער שטערן" און באַקומען אַ דאַנק־אויסדרוק פון פּאַרטיזאַנישן שטאַב.

דער פּאַרטיזאַן פון ביעלסקיס אָטריאַד, נחמן טורעצקי, איז אַליין אַוועק און פאַרברענט דעם טאַרטאַק, ווו ער האָט פריער געאַרבעט. עס דערציילט וועגן דעם יהושע יאַפע אין בוך „פּרטיזנים":

„די ערשטע שטוב אין שטעטל איז דער טאַרטאַק. די דייטשן האָבן געהרגעט דעם יידישן באַלעבאָס און קאָנפיסקירט דעם טאַרטאַק. נחמן האָט דאָרט געאַרבעט אַלס הייצער ביזן אַנטלויפן אין די וועלדער. נחמן האָט כסדר געטראַכט, ווי צו פאַרברענען דעם טאַרטאַק. דער באַלעבאָס איז נישטאָ, די יידישע אַרבעטער זענען אויך אַלע אויסגעהרגעט געוואָרן, טאָ פאַרוואָס איבערלאָזן די דייטשן דעם טאַרטאַק? דערביי האָט ער אויך געוואָלט מאַכן אַ חשבון מיטן סטאָליער אַנדריי, וואָס האָט אַרויסגעגעבן צו די דייטשן בעת דער „אַקציע" חיים דעם שמיד און זיין זון, וואָס האָבן זיך פאַרבאַהאַלטן אונטער די ברעטער.

„נחמן, וואָס האָט גוט געקענט דעם שטח, האָט באַשלאָסן איינער אַליין אַדורכפירן די דיווערסיע. אָנגעטאָן אין פויערישע מלבושים, פאַרזען מיט אַ רעוואָלווער אין קעשענע און מיט אַ פּאָר פאַרשטעקטע האַנט־גראַנאַטן האָט ער זיך אין דער פינצטער דערקליבן צום טאַרטאַק דורכן צאַם און זיך פאַרבאַהאַלטן הינטער די ברעטער. ער האָט זיך, אומבאַמערקט פאַר דער דייטשער וואַך, אַריינגעגנבעט אינעווייניק און איז אַדורך די פאַרשיידענע אָפּטיילונגען.

„פלוצלינג האָט ער אין דירעקטאָרס וואַרטע־צימער דערזען אַ שלאָפנדיקן מענטשן. מיטן רעוואָלווער אין האַנט, איז ער צוגעגאַנגען צו שלאָפנדיקן. ער האָט אים באַלד דערקענט:

— „אַנדריי, וואָס טוסטו דאָ?"

— „איך היט דעם טאַרטאַק. און ווער ביסטו?"

— „דו דערקענסט נישט נחמן דעם הייצער? שרעק זיך נישט. איך וועל דיר גאָרנישט טון. איך בין דאָ נישט איינער אַליין. דער הויף איז אַרומגעריגלט פון פּאַרטיזאַנער. גיס נאַפט אין אַלע צימערן. אָבער מאַך דאָס שטיל!" — האָט נחמן אים באַפוילן האַלטנדיק דעם רעוואָלווער אַנטקעגן אַנדרייען.

„נחמן האָט אין יעדער אָפּטיילונג אָנגעצונדן די צעגאָסענע נאַפט און האָט אָפּגעפירט אַנדרייען אונטער אַ קופּע ברעטער:

— „דו געדענקסט, אַנדריי, דאָ האָט זיך פאַרבאַהאַלטן חיים דער

שמיד און זיין זון? דו האָסט זיי אַרויסגעגעבן צו די דייטשן. איצט, אַז דער טאַרטאַק ברענט, ברען דו אויך...

„נחמן האָט אין אים אַריינגעשאָסן צוויי קוילן און זיך שנעל דורך די דראָטן אַרויסגעגנבעט, קוקנדיק מיט הנאה ווי דאָס פייער פאַרשפּרייט זיך שנעל און כאַפּט אַרום דעם גאַנצן שטח.

„די אַנגעלאָפענע דייטשן און ווייסרוסישע פּאָליציאַנטן האָבן בשום אופן נישט געקענט אויפקלערן, ווער עס האָט געמאַכט דאָס שטיקל אַרבעט. נישט דער דייטשער שומר און נישט דער געהרגעטער סטאָליער, אַנדריי, האָבן געקענט אויפקלערן די רעטעניש. די זאַך האָט זיך אויפגעקלערט צומאָרגנס.

נחמן איז אַנטלויפנדיק פון ברענענדיקן טאַרטאַק אַריין אין אַ פּויעריש הויז און אָנגעשריבן אַ צעטעלע פון פאָלגנדיקן אינהאַלט:

„דעם טאַרטאַק האָט אונטערגעצונדן נחמן טורעצקי, אַ יידישער פּאַרטיזאַן. דער יידישער באַלעבאָס פון טאַרטאַק איז נישטאָ, די יידישע אַרבעטער זענען שוין אויך נישטאָ. טאָ צו וואָס דער טאַרטאַק? אַנדריי דעם סטאָליער האָב איך דערשאָסן, ווייל ער האָט אַרויסגעגעבן חיים דעם שמיד און זיין זון... כל־זמן איך וועל לעבן, וועל איך נקמה נעמען פאַר מיין פאָלק".

ער האָט געבעטן דעם פּויער אָוועקצוטראָגן דאָס צעטעלע צו דער פּאָליציי און אַליין איז ער אַוועק צוריק צום פּאַרטיזאַנישן באַזיס אין וואַלד, נישט קענענדיק אָפּרייסן די אויגן פון צעצונדענעם הימל..."

(יהושע יאַפע — „פּרטיזנים" — ז"ז, 61־64).

באַלד נאָך דער גרויסער שחיטה אין שטעטל האַראַדאָק (יולי, 1942), איז אַנטלאָפן אַ גרופּע יוגנטלעכע פון זעכצן מאַן מיט חנן אַלטערמאַן בראש, אין די וועלדער.

פון באַקאַנטע פּויערים האָבן זיי זיך דערוווסט, אַז אין אַ באַשטימטן טאָג וועלן אַ קליינע צאָל פּאָליציסטן פאָרן פון האַראַדאָק קיין מאָלאָדעטשנע (וואָלאָזשינער קרייז). טראָץ דעם, וואָס זיי זענען געווען שוואַך באַוואָפנט און אָן פּאַרטיזאַנישער פּראַקטיק, האָבן זיי דאָך באַשלאָסן אָנצופאַלן אויף די פּאָליציסטן, פון אַ לויערונג. דער אָנפאַל איז געווען אַ פולער נצחון פאַר דער קליינער יידישער גרופּע, די זעקס פּאָליציסטן זענען דערשאָסן געוואָרן און זייערע ביקסן האָבן פאַרגרעסערט דעם געווער־באַזיץ פון דער גרופּע.

איינמאָל איז צו זיי דערגאַנגען אָפּהילכן פון אַ שטאַרקער שיסעריי אין דער אומגעגנט. אַלטערמאַן איז געווען זיכער, אַז דאָס קומט פאָר אַ קאַמף צווישן פּאַרטיזאַנער און דייטשן און זיי זענען געלאָפן צום אָרט פונוואַנען עס האָבן זיך געהערט די שיסערייען. זיי האָבן דאָרט געפונען אַ פאַרווונדעטן פּאַרטיזאַן, וואָס איז אָפּגעגאַנגען אין בלוט (די פּאַרטיזאַנער זענען ראַשיק אָפּגעטראָטן צוליבן איבערגעוויכט פון דייטשן כוח). דער פאַרווונדעטער איז געווען, גריבאַנאָוו, קאָמאַנדיר פון דער „טשקאַלאָוו"־בריגאַדע. לויט זיין ביטע, האָבן זיי אים איבערגעפירט צו דער בריגאַדע־באַזע אין די פערשייער וועלדער און לויט זיין רעקאָמענדאַציע האָט מען זיי אויפגענומען אין אָטריאַד „קוזנעצאָוו".

פון ערשטן טאָג, נאָך זיין אָנקומען אין אָטריאַד, האָט אַלטערמאַן אָנגעהויבן באַווירקן די קאָמאַנדשאַפט, אַז מען זאָל אָנגרייפן דעם גאַרניזאָן אין זיין געבורטס־שטעטל, האַראָדאָק. דריי הונדערט פּאַרטיזאַנער האָבן, אין סעפּטעמבער 1942, אָנגעגריפן דעם האַראָדאָקער גאַרניזאָן, וואָס האָט געציילט לערך 200 דייטשן און פּאָליציסטן. נאָך אַ פאַרביטערטער שלאַכט, וואָס האָט זיך געצויגן איבער זעקס שעה, זענען די פּאַרטיזאַנער געווען געצווונגען, מיט גרויסע פאַרלוסטן, אָפּצוטרעטן (צווישן די געפאַלענע זענען געווען צוויי ייִדן).

אָבער טראָץ דעם דורכפאַל, האָבן די ייִדישע האַראָדאָקער פּאַרטיזאַנער געפאָדערט אַ צווייטן אָנפאַל אויף האַראָדאָק. דאָס מאָל (יאַנואַר 1943), איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ גענויער, דעטאַליזירטער אָנגריפס־פּלאַן און עס האָבן זיך אין אָנפאַל באַטייליקט אַלע בריגאַדע־אָטריאַדן (דריי טויזנט פּאַרטיזאַנער). די פּאַרטיזאַנער האָבן בלאָקירט דאָס שטעטל און צעלייגט לויערונגען אויף אַלע וועגן, פון וועלכע עס האָט געקענט קומען הילף פאַר די דייטשן. אַלטערמאַנס אַ האַנט־גראַנאַט אויפן בנין פון דער דייטשער פּאָליציי, האָט געדינט ווי אַ סיגנאַל צום אָנגריף. די דייטשן און פּאָליציסטן, איבערראַשטע פון פּלוצלינגדיקן אָנפאַל און אַרומרינגלונג, זענען אין פּאַניק אַנטלאָפן פון שטעטל. אָבער דאָרט האָבן זיי אָפּגעוואַרט די פּאַרטיזאַנישע לויערונגען און זיי פאַרניכטעט. די פּאַרטיזאַנער האָבן באַזעצט דאָס שטעטל, צוגענומען ביי די „מיעשטשאַנעס" דאָס אָנגערויבטע ייִדישע האָב־און־גוטס, אונטערגעצונדן די ייִדישע הייזער און אָפּגעטראָטן צוריק צום באַזיס אין

די וועלדער. אַלטערמאַן און זיינע חברים האָבן דערלעבט אַ נקמה פון די שוחטים און דאָקומענטירט, אַז עס לעבן נאָך און עס נעמען נקמה האָראָדקער ייִדן... חנן אַלטערמאַן, וואָס האָט זיך געדעכנט פאַר איינעם פון די העלדישסטע פאַרטיזאַנער, איז נאָמינירט געוואָרן אַלס נאַטשאַלניק פון אויסשפּיר אין אָטריאַד „קוזנעצאָוו".

נחום גאָלדזאַקס פּלאַן איז געווען, אַז ייִדישע פאַרטיזאַנער זאָלן אויספירן דיווערסיע־אָפּעראַציעס דווקא אין אומגעגנט פון מינסקער געטאָ. דאָס איז נישט געווען קיין קאַפּריז, נאָר אַ נשמה־באַגער צו שעדיקן דעם שונא דווקא דאָרט, וווּ ער האָט געפּלאַנט צו פאַרניכטן די ייִדן. און נאָך אַ מאָמענט: די אויפרייס־אָפּקלאַנגען וועלן דערמוטיקן די ייִדן, וואָס זענען נאָך פאַרבליבן אין געטאָ און וועלן פאַר זיי דינען ווי אַ סיגנאַל אַדורכצורייסן די געטאָ־דראָטן און אַנטלויפן אין די וועלדער. ערשט ווען נחום גאָלדזאַק איז נאָמינירט געוואָרן קאָמאַנדיר דורכן קאָמאַנדיר פון אָטריאַד א"נ „קוטוזאָוו", אַלס קאָמאַנדיר פון אַ דיווערסיע־גרופּע, האָט ער באַשלאָסן צו רעאַליזירן זיין לאַנגיאָריקן פּלאַן. די גרופּע האָט געציילט סך־הכל פיר מאַן: נחום גאָלדזאַק, צילע קלעבאַנאָוו, דער וויסרוס, רודאָוויטש און נחום אליהו כהן. די גרופּע האָט זיך פאַרהאַלטן לעבן טאַטאַרישן בית־עלמין, האַרט פאַרן מינסקער געטאָ. זיי האָבן מינירט די ליניע אויף אַן עמפינדלעכן אָרט — ביים סעמאַפאָר. פערציק וואַגאָנעס אָנגעלאָדענע מיט טאַנקן און פאַרשיידנאַרטיקע מיליטערישע טעכניק זענען אַראָפּגעגאַנגען פון די רעלצן. דעם אויפרייס האָט מען גוט געהערט אין מינסקער געטאָ און די שמחה איז געווען אַ גרויסע.

אַ צווייטן מאָל איז זיי געלונגען צו עקספּלאָדירן אַ דייטשן צוג בלויז איין קילאָמעטער פון געטאָ. די רעזולטאַטן זענען געווען: צענדליקער גערגעטע און פאַרוווּנדעטע היטלעריסטן און צענדליקער צעשטערטע זעניט־אַרטילעריע.

דעם דריטן מאָל זענען זיי אַריינגעפאָרן אין מיטן העלן טאָג קיין מינסק אויף אַ פויערישן וואָגן פול מיט היי, קאַרטאָפל, עופות אאַז"וו, און אונטער דעם זענען געווען אויפרייס־מאַטעריאַלן. די זעלבע נאַכט האָבן זיי אויפגעריסן אַ צוג אין שטאָט גופא (געווייינטלעך האָבן די דייטשן כמעט נישט געהיט די אייזנבאַן־ליניעס אין שטאָט און דער נאָענטסטער אומ־

געגנט, ווייל זיי האָבן נישט געגלויבט, אַז די פּאַרטיזאַנער וועלן וואַגן צו ריזיקירן קומען אַהין). נחום גאָלדזאַקס דיווערסיע־גרופּע האָט פאַרשריבן אויף איר קאָנטע אַכט פיינטלעכע עקספּלאָדירטע עשאַלאָנען.

אַן אָפּטיילונג („אָטדיעלעניע") יידישע פּאַרטיזאַנער פון אָטריאַד „איסקרא", האָט אַראָפּגעלאָזט פון די רעלצן צוויי דייטשע עשאַלאָנען האַרט ביים לידער געטאָ. די יידן אין געטאָ האָבן געהערט די אויפרייסן און געוווּסט די פאַרניכטנדיקע רעזולטאַטן.

יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן זיך געריסן צו קאַמף און נקמה, אַרויס־ווייזנדיק דערביי פיל אָריגינעלע איינפאַלן, דערטראַכטנדיק זיך צו די פאַרשיידנסטע המצאות בכדי צו קענען שאַדן דעם שונא און שטילן אַ ביסל זייער זודיקן צאָרן.

אין דער ערשטער תקופה פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג, ווען עס האָט זיך געפילט אַ גרוואַלדיקער מאַנגל אין טאָל־ און אויפרייס־מאַטעריאַלן, האָבן די יידישע פּאַרטיזאַנער געקעמפט פאַר דער מעגלעכקייט צו גייען אויף די אייזנבאַן־ליניעס, כדי אַראָפּצולאָזן דייטשע עשאַלאָנען.

דעם אָטריאַד „קרוק" (וואָלין), וועלכער איז דאַן געווען אין זיין איבערוויגנדיקער מערהייט אַ יידישער, איז אָנגעקומען גאַנץ שווער אויס־צוקעמפן אַזעלכע מעגלעכקייטן.

אויך אין אָרליאַנסקי־אָטריאַד, האָט מען זיך נישט געאיילט צו שיקן די יידישע פּאַרטיזאַנער פון דער דריטער ראָטע צו דיווערסיע־אַקטן אויף די אייזנבאַן־ליניעס.

די יידישע פּאַרטיזאַנער פון נאַטשער פּושטשע, בריגאַדע „לעבינסקי קאָמסאָמאָל" פלעגן דורכמאַכן פיל הונדערטער קילאָמעטער, דורכגייענדיק ראַיאָנען באַהערשטע פון דייטשן און ווייסע־פּאָליאַקן, אויסשטעלנדיק זיך אויף די גרעסטע געפאַרן, בכדי צו ברענגען אַ ביסל „טאָל" און קענען אָנגיין מיט דער דיווערסיע־אַרבעט אין זייער ראַיאָן.

די יידישע פּאַרטיזאַנער פון רוסישן אָטריאַד „איסקרא" האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין ברענגען די האַרמאַטן־סנאַריאַדן, וועלכע זענען גע־ווען מאַגאַזינירט נישט ווייט פון דער לידער אייזנבאַן־סטאַנציע. ביים צו־גרייטן „פּאַקעטן" (אָדער אויפן פּאַרטיזאַנישן לשון — „מתנות") פאַרן

א"ד אָטריאַד, האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט דער פּאַרטיזאַן בערדאָוו־סקי (לידע).

אַדאַנק דעם העלדישן יידישן פּאַרטיזאַן, ברוך לעווין, האָט דער די־ווערסיע אָטריאַד „אַקטיאַבר" באַקומען פיל אויפרייס־מאַטעריאַלן פון זשע־לודקער אומגעגנט. ער איז געווען דער ספּעציאַליסט פון צוגרייטן די „פּאַקעטן" און אַ באַדייטנדיקן טייל פון זיי האָט ער אַליין אונטערגעלייגט אונטער די פיינטלעכע באַנען.

צו אַן אָריגינעלן איינפאַל האָט זיך דערטראַכט דער יידישער אָטריאַד „קאַגאַנאָוויטש ל. מ." (פּאָלעסיע). נישט האָבנדיק אין דער ערשטער צייט קיין אויפרייס־מאַטעריאַלן, האָבן די סטאָלאַרעס געמאַכט אַ קלין, וועלכער האָט מיט דערפאָלג פאַרביטן „טאָל". אַכט מאַן אונטער דער אָנפירונג פון יודל אָשעראָווסקי און קאַזשושניק, זענען אין אַ פינצטערער נאַכט אַוועק מיט דעם „קלין" צו דער באַן־ליניע מאַלקעוויטש־באַסטון. דער לאָקאָמאָטיוו איז אָנגעלאָפן מיט גרויס אימפּעט אויפן אַריבערגעלייגטן קלין איבער די ליניעס און איז אַראָפּ פון די רעלצן, מיטשלעפּנדיק נאָך זיך אַכט וואַגאָנעס מיט אַמוניציע. דער עפעקט פון אַראָפּגעלאָזטן באַן מיט אַ הילצערנעם „קלין", האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם ביי אַלע רוסישע פּאַרטיזאַנער־גרו־פּעס, אין יענער געגנט, וועלכע האָבן באַוואונדערט די יידישע המצאה־קונסט.

***

ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט פלעגן אַ טייל רוסישע אָטריאַדן, (באַזונ־דערס אין דער ערשטער צייט), צעגערן מיט אָננעמען יידן אין די אָטריאַדן, אויב זיי זענען געקומען אָן געווער. געוויינטלעך פלעגט מען זאָגן אַ ניי־אָנגעקומענעם „הרגע אַ דייטש און נעם צו זיך ביקס!"

טיילמאָל פלעגט מען דאָס אָננעמען אַ נייעם פּאַרטיזאַן אין אָטריאַד אָפּהענגיק מאַכן פון אויספילן אַ ריזיקאַלישע קאַמפּס־אויפגאַבע.

אויךביים פאַרזינדיקן זיך קעגן פּאַרטיזאַנישן קריגס־געזעץ, פלעגט מען אין אַ טייל פאַלן קענען אויסקויפן דעם חטא דורך אויספירן געפער־לעכע קאַמפּס־אויפגאַבעס. עס קלינגען ווי לעגענדעס די דרייסטקייט און געוואַגטקייט פון די יידישע פּאַרטיזאַנער פאַר די, וועלכע האָבן אַליין נישט מיטגעמאַכט די סאָוועטישע העראָישע פּאַרטיזאַנקע.

דעם 30טן מאַי, 1942, האָט זיך איינגעגעבן מאַקס ביעגון צו אַנטלויפן אין וואַלד פון דער פּאַראַפּיאַנאָווער שחיטה (ווילנער געגנט).

דריי מעת־לעת בלאָנדזשעט ער אַרום איבער די וועלדער און בלאָטעס, נישט אָנטרעפנדיק קיין לעבעדיקן מענטשן.

פּלוצלינג האָט ער באַמערקט נישט ווייט פון זיך עטלעכע שלאָפנדיקע מענטשן אין ציווילע קליידער. ער האָט זיך פּאָרזיכטיק צוגעגנבעט צו זיי. זיין פרייד איז געווען זייער גרויס. לעבן די שלאָפנדיקע איז געשטאַנען אַ קוישל מיט עסנוואַרג. ביעגון נעמט צו דאָס קוישל און ווי אַ חיה וואַרפט ער זיך אויפן עסן. אַ זאַטער שלאָפט ער איין.

אויף מאָרגן פרי איז ער אויפגעוועקט געוואָרן פון אַ געשריי און אַ באַפעל זיך אויפצוהייבן.

— „ווער זענט איר?" — גיט זיך אַ כאַפּ אויף אַ דערשראָקענער ביעגון.

— „פּאַרטיזאַנער" — פאַלט דער ענטפער.

דערוויסנדיק זיך, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט, האָבן זיי אים געגעבן דריי גראַנאַטן, און געהייסן אָנפאַלן אויף דער פּאַראַפּיאַנאָווער קאָמענדאַנטור און אָפּרוימען דעם דייטשישן הויפּטמאַן, בענץ. דאָס איז געווען דער באַדינג אויפגענומען צו ווערן אין פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד.

צוויי אַזייגער ביינאַכט דערקריכט ביעגון שטילערהייט צום קאָמענדאַנטס שלאָף־צימער און וואַרפט אַריין די גראַנאַטן...

פינף אַזייגער אין דער פרי איז ער שוין צוריק אין וואַלד. ער האָט דעם געשטעלטן באַדינג אויסגעפילט בשלמות. די רעזולטאַטן זענען געווען: הויפּטמאַן בענץ דערהרגעט און דריי דייטשן פאַרוואונדעט.

מאַקס ביעגון איז אויפגענומען געוואָרן אין אָטריאַד.

ברוך זשירמונסקי איז אַנטלאָפן פון לידער געטאָ צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע אין דאָקודאָווער ראַיאָן, פאַרן אַרומרינגלען די געטאָ (29סטן דעצעמבער 1942). דער קאָמאַנדיר פון „איסקראַ"־אָטריאַד, סאַשקע, מאַכט אָפּהענגיק דאָס אויפנעמען אים און נאָך איניקע אַנטלאָפענע יידן אין אָטריאַד פון אויספילן אַ וויכטיקע קאַמפּס־אויפגאַבע. די אויפגאַבע איז באַשטאַנען אין אונטערצינדן דעם הויף פון געביטס־קאָמיסאַריאַט, וואָס געפינט זיך האַרט נעבן לידע. די דריי יידן האָבן אָבער בשום אופן די

אויפגאַבע נישט געקענט אויספירן, ווייל די וואַך אויף דער בריק נעבן דעם הויף האָט זיי באַמערקט. זיי קערן זיך אום צוריק און מעלדן וועגן דעם.

דער קאָמאַנדיר גיט זיי דאַן אַ צווייטע אויפגאַבע. אויפן לידער צע־שטערטן אַעראָדראָם געפינען זיך מאַגאַזינירטע פלי־באָמבעס אָן אָנצינדערס, וועלכע ווערן אויסגענוצט דורך די פּאַרטיזאַנער אַלס אויפרייס־שטאָף פאַר דיווערסיע־אַקטן. זיי האָבן באַדאַרפט אָנלאָדן די באָמבעס אויף שליטנס און ברענגען אין וואַלד. ער האָט זיי געגעבן צו הילף נאָך זיבן יידישע פּאַרטיזאַנער פון זיין אָטריאַד. דאָס מאָל האָט זיך זיי גליקלעך איינגעגעבן אויסצופילן די אויפגאַבע און זיי ווערן אויפגענומען אין אָטריאַד.

אויך דעם יידישן בחור ר. רובינשטיין (לידע), ווערט געשטעלט אַ פאַרבאַדינג ביים אויפנעמען אין אָטריאַד „איסקרא״, אַז ער זאָל אויפרייסן די גאַפּט־ציסטערנעס אין לידע. דער אויפרייס איז אים נישט געלונגען, אָבער די קאָמאַנדע האָט פעסטגעשטעלט, אַז די מינע איז דורך אים אונ־טערגעלייגט געוואָרן, נאָר זי האָט נישט עקספּלאָדירט. ער איז אויפגענומען געוואָרן אין אָטריאַד.

דער 18־יעריקער אייזיק פירט, פון שטעטל טשאַרטאָריסקי (וואָלין), וויל אָנקומען אין אָטריאַד פון רוסישן קאָמאַנדיר קאַפּיטאַן קאָנטשאַ, (פיאָדאָראָוו־ראָווענסקיס פּאַרטיזאַנער־פאַראייניקונג, וועלכע האָט אָפּערירט אין דער געגנט פון ראַפאַלאָווקע). דער קאָמאַנדיר וויל אָבער אים נישט אָננעמען צוליב זיין קרענקלעכן אויסזען און צוליבן געווער־מאַנגל אין אָטריאַד. אייזיק פירט לייגט דאַן פאַר דעם קאָמאַנדיר, אַז ער זאָל אים געבן אַ ריזיקאַלישע קאַמפּס־אויפגאַבע, וועלכע ער איז אָן שום באַוואָרענישן גרייט אויסצופילן. קאַפּיטאַן קאָנטשאַ באַפעלט אים צו פאַרברענען די תבואה־מאַגאַזינען פון די דייטשן אין שטעטל ראַפאַלאָווקע.

פירט נעמט צוויי פלעשער בענזין און עטלעכע גראַנאַטן און אין אַ פינצטערער נאַכט שלייכט ער זיך דורך אומבאַמערקט צו די תבואה־מאַגאַ־זינען, אויסמיידנדיק די וועכטערס. ער באַגיסט מיט בענזין די תבואה, לייגט אַוועק דערביי די גראַנאַטן, צינדט אונטער די בענזין און אַליין גיט זיך אים איין בשלום אַרויסצובאַקומען פון שטעטל. די מאַגאַזינען זענען געוועזן היל־צערנע און דאָס פייער האָט שנעל אַרומגעכאַפּט אַלע תבואה־זאַפּאַסן. עס האָבן אויפגעריסן די אונטערגעלייגטע גראַנאַטן, אַרויסרופנדיק אַ גרויסע

פּאַניק ביי די דייטשן, וועלכע האָבן געעפנט אַ בלינדע שיסעריי איבערן שטעטל. דער קאָמאַנדיר קאָנטשאַ האָט עפנטלעך אויסגעדריקט פירטן דאַנקבאַרקייט פאַר זיין העלדישער טאַט און אים גלייך אויפגענומען אין אָטריאַד.

דער קאָמאַנדיר פון אָטריאַד טשאַפּאַיעוו (פּינסקער בריגאַדע, קאָמאַראָוו פּאַראייניקונג), פּאַטאַלאַכין, פלעגט אויפנעמען צו זיך יידן נאָר מיטן באַדינג, אַז יעדער איינער וועט אַליין דעראָבערן געווער פאַר זיך.

צוויי יידישע בחורים, מענדל קאַפּעליוש (יאַנאָוו, פּאָלעסיע) און הענעך טורקעניטש, (סיערניק), וועלכע האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט אין די וועלדער האָבן געבעטן פּאַטאַלאַכינען, אַז ער זאָל זיי אויפנעמען אין אָטריאַד. ער נעמט זיי אויף און שיקט זיי גלייך אַוועק מיט אַ גרופּע פון 12 מאַן אויף אַ קאַמפּס־אויפגאַבע אויפן טראַקט פּינסק־דובאָי, דורך וועלכן עס האָבן געזאָלט דורכגיין דייטשן צום דאָרף דובאָי. די גרופּע האָט פאַרנומען אַ גוטע פּאָזיציע. נאָך עטלעכע שעה, האָבן זיך באַוויזן די דייטשישע אויסשפּירערס און נאָך זיי — אַ ראָטע זעלנערס. די פּאַרטיזאַנער האָבן זיי דורכגעלאָזן. ווען דער פור־טראַנספּאָרט האָט זיך אויסגעגלייכט מיט דער לויערונג, האָבן די פּאַרטיזאַנער זיך געוואָרפן אויף די פורמאַנעס, אַרויסרופנדיק צווישן זיי אַ פּאַניק. די צוויי יידישע בחורים אָן געווער, האָבן זיך געוואָרפן מיט די הוילע הענט אויף צוויי דייטשן, אַרויסגעריסן ביי זיי די ביקסן און איינגעשלאָסן זיך אין קאַמף צוזאַמען מיט דער גאַנצער גרופּע. אין דעם איבערפאַל האָבן באַצאָלט מיטן לעבן 20 דייטשן און מען האָט דעראָבערט טראָפייען, אַ האַנט־קוילנוואַרפער און עטלעכע ביקסן.

ווען די גרופּע האָט זיך צוריקגעקערט אָן פאַרלוסטן אין אָטריאַד, האָט פּאַטאַלאַכין אויסגעדריקט דאַנקבאַרקייט די צוויי יידישע יונגעלייט פאַר זייער אומדערשראָקנקייט און אָנגענומען זיי אין אָטריאַד אַלס גלייכבאַרעכטיקטע קעמפערס.

איידער מען האָט אויפגענומען גרונם סעגאַלאָוויטש (לעבין) אין „ציגאַנקאָווס אָטריאַד", האָט מען פון אים געפאָדערט, אַז ער זאָל אין קאַמף דערווערבן פאַר זיך געווער. אין דער ערשטן קאַמף האָט ער זיך באַטייליקט אינגאַנצן אָן געווער און, אַז ער האָט דערזען אויפן שלאַכט־פעלט אַ פאַרוואונדעטן דייטש, האָט ער אויפן בויך אַריבערגעפּויזעט צו אים אונטער אַ

קוילן־האָגל און צוגענומען זיין ביקס. ער איז איינגעשלאָסן געוואָרן אין אָטריאַד, און שפּעטער זיך אויסגעצייכנט אַלס דרייסטער קוילנוואַרפלער.

דעצעמבער 1942, האָבן זיך צוויי ידן, אינגבער און פרוי זיידמאַן (היינט, אין ישראל), פאַרבאַהאַלטן אויף אַ בערגל אין די קוסטעס נישט ווייט פון זייער שטעטל, דעמידאָווקע (וואָלין). די איבעריקע געראַטעוועטע האָבן זיך געמוזט פונאַנדערגיין, ווייל עס איז נישט געווען קיין מעגלעכקייט צו זיצן פאַר אַ גרעסערער גרופּע. קיין געווער האָבן זיי אָבער נישט. אָן דעם האָבן זיי נישט געקענט נקמה נעמען און אויך נישט אָנקומען אין אַ פּאַרטי־זאַנער־אָטריאַד.

אין אַ געוויסן פאַרנאַכט, זיצנדיק פאַרצווייפלטע, האָבן זיי באַמערקט, ווי אויפן וועג, וועלכער פירט צום שטעטל, פאָרן צוויי דייטשן אויף ראָווערן. אין דעם אָרט וווּ זיי זענען געזעסן פאַרשטעקט, פאַרקערעוועט זיך דער שאָסיי, שאַפנדיק אַ פאָרם פון אַ „ר״, אַזוי, אַז ווען מען פאַרקערעוועט זיך, זעט מען גאָרנישט, וואָס עס קומט פאָר הינטער זיך. אינגבער טראַכט נישט קיין סך. ווען דער ערשטער דייטש פאָרט פאַרביי זיין באַהעלטעניש, גיט ער פלוצעם אַ שפרונג אַרויס און צעשפּאַלט אים מיט אַ האַק אויף צוויי‌ען.

אָן אַן אויסגעשריי פאַלט דער דייטש טויט. אין דעם מאָמענט איז אָנגעפאָרן דער צווייטער דייטש. נישט געבנדיק אים קיין צייט צו אָריענטירן זיך, וואַרפט ער זיך אויך אויף אים און טויט אים.

— „איצט וועלן מיר נקמה נעמען, איצט וועלן מיר אָנקומען אין פּאַר־טיזאַנקע!״ — שרייט אויס אַ גליקלעכע די פרוי זיידמאַן.

דאָס דייטשע געווער האָט זיי געגעבן דאָס געפיל פון זיכערקייט און האָפענונג.

אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער אונטערן אָנפיר פון קאָמאַנדיר פּאַפּאָוו, האָט בעת זייער מאַרש פון די וואָלינער וועלדער אויף מזרח זיך אָנגעטראָפן אויף אַ בלאָנקענדיקן ייִדישן חבר, באָריס פליישמאַן, (יאַנאָוו, פּאָלעסיע), וועלכער האָט זיך ביי זיי געבעטן אַריינצונעמען אים אין אָטריאַד.

דער קאָמאַנדיר פּאַפּאָוו האָט אויף דעם מסכים געווען מיטן תנאי, אַז ער וועט קיין געווער נישט באַקומען כל זמן ער וועט זיך נישט אַרויסווייזן אַלס ווערטפולער פּאַרטיזאַן. אויפן צווייטן טאָג נאָכן אָנקומען פון באָריס פליישמאַן אין אָטריאַד, האָבן פּויערים אָנגעוויזן 50 דייטשן פון האָראָדנאָיער

גאַרניזאָן דעם וואַלד, אין וועלכן עס האָט זיך געפונען די פאַרטיזאַנער־גרופע.

די פאַרטיזאַנער־וואַך ביים ראַנד פון וואַלד, באַמערקנדיק די דייטשישע קאָלאָנע, האָט גלייך אַלאַרמירט דעם אָטריאַד. צולאָזנדיק די דייטשן אויף אַ שטח פון 40 מעטער, האָט די פאַרמאַסקירטע פאַרטיזאַנער־גרופע פאַרשאָטן מיט אַ געדיכטן קוילן־האָגל די דייטשן, וועלכע האָבן זיך אויף דעם

יידישע פאַרטיזאַנער פון „לענינסקי קאָמסאָמאָל" אין נאַטשער פושטשע אין אַ „זאַסאַדע" (לויערונג). פון לינקס צו רעכטס: חיים איטשקע בערקאָוויטש, חיים בערקאָוויטש, (ראַדון), שלום בערנשטיין (אָראַן), ניאָמקע ראָגאַלסקי (ראַדון).
(אַרכיוו פון „יד ושם", ירושלים)

נישט געריכט, ווייל לויט זייערע אינפאָרמאַציעס האָבן זיך אין וואַלד געזאָלט געפינען בלויז איינצלנע אומבאַוואָפנטע פאַרטיזאַנער.

אין רעכטן ברעג פון קאַמף, האָט באָריס פליישמאַן באַמערקט, ווי עס איז געפאַלן פאַרוווּנדעט אַ דייטשישער אָפיציר. נישט קלערנדיק קיין סך, איז ער, פאַר די אויגן פון גאַנצן אָטריאַד, צוגעלאָפן אונטערן געדיכטן פייער צום פאַרוווּנדעטן דייטש, צוגענומען ביי אים זיין אויטאָמאַט און

פּיסטאָלעט, אומגעקערט זיך צו זיינע חברים און געפירט ווייטער די שלאַכט מיטן נאַר־וואָס דעראָבערטן געווער.

נאָך אַ פאַרביטערטער קורצער שלאַכט, זענען די דייטשן אָפּגעטראָטן, איבערלאָזנדיק אויפן פעלד אַכצן פאַרוווּנדעטע און געהרגעטע.

אין חודש מערץ 1943 איז פון אַ דייטשן אַרבעטס־לאַגער ביי ווילנע אַרויס אַ גרופּע פון זיבן מאַן צו די פּאַרטיזאַנישע וועלדער. אין נאַטשער פּושטשע האָבן זיי באַגעגנט פּאַרטיזאַנער פון „לענינסקי קאָמסאָמאָל" און די גרופּע איז אויפגענומען געוואָרן אין אָטריאַד. גרישע גורוויטש, אַ בחור, ווי עס באַדאַרף צו זיין, וואָס האָט געבראַכט פון געטאָ בלויז אַ רעוואָלווער, האָט געטרוימט וועגן אַ קוילנוואַרפער אָדער אַווטאָמאַט — דאָס אידעאַלע פּאַרטיזאַנישע געווער, מיט וועלכע מען קען פאַרשיטן דעם שונא מיט אַ קוילן־האָגל.

דרייסיק קעמפערס, צווישן זיי פערצן יידן, זענען געשיקט געוואָרן איינצואָרדנען אַ לויערונג. גרישע האָט פון זיין פּאַרמאַסקירטע באַהעלטעניש דער׳זען צווישן די, זיך דערנענטערנדיקע דייטשן, איינעם מיט אַ קוילנ־וואַרפער אויפן פּלייצע. עס האָט אים אַ לייכט־געטון אין די אויגן. ער מוז קריגן די באַליבטע געווער און ער וועט קענען פאַרווירקלעכן זיין שטרעבונג צו זיין אַ קוילנוואַרפלער. אַז ס׳איז געגעבן געוואָרן דער באַפעל „פייער"! האָט גרישע געצילט די ערשטע קויל פון זיין רעוואָלווער צום קוילנוואַרפער. דער דייטש איז געפאַלן אַ פאַרוווּנדעטער. נישט קוקנדיק אויף דער טויט־סכנה, איז גרישע אַרויסגעקראָכן פון זיין באַהעלטעניש און אונטער אַ קוילנ־האָגל איז ער צוגעקראָכן צום פאַרוווּנדעטן דייטש און אַרויסגענומען פון זיינע הענט דעם קוילנוואַרפער. ביז דער באַפרייאונג האָט גרישע נישט אַרויסגעלאָזט פון זיינע הענט דעם דייטשן קוילנוואַרפער און געזייט מיט אים טויט צווישן די היטלעריסטישע מערדער.

כתריאל און משה סאַלוצקי (זעלווע) ווילן אָנקומען אין בולאַקס אָטריאַד. דער שטאַב־נאַטשאַלניק שטעלט זיי אַ פראַגע: — „צוליב וואָס זייט איר געקומען אין וואַלד, אויסבאַהאַלטן זיך אָדער קעמפן?..." — „קעמפן! נקמה נעמען פאַר אונדזערע קינדער און עלטערן! מיר ווען די פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג קיינמאָל נישט פאַראַטן און דאָס געווער פון האַנט וועלן מיר נישט אַרויסלאָזן!" — איז געווען דער ענטפער.

די קאמאנדשאפט האט זיי געשטעלט אלס תנאי אויפגענומען צו ווערן אין אטריאד, דאס ברענגען סנאריאדן פארן אטריאד־הארמאט. די ייִדן האבן געוווסט, אז אין דעם באשעדיקטן טאנק, וואס איז געשטאנען נעבן זייער הויז אין שטעטל זעלווע, ליגן פיל צענדליקער סנאריאדן. דעם 10טן נאוועמבער 1942, געלינגט זיי, צוזאמען מיט נאך אייניקע ייִדישע פארטיזאנער, אריינצוגנבענען זיך אין זעלווע און אנלאדן א פור מיט סנאריאדן. צוליב דעם גערויש פון די רעדער אויף דער פארפראָרענער ערד, זענען זיי דעמאסקירט געווארן דורך דער דייטשישער וואך. אפשיסנדיק זיך, טרעטן זיי אפ, נישט אויספירנדיק די אויפגאבע. זיי ווערן אין אטריאד אויפגענומען נאך דעם, ווי די אויסשפירערס האבן באשטעטיקט די אויטענטישקייט פון פאל.

דער א״ד באריס בולאט, האט באפוילן א גרופע ייִדישע פארטיזאנער פון בולאקס אטריאד מיט סיאמע שעליובסקי בראש (דערעטשין), אויפצורייסן די מעלקעריי אין שטעטל קאזלאווטשיזנע. אין קאזלאווטשיזנע האט סטאציאנירט א שטארקער דייטשישער גארניזאן, און די רעאליזירונג און דער אויפגאבע האט אויסגעזען צו זיין אן אומעגלעכע. דעם ערשטן מאל זענען זיי גלייך באמערקט און שטארק באשאסן געווארן, און דעריבער זיך אומגעקערט מיט גארנישט. בולאט באטאנט, אז פאר א פארטיזאנער טאר נישט עקזיסטירן דאס ווארט „אוממעגלעך״ און שיקט די גרופע א צווייטן מאל מיטן זעלביקן באפעל. ער ווארנט זיי דערביי, אז אין פאל פון נישט אויספירן די אויפגאבע, טארן זיי זיך נישט אומקערן צוריק אין אטריאד.

די ייִדן געלינגט דאס מאל, אונטערן מאנטל פון נאכט־פינצטערניש, אריינצובאקומען זיך אין קאזלאווטשיזנע. זיי האבן די מעלקעריי באגאסן מיט בענזין און אונטערגעלייגט א סנאריאד. די מעלקעריי איז אויפגעריסן געווארן און די פארטיזאנער האבן זיך צוריקגעקערט אן פארלוסטן אויף דער באזע.

שעפסל בערעזאווסקי (יאנאוו, ביי פינסק), א קוילנווארפלער פון „סטאלין־אטריאד״ (פינסקער בריגאדע), האט בעת א לויערונג מיט א גרופע, וועלכע ער האט אנגעפירט, געהרגעט עלף דייטשן און גענומען איינעם א לעבעדיקן.

די זעלביקע פארטיזאנער־גרופע, וואס איז באשטאנען פון זיבן מאן,

איז אָנגעפאַלן פון אַ לויערונג נעבן פינסק אויף אַ דייטשישן אָפטייל פון פערציק דייטשן און קאָזאַקן. נאָך אַ קורצער שלאַכט, פאַלן פון זייערע קוילן זיבן דייטשן און די איבעריקע צעלויפן זיך אין גרויס פאַניק. די זיבן ייִדישע פאַרטיזאַנער האָבן זיך גלייך אויפן אָרט איבערגעטאָן אין די דייטשע מונדירן און באַוואָפנט זיך מיט זייער געווער, ביקסן און נאַגאַנעס.

***

אַ באַזונדערס פאַראַנטוואָרטלעכע ראָל איז בעת די קאַמפן און לויערונגען אויסגעפאַלן אויף די באַזיצערס פון אויטאָמאַטישן געווער און קוילנוואַרפערס. די מוטיקע דרייסטע האַלטונג פון די פאַרטיזאַנער באַוואָפנטע מיט דעם מין געווער, האָט אָפט דעצידירט וועגן אויסגאַנג פון קאַמף.

חיים אַלעקסאַנדראָוויטש איז געווען דער ליבלינג פון דער בריגאַדע. פון ווזוואָד־קאָמאַנדיר איז ער געשטיגן ביז קאָמיסאַר פון אָטריאַד, סעקרעטאַר פון פאַרטיי־קאָמערל און שפּעטער פאַרטרעטער פון קאָמיסאַר, פון איינע פון די באַרימטסטע בריגאַדעס אין ווייסרוסלאַנד. אָבער אין דער ערשטער ריי איז ער אָפּגעשאַצט געוואָרן אַלס קוילנוואַרפער. אפילו בעת ער האָט צוזאַמען מיט הירש דאָבין רעדאַגירט די פאַרטיזאַניש־ליטעראַרישע צייטשריפט, האָט ער נישט אָוועקגעלייגט אָן אַ זייט זיין קוילנוואַרפער. אייבערהויפּט האָט ער זיך באַרימט געמאַכט מיטן פאַרניכטן דרייצן דייטשן אין איין קאַמף. „דאָס מאָל איז עס געווען פאַר מיר אַ מזלדיקע ציפער — פלעגט חיים אויפקלערן זיינע חברים. פון דאַן אָן האָט ער באַקומען דעם צונאָמען „חיים דער דרייצענער"...

אין אַ העלן פרימאָרגן איז דער פאַרטיזאַנער־באַזיס פון „דיאַדיאַ וואַסיאַ" אַלאַרמירט געוואָרן: „דער שונא דערנענטערט זיך!" דער גרעסטער טייל פאַרטיזאַנער זענען אַוועק אויף פאַרשידענע קאַמפס־אויפגאַבעס און אויפן באַזיס זענען געבליבן בלויז וויניקע. פון חיימס ראָטע זענען פאַרבליבן בלויז פינף מאַן, און פון דער גאַנצער בריגאַדע אַ 120 מאַן. דער נעבן־סטאַציאָנירנדיקער אָטריאַד „באָרבאַ" האָט געאײַלט צו הילף. חיים האָט מיט זיין קוילנוואַרפער פאַרנומען אַ פּאָזיציע אויפן רעכטן פליגל. ווען די היטלעריסטן האָבן מיט אַ שטאַרקן פייער פון אויטאָמאַטיש געווער אָנגעגריפן

דעם רעכטן פליגל, האָט זיך איבערגעפּירט דער קוילן־מאַגאַזין און דער קוילנוואַרפער האָט „אַנטזאַגט". די דייטשן האָבן באַלד דערשמעקט דעם „שוואַכן פּונקט" און האָבן זיך דערנענטערט אויף אַ מרחק פון צען מעטער פון חיימס פּאָזיציע. ער האָט זיך אָבער נישט פאַרלוירן. ער האָט אַרויסגעוואָרפן דעם איבערגעפּירטן קוילן־מאַגאַזין, אַריינגעטון אַ נייעם מאַגאַזין און ממש אין דער לעצטער מינוט געעפנט אַ געדיכטן פייער אויף די נעבן אים ליגנדיקע דייטשן. דרייצן היטלעריסטן זענען געפאַלן פון דער ערשטן קוילן־סעריע. די דייטשן זענען שנעל צוריקגעטראָטן און קאָנצענטרירט זייער פייער קעגן אָטריאַד „באַרבאַ", וואָס האָט פאַרנומען אַ פּאָזיציע רעכטס צו חיימען. זיי האָבן נישט געקענט שטיין אַנטקעגן דעם קאָנצענטרירטן אויסאַק און אַנגעהויבן אָפּצוטרעטן. עס איז באַשטאַנען די געפאַר, אַז די דייטשן וועלן אָפּשליסן פאַר די פּאַרטיזאַנער דעם ריקצוג־וועג. חיים איז פּויזנדיק איבערגעקראָכן צום אָפּטרעטנדיקן אָטריאַד און „געדעקט" דאָס אָפּטרעטן דורך אַ צילפולן פייער פון זיין קוילנוואַרפער, און אַזוי אַרום צונישט געמאַכט דעם שונאס פּלענער פון אַרומרינגלונג. ער האָט זיך מיט זיין קוילנוואַרפער אויך באַטייליקט אין דער אָפּעראַציע פון „דיאַדיאַ וואַסיעס" (וואָראָניאַנסקי) אָטריאַד ביים באַפרייען די יידן פון געטאָ מיאַדעל (ווילייקער געגנט).

באָריס כאַימאָוויטש, אַ קאָמאַנדיר פון אַ קוילנוואַרפער־ווזוואָד, האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט בעתן שטורעמען דעם דייטשן גאַרניזאָן אין דאָרף סושאַ (מאָהילעווער קרייז). לויטן אָנגריפס־פּלאַן האָט זיין אָטריאַד געדאַרפט דערלאַנגען דעם שונא דעם הויפּט־קלאַפּ. די פּאַרטיזאַנישע אַרטילעריע (זעקס 45 מילימעטערדיקע האַרמאַטן און איין 122 מילימעטערדיקער האַרמאַט) האָט אָנגעהויבן שטורעמען דעם שונאס פאַרפעסטיקונגען. באָריס, בראש פון זיין ווזוואָד האָט זיך דערנענטערט ביז 100 מעטער פון דעם פיינטס פּאָזיציעס און אויסגעשריגן: „אָנגרייפן!" די קאַזאַרמעס זענען שוין געשטאַנען אין פלאַמען. דער פּאַרטיזאַן, ישעיהו שניטמאַן, האָט זיך אַרויסגערוקט ביז 30 מעטער פון דעם שונאס פּאָזיציעס און געעפנט אַ שטאַרקן פייער אויף די „אַמבראַזורעס" (שוס־לאָך פון די פאַרפעסטיקטע בונקערס). דעם פּאַרטיזאַן ,פרענקעל איז געלונגען אײנצושטילן אַ דייטשן פייער־פונקט. מיט אַ „הוראַ!"־געשריי האָבן זיך די פּאַרטיזאַנער אַריינגעריסן אין

די גאַרניזאָנען־בנינים און אויסגעהרגעט די רעשט דייטשן. עראָפּלאַנען, וואָס זענען אָנגעקומען צוהילף דעם שונא, האָבן שוין געזען פאַר זיך, בלויז חורבות און פגרים. די אויפגאַבע איז געלונגען. די דייטשן האָבן שוין מער נישט געמאַכט קיין פּרוּוון זיך צו פאַרפעסטיקן אין דאָרף סושאַ.

אויך בעתן שטורעמען דעם דייטשן גאַרניזאָן אין באָהאָשעוויטש (מאָהילעווער קרייז), האָט זיך אויסגעצייכנט באָריסעס ווזוואָד. דער גאַרניזאָן אין באָהאָשעוויטש איז געווען אויף אַ וועגן־קנופּ און האָט געשטערט די באַוועגונגען פון די פאַרטיזאַנער און זיי באַדראָט אויף זייער וועג צו און פון קאַמפּס־אויפגאַבעס. באָריסעס ווזוואָד איז פאַרפליכטעט געוואָרן צו אַטאַקירן דעם צענטער, בעת די אַנדערע ווזוואָדן און אָפּטיילונגען האָבן געדאַרפט אַטאַקירן פון די פלאַנגען. אַ הונדערט מערדער זענען פאַרניכטעט געוואָרן. דער אָטריאַד־דאָקטאָר, גרישע גאָרדאָן האָט געכאַפּט אַ געוואָרפענעם האַנט־גראַנאַט דורכן דייטשן „בירגערמייסטער", וואָס איז געלעגן אויפן בוידעם, און אים געוואָרפן אויף צוריק. ווי אַלעמאָל איז אויך דאָ באָריס געווען אין דער פאָדערשטער ריי און נישט געטראַכט וועגן די געפאַרן וואָס באַדראָען אים.

אין קאַמף מיט אַ ס״ס־אָפּטיילונג לעבן דאָרף האַטיטש, האָט באָריס נאָכגעיאָגט די אָפּטרעטנדיקע דייטשן, נישט מערקנדיק, אַז די פאַרטיזאַנער זענען נאָכן אָפּגעהאַלטענעם נצחון שוין אָפּגעטראָטן צוריק צו זייער באַזע אין וואַלד. אַ פאַרבאַהאַלטענער דייטש האָט באַמערקנדיק אַז ביי באָריסן האָבן זיך אויסגעלאָזט די קוילן, אָנגעהויבן צו דערנענטערן זיך צו אים מיט אַן אויסגעשטרעקטן אויטאָמאַט. מישקע באָיביצקי, וואָס איז געבליבן אויף וואַך, האָט דאָס באַמערקט, געאײַלט צוהילף און ביידע האָבן אים „צורעכט געמאַכט".

אונטער זיין אָנפירונג זענען פאַרניכטעט געוואָרן פינף פיינטלעכע צוגן, זעכציק וואַגאָנעס מיט לעבעדיקן כוח און מיליטערישער טעכניק זענען געשליידערט געוואָרן אין דער לופט. צווישן זיי אויך איין צוג מיט אָפיצירן־עליטע. די בעסטע ראיה, מען האָט זיי נישט מקבר געווען אויף אַן אָרט, ווי מען טוט דאָס מיט געוויינלעכע סאָלדאַטן, נאָר אַריבערגעפירט מיט עראָפּלאַנען קיין דייטשלאַנד. פאַר זיין דערפאָלגרייכע אָפּעראַציע האָט באָריס באַקומען דעם אָרדן „רויטער שטערן".

בעלקין, אַ פּאַרטיזאַן פון נאָוואָקשאַנאָווס אָטריאַד (סמאָלענסקער וועלדער), האָט אַרויסגעוויזן פּחדנות אין אַ קאַמפּס־אָפּעראַציע. ער איז געזעסן אין אַ לויערונג צוזאַמען מיט נאָך צוויי פּאַרטיזאַנער. בעת אַ פּלוצלינגדיקן דייטשן אָנגריף, ווען זיינע צוויי חברים האָבן אויפגענומען מיט די דייטשן אַ באַגנעטן קאַמף, פּנים אל פּנים, איז בעלקין אַנטלאָפן פון קאַמפּס־פּלאַץ.

טאַטיאַנאַ לוגאַנאָוואַ דערציילט אין איר בוך „אין די סמאָלענסקער וועלדער", ווי אַזוי בעלקין האָט אויסגעקויפט זיין פּחדנות־חטא דורך אַ דרייסטן גבורה־אַקט:

„אונדזערע וואַך־פּאָסטנס האָבן אַלאַרמירט: די דייטשן זענען אַרויסגעפאָרן פון דאָרף. מיר האָבן געזען אַ טאַנק און נאָך אים אַ צווייטן און אַ דריטן. דער ערשטער טאַנק האָט זיך שנעל באַוועגט אין דער ריכטונג פון אונדזער וואַלד. בעלקין האָט זיך געווענדט צו נאָוואָקשאַנאָוון:

—חבר קאָמאַנדיר, דערלויבט מיר! איך מוז...

„ווער וועט גיין מיט בעלקינען? — האָט דער קאָמאַנדיר געפרעגט. וואָלאָדיאַ קוזמין און ראַבטשוק זענען באַשטאַנען אויף זייער רעכט אַרויסצוטרעטן קעגן די טאַנקען.

„באַוואָפנטע מיט האַנט־גראַנאַטן און אַנטי־טאַנק־געווער, האָבן די דריי דרייסטע בחורים געפּויזעט פאָראויס. אינצווישן איז געשען אַ מיספאַרשטענדעניש: אַ געוואָרפענער האַנט־גראַנאַט האָט זיך אויפגעריסן לעבן איינעם פון די טאַנקען און האָט אים נישט באַשעדיקט. איינער פון די דריי האָט זיך צוגעאיילט און אַזוי אַרום זיך דעמאַסקירט. דער טאַנק האָט אויסגעמיטן דעם בריק און געפאָרן דורך אַ פעלד־וועג. פון די קוסטעס איז אַרויסגעשפּרונגען אַ מענטש, וואָס האָט זיך פון הינטן דערנענטערט צום טאַנק און געוואָרפן אַ האַנט־גראַנאַט. ווען דער גראַנאַט האָט זיך צעריסן, איז שוין דער טאַנק געווען אַוועקגעפאָרן ווייטער. אַ שאָס פון אַנטי־טאַנק־געווער האָט אַדורכגעשניטן די לופט. דאָס מאָל איז דער טאַנק געטראָפן געוואָרן, אָבער ער האָט, טראָץ זיין פאַרקלענערטער שנעלקייט, פאָרגעזעצט זיך צו באַוועגן פאָראויס. איך האָב געזען אַ מענטש יאָגט נאָך דעם טאַנק, פאַרשטעלט פון שטויב, שפּרינגט פון דער טאַנק־קייט אַרויף אויבן און אַ קוילן־סעריע פון אַן אויטאָמאַט האָט אָפּגעשטעלט דעם טאַנק. די דייטשן, וואָס זענען געווען אין טאַנק, זענען געהרגעט געוואָרן. די אַנדערע צוויי

טאַנקן זענען אַרויף אויף דעם מינען־פעלד, וואָס מיר האָבן פאַרלייגט מיט אַ נאַכט פריִער און צעריסן געוואָרן. די דייטשע פוסגייער־מיליטער, וואָס האָט געמאַרשירט הינטער די טאַנקן האָט זיך באַלד צוריקגעקערט אין דאָרף. איך האָב געהערט די לאַכעדיקע שטים פון קאָמאַנדיר נאָוואָקשאַנאָוו:

— „איר האָט געזען חברים, ווי בעלקין האָט „צורעכט געמאַכט" דעם טאַנק?"

(דאָרט, — ז"ז, 187־188).

דער אָטריאַד א"ב „קאַגאַנאָוויטש ל. מ." (פּאָלעסיע) האָט, אין יאַנואַר 1944, אַרויסגעשיקט אַ גרופּע פון צוועלף מאַן אונטערן אָנפיר פון די ווזוואָד־קאָמאַנדירן: זאַווין, וועלוול לעווין און יודל אַשעראָווסקי צו ליק־ווידיר'ן אַ קאָנטראָל־פּאָסטן פון אַכט דייטשן אויף דער באַן־ליניע מאַלקע־וויטש-לונינעץ. זיי האָבן אויך מיטגענומען מיט זיך דעם קוילנוואַרפער, קיווע קרוגלי, וועלכער איז געווען אַלגעמיין באַקאַנט מיט זיין אומדער־שראָקנקייט און דרייסטקייט.

זיצנדיק אין דער לויערונג, האָבן זיי נישט געוואָלט עפענען קיין פייער, צוליב דעם, וואָס אָנשטאָט אַכט האָבן זיך באַוויזן בלויז צוויי דייטשן. אין אַ האַלבער שעה אַרום האָבן די צוועלף יידישע פאַרטיזאַנער באַמערקט, אַז זיי געפינען זיך אין אַן אַרומרינגלונג פון אַ גרעסערע צאָל דייטשן, וועלכע האָבן אַנטקעגן יעדן פאַרטיזאַן אָנגעשטעלט אַ קוילנוואַרפער. די יידישע פאַרטיזאַנער האָבן זיך נישט פאַרלוירן און אויפגענומען דעם קאַמף. איבערהויפּט האָבן די דייטשן געצילט פון אַלע זייטן אין דעם קוילנ־וואַרפלער, קיווע קרוגלי, וועלכער האָט געשאָטן מיט פייער פון אַלע זייטן. בכדי צו מאַכן אַ וועג פאַר זיינע חברים, אויף אָפּצוטרעטן, שטעלט זיך קרוגלי מיט זיין קוילנוואַרפער אין דער גאַנצער הויך און פרווט אָפּ־ראַמען אַ דייטשע פייער־נעסט. אַ סעריע קוילן האָט אים אומגעוואָרפן פון די פיס. ער האָט נאָך אַלץ עקשנותדיק געפירט זיין פייער איבערן שונא, ביז אַ צווייטע פיינטלעכע קויל האָט אים געמאַכט שווייגן, בלויז געציילטע האָבן זיך ליידער געראַטעוועט אין דעם דאָזיקן נישט גלייכן קאַמף.

דער פאַרטיזאַן פון אָטריאַד „גריזאָדובאָוו", יעקב עפּשטיין (פּסעוודאָנים: „וועניסעלאַ" — „אוסיק", היינט אין ישראל), איז אויסגעצייכנט געוואָרן מיטן מעדאַל „זאַ אָטוואַגו" (פאַר דרייסטקייט) פאַר זיין אָנטייל אין אויפרייסן

אַ צוג אין וועלכן עס זענען געפאָרן צוויי און צוואַנציק דייטשע פליערס. ער איז אַדורך די וואַגאָנעס און צעשאָסן די, וועלכע האָבן נאָך געלעבט. צוויי דייטשע קוילנוואַרפערס זענען אַריינגעפאַלן צו עפשטיינען אַלס טראָ־פיי. ער האָט פאַרשריבן אויף זיין קאָנטע אַ קענטיקע צאָל פון עקספּלאָדירטע צוגן אויף דער אייזנבאַן־ליניע באַראַנאָוויטש־בריסק־ליטאָווסק.

אַ גרופּע יידישע פּאַרטיזאַנער פּאָרן אַרויס אויף
אַ קאַמפּס־אויפגאַבע
דער צווייטער פון לינקס שטייט — נחום אייזנשטיין.

דער יידישער פּאַרטיזאַן, אַדאַם קופּער, האָט דערזעענדיק אַ דייטשן אויסשפּיר־עראָפּלאַן, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריק איבער די דאָר־פישע הייזער פון באָלשאָי סטודין (וואָלין), געעפנט אויף אים אַ פייער פון זיין קוילנוואַרפער און אים אַראָפּגעשאָסן. דער עראָפּלאַן איז געקומען פעסטצושטעלן דעם אָרט, ווו עס געפינען זיך קאָוופּאַקס פּאַרטיזאַנער, וועל־כער האָט זיך אין זיין מאַרש צו די קאַרפּאַטן אָפּגערוט אין דעם דאָרף. קופּערס קויל, וועלכע האָט געטראָפן אין בענזין־רעזערוואַר האָט אים אָנ־

געצוונדן און ער האָט ווי אַ ברענענדיקער פּאָקל זיך אַראָפּגעקוילערט ביים ראַנד פון וועלדל, לעבן דאָרף.

דעם 28סטן סעפּטעמבער, 1942, האָט אַ גרופּע ייִדישע פּאַרטיזאַנער אויפן באַפעל פון פּאָלקאָווניק מעדוועדיעוו געמאַכט אַ לויערונג אויף דייטשן, וועלכע זענען געפאָרן מיט דעם וואַלד־וועג פון וואָראָנאָווקע קיין אַנטאָלין צו כאַפּן פּאַרטיזאַנער.

די פּאַרטיזאַנער האָבן פאַרנומען זייער אַ גינסטיקע פּאָזיציע ביים ראַנד פון וואַלד אויף אַ בערגל. די דייטשן האָבן זיך נישט געקענט פאָר־שטעלן, אַז אין דעם אָרט קען עמעצער אויף זיי לויערן.

עס האָט זיך פאַרבונדן אַ פאַרביטערטער קאַמף, וועלכער האָט גע־דויערט אַ שעה צייט. די דייטשן האָבן געליטן אַ צעשמעטערנדיקע מפּלה, איבערלאָזנדיק אַכט טויטע און די פערד און וועגענער מיט געווער און אַמוניציע. די רעשט דייטשן זענען זיך אין פּאַניק צעלאָפן.

דעם 6טן נאָוועמבער 1943, לכבוד דעם יאָר־טאָג פון דער „אָקטאָבער־רעוואָלוציע", דאָס פאַרנעמען קיִעוו דורך דער רויטער אַרמיי, ווי אויך צוליב דער געלונגענער אויפגאַבע, בעת וועלכער עס איז אומגעבראַכט געוואָרן דער פאַרטרעטער פון גענעראַל־קאָמיסאַר פאַר אוקראַינע, גענעראַל האַן, האָט מעדוועדיעוס ספּעץ־אָטריאַד (וואָלין), איינגעאָרדנט אַ פייער־לעכע אַקאַדעמיע.

די דייטשן, אויפגערעגטע צוליב דער דערמאָרדונג פון אַזאַ וויכטיקער פערזענלעכקייט, האָבן געוואָרפן גרויסע מיליטערישע כוחות אויף די פּאַר־טיזאַנער.

די דייטשן האָבן אַרומגערינגלט דאָס זיץ־אָרט פון אָטריאַד און געעפנט אַ געדיכטן פייער פון אַלע מינים געווער פאַרקלעמענדיק דעם אָטריאַד אַזוי, אַז די פּאַרטיזאַנער זענען געווען געצוווּנגען אויפצונעמען אַן אָפענעם קאַמף, הגם די אַמוניציע פון אָטריאַד איז געווען זייער אַ באַגרענעצטע.

אין אָטריאַד האָט זיך געפונען דער 18־יעריקער ייִדישער פּאַרטיזאַן פּייזול שרייבער (בערעזנע, וואָלין). זעענדיק, אַז די לאַגע ווערט פון מינוט צו מינוט קריטישער, רייסט ער זיך אַרויס פאָראויס מיט זיין אויטאָמאַט און זייט טויט צווישן די דייטשע אָנפאַלערס. ער פאַלט אָבער אַן אונטער־געשאָסענער פון שונאס קוילן־האָגל.

דערביישפּיל פון העלדישן יוגנטלעכן שרייבער, האָט באַצויבערט דאָס קליינע הייפעלע פאַרטיזאַנער, וועלכע וואַרפן זיך אין שטורעם אויף דער איבערוועגנדיקער צאָל דייטשן און צווינגען זיי אָפּצוטרעטן אין איילע־ניש. די דייטשן לאָזן אויפן שלאַכטפעלד פיל טויטע און פאַרוואונדעטע, ווי אויך דריי קליינע האַרמאַטן, פערצן קוילנוואַרפערס, פיל באַקסן און אַוטאָ־מאַטן און 45 פורן מיט פאַרשיידנאַרטיקער אַמוניציע.

אויפן קבר פון העלד איז דער אָטריאַד־קאָמאַנדיר, מעדוועדיעוו, אַרויס־געטראָטן מיט אַ טרויער־רעדע, רופנדיק די פאַרטיזאַנער צו נעמען אַ ביישפּיל פון אַכצן־יעריקן יידישן פאַרטיזאַן, וועלכער איז געפאַלן אין קאַמף פאַר פרייהייט און געראַטעוועט דעם אָטריאַד.

אין חודש מערץ 1944, פאַרן אָנהייב פון דער גרויסער רוסישער אָפּענ־סיווע אויפן ווייסרוסישן פראָנט, האָט די בריגאַדע „טשקאַלאָוו" וועמענס באַזע עס איז געווען אין די פערשייער וועלדער, אויסגערופן אַ מאָביליזאַ־ציע פון דער דאָרפישער יוגנט. אויף זייער וועג צו אַ דאָרף האָבן זיי זיך אָנגעטראָפן אויף אַ דייטשע מיליטערישע אָפּטיילונג, וואָס איז אויך געקו־מען מאָביליזירן די דאָרפישע יוגנט אין דער אַנטי־פאַרטיזאַנישער „סאַמאָ־כאָוווע". עס האָט זיך צעפלאַקערט אַ שטאַרקער קאַמף.

יעקב איידעלמאַן האָט דערזען אַ דייטש פאַרנעמט אַ פאָדערשטע פּאָזיציע און גרייט צו זיין מינען־וואַרפער. ער איז צו אים צוגעלאָפן און עס האָט זיך אָנגעהויבן צווישן זיי אַ געראַנגל, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיטן דערשטיקן דעם דייטש. איידעלמאַן האָט אַ כאַפּ געטון זיין ביקס און מינען־וואַרפער און זיי געבראַכט צו די קעמפנדיקע פאַרטיזאַנער. נאָכן קאַמף, וואָס האָט זיך פאַרצויגן זעקס שעה און זיך פאַרענדיקט מיט אַ פולן נצחון פון די פאַרטיזאַנער, האָט דער קאָמאַנדיר פון אָטריאַד, מאַראָזאָוו, געהאַלטן אַ רעדע פול מיט שבחים פאַר איידלמאַנען און זיין דרייסטקייט:

„מען זאָגט, אַז די יידן זענען פּחדנים. דאָ שטייט פאַר אייך אַ גרויסער יידישער העלד, יעקב איידעלמאַן. לערנט זיך פון אים ווי צו קעמפן אָן שרעק און אָן מורא!"

אין אַ מאָנאַט אַרום איז אַרויס אַן אָפּטיילונג פון צוועלף פאַרטיזאַנער, צווישן זיי אויך איידעלמאַן, איינאָרדענען אַ לויערונג. גייענדיק צום באַ־שטימטן אָרט פון דער לויערונג האָבן זיי געשיקט פאָראויס אַ „ראַזוויעדקע"

(אויסשפּיר) פון פיר פּערזאָן. דייטשן, וואָס זענען געזעסן אין אַ לויערונג, האָבן אַדורכגעלאָזט די אויסשפּיר־גרופּע און ערשט ווען עס האָבן זיך דער־נענטערט די איבעריקע אַכט, האָבן די דייטשן געעפנט אַ שטאַרקן קרייץ־פייער. אַז די פּאַרטיזאַנער האָבן דערזען, אַז זיי געפינען זיך אין אַן אַרומ־רינגלונג, זענען זיי באַלד אָפּגעטראָטן. איידעלמאַנס „צווייטער נומער" (אַ מענטש, וואָס באַדינט דעם קוילנוואַרפער מיט קוילן) האָט אַוועקגעוואָרפן זיין ביקס און אַנטלאָפן. אַז דער אָטריאַד־קאָמאַנדיר האָט דערזען, אַז איי־דעלמאַן האָט זיך נישט צוריקגעקערט, האָט ער געדראָט דעם „צווייטן נומער", אַז ער וועט אים דערשיסן פאַר דעזערציע. מיט צוויי שעה שפּע־טער איז געקומען איידעלמאַן מיט זיין קוילנוואַרפער, קוילן־לענטעס און מיטן אַוועקגעוואָרפענעם ביקס פון זיין „צווייטן נומער". ווי ער האָט דער־ציילט איז אים געלונגען אַרויסצוציִען פון דייטשן פייער־שטח, אַ דאַנק דעם, וואָס ער האָט זיך כסדר אָפּגעשאָסן בעתן אָפּטרעטן. איידעלמאַן איז נאָמי־נירט געוואָרן אַלס וזוואָד־קאָמאַנדיר און פאַרגעשטעלט געוואָרן דורך דער אָטריאַד־קאָמאַנדשאַפט צו אַ הויכער אויסצייכענונג.

אַפּריל 1943 דערוויסט זיך דער בריגאַדע־שטאַב פון „פּאָביעדאַ", אַז עס דאַרף דורכפאָרן פון דערעטשין קיין רודי אַ טראַנספּאָרט דייטשן מיט פּראָדוקטן. מען האָט באַשלאָסן מאַכן אויף זיי אַ לויערונג ביים דאָרף שליזען־פּאָדגרעבעלסקי. עס ווערן אויסגעקליבן דרייסיק יידן פון אַבראַ־מאָוויס ראָטע, באַוואָפנט מיט פינף קוילנוואַרפערס, אַכט אויטאָמאַטן און זיבעצן ביקסן. די לויערונג איז געוואָרן אויסגעלייגט אין דריי ערטער: ביים עק דאָרף אויפן צווייטן זייט שאָסיי, אויף אַ בערגל ביים ברעג וואַלד און אַ האַלבן קילאָמעטער פאָראויס. דריי קילאָמעטער פון דער לויערונג האָט מען אַוועקגעשטעלט צוויי רייטערס־אויסשפּירערס, וועלכע האָבן באַ־דאַרפט דורך אַ שאָס סיגנאַליזירן דאָס אָנקומען פון די דייטשן און אַליין אַנטלויפן אין אַן אַנדער ריכטונג.

אַכט אַזייגער אינדערפרי זענען טאַקע אָנגעקומען צוויי און פערציק דייטשן און פּאָליציסטן אויף זיבעצן פורן. ווי נאָר די אויסשפּירערס האָבן זיי באַמערקט האָבן זיי אָפּגעגעבן דעם אָפּגערעדטן צייכן. די דייטשן זענען אַראָפּגעלאָפן פון די פורן און אָנגעהויבן שיסן. נישט באַקומענדיק קיין

ענטפּער אויף זייער שיסעריי האָבן זיי שוין ווייטער נישט געוואָלט פאָרן, פּאַראויספילנדיק אַ לויערונג פון פּאַרטיזאַנער.

די ווייסרוסישע פּאָליציי, וועלכע איז מיט זיי מיטגעפאָרן, האָט אויס־געלאָכט די דייטשע פּחדנות און געעצהט ווייטער צו פאָרן. די דייטשן האָבן זיך געלאָזט איינריידן.

די פּאַרטיזאַנער האָבן זיי געלאָזט צופאָרן רויק ביזן דאָרף און דאַן געעפנט אויף זיי אַ שטאַרקן פייער. די דייטשן זענען דעזאָריענטירט גע־וואָרן און געלאָזט זיך אין אומאָרדענונג לויפן, אָבער זיי זענען געווען אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן. און ווי זיי האָבן זיך נישט געקערט, האָבן זיי אָנגעיאָגט פּאַרטיזאַנישע קוילן. איין און דרייסיק דייטשן זענען דער־הרגעט געוואָרן און ניין פּאָליציסטן זענען געכאַפּט געוואָרן לעבעדיקע. עס זענען דאַן גענומען געוואָרן פיל טראָפייען: זעקס קוילנוואַרפערס, 32 ביקסן, 4 אַווטאָמאַטן, פיל קוילן און גראַנאַטן.

דערהערנדיק אין דערעטשין, אַז אויפן שאָסיי קומט פאָר אַ גרויסע שיסעריי, האָבן די דייטשן אַרויסגעשיקט אַ פאַרשטאַרקונג פון 120 מאַן מיט אַ פּאַנצער־אויטאָ צו הילף. די טאַנקעטקע האָט אָבער נישט געקענט דורכפאָרן איבער דעם, דורך די פּאַרטיזאַנער צעגנומענעם בריקל, און זי בלייבט אַ פּאַרזונקענע אין טייכל. צו די קעמפנדיקע ייִדן איז אויך צוגעקומען אַ פאַרשטאַרקונג פון 100 מאַן פון בולאַקס אָטריאַד. עס האָט זיך אויפסניי פאַרבונדן אַ גרויסע שלאַכט, וועלכע האָט געדויערט פינף שעה. דער קאַמף האָט זיך געענדיקט מיטן זיג פון די פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן דער־הרגעט פיל דייטשן. די דייטשן אַנטלויפן אין גרויס פּאַניק איבערלאָזנדיק די טאַנקעטקע מיט די הרוגים. די פּאַרטיזאַנער קלייבן צונויף די 41 דייטשע פּגרים, לאָדן זיי אָן אויף אַ פור און באַפעלן די פויערים אַוועקצופירן קיין דערעטשין מיט אַ צושריפט:

„מיר שיקן אייך פּראָדוקטן, אַנטשולדיקט זייער פאַר דער שלעכטער פּאַקונג. דאָס צווייטע מאָל וועלן מיר פאַרריכטן...“

***

צווישן די פיל ייִדישע קרבנות, וועלכע זענען געפאַלן אין די קאַמפן מיט די פאַשיסטישע האָרדעס און געגעבן אַ באַווייז פון העלדישקייט און נקמה, געפינען זיך אויך ייִדישע קינדער אין עלטער פון 15־17 יאָר.

חיים שאַפּראַנסקי, געבוירן אין 1927 אין זשעלודאָק, איז אַנטלאָפן פון שטשוטשינער געטאָ (סעפּטעמבער 1943) און קומט אָן אין אָטריאַד „באָר־באָ". חיים האָט נישט קיין געווער און ווערט אויסגענוצט אַלס פּאַסטעך. מען לייגט נישט קיין שום אַכט אויפן יונגן ייִדישן ייִנגל. ער גייט אַרום אַ באָרוועסער און אָפּגעריסענער. אין אָנהייב 1944, ווען עס איז געשאַפן געוואָרן דער קראַסנאָגוואַרדייסקער אָטריאַד, האָט מען אים מיט אַ גרופּע ייִדן אַהין אַריבערגעשיקט. דאָרט האָט מען אים באַוואָפנט און אַריינגעצויגן אין קאַמפּס־אָפּעראַציעס. חיים האָט גלייך אַרויסגעוויזן מוט און העלדישקייט. ער צייכנט זיך ספּעציעל אויס אין דער לויערונג צווישן די דערפער פּעסטשאַנקאָ און קירילאָוויטש, אויף דער קירילאָוויטשער פּאָליציי מיט דייטשן, וועלכע האָבן קאָנוואָירט די פּויערים ביים אַרויסנעמען קאַרטאָפל פון די גריבער אין יענער געגנט. בעת די פּויערים האָבן אין באַגלייטונג פון דייטשן און פּאָליציי זיך צוריקגעקערט (אַפּריל 1944), האָבן די לויערנדיקע פּאַרטיזאַנער דורכגעלאָזט זיי דורכן דאָרף פּעסטשאַנקאָ און דאַן געעפנט אויף זיי אַ הוראַגאַן־פייער. ווען עס פאַלט דער באַפעל „פאָראויס!", שפּרינגט אַרויס דער ערשטער פון דער באַהעלטעניש, שאַפּראַנסקי. דער ערשטער יאָגט ער אָן אַן אַנטלויפנדיקן דייטש, הרגעט אים און נעמט צו זיין געווער. דער נצחון איז געווען אַ פולער. עס איז גענומען געוואָרן פיל געווער און אַמוניציע און אַ חוץ די פיל געהרגעטע דייטשן זענען אַריינגעפאַלן צו די פּאַרטיזאַנער אין די הענט אויך פינף לעבעדיקע דייטשן.

חיים איז צוגעשטעלט געוואָרן צו אַן אָרדן. דער קאָמאַנדיר פלעגט דערנאָך ביי יעדער געלעגנהייט זאָגן, „אַז מיט חיימען קען מען זיכער גיין אין קאַמף".

שלמהלע שיפּמאַנאָוויטש, געבוירן 1928 אין זשעלודאָק, אַ שיין, קליין, דיק, בלאָנד ייִדיש ייִנגעלע, איז אַנטלאָפן פון דער זשעלודקער שחיטה, דעם 9טן מאַי 1942 און אָנגעקומען אין שכנישן זשעטל און פון דאָרט אַנטלויפט ער אין וואַלד. אין ליפּיטשאַנער פּושטשע טרעט ער אַריין אין קאַליע וואַכאָנינס גרופּע. ער צייכנט זיך גלייך אויס מיט זיין מוט און דרייסטקייט אין קאַמף ביי רודי־יאַוואָרסקע. נאָך דער גרויסער אָבלאַווע פון 1942, איז ער אַריבער אין דער ייִדישער דריטער ראָטע, ווו ער איז געווען ביז

אַריבערפירן אים אין ניי־געשאַפענעם לענינסקי אָטריאַד. דער קליינער דאָ־רער שלמהלע האָט זיך אין לענין־אָטריאַד אַרויסגערוקט אַלס איינער פון די קאַמפס־פעיִקסטע יידישע פּאַרטיזאַנער און האָט געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער קאָמאַנדשאַפט. ער פלעגט כסדר גיין מיט קליינע גרופּעס אין די געגנטן, וועלכע זענען דורך די דייטשן פאַראייניקט געוואָרן צום „דריטן־רייך" (זעלווע, פּיעסק אאַז"וו) און דאָרט אַדורכגעפירט די־ווערסיע־אַקטן און אַראָפּגעלאָזט באַנען. ער האָט זיך אין א"ד אָטריאַד אויך אויסגעצייכנט אַלס אויסשפּירער. (געפאַלן אין פעברואַר 1944).

שלמהלע איצקאָוויטש, געבוירן 1928 אין באַראַנאָוויטש, איז אַנטלאָפן פון דוואָרעצער אַרבעטס־לאַגער צוערשט אין ביעליצער פאַמיליע־לאַגער און נאָכן באַקומען אַ ביקס אַריינגעטראָטן (מאַי 1943) אין אָטריאַד „באַרבאַ". ער איז געפאַלן אָנהייב יאַנואַר 1944, אין אַ דאָרף אויף דער רעכטער זייט ניעמאַן, מיט זיין יונגן חבר אהרן היידוקאָווסקי (זשעטל), וועלכע זענען פרייוויליק אַוועק מיט אויפרייס־מאַטעריאַל אַראָפּצולאָזן אַ דייטשן עשאַלאָן לעבן דער סטאַנציע ראָזשאַנקע (אייזנבאַן־ליניע, לידע־גראָדנע). די אומ־שטענדן, ביי וועלכע די ביידע יידישע העלדן־קינדער זענען אומגעקומען, זענען נישט אויפגעקלערט געוואָרן ביזן היינטיקן טאָג. לויט דער אָפיציעלער מעלדונג פון שטאַב, זענען זיי דערמאָרדעט געוואָרן דורך ווייסע־פּאָליאַקן אין אַ דאָרף, ווו זיי זענען אַריין צו נעמען אַ פערד און וואָגן.

דער יונגער פּאַרטיזאַן שלמהלע איז געווען דער באַליבטסטער ביי אַלע פּאַרטיזאַנער, יידן, ווי רוסן. אין קאַמף איז ער אַלעמאָל געווען דער ערשטער ביים אָנגריף און דער לעצטער ביים אָפּטרעטן. אַ באַזונדער שוואַכקייט האָט ער געהאַט צו „גיין אויף דער באַן". ער האָט אויף זיין קאָנטאָ געהאַט אין אַ קורצער צייט אַכט אַראָפּגעלאָזענע באַנען און דאָס אין אַ צייט, ווען די דייטשן האָבן שוין זאָרגפול אָפּגעהיט דעם צוטריט צו די באַן־ליניעס. ער פלעגט קיינמאָל נישט וואַרטן, אַז מען זאָל אים באַ־שטימען אויף אַ קאַמפס־אויפגאַבע, נאָר ער פלעגט אַליין אַלע מאָל געבן די איניציאַטיוו צו דעם. דער אָטריאַד־קאָמאַנדיר, פּאַנטשענקאָ, פלעגט דעם קליינעם, גראָבינקן איצקאָוויטש אַרויסשטעלן יעדעס מאָל אַלס מוסטער פון אַ דיסציפּלינירטן, מוטיקן פּאַרטיזאַן.

נאָך זיין טויט האָבן אים די יידישע פּאַרטיזאַנער געבראַכט אין אָט־

ריאַד. ער איז באַערדיקט געוואָרן אויפן פּאַרטיזאַנער בית־עולם, אויפן קרייצוועג, דאַנילעוויטש־רודאַ־ליפּיטשאַנסקאַ, נישט ווייט פון נאַקרישקער וואַלד. ביים אַראָפּלאָזן אין קבר לייענט מען אַ באַפעל וועגן צושטעלן אים צום אָרדן „רויטער שטערן״.

יצחק (איטשקע) רודניצקי איז אַלט געווען זעכצן יאָר, בעת ער האָט אין דער נאַכט פון 27טן מערץ 1943, צוזאַמען מיט דריי און צוואַנציק חברים פון דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע, אַדורכגעריסן זיך דורך די דראָט־פאַרצוימונגען פון סווענציאַנער געטאָ. זיי זענען אַנטלאָפן אין דער ריכטונג פון די לינטופּער וועלדער מיט דער כוונה פון דאָרט צו גיין צו די קאָזאַנער וועלדער. אַ פּאָר חדשים האָבן זיי אַרומגעבלאָנקעט אין די לינטופּער וועלדער ווי אַ זעלבסטשטענדיקע גרופּע, וואָס האָט מיט געווער גענומען ביי די פּויערים אַלץ, אין וואָס זי האָט זיך גענויטיקט. דעם 22טן מאַי 1943, האָבן זיי זיך באַגעגנט מיט רוסישע פּאַרטיזאַנער פון „טשאַפּאַיעוו״־אָטריאַד און אַוועק מיט זיי אין די קאָזאַנער וועלדער, ווו עס איז שוין דאַן געווען אַ קאָנצענטראַציע פון פּאַרטיזאַנער־פאָרמאַציעס.

איטשקע רודניצקי איז אַריינגעטראָטן אין דער ליטווישער פּאַרטיזאַנער בריגאַדע „זשאַלגיריס״ אין רודניצקער פּושטשע. ער איז געווען איינער פון די פיר און צוואַנציק פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן געבילדעט דעם קערן פון אָטריאַד „ווילניוס״ און דער יינגסטער צווישן זיי. איטשקע רודניצקי, וואָס איז אויפגעטראָטן אין די וועלדער אונטערן פּסעוודאָנים, טאָליאַ קוניצקי, האָט זיך אויסגעצייכנט, טראָץ זיין יונגן עלטער אויף אַלע שטחים פון דער פּאַרטיזאַנישער טעטיקייט און אַרויסגעוויזן איניציאַטיוו און אַקטיוויטעט. זיין אָטריאַד־קאָמאַנדיר, באַזאַנס, פלעגט זאָגן: „ער איז מיין ליבלינג און באַליבט אין גאַנצן אָטריאַד. דער יינגל־העלד איז נאָך נישט אַלט קיין פולע אַכצן יאָר״. אויף זיין אַקטיוו זענען פאַרשריבן עלף גרויסע דייטשע אויפגעריסענע צוגן און דריי קליינע צוגן. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין אויפרייסן די עלעקטרישע סטאַנציע אין סווענציאַן, די טאָרף־פאַבריק, אין דער אָפּעראַציע פון אַרויסראַטעווען דעם אַרעסטירטן רוסישן פּאַרטיזאַן, סעמיאָנאָוו פון סווענציאַנער שפּיטאָל, מינירונג פון צוויי בריקן און דריי דייטשע אויטאָס מיט סאָלדאַטן.

הערשל קאַרפּאָווסקי, געבוירן 1927 (סלאָנים), האָט נאָכן אַריינמאַרש

פון די דייטשן געאַרבעט אין בויטן־לאַגער ביי געווער, מיט וועלכן ער פלעגט באַזאָרגן די אַלע, וואָס גייען אין וואַלד. אויגוסט 1942, אַנטלויפט ער אין וואַלד מיט אַן אויטאָמאַט און קומט אָן אין ד״ר אַטלאַסעס ראָטע, ווו ער ווערט צוגעטיילט צו אַ ווירטשאַפטס־גרופּע. ער ווייזט דערביי אַרויס רירעוודיקייט און ווערט גיך ביי אַלעמען באַליבט. מאַי 1942, ווערט ער אַרויסגעשיקט מיט נאָך אַכט מאַן לעבן זעלווע אויפצורייסן אַ באַן. הערשל לייגט אַליין אונטער די מינע. עס זענען צעשמעטערט געוואָרן 40 וואַגאָנעס מיט געווער און אַמוניציע. ער האָט דערפאַר באַקומען אַ מעדאַל „פאַר דרייסטקייט" („זאַ אָטוואַגו"). נאָך דעם געלונגענעם אויפרייס ווערט שוין קאַרפּאָווסקי אַריבערגעפירט אין מיניאָרן־וזוואָד און זיין אויטאָמאַט ווערט אים פאַרביטן אויף אַ קוילנוואַרפער.

יוני 1944, ווען די „וולאַסאָווצעס" בלאָקירן די פּאַרטיזאַנער פון אַלע זייטן, מאַכן זיי פאַרצווייפלטע אָנשטרענגונגען זיך דורכצורייסן דעם ווילנער טראַקט. איין בונקער, אין וועלכן עס זענען געזעסן „וולאַסאָווצעס", האָט מיט אַ שרעקלעכן פייער געשטערט די פּאַרטיזאַנער דאָס אַריבערכאַפּן זיך אויפן צווייטן זייט טראַקט. הערשל דערקריכט צום בונקער און וואַרפט אין אים אַריין צוויי גראַנאַטן. דער בונקער האָט זיך אָנגעצונדן. די דייטשן האָבן זיך אַ וואָרף געטון אַרויסצולויפן און הערשל פאַרניכטעט זיי מיטן פייער פון זיין קוילנוואַרפער. ער איז פאַר דעם באַלוינט געוואָרן מיטן אָרדן „רויטער שטערן". נאָך דער באַפרייאונג איז ער אַוועק מיט דער רויטער אַרמיי, ווו ער ווייזט אַרויס נאָך פיל העלדישקייטן. ער פאַלט אין די קאַמפן, נישט דערלעבנדיק דעם טאָג פון דייטשלאַנדס קאַפּיטולאַציע.

ש. גערלינג (היינט אין ישראל) דערציילט וועגן 15־יעריקן זשעטלער יינגל, איזיע ראַבינאָוויטש, וואָס האָט אויסגעוויילט צו גיין אויף אַ געפערלעכע קאַמפס־אויפגאַבע אַבי נישט אַרויסצוגעבן דעם קוילנוואַרפער פון האַנט:

„נאָך גרויסע תחנונים איז איזיען געלונגען צו פועלן ביים אָטריאַד־קאָמאַנדיר פון „באָרבאַ", אַז מען זאָל אים אַריינעמען אין אָטריאַד. לכתחילה האָט מען אים געשיקט פּאַשען די פערד און אַרבעטן אַלס פורמאַן.

„ער האָט זיך אָבער געריסן צו קאַמפס־אויפגאַבן און זיך דערשלאָגן צו זיין דער צווייטער נומער פון קוילנוואַרפער, ישראל בוסעל און נאָך אַ קאַמף מיטן גאַרניזאָן לאַטישן אין הויף מיראָווטשיזנע איז דער 15־

יעריקער ראַבינאָוויטש געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין הויף און אַרויסגעפּאָרן רייטנדיק אויף אַ פערד.

„נישט לאַנג האָט געדויערט און ער האָט באַקומען אַן אייגענעם קוילנ־וואַרפער, וואָס איז געווען זיין טרוים פון ערשטן טאָג אין וואַלד. אין אַ געוויסן טאָג קומט איזיע צולויפן און דערציילט מיר, אַז באָריס האָט געבעטן אַנטלייען זיין קוילנוואַרפער, פאַר אַ גרופּע, וואָס גייט אויף אַן אויפגאַבע אויף דעם רעכטן ניעמאַן־ברעג. טראָץ מיין באַפעל צו אַנטלייען האָט ער זיך איינגעעקשנט:

„ניין, איך לאָז נישט אַרויס מיין קוילנוואַרפער פון האַנט. איך וועל בעסער אַליין מיטגיין אויף דער אויפגאַבע..."

„ער איז אַוועק מיט דער גרופּע און זיך מער נישט צוריקגעקערט. זיצנדיק אין אַ פויערישער שטוב זענען זיי אַרומגערינגלט געוואָרן דורך דייטשן און פאַרברענט געוואָרן אין דער אונטערגעצונדענער שטוב..."

הענאָך הערליך איז אַלט געווען זעכצן יאָר, ווען עס איז אויסגע־בראָכן די דייטש־רוסישע מלחמה. ער איז אַנטלאָפן צוזאַמען מיט דער אָפּטרעטנדיקער רויטער אַרמיי, מיט נאָך פיל יוגנטלעכע פון זיין שטעטל, איישישאָק. פון דער באַמבאַרדירטער מינסק איז ער געלאָפן קיין האַמעל, וואָס איז שוין אויך געווען באַדראָט פון שנעלן דייטשן פאָראויסמאַרש און ביי גאָרקי (לעבן מאָהילעוו) איז ער פאַרהאַלטן געוואָרן דורך דייטשע דע־סאַנטיסטן, וואָס זענען אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן אין רוסישן הינטערלאַנד. אים איז געלונגען אַרויסצודרייען זיך פון זייערע הענט און ער איז אַנטלאָפן אין אַ נאָענטן געדיכטן וואַלד. צוויי חדשים האָט ער אַרומגעבלאָנקעט איבער די וועלדער איינער אַליין, אַ הונגעריקער און כמעט אַ נאַקעטער און דער־האַלטן די נשמה מיט אַן אויסגעבעטלט שטיקל ברויט אין די דערפער ביי די וועלדער.

אין איינע פון די פינצטערע סעפּטעמבער־נעכט, 1941, האָט מען אים אויפגעוועקט פון שלאָף. אַ דערשראָקענער האָט ער זיך איינגעקוקט אין די דריי ציווילע באַוואָפנטע מענטשן. אַז זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז ער איז אַ יידיש יינגל, האָבן זיי אים מיטגענומען צו זייער ערד־שטיבל — דער באַזיס פון זיבן און צוואַנציק רוסישע פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן זיך נאָרוואָס אָרגאַניזירט. צוערשט האָט ער געאַרבעט אין קיך און נישט אָנ־טיילגענומען אין קיין שום פּאַרטיזאַנישע אָפּעראַציעס. אויף זיינע אַלע ווענדונגען, אַז מען זאָל אים מיטנעמען צו דיווערסיע־אַרבעט, פלעגט ער

באַקומען אַן ענטפער: „געדולד, האָב געדולד, עס וועט קומען דיין טאָג צו ווערן אַקטיוו״. און דער טאָג איז געקומען...

מיר לאָזן דערציילן הענאָך הערליכן וועגן דער פאַרגעבונג, וואָס ער האָט אויסגעפירט:

„פאַר דיר שטייט פאַר אַ גרויסע אויפגאַבע. דער פירער פון סמאָלענסקער געסטאַפּאָ מוז אומקומען. דו וועסט עס אויספירן!״

„איך ווער בלייך פון איבערראַשונג און הער קוים די איינצלהייטן פון פּלאַן: אין באַגלייטונג פון צוויי חברים, איבערגעטאָענע אין ס״ס־מונדירן, דאַרף איך קומען קיין סמאָלענסק. מיט אונדז וועט אויך זיין אַ פרוי. זי וועט מיר אין לעצטן מאָמענט איבערגעבן דעם נאַגאַן... די צוויי איבערגעטאָענע חברים וועלן מיר דאַרפן נאָך אַלעמען כלומרשט כאַפּן און אָפּפירן... אין ערגסטן פאַל־שיסן...

„אַ גאַנצע נאַכט האָב איך נישט געקענט אַנטשלאָפן ווערן. איך בין געווען גליקלעך, וואָס מיר, אַ יידישן יינגל, האָט מען אָנפאַרטרויט אויסצופירן אַזאַ וויכטיקע שליחות. אָבער איך האָב גלייכצייטיק זיך אויך זייער געשראָקן...

„אינדערפרי לאָזן מיר זיך וועג. דער טאָג איז אַ קאַלטער. סמאָלענסק געפינט זיך אויף אַ מרחק פון זעכציק קילאָמעטער פון אונדז. עס דויערט לאַנג, ביז מיר קומען אָן. מיר ווערן געוווּיר, אַז דער שעף פון געסטאַפּאָ געפינט זיך אין אַ פאַרוויילונגס־אָרט (אונדזערע פאַרבינדלער אין שטאָט מעלדן אונדז). און אָט שטייען מיר שוין פאַר דעם פאַרוויילונגס־אָרט און וואַרטן. אין אַ פּופצן מינוט אַרום פאַרפאָרט אַ טאַקסי. פון קאַפע־הויז גייען אַרויס דריי דייטשן. איינער צווישן זיי אַ הויכער, אַ דיקער — האַלבשיכורלעך.

— „דאָס איז ער! שעפּטשעט מיר אין דער שטיל די פרוי, וואָס איז מיט אונדז און רוקט מיר אַריין אין האַנט דעם נאַגאַן. איך ווער שטאַרק דערשראָקן, נאָר קיין צייט צו טראַכטן איז נישטאָ. איך ציל אָן אין הויכן דייטש און שיס אויס... ער פאַלט. איך גיב איבער דעם נאַגאַן (רעוואָלווער) דער פרוי, ווי עס איז געווען אָפּגערעדט און לאָז זיך רויק גיין.

„עס ווערט אַ גערודער, אַ טומל, אַ געיעג. אַ דייטש כאַפּט מיר אָן. דערזעענדיק פאַר זיך אַ יינגל, לאָזט ער מיר מיט כעס אָפּ דערלאַנגענדיק בשעת מעשה אַ שטאַרקן קלאַפּ, פון וועלכן איך פאַל אים. איך הייב זיך גלייך אויף און לאָז זיך אין דער בהלה לויפן צום באַשטימטן אָרט. דאָרטן טרעף איך זיך מיט די צוויי חברים „וועלכע האָבן מיר געזאָלט מכלומרשט כאַפּן״ — און מיר לאָזן זיך צוריק אין וואַלד. פאַרן אויספירן די אויפ־

גאַבע באַקום איך שפּעטער אַן אויסצייכענונג. אָבער וויכטיק איז עפּעס אַנדערש: פון דאַן בין איך געוואָרן אַן אמתער פּאַרטיזאַן!״
(„פחד״, מינכען נומער 11, פון 29סטן מאַי, 1948).

דאָס ערשטע דיווערסיע־קעמערל אין פּאַרטיזאַנער אָטריאַד א״נ „בודיאָני״ האָט זיך רעקרוטירט פון דריי, זעכצן־יעריקע יינגלעך פון מינסקער געטאָ: פימקע פּרעסמאַן, אַבראַשע קאַפּלאַן, זיאַמקע מיטעל, אַ ווייסרוסישער יינגל, יוזשיק זיבעל און דער, עלטערער פאַר זיי אין יאָרן, דער קאָמאַנדיר וו. קראַווטשינסקי. דאָס „פּינפּטל״ איז געגאַנגען אין דער ריכטונג פון מינסק, פּרווון דאָרט איר מזל „אַראָפּצולאָזן״ אַ צוג. דערוויל האָבן פּויערים זיי דערציילט, אַז אין נאָענטן דאָרף, קאַפּליצע, זענען געבליבן נעכטיקן זעקס דייטשן. זיי האָבן באַשלאָסן צו נעמען זיי אין געפאַנגענשאַפט און אויף אַזאַ אופן „קריגן „צינגער״. אָן איין שאָס און ווידערשטאַנד האָבן זיי אַרויסגענומען די זעקס איבערראַשטע דייטשן פון די בעטן און אָפּגעפירט זיי אין פּאַרטיזאַנער־שטאַב.

איינמאָל האָט דאָס זעלבע „פּינפּטל״, גייענדיק ביינאַכט אויף אַ „באַן״, באַשלאָסן מינירן דעם שאָסיי צווישן דאָרף וואָלטשקעוויטש און דעם שטעטל קוידאַנאָוו. טראָץ דער אומאויפהערלעכער באַוועגונג אויפן שאָסיי איז זיי געלונגען אונטערצולייגן און פאַרמאַסקירן אַ מינע. ווען זיי האָבן אָנגעהויבן אַוועקצולייגן די צווייטע מינע, אויף אַ קליינעם אָפּשטאַנד פון דער ערשטער, זענען זיי באַלויכטן געוואָרן מיט ראַקעטעס און עס איז אויף זיי געעפנט געוואָרן אַ קרייץ־פייער פון צוויי זייטן. די דייטשן האָבן זיי געוואָלט אַרייניאָגן אין נאָענטן קליינעם וועלדל, אַרומרינגלען און נעמען זיי לעבעדיקע אין געפאַנגענשאַפט. דאָס „פּינפּטל״ האָט זיך באַלד אָנגעשטויסן אויף די דייטשע כוונות און טאַקטיק און האָט זיך אומבאַמערקט אַדורכגעשניטן אַ וועג אינמיטן צווישןביידע אָנגרייפערישע דייטשע מיליטער־אָפּטיילונגען. איין אָפּטיילונג האָט, נישט וויסנדיק, אַז די פּאַרטיזאַנער זענען שוין אַנטלאָפן, אָנגעהויבן באַשיסן דאָס וועלדל. די צווייטע דייטשע אָפּטיילונג האָט מיינענדיק, אַז דאָס שיסן פּאַרטיזאַנער, געעפנט אַ „בלינדן״ פייער אויף דער ערשטער אָפּטיילונג. אַז מען האָט אין נאָענטן דייטשן גאַרניזאָן דערהערט די שיסערייען איז באַלד דער גאַנצער גאַרניזאָן אַרויס אין יענער ריכטונג. אָבער דער אויטאָביס איז אַרויף אויף דער

אונטערגעלייגטער מינע און זיך אויפגעריסן. די פויערים פון דער אומ־געגנט, וואָס זענען מאָביליזירט געוואָרן מיט זייערע פערד און וועגענער דורך די דייטשן אויף אַריבערצופירן די פגרים, האָבן שפּעטער דערציילט, אַז זיי האָבן אַרויסגעפירט פון וואַלד אַכצן און פון שאָסיי צען געהרגעטע דייטשן.

דאָס „פינפטל" האָט צוזאַמען מיט זונדל דראַטפּימאַן (אַ יידישער לערער פון מינסק) מינירט די אייזנבאַן־ליניע און צו זייער אָנגענעמער איבעראַשונג האָט באַלד צומאָרגנס די אויסשפּיר־אָפּטיילונג געמאָלדן, אַז צווישן די געהרגעטע זענען דאָ אויך וויכטיקע היטלעריסטישע פירנדיקע פּערזענלעכקייטן. דער קאָמענדאַנט פון דער מינסקער אייזנבאַן־סטאַנציע איז אַרעסטירט געוואָרן און פיל געסטאַפּאָ־לייט זענען דעגראַדירט געוואָרן, פאַר נישט אָננעמען אויסעראָרדנטלעכע פאָרזיכטיקייטס־מיטלען אויף דער ליניע, בעת דער נסיעה פון וויכטיקע פּערזענלעכקייטן פון דעם נאַציישן פאַרטיי־צענטער אין בערלין.

אַבראַשאַ (אַברהם)קאַפּלאַן איז געפאַלן בעת אַ קאַמף אין אַ דאָרף לעבן מינסק. אַ פאַרטיזאַנישע לויערונג האָט אָנגעגריפן אַ גרופּע דייטשן. אַבראַשאַ איז שטערבלעך פאַרוואונדעט געוואָרן דורך אַ דייטש, וואָס האָט זיך פאַרבאַהאַלטן אונטערן אויטאָבוס, וועלכער איז אָנגעגריפן געוואָרן. זיאַמע מיטעל איז שווער פאַרוואונדעט געוואָרן אַרויספאַלנדיק אויף אַ דייטשער לויערונג לעבן דאָרף וואָלטשקאָוויטש. צוליב דער באַשטייענדי־קער געפאַר, גענומען צו ווערן אַ לעבעדיקער אין געפאַנגענשאַפט, האָט זיאַמע מיטעל זיך אַריינגעשאָסן די לעצטע קויל אין האַרץ אַריין.

דער דריטער פון דעם „פינפטל", פימקע פּרעסמאַן, איז נאָמינירט געוואָרן אַלס קאָמאַנדיר פון אַ דיווערסיע־אָפּטיילונג אין אָטריאַד „25 יאָר ווייסרוסישע ס.ס.ר.". אויף זיין אַקטיוו איז פאַררעכנט געוואָרן: עלף אויפ־געריסענע עשאַלאָנען, ניין שעדיקונגען פון אייזנבאַן־רעלצן און אָנטייל אין צוויי קאַמפן אין דער „רעלצן־מלחמה". באַלד נאָך דער מלחמה זיך אָנגעשלאָסן אין דער רויטער אַרמיי און דערגרייכט אַלס זיגער ביז בערלין.

דאָס „פינפטל" קינדער פון מינסקער געטאָ זענען געווען פּאָפּולער אין דער נאַליבאָקער פּושטשע און סטימולירט די יידישע „נקמה־נעמער" פון מינסקער געטאָ צום עקשנותדיקן קאַמף קעגן שונא פון יידישן פאָלק.

משה קאַגאַנאָוויטש

אַברהם־מאָטל קריגער, געבוירן 1927 (מישעניץ, אָסטראָלענקער קרייז). איז דעם 22טן יוני, 1942, געקומען אין וואַלד מיט זיין בעסטן חבר, מאיר שטיינבערג פון דערעטשינער געטאָ. זיי קומען ביידע אָן אין "שפּיטאָל און אַרבעטן דאָרט ביים צושטעלן פּראָדוקטן פאַר די פאַרוואונדעטע און קראַנקע. דעם 30טן יולי, 1942, נעמען זיי ביידע אָנטייל אין אָנפאַל אויף דע־רעטשין. דעם 25טן אויגוסט, 1942, פאָרן ביידע חברים צונויפזאַמלען פּראָדוקטן ביי די פּויערים. זיי ווערן אָפּגעוואַרט פון אַ דייטשער לויערונג. זיי שטעלן אַ העלדישן ווידערשטאַנד, הרגענען דריי פּאָליציסטן און פאַלן. די דערעטשינער קריסטן האָבן זיי באַהאַלטן אויפן דאָרטיקן קריסטלעכן בית־עולם.

אליהו בעקנשטיין, געבוירן 1927 (דערעטשין), אַ שילער, שפּרינגט אַראָפּ דעם 22טן אַפּריל, 1942, פון אויטאָ, וואָס האָט אים געפירט צום טויט. עס געלינגט אים זיך צו ראַטעווען פון די נאָכגעשאָסענע קוילן און ער קומט אין וואַלד. נישט קוקנדיק אויף זיין יונגן עלטער באַקומט ער גלייך פון דער קאָמאַנדשאַפט אַ קוילנוואַרפער און ווערט אַריינגעצויגן אין די פּאַרטיזאַנער־קאַמפן. ער ווייזט אַרויס גרויס אָריענטאַציע, קאַלטבלוטי־קייט און שיסט אונטער אַ דייטשע טאַנקעטקע, וועלכע איז שוין געווען זייער נאָענט צו דער פּאַרטיזאַנער־לויערונג ביי שליזיען־פּאָדגרעבעלסקי. דערפאַר באַקומט ער אַלס באַלוינונג פון דער קאָמאַנדשאַפט אַ טראָפּיי־מתנה — אַ זייגער.

דעם 25סטן אָקטאָבער, 1943, נעמט בעקנשטיין אָן אַקטיוון אָנטייל ביים אַראָפּלאָזן אַ דייטשן עשאַלאָן ביי דער סטאַנציע יעזיאָרניצע (לעבן סלאָנים). עס זענען דאַן אומגעקומען איניקע הונדערט דייטשן און דריי דייטשן זענען גענומען געוואָרן לעבעדיקערהייט. ער האָט באַקומען פאַר דער אָפּעראַציע אַ מעדאַל „פאַר דרייסטקייט״. פעברואַר 1944, איז ער מיט נאָך אַכט פּאַרטיזאַנער אַוועק אויף אַ לויערונג אין אָסטראָוו (7 קילאָמעטער פון דערעטשין), ווו עס האָבן געזאָלט דורכפאָרן 150 דייטשן. עס האָט זיך אַנטוויקלט אַן אַנדערהאַלבן־שעהדיקער נישט־גלייכער קאַמף, ווו אליהו דעקט דאָס אָפּטרעטן פון זיינע חברים און קומט אַליין אום. דעם קערפּער האָבן די פּאַרטיזאַנער דערנאָך געבראַכט אין וואַלד און מיט גרויס פייערלעכ־קייט באַגראָבן אויפן פּאַרטיזאַנער בית־עולם.

לויט דער עדות פון דאָדל אַבראַמאָוויטש אין „פּנקס ביטען״ זענען דער אַכט־יעריקער עליושאַ יודקאָווסקי מיט נאָך אַ ייִנגל אין זיין עלטער, געווען פון די ערשטע, וואָס זענען באַלד נאָך דער ערשטער שחיטה (25טן יולי 1942), אַוועק פון ביטענער געטאָ אין די וועלדער פון „וואָלטשע נאָרע״. די צוויי 8־יעריקע קינדער, וועלכע האָבן מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק פאַרלוירן זייערע עלטערן, האָבן אַליין אָן קיינעמס הילף, געפונען דעם וועג צו די פּאַרטיזאַנער אין טיפן וואַלד.

(דאָרט — ז׳ 363).

דאָס ייִנגל, איזיע ראָזענטאַל איז אַנטלאָפן מיט אַ גרופּע פון דערע־טשין, באַלד נאָך דער שחיטה. אין ד״ר אַטלאַסעס ראָטע איז ער געווען דער פאַרבינדלער מיטן שטאָב פון בולאַקס אָטריאַד. בעתן אָנגריף אויפן קאָזלאָווטשיזנער גאַרניזאָן האָט ער צוגעפירט סנאַריאַדן צום פּאַרטי־זאַנישן האַרמאַט. כדי נישט צו פאַרלירן קיין צייט איז ער געלאָפן אין דער פולער הויך צווישן די פּאָזיציעס און איז געפאַלן פון אַ דייטשער קויל.

יידישע קינדער זענען אויסגענוצט געוואָרן דורך די פּאַרטיזאַנער צו אויסשפּיר־צוועקן, אַלס פאַרבינדלער און נישט זעלטן אויך פאַר באַ־זונדערע דיווערסיע־ און שפּיאָנאַזש־אויפגאַבעס. אויף קינדער האָבן די דייטשן, פאַרשטענדלעך, געלייגט ווייניקער אַכט און איבערגעטאָענע ווי דאָרפישע שקצימלעך, האָבן זיי געקענט צוקומען אומעטום אומגעשטערט.

מלך באַקאַלטשוק דערציילט וועגן די צוויי צוועלף־יעריקע ייִנגלעך, די ברידער פון פּאַרטיזאַן באַבראָוו אין „וואָראָשילאָוו״־אָטריאַד (וואָלין):

„...מען האָט זיי אויסגענוצט אַדורכצופירן „ראַזוויעדקעס״ (אויספאָר־שונגען) אין די דערפער, ווו דייטשן האָבן סטאַציאָנירט. זיי האָבן זיך איבערגעטאָן אין פויערישע מלבושימלעך, האָבן אויסגעזען ווי טיפּישע שקצימלעך און פלעגן ברענגען די גענויעסטע אינפאָרמאַציעס וועגן די דייטשן״.

(„זכרונות פון אַ יידישן פּאַרטיזאַן״ — פון כתב־יד).

אין ב. טענענבוימס בוך „אחד בעיר ושנים ממשפחה״, פאַרצייכע־נונגען פון מויל פון יידישע קינדער, וואָס האָבן איבערגעלעבט די מלחמה, ווערט אויך דערציילט וועגן סכנותפולע אויפגאַבעס, וואָס יידישע קינדער האָבן אויסגעפירט, לויט ווי זיי אַליין דערציילן עס קינדעריש־תמימותדיק:

משה קאַגאַנאָוויטש

דער 15־יעריקער משה טעמקין דערציילט:

„...דער לויטענענט־מאַיאָר וואַסילי (פון קאָופּאַקס פּאַרטיזאַנער פאַראייניקונג) האָט דערוויסנדיק זיך וועגן אַ גרויסער דייטשער אַבלאַווע, וואָס דאַרף זיך אָנהייבן, גערופן מיך און אַ 15־יעריקן רוסישן ייִנגל און צו אונדז געזאָגט:

— „איר זענט די ייִנגסטע אין אָטריאַד און איר דאַרפט אויפרייסן דעם דייטשן עשאַלאָן מיט מיליטער, וואָס דאַרף קומען אונדז פאַרניכטן".

„האַלבע נאַכט האָט ער אונדז געגעבן 2 מינעס איינגעוויקלט אין אַ זאַק און אונדז אָנגעזאָגט, אַז מיר דאַרפן אַדורכגיין דעם וועג בייִנאַכט ביז צום אָרט וווּ מאָרגן אַרום האַלב־אַכט אינאָוונט דאַרף אַדורכגיין די אייזנבאַן. אַ גאַנצע נאַכט זענען מיר געגאַנגען. פאַרטאָג זענען מיר אָנגעקומען. מיר האָבן זיך פאַרהאַלטן און געזען די דייטשן און די אַדורכפליענדיקע צוגן. 7 אַזייגער זענען מיר אַרויס פון די באַהעלטעניש, אַרומגעקוקט זיך, געזען אַז קיינער איז נישטאָ האָבן מיר אונטערגעלייגט די מינעס גוט פאַרמאַסקירט זיי און מיר זענען אַנטלאָפן. אָפּגייענדיק אַ צוויי קילאָמעטער פון אייזנבאַן האָבן מיר דערהערט אַן אויפרייס. לעבן אַ דאָרף האָבן אונדז אָפּגעהאַלטן דייטשן און געפרעגט, וווּ איז געווען דער אויפרייס. מיר האָבן געענטפערט, אַז מיר ווייסן נישט.

אָנקומענדיק אין אָטריאַד האָבן מיר אַלץ דערציילט דעם לויטענאַנט און ער האָט אונדז געלויבט".

(ב. טענענבוים — „אחד מעיר ושניים ממשפחה" — ז"ז, רכ"ב, רכ"ג).

דער זעלבער ייִנגל דערציילט וועגן זיין אָנטייל אין אויפרייסן אַ בריק אויפן דניעסטער (ביי זאַלעשטשיקי) און אָנטייל אין קאַמפן. 2 מאָל איז ער געווען פאַרוווּנדעט און איז אַדורך בשלום אַלע געפאַרן.

(דאָרט — ז"ז, רכ"ג, רכ"ד).

די 13־יעריקע סאָניע עלבוים פון זאַמאָשטש דערציילט ווי אַזוי די פאַרטיזאַנער האָבן איר אויסגענוצט אויף איבערצופירן אויפרייס־מאַטעריאַלן, קוילן אאַז"וו, פון אָרט צו אָרט.

(דאָרט — ז"ז, רכ"ט, ר"ל).

דער צוועלף־יעריקער ייִנגל, וויליק רובעזשין, איז פאַריתומט געוואָרן באַלד נאָכן דייטשן אַריינמאַרש אין מינסק. די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע אין געטאָ האָט אים אויסגענוצט פאַר אירע צוועקן, אַלס פליִנקן און פאַרזיכטיקן שליח. צענדליקער מאָל אין טאָג פלעגט ער זיך אַרויסגנבענען און אַריינגנבענען אין געטאָ דורך דעם שטעכעדיקן געטאָ־צאַם

און ער איז קיין איין מאָל נישט אַדורכגעפאַלן. אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אַנטלויפן פון געטאָ אין די וועלדער איז ווילּיק געווען דער, וואָס פלעגט אויספירן דעם אַרויסגאַנגס־אָרט און זאָגן, צי דער וועג איז פריי. אַז ווילּיק איז געקומען אין „דזשערזשינסקי״־אָטריאַד, האָט דער צוועלף־יעריקער יינגל אַרויסגערופן בלויז נייגער און שמייכלען. וואָס קען אַ יינגל אין זיין עלטער טון אין אַ קעמפערישן אָטריאַד? אָבער דער קאָמאַנדיר מ. קאַשינסקי האָט — נאָכדעם, ווי ער האָט געהערט וועגן דער דרייסטקייט און פלינקייט פונעם יינגל אין און אויסערן געטאָ, גע־קוקט אויף אים אינגאַנצן ערנסט. ער איז איינגעשלאָסן געוואָרן אין דער ערשטער אָפּטיילונג פון אָטריאַד און באַקומען אַן אָפּגעקירצטן ביקס, וועלכן די פּאַרטיזאַנער פלעגן איראָניש באַצייכענען מיטן נאָמען „וופּפ״ (ווילּיקס רעוואָלווער־קוילנוואַרפער).

דאָס יינגל האָט אַרויסגעוויזן פעיקייטן ביים אָריענטירן זיך אין סיטואַציעס און אין אַ גאַר קורצער צייט האָט ער זיך שוין אויסגעצייכנט אַלס רייטער־אויספירער און מינירער. ער פלעגט דערגיין צו די גע־פערלעכסטע ערטער, נישט ציענדיק אויף זיך קיין אויפמערקזאַמקייט פון די דייטשן. זיין אָפּטיילונג איז אַרויס צום שאָסיי, וואָס האָט געפירט צו דער ווילכטיקער אייזנבאַן־סטאַנציע, ניגאָרעלאָיע. דער שאָסיי איז געווען באַהערשט דורך די דייטשן און עס איז אויף אים כסדר אָנגעגאַנגען אַ גרויסע באַוועגונג. די פּאַרמאַסקירטע פּאַרטיזאַנישע לויערונג האָט נישט געקענט אויפהויבן די קעפּ און זיך דעמאַסקירן. ווילּיק איז פויזענדיק דערקראָכן צום שאָסיי, אויסגעגלייכט זיך אין זיין פולער הויך און גע־וואָרפן אַ האַנט־גראַנאַט אין אַ דייטשער טאַקסי, וואָס איז געפאָרן בראָש פון אַ טראַנספּאָרט פון צענדליקער לאַסט־אויטאָס. דער אויפרייס פון האַנט־גראַנאַט איז געווען אַ סיגנאַל פאַר דער פּאַרטיזאַנישער לויערונג און זיי האָבן געעפנט אַ הוראַגאַן־פייער אויפן דייטשן טראַנספּאָרט. די דייטשן האָבן אַפילו נישט באַוויזן צו פאַרנעמען פּאַרטיידיקונגס־פּאָזיציעס און כמעט דער גאַנצער טראַנספּאָרט איז פאַרניכטעט געוואָרן. לויט די פעסטשטעלונגען פון פויערים פון דער אומגעגנט האָט מען אַרויסגעפירט זיבן און פערציק געהרגעטע. די צאָל פאַרוואונדעטע האָט מען נישט געקענט גענוי פעסטשטעלן.

משה קאַגאַנאָוויטש

אַז וויליק איז אַלט געוואָרן דרייצן יאָר, זענען שוין געווען פאַרצייכנט אויף זיין אַקטיוו זיבן אויפגעריסענע עשאַלאָנען און פיל אויסשפּירדערגרייכונגען פון ערשטקלאַסיקער וויכטיקייט פאַר דער פּאַרטיזאַנערבאַוועגונג. דאָס ייִנגל איז דורך דער קאָמאַנדשאַפט פאָרגעשטעלט געוואָרן צו באַקומען אַן אָרדן. נעמענדיק אין אַכט זיין יונגן עלטער, איז ער אַריבערגעפירט געוואָרן מיט אַן עראָפּלאַן, וואָס האָט געלאַנדעט אויפן פּאַרטיזאַנישן פלי־פּלאַץ קיין מאָסקווע, פאָרצוזעצן זיין לערנען וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן מיטן דייטשן אַריינמאַרש.

אינזשעניער מ. גילדענמאַן („דיאַדיאַ מישאַ“), דער יידישער קאָמאַנדיר פון פּאַרטיזאַנישן אָמריאַד, דערציילט אין זיין בוך „מאָטעלע, דער יונגער פּאַרטיזאַן“ וועגן אַ צוועלף־יעריקן קינד, מיטקע, וועמען זיינע פּאַרטיזאַנער האָבן געטראָפן שלאָפנדיק אין אַ חורבה אין וואַלד. דאָס קינד איז שנעל געוואָרן באַליבט ביי אַלע פּאַרטיזאַנער. שפּעטער האָט מען זיך דערוווּסט, אַז ער איז נישט קיין אוקראַינער מיטן נאָמען מיטקע, נאָר אַ יידיש קינד, וואָס הייסט מאָטעלע, אַ געבוירענער אין אַ וואָלינער דאָרף קראַסנווּקע, אַ זון פון אַ מילנער מיטן פאַמיליע־נאָמען, שלאַיען.

צופעליק איז מאָטעלע נישט געווען אין שטוב בעת דייטשן און אוקראַינער זענען געקומען און האָבן דערהרגעט זיין טאַטע, מאַמע און קליין שוועסטערל. די זעלבע נאַכט איז ער אַנטלאָפן אין די וועלדער און זיך פאַרדונגען ביי פּויערים אַלס פּאַסטעך פאַרן עסן און שלאָפן. אין אָטריאַד פון „דיאַדיאַ מישאַ“ האָט מען דעם קלוגן, דרייסטן און פלינקן קינד, וואָס האָט זיך אָריענטירט אין די סאַמע קאָמפּליצירטסטע לאַגעס, אָנגעהויבן אויסנוצן צו אויסשפּיר־, שפּיאָנאַזש־ און דיווערסיעצוועקן. גילדענמאַן דערציילט:

„איך האָב געפּלאַנט אַן אָנפאַל אויפן אָווּרוטשער גאַרניזאָן. דער ציל איז געווען: פאַרניכטן די אייזנבאַן־סטאַנציע און די בריק לעבן אָווּרוטש, וואָס האָט געפירט פון שעפּעטאָווקע צו טשערניגאָוו. די דייטשע מאַכט האָט דערלויבט אַ פרייען איבערגאַנג איבער דער בריק לכבוד דעם פּראַוואָסלאַווישן יום־טוב „ספּאַס“, דעם 20טן אויגוסט 1943. דער קאָמאַנדיר האָט באַשלאָסן אויסצונוצן דעם שאַנס און שיקן אין שטאָט אַריין אויסשפּירער, וואָס זאָלן צונויפזאַמלען אינפאָרמאַציעס וועגן די דייטשע מיליטערישע סטאַציאָנירנדיקע פאָרמאַציעס, סטראַטעגישע בנינים, אַנשטאַלטן

אַאַז״ו. צוזאַמען מיט די פּאַרטיזאַנישע אויסשפּירער איז אויך מיטגעגאַנגען מאָטעלע, וואָס האָט געקענט אַלס קינד אויף וועמען מען לייגט ווייניקער אַכט, בעסער נאָכקוקן און אויסשפּירן וואָס עס הערט זיך אין שטאָט.

„מאָטעלע האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים אַריינגאַנג אין פּראַוואָסלאַווגעם קלויסטער צוזאַמען מיט אַלע בעטלער און קאַליקעס און געשפּילט אויף זיין פידעלע אוקראַינישע לידלעך, באַגלייטנדיק זיך אַליין מיט געזאַנג. מיט זיין שפּילן און זינגען האָט ער צוגעצויגן פיל נייגעריקע, וואָס האָבן ברייטהאַרציק אַריינגעוואָרפן מטבעות אין זיין ליימענער שיסעלע... אינצווישן האָט אַ דייטשער אָפיציר, וואָס איז צופעליק פאַרבייגעגאַנגען אים באַפוילן נאָכצוגיין. מאָטעלע האָט געדאַרפט שפּילן און פאַרווײַלן די דייטשע סאָלדאַטן אין זייער קאַסינאָ. ער האָט אַריינגענומען גוט אין זכרון די נומערן פון די מיליטערישע פאָרמאַציעס, וואָס זענען דאָרט געקומען עסן און ווײַלן זיך. אויף זייער וועג צו די פּראָיטן. אין די פרייע שעהן פלעגט ער אַרומשפּאַצירן איבער די גאַסן און לייגן באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט אויף די מיליטעריש־סטראַטעגישע בנינים. דורכן פאַרטיזאַנישן פאַרבינדלער אין שטאָט, קריל, האָט ער איבערגעשיקט די צונויפגעזאַמלטע ידיעות צו דער אָטריאַד־קאָמאַנדשאַפט.

„איינמאָל ווען ער איז אַרונטערגעגאַנגען אין קעלער האָט ער דערזען אַ גרויסן שפּאַלט אין אַ וואַנט. באַלד האָט אין זיין קינדעריש קעפּעלע אויפגעבליצט אַ געדאַנק אויפצורייסן די קאַסינאָ צוזאַמען מיט די הונדערטער סאָלדאַטן און אָפיצירן. ווי נאָר דער פאַרבינדלער, קריל, האָט געבראַכט אין אָטריאַד דעם אויפרייס־פּלאַן איז ער באַלד באַשטעטיקט געוואָרן דורך דיאַדיאַ מישאַ. אין אַ וואָגן מיט שטרוי האָט מען אַריינגעגנבעט פון אָטריאַד אין שטאָט אַריין אַכצן קילאָגראַם אויפרייס־מאַטעריאַל. מאָטעלע האָט די מאַטעריאַלן פאָרזיכטיק אַריינגעלייגט אין שפּאַלט פון דער קעלער־וואַנט, אַריינגעטון אַ קאַפּסול און פאַרמאַסקירט דעם ביקפאָרדער שנור, וואָס איז באַשטימט אויף אָנצוצינדן און אַריבערצופירן דעם פונק צו די אויפרייס־מאַטעריאַלן. איין אָונט, ווען דער קאַסינאָ איז געווען פול מיט אָפיצירן פון דער ספּעציעלער ס״ס־דיוויזיע, וואָס איז געגאַנגען צום פראָנט, האָט מאָטעלע אונטערגעצונדן דעם ברעג פון שנור. וואָס איז געווען איינגעשלאָסן אין קאַפּסול פון דער מינע. ער איז תיכף אַנטלאָפן (ווי עס איז געווען אָפּגערעדט) צום בערגל אויפן צווייטן זייט טייך, וווּ עס האָט אים שוין אָפּגעוואַרט אַ פאַרטיזאַנישע פור. דעם אויפרייס האָט מען געהערט אין דער גאַנצער געגנט. דער קאַסינאָ־בנין, צוזאַמען מיט די הונדערטער אָפיצירן, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען, איז אַרויסגעזעצט געוואָרן אין דער לופט. מאָטעלע האָט אַ גליקלעכער זיך

משה קאַגאַנאָוויטש

איינגעקוקט אויפן רויטן הימל און האָט אויסגעשריען: „דאָס איז מיין נקמה פאַר מיינע עלטערן און מיין קליינע שוועסטערל בתיהלע!...״
(דאָרט — ז״ז, 125־137).

„די אַדיאַ מישאַ״ דערציילט פיל פאַקטן וועגן דער דרייסטקייט און דערפינדערישקייט פון צוועלף־יעריקן ייִדישן ייִנגל. ער האָט גערעטעוועט צוויי ייִדישע קינדער, גערעטעוועט אַ רוסישן פּאַרטיזאַן, געגאַנגען אין אויסשפּיר אין דעם שטעטל מאַלין, געהרגעט מיט זיין רעוואָלווער אַ דייטש אַאַז״וו. ער איז געפאַלן פון אַ דייטשער קויל האַרט פאַר דער באַפריי־אונג, ווען ער איז אַריבערגעקראָכן צו אַ פּאָזיציע, ווו עס זענען געווען סאָוועטישע אָפיצירן, וואָרענען זיי וועגן דער לויערנדיקער געפאַר.

**
*

נישט נאָר ייִדישע קינדער און ייִנגלעך אין עלטער פון 12־17, נאָר אויך זקנים האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די קאַמפן און דיווערסיע־אַקטן. דער העלד פון ראַטנפּאַרבאַנד, א. פּיאָדאָראָוו, דערציילט אין זיין בוך „געגנט־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי אין אונטערגרונט״ וועגן אַ 65־יעריקן ייִד, וואָס האָט בשום אופן נישט געוואָלט אַרבעטן אין קיך און געפאָדערט, אַז מען זאָל אים דערמעגלעכן אָנטיילנעמען אין קאַמפּס־אָפּעראַציעס:

„...געקומען צו אונדז, סעמיאָן אַראַנאָוויטש לעווין, אַ 65־יעריקער דאָרפישער לערער. גאַנצע וואָכן האָט ער אַרומגעבלאָנקעט איבער דערפער און וועלדער, כדי צו געפינען אַ וועג צו די פּאַרטיזאַנער. צום וואַך־פּאָסטן איז ער געקומען אַ הונגעריקער, אַ מידער און נישט געווען מסוגל אַפילו איבערצוגעבן וועגן זיך קיין שום פּרטים. באַלד צומאָרגנס האָט ער, צו אונדזער אַלעמענס פאַרוווּנדערונג, געפאָדערט, אַז מען זאָל אים באַשעפ־טיקן. מען האָט אים געשיקט אַרבעטן אין קיך, אַלס געהילף צו דער קע־כין. עטלעכע טעג האָט ער דאָרט געאַרבעט און ווידער געקומען צו זיין ראָטע־קאָמאַנדיר מיט אַ פאָדערונג:
— „נעמט מיר מיט אויף אַ קאַמפּס־אויפגאַבע, דערלויבט מיר צו קעמפן. אמת, איך בין שוין אַן אַלטער, אָבער פּרובירט...״

„דער 65־יעריקער זקן האָט זיך באַטייליקט אין עטלעכע קאַמפן. איך דערמאָן זיך, אַז ווען מיר זענען געגאַנגען אויף אַ קאַמפּס־אָפּעראַציע

קיין סעמענאָווקע, אַ וועג פון עטלעכע און דרייסיק קילאָמעטער, האָט לעווין בשום אופן זיך נישט געוואָלט זעצן אויפן וואָגן, טראָץ, דעם וואָס מיר האָבן זיך געבעטן ביי אים עס צו טון:

— „איך בין נישט קיין ערגערער פון אייך. מיר קומט נישט קיינע פּריווילעגיעס. גענוג, אַז איר האָט מסכים געווען אויפצונעמען מיר אין אָטריאַד און דערמעגלעכן מיר צו קעמפן. דערלויבט מיר צו זיין מיט אייך אַלעמען גלייך סיי אין רעכט און סיי אין פליכטן פון אַ פּאַרטיזאַן..."

„ערשט ווען אויף זיין אַקטיוו זענען שוין געווען פאַרשריבן זעקס געהרגעטע דייטשן, האָט דער 65־יעריקער לעווין מסכים געווען אַריבער־צוגיין אין ווירטשאַפטלעכן וזוואָד פון אונדזער אָטריאַד".

(א. פּיאַדאָראָוו, דאָרט — ז' 262).

דער אַלטער מינסקער ייד, שמעון, אַ סאָוועטישער פּאַרטיזאַן אין די ווייסרוסישע וועלדער נאָך אין די יאָרן פון בירגער־קריג (1918), האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די קאַמפן פון ישראל לפּידותעס יידישן אָטריאַד.

פינף און זעכציק מאַן פון אָטריאַד האָבן לעבן דאָרף אָמעלנאַ אויפן שאָסיי פּוכאָוויטשי־סטאַראַ־דאָראָגאַ, איינגעאָרדנט אַ לויערונג. בלויז פיר קוילנוואַרפערס זענען געווען אין זייער באַזיץ. די אַלע איבעריקע זענען געווען באַוואָפנט בלויז מיט ביקסן. ניין אויטאָבוסן מיט דייטשן האָבן זיך באַוועגט אויפן שאָסיי אין דער ריכטונג פון די נאָענט־ליגנדיקע דערפער. די דייטשן זענען געפאָרן מיט אַ זיכערקייטס־געפיל און זענען דעריבער געוואָרן איבערראַשט פון די ערשטע קוילן, וואָס האָבן זיך אַ שאָט געטון אויף זיי. די דייטשן זענען געשפרונגען פון די אויטאָבוסן, כדי צו פאַר־נעמען אַ פּאָזיציע. די פּאַרטיזאַנער זענען אַרויס פון דער לויערונג און מיט אַ ווילדן „הורא"־געשריי זיך אַ לאָז געטון אויף די דייטשן. עס האָט זיך צעפלאַקערט אַ קאַמף פנים לפנים (באַגנעטן־קאַמף). אברהם כאַליאַווסקי האָט מיט זיין ביקס געשפּאָלטן די קאָפּ פון אַ דייטש. יוסף יאַנקעלעוויטש האָט מיט די הענט דערשטיקט אַ צווייטן דייטש. דער אַלטער, שמעון, איז אַריינגעשפרונגען אין איינעם פון די דייטשע אויטאָס און האָט מיט גע־שרייען דערמוטיקט די יידישע קעמפערס:

„ברידער, קוילעט זיי! דערמאָנט זיי, וואָס זיי האָבן מיט אונדז געמאַכט אין טוטשינקע (הריגה־אָרט פון די מינסקער יידן) און אין געטאָ!"

די שלאַכט איז געווען אַ פאַרביטערטע. מען האָט זיך באַנוצט אויס־

שליסלעך מיט קאַלט געווער (מעסערס און האַק״ו) און מיט די הענט. די דייטשן, וועלכע זענען געווען אויסגעאיבט אויף קאַמפן מיט מאָדערנע געווער, זענען געווען הילפלאָז און פּחדנותדיק אין קאַמפן אויף באַגנעטן, פּנים צו פּנים. די רעזולטאַטן פון דער גלענצדיק איינגעגעבענער לויערונג זענען געווען: פיר און זיבעציק היטלעריסטישע טויטע פּגרים און אַכט געפאַנגענע. שמעון, דער זקן, האָט אין דעם קאַמף באַוויזן, אַז זיין עלטער האָט אים נישט געשטערט צו קעמפן און נקמה נעמען.

שרה גורוויטש, אַ פרוי פון עטלעכע און פערציק יאָר, האָט געבראַכט מיט זיך אַ רעוואָלווער, ווען זי איז אָנגעקומען אין נאַטשער פּושטשע צו איר זון, גרישע, אַן אויסגעצייכנטער קוילנוואַרפלער אין אָטריאַד „לענינסקי קאָמסאָמאָל״. דעם 9טן סעפּטעמבער, 1943, האָט דער אָטריאַד געשיקט אַ גרופּע פאַרטיזאַנער פאַר אַ באַזונדערער אויפגאַבע — דערוווערבן קוילן. שרה גורוויטש איז מיטגעגאַנגען מיט דער גרופּע אין וועלכער עס איז אויך געווען איר זון, גרישע. אויפן וועג האָבן זיי זיך אָנגעטראָפן מיט פינף און צוואַנציק דייטשע סאָלדאַטן, באַוואָפנטע מיט אַוטאָמאַטיש־געווער, פון מאַרציקאַנצער גאַרניזאָן. די פינף פאַרטיזאַנער האָבן נאָך באַוויזן אַריינ־צושפּרינגען אין די הויכע קוסטעס ביים ראַנד פון שאָסיי. אָבער די דייטשן האָבן דאָס באַמערקט און געעפנט אויף זיי אַ פייער. גרישע האָט געשריגן:

„פאַר קיין פאַל נישט לאָזן זיך נעמען לעבעדיקע!״

די מאַמע, וועלכע איז געלעגן לעבן איר דענערווירטן זון האָט אים דערמוטיקט:

„גרישינקע, האַלט זיך! באַפעל צו שיסן!״

די מאַמע האָט געשאָסן פון איר ביקס און זעענדיק ווי אַ דייטש פלעגט פאַלן, פלעגט זי מיט פרייד אויסשרייען: איינער שוין געפאַלן! אָ, געפאַלן נאָך איינער! אַן אַוטאָמאַטן־סעריע זיפּט דורך איר קערפּער און זי פאַלט לעבן איר זון.

ווינצקאָווסקי, וועלכער איז געווען צווישן דער גרופּע דערציילט ווי אַזוי גרישע האָט רעאַגירט אויפן טויט פון דער מאַמען:

„ווי נאָר גרישעס מאַמע איז געפאַלן, האָט זיך דער זון אַ לאָז געטון מיטן אויפגעהויבענעם קוילנוואַרפער אין דער הויך, אין האַגל פייער דער־קראָכן צום מערדער פון זיין מאַמען און אים מיטן פלאַמענלעשער צע־

קוואַשעט דעם פּנים אויף פּיצלעך. כּדי צו דעקן גרישען האָב איך מיט יאַנקעלעוויטשן פאַרשטאַרקט דעם פייער, וואָס האָט אָפּטרעטנדיק, מיט שרעק זיך געלאָזט צוריק״.

„צוריקוועגס איז גרישע געטראָפן געוואָרן פון אַ דום־דום קויל אין לינקן פוס״.

(ש. קאַטשערגינסקי — „פּאַרטיזאַנער גייען״, — ז״ז, 31־33).

יידישע בחורים און מיידלעך פון פּוילן, וועלכע האָבן זיך עוואַקוירט בעתן אָנהייב פון דער דייטש־סאָוועטישער מלחמה אין די ווייט־אָפּגעלעגענע געביטן פון ראַטנפאַרבאַנד, ווי אויך יידן פון די רוסישע מזרח־געביטן, מעלדן זיך פרייוויליק אויף דעם רוף פון דער סאָוועטישער רעגירונג און קאָמוניסטישער פּאַרטיי צו גיין אין די אָקופּירטע געביטן אויף יענער זייט פראָנט צו אָרגאַניזירן אָטריאַדן און פירן אַ דיווערסיע־ און שפּיאָנאַזש־אַרבעט אין טיפן הינטערלאַנד פון שונא.

זיי האָבן דאָרט אין קאַזאַקסטאַן, אוזבעקיסטאַן, ווייטן מזרח אאַז״וו געהאַט אַלע שאַנסן רויק איבערצולעבן די מלחמה, אָבער די ידיעות פון דער סאָוועטישער פּרעסע וועגן דעם מאַסן־אויסראָט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די אָקופּירטע געביטן, ווו זיי האָבן אַנטלויפנדיק איבער־געלאָזט זייערע משפּחות, האָט זיי נישט געלאָזט רוען און זיי האָבן פרייוויליק זיך געמאָלדן אין די ספּעציעלע פּאַרטיזאַנער־שולן פאַר דיווערסיע.

אין די גרעסטע געפאַרן זענען זיי אַריבער די פראָנט־ליניע. מיט קאַמפן און קרבנות אַדורכגעריסן פאַרבונקערטע, גוט־באַוואַכטע אייזנבאַן־ליניעס און בריקן. אין כּסדרדיקע קאַמפן מיט דייטשע גאַרניזאָנען האָבן זיי אַזוי אַדורכגעמאַכט שטרעקעס פון קרוב טויזנט קילאָמעטער און דערגאַנגען אין זייערע, פאָראויס־באַשטימטע, טעטיקייטס־ראַיאָנען. דאָרטן האָבן זיי אַנטוויקלט אַן אינטענסיווע שפּיאָנאַזש־ און דיווערסיע־טעטיקייט און דער־וואָרבן זיך צווישן זייערע נישט־יידישע חברים דעם בעסטן נאָמען. די דיווערסיע־גרופּעס זענען זיך פונאַנדערגעוואַקסן אין גרויסע אָטריאַדן, אויפ־נעמענדיק פּאַרטיזאַנער פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג און אַנטלאָפענע קריגס־געפאַנגענע. אויך יידישע בחורים פון די אַרומיקע געטאָס האָבן זיך גערן אָנגעשלאָסן צו די דעסאַנטנע דיווערסיע־גרופּעס, ווו עס האָט גע־הערשט אַ בעסערע איינשטעלונג צו יידן. אַ באַדייטנדיקע טייל פון זיי

זענען געפאַלן אין די קאַמפן און ביי דיווערסיע־אַרבעט מיט אַ העלדן־טויט. בלויז געציילטע פון זיי האָבן דערלעבט די באַפרייאונג.

צו אַזאַ גרופע פאַראַשוטיסטן, וועלכע איז געווען טעטיק אין מירער ראַיאָן איז אָנגעקומען דער מירער יידישער בחור, נחום סאַווין. סאַווין רוקט זיך גלייך אַרויס אין פאָדערגרונט פון שפּעטער געשאַפענעם אָטריאַד „קאַ־לינין" (בריגאַדע „קאָמסאָמאָליעץ"). באַזונדערס צייכנט ער זיך אויס אין די אָנגריפן, וועלכע עס האָבן געפירט די צוויי פאַרטיזאַנער־בריגאַדעס („קאָמסאָמאָליעץ" און „זשוקאָווסקי") און דער ערשטער ווייסרוסישער קאַזאַקן־אָטריאַד אויפן שטעטל מיר (אַפּריל 1944). סאַווין רייסט זיך אַריין דער ערשטער אין שטעטל און זייט טויט און פּאַניק. אַמיינסטן האָט ער זיך אויסגעצייכנט ביי מינירן און אַראָפּלאָזן באַנען. נישט ווייניקער ווי עלף באַנען זענען דורך אים אַראָפּגעלאָזט געוואָרן, אונטער וועמענס משא עס האָבן געפונען זייער טויט פיל צענדליקער דייטשן און פיל קריגס־טעכניק. פאַר זיינע דרייסטע און געוואַגטע אויפטועון איז ער צוגעשטעלט געוואָרן צו די אָרדנס: „פאַטערלענדישער קריג", „רום" („סלאַוואַ") און „נצחון".

דער האָמעלער יידישער בחור יאַשע סמאָלאָוויצקי, מאַכט דורך די די־ווערסיע־שול אין מאָסקווע, גייט איבער די פראָנט־ליניע און מאַכט אַדורך 700 קילאָמעטער וועג ביז זיין טעטיקייטס־ראַיאָן, איוויע (ביי לידע). פון דער קליינער גרופּע האָט זיך שפּעטער אויסגעבילדעט דער אָטריאַד „ראַשטש", בריגאַדע „וופּיעריאַד". סמאָלאָוויצקי איז העלדיש געפאַלן אין לעצטן קאַמף מיט די דייטשן ביים שטעטל איוויע (האַרט פאַר דער באַ־פרייאונג, דעם 6טן יולי, 1944). ער איז אויסגעצייכנט געוואָרן מיט אַ סך מעדאַלן און אָרדנס.

דעם 1טן אויגוסט 1942, האָט דער קאָברינער ייִד, קאַגאַן, זיך געמאָלדן פרייוויליק אין דער פאַרטיזאַנישער דיווערסיע־שול אין מאָסקווע, בכדי דערנאָך אָנצוקומען אין קאָברינער ראַיאָן. ער האָט נאָך געהאַט אַ האָפע־נונג צו ראַטעווען זיין פאַמיליע. כמעט די גאַנצע גרופּע מיט קאַגאַנען איז באַפאַלן געוואָרן לעבן סלאָנים (יאַנואַר 1943) דורך דער דייטשער פּאָליציי און אומגעבראַכט געוואָרן.

שמואל מינעוויטש פון סמאָלענסק, איז געקומען אין לידער ראַיאָן

מיט אַ גרופּע פון 36 מאַן, בכדי צו פאַרצווייגן די פאַרטיזאַנער־באַוועגונג אין דער אומגעגנט. אויסער די פיל באַנען, וואָס זענען פאַרמינירט געוואָרן אונטער זיין אָנפירונג, האָט ער געלערנט און דערצויגן מינירער־גרופּעס. אַ באַזונדער אויפטו זיינער איז געווען דאָס מינירן און אויפרייסן אַן אייזנבאַן־בריק אויף דער ליניע לידע־באַראַנאָוויטש, צוליב וואָס די קאָמוניקאַציע איז אויף איניקע טעג איבערגעריסן געוואָרן.

דוד גוטערמאַן ווערט אַראָפּגעוואָרפן אַלס פּאַראַשוטיסט אין די ערשטע חדשים פון 1943, אין די קאַזאַנער וועלדער. ער איז שפּעטער פּאָפּולער געוואָרן אונטערן נאָמען „דאָדקע״. אַליין אַ ניי־סוועָנציאַנער (ביי ווילנע), ווערט ער מגולגל פון דער פּוילישער אַרמיי, אין וועלכער ער דינט אַלס אונטעראָפיציר קיין רוסלאַנד. ער ווערט נאָמינירט אַלס קאָמאַנדיר פון אַ ספּעציעלער דיווערסיע־גרופּע אין איינעם פון די אָטריאַדן פון דער בריגאַדע „ספּאַרטאַק״. ער האָט זיך ביז זיין טראַגישן אומקום בעת דער בלאָקאַדע פון די קאַזאַנער וועלדער אויסגעצייכנט מיט זיינע שפּיצלעך און איינפאַלן, אַ דאַנק וועלכע פיל דייטשן זענען אומגעקומען.

אַ טויזנט קילאָמעטערדיקן וועג, נאָכן אַדורכמאַכן די דיווערסיע־שול אין מאָסקווע, איז דורכגעגאַנגען דער פּינסקער יידישער בחור, דוד פּלאָטניק.

אַ דאַנק זיין איניציאַטיוו און אויפטוען ביי דיווערסיע, איז ער נאָמינירט געוואָרן אַלס קאָמאַנדיר פון דער דיווערסיע־ראָטע אין אָטריאַד „קאַלינין״ (טעטיקייטס־ראַיאָן — מיר), און אונטער זיין אָנפירונג זענען מינירט געוואָרן פיל דייטשע עשאַלאָנען אויף די פאַרשיידענע אייזנבאַן־ליניעס אין באַראַנאָוויטשער קרייז. ער איז אויסגעצייכנט געוואָרן מיט אַ ריי הויכע סאָוועטישע מלוכה־אָרדנס.

אויך לייזער ראַגאָווין (וואָלאָזשין), האָט זיך אויסגעצייכנט ביים מינירן און האָט פאַרשריבן אויף זיין קאָנטאָ פיל עשאַלאָנען, צוליב וואָס ער האָט זיך דערדינט צו אַ קאָמאַנדיר פון אַ דיווערסיע־גרופּע, פריִער אין אָטריאַד נר' 120, שפּעטער אין סמאַריצקיס אָטריאַד. (געפאַלן אין ישראל בעת די קאַמפן אין נגב — 1948).

מיר האָבן פאַר זיך אויטענטישע דייטשע קוועלן, וועלכע באַשטעטיקן, אַז צווישן די געוואָרפענע פּאַראַשוטיסטן (דעסאַנטיסטן) איז געווען אַ באַדייטנדיקע צאָל יידן.

אין אַ ס״ס־דאָקומענט פון „ווערמאַכט באַפעלסהאַבער אָסטלאַנד״, דאַטירט ריגע, דעם 5טן אַפּריל 1943 ‎(3)8/5־0 אין דער רובריק „פאַרשיידענעס״ ווערט דערציילט:

„6) אין בלאַזשיקי (דאָרף) — 2096 — האָבן פּאָליציי־איינזאַץ־טרופּן געפירט אַ קאַמף מיט 300 באַנדיטן. נאָך אַ קורצן קאַמף האָט דער פיינט געהאַט פאַרלוסטן: 8 טויטע, 4 פערד. די רעשט באַנדיטן זענען אַנטלאָפן קיין ווייסרוסלאַנד (דער קאַמף איז פאָרגעקומען אין ליטע — דער מחבר). עס האַנדלט זיך וועגן 300 פאַלשירם־דעסאַנטיסטן, וואָס האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין די בעלמאָנטער וועלדער... צווישן די דעסאַנטיסטן, וואָס זענען געווען געקליידט טיילווייז אין רוסישע און טיילווייז אין דייטשע אוניפאָרמען און גערעדט אויף פאַרשיידענע שפּראַכן, געפינען זיך יידן און פרויען...״

(דאָקומענט אין אַרכיוו פון „יד ושם״, ירושלים).

***

ווי געזאָגט, האָבן די יידישע נאַציאָנאַלע אָטריאַדן בייגעשטייערט זייער חלק אין קאַמף מיט די מערדער־אָקופּאַנטן, טראָץ דעם, וואָס זייער באַוואָפענונג און אויסריכטונג איז געווען אַ פיל ערגער׳ע ווי די, פון די נישט־יידישע אָטריאַדן. אויך די כסדרדיקע זאָרג פאַר דער זיכערקייט פון די משפּחות, קאַמפּס־אומפעיקע זקנים, קינדער און פרויען און זייער אַפּראָוויזאַציע ביי די אומנאַטירלעכע וואַלד־באַדינגונגען האָט פאַרקלענערט זייערע מעגלעכקייטן אויפצונעמען קאַמפן אין גרויסן מאַסשטאַב.

דער שטאַב פון גענעראַל־מאַיאָר קאַפּוסטין (באָזשענקאָ) האָט געפאָדערט פון גילטשיקס יידישן אָטריאַד (קאַפּולייער ראַיאָן), דרייסיק מאַן אויף דורכצופירן אַן אויפגאַבע. — „מיר ווילן זען וואָס איר קענט״ — האָבן זיי געזאָגט. די אויפגאַבע איז באַשטאַנען אין צעקלאַפּן דעם פּאָליצייאישן גאַרניזאָן אין שטעטל טינקעוויטש (קאַפּולייער ראַיאָן).

דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט איז געווען אַ געוועזענער פּאַרטיזאַן פון גענעראַל קאַפּוסטינס פאַראייניקונג, וועמען דער לעצטער האָט ספּעציעל געשיקט אויסצופירן שפּיאָנאַזש־אַרבעט. ער פלעגט טאַקע שטענדיק איבערשיקן, דורך פאַרבינדלערס זייער וויכטיקע ידיעות און דאָס מאָל זיך אויך צונויפגערעדט וועגן אויסהרגענען אַלע פּאָליציאַנטן פון גאַרניזאָן. די דריי־

סיק יידן און פּערציק רוסן האָבן זיך דערנענטערט צום גאַרניזאָן און לויטן אָפּגערעדטן פּאַראָל איז מען אַריין אין גאַרניזאָן אינמיטן נאַכט, אָן איין שאָס פון דער וואַך אין דרויסן. די צוויי און צוואַנציק פּאָליציסטן זענען געשלאָפן אין צוויי צימערן. דער אייגענער מענטש האָט שוין אָפּגעוואָרט די אָנקומענדיקע. צו יעדן פּאָליציסט זענען צוגעגאַנגען צוויי פּאַרטיזאַנער און זיי צעפּערטלט. איינעם האָט מען געלאָזט אַ לעבעדיקן מיט אַ נישט־דערשניטענעם האַלדז, בכדי ער זאָל קענען דערציילן די דייטשן, ווי פּאַרטי־זאַנער קענען זיך נוקם זיין אין פּאַררעטערס און שפּיאָנען, וועלכע דינען דעם שונא. די פּאַרטיזאַנער זענען נאָך אַ לענגערע צייט געבליבן אין שטוב, אָפּוואַרטנדיק אויף דייטשן, וועלכע וועלן קומען צונעמען די פּגרים, אָבער נישט דערוואַרטנדיק זיך, האָבן זיי פּאַרמינירט דאָס הויז און אַוועק צוריק אין וואַלד. די פויערים האָבן געמאָלדן וועגן דעם פּאַל אין מינסק. קיין טינקעוויטש זענען אַראָפּגעקומען עטלעכע טויזנט זעלנערס מיט טאַנקן און אויסגעשאָסן פיל איינוווינערס אונטער דער באַשולדיקונג פון מיטאַר־בעטן מיט די פּאַרטיזאַנער. דאָס פּאַרמינירטע הויז האָט גורם געווען צו נאָך דייטשע קרבנות.

בעת דער גרויסער דייטשער אָבלאַווע אויף די פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן אין סטאַריצער וואַלד (קאָפּולער ראַיאָן, 7טן נאָוועמבער, 1942), האָט געל־טשיקס יידישער אָטריאַד אַרויסגעוויזן פיל געוואַגטקייט און מוט. די דייטשן האָבן קאָנצענטרירט אַרום סטאַריצער וואַלד אַ ריזיקן כוח, און מיט שווערע אַרטילעריע און עראָפּלאַנען באָמבאַרדירט דעם וואַלד.

דער העלדישער רוסישער „באַיעוואָי“, אונטער דער אָנפירונג פון קאָמיסאַר דונאַיעוו, האָבן אָפּגעהאַלטן דעם דייטשן מאַרש אין וואַלד. נאָך דעם ווי פון נאָענטן ווילעשינער וואַלד זענען אָנגעקומען צו הילף אַלע פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן פון יענער געגנט, האָט זיך אַנטוויקלט אַ פּאַרביסענע שלאַכט, בעת וועלכער ביידע צדדים האָבן געליטן פילבאַרע פּאַרלוסטן. צוליבן אויסגיין פון אַמוניציע־זאַפּאַס ביי די פּאַרטיזאַנער, ווי אויך צוליב דער דערדריקנד־איבערוויגנדיקער צאָל דייטשן און מאָדערנע טעכניק, האָבן די פּאַרטיזאַנער אויפן צווייטן טאָג געמאַכט אַ פּאַרצווייפלטן פּרווו דורכצוברעכן אין איין אָרט דעם טויטן־רינג, וואָס עס איז זיי געלונגען פּאַרן פּרייז פון פיל קרבנות.

גילטשיקס ייִדישער אָטריאַד „זשוקאָוו“, וועלכער איז געווען אויסגע־לייגט אין אַ לויערונג אויף אַ זייטיקן אָפּשניט ביים ראַנד פון וואַלד, האָט פאַרלוירן די פאַרבינדונגען מיטן בריגאַדע־שטאַב און נישט געוווּסט, אַז אַלע פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן האָבן זיך שוין צוריקגעצויגן פון סטאַריצער וואַלד. ערשט ווען אויף די דייטשע אַטאַקעס איז נישט געקומען קיין ענט־פער פון וואַלד האָט גילטשיק פאַרשטאַנען, אַז זיין אָטריאַד איז געבליבן שטעקן אין אַ פאַראיינזאַמטער אַרומרינגלונג. גילטשיק האָט זיך אָבער נישט פאַרלוירן און ביינאַכט אַרויסגעפירט אין פולסטער אָרדענונג זיין אָטריאַד דורך בלאָטעס פון דער גרויסער סכנה.

אַ גרופּע פון זיבן קלעצקער ייִדן: שלמה שמוקלער, יעקב געלער, יעקב פּרעס, לייבל טוניק, מאָטל געלפאַנד, גרשון קאַנטאָראָוויטש און מאָטל פּעדיוק איז דורך גילטשיקן געשיקט געוואָרן מיט דער אויפגאַבע צו פאַר־ברענען די געוואַנט־פאַבריק אין קלעצק. דורכגנבענענדיק זיך דורך די הויפן צום פאַבריק האָבן זיי באַמערקט צוויי פּאָליציאַנטן, וועלכע זענען געגאַנגען בייטן די פאַבריקס־וואַך. זיי האָבן זיך פאַרשטעקט אין אַ ווינקל, און ווען די פּאָליציאַנטן זענען דורכגעגאַנגען, האָבן די ייִדישע בחורים זיי פּלוצלינג אָנגעכאַפּט פאַר די העלדזער, דערשטאָכן און צוגענומען דאָס געווער. זיי האָבן זיך אַריינגעבאַקומען אין פאַבריק, אונטערגעצונדן און צוריקגעצויגן זיך צו די, פון פאָראויס צוגעגרייטע, שליטנס. די דייטשן פון שטעטלשן גאַרניזאָן האָבן זיי נאָכגעיאָגט. אַ דאַנק דעם, וואָס די פּאַרטי־זאַנער זענען אַנטלאָפן אין אַ פאַרקערטער ריכטונג, זענען זיי אָפּגעקומען אָן פאַרלוסטן.

אַ גרויסן רושם צווישן די רוסישע פּאַרטיזאַנער און דער אָרטיקער באַפעלקערונג האָט געמאַכט די געלונגענע לויערונג פון אָטריאַד „זשוקאָוו“ אויף דער קליינבאַן־ליניע כאָמינקע־האַנצעוויטש. די אויסשפּירערס האָבן דערטראָגן, אַז מיט דער קליינבאַן, וועלכע קורסירט צווישן כאָמינקע און האַנצעוויטש, ווערן טראַנספּאָרטירט שפּאַלן צום פראָנט און אין די אָקו־פּירטע לענדער צום פאַרריכטן די אייזנבאַן־ליניעס. זיי האָבן אויך געמאָלדן, אַז דייטשן קאָנוווירן די געהילץ־טראַנספּאָרטן. עס זענען אָפּגעקליבן גע־וואָרן פערציק גוט־באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנער אונטער דער אָנפירונג פון שטאַב־נאַטשאַלניק, וויינער, ווען גילטשיק האָט בפירוש באַפוילן: „ברענ־

געגן דאָס געווער פון די טויטע דייטשן. אָן דעם נישט צוריקקערן זיך אין אָטריאַד!״

די פאַרטיזאַנער האָבן פאַרנומען אַ גינסטיקע פּאָזיציע אויף די בערג פוןביידע זייטן באַן־ליניע. נאָכן פאַרמינירן די ליניעס, האָבן זיך די פאַרטיזאַנער באַהאַלטן הינטער די בערג און אָפּגעוואַרט דעם אָנקום פון צוג. זיבן אַזייגער אינדערפרי איז אָנגעקומען דער דערוואַרטעטער צוג מיט זיבעציק דייטשן. ווי נאָר דער צוג איז אַרויף אויף דער מינע, האָבן די פאַרטיזאַנער געעפנט אַ מוראדיק פייער און באַוואָרפן די דייטשן מיט האַנטגראַנאַטן. די דייטשן האָבן געפּרוווט שטעלן אַ ווידערשטאַנד. די פאַרטיזאַנער זענען אָבער געווען אין אַ גלענצענדיקער סטראַטעגישער לאַגע און פאַרניכטעט דעם גאַנצן קאָנוואָי. צו די יידישע פאַרטיזאַנער איז אַריינגעפאַלן אַ סך געווער און אַנדערע ווערטפולע טראָפייען. נישט באַווייזנדיק אָפּצוטרעטן, האָבן זיי דערהערט אַ הוזשעריי פון אַ צווייטן אָנקומענדיקן צוג. די פאַרטיזאַנער האָבן זיך שנעל אָריענטירט, אַז זיי זענען אין געפאַר צו ווערן אַרומגערינגלט. נישט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט שנעל אָפּצוטרעטן, זענען זיי אַרויפגעקראָכן אויף דיביימער און אַזוי אַרום פאַרמאַסקירט זיך. די אָנגעקומענע דייטשן האָבן אַדורכגעזוכט דעם גאַנצן וואַלד און נישט באַמערקט די פאַרטיזאַנער, וועלכע זענען געזעסן אויף די ביימער־שפּיצן. ערשט ווען זיי זענען אַרויס פון וואַלד, זענען די פאַרטיזאַנער אַראָפּ פון די ביימער, פאַרנומען אַ פּאָזיציע ביים ראַנד פון וואַלד און געעפנט אויף די דייטשן אַן אומגעריכט פייער. אין פּאַניק זענען זיך די דייטשן צעלאָפן און די פאַרטיזאַנער האָבן זיך צוריקגעקערט ווי זיגערס אין אָטריאַד.

אַ גרויסן רושם האָט זיינערצייט געמאַכט דאָס געלונגענע אויפרייסן, דורך יידישע פאַרטיזאַנער, די וואַסער־לייטונג־פּאָמפּע („וואָדאָקאַטשקע״) אויף דער לעבהאַפטער סטאַנציע קאַמיען־קאָשירסק, אונטער דער נאָז פון שטאַרקן דייטשן גאַרניזאָן.

די וואַסער־לייטונג־סטאַנציע איז דורך די דייטשן זייער שטאַרק אָפּגעהיט געוואָרן, אַלס איינע פון די וויכטיקסטע מיליטערישע אָביעקטן.

די קאָמאַנדשאַפט פון קרוקס אָטריאַד האָט אייניקע מאָל געשיקט פאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען אין קאַמיען־קאָשירסק צו פאַרניכטן דעם וואַסער־טורעם. די פאַרטיזאַנער פלעגן זיך אָבער יעדעס מאָל אומקערן מיט גאָר־

נישט, מאָטיווירנדיק, אַז דער צוטריט צו דער סטאַנציע איז אַן אוממעג־לעכער.

סוף סעפּטעמבער 1943, האָט דער דריטער יידישער וווואָד פון קרוקס־אַטריאַד באַקומען אַ באַפעל פאַר יעדן פּריַיז אויפצורייסן דעם וואַסער־טורעם.

צוקומענדיק האַרט לעבן דער סטאַנציע, קלייבט אַפּ דער וווואָד־קאָמאַנדיר, מאַלינקער, פון צווישן דער גרופּע, עטלעכע דרייסטערע חברה, און עס גייט זיך זיי איין דורכצוקריכן דורך אַ פּלויט צו דעם וואַסער־טורעם. מען האָט לכתחילה אָנגעהויבן אונטערצוגראָבן אַ וואַנט אויף אונטערצולייגן דעם אויפרייס־מאַטעריאַל, אָבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער עפעקט פון אויפרייס וואָלט נישט געווען קיין פולער, ווייל די מאַשינעס וואָלטן נישט באַשעדיקט געוואָרן.

אויף גיך באַשליסט מען אַריינצובאַקומען זיך אינעווייניק. די טירן אָבער זענען געווען פאַרשלאָסן. זיי קלאַפּן שטיל אַן צום וועכטער און הייסן אים אויפעפענען די טיר, פאַרשטעלנדיק זיך אַלס פּאָליציסטן. ווי נאָר דער וועכטער האָט געעפנט די טיר, רייסן זיי זיך אַריין אין שטוב און באַקומען די שליסלען פון דער מאַשינען־אָפּטייל. שנעל לייגן זיי אונטער די טאָל־מינע און טרעטן פאַרזיכטיק אָפּ, מיטנעמענדיק מיט זיך דעם וועכטער מיט זיין פרוי (בכדי זיי זאָלן באַלד נישט מעלדן די דייטשן).

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט אַ הילכיקער דונער באַשטעטיקט, אַז דער אויפרייס האָט זיך איינגעגעבן. די גאַנצע געביידע איז אויפגעריסן געוואָרן. די יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן אָן פאַרלוסטן צוריקגעקערט זיך צו זייער באַזע.

אַלע אָנטיילנעמער פון דער געלונגענער שטיקל אַרבעט זענען צוגע־שטעלט געוואָרן צו מלוכה־אויסצייכענונגען.

***

אין „יד ושם", ירושלים, געפינען זיך אויטענטישע דייטשע דאָקו־מענטן, נוגע ווייסרוסלאַנד, ליטע און אוקראַינע, וואָס באַשטעטיקן די גרויסע צאָל יידן, צווישן די פּאַרטיזאַנער. כמעט אין יעדן באַריכט וועגן קאַמפן

מיט „באַנדיטן" (די דייטשע באַצייכענונג פאַר פּאַרטיזאַנער) ווערט דער־ציילט וועגן יידישע „באַנדיטן"־קעמפער און עס ווערט באַזונדערס אונטער־געשטראָכן די צאָל יידישע געפאַלענע. אין פיל אַזעלכע אָפיציעלע מעל־דונגען גיבן די דייטשן אָן זייערע פאַרלוסטן בעת די קאַמפן. אין אַ טייל פון די מעלדונגען ווערט גערעדט וועגן „יידנלאַגערן" (געמיינט, ווייזט אויס די „פאַמיליע־לאַגערן" פון אומקאַמפּס־פעיקע — דער מחבר), וואָס זענען באַפאַלן געוואָרן דורך די דייטשן און זייער פּאַליציי.

איינע פון די מעלדונגען באַשטעטיקט אין דער פולער מאָס, דעם פאַקט וועגן דער לויערונג, וואָס עס האָבן איינגעאָרדנט די פּאַרטיזאַנער פון „ראָקאָסאָווסקי"־אָטריאַד אויף דייטשן און אוקראַינער, וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט פון אַן אָנפאַל אויף אַ פאַמיליע־לאַגער פון ביטענער און קאָסאָווער יידן אין „וואָלטשע־נאָרע" (זע קאַפּיטל 17 — „די סאָוועטישע רעגירונג און פּאַרטיזאַנקע אַלס יידן רעטערס"). דער דייטשער קאָמוניקאַט דערציילט:

„8.1.22 קילאָמעטער מערבדיק פון נאַמיטיוטי (בל. 1814) איז דורך דער ביטענער הימווער צעשטערט געוואָרן 1 יודענלאַגער און 80 יידישע מענער, פרויען און קינדער זענען פאַרניכטעט געוואָרן.

דערוואָרבן 10 שטיק געווער, אַ גרעסערע מאַסע פון באַקליידונג און לעבנסמיטל. אויף צוריקוועגס איז די הימווער באַשאָסן געוואָרן דורך אַ באַנדע... אייגענע פאַרלוסטן: 4 טויטע, 1 פאַרשוווּנדן, 8 שליטפאַרער טויט (געמיינט פויערים אָדער זעלנער? — דער מחבר), 7 פערד טויט".

..(„ווערמאַכט באַפעלסהאַבער אָסטלאַנד", ריגע, 6טן פעברואַר, 1943).

מיר געפינען אין די מעלדונגען אויך אַ באַשטעטיקונג צום אַנטלויפן פון די יידן פון סוויערזשנער טאַרטאַק, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן דעם 29טן יאַנואַר 1943, דורך הערשל פּאָסעסאָרסקי, אַ פּאַרטיזאַן פון יידישן „זשוקאָוו"־אָטריאַד (זע קאַפּיטל 22 „יידישע פּאַרטיזאַנער פאַר דער רעטונג פון יידן"). דער דייטשער קאָמוניקאַט מעלדעט קורץ:

„זשאַנדאַרמעריע געביטס־פירער, באַראַנאָוויטש

1.31. נאָכן אַנטלויפן פון 200 יידן פון ניי־סוויערזשנער טאַרטאַק (בל. 2369) זענען די פאַרבליבענע 239 יידן פוןביידע געשלעכטער אויסגעשאָסן געוואָרן".

(ווערמאַכטס־באַפעלהאַבער אָסטלאַנד, ריגע, דעם 6טן פעברואַר 1943. בעטראַג באַנדעגלאַגע, ווייסרוסלאַנד, מעלדונג פון 5.2.1943).

אַ מעלדונג פון זשאַנדאַרמעריע געביטס־פירער לידע, דערציילט וועגן אַן אָנפאַל אויף אַ פּאַליציסט:

„2.1. 14 באַוואָפנטע יידן און 1 באַוואָפנטע יודין האָבן אָפּגעוואַרט אַ זיך צוריקקערנדיקן צו זיין היים, פּאָליציסט אין ראַדזיוואָנישקי (בל. 1684). דער שוצמאַן איז דורך די יידן דערשאָסן געוואָרן און זיין געווער און אוני־פאָרם איז באַרויבט געוואָרן".

(ווערמאַכט־באַפעלסבאַנער אָסטלאַנד, דעם 6טן פעברואַר 1943, מעלדונג פון 1943־2־ג).

אַ מעלדונג פון געביטס־פירער מינסק־לאַנד פון 2־1, דערציילט:

„ביים פאַרניכטן אַ ערד־בונקער ביי גאַלאָוויניצקי (2332 בל.), זענען 6 יידן שווער פאַרוואונדעט געוואָרן און איין ייד איז אַרעסטירט געוואָרן. אייגענע פאַרלוסטן: 1 הפטוו. ד. ש. איז שווער פאַרוואונדעט געוואָרן.

(ווערמאַכט באַפעלסהאַבער אָסטלאַנד, ריגע, 6טער פעברואַר 1943, נוגע באַנדענלאַגע, ווייסרוסלאַנד, מעלדונג פון 1943־2־5).

אין די מעלדונגען איבער „אַדורכגעפירטע גראָס־אונטערנעמונגען פון דעם קאָמענדאַנט דער אָרדנונגס־פּאָליצײ אבט. 1א. 5107 טגב. נר. ג. 213/43 ווערט דערציילט וועגן די גרויסע אַבלאַוועס אין די קאַזאַנער וועלדער דעם 22—25. 11. 42 (אַקציע נירענבערג וו.); אין די רודע־דאַבראָווסטשיזנער וועלדער דעם 11—18. 12. 42 (אַקציע האַמבורג וו.) און וואַלטשע נאַרע דעם 23—25. 12. 42 (אַקציע אַלטאַנאַ וו.). די קאָמוניקאַטן דערציילן וועגן גרויסע נצחונות, גיבן אָן ליגנערישע ציפערן וועגן געהרגעטע פּאַרטיזאַנער און יידן (אין דער אַבלאַווע אויף די רודער וועלדער — 1658 יידן. לויט זי־כערע ידיעות לערך ווייניקער ווי 200 יידן) און גענומען טראָפייען.

פון די א"ד קאָמוניקאַטן דערוויסן מיר זיך, אַז אין די געטאָס פון פּאַס־טאָוו און דונילאָוויטש זענען דורכגעפירט געוואָרן יידן־אַקציעס, ווייל זיי האָבן אונטערגעהאַלטן פאַרבינדונגען מיט די באַנדעס, און אַז ביים באַשיסן די הייזער פון די געטאָס זענען 1 אבוו. ד. ש. געהרגעט געוואָרן און 3 אוקראַינישע שוצמענער פאַרוואונדעט געוואָרן. די קאָמוניקאַטן גיבן אויך אָן די אייגענע פאַרלוסטן. לויט די אָנגאַבן זענען געהרגעט געוואָרן 7 דייטשן,

10 דייטשן פאַרוואונדעט און 8 פאַרוואונדעטע פּרעמדפעלקישע (אין דער אָב־לאַווע אויף די רודער וועלדער אין דעצעמבער 1942).

געגוג צו זאָגן, אַז די ציטירטע ידיעות נעמען אַרום בלויז ווייניקע פון די געשעענישן במשך פון געציילטע באַריכטס־טעג (1943 .5. 2! 1943 .4. 25—21).

אַלע יידישע איינהייטן און נאַציאָנאַלע אָטריאַדן, צוגלייך ווי די יידישע פּאַרטיזאַנער, צעשאָטענע אין די טויזנטער נישט־יידישע אָטריאַדן האָבן אַרויסגעוויזן אַ דירעווודיקע איניציאַטיוו און טעטיקייט אויף אַלע געביטן און שטחים פון קאַמף און מיט זייער בלוט־חלק ביי־געטראָגן צום זיג איבערן גרעסטן שונא פון דער מענטשהייט, איבערן פאַרהאַסטן בלוט־פיינט און פאַרניכטער פון אונדזער פאָלק אין אייראָפּע.

ג. יידישע פּאַרטיזאַנער גיבן זיך לעבעדיקע נישט איבער דעם שונא

ביי אַלע פּאַרטיזאַנער האָט געלעבט אַן אינסטינקטיווע שרעק פאַר אַריינפאַלן צום שונא אַ לעבעדיקער, אין געפאַנגענשאַפט.

ביי דער פּאַרטיזאַנישער קאַמפּס־טאַקטיק פון שעדיקן און נישט אויפ־נעמען קיין שלאַכט מיט אַ שטאַרקערן כוח, בכדי נישט צו ווערן צעריבן אין אַן אָפענעם קאַמף, איז אַ פּאַרטיזאַן, וואָס האָט געהאַט דאָס אומגליק ערנסט פאַרוואונדעט צו ווערן, געווען אויסגעשטעלט אויף דער געפאַר אַריינ־צופאַלן אַ לעבעדיקער צו די דייטשן. די פּאַרטיזאַנער פלעגן ס'רוב אַנטלויפן אין אייליעניש, נישט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט מיטצושלעפּן מיט זיך די פאַרוואונדעטע. נישט אַלעמאָל איז אויך געווען פאַר אַ פאַרוואונדעטן אַ מעג־לעכקייט זיך אַליין צו דערשיסן, זייענדיק אָפּגעגאַנגען אין בלוט, אָדער צוליבן פעלן פון קורצע וואָפן (אַ רעוואָלווער, מיט אַ ביקס איז די מאַניפּו־לאַציע אין אַזאַ פאַל געווען כמעט ווי אוממעגלעך).

ווי געזאָגט, האָבן די דייטשן באַטראַכט די פּאַרטיזאַנער ווי „באַנדיטן" און נישט ווי סאָלדאַטן, וואָס קעמפן פאַר דער פרייהייט פון זייער פאָלק און לאַנד. די פּאַרטיזאַנער האָבן געוווּסט, וואָס זיי האָבן צו דערוואַרטן פון דייטשער געפאַנגענשאַפט: אויספאָרשונגען וועגן פּאַרטיזאַנער, זייערע פּלע־נער און זיך־ערטער באַגלייט מיט שרעקלעכע פייניקונגען, איזדעקעוועין און

צום סוף, אַן עפּנטלעכע תליה אין אַ שטאַטישן אָדער ראַיאָנעם צענטער (ווי שוין געזאָגט, כדי אָנצוּוואַרפן אַ פּחד אויף דער אָרטיקער באַפעלקע־רונג).

אויב אַ נישט־יידישער פּאַרטיזאַן האָט נאָך געקענט האָפן אויף „גנאַד" — אויף מחילה, אויף איבערגיין צום שונא (צום לויב פון דער סאָוועטישער פּאַרטיזאַנקע דאַרף געזאָגט ווערן, אַז אַזעלכע פּאַררעטערס זענען געווען זייער ווייניק), האָט אַ יידישער פּאַרטיזאַן גאָרנישט געהאַט צו דערוואַרטן פון די מערדערס פון זיין פאָלק, אַ חוץ אַ מאַוימדיקן, שרעקלעכן און שענד־לעכן טויט.

פאַרן יידישן פּאַרטיזאַן איז נישטאָ קיין וועג צוריק. ווערט ער פאַר־וואונדעט אויפן שלאַכטפעלד, דערשיסט ער זיך מיטן אייגענעם געווער אָדער רייסט זיך אויף מיטן האַנט־גראַנאַט, בכדי נישט אַריינצופאַלן אַ לעבעדיקער אין די דייטשישע הענט. ס׳רוב שיסט מען זיך אָפּ ביז דער לעצטער קויל און ווען מען זעט, אַז עס איז נישטאָ קיין וועג פון רעטונג, לאָזט מען אין זיך אַריין די לעצטע קויל.

דוד שמוליעוויטש (קלעצק), אַ רייטער־אויסשפּירער פון אָטריאַד „שטשאָרס", איז דעם 30סטן אַפּריל 1944, אַרויסגעפאָרן מיט אַ ווייסרוס אויף אויסשפּיר אין אומגעגנט פון שטעטל ניעסוויזש. זיבן קילאָמעטער פון שטעטל זענען זיי פלוצים אַרומגערינגלט געוואָרן פון דייטשן. דער ווייסרוס האָט זיך איבערגעגעבן אַ לעבעדיקער.

דער צוואַנציק יעריקער שמוליעוויטש, וויסנדיק, וואָס עס דערוואַרט אים אַלס ייד און פּאַרטיזאַן, רייסט זיך אויף מיט זיין גראַנאַט. נאָך זיין העלדישן טויט איז אים צוגעטיילט געוואָרן דער אָרדן „רויטע פאָן".

דער זעכצן־יעריקער, זשאַמע מיטעל, איינער פון דעם פּאָפּולערן „פינפטל", פון די יונגע ייִנגלעך אין אָטריאַד „בודיאָני", איז אַרויפגעפאַלן אויף אַ דייטשער לויערונג אין דאָרף וואָלטשקאָוויטש. דעם שונאס געצילטע קוילן האָבן פאַרוואונדעט זיין פערד און אים אַליין. ער האָט זיך אומאויפ־הערלעך אָפּגעשאָסן און נישט דערלאָזט די דייטשן זיך צו דערנענטערן צו אים. ער האָט אָבער גוט געוווּסט, אַז אַלס שווער־פאַרוואונדעטער וועט פאַר אים זיין שווער אַרויסצודרייען זיך פון די דייטשע הענט. ער האָט לאַנג נישט געקענט צעגערן מיט זיין באַשלוס, די קוילן ביי אים זענען פון מינוט

צו מינוט געוואָרן ווינציקער. ער האָט, לויט דער פּאַרטיזאַנישער טראַדיציע, געצילט אין זיין האַרץ די לעצטע קויל. די פּויערים האָבן אים באַגראָבן אין דאָרף נימאָווקע (מינסקער ראַיאָן).

משה מילנער, אַ געקומענער פון קאָוונער געטאָ און סאָפראָני אָרלאָוו, אַ רוסישער פּאַרטיזאַן פון ליטווישן אָטריאַד „אַ טויט די אָקופּאַנטן", זענען אַרומגערינגלט געוואָרן דורך דייטשן, בעת זיי זענען געגאַנגען אויסצופילן אַ שפּיאָנאַזש־אויפגאַבע. מילנער האָט אויפגענומען אַ קאַמף מיט די דייטשן, כדי אַזוי אַרום צו דערמעגלעכן זיין רוסישן חבר אַרויסצורייסן זיך פון דער דייטשער אַרומרינגלונג און איבערגעבן אין אָטריאַד די וויכטיקע ידיעות, וואָס זיי האָבן דערוואָרבן בעת זייער אויסשפּיר. די ביקס־קוילן זענען שוין ביי אים אויסגעגאַנגען. עס זענען ביי אים פאַרבליבן בלויז פיר רעוואָלווער־קוילן. ער האָט אויסגעשאָסן צום שונא דריי קוילן און מיט דער פערטער האָט ער זיך צעריסן זיין האַרץ...

עזריאל טוניק (סטויפּץ) איז אין אָקטאָבער 1942 אַנטלאָפן פון סטויפּ־צער געטאָ אין זשוקאָוו־אָטריאַד.

דעם 5טן דעצעמבער 1942 איז ער מיט נאָך צוויי יידישע פּאַרטיזאַנער פון דעם זעלביקן אָטריאַד (טענענבוים און לאָפּאַטניצקי), געשטאַנען אויף דער וואַך אין אָרליקער וואַלד (מזרח־ווייסרוסלאַנד). דער „סעקרעט" (פאַר־מאַסקירטע וואַך) האָט זיך געפונען זיבן קילאָמעטער פון אָטריאַד, ביים ראַנד פון וואַלד נעבן דעם וועג סעמעזשאָוו־אָרליק, בכדי נאָכצופאָלגן די באַוועגונגען פון די דייטשן, וועמענס גאַרניזאָן עס האָט זיך געפונען אין סעמעזשאָוו (12 ק"מ פון וואַלד). פּויערים האָבן פאַרמסרט און געבראַכט צו פירן דייטשן צום וואַך־פּלאַץ. טענענבוים איז געשטאַנען אויפן פּאָסטן. עזריאל טוניק און לאָפּאַטניצקי זענען געזעסן אין אַ פּויערים־שטיבל ביים וואַלד. טענענבוימען האָבן זיי געגומען אַ לעבעדיקן נאָך דעם, ווי ער האָט זיך אָפּגעשאָסן און באַוויזן צו פאַרווונדן דעם פּאָליציי־קאָמענדאַנט און אַליין פאַרווונדעט צו ווערן. מען האָט אים אָפּגעפירט אין שטעטל סעמעזשאָוו. במשך פון פינף טעג שרעקלעך געפייניקט און דאַן עפנטלעך אויפגעהאַנגען אויפן מאַרק־פּלאַץ.

איבער הונדערט דייטשן און פּאָליציסטן האָבן אַרומגערינגלט דאָס שטיבל. טוניק און לאָפּאַטניצקי האָבן, אָפּשיסנדיק זיך, נאָך באַוויזן אַרי־

בערצוליויפן אין שייער, וואָס הינטערן שטוב. פון דאָרט האָבן זיי זיך אָפּ־געשאָסן ביז צו דער לעצטער קויל. נישט וועלנדיק אַריינפאַלן צו די דייטשן לעבעדיקע, האָבן זיי זיך, צוזאַמען מיט אַ חבר, אַ קריסט, געשטעלט אין אַ ווינקל און געוואָרפן גראַנאַטן אָן וואַנט איבער זייערע קעפּ און אַלע דריי העלדן האָבן זיך אויפגעריסן. מען האָט זיי געפונען אויפן צווייטן טאָג מיט אַראָפּגעריסענע קעפּ און אַרויסגעשפּריצטן מאַרך, נאַקעטע און באָרוועסע (די דייטשן האָבן זיי אויסגעטאָן). מען האָט זיי מקבר געווען מיט גרויס פּאַראַד אין אָרליקער וואַלד אין אַ ברודער־קבר.

פאַר דער זעלבער געפאַר זענען געשטאַנען די ברידער אברהמל און נח ראַוויצקי פון לעשנאָיע און זייער חבר מענדל, אַ פּליט פון פוילן. אויך זיי זענען בייגעשטאַנען דעם נסיון.

דאָדל אַבראַמאָוויטש (געחתמעט ד. א.) דערציילט:

„...אין פרילינג 1944, האָבן זיך די ברידער געמאָלדן אינעם שטאַב פון אָטריאַד „סאָוועטסקאַיאַ ביעלאָרוס" (וואָלטשע־נאָרע, ביי סלאָנים), מיט אַ פאָרשלאָג צוצושטעלן אויפרייס־מאַטעריאַלן, אין וועלכע די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך געניטיקט. צו דעם צוועק זענען זיי אַוועק אין די ראַסיינער וועלדער (מיט זיי איז מיטגעגאַנגען זייער חבר, מענדל, אַ פּליט פון פוילן). זיי זענען אָנגעקומען בשלום צו דעם „כוטאָר" אין ראַסיינער וואַלד, צו זייער באַפרײַנדעטן קריסט און אַ דאַנק זיין הילף און אָנווייזונגען איז זיי געלונגען צו באַקומען אַ גרעסערן קוואַנטום אויפרייס־מאַטעריאַל.

געציילטע שעהן פאַר זייער אומקערן זיך צו זייער באַזע — זיצנדיק אַרום טיש מיטן גאַסטפריינטלעכן פויער — האָבן זיי פּלוצלינג דערזען, ווי צו דער שטוב קריכט אַרויס פון צווישן די ביימער, אַ באַוואָפנטע באַנדע דייטשן און פּאָליציאַנטן, צעשאָטן אין אַ קייט, און פאַרנעמען זיך אַרומצורינגלען דאָס הויז. אין די לעצטע מאָמענטן פּרווון זיי צו באַגיין אַ געוואַגטן שריט, כדי זיך צו ראַטעווען: זיי שפּרינגען אַרויס דורכן קיך־פענצטער, וואָס פירט אין וואַלד אַריין. כדי צו דעקן זייער אָפּטרעטן און שטערן די מערדער, וועלכע האָבן זיך באַמיט אַרומצורינגלען זיי אויך פון דער פּערטער זייט, עפענען זיי אַ פייער אויף די דייטשן. דער ערשטער איז פאַרוואונדעט געוואָרן, אברהמל. דער וועג צום וואַלד איז אינצווישן פאַר זיי געוואָרן אינגאַנצן אָפּגעשניטן. דער צווייטער ווערט פאַרוואונדעט מענדל. זיי זענען אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן דורך היטלעריסטישע באַנ־דיטן (אַכציק אין צאָל!).

„נישט וועלנדיק אַריינפאַלן לעבעדיקערהייט צו די מערדער, זענען

זיי אַלע דריי באַגאַנגען זייער לעצטן העלדישן שריט: מיטן אייגענעם געווער האָבן זיי געמאַכט אַ סוף צו זייערע יונגע לעבנס (מאַי, 1944)...״
(„פּנקס ביטען״, — ז״ז, 539־540).

מישע מיעדלינסקי (אַ פּליט פון פּוילן, געלעבט אין מייטשעט), אַ העלדישער ייִדישער פּאַרטיזאַנישער ראָטע־קאָמאַנדיר אין גראָזניס רוסישן אָטריאַד, איז אומגעקומען אין 1943־טן יאָר ביים אַריבערגיין די אייזנבאַן־ליניע לידע—באַראַנאָוויטש ביי דער סטאַנציע וויגאָדאַ. אין מיטן העלן טאָג זענען זיי פּלוצים אַרויפגעפאַלן אויף אַ דייטשער לויערונג. ער האָט זיך אָפּגעשאָסן ביז דער לעצטער קויל, מיט וועלכער ער האָט זיך אַליין דערשאָסן.

אַ ייִדישער פּאַרטיזאַן האָט נישט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק צו שטאַרבן און נישט מיטשלעפּן מיט זיך אויך זיינע מערדערס, אַ נייע אויפלאַגע פון אַלטן לאָזונג פון שמשון הגבור: „תּמות נפשי עם פּלשתּים״.

בעתן אָנגריף פון די דריי ליטווישע אָטריאַדן: „אַ טויט די אָקופּאַנטן״, „פּאַראָויס״ און „וואָלאַדאַס באַראָנאַס״ אויפן דייטשן גאַרניזאָן אין שטעטל וויעטשורישקי (3טן אַפּריל 1944), איז געשטאָרבן ווי אַ העלדין די פּאַרטיזאַנקע טייבעלע ווישינסקי (פּסעוודאָנים „טאַניאַ״). ווי מיר האָבן שוין דערציילט אין פריִקן קאַפּיטל, איז נאָכן אָפּגעהאַלטענעם גרויסן נצחון איבער די דייטשן, אָנגעקומען אַ דייטשע אָפּטיילונג מיליטער פון ווילנע צוהילף דעם אָנגעגריפענעם גאַרניזאָן. די פּאַרטיזאַנער האָבן געזען, אַז זיי וועלן נישט קענען זיך פּאַרמעסטן מיט דער גרויסער צאָל דייטשן און זייער מאָדערנער טעכניק. זיי האָבן פאָרגעזעצט דעם קאַמף בלויז כדי צו דערמעגלעכן דעם ריקצוג מיט די פיל גענומענע טראָפייען אין געווער און אַמוניציע און מיט די פּאָר „ציגנער״, דייטשן, וואָס זענען גענומען געוואָרן פריִער אין געפאַנגענשאַפט.

דער פּאַרטיזאַנער אַריערגאַרד, וואָס איז איבערגעלאָזט געוואָרן צו „דעקן״ דעם ריקצוג פון די איבעריקע, האָט זיך אָפּגעשאָסן ביז צו די לעצטע קוילן. די צאָל קעמפערס, וועמען די דייטשן האָבן גענומען אין אַ רינג, איז געוואָרן פון מינוט צו מינוט קלענער. טייבעלע ווישינסקי, איינע פון די געציילטע לעבן־געבליבענע, אַ פאַרוווּנדעטע אין די אַקסלען, איז געגאַנגען מיט אויפגעהויבענע הענט אַנטקעגן די דייטשן, וועמען עס האָט

באַזונדערס געלאָקט צו נעמען געפאַנגען אַ פּאַרטיזאַנערין. ווען צווישן איר און די דייטשן איז פאַרבליבן אַן אָפּשטאַנד פון בלויז געציילטע מע־טערס, האָט זי פלוצים אַ צי געטון דעם צינגל פון אַ האַנט־גראַנאַט, וואָס זי האָט געהאַלטן די גאַנצע צייט אין פאַרמאַכטן פויסט. זי האָט זיך צעריסן אויף שטיקער, אָבער פון די שפּליטערס זענען געהרגעט געוואָרן נאָך זעקס נאָענט־שטייענדיקע דייטשן!...

ווילעק קורץ, פון לעמבערג, איז אין דער מלחמה פאַרוואָגלט געוואָרן אין באַראַנאָוויטשער אומגעגנט. איינער פון די דרייסטסטע און קרבנות־גרייט־סטע פּאַרטיזאַנער. עס איז נישט געווען קיין איין קאַמפּס־אָפּעראַציע אין וועלכער ער זאָל נישט נעמען קיין אָנטייל. זיין פּאַרטיזאַנער־גרופּע האָט זיך זייער געלאָזט פילן דעם דייטש. די גאַנצע אומגעגנט איז געווען טע־ראָריזירט דורך איר, האָבן די דייטשן באַשלאָסן פון איר פּטור צו ווערן.

אין אַ געוויסן פרימאָרגן זענען די פּאַרטיזאַנער אַלאַרמירט געוואָרן פון אַ גרויסער דייטשער אָבלאַווע. די לאַגע פאַר די פּאַרטיזאַנער איז גע־וואָרן זייער קריטיש, ווייל די דייטשן האָבן אָפּגעשניטן דעם אַרויסגאַנג פון וואַלד און גענומען זיי אין קלעם. קורץ נעמט זיך אונטער פרייוויליק אויסצוזוכן אַ וועג אויף אָפּצוטרעטן. ער נעמט מיט זיך בלויז איין גראַנאַט, בכדי צו קענען זיין באַוועגלעכער. ער קומט שוין אָבער נישט צוריק. ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, לויט די דערציילונגען פון די אַרו־מיקע פּויערים, האָבן די דייטשן באַמערקט קורצן אויפן ראַנד פון וואַלד און געוואָלט אים כאַפּן אַ לעבעדיקן. ער לאָזט זיי צו צו זיך גאַנץ נאָענט און וואַרפט זיין גראַנאַט. צוויי דייטשן און ער ווערן אויפגעריסן.

ש. גערלינג דערציילט וועגן זשעטלער שלאָסער פון אָטריאַד „מאָסקאָ־וויטשי" ישראל בוסעל:

„...דער 29־יעריקער ישראל בוסעל איז געווען איינער פון די פעיק־סטע מינען־פּראָדוצירערס. די אַרבעט איז געווען אַ שווערע און געפער־לעכע. מען פלעגט זיי פּראָדוצירן פון אַלע סגאַריאַדן און באָמבעס.

„די דייטשן האָבן דערנאָך זיך אויסגעלערנט ווי אַזוי אומשעדלעך צו מאַכן די אונטערגעלייגטע מינעס. צענדליקער מינעס זענען אויף אַזאַ אופן געגאַנגען לאיבוד, אָן קיין שום רעזולטאַט. בוסעלן האָט זיך ענדלעך איינגעגעבן צו דערפינדן אַ מינע, וואָס רייסט אויף באַלד נאָכן אונטער־לייגן — ביי דעם לייכטסטן באַריר. עס איז אוממעגלעך געווען אַוועק־

צונעמען זי פון אָרט. די רעזולטאַטן פון עקספּערימענט האָט אַלעמען אַרײַנגעבראַכט אין התלהבות. ער האָט שפּעטער פאַר זײַן דערפינדונג באַקומען אַ ספּעציעלע מתנה פון מאָסקווע — אַ נײַעם פּיסטאָלעט און אַן אַווטאָמאַט.

„לאַנג איז אָבער בוסעלן נישט באַשערט געווען צו פרײען זיך מיט זײַן דערפינדונג. זומער 1943 (לערך יוני), איז ער אומגעקומען פון זײַן אייגענער מינע, ביים אויספירן אַן אויפגאַבע אויף דער ליניע לידע־באַראַנאָוויטש, לעבן דער סטאַנציע, נאָוואָיעלנאַ. די לעבנגעבליבענע פון דער גרופּע האָבן קומענדיק אויפן פּלאַץ געטראָפן צוויי מאַסאַקרירטע קערפּערס פון דײַטשע פּאַטרולן און די צעריסענע קערפּער־טײלן פון בוסעלן און אַ קריסטלעכן פּאַרטיזאַן, וואָס האָט אים געהאָלפן מינירן. עס איז געווען קלאָר:

„דער איבערפאַל פון די דײַטשע פּאַטרולן איז געווען אַזוי אומגעריכט און נאָענט, אַז כדי נישט אַרײַנצופאַלן לעבעדיקע צו זיי אין די הענט, איז פאַרבליבן בלויז איין אויסוועג: אויפצורײַסן זיך און זיי...”

(„פח”ח”, מינכען, נומער 1, פון 18טן יוני, 1947).

יידישע פּאַרטיזאַנער זענען אַלע מאָל געווען גרייט צו דערשיסן זייערע פאַרוואונדעטע חברים, אויב עס איז נישט געווען קיין וועג זיי אַוועקצונעמען פון שלאַכט־פעלד, בכדי זיי זאָלן נישט אַרײַנפאַלן אין די הענט פון די דײַטשע פײַניקערס און שענדערס, ווי אויך צו פאַרהיטן פאַר אַ מעגלעכן גײַסטיקן צוזאַמענברוך ביי דעם ענויים־אויספאָרש און אַרויסגעבן סודות פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג. איבעריקנס פלעגט יעדער ערנסט פאַרוואונדעטער יידישער פּאַרטיזאַן אַליין בעטן זײַן חבר אים צו דערשיסן, אויב ער האָט עס אַליין נישט געקענט טון אָדער עס האָט אים פאַרפעלט כוח און מוט אַליין דאָס צו טון. יידישע פאַרוואונדעטע פּאַרטיזאַנער פלעגן אפילו אין אָנבליק פון טויט געדענקען און טראַכטן וועגן איבערגעבן זייער געווער אין געטרייע יידישע הענט, וועלכע זאָלן פאָרזעצן דעם וועג פון נקמה פון די דײַטשן. אפילו דאַן האָבן זיי נישט פאַרגעסן אין דער געפאַר, אַז זייער געווער קען אַרײַנפאַלן אין דײַטשע הענט.

פינף פּאַרטיזאַנער, די בעסטע קעמפערס פון אָטריאַד „פּאַרכאָמענקאָ” זענען געשיקט געוואָרן אויף אַ קאַמפּס־אויפגאַבע אין ראַיאָן. די פינף זענען געווען: שאַפּקין, דער קאָמאַנדיר פון דער גרופּע, סעגאַל און מיראָשניטשענקאָ, באַוואָפנטע מיט קוילנוואַרפערס, שערמאַן און גוטקין מיט ביקסן.

אויף זייער וועג זענען זיי אַריין אין אַן אָפּגעלעגענעם „כוטאָר" און זיך אויסגעפּרעגט ביים ליטווישן פּויער, וואַשקניס, וואָס עס הערט זיך אין דער אומגעגנט. וואַשקניס האָט זיי דערציילט, אַז די גאַנצע געגנט איז פול מיט דייטשן און ליטווינער, וואָס פירן דורך אַ מאָביליזאַציע פון דער דאָרפישער יוגנט אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד. ער האָט זיי איינגערעדט, אַז זיי זאָלן פאַרבלייבן ביי אים איבערצונעכטיקן. נאָך קווענקלענישן האָבן זיי באַשלאָסן אָנצונעמען זיין פאָרשלאָג.

וואַשקניסעס ברודער איז באַלד אַוועקגעלאָפן צום נאָענטן דייטשן גאַר־ניזאָן און געמסרט. שנעל איז די שטוב געוואָרן אַרומגערינגלט דורך פינף און דרייסיק דייטשן. די פאַרטיזאַנער האָבן ממש אין דער לעצטער מינוט באַוויזן אַרויסצושפּרינגען דורך די פענצטער, כדי אַריינצולויפן אין וואַלד. אָבער דער וועג צום וואַלד איז געווען אַ גענוג ווייטער, און אַ טייך האָט דורכגעשניטן דעם וועג. זיי האָבן נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה, ווי אויפ־צונעמען אַ קאַמף מיט אַ זיבן־פאַכיקן דייטשן כוח, באַוואָפנטע מיט אויטאָ־מאַטישע און מאַשינען־געווער. זיי האָבן באַלד געזען, אַז דאָס איז זייער לעצטער יאוש קאַמף. דער קאָמאַנדיר שאַפּקין איז געפאַלן דער ערשטער שטאַרק פאַרוווּנדעט און האָט נאָך באַוויזן צו זאָגן:

— „חברים, מיין אויטאָמאַט!"...

אונטער אַ קוילן־האָגל איז גוטקין אַריבערגעקראָכן צום טויטן־קאָ־מאַנדיר און אַרויסגענומען פון זיינע הענט דעם אויטאָמאַט. שערמאַן האָט ווילד געשריגן: „נקמה! נקמה פאַר אונדזער קאָמאַנדיר!" גוטקין האָט אַוועקגעלייגט צוויי ליטווינער מיט זיין אויטאָמאַט. סעגאַל האָט אומאויפ־הערלעך אַריינגעלייגט קוילן־לענטעס אין זיין קוילנוואַרפער, אָבער די קוילן זענען אויסגעגאַנגען. אַ קויל האָט אים געטראָפן. ער איז צוגעקראָכן צום טייך, אַריינגעוואָרפן דעם קוילנוואַרפער און באַגאַנגען זעלבסט־מאָרד דורך דערטרינקען זיך. באַלד נאָך אים איז געהרגעט געוואָרן גוטקין.

דער שונא האָט באַשלאָסן צו נעמען לעבעדיקע אין געפאַנגענשאַפט די צוויי פאַרטיזאַנער: שערמאַן און מיראַשניטשענקאָ. די דייטשן האָבן אויפגע־הערט צו שיסן און געוואַרט ביז די פאַרטיזאַנער וועלן אויסשיסן זייערע לעצטע קוילן. די פאַרטיזאַנער האָבן פאַרשטאַנען די דייטשע כוונות און האָבן אַליין אויסגעוויילט זייער טויט: זיי זענען אַריין אין טייך און פון

דאָרט אַרויס נאָך אויסגעשאָסן זייערע לעצטע קוילן. שערמאַן איז געווען גליקלעך, ווען פון זיינע אַ געצילטע קויל איז געפאַלן נאָך אַ היטלעריסט...

אויף צומאָרגנס האָבן פויערים אַרויסגענומען פון טייכל די קערפּערס פון מיראָניטשענקאָ און שערמאַן. זיי זענען בכלל נישט געווען פאַרוואונדעט. זיי האָבן אויסגעשאָסן זייערע לעצטע קוילן צום שונא און אין די קאַלטע וואַסערן פון קליינעם טייכל געפונען זייער לעצטע רו... די אַנדערע קערפּערס האָט מען נישט אַנטדעקט.

מיכאל לאַטערשטיין דערציילט:

„...אין מערץ, 1944, האָט אונדזער גרופּע ביים צוריקגיין צו דער פריערדיקער באַזע (פּאַרטשעווער וועלדער, פּוילן), געהאַט אַ שווערן, פאַרלוסטרייכן קאַמף מיט די דייטשן. מיר זענען געווען זעכצן מאַן. די דייטשן זענען אָנגעקומען אַרום 3 אַזייגער נאָכמיטיק. ווען מיר זענען אַרויסגעלאָפן פון קוואַרטיר, האָבן די קוילן געגומען פליען אויף אונדז פון דריי זייטן מיטאַמאָל. אַ הונדערט מעטער פאַר מיר איז געבליבן ליגן, מיט אַ דורכגעשאָסענער קני, מיין חבר, וועווע לאָקס. ער האָט זיך מער נישט געקענט ריירן. ער האָט נאָר געבעטן, מען זאָל צונעמען זיין ביקס און אַוועקלייגן לעבן אים זיין פּיסטאָלעט. ער האָט זיך פאַרטיידיקט ביז צו דער לעצטער קויל, וועלכע ער האָט איבערגעלאָזט פאַר זיך, כדי נישט אַריינצופאַלן לעבעדיקערהייט אין דעם שונאס הענט.

„אויפן זעלבן העלדישן אופן איז אויך געפאַלן מיין חבר און קוזין, דוד עטינגער, פון מאַרקושאָוו, וועלכער האָט זיך דערשאָסן מיט דער לעצטער קויל".

(„דאָס בוך פון לובלין", — ז' 562).

פּיוטל גלעזער (סיערניק, וואָלין) פון אָטריאַד „וואָראָשילאָוו" ווערט שווער פאַרוואונדעט אין קאַמף (28.4.1943), מיט די א"ג „שטראָף־רעגימענטן" פון דייטשן און ליטווינער קעגן די פּאַרטיזאַנער ביים דאָרף פּעריקאַליע (נעבן פּינסק).

צוליב דעם שנעלן אָפּטרעטן פון די פּאַרטיזאַנער קען מען נישט מיטנעמען מיט זיך די שווער־פאַרוואונדעטע חברים. גלעזער שיסט אויס די לעצטע קויל און בעט דעם קאָמאַנדיר, אַז ער זאָל אים דערשיסן, מיטנעמען זיין ביקס און אָפּגעבן זיין ברודער, וועלכן ער האָט איבערגעלאָזט אין אָטריאַד אַן געווער: „זאָל ער אויך אַזוי קעמפן", ווי איך און נעמען נקמה".

דער אָטריאַד־קאָמאַנדיר האָט נישט דערלויבט אים צו שיסן. דאַן האָט ער געכאַפּט זיין ביקס, וועלכע איז געלעגן נעבן אים, צוגעשטעלט צום האַרצן און אויסשיסנדיק האָט ער זיך נאָך מער פאַרוואונדערט. זעענדיק, אַז קיין זאַך קען אים שוין מער נישט ראַטעווען, דערלויבט דער קאָמאַנדיר אים צו דערשיסן.

אויך בערל גאָסמאַן (פּינסק), וועלכער ווערט אין זעלביקן קאַמף שווער פאַרוואונדעט, גיט אָפּ זיין ביקס אַן אָפּטרעטנדיקן חבר און ווערט, לויט זיין ביטע, דערשאָסן דורך אים.

יצחק סלוטשאַק און זיין זון לייבע, פּשוטע ייִדן, ישובניקעס, האָבן בעת דער גרויסער אָבלאַווע אויפן זאַגאַליער וואַלד (מאַי, 1944), פּלוצים דערזען, אַז זיי זענען פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט דורך די דייטשן. נישט זעענדיק פאַר זיך קיין שום וועג פון רעטונג, האָבן דער טאַטע און זון אַליין אויסגעקליבן זייער טויט — זיי האָבן זיך אויפגעריסן מיט אַ האַנט־גראַנאַט.

דער העלדישער לייבקע באַרג (אַליטע, ליטע), אַ פּאַרטיזאַן פון דער בריגאַדע „לענינסקי קאָמסאָמאָל", איז נאָכן ווערן ערנסט פאַרוואונדעט בעת אַ לויערונג אויפן שאָסיי גראָדנע—אַמדור, געבליבן נאָך דעם ווי אַלע זענען זיך צעלאָפן צוליב די אָנקומענדיקע פאַרשטאַרקונגען פאַר די דייטשן. זעענדיק פאַר זיך די געפאַר פון אַריינפאַלן אַ לעבעדיקער אין די הענט פון די תליינים, האָט ער אַרונטערגעלייגט אַ גאַרנאַט „עף 1 אונטערן קאָפּ און זיך אַליין אויפגעריסן. ער איז געפאַלן אין שטעטל קאָפּטשאָווקע ביי גראָדנע (14טן יוני 1942) און אויפן דאָרטיקן קריסטלעכן בית־עולם באַערדיקט געוואָרן דורך זיין אייגענעם פאָטער און צוויי שטאַב־מיטאַרבעטער.

דער נאַטשאַלניק פון אויסשפּיר־דינסט ביים אָטריאַד „גוליאַיעוו" (ברי־גאַדע אַלעקסאַנדער ניעווסקי, טעטיקייטס־ראַיאָן גלוסק), יעפים כאַווקין (סעוואַסטאָפּאָל), איז דעם 7טן אַפּריל 1943, אַרויסגעפאָרן מיט נאָך צוויי חברים אויף אַן אויסשפּיר אין ראַיאָן פון דאָרף קלעטנאַיאַ־באַרבאַראָווע, ווו לויט די צוגעטראָגענע ידיעות האָט באַדאַרפט דורכפאָרן אַ גרעסערער אָפּטייל פון פּאָליציי און דייטשן. ביים דאָרף מאַלינאָווע (גלוסקער ראַיאָן) זענען זיי פּלוצים אַרומגערינגלט געוואָרן דורך אַ גרעסערער גרופּע פּאָליציי. זיינע חברים איז געלונגען צו אַנטלויפן. כאַווקין האָט זיך מיט זיין אַווטאָ־מאַט אָפּגעשאָסן ביז צו דער לעצטער קויל און צום סוף האָט ער זיך אַליין

דערשאָסן. די פּאָליציי האָט מיט טריומף אַוועקגעטראָגן זיין פּעלערינע און אַוטאָמאַט אין דאָרף באַרבאַראָווע, דערציילנדיק מיט גרויס גדלות, אַז זיי האָבן ליקווידירט דעם שרעקלעכן ייִדישן „באַנדיט" און קאָמיסאַר כאַווקין.

יוסף גאָלוב (בערעזע, ראָוונער קרייז) פּאַרטרעטער פון אויסשפּיר־קאָמאַנדיר אין מעדוועדיעווס אָטריאַד, האָט פאַרענדיקט זיין לעבן מיטן אייגענעם פּיסטאָלעט. ער איז מיט אַ גרופּע געגאַנגען אויסשפּיאָנירן דעם וויכטיקן סטראַטעגישן וועג ראָוונע—קיִעוו. איינער פון דער גרופּע וואָס האָט זיך געראַטעוועט, האָט דערציילט, אַז זיי זענען אַריינגעפאַלן אויף אַ לויערונג פון אוקראַיִניש־פאַשיסטישע באַנדעס. אין קאַמף איז ער פאַר־וווּנדעט געוואָרן אין פוס. די איבעריקע, אַלע נישט־ייִדן, האָבן אויפגעהויבן די הענט און זיך איבערגעגעבן דעם שונא. גאָלוב האָט אָבער געוווּסט, אַז אַלס ייִד האָט ער נישט צו דערוואַרטן קיין חסד און פאַרענדיקט מיטן פּיסטאָלעט זיין לעבן.

דער העלדישער און פּאָפּולערער ייִדישער פּאַרטיזאַן פון בולאַקס ברי־גאַדע, חיים־שיע ליפשאָוויטש (דערעטשין), איז שווער פאַרווונדעט געוואָרן בעת דער גרויסער בלאָקאַדע פון דער ליפּיטשאַנער פּושטשע שוין האַרט פאַר דער באַפרייונג, בעת די פּאַרטיזאַנער פון בולאַקס אָטריאַד האָבן געמאַכט פאַרצווייפלטע פּרוּוון דורכצורייסן דעם דייטשן רינג און אַריבער־כאַפּן זיך איבערן ווילנער טראַקט.

אָפּגעבנדיק זיך אַ חשבון פון דער לאַגע, אין וועלכער ער געפינט זיך, קענענדיק יעדע מינוט אַריינפאַלן אַ לעבעדיקער אין דייטשע הענט, מאַכט ער די לעצטע אָנשטרענגונג און דערשיסט זיך.

מיכאל פּיש (ניעסוויזש), איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון ווידער־שטאַנד אין טאָג פון דער שחיטה אין ניעסוויזשער געטאָ, ווערט באַמיגירט באַלד נאָך זיין אָנקום אין גילטשיקס אָטריאַד, אַלס פּאַרטרעטער פון אָט־ריאַד־קאָמאַנדיר. אַפּריל 1943 איז ער אַוועקגעפאָרן צוזאַמען מיט נאָך אַכצן פּאַרטיזאַנער אויף אַ ווירטשאַפטס־אָפּעראַציע אין באַראַנאָוויטשער אומ־געגנט. צוריקפאָרנדיק פון דער אויפגאַבע, האָבן זיי זיך אָנגעטראָפן אויף אַ דייטשער מחנה, וועלכע איז דאַן אָנגעפאַלן אויפן פּאַרטיזאַנער־לאַגער אין טשוטשעוויטשער וואַלד (פּאָלעסיע). דעם קאַמף, וועלכן די ביינציק פאַר־

טיזאַנער האָבן דאַן אויפגענומען אין רוקן פון שונא, האָט דערמעגלעכט, אַז די גאַנצע בריגאַדע אין אַ צאָל פון צוויי טויזנט מאַן זאָל זיך אַרויס־באַקומען פון אַרומרינגלונג. אין דעם נישט־גלייכן קאַמף זענען אַלע אַכצן געפאַלן און מיכאל פיש, נישט זעענדיק פאַר זיך קיין אויסוועג, האָט זיך אַריינגעשאָסן אַ קויל אין קאָפּ.

אַ מוסטער פון איבערמענטשלעכער געטריישאַפט און קרבנות־גרייט־קייט פאַר דער הייליקער זאַך פון פרייהייט און נקמה, האָבן געגעבן די הונדערט פופציק אַווטאָמאַטשיקעס (צוו' זיי פינף ייִדן) פון גענעראַל־מאַ־יאָר קאַפּוסטינס פּאַרטיזאַנער־פאַראייניקונג.

יאַנואַר 1943 זענען די דייטשן מיט אַ גרויסן כּוח אָנגעפאַלן אין די פּאַרטיזאַנישע דערפער פון קאַפּוליער ראַיאָן. באָזשענקאָ האָט אַוועקגעשיקט 150 אַווטאָמאַטשיקעס אויף אַ לויערונג אויף דעם קריסטלעכן בית־עולם נעבן דאָרף יאַוויטשע. די פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן זענען אָפּגעטראָטן פון די דערפער, וווּ זיי האָבן זיך דאַן אויפגעהאַלטן און אַוועק אין די נאָענטע וועל־דער. די לויערונג האָט באַקומען אַ שטרענגן באַפעל נישט אָפּצוטרעטן אָן ספּעציעלן דירעקטיוו פון גענעראַל־מאַיאָר, באָזשענקאָ. זיי האָבן אויפגענו־מען אַ פאַרביטערטן קאַמף מיט דעם שטאַרק איבערוויגנדיקן דייטשן כּוח. אַ גאַנצן מעת־לעת האָבן זיי פאַרביטערט געקעמפט און געזייט טויט אין די דייטשע רייען. זעענדיק אַז זיי בלייבן אָן קוילן און זייער גורל איז אַריינצופאַלן לעבעדיקע אין די רוצחישע הענט, האָבן זיי אַלע אונטערגע־לייגט אונטער זיך אויפרייס־מאַטעריאַלן און זיך אויפגעריסן צוזאַמען מיט זייער געווער נישט וועלנדיק, אַז צום שונא זאָלן אַריינפאַלן פּאַרטיזאַנישע טראָפייען. וועגן דאָזיקן אויסערגעוויינלעכן העראָישן מאַסן־זעלבסטמאָרד האָט שפּעטער איבערגעגעבן אַ שווער פאַרוווּנדעטער, וועלכער האָט זיך צופעליק געראַטעוועט און דערשלעפּט אין לאַגער.

אַרויספּאַלנדיק אויף אַ לויערונג פון ווייסע פּאָליאַקן אין נאָוואָגרודקער ראַיאָן, פאַרפירט אַן אויסשפּיר־גרופּע פון אָטריאַד „אָרדזשאָניקידזע" אַ קאַמף. גדליה טאָקער (זשעלודאָק) זעענדיק די האָפענונגסלאָזע לאַגע, מאַכט אַ פּרווו זיך צו דערשיסן. נישט האָבנדיק קיין קורץ געווער, שיסט ער זיך מיט דער ביקס. ער ווערט בלויז פאַרוווּנדעט און אָפּגייענדיק אין בלוט פאַלט ער אין חלשות. די ווייסע פּאָליאַקן, גלויבנדיק אַז ער איז טויט,

טוען אים אויס נאַקעט און לאָזן אים ליגן. זוסמאַנען און נאָך צוויי רוסישע פּאַרטיזאַנער האָבן זיי דערמאָרדעט און איבערגעלאָזט נאַקעטע אויפן פעלד. די אָנגעקומענע גרופּע פון אָטריאַד נעמט צו טאָקערן און נאָך אַ לענגערער קוראַציע ווערט ער געזונט.

יעקב אַסנער (ראַדון), ווערט אַרומגערינגלט, שוין נאָך דער באַפריי־אונג (1945), נעבן שטעטל אליטע (ליטע) דורך ווייס־פּוילישע פּאַרטיזאַנער, פּאַרבליבענע אין נאַטשער פּושטשע, אויף וועלכע די אָרטיקע סאָוועטישע מיליץ האָט איינגעאָרדנט אַן אַבלאַווע. אַסנער האָט דאַן געדינט אין דער מיליץ און האָט געוואָלט אויסגלייכן זיין חשבון מיט די מערדערס פון זיין ברודער חיים וועלכער איז געפאַלן פון זייערע הענט. פירנדיק (מיט נאָך פּאַרטיזאַנער) אַרעסטירטע ווייסע פּאָליאַקן, זענען זיי פּלוצים אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַלע זייטן דורך די ווייס־פּוילישע פּאַרטיזאַנער. ער ווערט שטערבלעך פּאַרוווּנדעט און שיסט זיך אַליין אַריין אַ קויל פון זיין פּאַראַבעל.

הענעך קאַגאַן, אַ פּאַרטיזאַן פון אָטריאַד „ספּאַרטאַק”, ווערט דעצעמ־בער 1943 געשיקט אויף אַ קאַמפּס־אויפגאַבע צווישן די דערפער שיפּאָ־וויטש און אוסיצע (נעבן שטעטל ווידז, ווילנער געגנט). די דייטשן פאַלן אויף זיינע שפּורן און ער ווערט אַרומגערינגלט. ער פאַרטיידיקט זיך לאַנג און פאַרביסן. צום סוף נישט וועלנדיק אַריינפאַלן אַ לעבעדיקער אין די רוצחישע הענט רייסט ער זיך אַליין אויף מיט אַ האַנט־גראַנאַט.

משה פעלדמאַן (מינסק) איז אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט און געוואָרן אינטערנירט אין וולאַדאָווער אַרבעטס־לאַגער. ער אָרגאַניזירט דאָרט אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע פון פופצן מאַן און אַנטלויפט מיט זיי אין גראַף זאַמאַיסקיס וועלדער. בעת דער ערשטער גרויסער אַבלאַווע אין די א״ד וועלדער ווערט פעלדמאַן פאַרוווּנדעט אין אַ פוס. נישט קענענדיק אַנטלויפן און נישט וועלנדיק אַריינפאַלן אַ לעבעדיקער צו די דייטשן, דער־שיסט ער זיך אַליין.

פעברואַר 1944 האָט שלמה מוסין (דרויע, דיסנער געגנט), אַ פּאַרטיזאַן פון דער פערטער ווייסרוסישער בריגאַדע, מיט נאָך צוויי פּאַרטיזאַנער, באַ־קומען אַן אויפגאַבע צו ברענגען פון דרויע רפואות פאַרן בריגאַדע־שפּיטאָל (זיי פלעגן עס מאַכן דורך אַ באַקאַנטן פויער, וועלכער פלעגט גיין אין שטאָט מיט רעצעפּטן). אויפן וועג זענען זיי אַריין אָפּעסן אין אַ דאָרף

צוויי קילאָמעטער פון אַ דייטשן גאַרניזאָן. עסנדיק האָבן זיי דערהערט א שיסעריי. עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז זיי זענען אַרומגערינגלט דורך א באַנדע ווייסע פּאָליאַקן. די צוויי פּאַרטיזאַנער איז געלונגען דורכצורייסן דעם רינג. שלמה מוסין איז באַלד פאַרווונדעט געוואָרן אין פוס און נישט געזען קיין מעגלעכקייט זיך צו ראַטעווען. ער האָט מיט דעם נאַגאַן פאַר־ענדיקט זיין לעבן.

אויך דער „פּאָליטרוק" פון אָטריאַד „לענינסקי קאָמסאָמאָל", איליאַ גרייס, איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד בעת דעם קאַמף מיט אַ באַוואָפנטער אַנטי־פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע אין דאָרף פּאָדעמבע (ראַדונער ראַיאָן).

אַ גרופּע פון פינף יידישע פּאַרטיזאַנער איז אַוועק אויפרייסן אַ דייטשן עשאַלאָן אויף דער ליניע ווילנע—לידע. נאָכן געלונגענעם אויפרייס זענען זיי צוליב אַ מסירה פון א פויער אַרויפגעפאַלן אויף אַ דייטשער לויערונג. די גרופּע איז געווען געצוווּנגען אָפּצוטרעטן אָפּשיסנדיק זיך. עס איז דאַן שווער פאַרווונדעט געוואָרן דער פּאַרטיזאַן פון אָטריאַד „אַ טויט דעם פאַ־שיזם" (רודניצקער פּושטשע) מאָטל קאָפּשטיין (ווילנע). ער בעט די חברים אים איבערצולאָזן, ווייל מיטשלעפּן אים באַדייט אַ פאַרניכטונג פון דער גאַנצע גרופּע. די איבעריקע פיר יידישע חברים זענען קאַטעגאָריש קעגן דעם און שלעפּן אים מיט זיך אָפּטרעטנדיק. ער האָט דאַן אַרויסגעכאַפּט זיין פּיסטאָלעט און זיך אַליין דערשאָסן.

ד"ר ספּיקער (באַקאַנט אין פּאַרטיזאַנקע בלויז לויט זיין פּסעוודאָנים) איז דורך דער אָטריאַד־קאָמאַנדשאַפט איבערגעלאָזט געוואָרן מיט דריי און זעכציק פאַרווונדעטע פון די שווערע קאַמפן אין שאַצקער פּושטשע (וואָלין). דער אָטריאַד האָט דאַן באַשלאָסן דורכצורייסן די פראָנט־ליניע און זיך דערקריגן צו בריסק (120 ק"מ פון די שאַצקער וועלדער) ווייל די דייטשן האָבן זיך אינצווישן שטאַרק באַפעסטיקט ביי קאָוועל און דריי דיוויזיעס האָבן זיך פאַרנומען ספּעציעל מיט אויסראָטן די פּאַרטיזאַנער. וועלכע זענען געבליבן שטעקן אויף דער פראָנט־ליניע. זיי זענען אויך געווען אויסגעשטעלט אויפן פייער פון דער רוסישער אַרמיי.

ד"ר ספּיקער באַקומט אַ באַפעל, אַז אין פאַל ווען דער שונא וועט זיי אַנטדעקן, זאָל ער פאַרסמען אַלע פאַרווונדעטע און אַליין זאָל ער טון מיט זיך וואָס ער וויל. ערשט נאָך דעם ווי די געפאַר איז אַריבער און מען איז

געקומען צוריק אויפן אָרט, האָט מען פאַר זיך דערזען דאָס שוידערלעכע, בלוט־פאַרגליווערנדיקע בילד: אַלע 63 פאַרוווּנדעטע זענען געלעגן פאַרסמטע און ד״ר ספּיקער איז געלעגן נעבן זיי אַ דערשאָסענער. דער יידישער דאָקטאָר האָט געטריי אויסגעפּילט דעם באַפעל פון דער קאָמאַנדשאַפט, באָר דערביי מוותר געווען אויף דער פּריווילעגיע זיך אַליין צו ראַטעווען.

חיים לאַזאַר דערציילט אין זיין בוך „חורבן ומרד“ וועגן אומקום פון יוסף גלאַזמאַן, איינעם פון די פירערס פון דער ווילנער פ. פ. א. און שפּעטער שטאַב־נאַטשאַלניק פון יידישן אָטריאַד „נקמה“ אין די נאַראָטשער וועלדער, וועלכער איז אינצווישן פונאַנדערגעלאָזט געוואָרן:

„אָנהייב אָקטאָבער, 1943, האָבן די דייטשן איינגעאָרדנט אַ גרויסע אַבלאַווע אויף די נאַראָטשער און קאָזיאַנער וועלדער. אַ דרייענדיקער רינג פון דייטשע רעגולערע מיליטער־אָפּטיילונגען האָט אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן די וועלדער, כדי „אַדורכצוקאַמען“ דעם גאַנצן שטח און פאַרניכטן די פּאַרטיזאַנישע באַזיסן, לאַגערס און די דערפער אין און לעבן די וועלדער, וואָס דערטיילן הילף אין שפּייז און אינפאָרמאַציעס צו די פּאַרטיזאַנער. מאַרקאָוו, דער קאָמאַנדיר פון אַלע פּאַרטיזאַנער־איינהייטן אין די נאַראָטשער וועלדער, האָט געגעבן אַ באַפעל, אַז די פּאַרטיזאַנער זאָלן זיך צעשיטן אין קליינע גרופּעס, אַדורכרייסן אין די נעכט דעם רינג פון דעם שונאס קאָנצענטראַציעס און אַוועקגיין אין אַנדערע ווייטע וועלדער ביז נאָך דער אַבלאַווע.

„יוסף גלאַזמאַן האָט צוזאַמען מיט נאָך פינף און דרייסיק יידן אַדורכגעריסן דעם דייטשן רינג אַרום די נאַראָטשער וועלדער און נאָך פיל געפּאַרן אָנגעקומען אין די קאָזיאַנער וועלדער. דאָ האָבן זיי זיך דערוווסט, אַז אויך די קאָזיאַנער וועלדער זענען גענומען געוואָרן דורך די דייטשן אין אַ קלעם און, אַז די איינציקע האָפענונג זיך אַרויסצורייסן פון דאַנען איז אַריבערצוכאַפּן זיך די אייזנבאַן־ליניע, וואָס פירט קיין פּאָלאָצק און מאַכן זיך אַ וועג צווישן די צוויי דייטשע דיוויזיעס, וואָס האָבן אָפּגעשפּאַרט אַלע אַרויסגאַנגען פון די וועלדער.

„אונטערן דעקמאַנטל פון דער פינצטערער נאַכט, זענען זיי פוסגעיענדיק אויף אַלע פיר, אַריבערגעקראָכן די אייזנבאַן־רעלסן און האָבן זיך פאַרבאַהאַלטן אין אַ קליינעם וועלדל איבערצוטאָגן דאָרט, ווייל אינצווישן איז שוין אין דרויסן געוואָרן ליכטיק. זייער פּלאַן איז געווען אַוועקצוגיין ווייטער, ווי נאָר עס וועט צופאַלן די נאַכט. פריערים האָבן באַמערקט די גרופּע יידן און האָבן פון אַ נאָענטן גאַרניזאָן אַלאַרמירט די דייטשן. עס האָט זיך צעפלאַקערט אַ האָפענונגסלאָזער קאַמף צווישן די אומגלייכע

כוחות. די יידן זענען געפאַלן אייגע נאָך די אַנדערע פון דייטשן הוראַגאַנישן קרייץ־פייער. די דייטשן האָבן געוואָלט פאַר יעדן פרייז נעמען עטלעכע יידן לעבעדיקע אין געפאַנגענשאַפט. דריי יידן האָבן זיך געראַנגלט ביזן סוף, ווען אַרום זיי זענען שוין אַלע זייערע חברים געלעגן אין קאַלוזשעס בלוט... אַז זייער קוילן־רעזערוואַר האָט זיך איינגאַנצן אויסגעשעפּט, האָבן זיי אויסגעקערעוועט די לופעס צו זייערע קערפּערס און מיט דער לעצטער קויל פאַרענדיקט דעם לעצטן חשבון...

„פון אַלע פינף און דרייסיק יידן איז פאַרבליבן ביים לעבן בלויז אַ יידיש מיידעלע, וואָס האָט זיך פאַרשטעקט אין די קוסטעס און זי האָט עס דערציילט וועגן דעם דראַמאַטישן געראַנגל פון דער יידישער גרופּע מיטן איבערוויגנדיקן דייטשן כוח און די לעצטע מינוטן פון די 35 יידן אין זייער לעצטן קאַמף...”

(חיים לאַזאַר — „חורבן ומרד”, — ז”ז, 218־221).

הונדערטער יידישע פאַרטיזאַנער האָבן אַליין פאַרענדיקט זייער לעבן, געהאַט אַלע מאָל דעם מוט אַריינצושיסן זיך אַ קויל אין שלייף און נישט איבערגעבן זיך צום שונא א לעבעדיקער אויף פייניקונגען, שאַנד, שפּאָט און אַ שענדלעכן טויט.

אָבער דער יידישער פאַרטיזאַן האָט פריער געציילט און אויסגעשאָסן זיינע אַלע קוילן אין בלוט־פיינט און אָפּגעבנדיק זיך אַ רעכענונג פון דער גענומענער נקמה, האָט ער זיך געזעגנט מיט דער וועלט.

יידישע פאַרטיזאַנער האָבן זיך לעבעדיקע נישט איבערגעגעבן די דייטשן. פאַרן לעבן פון אַ יידישן פאַרטיזאַן האָבן די דייטשן און זייערע פאַרבינדעטע באַצאָלט אַ טייערן פרייז. די יידן אָן געלע לאַטעס, די יידישע פאַרטיזאַנער, האָבן נישט נאָר געוווסט ווי צו לעבן העלדיש, זיי האָבן אויך געקענט שטאַרבן העלדיש...

ד. יידן פאַראַטן נישט

פאַר יידן זענען אַלע וועגן צום לעבן אָפּגעשלאָסן. דער איינציקער וועג צום לעבן איז געווען פאַר זיי די פאַרטיזאַנקע און דער פאַרטיזאַנער־קאַמף. אויב עס קומט אים אויס צו שטאַרבן — שטאַרבט ער, ווי אַ העלד און שטאָלצער ייד־פאַרטיזאַן און פאַרראַט קיינמאָל נישט די באַוועגונג און זיינע חברים. פייניקונגען און עינויים באַווירקן נישט, אַז די דייטשן זאָלן

ביי אים קענען אַרויסבאַקומען אינפאָרמאַציעס וועגן דער טעטיקייט און זיך־אָרט פון די פּאַרטיזאַנער.

די רוסישע פּאַרטיזאַנער־אָנפירונג האָט גוט געוווּסט, אַז פון ייִדן האָט זי נישט צו דערוואַרטן קיין שום פאַררעטערישע סיורפּריזן.

לויט דער עדות פון דאָדל אַבראַמאָוויטש איז די קאָמענדאַנטן־ראָטע אין אָטריאַד „סאָוועטסקאַיאַ בעלאָרוס" (וואָלטשע־נאָרע־וועלדער) באַשטאַנען פון בלויז ייִדן (45 מאַן). די רוסישע אָנפירונג פון אַטריאַד האָט זיי איבערגעגעבן די באַשפּייזונג און באַוואַכונג פון דער קאָמאַנדשאַפט. אַפילו דער שליסל צום ברונעם איז אָנפאַרטרויט געוואָרן צו זיי.

אין די וועלדער זענען דאַן אָנגעקומען פיל געוועזענע מיטאַרבעטער מיט דער אָקופּאַציע־מאַכט (געפאַנגענע, וואָס זענען צוגעשטאַנען צו דער וולאַסאָוו־אַרמיי, פּאָליציסטן אאַז״וו). מען איז קיינמאָל נישט געווען זיכער, אויב זיי זענען נישט צוגעשיקט געוואָרן דורך די דייטשן צו שעדיקן, סמען אאַז״וו. צוליב דעם גרויזאַמען חשבון מיט די דייטשן, זענען די ייִדן געווען די געטרייסטע און זיכערסטע פאַרבינדעטע פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג.

די ייִדישע איבערגעגעבנקייט און מסירות־נפש לגבי זייערע נישט־ייִדישע חברים צום קאַמף איז געווען אַלגעמיין באַקאַנט:

דער ייִדישער פּאַרטיזאַן פון ניעווסקיס אָטריאַד, נח בערעזאָווסקי (גראָדנע), איז אַוועק פון ליפּיטשאַנער פּושטשע אין גראָדנער ראַיאָן מיט אַ גרופּע רוסישע פּאַרטיזאַנער אויף אַ קאַמפּס־אויפגאַבע. צוריקוועגס, ביינאַכט, זענען זיי אַרויפגעפאַלן אויף אַ דייטשער לויערונג און דער קאָמיסאַר איז שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן. די רוסישע פּאַרטיזאַנער זענען זיך צעלאָפן און איבערגעלאָזט זייער קאָמיסאַר אויפן חסד פון גורל. נח בערעזאָווסקי, האָט פון אונטער דעם קוילן־האָגל אַרויסגעשלעפּט דעם פאַרוווּנדעטן, אים אַוועקגעטראָגן אויף די פּלייצעס אין אַ נאָענטן כוטאָר, פון דאָרט אים אַריבערגעפירט מיט אַ פור פיל צענדליקער קילאָמעטער דורך אַ ראַיאָן, ווו עס האָבן געהערשט די ווייסע פּאָליאַקן, איבערגעשיפט דעם ניעמאַן און געבראַכט אים אין אָטריאַד־שטאַב אין ליפּיטשאַנער פּושטשע.

פאַר אַלע אָטריאַדן איז דערנאָך געלייענט געוואָרן אַ באַפעל, וועגן דעם פאַל, וואָס האָט אילוסטרירט די דרייסטקייט, טרייהייט און איבערגעגעבנ־

קייט פון אַ ייִדישן פּאַרטיזאַן צו זיין קאָמאַנדיר. בערעזאָווסקי איז צוגע־שטעלט געוואָרן צו אַ מלוכה־אויסצייכענונג.

אַברהם זאָלאָטאָוו (סאַרנע), פון אָטריאַד „שטשאָרס“, (לודוויפּאָלער ראַיאָן), איז צוזאַמען מיט אַ גרופּע רוסישע פּאַרטיזאַנער פון זיין אָטריאַד אַרויסגעפאַלן אויף אַ לויערונג פון אוקראַיִנישע „באַנדעראָווצעס“. אין קאַמף איז ערנסט פאַרוווּנדעט געוואָרן דער פאַרטרעטער פון ווזוואַד־קאָמאַנ־דיר. זאָלאָטאָוו האָט אויף זיינע פּלייצעס אַרויסגעטראָגן דעם קאָמאַנדיר פון קאַמפּס־פּלאַץ און געבראַכט אים אין אָטריאַד. עס איז געלייענט געוואָרן אַ באַפעל פון גענעראַל־מאַיאָר שיטאָוו, ווו עס איז אויסגעדריקט געוואָרן דאַנקבאַרקייט דעם ייִדישן פּאַרטיזאַן און ער איז געשטעלט געוואָרן אַלס מוסטער פון פּאַרטיזאַנישער העלדישקייט און חברישער איבערגעגעבנקייט אין קאַמף.

אין דעצעמבער 1943, איז אַ פּאַרטיזאַנער־ווזוואַד פון די ליטווישע אָטריאַדן, אַרויסגעפאַלן אויף אַ דייטשער לויערונג לעבן דאָרף קאַלאַמאַנטשיי. די פּאַרטיזאַנער זענען געווען געצוווּנגען צו פאָרסירן אַ טייך, וואָס איז נאָך נישט געווען גוט איינגעפרוירן. פון אַלע זייטן האָבן געפייפט דעם שונאס קוילן. אהרן גאַפּאַנאָוויטש האָט מיט זיין קוילנוואַרפער „געדעקט“ דעם אַריבערגאַנג איבערן טייך. בעתן פאָרסירן דעם טייך איז געפאַלן פּסח גאָרדאָן. אַלע איבעריקע פּאַרטיזאַנער איז געלונגען אַריבערצוכאַפּן זיך אויפן צווייטן ברעג טייך און דאָרט האָבן זיי געפונען שוץ אין אַ קליינעם וועלדל. בלויז דער ווזוואַד־קאָמאַנדער, טראַשין, וואָס איז געגאַנגען דער לעצטער האָט זיך אָנגעהויבן צו טרינקען צוליבן איינברעכן זיך פון אייז. דער פּאַרטיזאַן, ברוך לופּיאַנסקי האָט געאיילט צוהילף טראַשינען. אונטער דעם פאַרשטאַרקטן קוילן־האָגל פון שונא, איבער אַן איינגעבראָכענעם אייז, איז ער מאַנעווּרירענדיק צוגעקומען צום זיך־טרינקענדיקן טראַשין, אַרויס־געצויגן אים פון וואַסער און אויף די פּלייצעס אַריבערגעטראָגן צום ברעג.

אין מערץ, 1943, האָט זיך גולאַיעווס אָטריאַד באַזירט אין דאָרף ביע־לוקי (מזרח־ווייסרוסלאַנד). פּלוצלינג איז דער דאָרף באַשאָסן געוואָרן פון אַלע זייטן מיט אַ שטאַרקן פייער פון מינען־וואַרפערס און קוילנוואַרפערס. דאָס אומגעריכטע הוראַגאַנישע פייער האָט נישט דערמעגלעכט צו אָרגאַ־ניזירן אַ ווידערשטאַנד און די איבעראַשטע פּאַרטיזאַנער זענען געשפּרונ־

גען פון די שטיבער איבער די גערטנער־צאַמען, צעלויפנדיק זיך אין אַלע מעגלעכע ריכטונגען. דער אוקראַיִנישער פּאַרטיזאַן, פּעטראָ שישקאָ, איז פאַרוווּנדעט געוואָרן אין זיין פוס און ער האָט נישט געקענט לויפן. מרדכי זאַיטשיק, וואָס איז געלאָפן צוזאַמען מיט אים, האָט צוגענומען ביי פּעטראָן זיין ביקס און קוילן־מאַשן און אים געשלעפּט נאָך זיך. אין אָפענעם פעלד זענען זיי ביידע געבליבן די לעצטע, אויסגעשטעלט אויף דעם האָגל פון שונאס קוילן. פּעטראָ האָט זיך אַרומגעקוקט און געזען, אַז עס וועט אים שווער זיין ביי זיין מצב צו אַנטלויפן. ער האָט געראָטן זאַיטשיקן:

— „לאָז מיר דאָ איבער און דו, אַנטלויף! איך בין אַן אוקראַיִנער און מעגלעך, אַז זיי וועלן אויף מיר רחמנות האָבן. אָבער דו ביסט אַ ייִד און ווי וועט צו דיר זיין, אויב דו וועסט אַריינפאַלן צו זיי אין די הענט...“

זאַיטשיק האָט נישט מסכים געווען. מיט זיינע לעצטע כוחות האָט ער געשלעפּט פּעטראָן ביז צום נאָענטן וואַלד און פון דאָרט צו זייער באַזע. דער אוקראַיִנער פּעטראָ האָט ביי יעדער געלעגנהייט באַטאָנט די דרייסטקייט און קרבנות־גרייטקייט פון דעם ייִד, זאַיטשיק, וועמען ער האָט צו פאַרדאַנקען זיין לעבן.

גייענדיק פון אַ קאַמפּס־אויפגאַבע אין ראַיאָן, האָט זיך אַ וווזוואָד פּאַרטיזאַנער פון אָטריאַד „קיראָוו“ (בריגאַדע „סאָוויעטסקאַיאַ ביעלאָרוס“), אָפּגעשטעלט אין אַ דאָרף ביים שטעטל האָראָדאָק (וואָלאָזשינער געגנט) „טאָגן“, ווייל עס איז נישט געווען קיין מעגלעכקייט זיך צו באַוועגן בייטאָג צוליב דער נאָענטקייט פון דייטשע גאַרניזאָנען. פּלוצלינג איז אָנגעפאַלן אויף זיי אַ גרויסע גרופּע דייטשן און פּאָליצייַ פון האָראָדאָק. די פּאַרטיזאַנער זענען געווען געצוווּנגען אין איילעניש צו אַנטלויפן פון דאָרף, איבערלאָזנדיק צען פורן מיט פאַרגרייטע פּראָדוקטן. דער ייִדישער וווזוואָד־קאָמאַנדיר שקליוט (וואָלאָזשין), האָט געגעבן אַ באַפעל צו שטורעמען דאָס דאָרף און אָפּנעמען צוריק די פּראָדוקטן. אפרים גולקאָוויטש (מיר) האָט מיט זיין קוילנוואַרפער פאַרשאָטן מיט פייער דאָס דאָרף. אינצווישן איז פאַרוווּנדעט געוואָרן דער רוסישער אָטריאַד־קאָמאַנדיר, קיפּקאַיעוו, אין ביידע פיס. גולקאָוויטש האָט אָפּשיסנדיק זיך אַרויסגעטראָגן פון אונטערן פייער זיין רוסישן קאָמאַנדיר, וועלכער איז נאָכן אַמפּוטירן די פיס געבליבן לעבן. די אָנפירונג מיטן קאַמף האָט דאַן איבערגענומען דער ייִדי־

שער ווזוואָד־קאָמאַנדיר, שקליוט. גולקאָוויטש האָט מיט זיין קוילנוואַרפער־פייער אָפּגעהאַלטן די דייטשן ביז עס איז געקומען צו הילף אַ ראָטע פון אָטריאַד „סטאַלין", אָבער נאָך פאַרן אָנקומען פון דער הילף איז גולקאָ־וויטש איבערגעשניטן געוואָרן אויף דער העלפט דורך אַ פּולעמיאָטן־סעריע. נאָכן אָנקומען פון דער פאַרשטאַרקונג פאַר די פּאַרטיזאַנער, האָבן זיי מיט אַ „הורא" זיך אַריינגעריסן אין דאָרף און געצוווּנגען די דייטשן צו אַנט־לויפן מיט גרויסע פאַרלוסטן. די קאָמאַנדשאַפט האָט ביים קבר פון גול־קאָוויטשן אָפּגעמערקט זיין העלדישקייט און זיין טרייהייט צום קאָמאַנדיר און אים פאַרגעשטעלט צו די העכסטע אויסצייכענונגען און אָרדנס.

משה שימאַנאָוויטש (ביעליצע, ביי לידע), טרעט נישט אָפּ מיט זיין קוילנוואַרפער בעת אַ קאַמף מיט אַ פּאָליצײ־פּאָסטן ביים שטעטל דוואָרעץ. לעבן נאָוואָגרודעק, ביז ער פאַלט פון אַ פיינטלעכער קויל. שימאַנאָוויטש האָט געהאַט די מעגלעכקייט אָפּצוטרעטן. ער האָט אָבער מיט זיין העפטיקן פייער געוואָלט דעקן דעם צוריקטריט פון זיינע חברים פון לינקן פליגל און האָט דערפאַר באַצאָלט מיט זיין לעבן.

אין קאַמף מיטן שונא ביים אַטאַקירן אַ דייטשן גאַרניזאָן ווערט פאַר־וווּנדעט אַ פּאַרטיזאַן פון דער בריגאַדע „ספּאַרטאַק" (קאַזאַנער וועלדער). דער ידישער פּאַרטיזאַן, יאַשקע רודניצקי, וועלנדיק אַרויסראַטעווען זיין חבר און מיטנעמען אים מיט זיך, אַנטלויפט ער נישט, ווי אַלע, און פאַלט צוליב דעם אַריין לעבעדיקערהייט אין די ס"ס־הענט. ער ראַנגלט זיך, קעמפט פאַרביסן, הרגעט צוויי מערדערס און באַווייזט נאָך אָפּצולויפן איי־ניקע מעטער, ביז אַ דייטשע קויל דעריאָגט אים.

די ברידער יאַנקל און משה יתום (קאָרעץ), זענען אַוועק פון „טשאַ־פּאַיעוו"־אָטריאַד אין ראַיאָן אויף אַן אויסשפּיר־אויפגאַבע. אין וועג זענען זיי אַריינגעפאַלן לעבעדיקע אין די דייטשע הענט. אויף אַלע עינויים, וועלכע מען האָט זיי אָנגעטון, אַז זיי זאָלן אַרויסגעבן דאָס אָרט פון זייער אָטריאַד, ענטפערן זיי מיט איין וואָרט, אַז זיי ווייסן גאָרנישט. די דייטשן האָבן זיי פאַרפייניקט און אויפגעהאַנגען.

איזיע אָשעראָווסקי איז אַנטלאָפן פון באַראַנאָוויטשער געטאָ און אַריינגעטראָטן אין אָטריאַד פון קאָמאַנדיר פּוגאַטשאָוו, וואָס האָט געהאַט זיין באַזע אין די פּאָלעסיער וועלדער, זעכציק קילאָמעטער פון באַראַנאָ־

וויטש. ער און משה זילבערמאַן (מייטשעט) האָבן באַשלאָסן צוגיין קיין באַראַנאָוויטש נקמה נעמען פון די דריי דייטשן, ביי וועמען זיי האָבן געאַרבעט און וועלכע האָבן זיך איזדעקעוועט איבער זיי. אַ חוץ דעם האָבן זיי געטראַכט צוצונעמען די דייטשע אַוטאָמאַטן, און אַזוי אַרום זיך פאַרשאַפן גוטע געווער. די יידישע חברים האָבן געפּרווט זיי אָפּצורעדן פון דעם, אָבער זיי זענען געבליבן פאַרעקשנט ביי דאָס זייעריקע.

צוריקקערנדיק זיך אין אָטריאַד האָט משה זילבערמאַן דערציילט פאַר זיינע חברים:

„מיר זענען אָנגעקומען אין באַראַנאָוויטש שפּעט ביינאַכט. מיר האָבן זיך צוגעגנבעט ביז צו דער שטוב, אַנטקעגן איבער דער דירה פון די דריי מערדערס. אַז עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגן, זענען מיר אַריבער פון אונטער די הויז־טרעפּ אין אַ שטעלכל, וואָס האָט זיך געפונען אויפן הויף פון זייער דירה. מיר האָבן דורך אַ שפּאַלט אין ווענטל אָבסערווירט און געזען ווי צוויי דייטשן גייען אַרויס פון שטוב און פאַרשליסן נאָך זיך די טיר. וו איז דער דריטער דייטש? מיר זענען געווען כמעט ווי זיכער, אַז אין דער דירה איז קיינער נישטאָ. מיר האָבן שטיל, מיט זייער שליסל, וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזט געעפנט די טיר און געפּלעפט געוואָרן פון איבערראַשונג. דער דריטער דייטש איז געלעגן אין בעט און האָט געשלאָפן. אָט איז דער רוצח אין אונדזערע הענט! שיסן האָט מען נישט געטאָרט, כדי נישט אויפצוהייבן קיין טומל. איך האָב אַרויסגענומען מיין ראַזיר־מעסער און איבערגעשניטן זיין האַלדז. מיר האָבן גלייך צוגענומען דאָס געווער, וואָס איז געשטאַנען אין ווינקל און אָנגעהויבן טראַכטן ווי דורכצוגיין אינמיטן העלן טאָג דורך דער שטאָט אין צעריסענע בגדים מיט געווער אין די הענט? מיר האָבן באַשלאָסן זיך אָנצוטאָן אין די פאַשיסטישע מיליטערישע מלבושים און אַזוי אַרום דורכגיין דורך דער שטאָט.

„פּלוצלינג האָט זיך אָן עפן געטון די טיר און עס האָט זיך באַוויזן האַנס, איינער פון די דריי דייטשן. ווי נאָר ער האָט אונדז דערזען, און זיין חבר אין אַ קאַלוזשע בלוט, האָט ער אויסגעשאָסן אין דער לופט אויף אַלאַרם. מיט נסים ממש איז מיר געלונגען צו אַנטלויפן, ממש פון אונטער זייערע הענט, אונטער אַ האָגל פון קוילן, וואָס האָבן מיר נאָכגעיאָגט. לויפנדיק האָב איך געהערט אַן אויפרייס פון אַ האַנט־גראַנאַט. איזיע האָט פאַר זיך נישט געזען קיין שום אויסוועג, ווי נאָר די מערדערס האָבן אים אַרומגערינגלט האָט ער אַרויסגעכאַפּט זיין האַנט־גראַנאַט און אויפגעריסן אים. ער איז צעריסן געוואָרן אויף שטיקער, אָבער צוזאַמען מיט אים

משה קאַגאַנאָוויטש

זענען פֿון אויפֿרייס געהרגעט געוואָרן צוויי דערלעבן־שטייענדיקע דייטשן און עטלעכע זענען פֿאַרוווּנדעט געוואָרן".
(אַברהם לידאָווסקי, „ב־ערות" — ז"ז, 117־116).

וועגן אַ צווייטן „שפּאַציר" קיין באַראַנאָוויטש, וואָס האָט זיך פֿאַרענדיקט טראַגיש נישט נאָר פֿאַר די וואָס זענען געגאַנגען אויספֿילן די אויפֿגאַבע, נאָר אויך פֿאַר די ייִדן פֿון באַראַנאָוויטשער געטאָ, דערציילט דער א"ד לידאָווסקי אין זיין בוך „ביערות":

„פֿון איוואַן איוואַנאָוויטשעס אָטריאַד אין די פּאָלעסיער וועלדער זענען אַוועק די דריי ייִדן: לייזער לידאָווסקי, זיאַמע יאָסעלעוויטש און משה ראָזנטאַל קיין באַראַנאָוויטש אויפֿצורייסן אַ טאַרטאַק. זיי נעמען מיט זיך צו איין גראַנאַט און לאָזן זיך אין וועג. פֿאַרן אַריינגאַנג אין שטאָט האָבן זיי זיך צעטיילט. ראָזענטאַלן איז אויסגעקומען, אַז עס איז בעסער צו גיין מיט די פֿעלדער און גלייך טרעפֿן זיך מיט די ייִדן, וועלכע אַרבעטן אין טאַרטאַק. דאָרט האָבן זיינע ייִדישע חברים אים באַמערקט און דורך דעם צוים האָט זיך פֿאַרבונדן אַ לעבעדיקער שמועס וועגן לעבן אין וואַלד, וועגן געטאָ און וועגן אַרויסגיין אין פּאַרטיזאַנקע. פּלוצלינג זענען צוגעקומען דריי ווייסרוסישע פּאָליציסטן, אַרעסטירט ראָזענטאַלן און די צוועלף מיטשמועסערס. די צוועלף ייִדן זענען אויף מאָרגן דערשאָסן געוואָרן.

„די אַנדערע צוויי מיטגייערס, לייזער לידאָווסקי און זיאַמע יאָסעלעוויטש האָבן אָפּגעוואַרט ביז עס זענען אַדורך די ייִדן, וואָס קערן זיך אום פֿון די אַרבעטס־פּלעצער און צוזאַמען מיט זיי זיך אַריינגעשמוגלט אין געטאָ. זייער פּלאַן איז געווען אַדורכצופֿירן די פֿאַרגעבענע אויפֿגאַבע — פֿאַרברענען דעם טאַרטאַק ערשט פֿאַרן פֿאַרלאָזן דעם געטאָ. דער דורכפֿאַל מיט ראָזענטאַלן האָט צעמישט זייערע פּלענער. נאָכן אָפּליגן אַ פּאָר טעג אין געטאָ, פֿאַרבאַהאַלטן אין אַ „מאַלינע" האָבן זיי זיך צוריקגעקערט צו זייער באַזע נישט אויספֿילנדיק די אויפֿגאַבע.

„ראָזענטאַל איז געבראַכט געוואָרן אויף אַ פֿאַרהער צום אויספֿאָרשונגס־ריכטער. ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן צו שטעלן פֿראַגעס אין באַקאַנטן נוסח: „וווּ געפֿינט זיך דער אָטריאַד? וויפֿל ציילט דער אָטריאַד? וועלכע געווער האָבן זיי? אַזוי, האָט ראָזענטאַל אַ ציי געטון זיין גראַנאַט, וועלכן אים האָט זיך איינגעגעבן דורכצושמוגלען אין אַרעסט, און אַ וואָרף געטון אין טיש, וועלנדיק אויפֿרייסן זיך צוזאַמען מיטן נאַציִשן־אויספֿאָרשער. צום אומגליק האָט דער גראַנאַט נישט אויפֿגעריסן און די אָנגעלאָפֿענע דייטשן האָבן אים גלייך פֿאַרפּייניקט, נישט אַרויסבאַקומענדיק קיין וואָרט פֿון זיין מויל. ער האָט געשפּיגן אויף זיי און געשריגן מיט די לעצ־

טע כוחות: „עס וועט קומען דער טאָג, קינדער־מערדער, ווען איר וועט פאַר אַלץ באַצאָלן!"
(דאָרט, — ז"ז. 108־110).

דער אַכצן־יעריקער לייב וואָלקין (נאָוואָגרודעק), אַ קוילנוואָרפער פון „ביעלסקיס"־אָטריאַד, איז בעתן אָנפאַל אויף די כראַפּעניעווער כוטאָרעס (וואָסיעלובער ראַיאָן) געכאַפּט און פאַרפייניקט געוואָרן דורך די דייטשן. לעבעדיקערהייט האָט מען פון אים געשניטן אברים. זיי איז אָבער נישט געלונגען פון אים עפּעס אַרויסצובאַקומען. אין אוממענטשלעכע יסורים האָט ער אויסגעהויכט זיין נשמה (יאַנואַר 1943).

אין אַפּריל 1943, איז אַ גרופּע פון 11 מאַן, 7 רוסן און 4 ייִדן; יצחק קופּערבערג, זאב ווערבאַ, שמערל זאַפראַן (מאַניעוויטש) און גרישאַ בליי־שטיין (לישניפקע) פון „קרוקס"־אָטריאַד, אונטער דער אָנפירונג פון העל־דישן קאָמאַנדיר פּאַוולושאַ קירילאָוו, אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין דרום־וואָלין צו אָרגאַניזירן אַ נייעם פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד אין די איוואַנאָוועקער וועלדער.

די גרופּע האָט געטאָגט אין נאָענטן וואַלד און צו אָוונט זיך באַוועגט אין דער ריכטונג פון דאָרף האַליוועקע.

פּלוצלינג האָבן די פּאַרטיזאַנער זיך אָנגעשטויסן פּנים אל פּנים מיט דייטשן. נאָך אַ שאָסן־אויסטויש האָט דער קאָמאַנדיר מיטן באַפעל „אויף באַגנעטן!" זיך געוואָרפן דער ערשטער אויפן שונא. עס האָט זיך גלייך אַנטוויקלט אַ פאַרביסענער באַגנעטן־קאַמף.

אויפן רעכטן פלאַנג האָבן געקעמפט פיר פּאַרטיזאַנער: דער קאָמאַנדיר קירילאָוו, פּיעטראָוו (רוסן) און צוויי ייִדן, גרישאַ בליישטיין און זאב ווערבאַ.

די דייטשן האָבן אין פּאַניק אָנגעהויבן אָפּצוטרעטן. ביי דעם זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן דער קאָמאַנדיר און גרישאַ בליישטיין, וועלכער האָט מיט אַ דורכגעלעכערטן בויך אָנגעהויבן אַנטלויפנדיק צו יאָמערן און גע־פאַלן אַ טויטער.

אויפן קאַמפּס־פעלד זענען פאַרבליבן די פּאַרטיזאַנער: ז. ווערבאַ, פּיעטראָוו און דער שווער־פאַרוווּנדעטער קאָמאַנדיר.

די צוויי א"ד פּאַרטיזאַנער האָבן באַשלאָסן צו ריזיקירן מיט זייער

לעבן אין ראַטעווען זייער באַליבטן קאָמאַנדיר. זיי האָבן אונטער אַ פייער־האַגל גענומען ביי אַ פויער אַ פור, אַרויפגעלייגט דעם קאָמאַנדיר און זיך געלאָזט אין וועג. צוליבן געפערלעכן צושטאַנד פון קאָמאַנדיר זענען זיי געווען געצווּנגען בלייבן אַ מעת־לעת אין אַ וועלדל האַרט הינטער אַ דייטשן גאַרניזאָן.

נאָכן קאָמאַנדירס טויט האָבן זיי אים מקבר געווען אין וועלדל און מיט דעם טראָפּיי־געווער געקומען צוריק אין אָטריאַד, אָבער אָן די טרייע קאַמפּס־חברים: גרישאַ בליישטיין און דעם קאָמאַנדיר קירילאָוו.

אַברהם בליישטיין (דאָרף לישניפּקע, מאַניעוויטשער ראַיאָן) איז געגאַנגען אין שליחות פון „קרוקס"־אָטריאַד צו שאַפן געווער פאַר ניי־אָנגעקומענע יידן. אַ פויער, וועלכער איז געווען זיין וועגווייזער, האָט אים ספּעציעל אַרויפגעפירט אויף אַ פריִער־צוגעגרייטער דייטשער לויערונג. ער האָט זיך נישט פאַרלוירן און די ערשטע זאַך האָט ער דערשאָסן דעם פויערישן מסור. וועלנדיק זיך ראַטעווען, האָט ער אָנגעהויבן צו אַנטלויפן. אַ האַגל פון קוילן האָט אים גלייך נאָכגעיאָגט און אַוועקגעלייגט אַ שווער פאַרוואונדעטן. די דייטשן האָבן אים אָפּגעפירט אין גאַרניזאָן און אָנגעהויבן אויספאָרשן. ער האָט זיך געהאַלטן בעתן אויספאָרש זייער מוטיק און העלדיש. ער האָט זיי גאַליק געשפּיגן אין די פּנימער און דערקלערט: „אויף וויפל מיר יידן וועלן נאָר קענען, וועלן מיר מיט אייך קעמפן ביז צום לעצטן. איך קום אום, אָבער אין די וועלדער זענען פאַרבליבן פיל פון מיינע ברידער יידן און זיי וועלן נקמה נעמען פאַר מיין בלוט און פאַרן בלוט פון אונזער אויסגעקוילעטן פאָלק!..." דריי טעג האָבן אים די דייטשן געפּייניקט און גאָרנישט אַרויסבאַקומען, ביז ער איז אין שרעקלעכע יסורים אויסגעגאַנגען.

דער אָטריאַד „ספּאַרטאַק" האָט געשיקט דעם 19־יעריקן טוביה ביעלאַק מיט אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער אַרויסצונעמען יידן פון ווילנער געטאָ אין וואַלד. ביים אַריינגנבענען זיך אין געטאָ, ווערט ער פאַרהאַלטן דורך אַ דייטשן זשאַנדאַרם, וועלכער לעגיטימירט אים און וויל אים אַרעסטירן. ביעלאַק שיסט אויס צוויי מאָל און טרעפט אים נישט. ביים דריטן מאָל ווערט קאַליע זיין נאַגאַן און ער ווערט אַרעסטירט (ביים גיין אין געטאָ פלעגט מען מיטנעמען נאָר קעשענע־געווער). אין טורמע פּייניקט מען אים שרעקלעך,

וועלנדיק אַרויסבאַקומען ווער עס זענען זיינע מיטהעלפערס. מען ברענגט אים אין ווילנער געטאָ, אַז ער זאָל אָנווייזן ווער עס זענען זיינע חברים. ער דערקענט אָבער קיינעם נישט...

די דייטשן שטעלן אים אַוועק ביים געטאָ־טויער און די ייִדן מוזן אים לויטן דייטשן באַפעל שלאָגן... פאַרן טויט וואַרפט ער זיך מיט די הוילע פויסטן אויף די תלינים און שטאַרבט מיטן באַוווסטזיין, אַז ער האָט נישט פאַרראַטן...

גייענדיק אין אַ שליחות פון דער קאָמאַנדשאַפט, איז סאַניע פּיאַלקאָוו, אַ יונגער פּאַרטיזאַן, געכאַפּט געוואָרן דורך ס״ס־לייט. די דייטשן האָבן געפּרוּווט אַרויסצובאַקומען ביי אים אינפאָרמאַציעס וועגן די ערטער וווּ עס געפינען זיך די פּאַרטיזאַנער־באַזעס, צאָל פּאַרטיזאַנער אאַז״וו. זיי האָבן אים צוגעזאָגט איבערצולאָזןביים לעבן, אַריבערצופירן קיין דייטשלאַנד און פאַרשיידענע אַנדערע הבטחות. פּיאַלקאָוו האָט אויף דעם אַלעמען גאָרנישט געענטפערט. די דייטשן האָבן דאַן געפּרוּווט דורך עִנויִים אים צו מאַכן ריידן. זיי האָבן צוגעבונדן זיינע לאָקן צום עק פון אַ פערד, אויף וועלכן עס איז געריטן גאַלאָפּ אַן ס״ס־מאַן. אָבער פּיאַלקאָוו האָט זיין מויל נישט געעפנט און איז אויסגעגאַנגען אין שרעקלעכע עִנויִים.

בעת אַ קאַמף צווישן דער ייִדישער פאָרמאַציע אין קאַפּיטאַן טשאָרנעס אַטריאַד (פּאָלעסיע) מיט דייטשן, איז אַריינגעפאַלן אין זייערע הענט אַ פאַרוווּנדעטער דער 29־יעריקער, שלמה לאַנסקי פון שטעטל נעסוויזש. די דייטשן האָבן אים צוגעבונדן מיט אַ שטריק צו אַ פערד און אים געבראַכט אין דאָרף נאָוואָסיאָלעק. דאָרט האָט מען אים געפאָרשט וועגן די פּאַרטיזאַנישע באַזעס. נישט אַרויסבאַקומענדיק פון אים קיין לעבעדיקן וואָרט האָבן די דייטשן אַ גוססן אים עפנטלעך געהאָנגען אין דעם שטעטל, האַנצעוויטש.

סיאָמע שוסטער (פּינסק), איז געקומען אין האָראָדישטשער געגנט (באַראַנאָוויטשער ראַיאָן), פון יענער זייט פראָנט־ליניע, נאָכן אַדורכגיין אַ ספּעציעלע דיווערסיע־שול אין מאָסקווע, ווו ער האָט זיך פריווויליק געמאָלדן (ביים אויסברוך פון דער סאָוועטיש־דייטשער קריג איז ער מגולגל געוואָרן אין רוסלאַנד). פון דער קליינער גרופּע, מיט וועלכער ער איז אָנגעקומען אין די וועלדער פון האָראָדישטשער געגנט, איז נאָכדעם אויס־

געוואָקסן אַ בריגאַדע, א״נ „1טער מאַי״. ער איז ווירטשאַפטס־קאָמאַנדיר פון דער בריגאַדע, צייכנט זיך אויס אַלס דרייסטער מינירער, האָט אויף זיין חשבון פיל דיווערסיע־אַקטן און דייטשע לעבנס. פאַר זיין העלדישקייט איז ער צוגעשטעלט געוואָרן צו פיל הויכע מלוכה־אָרדנס. סעפטעמבער 1943, איז ער אַוועק אויף אַן אויפגאַבע אין האָראָדישטשער ראַיאָן. ביים שאָסיי קאַרעליטש־האָראָדישטש איז ער דורך אַ לויערונג פון דייטשן אין ציווילער קליידונג, פאַררעטעריש פאַרנאַרט און גענומען געוואָרן געפאַנגען לעבעדיקערהייט. אַ געבונדענעם האָבן זיי אים געבראַכט אין האָראַדישטש, ווו זיי האָבן מיט אַלע מיטלען געוואָלט אַרויסבאַקומען פון אים סודות פון דער פּאַרטיזאַנקע, צוזאָגנדיק אים איבערצולאָזן ביים לעבן. לעבעדיקערהייט האָט מען אים געשניטן די אויערן און נאָז, אַרויסגעקאַלופּעט די אויגן, אָבער קיין איין וואָרט האָבן זיי פון אים נישט אַרויסגעבאַקומען. אין שרעקלעכע יסורים האָט ער נישט פאַררעטנדיק אויסגעהויכט זיין נשמה.

וועגן דער נקמה פון אַברהם הירשעלד, וואָס איז אַלס פּאַכמאַן — זייגערמייסטער אַריבערגעפירט געוואָרן נאָך דער ליקווידאַציע פון די יידן אין דעם שטעטל לענין אין סלאָנימער אַרבעטס־לאַגער — דערציילט פּאָלקאָווניק נ. לינקאָוו („באַטיאַ״) אין זיין בוך „די מלחמה אין שונאס הינטערלאַנד״ אין אַ באַזונדערן קאַפּיטל „די מינע פון אַברהם הירשעלד״:

„די מינעס, וואָס מיר האָבן געלייגט אונטער די אייזנבאַן־רעלצן די לעצטע צייט, זענען געווען פון אַ קאָנסטרוקציע, וועלכע דערמעגלעכט נישט זיי פונאַנדערצונעמען. אונדזערע נייע מינעס האָבן פאַרשאַפט די דייטשן פיל זאָרג און מענטשלעכע פאַרלוסטן. און אָט האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז אַן אונטערגעלייגטע מינע לעבן דער אייזנבאַן־סטאַנציע, מיקאַשעוויטש איז אַרויסגענומען געוואָרן אַ גאַנצע. נאָך אַן אויספאָרשונג האָבן מיר זיך דערוווּסט אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן דעם פאַל:

אין לעניגער ראַיאָן, פינסקער קרייז האָבן די דייטשן אַרעסטירט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג, וואָס טויג נישט פאַר שווערער אַרבעט און שפּעטער זיי אַלעמען פאַרניכטעט. די אַרבעטס־פעיקע מענער האָבן זיי קאָנצענטרירט אין אַ באַזונדער לאַגער אין סלאָנים און זיי געצוווּנגען צו אַרבעטן אין די וואַרשטאַטן. איינער פון זיי איז געווען דער זייגערמייסטער, הירשעלד. איין טאָג האָט מען אים נישט געשיקט ווי געוויינטלעך צו זיין טאָג־טעגלעכער אַרבעט ביים פאַרריכטן שאָסייען, וועגן אַאַז״ו. ער

איז גאָר געוואָרן איינגעלאַדן צום לאַגער־קאָמענדאַנט, ווו מען האָט אים מכבד געווען מיט אַ געשמאַקן מיטיק. נאָכדעם האָט מען אים אָנגעהויבן אויספרעגן וועגן זיינע ידיעות אין עלעקטרישער מעכאַניק. הירשעלד האָט דערציילט, אַז ער אָריענטירט זיך אין טעכניש־עלעקטרישע סכעמעס, און איז גרייט צו טון אַלץ, אויב נאָר מען וועט פאַר אים און זיין פאַמיליע דערמעגלעכן נאָרמאַלע לעבנס־באַדינגונגען. די דייטשן האָבן צוגעזאָגט צו דערפילן זיין ווונטש.

„אַז זיי זענען צוגעקומען צום אָרט, ווו עס איז געלעגן די מינע האָבן זיך די דייטשן דערווייטערט און באַפוילן הירשעלדן צו פונאַנדער־נעמען די מינע. הירשעלד האָט אָנגעהויבן טראַכטן: „ווער האָט אייגנטלעך געקענט אונטערלייגן די מינע, אויב נישט די פאַרטיזאַנער? אויב יאָ דאַרף איך דאָס טאַקע פונאַנדערנעמען? וואָס טון? אויב ווידער אַך וועל דאָס נישט טאָן וועלן דאָך די דייטשע דערמאָרדן מיין פרוי און מיין זון עדיק (די דייטשן האָבן איינגערעדט די יידן, אַז זייערע משפחות זענען אַריבערגעפירט געוואָרן אין אַ לאַגער אין פּיזנער געגנט). אויב ווידער איך וועל איר פונאַנדערנעמען וועל איך דאָך זיין אַ פאַררעטער”. צום סוף ווייזט אויס האָט ער געפונען אַ באַרעכטיקונג פאַר זיין טאַט און ער האָט די מינע פונאַנדערגענומען. אייבער פון די דייטשן האָט צו אים דאַן געזאָגט: — „גוט, הירשעלד, גוט. דו וועסט זיין אונדזער אינסטרוק־טאָר”.

„פון יענעם טאָג האָט מען פאַרבעסערט זיין שפּייז־ראַציע. און די באַציונג פון די דייטשן צו אים האָט זיך ראַדיקאַל געענדערט צום בע־סערן. אָבער זיין פאַמיליע האָט מען נישט צוריקגעבראַכט צו אים, ווי מען האָט אים צוגעזאָגט (די פאַמיליע איז שוין געווען אַ דערמאָרדעטע). איין מאָל האָט מען אים צוגעשיקט אַ בריוו פון פאָלגענדיקן אינהאַלט:

„מיין ליבער אַברהם!... מיר דוכט זיך, אַז דו ביסט אַריינגעטראָטן אין היטלעריסטישן דינסט און דערפאַר שפּייזט מען דיר גוט. אָבער מיר זענען דיר נישט מקנא. דיין אַרבעט באַטראַכטן מיר ווי אַ פאַרראַט... דרך אַגב, צי ווייסטו, אַז אונדזערע משפחות זענען צעשאָסן געוואָרן, ביז צום לעצטן?... דוד”.

צומאָרגנס האָט מען ווידער געזען הירשעלדן אין דער געזעלשאַפט פון היטלעריסטן שפּאַצירנדיק לענג אויס די אייזנבאַן־רעלצן און פירנדיק אַ לעבהאַפטן שמועס מיט אַ דייטשן לייטענאַנט פון אַן אינזשעניערן־פאַר־מאַציע. נאָך זיי זענען נאָכגעגאַנגען אַ סערזשאַנט, אַ מיליטערישער פאָלי־ציסט און צוויי פון אַ אינזשעניערן־פאָרמאַציע. דאָסמאָל האָט זיי הירשעלד פאַרזיכערט, אַז דאָס פונאַנדערמינירן אַ מינע איז נישט פאַרבונדן מיט קיינע געפאַרן און, אַז עס איז כדאי זיי זאָלן זיך אַליין אויסלערנען פו־

נאַנדערמינירן, כדי זיי זאָלן זיך נישט נויטיקן אין יעדן פאַל אין זיין הילף. אַלע דייטשן אַ חוץ דעם סערזשאַנט זענען צוגעקומען און מיט נייגער און אינטערעס זיך צוגעקוקט צו הירשעלדס באַוועגונגען. איצט איז אין זיין האַרץ צייטיק געוואָרן דער באַשלוס צו מכפּר זיין אויף זיין ביזאַהעריקן פאַרראַט דורך אויסמינירן די פּאַרטיזאַנישע מינע און נעמען נקמה פון די מערדערס פון זיין משפחה. עס האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער אויפרייס. פון די זעקס מענטשן האָט זיך געראַטעוועט בלויז דער סערזשאַנט, וואָס איז געשטאַנען פונדערווייטנס.

„אין אַ וואָך אַרום נאָכן אויפרייס האָט מען מיר איבערגעגעבן אַ פּעקעלע. דאָס איז געווען אַ בריוו פון הירשעלדן, וווּ ער האָט אויספירלעך געשילדערט זיינע טראַגישע לעבנס־באַדינגונגען ביי דער היטלער־מאַכט, די מאָמענטן, וואָס האָבן אים באַוויגן צו צעמינירן די מינע און אויך אַ טעכנישע שילדערונג, ווי אַזוי ער האָט געמאַכט פאַר אומגעפערלעך די מינע לעבן דער סטאַנציע מיקאַשעוויטש. צום בריוו איז געווען בייגעלייגט אַ סכעמע, וואָס מען דאַרף טון, כדי מען זאָל נישט קענען פונאַנדערמינירן. צום סוף פון זיין בריוו האָט ער געשריבן: „איך שווער ביים אַש פון מיין אומגעבראַכטער פאַמיליע, אַז מער וועלן שוין די מערדער מיר נישט אויפצווינגען צו פונאַנדערנעמען אייערע מינעס”. מיר האָבן קאָנטראָלירט די סכעמע־צייכענונג פון אַברהם הירשעלד און זיך איבערצייגט, אַז זי איז אַ ריכטיקע”.

(נ. לינקאָוו, דאָרט, — ז״ז, 332־336).

די אויבן דערמאָנטע פאַקטן, איינציקע פון פיל הונדערטער, אילוסטרירן אַמבעסטן די איבערגעגעבנקייט און געטריישאַפט פון די יידישע פאַרטיזאַנער צו זייערע קאַמפס־חברים און צו דער הייליקער זאַך פון קאַמף מיטן שונא. די נישט יידן האָבן געוווסט, אַז אַ ייד וועט קיינמאָל נישט פאַרראַטן, נישט איבערגעבן זיך אַליין אָדער אַרויסגעבן ווען עס איז, צום שונא. זיי האָבן אויך גוט געוווסט, אַז אַ ייד וועט נישט מפקיר זיין און נישט איבערלאָזן זיין קאַמפס־חבר בעת אַ קאַמף, אין פאַל פון אַ פאַרווונדונג, נאָר וועט זיך באַמיִען אַרויסצונעמען פון פייער־שטח און ברענגען אים צום באַזיס.

די פאַקטן פון זעלבסט־אויפאָפּפערונג פון יידישע פּאַרטיזאַנער כדי צו ראַטעווען זייערע חברים ווי אויך זייער איבערגעגעבנקייט אָן גרענעצן און אָן אַ מאָס צו דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג, האָט צונישט־געמאַכט די אַנטיסעמיטישע טענות, אַז יידן זענען עגאָיסטן, וועמענס מעשים און האַנד־

לונגען זענען געצילט אויסשליסלעך בלויז פאַר זייער אייגענעם נוצן און פּריוואַטע אינטערעסן.

ה. ווען דייטשן זענען אַריינגעפאַלן אין יידישע הענט...

די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך באַזונדערס באַמיט צו נעמען אין געפאַנגענשאַפט לעבעדיקע דייטשן און זייערע משרתים. אין פיל פאַלן פלעגט די אָנפירונג געבן אַ באַפעל צו ברענגען „צינגער“, ד״ה, געפאַנגענע, פון וועלכע מען זאָל זיך קענען דערוויסן וועגן דעם שונאס פּלענער, כוונות און קאָנצענטראַציעס. אויב דער געפאַנגענער איז געווען פון אַ הויכן ראַנג פלעגט מען אים איבערפירן מיט אַן עראָפּלאַן קיין מאָסקווע. געוויינטלעכע דייטשע סאָלדאַטן און פּאָליציסטן פלעגט מען באַלד נאָך דער אויספאָרשונג, צעשיסן.

באַזונדערס להוט צו נעמען אין געפאַנגענשאַפט דייטשן, זענען געווען די יידישע פּאַרטיזאַנער. דירעקטע נקמה פון בלוט-פיינט האָט דערמעגלעכט צו שטילן אַ ביסל דעם ברויזנדיקן צאָרן און ווייטיק.

די רוסישע פּאַרטיזאַנער האָבן נישט אַלע מסכּים געווען צום אופן ווי אַזוי יידן פירן אויס די טויט-אורטיילן איבער די געפאַנגענע דייטשן און זייערע משרתים פון דער ערטיקער באַפעלקערונג. ביי אַ טייל פון זיי האָט עס אויסגעזען ווי אַ גרויזאַמקייט, צוקוקנדיק זיך, וואָס פאַר אַ מינים טויטן די יידן טראַכטן צו פאַר לעבעדיק-גענומענע דייטשן אין די קאַמפן. (לויטן באַפעל האָבן אַזעלכע דייטשן געדאַרפט דערשאָסן ווערן אָן צערעמאָניעס). יידן אָבער האָבן געוואָלט קילן זייערע בלוטן דורך פייניקן זייערע פייניקערס און מערדערס.

די דייטשן, וויסנדיק, וואָס זיי האָבן געטון מיט די יידן, פלעגן זייער מורא האָבן אַריינצופאַלן לעבעדיקע צו די יידישע פּאַרטיזאַנער. זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ פולן רעכענונג, וואָס פאַר אַ טויט זיי קענען באַקומען פון קעמפערס, וועמענס גאַנצע משפּחות און פאָלק איז אויף אַזאַ שוידערלעך-סאַדיסטישן אופן אָן שום חטא אומגעבראַכט געוואָרן דורך זיי.

ווען מען האָט אַזאַ דייטש געבראַכט אין וואַלד, פלעגט ער זיך די ערשטע זאַך אינטערעסירן, צי עס זענען נישטאָ קיין יידן.

„גיט אונדז נישט איבער אין יידישע הענט, — פלעגן זיי זיך בעטן ביי די רוסן, — ווייל זיי האָבן געוווסט, אַז יידן גיבן נישט די דייטשן קיין חסד־טויט דורך אַ קויל, נאָר... אַ „יידישן טויט״.

די פּאַרטיזאַנער־קאָמאַנדירן האָבן געוווסט, אַז די יידן זענען להוט אויסצופירן טויט־אורטיילן איבער די דייטשן און ס׳רוב האָט מען דעם כבוד צוגעטיילט אַ פּאַרדינסטפולן, קעמפערישן יידישן פּאַרטיזאַן.

בעת אַ קאַמף צווישן זעכציק מאַן פון ישראל לפידותעס יידישן אָטריאַד מיט אַ דייטשן אויטאָ־קאַראַוואַן זענען פון אַ לויערונג דערהרגעט געוואָרן פיר און זיבעציק היטלערישע מערדערס. דער מזל האָט נישט צוגעשפּילט אַכט דייטשן און זיי זענען אַריינגעפאַלן לעבעדיקע אין געפאַנגענשאַפט ביי די יידישע פּאַרטיזאַנער. דערהערנדיק, אַז מען רעדט יידיש, איז ביי זיי דאָס בלוט פאַרגליווערט געוואָרן אין די אָדערן, נאָך פאַרן באַקומען זייער פאַרדינטע שטראָף — אַ פּייניקונגס־טויט, ווי זיי האָבן עס געטון צו די מיליאָנען יידן אין אייראָפּע...

נאָך אַ פאַרצויגענעם קאַמף אין די וועלדער פון גראַף פלאַטער (וואָלין) האָט גענעראַל ביעגמאַס פאַרטיזאַנער־פאַראייניקונג געגעבן אַ פאַרניכטנ־דיקן קלאַפּ די דייטשן, וואָס זענען געקומען אויף אַן אָבלאַווע. לערך פופציק־זעכציק ס״ס־לייט זענען דערהרגעט געוואָרן און די איבעריקע זענען אַנט־לאָפן. צווישן די געפאַלענע אין קאַמף, פאַרטיזאַנער, איז אויך געווען דער וואַרשעווער בחור קראָנענבערג (אַ פּליט). אַ חוץ די פּיל טראָפייען אין געווער און אַמוניציע האָט מען גענומען אין געפאַנגענשאַפט פינף פוילישע און אוקראַינישע פּאָליציסטן און אַ דייטש, אַ גרויסער יחסן, דער סטאַליגער געביטס־קאָמיסאַר, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן אָנפאַל אויף די וועלדער. ער האָט נאָך נישט באַוויזן זיך „אָנצוואַרעמען״ אויף זיין נייעם אַמט אַלס געביטס־קאָמיסאַר, ווייל ער איז אַהער געקומען דירעקט פון האַמבורג, ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק. דער דייטש, אַ „ראַסאָווער״ נאַצי, אַ הויכער בלאָנ־דין, איז באַלד אויסגעטאָן געוואָרן פון זיין שיינעם אוניפאָרם מיט די פאַרטייאישע אָפּצייכענונגען און איבערגעלאָזט געוואָרן בלויז אין די אונ־טערוועש. מלך באַקאַלטשוק, איינער פון די מיטאַרבעטער אין דער פאַר־טיזאַנישער צייטונג, איז געווען דער דאָלמעטשער. ווען ער האָט דערקלערט

דעם דייטש, אַז אַרום אים שטייען ייִדן, וואָס נעמען נקמה פֿאַר דעם פֿאַרגאָסענעם בלוט פֿון זייערע משפּחות און זייער פֿאָלק, איז ער געבליבן ווי געפּלעפֿט. באַקאַלטשוק האָט אַ ם פֿאָרגעלייגט, אַז ער זאָל שילטן היטלערן, וועלכער איז שולדיק אין אַלע אומגליקן. דער דייטש האָט געענטפֿערט: „איך וועל נישט שילטן און לעסטערן דעם נאָמען פֿון „פֿירער", אַדאָלף היטלער!"

לויטן באַפֿעל פֿון גענעראַל ביעגמאַ זענען די געפֿאַנגענע פֿאַרמשפּט געוואָרן צום טויט דורך דערשיסן. דעם כּבֿוד צו דערשיסן דעם געביטס־קאָמיסאַר איז צוגעטיילט געוואָרן דעם נאַטשאַלניק פֿון דער רייטער־אויסשפּיר אָפּטיילונג, דעם ייִדן, אַלעק אַבוגאָוו.

אין דעצעמבער 1943, איז דער אָטריאַד „טשאַפּאַיעוו" (שיטאָווס פֿאַראייניקונג), אַוועק מינירן ביי לוניניעץ אַ דייטשן צוג, וועלכער האָט געפֿירט מיליטער צום צווייטן ווייסרוסישן פֿראָנט. די אויפֿגאַבע פֿון די דריי הונדערט פּאַרטיזאַנער איז געווען אָפּצוואַרטן ביז נאָכן אויפֿרייס פֿון באַן און נעמען די לעבנגעבליבענע דייטשן אין געפֿאַנגענשאַפֿט. די אויפֿגאַבע האָט דער אָטריאַד גלענצנדיק אויסגעפֿירט. נאָכן אויפֿרייס זענען די לעבנגעבליבענע הונדערט און אַכציק דייטשן פֿון גרויס איבעראַשונג אַריינגעלאָפֿן אין דערבייאיקן וועלדל, ווו עס האָט זיי אָפּגעוואַרט די פּאַרטיזאַנישע לויערונג. די דייטשן זענען באַלד אַנטוואָפֿנטע אויסגעשטעלט געוואָרן צו פֿיר אין אַ ריי און אַוועקגעטריבן געוואָרן צום פּאַרטיזאַנער־שטאַב.

דער ייִדישער פּאַרטיזאַן, אברהם וויניצער (טוטשין) איז פּונקט דאַן געווען אין די הינטערשטע רייען און האָט באַמערקט, אַז אַ דייטש ליגט באַהאַלטן הינטער אַ בוים. ער האָט וועגן דעם געמאָלדן זיין קאָמאַנדיר, וועלכער האָט אים צוגעטיילט נאָך צוויי פּאַרטיזאַנער אויף צו נעמען אים אַ לעבעדיקן. וויניצער האָט זיך אָפּגעזאָגט, פֿון הילף און אויסגעדריקט זיין גרייטקייט צו כאַפּן דעם דייטש איינער אַליין. עס איז אים געלונגען אונטערגייענדיק פֿון הינטן נעמען דעם דייטש אַ לעבעדיקן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען דער לאַנג־געזוכטער דייטשער קאַפּיטאַן, אַדאָלף מעבאַד, וועלכער האָט אָנגעפֿירט מיט דער רעקרוטאַציע און טראַנספּאָרט פֿון זעלנערס צום 2טן ווייסרוסישן פֿראָנט. דער אָטריאַד־קאָמיסאַר, וואַסילעוויטש, מעלדעט וויניצערן, אַז פֿאַר זיין העלדישער טאַט ווערט ער צו־

געשטעלט צו אַ הויכן מלוכה־אָרדן, ווערט באַשטימט אַלס גרופּע־קאָמאַנדיר, באַקומט דעם סיגנעט און פּיסטאָלעט פון דעם געפאַנגענעם און, אַז ער איז גרייט נאָכצוקומען זיינע אַלע ווונטשן.

לויט דער פּאַרטיזאַנישער טראַדיציע, איז דאָס פּערזענלעכע געווער פון אַ געטויטן אָדער געפאַנגענעם שונא געוואָרן דאָס אייגנטום פון דעם זיגער. עס איז געווען אַ גרויסער כבוד פאַר אַ פּאַרטיזאַן צו טראָגן די מלבושים און געווער פון אַ דערמאָרדעטן שונא. וויניצער האָט געענטפערט, אַז זיין גרעסטע באַלוינונג וועט זיין, ווען דער קאָמאַנדיר וועט אים דער־לויבן אויסצוקלייבן צען אָפיצירן פון די געפאַנגענע, כדי ער זאָל זיך קענען אָפּרעכענען פאַר אַלץ און אַלעמען... אויף דער פראַגע פון קאָמאַנדיר, פאַרוואָס וויל ער נעמען פון זיי אַזאַ שרעקלעכע נקמה, האָט ער געענטפערט: „די דייטשן האָבן אויסגעראָטן מיין פאָלק און מיין גאַנצע משפחה". דער קאָמאַנדיר דערלויבט אויסצוקלייבן צען אָפיצירן, וועלכע וויניצער שטעלט אויס אין איין ריי: „איך בין אַ יודע — זאָגט ער צו זיי — איר דייטשן, האָט אומגעבראַכט מיין פאָלק אין אייראָפּע, איצט זענט איר ביי מיר אין די הענט און איך וועל אייך אומברענגען אויפן זעלביקן אופן, ווי איר האָט אומגעבראַכט מיין אומגליקלעכע פאַמיליע".

די דייטשן האָבן ווי געוויינטלעך זיך אָנגעהויבן צו פאַרענטפערן, אַז זיי זענען נישט שולדיק אין פאַרגאָסענעם יידישן בלוט און, אַז אין אַלעמען איז שולדיק נאָר דער „פאַרפלוכטער" היטלער. איינער האָט אַפילו געפּרוווט אויפצווייזן, אַז אין זיינע אָדערן פליסט יידיש בלוט...

וויניצער האָט דאַן צוגעבונדן פינף אָפיצירן צו ביימער און אַנטקעגן זיי אויסגעלייגט אַנדערע פינף אָפיצירן, בכדי זיי זאָלן זיך צוקוקן צום טויט פון זייערע חברים. איינציקווייז האָט ער זיי געפּייניקט אויפן דייטשן שטייגער און געשטילט זיין נקמה־דורשט פאַר זיין אומגעבראַכטער פאַ־מיליע.

דער אָטריאַד־קאָמאַנדיר האָט וויניצערן געלויבט פאַר זיין נקמה־נעמען: „דו ביסט אַ בראַווער ייִד, דו קענסט נקמה נעמען..."

מישע אוצר (אָסטראָג, וואָלין), ווזוואָד־קאָמאַנדיר פון ייִדישן אָטריאַד „זשוקאָוו", האָט גענומען געפאַנגען, בעת אַ לויערונג אויפן שאָסיי מינסק־סלוצק, צוויי דייטשן און אָפּגעשיקט זיי אויפן עולם־האמת.

ישראל באַגדוש (מישעניץ, אַסטראָלענקער ראַיאָן), איז פון סלאָנימער געטאָ געקומען צו לויפן אין בולאַקס־אָטריאַד און האָט זיך אויסגעצייכנט אין אַלע קאַמפן אַלס דרייסטער קוילנוואַרפלער. אין קאַמף ביי שליזיען־פּאַדגרעבעלסקי האָט ער מיט זיין קוילנוואַרפער געהרגעט פיר און גענומען געפאַנגען צוויי לעבעדיקע פּאָליציאַנטן, באַהאַלטענע אונטער דער בריק. ברענגענדיק זיי אין אָטריאַד האָט מען אים צוגעטיילט די זכיה זיי צו פּטרן.

סעפּטעמבער 1943 איז ער צוזאַמען מיט נאָך אַכט פּאַרטיזאַנער אַוועק אין סלאָנימער אומגעגנט אַראָפּלאָזן פון די ליניעס אַ דייטשן עשאַלאָן מיט געווער. עס זענען דערביי אומגעבראַכט געוואָרן פופציק דייטשן. עס איז זיי אויך געלונגען צו ברענגען צוויי לעבעדיקע דייטשן אין שטאַב. נאָך אַן אויספאָרשונג האָט מען זיי פאַראורטיילט צום טויט און באַגדוש האָט גע־פּועלט ביי דער קאָמאַנדשאַפט, אַז ער זאָל זיי אייגנהענטיק צעשיסן.

דעצעמבער 1943 האָט ער איבערגעשיקט אויפן עולם־האמת אַ שפּיאָן, אַ פּויער, וועלכער איז געשיקט געוואָרן דורך די דייטשן אויסצושפּירן דאָס אָרט פון פּאַרטיזאַנער־לאַגער.

שמחה קרעסנאָווסקי (דערעטשין), האָט בעתן אָנפאַל אויף דערעטשין אַליין גענומען אין געפאַנגענשאַפט זיבן אוקראַינישע פּאָליציאַנטן און זיי אַלעמען דערשאָסן.

יוסף גאָלוב, פּאַרטרעטער פון אויספיר־קאָמאַנדיר פון מעדוועדיעווס אָטריאַד, האָט אין דער נאַכט פון 31טן דעצעמבער 1942, אָנטייל גענומען צוזאַמען מיט אַ גרופּע יידן אין דעם אָנפאַל אויף דעם ליודוויפּאָלער גאַרני־זאָן. אין דעם קאַמף האָט מען גענומען געפאַנגען עלף ס״ס־לייט. מען האָט זיי אָפּגעפירט אין דאָרף ביסטריטש און דאָרט זיי צעפערטלט.

בשעת גאָלוב מיט די יידן זענען נאָך געווען אַ באַזונדערע יידישע פּאַרטיזאַנער־גרופּע (פאַר דער פאַראייניקונג מיט מעדוועדיעווס אָטריאַד) האָבן זיי געמאַכט אַ לויערונג אויפן וועג בערעזנאַ־ביסטריץ, ווו עס האָבן באַדאַרפט דורכגיין צוועלף אוקראַינישע פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן גענו־מען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די יידישע שחיטות פון די שטעטלעך בערעזנע און לודוויפּאָל (וואָלין). בלויז דריי מאַן פון דער גרופּע זענען געווען באַ־וואָפנט מיט ביקסן, די איבעריקע האָבן געהאַט נאָר מעסערס. צוליב דעם

פּלוצלינגדיקן איבערפאַל איז זיי געלונגען צו נעמען די צוועלף פּאָליציאַנטן לעבעדיקערהייט און געבן זיי די פאַרדינטע שטראָף.

דער ייִדישער אָטריאַד „קאַגאַנאָוויטש ל. מ.״ (מיאָר־דיסנער געגנט), האָט זיך דערוווּסט דורך באַקאַנטע פּויערים, אַז פון מיאָרער גאַרניזאָן גרייט זיך די זשאַנדאַרמעריע מיטן „מייסטער״ בראש צו פאָרן כאַפּן ייִדישע פאַרטיזאַנער און צונעמען די געהרגעטע פּאָליציאַנטן און דייטשן, וועלכע זענען דעם 25טן מאַי 1943, אומגעבראַכט געוואָרן אין קאַמף דורך די ייִדישע פאַרטיזאַנער פון א״ד אָטריאַד. די פאַרטיזאַנער האָבן זיך באַזעצט אין אַ וועלדל נישט ווייט פון וועג, דורך וועלכן עס האָבן געזאָלט דורכפאָרן די דייטשן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס זענען געווען מער, ווי 75 דייטשן (ייִדישע פאַרטיזאַנער געווען בלויז 55 מאַן).

נאָך אַ קורצן קאַמף איז זיי געלונגען די דייטשן צו צעיאָגן. די דייטשן, אַנטלויפנדיק אין פּאַניק, האָבן איבערגעלאָזט אַ פאַרוווּנדעטן 51־יעריקן דייטש, וועלכער האָט זיך פאַרלייגט אונטער אַן איבערגעקערטן וואָגן און זיך אָפּגעשאָסן. צוויי פאַרטיזאַנער זענען פאַרגאַנגען פון הינטן און אים גענומען אַ לעבעדיקן. הינטער אַ דערהרגעטן פערד האָט מען אויך געפונען אַ פּויער פון אַ שכנישן דאָרף, וועלכער האָט נישט באַוויזן צו אַנטלויפן (געגאַנגען מיט די דייטשן אַלס וועגווייזער). בעת דער אויספאָרשונג האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער דייטש איז דער זשאַנדאַרמען־מייסטער פון שטעטל מיאָר, וועלכער האָט זיך טרויעריק באַרימט־געמאַכט בעת די שחיטות פון די ייִדן אין מיאָר און אומגעגנט. די ייִדישע פאַרטיזאַנער האָבן זיי געוואָלט געבן אַ „ייִדישן טויט״, נאָר די קריסטלעכע אָנפירונג פון די שכנישע אָטריאַדן האָט דאָס נישט דערלויבט און מען האָט זיי לויטן אורטייל דער־שאָסן.

די ייִדישע פאַרטיזאַנער פון די וואָלטשע־נאָרער־וועלדער האָבן גע־כאַפּט אַ דייטש און געבראַכט אים אין אָטריאַד. דער דייטש האָט נישט געגלויבט, אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין ייִדישע הענט... „וואָס, איר זענט טאַקע ייִדן? זאָל איך גלייבן, אַז איך בין ביי ייִדן אַ געפאַנגענער?!״ מען האָט אים אַ געבונדענעם אַרומגעפירט איבער די פאַרטיזאַנער־לאַגערן און דערפער און שפּעטער פאַרברענט לעבעדיקערהייט...

אַ דייטשער העכערער אָפיציר איז אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט

ביי דער פּאַרטיזאַנער־בריגאַדע א״נ „ראָקאָסאָווסקי״ אין די וואָלטשע־נאָרער־וועלדער. בעתן אַדורכפירן אַן אויפרייס אויף אַן אייזנבאַן־סטאַנציע דורך צוויי פּאַרטיזאַנער, איבערגעטאָנענע אין דייטשע מונדירן פון דער ס״ס־אַרמיי, האָבן זיי אין דער אַנטשטאַנענער פּאַניק געראַטן דעם דייטש, אַז ער זאָל מיט זיי אַנטלויפן אין שטאָט אַריין. זיי האָבן אים אָבער געבראַכט גלייך אין וואַלד. בעת דער אויספאָרשונג, האָבן די אָנוועזנדיקע קאָמאַנדירן, געראַטן דעם דאָלמעטשער, יחיאל גראַנאַטשטיין, אַז ער זאָל דערציילן דעם דייטש, אַז ער, יחיאל איז אַ ייד. „גיב אים איבערן פּיסק״ — האָבן זיי אים דערמוטיקט. גראַנאַטשטיין, וועלכער איז דאַן געווען פאַרוווּנדעט, האָט מיט דער קוליע אים אַ זעץ געטון איבערן פּנים און געשריגן:

— „הערסט, אַ יודע בין איך, אַ יידישער פּאַרטיזאַן. נו? שוין אַלע דרייסיק טויזנט יידן אומגעבראַכט אין סלאָנימער געטאָ? אַלע שוין אין גריבער אַריינגעוואָרפן? רייד, מנוול, וואָס דו ביסט...״

„דער דייטש האָט פאַרעקשנט געשוויגן און צום סוף געזאָגט:

— „איר זיצט דאָ און קעמפט פאַר סטאַלינען און מיר פאַר היטלערן, אונדזער גרויסן פירער...״

„אַז גראַנאַטשטיין האָט איבערגעזעצט דעם געגעבענעם ענטפער, האָבן די קאָמאַנדירן באַפוילן „צורעכטמאַכן״ דעם דייטש, עטלעכע הונדערט מעטער פון דעם לאַגער. ער האָט אים צוגעבונדן צו אַ סאָסנע־בוים און מיט אַ מעסער אַרויסגענומען די אויגן...״

(יחיאל גראַנאַטשטיין — „איך האָב געוואָלט לעבן״, — ז״ז, 65־67).

דער רוסישער קאָמאַנדיר פון אָטריאַד „שטשאָרס״ (שיטאָווס פּאַרטיזאַנער פאַראייניקונג, דערלויבט דעם יידישן העלדישן פּאַרטיזאַן, אברהם זאָלאָטאָוו (סאַרנע), אויסצופירן דעם טויט־אורטייל איבער די צוויי געפאַנגענע דייטשן ביים שטעטל בערעזנע, אַלס נקמה פאַר זיינע דערמאָרדעטע פרוי און קינדער.

יחיאל טראָסטמאַן (ראָקיטנע) פון אָטריאַד „פּליוסקאַנאָסאָוו״, האָט צוזאַמען מיט אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער דורך אַ פּלוצלינגדיקן איבערפאַל גענומען געפאַנגען אַכט אוקראַינישע „באַנדעראָווצעס״. אין שטאַב זענען זיי נאָך אַן אויספאָרשונג געוואָרן דערשאָסן. פאַר דער דורכגעפירטער דרייסטער אָפּעראַציע איז טראָסטמאַן צוגעשטעלט געוואָרן צום „לענין״־אָרדן.

דער יידישער פּאַרטיזאַן מאַקס ביעגון האָט באַקומען אַ באַפעל אויס־

צושפּירן די געגנט אַרום יאַשון (ביי ווילנע). דאָס איז געווען אין דער צייט פון ראַשיקן צוריקטריט פון דער דייטשער אַרמיי, בעתן גלענצנדיקן אָנגריף פון דער רויטער אַרמיי אויפן מיטל־פראָנט (סמאָלענסק־וויטעבסק). אויפן וועג ווערט ער פּלוצלינג פאַרהאַלטן פון פיר דייטשן, וועלכע ווילן אים הרגענען.

— „ניכט שיסען!״ — שרייט ביעגון — ווען איר דערשיסט מיך, ווערט איר גלייך דערמאָרדעט דורך די פּאַרטיזאַנער, וועלכע פאָרן נאָך מיר״. די צעטומלטע דייטשן האָבן גלייך אַראָפּגעלאָזט די אָנגעשטעלטע אַוטאָמאַטן. — „קומט אין געפענגעניש, אָבער שנעל, לייגט דאָס געווער!״ — האָט אויסגעשריגן ביעגון צו די דייטשן. די דייטשן האָבן שנעל צו־נויפגעלייגט דאָס געווער און האָבן זיך מיט תחנונים געבעטן. „איר וועט אונדז נישט הרגענען?״ — „ניין״ פאַלט דער ענטפער.

ביעגון שפּרינגט דאַן שנעל אַראָפּ פון פערד, קלייבט צונויף דאָס גע־ווער און מיט אַ געשריי „פאַראויס!״ האָט ער זיי אַוועקגעטריבן אין אָטריאַד.

אויפן וועג, ווען די דייטשן האָבן זיך אָריענטירט, אַז זיי זענען מיאוס אַריינגעפאַלן, האָבן זיי אַ פרעג געטון, „ווער ביסטו, וואָס דו האָסט אונדז געקענט אַזוי פאַרנאַרן און אַנטוואָפענען?״ — „אַ ייד״ — האָט זיי ביעגון געענטפערט. ער האָט זיי אַלעמען אייגנהענטיק צעשאָסן אין פּאַרטיזאַנער־לאַגער.

אין די טעג פון פּאַנישן אָפּטרעטן פון דער דייטשער אַרמיי פון ווייס־רוסלאַנד (יוני 1944), ווען די דייטשן זענען איינגעקעסלט געוואָרן אין דער אומגעגנט פון וויטעבסק און מינסק, האָבן זיי, וועלנדיק זיך אַרויסרייסן פון טויטן־רינג, גרופּנווייז זיך געלאָזט דורך די וועלדער און פּושטשעס, אָנ־טרעפנדיק דאָרט אויף פּאַרטיזאַנישע לויערונגען, וועלכע פלעגן זיי אָפּ־וואַרטן, מאַסנווייז נעמען אין געפאַנגענשאַפט און פאַרניכטן.

אויך די יידישע פאַמיליע־אָטריאַדן פון ביעלסקי און זאָרין אין נאַלי־באָקער־פּושטשע האָבן אין יענעם פעריאָד גענומען פיל געפאַנגענע און ווי געהעריק זיך מיט זיי אָפּגערעכנט. אין פיל פאַלן פלעגט מען די בלאָנקענ־דיקע דייטשן אָפּטרעטנדיקע גרופּעס נישט אָפּפירן אין שטאַב צו אַן אויספאָרשונג, נאָר גלייך „דערליידיקן״ אין וועג.

די אויסשפּיר־גרופּע פון ביעלסקיס אָטריאַד: ישראל קאָטליער, בן־

ציון גולקעוויטש, אליהו רוביעשעווסקי און חנן פּרעסמאַן, האָבן געבראַכט אין שטאַב פיר געפאַנגענע דייטשן. ביים אַריינגאַנג אין שטאַב זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן אַלע פּרויען און זקנים פון לאַגער און געפאָדער׳ט אַרויס־געבן די היטלעראָווצעס צום לינטשן. נישט דערוואַרטנדיק זיך, האָט דער המון זיי אַרויסגעשלעפּט פון שטאַב. די דייטשן האָבן געפּרווט דראָען, אַז די דייטשע אַרמיי וועט נאָך צוריקקערן און זיך אָפּרעכענען מיט די יידן. פול מיט נקמה־געפילן האָט זיך דער המון געוואָרפן אויף די דייטשן. ישראל לייבאָוויטש האָט מיט אַ מעסער געשניטן פון זיי די פינגער. דער גאַנצער המון האָט זיך געוואָרפן אויף זיי מיט שטעקנס, לאָפּאַטעס און מעסערס, שטילנדיק אַ ביסל זייער נקמה־געפיל. אַפילו דער אַלטער 75־יעריקער פּופקאָ פון לידע האָט מיט אַ שטעקן געשלאָגן אָן רחמנות און געשריגן: „פאַר מיין ווייב, פאַר מיינע קינדער, פאַר אַלע יידן!...״

אין יענע טעג האָט מען אין אַ גרופּע געפאַנגענע דייטשן דערטאַפּט אַ גאַר וואַזשנעם „העכט״ פון דער געסטאַפּאָ. נאָך אַ קרייץ־פאַרהער אין ביעלסקיס אָטריאַד איז אויף אים אַרויסגעטראָגן געוואָרן אַ טויט־אורטייל. מיכל לייבאָוויטש (נאָוואָגרודעק) האָט אויסגעקעמפט פאַר זיך דאָס רעכט אויסצופירן דעם טויט־אורטייל, מאָטיווירנדיק, אַז ער האָט נאָך ווייניק נקמה גענומען פאַר זיינע געפאַלענע ברידער אין פאַרטיזאַנקע. צו הילף האָט ער זיך גענומען זיין ברודער זלמן און מרדכי שמוליעוויטש (סיעליוב). דער דייטשער געסטאַפּאָ־מאַיאָר האָט געפרעגט, נישט אָן ציטער, ווזהין מען פירט אים. מיכל לייבאָוויטש האָט אים דאַן געענטפערט מיט אַ שמייכל, אַז מען פירט אים אין באָד אַריין אָפּצוואַשן אים אַ ביסל פון זיינע מער־דערייען... אַ קויל איז געווען אַ שאָד און אַ צו גרינגער טויט פאַר אַזאַ אויסוואורף פון מענטשלעכן מין. לייבאָוויטש האָט מיט אַ האַק אים אָפּגע־האַקט דעם קאָפּ.

קורץ נאָך דעם פאַל איז געקומען אַ ספּעציעלער שליח פון גענעראַל־מאַיאָר פּלאַטאָן צו ביעלסקין און געבעטן שיקן אין גענעראַל־שטאַב צוויי מאַן, וועלכע קענען דייטש, בכדי אויסצופאָרשן אַ גרעסערע גרופּע געפאַנ־גענע דייטשן. עס זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן דער נאַטשאַלניק פון „ספּעציעלן אָפּטייל״, וואָלקאָוויסקי און דער „סטאַרשינאַ״, פּסח פרידבערג. בעת דער אויספאָרשונג האָט מען ביי אַ דייטשן אָפיציר געפונען אַ בילד,

וועלכעס האָט פאַרגעשטעלט, ווי דער דייטש, שטייט מיט אַ פּיסטאָלעט אין האַנט און טרייבט אַ גרופּע יידן צו דער שחיטה. אַ גרופּע רוסישע פּאַרטיזאַנער, צוזאַמען מיט די א״ד צוויי יידן, האָבן אויסגעפירט דעם טויט־אורטייל איבער די לערך זעכציק דייטשן דורך אַריינשיסן אַ קויל אין קאָפּ.

אין חודש יאַנואַר 1943, האָבן דיאַדיאַ מישאָס פּאַרטיזאַנער דערהרגעט אַן אוקראַאינישן פּויער, וואָס האָט צוזאַמענגעאַרבעט מיט די דייטשן און פאַרברענט זיין הויז אוןווירטשאַפט. צוריקגייענדיק פון דער אַדורכגעפיר־טער אויפגאַבע זענען די פּאַרטיזאַנער, צוזאַמען מיט זייער קאָמאַנדיר, „דיאַדיאַ מישאַ״ (גילדענמאַן), אַריין אין כוטאָר יאַקאָוויעץ (זשיטאָמירער קרייז) אָפּצורוען און עסן. לויט די איבערגעלאָזענע שפּורן אויפן שניי איז באַלד אונטערגעקומען אַן אָפּטיילונג דייטשע סאָלדאַטן. זיי האָבן געהרגעט די פּאַרטיזאַנישע וואַכן און אַרומגערינגלט דאָס הויז פון אַלע זייטן. די פּאַרטיזאַנער אין שטוב האָבן גאָרנישט פאַרגעפילט, שטיצנדיק זיך אויף די אַרויסגעשטעלטע וואַך, וועלכע וועט, אין פאַל פון אַ סכנה, זיי אַלאַרמירן.

די רעטונג פון אַ זיכערער פאַרניכטונג, פון דער גאַנצער פּאַרטיזאַנער־גרופּע איז געקומען אומדערוואַרט, געווי אַזוי ווי דער דייטשער אָנפאַל. שמחה (ליאָנקע), דעם קאָמאַנדירס זון, וואָס איז געווען דער נאַטשאַלניק פון אויסשפּיר אין אָטריאַד, האָט זיך צוריקגעקערט מיט זיינע מענטשן פון אַן אויפגאַבע און איז צוגעקומען צום אַרומגערנגלטן כוטאָר. ער האָט באַלד זיך אָריענטירט אין דער געשאַפענער לאַגע. ער האָט מיט זיין גרופּע פאַרנומען אַ פּאָזיציע אין אַ שטאַל, אַנטקעגנאיבער דער אַרומגערינגלטער שטוב און פון הינטן געעפנט אַ פייער אויף די דייטשן. צווישן די דייטשן איז אַנטשטאַנען אַ גרויסע פּאַניק. עס זענען געפאַלן פון זיי געהרגעטע און זיי האָבן אָנגעהויבן צו אַנטלויפן. צווישן די געפאַנגענע דייטשן און „פאָלקס־דייטשן״ זענען אויך געווען אָנטיילנעמער אין דער שחיטה אין נאָוואָגראַד־וואָלינסק און דער קאָמאַנדיר פון דער שטראָף־עקספּעדיציע, לייטענאַנט קנאָפּף. די איבעריקע געפאַנגענע האָט מען צעשאָסן אָן „צערע־מאָניעס״. קנאָפּף האָט באַקומען אַ „יידישן טויט״. מען האָט אים אויסגעטאָן אַ נאַקעטן, ליאָנקע האָט אים אָנגעטאָן אויפן לייב אַ „געלע לאַטע״ (וואָס ער האָט ביז דאַן געהיט אַלס אָנדענק פון געטאָ) און אים דערמאָנט, וואָס ער האָט געטון מיט די אומגליקלעכע יידן. מען האָט אים געצוווּנגען אויס־

צוגראָבן אַ קבר פאַר זיך, לייגן זיך מיטן פנים אַראָפּ און מען האָט אים דערשאָסן. ליאָנקע גילדענמאַן האָט פאַרן דערשיסן צו אים געזאָגט: „אַזוי האָט איר דערהרגעט מיין מאַמען און מיין קליינע שוועסטערל...״

די צוויי שוועסטער אירע און ליאָלאַ בערמאַן, וואָס האָבן געלעבט אין גאָדעלאָווע אויף אַרישע דאָקומענטן, האָבן אין אַפּריל 1944, מיטגעטיילט דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע אין קאָוונער געטאָ, אַז עס איז דאָ אַ

אַ גרופּע יידישע פּאַרטיזאַנער
פון אָטריאַד „קאָרטשאַגין״ (ליטע)
(אַרכיוו פון „יד ושם״, ירושלים)

מעגלעכקייט אויפצושטעלן אַ פּאַרטיזאַנישע באַזע אין די קאָזלאָוואָרודער וועלדער (לעבן קאָוונע). לויט זייערע מיטטיילונגען איז אין די וועלדער אַראָפּגעלאָזט געוואָרן אַ סאָוועטישער דעסאַנט. אונטער דער אָנפירונג פון ירחמיאל בערמאַן, פירער פון דער קאָוונער אונטערערד נאָך חיים יעלינס טויט, זענען אַרויס אין די וועלדער עלף מאַן. זיי האָבן צוזאַמען מיט די צוויי סאָוועטישע דעסאַנטניקעס, צען אָרטיקע ליטווינער און צוועלף

אַנטלאָפענע רוסישע געפאַנגענע, געבילדעט אַ פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד. מיטן אָנשליסן זיך פון יידן פון דעם שכנישן אַרבעטס־לאַגער צו גראָבן טאָרף איז די צאָל יידן אין אָטריאַד געוואָקסן ביז צו זיבן און צוואַנציק.

דער אָטריאַד האָט געשטערט די דייטשע קאָמוניקאַציע אויף דעם נאָענטן, וויכטיקן שאָסיי, לענינגראַד־דווינסק־קאָוונע־מאַריאַמפּאָל־קעניגסבערג און אויף דער אייזנבאַן־ליניע מינסק־ווילנע־קאָוונע־קעניגסבערג. די יידן האָבן אויסגעזוכט די ליטווישע פּאָגראָמשטשיקעס, וואָס האָבן אַקטיוו אָנטייל־גענומען אין די שחיטות אין די אַרומיקע שטעטלעך און מיטאַרבעטער מיט דער דייטשער אָקופּאַציע־מאַכט און זיי פאַרניכטעט. זיי האָט אָפּגעגליקט צו מאַכן אַ חשבון מיט אַ „שטראָף־עקספּעדיציע״ פון דייטשן און ליטווינער, וואָס האָט זיך ספּעציעל אָפּגעגעבן מיט אַדורכפירן „יידן־אַקציעס״ אין ליטע, לעטלאַנד און עסטאָניע. אָט וואָס עס דערציילט איינער פון די אָנטיילנעמער:

„דעם 10טן יוני, 1944, האָבן מיר באַקומען אַ ידיעה פון אונדזערע פאַרבינדלערס, אַז אין שכנישן דאָרף סאַלאַמאַבודאַ געפינט זיך אַן אָפּטיילינג דייטשן און ליטווינער. לויטן באַפעל פון אָטריאַד־קאָמאַנדיר, ירחמיאל בערמאַן (פּסעוודאָנים — „יאַנקאַ״) האָבן זיך פיר פאַרטיזאַנער איבערגעטאָן אין מונדירן פון דייטשע זשאַנדערמעריע און דער קאָמאַנדיר אַליין אין אַ מונדיר פון אַ זשאַנדאַרם־אָפיציר. די איבעריקע פאַרטיזאַנער האָבן זיך פאַרבאַהאַלטן ביים ראַנד פון וואַלד.

„די פינף פאַרטיזאַנער מונדירטע ווי זשאַנדאַרן זענען אַריין אין דאָרף כלומרשט צו זוכן דעזערטירן פון דער דייטשער אַרמיי. זיי האָבן אַרומגערינגלט דאָס הויז אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען די געסט און מיט אויסגעשטרעקטע אַווטאָמאַטן באַפוילן: „הענט אין דער הויך!״ די איבעראַשטע דייטשן און ליטווינער האָבן אָן שום ווידערשטאַנד זיך געלאָזט אַנטוואָפענען. בעתן קאָנטראָלירן זייערע פּערזענלעכע דאָקומענטן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איינער פון זיי איז פּאָלקאָווניק מאַטולוויציוש, אַן אָפיציר פון דער ליטווישער אַרמיי און פירער פון דער ליטווישער „סאַוגומאַס״, וואָס האָט צוזאַמענגעאַרבעט מיט די דייטשן. מאַטולוויציוש איז געווען דער יעניקער, וואָס האָט אין זומער 1941, באַלד נאָכן דייטשן אַריינמאַרש אין ליטע, אַדורכגעפירט דעם מאַסן־מאָרד פון די קאָוונער יידן אין ניינטן „פאָרט״. זייערע דאָקומענטן האָבן באַשטעטיקט, אַז אַלס „שטראָף־עקספּע־

דיציע ס״ס האָבן זיי דורכגעפירט די שחיטות אין ליטע, לעטלאַנד און עסטאָניע. מען האָט אַלע פינף באַלד דערשאָסן אויפן הויף ביים שטוב״.

(ראָכי בן־אליעזר, „פון לעצטן חורבן״, — מינכען, נומער 10 פון דעצעמבער, 1948).

דער אָטריאַד „סאָוויעטסקאַיאַ ביעלאָרוס״ האָט פאַרן אָפּטרעטן פון דער דייטשער אַרמיי פון ווייסרוסלאַנד צוזאַמען מיט אַלע אָטריאַדן פון דער נאַליבאָקער פּושטשע איינגעאָרדנט לויערונגען. אַן אָפּטיילונג פון א״ד אָט־ריאַד האָט בעת אַזאַ לויערונג געכאַפּט צוויי אַרומבלאָנקענדיקע דייטשן, וועלכע האָבן, ווענדיק זיך ראַטעווען, אַוועקגעוואָרפן זייער געווער. בערל רעזניק (מיר) דערקלערט זיי, אַז ער איז אַ ייד און ער וועט מיט זיי מאַכן אַ חשבון פאַר זייערע מערדערייען. איינער פון די געפאַנגענע האָט אַפילו געפּרוווט אויפצווייזן, אַז ער אַליין שטאַמט פון יידן, אויף דער ביטע פון רעזניקן האָט דער אָטריאַד־קאָמאַנדיר אים דערלויבט זיך אָפּצורעכענען מיט די דייטשן, וואָס ער האָט אויסגעפירט מיט גרויס פאַרגעניגן...

אַ גרופּע פון פיר פּאַרטיזאַנער פון זעלביקן אָטריאַד, (צווישן זיי בערל רעזניק און אַ יידיש מיידל, פאַניע גורעוויטש), זענען אַוועק אַרומרינגלען אין די בלאָטעס פון וואָלאָזשענער פּושטשע פאַרבאַהאַלטענע דייטשן. דער־נענטערנדיק זיך צו די קוסטעס, האָט מען אויף זיי אָנגעהויבן שיסן. די פּאַרטיזאַנער האָבן געעפנט אַ הוראַגאַן פייער, דאַן איז פון די קוסטעס אַרויס מיט אויפגעהויבענע הענט אַ הויכער, שיינער דייטש, אויסגעפּוצט מיט פיל אויסצייכענונגען. זיין פּיסטאָלעט האָט ער גלייך אַוועקגעוואָרפן. זיי האָבן אים גלייך אַוועקגעפירט אין שטאַב. בעתן פאַרהער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער דייטש איז געווען איינער פון די שעפן פון מינסקער געסטאַפּאָ. אַ מינסקער פּאַרטיזאַנערין האָט אין אים דערקענט איר שטענ־דיקן שלעגער אין געטאָ. בעת דער אונטערזוכונג האָט מען ביי אים געפונען צוויי פאָטאָ־בילדער, וועלכע שטעלן פאָר, ווי ער שטייט לעבן זיינע יידישע קרבנות מיט אַ קאַנטשיק אין די הענט. די יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן געפאָדערט פון דער קאָמאַנדשאַפט, אַז מען זאָל דעם רוצח איבערגעבן אין זייערע הענט. די קאָמאַנדשאַפט האָט איינגעפונען, אַז זייער ווענדונג איז אַ גערעכטע און באַשלאָסן אַנטקעגנצוקומען זייער ווונטש. מען האָט מיט אים געטון דאָס זעלביקע, וואָס ער האָט געטון מיט די אומגליקלעכע

ייִדן: מען האָט אים אַ לעבעדיקן איינגעגראָבן ביז העלפט אין דער ערד און דערשאָסן.

פּאַרטיזאַנער פון ניעוווסקיס בריגאַדע (קאָפּוסטינס פּאַראייניקונג), האָבן אין אַ דערפל ביי גראָדנע בעתן דייטשן צוריקטריט (יולי 1944), געכאַפּט צוויי דייטשן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איינער פון זיי איז אַ געסטאַ־פּאָוויעץ און האָט אויף זיין געוויסן פיל ייִדישע לעבנס. לויט זיינע אָנגאַבעס איז ער געווען פון פּראָפעסיע אַ ביבליאָטעקאַר. לויטן באַפעל פון דער העכסטער אָנפירונג פון דער רויטער אַרמיי האָט מען דאַן שוין נישט גע־טאָרט הרגענען די געפאַנגענע דייטשן, נאָר מען האָט זיי געמוזט איבערגעבן אין געפאַנגען־לאַגער. די ייִדישע פּאַרטיזאַנער פון דער זעלבער בריגאַדע, וועלכע זענען דערביי געווען אָנוועזנד: קרימעלאָווסקי, ה. צוקערמאַן, דער שרייבער פון די שורות און אנד׳, האָבן געבעטן דעם גענעראַל־מאַיאָר קאַ־פּוסטין, וועלכער איז דאַן צופעליק אָנגעפּאַרן, אַז אין דעם פאַל זאָל ער מאַכן אַן אויסנאַם און דערלויבן די דייטשן אומצוברענגען. ער האָט מסכים געווען. מען האָט די צוויי דייטשן אָפּגעפירט הינטערן דאָרף, געצוווּנגען אַליין אויסצוגראָבן פאַר זיך גריבער און זיי דערשאָסן.

די רויטע אַרמיי איז שוין געווען אַוועק פאָראויס, נאָר דער ייִדישער פאַמיליע־אָטריאַד „זאָרין" (נאַליבאָקער פּושטשע) האָט נאָך נישט געהאַט קיין באַפעל אַרויסצוגיין פון וואַלד. אין אַ געוויסן פרימאָרגן, האָט דער אָטריאַד־פּאַטרול געמאָלדן, אַז עס דערנענטערט זיך אַ גרויסע גרופּע אָפּ־טרעטנדיקע דייטשן. דער קאָמאַנדיר, זאָרין, האָט גלייך באַפוילן, אַז אַלע באַוואָפנטע זאָלן אַרויס אין קאַמף. נישט אָפּשאַצנדיק, דעם איבערוויגנדיקן כוח פון די דייטשן, וועלכע זענען געווען איבער 250 מאַן (זאָרינצעס — 30), האָט זיך זאָרין געוואָרפן צו זיי מיט אַ געשריי „הענדע האָך!" די דייטשן האָבן דאַן אָנגעהויבן אַרומצורינגלען די ייִדישע גרופּע. עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ פאַרביסענער קאַמף, בעת וועלכן זאָרין איז פאַרוווּנדעט גע־וואָרן אין פוס און נאָך צוויי פּאַרטיזאַנער זענען ערנסט פאַרוווּנדעט געוואָרן. נישט באַוויזנדיק צו נעמען מיט זיך די קערפּערס פון די פיר געהרגעטע און צוויי פאַרוווּנדעטע, איז מען אָפּגעטראָטן. אין דעם קאַמף זענען געפאַלן פיר פּאַרטיזאַנער (יעקב פעקער, משה טוניק, עזרין און סיאָמקע). ווען מען איז שפּעטער געגאַנגען צונעמען די הרוגים, האָבן די דייטשן געעפנט אַ

פייער פון אַ לויערונג. די פּאַרטיזאַנער, וועלכע זענען געווען אין אַ גרע־סערער צאָל, האָבן זיך באַלד אָריענטירט, אַז דאָ ליגט נישט קיין גרויסע דייטשע גרופּע. מען האָט זיי אַרומגערינגלט און גענומען די זיבעצן לעבע־דיקע דייטשן אין געפאַנגענשאַפט. אין לאַגער האָט מען זיי איבערגעגעבן אין רשות פון די לאַגער־ייִדן. מיט געשרייען „פאַר מיין מאַמען, פאַר מיין טאַטן, פאַר די קינדער!", האָט מען זיי געהרגעט.

ייִדישע פּאַרטיזאַנער זענען אומגעקומען אין געיעג צו נעמען אין גע־פאַנגענשאַפט לעבעדיקע דייטשן, בכדי צו האָבן אַ מעגלעכקייט צו שטילן דעם שרעקלעכן אָנגעזאַמלטן צאָרן.

דער ייִדישער וזוואָד פון אָטריאַד „קרוק", צוזאַמען מיט די פּאַרטי־זאַנער־פאַראייניקונג פון גענעראַל פיאָדאָראָוו־ראָווענסקי און גענעראַל־מאַיאָר ביעגמאַ (איבער 400 מאַן), זענען אַרויס ליקווידירן די באַוואָפנטע אוקראַיִנישע באַנדעס (בולבאָוצעס) אין שטעטל ראַפאַלאָווקע (וואָלין). מען האָט זיך צעטיילט אין צוויי גרופּעס. איין גרופּע האָט זיך פאַרלייגט אין אַ לויערונג ביים טייך סטיר אין פאַל ווען דער שונא וועט אָפּטרעטן אין ריכטונג פון טייך און וועלן אַריבערכאַפּן אויף דער צווייטער זייט. די צווייטע גרופּע האָט געדאַרפט פירן דעם אָנגריף.

פאַרטאָג זענען שוין אַלע געווען אויף די ערטער און ווי נאָר עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגן, האָט אויף אַ צייכן פון אַ קאָלירטער ראַקעטע זיך אָנגעהויבן די אַטאַקע אויפן שטעטל. די אויסגעשטעלטע וואַך פון שונא האָט באַמערקט, ווי פון אַלע זייטן ציט זיך אַ קייט פון מענטשן. זיי האָבן גלייך אַלאַרמירט דעם שטאַב, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. „בולבאָוצעס" האָבן זיך אין פּאַניק געלאָזט לויפן אין אַלע ריכטונגען. ווי די פּאַרטיזאַנער האָבן פאָראויסגעזען, האָבן זיי זיך טאַקע געלאָזט צום טייך, צו די אָנגעגרייטע שיפלעך, וועלנדיק זיך אַרויסרייסן פון קלעם, אָבער דאָ האָט זיי באַגעגנט אַ הוראַגאַן־פייער פון דער פּאַרטיזאַנישער לויערונג. עטלעכע שיפלעך מיט אייניקע „בולבאָוצעס" האָט זיך דאָך איינגעגעבן אַריבערצוכאַפּן זיך אויף דער צווייטער זייט.

סענדער ליסאַק, אַן אַכצן־יעריקער בחורל, האָט פון זיין באַהעלטעניש באַמערקט, ווי איין „בולבאָוועץ" איז דורכגעשווומען אויף דער צווייטער זייט. וועלנדיק אים נעמען אַ לעבעדיקן, לאָזט אים ליסאַק אַרויסגיין פון

וואַסער, און ווען ער דערנענטערט זיך אויף עטלעכע מעטער פון זיין באַהעלטעניש, שפרינגט ער אַרויס אים כאַפּן. אין דעם מאָמענט האָט דער „בולבאָוועץ" אויסגעשאָסן און געטראָפן ליסאַקן אין קאָפּ, פאַרוווּנדנדיק אים שמערבלעך. ער איז אין צוויי טעג אַרום געשטאָרבן.

אַ גרופּע ווייסרוסישע פּאָליציסטן האָט זיך דערנעדט מיטן אָטריאַד „גולאַיעוו" צו העלפן זיי פאַרניכטן דעם דייטשן גאַרניזאָן אין אַ ראַיאָנעם צענטער. לויטן פּלאַן האָבן די פּאָליציסטן געדאַרפט נאָך דעם, זיך אָנשליסן צו די פאַרטיזאַנער. מען האָט פאַרוואָרפן מיט האַנט־גראַנאַטן די צימערן, ווו עס זענען געשלאָפן עטלעכע צענדליק דייטשן. דער ייִדישער וווזוואָד־קאָמאַנדיר, דאָמניץ (פּסעוודאָנים — „באָלשאָי" — דער גרויסער), איז, נאָכדעם ווי די אויפרייסן האָבן אויפגעהערט, אַריין אין שטוב צו קאָנטראָלירן, אויב עס איז ווער פון די דייטשן נאָך געבליבן לעבן... עס האָט זיך דערהערט אַן אויפרייס, ווייזט אויס פון אַ נישט־אויפגעריסענעם גראַנאַט און דאָמניץ איז שווין פון הויז נישט אַרויסגעגאַנגען.

עוזר מאַזע (סטויפּץ), וועמען די דייטשן האָבן גערופן „סטאַלינישער באַנדיט" (ביי פאַרטיזאַנער דער גרעסטער קאָמפּלימענט), איז אין מערץ 1944, אַרויסגעפאָרן בראש פון אַ גרופּע פאַרטיזאַנער פון „זשוקאָווס"־אָטריאַד אויף אַ ווירטשאַפטס־אָפּעראַציע אין ניעסוויזשער ראַיאָן. ער שטעלט זיך אָפּ מיט זיין גרופּע אין אַ דאָרף און ער מיט נאָך דריי חברים לאָזן זיך צום נאָענטסטן כוטאָר, ווו זיי באַגעגענען זיך, צופעליק, מיט צוויי פּאָליציאַנטן. עוזר האָט געהאַט די מעגלעכקייט זיי צו דערשיסן, נאָך איידער זיי האָבן זיך געכאַפּט צום געווער. מאַזע איז אָבער געווען פון די, וועלכע האָבן זיך נישט באַגנוגנט מיט אַ מינימום נקמה. ער האָט געוואָלט זיי דווקא נעמען לעבעדיקע, ברענגען אין אָטריאַד און דאָרט זעטיקן די לעכצנדיקע הערצער אויך פון די איבעריקע חברה צו נקמה. בעתן געראַנגל מיט איין פּאָליציאַנט, וועמען ער האָט געוואָלט פאַרוואַרפן די הענט אויף הינטן אויף צו בינדן, וואַרפט דער לעצטער זיין גראַנאַט און אַלע ווערן אויפגעריסן. דער צווייטער פּאָליציאַנט איז אין אַנטשטאַנענעם טומל אַנטלאָפן. בלויז איינער איז לעבנגעבליבן פון די ייִדישע פאַרטיזאַנער און ער האָט וועגן דעם פאַל דערציילט אין אָטריאַד.

דער טויט פון דעם העלדישן ייִדישן פאַרטיזאַן האָט געמאַכט אַ שטאַרקן

רושם אין פּאַרטיזאַנער־לאַגער. מען האָט מער באַדויערט דעם טויט פון מאַזען, איידער די צוויי געפאַלענע נישט־ייִדן, כאָטש איינער פון זיי איז געווען אַ וזוואָד־קאָמאַנדיר. נאָכן טויט איז ער צוגעשטעלט געוואָרן צום אָרדן „רויטער שטערן".

יאָנאַס גאַלאַרי, איז געקומען צולויפן אין וואָלטשע־נאָרע (ביי סלאָנים) פון סלאָנימער ברענענדיקן געטאָ. דעם 27טן פעברואַר, 1944, מעלדעט ער זיך אַלס פרייוויליקער אָנטייל צו נעמען אין אַ קאַמף מיט דייטשן. די פּאַר־טיזאַנער־אָטריאַדן פון יענער געגנט פירן דעם טאָג אַ פאַרביטערטן קאַמף אין די דערפער סאַווטשקאָ, פלעשקאָ און אָקונינאָווא. די דייטשן און זייערע מיטהעלפערס, די קאָזאַקן און קאַבאַרדינצעס האָבן דאַן געליטן אַ צעשמע־טערנדיקע מפּלה. לערך 75 פגרים זענען געלעגן אַרויסגעלייגט אין די ברענענדיקע דערפער. יאָנאַס גאַלאַרי האָט פלוצלינג באַמערקט ווי אַ „וואַלאַסאָוועץ" שפּרינגט אַרויס פון אַ ברענענדיקער שטאַל. ער לאָזט זיך גלייך נאָך אים. אין דעם מאָמענט, ווען ער וויל אים נעמען אַ לעבעדיקן, ווערט ער אַדורכגעשניטן פון אַ קוילנוואַרפער־סעריע און בלייבט טויט.

אין אָטריאַד „וואָראָשילאָוו", לענין־בריגאַדע(ליפּיטשאַנער פּושטשע), איז דער העלדישער ייִדישער פּאַרטיזאַן בנימין באַראַן (פּסעוודאָנים „לאַמאַי פּאָסודו") געווען דער ליבלינג פון אָטריאַד. די געשיכטע פון דעם אָריגי־נעלן פּאַרטיזאַנישן פּסעוודאָנים, מיט וועלכן מען האָט באַצייכנט באַראַנען איז אַן אויסטערלישע. באַלד נאָכן אָנקומען פון באַראַנען אין „וואָראָשילאָוו"־אָטריאַד, איז ער מיט זיי אַוועק אויף אַ באַן־אויפרייס. די אָפּעראַציע איז געלונגען. כמעט דער גאַנצער עשאַלאָן איז אַראָפּ פון די רעלצן, בלויז צוויי־דריי וואַגאָנעס זענען געבליבן שטיין נישט קיין באַשעדיקטע. די פּאַרטיזאַ־נער, אָפּטוענדיק זייער געראָטן שטיקל אַרבעט, זענען אַוועק צו די צוגעגרייטע, פאַרשטעקטע פורן אין דערבייאיקן וועלדל. אײן באַראַן איז געבליבן שטיין אַ פאַרגאַפטער, צוקוקנדיק זיך מיט פאַרגעניגן צום חורבן. פלוצלינג האָט ער באַמערקט, אַז אין איינעם פון די נישט־צעשטערטע וואַגאָנעס צאַנקט אַ קליין פייערל. ער שפּרינגט אַריין אין וואַגאָן און דערזעט פאַר זיך אַ גאַנצן אוצר מיט סיגאַרעטן, שנאַפּס און אאַז"וו. וועלנדיק אויפהייבן אַן אַראָפּ־געפאַלן שאַכטל סיגאַרעטן, האָט ער באַמערקט, אַז אונטער דער באַנק ליגט אַ גראָבער דייטש. ער האָט אים פון דאָרט אַרויסגעשלעפּט און מיטן באַיאָ־

נעט פון זיין ביקס דערשטאָכן. אַ גליקלעכער לויפט ער צו זיינע חברים. זיי אָנזאָגן, אַז ער האָט געהרגעט אַ דייטש און געפונען אַ וואַגאָן מיט גוטס. ער איז געווען אַזוי באַגייסטערט פון דער אויסגעפירטער נקמה, אַז ער האָט פון גרויס התלהבות אָנגעהויבן ווילד שרייען צו די רוסישע פּאַרטיזאַנען אין וואַגאָן: „רעביאַטאַ, לאָמאַי פּאָסודו!" (חברה, ברעכט דאָס געפעס) חברה האָט טאַקע אַזוי געטון, זיי האָבן צעשטערט און צעבראָכן אין וואַגאָן אַלץ, וואָס עס האָט זיך נישט געלאָזט מיטנעמען.

אין יוני 1942, איז „לאָמאַי פּאָסודו" געפאָרן אין דאָרף אָלגאָווצי (לידער ראַיאָן), אָפּצונעמען זיינע אַ פּאָר שטיוול, וועלכע ער האָט געגעבן אַ פּויערישן שוסטער צו פאַרריכטן. פּלוצלינג לויפט אים אַנטקעגן אַ פּויערטע און שרייט, אַז אין דאָרף זענען אָנגעקומען פיר דייטשן, און אַז זיי זיצן נישט ווייט אין אַ הויז. באַראַן דערשרעקט זיך אָבער נישט פאַר דער וואָרענונג, באַפוילט זיינעם אַ באַקאַנטן פּויער, מאַסלאַן, גלייך לויפן אין זיין פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד, וועלכער האָט זיך דאַן געפונען אַ האַלבן קילאָמעטער פון דאָרף, און מעלדן זיי, אַז ער, באַראַן, האָט גענומען פיר דייטשן אין געפאַנגענשאַפט. נאָך דעם ווי ער האָט אַוועקגעשיקט דעם פּויער, האָט זיך באַראַן צוגעגנבעט צום הויז, וווּ עס זענען געווען די דייטשן און געזען דורכן פענצטער, ווי זיי לאָזן זיך דאָרט וויל־גיין. „לאָמאַי פּאָסודו" קלערט נישט לאַנג. ער שטעלט אָן זיין אַווטאָמאַט און מיט אַ געשריי „די הענט אין דער הויך!" פאַלט ער אַריין אין שטוב. די דייטשן זענען געבליבן זיצן ווי פאַרגליווערטע, נישט רירנדיק זיך פון אָרט.

אין דער צייט זענען אָנגעקומען פון וואַלד פּאַרטיזאַנער. זיי נעמען צו ביי די דייטשן זייערע ביקסן און מען פירט זיי אַוועק אין וואַלד. באַראַן מאַכט מיט זיי אַליין דעם חשבון־צדק. דעם ערשטן דייטש, וועלכער איז געווען אַ סערזשאַנט, טוט ער אויס אַ נאַקעטן, פירט אַריין אין דער דאָרפישער באָד, שטעלט צו מיטן פּנים צום וואַנט און שיסט אים. דער דייטש ווערט בלויז פאַרווונדעט, דרייט זיך אויס צו באַראַנען און הייבט זיך אָן ביי אים צו בעטן, אַז ער זאָל אים לאָזן לעבן, ווייל ער האָט אַ קינד און אַ פרוי. — „און אויף מיין פאָטער און מוטער, אויף מיינע ברידער האָסטו רחמנות געהאַט?!" — שרייט אויס באַראַן און שיסט אַריין אין דייטש נאָך צוויי קוילן. די איבעריקע דריי דייטשן טוט ער אויס נאַקעט, גיט זיי צו

שטיקלעך זייף און האַנטעך, שיקט זיי אויך אַריין אין באָד, כלומרשט אויף אַרומצוואַשן זיך, און דערשיסט זיי דאָרט. די פּגרים פאַרשלעפּט מען דערנאָך אין וואַלד אויף פאַרצוקונג פאַר חיות, אַז עס זאָל פון זיי קיין זכר נישט בלייבן...

דעם 25טן מאַי 1943, האָט אַ גרופּע פון ביעלסקיס אָטריאַד, אונטער דער אָנפירונג פון יצחק רעזניק, נאָך אַ געלונגענער אויפגאַבע אין דאָרף פריקוסקי (סעלובער ראַיאָן), געכאַפּט לעבעדיקע צוויי דייטשע מיטאַר־בעטערס פון דער ווייסרוסישער „סאַמאָכאָווע". זיי האָבן די געפאַנגענע גע־זאָלט אַוועקפירן אַלס אַ מתנה דעם קאָמאַנדיר. אויפן וועג האָבן אָבער יודל סלוצקי, הירשל לייבאָוויטש און ניאָמע פּייועלעוויטש, וועלכע האָבן געכאַפּט די „העכט", נישט געקענט איינהאַלטן זיך מער און ביסלעכוויז זיי אַזוי צעמזיקט, אַז עס איז שוין נישט געווען ווען צו ברענגען אין לאַגער. די דערהרגעטע פּגרים האָט מען איבערגעלאָזט אויפן וועג אין די בלאָטעס.

דער אָטריאַד „קאַלינין" (בריגאַדע „קאָמסאָמאָל"), האָט באַקומען אַ ספּעציעלע אויפגאַבע אין צוזאַמענהאַנג מיטן אָנגריף פון דער רויטער אַרמיי אין ווייסרוסלאַנד, צו פאַרשטאַרקן די דיווערסיע־אַרבעט און צע־שטערן די דייטשע קאָמוניקאַציע אויף די באַן־ליניעס און שאָסייען. דעם 2טן יולי 1944, האָט דער העלדישער יידישער קאָמאַנדיר פון אַ דיווערסיע־ראָטע פון א"ד אָטריאַד, דוד פּלאָטניק (פּינסק) באַקומען אַן אויפגאַבע צו צעשטערן די בריק אויפן טייך מיראַנקע, לעבן שטעטל מיר, אויפן וויכטיקן שאָסיי־פּונקט מינסק־באַראַנאָוויטש. גאַנץ פרי נעמט ער מיט זיך פינף פאַר־טיזאַנער מיט אויפרייס־מאַטעריאַלן און אַוטאָמאַטן און לאָזט זיך אין וועג אַריין. 25 קילאָמעטער פון אָנגעגעבענעם אָרט געפינט זיך דער דאָרף פּרילוקי, ווו די פאַרטיזאַנער זענען אַריין אַ ביסל אָפּרוען זיך פון דער גרויסער היץ. אין אַ פאַר שעה אַרום איז פּלוצלינג אַריינגעלאָפן איינער פון די פּויערים מיט אַ געשריי, אַז די פאַרטיזאַנער זאָלן זיך וואָס גיכער אָפּ־טראָגן, ווייל עס דערנענטערט זיך אַ גרויסע מחנה דייטשן. פּלאָטניק האָט קוים מיט צרות איינגערעדט די שכורע פאַרטיזאַנער אַרויסצוגיין פון דאָרף און מאַכן אַ לויערונג אויף די דייטשן אין דערבייאיקן וועלדל. די לויערונג האָט זיך גלענצנדיק איינגעגעבן. די דייטשן זענען אין פּאַניק זיך צעלאָפן.

זעקס דייטשן, צווישן זיי צוויי אָפיצירן, זענען גענומען געוואָרן אַלס געפאַנגענע.

ברענגענדיק די געפאַנגענע אין לאַגער האָט פּלאַטניק אַליין, אַלס קאָמאַנדיר און דייטש־ריידנדיקער זיי גענומען פאַרשן. די ערשטע פראַגע וואָס ער האָט געשטעלט דעם אָפיציר איז געווען:

— „פאַרוואָס קעמפסטו קעגן אונדז?"

— „איך קעמף נישט קעגן אייך, נאָר קעגן די ייִדן" — איז געווען דער ענטפער. פּלאַטניק חזרט איבער נאָכאַמאָל זיין פראַגע, און דער דייטשער אָפיציר ענטפערט ווידער, אַז ער קעמפט נישט קעגן די רוסן, נאָר קעגן די ייִדן. דאַן פרעגט אים פּלאַטניק צום דריטן מאָל ווידער דאָס זעלביקע. ערשט איצט האָט זיך דער דייטש אָריענטירט, אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין ייִדישע הענט. זיי האָבן אַלע, פאַרשטענדלעך, באַקומען זייער פאַרדינטן פּסק־דין.

אין האַרבסט 1943, זענען די אָטריאַדן: „אָקטיאַבר" און „אָרדזשאָניקידזע" (אַ ייִדישער אָטריאַד אין נאָוואָגרודקער געגנט), אַרויס צו דער אייזנבאַן־ליניע לידע־באַראַנאָוויטש אויף אַן אויפגאַבע. נאָך אַ פּאָר שעה גאַנג אין דער פינצטערער נאַכט, דורך וועלדער און זייטיקע וועגן, אַז קיין פאַרדעכטיק אויג זאָל נישט זען די ריכטונג, וווהין מען באַוועגט זיך, זענען זיי אָנגעקומען צו די באַן־ליניעס ביי דער סטאַנציע יאַצוקי, לעבן נאָוואָיעלניע. לויטן באַפעל זענען אויף אַ שטח פון 500 מעטער פונאַנדערגעשרויפט געוואָרן די רעלצן. די שרויפן זענען אַרויסגעצויגן געוואָרן און די רעלצן זענען געבליבן ליגן אויף אַן אָרט, בכדי נישט צו מסרן, אַז דאָ איז עפּעס געשען. אָפּטאָענדיק זייער אויפגאַבע, האָבן זיך ביידע אָטריאַדן פאַרלייגט אין לויערונגען ביים ראַנד פון די וועלדער. עס האָט זיך דערנענטערט אַן עשאַלאָן. צוקומענדיק צו די פונאַנדערגעשרויפטע רעלצן, איז ער געבליבן שטיין. אויפן באַפעל „אָגאָן" (פייער), האָט זיך אויפגעעפנט אַ הוראַגאַן־פייער פון אַלע מינים געווער, וועלכע האָט אָנגעהאַלטן 10־15 מינוט אָן איבעררייס. דאַן איז געגעבן געוואָרן אַ צווייטער באַפעל: „איבעררייסן דאָס פייער!" און ביידע פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן האָבן זיך מיט אַ הוראַגעשריי געוואָרפן אויף דעם צוג.

איבערראַשט פון דער פּלוצלינגדיקייט, וואַרפט זיך אַ דייטש מיט אַ

משוגענעם ווילדן געשריי: — „וואָס ווילן די פּאַרפלוכטע?״ געענטפערט האָט אים אַ קורצע סעריע פון אַ קוילנוואַרפער. מיט אַ מאָל צו דער ערד האָט דער דייטש געגעבן צו וויסן, אַז אים איז אַלץ שוין געוואָרן פאַר־שטענדלעך...

די דייטשן, וועלכע זענען געווען אַזעלכע העלדן ביים וואַרפן שוצלאָזע יידישע קינדער און זקנים לעבעדיקע אין די גריבער, זענען געבליבן ליגן מיט די פּנימער צו דער ערד, באַהאַלטן זיך, ווי מייז, אונטער די בענק פון די וואַגאָנעס. מיט טויט איבערגעשראָקענע אויגן, האָבן זיי זיך געבעטן, אַז מען זאָל זיי לאָזן לעבן...

פון די נאָענטע בונקערס, וואָס האָבן זיך געפונען לענגאויס דער באַן־ליניע, האָט מען גערופן צו הילף. עס האָבן פלוצלינג אָנגעהויבן אויפלייכטן ראַקעטן, פּראָזשעקטאָרן. די שיסערייען האָבן זיך דערנענטערט... די פּאַר־טיזאַנער האָבן באַקומען אַ באַפעל אָפּצופירן די לעבנגעבליבענע דייטשן טיפער אין וואַלד און די וואַגאָנעס פאַרברענען...

ביים פייער פון די ברענענדיקע וואַגאָנעס גרופּירן זיך די פּאַרטיזאַנער צום אָפּטרעטן. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז די חברה האָט נישט געקענט אויסהאַלטן דעם נסיון.

פון דער גרויסער צאָל לעבעדיק־גענומענע דייטשן אין געפאַנגענשאַפט זענען געבליבן לעבן בלויז זעקס מאַן.

די שיסעריי איז געוואָרן אַלץ נענטער און שטאַרקער, עס האָט גע־דראָט מיט אַן אַרומרינגלונג. מיט זיך האָט מען שוין די געפאַנגענע נישט געקענט מיטנעמען.

לייזער סאַוויצקי (פּסעוודאָנים „מערעלע״, היינט אין ישראל), האָט דאַן גענומען אויף זיך די אויפגאַבע צו דערלייזדיקן זיי. ער האָט פאַרזי־כערט, אַז ער וועט די אַרבעט אָפּטאָן בשלימות...

ער האָט זיי צעשטעלט אין איין ריי אויפן מיליטערישן שטייגער און מיט אַ קלאַפּ פון אַ האַק פון הינטן איינעם נאָכן אַנדערן אָפּגעשיקט אויפן עולם־האמת...

דער לעצטער גרויסער, געלער דייטש, צוזעענדיק, וואָס מיט זיינע פינף חברים איז געשען, שרייט אויס אין שרעק „די ראַסע איז גראָס!...״ די

משה קאַגאַנאָוויטש

יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן איס געענטפערט, אַז מיט זעקס דייטשן קעגן זעקס מיליאָן פון אונדזערע ברידער איז נאָך דער רעכענונג ווייט־ווייט נישט אויסגעגליכן און נישט פאַרענדיקט...

ז. דער עלעמענט פון יידישער אַרבעט אין פּאַרטיזאַנקע

מיר האָבן שוין אין די פאַבריקע קאַפּיטלען גערעדט וועגן דער וויכטיקער ראָל, וועלכע עס האָט געשפּילט דער יידישער בעל־מלאכה אין דער סאָוועטישער פּאַרטיזאַנקע.

ווי באַקאַנט, האָבן די יידן אין פּוילן און רוסלאַנד געבילדעט די איבערוויגנדיקע מערהייט אין דער האַנטווערקער און לייכטער אינדוסטריע. די געציילטע בעל־מלאכות פּאָליאַקן, ווייסרוסן, אוקראַינער, רוסן א״אַ, זענען נישט געקומען אין די וועלדער. זיי האָבן רויִק געלעבט אין די שטעט און דערפער און געאַרבעט אונטער דער דייטשער שוץ פאַר זיי און פאַר דער באַפעלקערונג, וואָס האָט שטאַרק אָפּגעפילט דעם מאַנגל אין יידישן בעל־מלאכה, וואָס איז פאַרטיליקט געוואָרן.

אין אַלע פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן האָבן געאַרבעט יידישע בעלי־מלאכות. אַז די רוסישע אָטריאַדן האָבן זיך געגרינדעט אין שוסטערס, שניידערס, שלאָסערס, טעכניקער, דרוק־אַרבעטער אאַז״וו, האָבן זיי געזוכט און געפונען אין די יידישע פאַמיליע־לאַגערן אין דער אומגעגנט. די רוסישע אָטריאַדן אין נאַליבאָקער פּושטשע זוכן און נעמען בעלי־מלאכות פון ביעלסקיס און זאָרינס פאַמיליע־אָטריאַדן. פיל רוסישע אָטריאַדן האָבן אַלס אויסנאַם אַריינגענומען צו זיך אויך אומקאַמפּספעיִקע און אומבאַוואָפנטע יידן. די פּאַרטיזאַנישע באַקליידונג און באַשוכונג איז געווען אויפן חשבון פון דער באַפעלקערונג. מען פלעגט עס באַזאָרגן בעת די פּאַרגרייט־אָפּעראַציעס אין די דערפער. די קליידונג האָט זיך ביי די פּאַרטיזאַנישע לעבנס־באַדינגונגען שנעל צעריסן. באַזונדערס האָט זיך געפילט אַ שטאַרקער מאַנגל אין שוכוואַרג. דאָס לעבן אין בלאָטעס און אין וועלדער, דאָס כסדרדיקע גיין צופוס אויף אויפגאַבעס דורך שטעגעלעך און בלאָטיקע „וועלפישע״ וועגעלעך, האָט געפּטרט די שטיוול. שטיוול האָט געבילדעט נישט קיין לייכטן פּראָבלעם אין די וועלדער.

אַ באַזונדערס וויכטיקע ראָל האָבן אָפּגעשפּילט ייִדישע שלאָסערס, מעכאַניקערס און עלעקטראָמאָנטיאָרן ביים פאַרריכטן און צוזאַמענשטעלן געווער, קאָנסטרויִרן מינעס, ברענגען אין אָרדענונג דאָס געוואָרפענע דורך די רוסן געווער בעתן צוריקטריט אַז״וו.

די פאַרטיזאַנער האָבן געהאַט געווער פון אַלע מדינות, תקופות און סאָרטן. אויסער דאָס רוסישע געווער איז געווען פיל דייטשע „טראָפיי״־געווער, וואָס פלעגט אַרויסגיין פון געברויך, ווי נאָר עס פלעגט זיך איבער־פירן אַ וועלכער עס איז טייל. ביי דעם געוואַלדיקן געווער־מאַנגל, וואָס האָט זיך באַזונדערס געפילט אין דער אַנטשטייאונגס־תקופה פון דער פאַרטיזאַנער־באַוועגונג, האָט מען געדאַרפט זאָרגפעלטיק אָפּהיטן יעדע „כלי״. דאָס געווער איז דאַן געווען פון אַלטע סאָרטן, וואָס איז געוואָרן פאַרזשאַווערט אין דער ערד אָדער אין וואַסער, ווו עס איז געלעגן פאַרבאַהאַלטן. מען האָט געדאַרפט שאַפן עפּעס פון גאָרנישט!

די ייִדישע מעכאַניקער־שאָפערן העלפן אויפשטעלן און רעמאָנטירן די אַרויסגעצויגענע דריי טאַנקעטקעס פון טייך שטשאַרע דורך בולאַקס אָטריאַד, אַ פאַנצער־אויטאָ, ווי אויך די לייכטע אַרטילעריע פון אָרליאַנסקי־אָטריאַד. ביי דער אַרבעט האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט די שלאָ־סערס: ישׂשכר בערמאַן, ישׂראל בוסעל, יוסף קראַוויעץ, שלמה מענוסקין (זשעטל) און אַנדערע.

כמעט יעדער אָטריאַד האָט געהאַט זיין שלאָסער און מעכאַניקער. געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן געהאַט באַזונדערע פאַרדינסטן און געווען פּאָפּולער מיט זייערע דערגרייכונגען אויף דעם געביט, ווי, למשל, דער העלדישער ייִדישער פאַרטיזאַן ברוך לעווין (זשעלודאָק); אין דער 1טער מאַי־בריגאַדע — סאָסנאָווסקי; אין בולאַקס־אָטריאַד — ישׂראל בוסעל, אין אָטריאַד „אַ טויט די אָקופּאַנטן״ — לייב שער א״אַ. אין די רודניצקער וועל־דער איז געווען באַרימט די שלאָסער־פאַמיליע פאַראַאוסאָוו פון ווילנע, וואָס האָט מיט גרויס דערפאָלג פאַרריכט דאָס געווער פון אַלע אָטריאַדן. אין דער „אַלעקסאַנדער ניעווסקי״־בריגאַדע איז געווען אַ געווער־פאַבריק, ווו מען פלעגט נישט נאָר פאַרריכטן און דערגענצן איבערגעפירטע און פעלנ־דיקע טיילן, נאָר אויך צוזאַמענשטעלן נייע אַווטאָמאַטן. מאַרקמאַן, אַ ייִדישער געווער־ספּעציאַליסט, פלעגט פּראָדוצירן אַווטאָמאַטן מיט זיין מאָנאָגראַם.

משה קאַגאַנאָוויטש

דיאַדיאַ מישאַס אָטריאַד האָט ספּעציעל איינגעאָרדנט אַן אָנגריף אויף די מאַגאַזינען פון דער דייטשער געזעלשאַפט „טאָדט" (אַ בוי־געזעלשאַפט אין הינטערלאַנד צום בוי פון בריקן, אייזנבאַן־ליניעס, סטאַנציעס, מאַגאַזינען אאַז"וו) לעבן דעם שטעטל ליניץ (זשיטאָמירער קרייז), כדי צו באַקומען די נויטיקע געצייג פאַר זייער געווער־מייסטער, פרידעק.

די פאַמיליע פאַנאַסאָוו (ווילנע)

געווער־מומחים אין די רודניצקער וועלדער. (היינט אין ישראל). — שמואל פאַנאַסאָוו און זיינע 2 זין באָריע און אברהם, ביים פאַריכטן אַ מאַשין־געווער

כדי צו לייזן דאָס באַשוכונגס־פּראָבלעם, האָבן יידישע גאַרבערס פּראָדוצירט לעדער און פּאָדעשוועס פון די גרויסע קוואַנטומס פעל פון די בהמות, וועלכע זענען אין גרויסע צאָלן אַוועק אין די פּאַרטיזאַנער־קעסלען (מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז פליייש איז געווען דאָס וויכטיקסטע שפּייז פון די פּאַרטיזאַנער). יידישע גאַרבערס האָבן ביי די אומנאָרמאַלע פאַר־העלטענישן פּראָדוצירט לעדער און פּאָדעשוועס פאַר די פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן. יידישע גאַרבערס פון איוויע האָבן אויף די כוטאָרעס ביים דערפל

אָליעכאָווקע געגאַרבט פעל פאַרן באַשוכן דעם אָטריאַד „איסקראַ“. אויך אין ביעלסקיס אָטריאַד איז געווען אַ גרויסע גאַרבעריי, ווו קריסטלעכע אָטריאַדן פלעגן ברענגען זייערע פעלן אויף אויסצואַרבעטן.

לייזער בלעך, אַ יידישער קאָמיסאַר פון אַ פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד אין ווייסרוסלאַנד האָט אין זיין אָטריאַד אַוועקגעשטעלט אַ... וואָליקעס־פאַבריק. ש. פערסאָוו דערציילט אין זיינע „פאַרצייכענונגען וועגן יידן־פּאַרטיזאַנער“:

„...בלעך האָט זיך דערוווסט, ווער פון די פּאַרטיזאַנער האָט אַמאָל געאַרבעט ביי וואָליקעס און עס איז אַוועק אַ גאַנג. ביינאַכט איז מען געגאַנגען אויף אָפּעראַציעס און אינדערפרי פרידלעך געאַרבעט אין וואַלד. אין דעם ערד־שטיבל מיטן געהויבענעם נאָמען „וואָליקעס פאַבריק“. פון די קאַפּולן האָט מען אַראָפּגענומען די ערשטע פּאָר וואָליקעס, — גלאַטע, הויכע, שטייפע, מיט האַרטע נעזער און פעסטע פיאַטעס. אין אָטריאַד איז אַראָפּגעקומען דער קאָמאַנדיר פון דער פּאַראייניקונג אָנקוקן די נייע „אינדוסטריע“. ער האָט די וואָליקעס געמאָסטן, געפרוווט אויף אַלע אופנים:

— „אויף אַזאַ סחורה, קאָמיסאַר, — האָט ער זיך אָנגערופן — דאַרף מען אַוועקשטעלן אַ שטעמפּל: „אויסגעאַרבעט אין פּאַרטיזאַנישן קאַנט...“

— „יאָ, נישט קיין שלעכטע פּראָדוקציע, — האָט מסכים געווען דער קאָמיסאַר, — פּאַרטיזאַנער דאַרפן גיין אָנגעטאָן אין גוטע וואָליקעס, אין גאַנצע שטיוול, אין וואַרעמע פעלצלעך...

— „וואַרט אָקאָרשט... — האָט אים אָפּגעשטעלט דער קאָמאַנדיר, ער האָט אַ צי געטון מיט דער נאָז — מיט וואָס שמעקט דאָ?...

— „דאָס איז רוישטאָף פאַר שטיוול...

„פעל אין אָטריאַד פעלט נישט — פון די געשאָכטענע קי. דעמבענע קאָרע אין וואַלד קלעקט אויך און דזשעגאַכץ האָט מען אין וואַלד געטריבן נאָך פאַר דער מלחמה, האָט דער קאָמיסאַר אָרגאַניזירט אַ וואַרשטאַט פאַר לעדער־אויסאַרבעטונג צו שטיוול פאַר די פּאַרטיזאַנער.

— „קאָמיסאַר, פאַר דיין ווירטשאַפטלעכער אַרבעט האָסטו פאַרדינט אַ הויכע מלוכה־באַלוינונג..

„צו דער ערשטער מאַי־פייערונג האָט אויף לייזער בלעכס ברוסט געפינקלט די העכסטע באַלוינונג — אַ „לענין“־אָרדן.

(ש. פערסאָוו, — "יין נאָמען איז פאָלק", — ז"ז, 70־71).

די פּאַרטיזאַנער פלעגן פריער מאָלן זייער קאָרן אויף פויערישע „זשאָרנעס“ (אַ פרימיטיווע מיל פון צוויי גרויסע שטיינער, געדרייט מיט

דער האַנט), אָדער אין די וואַסער־מילן פון דער אומגעגנט, אויף וויפל מען האָט געהאַט צו זיי אַ צוטריט. די ריזיקע פּאַרטיזאַנער־מאַסע, וועלכע האָט זיך צוזאַמענגעקליבן אין די וועלדער אין 1943, איז געווען אַ גרויסער קאָנסומענט אויף ברויט און עס האָבן זיך אויך געשאַפן סיטואַציעס, ווען צו די וואַסער־מילן איז קיין צוטריט נישט געווען. ביעלסקיס און זאָרינס אָטריאַדן האָבן אַ דאַנק זייערע ייִדישע מילנערס אויסגעבויט אין דער וויל־דער נאַליבאָקער פּושטשע גרויסע מילן, וועלכע האָבן אַרויסגעגעבן נישט נאָר קאָרענע און ווייצענע מעל, נאָר אויך גרויפּנס און אַפילו דעליקאַטע מאַנע־מעל. זיי פלעגן באַזאָרגן מיט דעם נישט נאָר זייערע אייגענע אָט־ריאַדן, נאָר אויך די רוסישע פּאַרטיזאַנער־גרופּעס פון דער גאַנצער נאַלי־באָקער פּושטשע. ביעלסקי האָט זיין מיל אַריבערגעפירט פון אַ דאָרף און זאָרין האָט עס קאָנסטרויִרט אויף אַן אָרט דורך אַ „סטאַנאָק״, געמאַכט פון האָלץ, אויף וועלכן עס זענען געווען צוויי גרויסע שטיינער, באַוועגט דורך פיר פערד.

אין די א״ד פאַמיליע־אָטריאַדן זענען אויך געווען שוסטערייען, שניי־דערייען, שלאָסערייען און אַנדערע וואַרשטאַטן. אויך אין די רודניצקער וועלדער זענען געווען וואַרשטאַטן ווו עס האָבן געאַרבעט פאַכמענער פון קאָוונע, ווילנע אאַז״וו.

נאָך דעם ווי ביעלסקיס אָטריאַד האָט זיך באַזעצט אין נאַליבאָקער פּושטשע (ביי דער אָזיערע קראַמאַן), האָט זיך דאָרט אויפגעבויט אַ גאַנצע שטאָט, וועלכע איז אַלגעמיין געוואָרן אָנגערופן „ירושלים״ אָדער „ביעלסק״ (אויפן נאָמען פון קאָמאַנדיר, ביעלסקי).

דאָרט איז געווען אַ סטאָלעריי, אַ קאַפּולן־וואַרשטאַט (קאַפּולן צו שטיוול, הילצערנע טשוועקלעך, רעדער אאַז״וו), זייגער־מאַכעריי, היטל־מאַכעריי, שמידעריי, אַ מענער־ און דאַמען־שניידעריי, שטעפּער־ און רימער־צעכן (זאָטלען און זברויעס), אַ זייף־פאַבריק (רוישטאָף — חלב פון די בהמות), אַ וווּרשט־פאַבריק, שפּיטאָלן און אַ וועטערינאַר־שפּיטאָל (פאַר פערד און בהמות), אַ גרויסע באָד מיט אַ דעזינפעקציע־אָפּטייל פאַר די מלבושים (די באָד איז אַריינגעפירט געוואָרן פון אַ דאָרף), אַ גרויסע בעקע־ריי (פריִער פלעגט מען באַקן ביי די פויערים), מאַגאַזינען און אַ שעכט־הויז, בקיצור, אַלץ אין וואָס עס נייטיקט זיך אַ קולטורעלער מענטש. געווען

וואַרשטאַטן, ווו עס האָבן געאַרבעט 20־30 מאַן. ביעלסקיס און זאָרינס פאַמיליע־אָטריאַדן האָבן אַ דאַנק זייערע וואַרשטאַטן באַקומען געווער און שפּייז פון די רוסישע אָטריאַדן, וואָס עס האָט פיל מיטגעווירקט צו ליינדערן די שווערע אַפּראָוויזאַציע־לאַגע.

ווען דער באַפולמעכטיקטער פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג אין נאַליבאָקער פּושטשע, גענעראַל־מאַיאָר פּלאַטאָן, האָט באַזוכט די וואַרשטאַטן פון ביעלסקיס אָטריאַד, האָבן אים פאַרפעלט לויב־ווערטער פאַר די לייסטונגען פון די יידישע בעלי־מלאכות. ער האָט אונטערגעשטראָכן די יידישע איניציאַטיוו און לייסטונגס־פעיקייט, אפילו ביי די פּושטשע־באַדינגונגען און אין דער פולער מאָס אָפּגעשאַצט די גרויסע וויכטיקייט פון יידישן בעל־מלאכה פאַר דער סאָוועטישער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג.

כמעט אַלע רוסישע קאָמאַנדירן דערציילן אין זייערע פּאַרטיזאַנער־זכרונות וועגן די לייסטונגען פון די יידישע בעלי־מלאכות און פאַכמענער לטובת די פּאַרטיזאַנער.

מעדוועדיעוו דערציילנדיק וועגן דעם ספּעציעלן דייטשן מונדיר, וואָס איז אויפגעבייט געוואָרן פאַר קוזנעצאָוון (ווי שוין באַקאַנט, אַ רוס, וואָס איז אויפגעטראָטן ווי אַ דייטשער העכערער אָפיציר, אין ראָוונע), באַמערקט:

„איצט האָט דעם מונדיר גענייט דער באַוווסטער וואַרשעווער שניידער, מיטן פאַמיליע־נאָמען „שניידער. ווער איז אַלץ נישט געווען אין אונדזער לאַגער! שוסטערס, בעקערס, וורשטניקעס און דער שניידער, וואָס האָט ביז דער מלחמה געלעבט אין וואַרשע".

מעדוועדיעוו דערציילט ווי אַזוי שניידער האָט זיך געראַטעוועט פון וואַרשעווער געטאָ, נאָכן פאַרלירן זיין משפּחה, אַ דאַנק דעם, וואָס אַ דייטשער גענעראַל האָט אים אַרויסגענומען מחוץ דעם געטאָ, כדי צו נייען מונדירן פאַר אים און אַנדערע דייטשע אָפיצירן. שפּעטער איז שניידער אַנטלאָפן פון גענעראַל און נאָך לאַנגע וואַנדערונגען זיך דערשלאָגן צו מעדוועדיעווס אָטריאַד, ביי ראָוונע. און מעדוועדיעוו גיט צו ביים סוף:

„צום ערשטן מאָל אין לעבן האָט שניידער מיט ליבע און פּינקטלעכקייט גענייט אַ דייטשן מונדיר, דער מונדיר וואָס איז געווען באַשטימט פאַר אונדזער חבר קוזנעצאָוו".

(די גייסטיק־שטאַרקע", — ז' 108).

די אונטערערדישע פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע אין קאָוונער געטאָ האָט איבערגעפירט אין די רודניצקער וועלדער אַ ספּעציעלן מכשיר צו קאָפּירן

פּאַרצייכענונגען וואָס האָט געדינט צו דרוקן מאַפּעס. אין יורגיסעס שטאָב איז הירש סמאָליאַקאָוו געווען באַשעפטיקט ביים צוגרייטן גענויע מאַפּעס פון די רודניצקער וועלדער און אומגעגנט. אַ דאַנק די מאַפּעס האָבן זיך די פּאַרטיזאַנער אָריענטירט בעתן גיין אויף אויפגאַבעס.

פאַרשן דייטשע געפאַנגענע, דעשיפרירונג און איבערזעצונג פון דייטשע דאָקומענטן, גענומענע בעת אָנגריפן אויף דייטשע גאַרניזאָנען, קאַמפן, אָדער געפונענע אין די קעשענעס פון געפאַנגענע און געהרגעטע דייטשן, איבערזעצונגען פון דער דייטשער פּרעסע איז געווען כמעט אַ יידישער מאָנאָפּאָל. נישט געווען קיין פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד ווו עס איז נישט געווען קיין יידישער דאָלמעטשער. זעלטן ווו עס האָט זיך געפונען אַ רוס, וואָס האָט פאַרשטאַנען דייטש. אָטריאַדן, אין וועלכע עס זענען נישט געווען קיין יידן, פלעגן איינלאַדן, — ווען זיי האָבן געהאַט נייטיק — אַ יידישן דאָלמעטשער פון אַ שכנישן אָטריאַד. יידישע דאָקטוירים אין רוסישע אָטריאַדן פלעגן ס׳רוב אויך זיין די דאָלמעטשערס.

די יידן האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל ביים אָרגאַניזירן „דאָס ווייסע געוועט״ — די פּאַרטיזאַנישע פּרעסע אין די וועלדער. ווי שוין געזאָגט, איז איינע פון די אויפגאַבן פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג געווען דאָס געווינען די סימפּאַטיע פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג און באַווירקן איר קעגן דער אָקופּאַציע־מאַכט. ביזן אַנטשטיין פון דער באַוועגונג, איז די דייטשע פּרעסע, וואָס איז דערשינען אין די אָקופּאַציע לענדער אויף זייערע שפּראַכן, געווען דער איינציקער מקור פאַר אינפאָרמאַציע איבער דעם וואָס עס געשעעט אויף די פראָנטן און אין דער גרויסער וועלט. דורך צייטונגען, אויפרופן און די ביולעטינען פון דער סאָוועטישער נייס־אַגענטור „סאָוואינ־פאָרם ביוראָ״ האָבן די פּאַרטיזאַנער דערציילט דער באַפעלקערונג דעם אמת וועגן דעם מצב אויף די פראָנטן, וועגן די דערפאָלגרייכע פּאַרטיזאַנישע קאַמפּס־אָפּעראַציעס און די גרויזאַמע האַנדלונגען פון דער אָקופּאַציע־מאַכט כלפּי דער באַפעלקערונג.

יידן האָבן געהאַט באַזונדערס גרויסע פאַרדינסטן ביי דער אָרגאַניזאַציע פון דער פּאַרטיזאַנער־פּרעסע אין די וועלדער. אין דער ערשטער צייט, איידער מאָסקווע האָט נאָך געשיקט אירע האַנט־דרוקערייען דורך

פּאַראַשוטן, האָבן די יידן פון לידער געטאָ: דאַמעשעק, גראַדזיענטשיק, לאַ־וויט, קאַפּלאַן א״אַ, אַריבערגעשטעלט פון דער גיסעריי, ווו זיי האָבן גע־אַרבעט, רוסישע שריפט אין געטאָ, פון דאָרט אַריבערגעטראַנספּאָרטירט עס אין ראַיאָן פון אָטריאַד „איסקרא״ און שפּעטער אין ליפּיטשאַנער פּושטשע, ווו עס האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען דער געדרוקטער אָרגאַן פון דער לעונינסקער בריגאַדע „טשערוואָני סציאַג״ (רויטע פאָן).

די יידן פון מינסקער, קאָוונער א״אַ געטאָס האָבן מיט זיך געבראַכט שריפט און דערמעגלעכט דאָס דערשיינען פון אַ פּאַרטיזאַנער־פּרעסע אין פאַרשיידענע שפּראַכן. עס זענען געווען שוועריקייטן ביים אָפּזוכן דרוק־אַרבעטער, זעצערס. מען האָט זיי געפונען אין די יידישע פאַמיליע־לאַגערן. ווען הערשל סמאָליאַר, דער מינסקער יידיש־רוסישער שרייבער האָט אָנגע־הויבן אָרגאַניזירן די פּרעסע אין נאַליבאָקער פּושטשע, האָט ער געפונען מינסקער זעצערס אין זאָרינס פאַמיליע־אָטריאַד. יידישע דרוק־אַרבעטער האָבן געמאַכט די צייטונגען, נייס־ביולעטינען און אויפרופן — די פּאָלי־טישע געווער פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג אין איר קאַמף מיטן אָקופּאַנט.

אויך צווישן די רעדאַקטאָרן פון די צייטונגען און די מיטאַרבעטער איז געווען אַ קענטיקע צאָל יידן. מלך באַקאַלטשוק איז געווען אַ מיטאַר־בעטער פון דער פּאַרטיזאַנישער צייטונג אין דער אוקראַינישער שפּראַך „טשערוואָני פּראָפּאַר״ (די רויטע פאָן), וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דער פאַראייניקונג פון גענעראַל ביעגמאַ. די זעצערס זענען אויך געווען יידן. אין דער נאַליבאָקער פּושטשע איז דערשינען אַ פּאַרטיזאַנישע צייט־שריפט פאַר ליטעראַטור און אַ סעריע סאַטירע־אויסגאַבעס „קניזשקאַ־מאַלישקאַ, פּאַשיסטאַם קרישקאַ״, אונטער דער רעדאַקציע פון חיים אַלעק־סאַנדראָוויטש און דעם יידישן שרייבער, הערשל דאָבין פון מינסק. אין דער ווייסרוסישער צייטונג „וואָלנאַיאַ פּראַצאַ״, וואָס איז אַרויסגעגעבן גע־וואָרן דורך דעם אָטריאַד א״נ „ראָקאָסאָווסקי״ אין די וואָלטשער־נאַרער־וועלדער האָט מיטגעאַרבעט יחיאל גראַנאַטשטיין, וועלכער האָט געדרוקט אונטערן ליטעראַרישן פּסעוודאָנים, פּיליפּ פּיליפּאָוו. די פעליעטאָנען פון אַדוואָקאַט מאַזורעק אין דעם אָרגאַן פון דער „זשוקאָוו״־בריגאַדע „סציאַג סוואָבאָדי״ (די פרייהייטס־פאָן), האָבן געצויגן אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמ־קייט פון די לייענער.

משה קאַגאַנאָוויטש

דער ייִדישער בעל־מלאכה האָט דערמעגלעכט דעם קעמפנדיקן פאַרטיזאַן צו לעבן אַ קולטור־לעבן אויף אַ מענטשלעכן לעבנס־ניוואָ און אין אַ באַדייטנדיקער מאָס געלינדערט די שוועריקייטן, וועלכע האָבן אויסגעזען צו זיין נישט צום לייזן ביי די וואַלד־באַדינגונגען.

ז. פון ערשטן טאָג ביזן לעצטן.

אין דער ערשטער צייט (1942), האָבן ייִדן אין די וועלדער און פּושטשעס געבילדעט אַ באַדייטנדיקן פּראָצענט, און אין געוויסע ראַיאָנען אַפילו אַ מערהייט צווישן די קליינע, נישטיקע, צעשטויבטע גרופּעס רוסישע פּאַרטיזאַנער. ערשט שפּעטער, מיטן אָנקום פון צענדליקער און הונדערטער טויזנטער רוסישע אַנטלאָפענע קריגס־געפאַנגענע, דעסאַנטן, ספּעציעלע דיווערסיע־גרופּעס און פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג, ווערן די ייִדן אַ פאַרשווינדנדיקע, נישט־אָנזעעוודיקע מינדערהייט (1943).

די באַפרייאונג האָט דערלעבט בלויז אַ זייער קליינע צאָל פון די אַלע ייִדן, וועלכע האָבן זיך מיט אַזוי פיל איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען אַרויסבאַקומען פון די געטאָ־דראָטן אין מערב־ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע.

פון זשעטלער געטאָ זענען אַרויסגעלאָפן בעת דער צווייטער שחיטה אין די ליפּיטשאַנער וועלדער, ביי אַכטהונדערט ייִדן. היינט צו טאָג לעבן פון זיי בלויז ביי צוויי הונדערט און פופציק נפשות.

פון די גרעסטעוועטע איבער טויזנט מאַן פון פּרוזשאַנער געטאָ, זענען לעבנגעבליבן נישט מער, ווי אַ הונדערט מאַן.

פון די וואָלינער שטעטלעך: קאַמיען־קאָשירסק, טוטשין און סיערניק (פּאָלעסיע), פון וועלכע עס האָבן זיך על פּי נס געראַטעוועט פון די שחיטות אַ באַדייטנדיקער טייל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג, געפינען זיך היינט צו טאָג צווישן די לעבעדיקע בלויז געציילטע.

פון שטעטל מיר, זענען אַרויס הונדערט און אכציק ייִדן, געבליבן לעבן — פערציק.

לויט דער עדות פון מלך באַקאַלטשוק, אַליין אַ סערניקער, זענען ממש אין דער לעצטער מינוט, ווען דער געטאָ איז שוין געווען אַרומגע־

רינגלט (סעפּטעמבער 1942), אַנטלאָפן צווייהונדערט און צוויי און זיבעציק נפשות, אַ דריטל פון די געטאָ איינוווינערס. נאָך דער באַפרייאונג (פעברואַר 1944), זענען אַרויס פון די וועלדער הונדערט און זיבעציק מאַן. הונדערט און צוויי יידן זענען אויסגעהרגעט געוואָרן אין די וועלדער, בעיקר אין דער ערשטער צייט נאָכן אַנטלויפן ביז זיי האָבן זיך אָרגאַניזירט אַלס אַ קעמפערישער כוח. אויסגעהרגעט האָבן זיי די אוקראַאינישע נאַציאָנאַליסטן־באַנדעס, סתם בלוט־דורשטיקע פּויערים און פאַרשטענדלעך די דייטשן און זייער פּאָליציי. לויט אים זענען אין די קאַמפן ממש געפאַלן בלויז צען־צוועלף סערניקער יידן. אויך פון די וואָלינער שטעטלעך: קאַמיען־קאָשירסק, און טוטשין, ווו עס האָבן זיך געראַטעוועט אַ קענטיקע צאָל יידן, האָבן בלויז ווייניקע איבערגעלעבט די מלחמה.

ווי געזאָגט, פאַלט אויס דער גרעסטער טייל פון די אומגעקומענע אויף דעם פּעריאָד פון אַנטלויפן ביזן געפינען שוץ אין די פאַמיליע־לאַגערן אָדער קעמפערישע אָטריאַדן און אין די פאַרטיזאַנער־זאָנעס. אָנפאַלן פון דייטשן, פּאָליציי, ווייס־פּוילישע פּאַרטיזאַנער, אוקראַאיניש־פאַשיסטישע באַנדעס און סתם רוצחים און רויבערס פון דער באַפעלקערונג, האָבן אָנגעמאַכט אַ חורבן צווישן די הילפסלאָזע, געפלעפטע יידן.

יידישע פאַרטיזאַנער זענען אומגעקומען צוליב אומפאַרזיכטיקן באַגיין זיך מיט געווער און אויפרייס־מאַטעריאַלן בעתן מינירן אייזנבאַן־ליניעס און שאָסייען, ביים אַרויסגוס פון די „טאָל" פון סנאַריאַדן און נישט־אויפגעריסענע באָמבעס אויף צו מאַכן מינעס אאַז"וו.

ביים סומירן די פאַרלוסטן וועלן מיר אויך צוגעבן די יידן, וואָס זענען געפאַלן פון די הענט פון אַנטיסעמיטישע פאַרטיזאַנער, באַזונדערס אין דער ערשטער תקופה פון דער באַוועגונג און אויך די יידישע פאַרטיזאַנער וואָס זענען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט לויט אורטיילן פון דער „באַזונדערער אָפּטיילונג" פאַר פאַרזינדיקן זיך קעגן „קריגס־קאָדעקס" (רויב, שלאָפן אויף פּאָסט, אומדיסציפּלין אאַז"וו), וואָס איז אָנגעווענדט געוואָרן לגבי יידן מיט דער פולער האַרבקייט.

די איבערוויגנדיקע מערהייט פון די אומגעקומענע פאַרטיזאַנער־קעמפער זענען געפאַלן אין די קאַמפן מיט דייטשע גאַרניזאָנען, פּאָליציי, מיט די ווייסע־פּאָליאַקן, אוקראַאיניש־נאַציאָנאַליסטישע באַנדעס, ווייסרוסי־

שע „סאַמאָכאָווע" און גענעראַל וולאַסאָווס אַרמיי. נישט קליין איז די צאָל, וואָס זענען געפאַלן דורך דייטשע לויערונגען, ביים אַדורכפירן דיווערסיע־ און שעדיקונגס־אָפּעראַציעס, בעתן מינירן די דייטשע קאָמוניקאַציע־ליניעס א.אַז.וו.

האַרט פאַר דער באַפרייאונג, בעתן פּאַניק־ריקצוג פון די דייטשן, האָבן די פאַמיליע־אָטריאַדן פון ביעלסקי און זאָרין אין נאַליבאָקער פּושטשע געליטן שמערצלעכע פאַרלוסטן אין די קאַמפן און לויערונגען מיט אָפּ־טרעטנדיקע דייטשע גרופּעס, וואָס האָבן געפּרוווט דורכשניידן זיך אַ וועג דורך די וועלדער. אויך בולאַקס בריגאַדע „פּאָביעדאַ", האָט בעת דער בלאָקאַדע פון די „וולאַסאָווצעס" פאַרן אָנקום פון דער רויטער אַרמיי, ביים פּרווו דורכצורייסן דעם ווילנער טראַקט, אַוועקגעלייגט די בעסטע קאָמאַנ־דירן, צווישן זיי פיל יידישע אויסגעצייכנטע קעמפערס.

באַלד נאָך דער באַפרייאונג זענען פיל יידישע פּאַרטיזאַנער מאָביליזירט געוואָרן אין דער רויטער אַרמיי אין איר פאַראויס־מאַרש צו דייטשלאַנד. געוועזן פאַלן, ווען מען האָט ביים דעמאָביליזירן פאַרטיזאַנער־אָטריאַדן, כמעט אַלע יידן אַוועקגעשיקט צום פראָנט („אָרדזשעניקידזע", „קראַסנאָ־גוואַרדייסקי", „פּאָביעדאַ" א.אַ). כמעט אומעטום איז דאָס געווען אָפּהענגיק פונעם איינשטעל און באַציונג פון דער אָטריאַד־אָנפירונג. אין פיל פאַלן האָבן די רויט־אַרמייאישע קאָמאַנדירן פון מיליטערישע איינהייטן, וועלכע האָבן אין די קאַמפן פאַרלוירן אַ טייל פון זייערע זעלנער, געפאָדערט דער־גענצונגען פון די פאַרטיזאַנער־רייען און די פאַרטיזאַנער־קאָמאַנדירן זענען אַנטקעגנגעקומען זייערע פאָדערונגען.

פון די נישט־יידישע פּאַרטיזאַנער האָט מען אַוועקגעשיקט צום פראָנט נאָר די יעניקע, וועלכע האָבן געדינט דער דייטשער „ווערמאַכט" און גע־קומען אין די וועלדער ערשט אין דער צווייטער העלפט פון 1943, ד"ה, דער עלעמענט, וועלכער האָט געדאַרפט אויסקויפן זיין פאַרראַט לגבי דעם פאָטערלאַנד.

מען האָט די פאַרטיזאַנער אין זייער ציוויל־קליידונג מיט דעם פאַר־טיזאַנישן געווער, נישט אויסגעשולטע צו די קאַמפס־באַדינגונגען, טאַקטיק און סטראַטעגיע אין אָפענעם פראָנט — געוואָרפן אויף די ערשטע ליניעס. נאָר ווייניקע, וועלכע האָבן געהאַט דאָס „גליק" צו ווערן ערנסטע

אינוואַלידן, זענען געבליבן לעבן. כמעט אַלע זענען געפאַלן אין די קאַמפן פאַר וואָלקאָוויסק, ביאַליסטאָק און ביים טייך נאַרעוו.

מען דאַרף צוגעבן, אַז נישט ווייניק יידן, וועלכע האָבן דורכגעטראָגן זייערע לעבנס דורך די געטאָ־שחיטות און קאַמפן אין די וועלדער, האָבן באַוויזן, באַלד נאָך דער באַפרייאונג, דעם שטאַרקן לעבנס־אינסטינקט און זיך אַליין געמאָלדן פרייוויליק אין דער רויטער אַרמיי, בכדי האָבן אַ מעגלעכקייט צו דערגרייכן דאָס פאַרשאָלטענע לאַנד פון די דייטשן. ליידער זענען זייער ווייניק יידישע פּאַרטיזאַנער דערגאַנגען ביז בערלין און דער־לעבט דעם טאָג פון פולן זיג און פולער קאַפּיטולאַציע פון דעם „הערן־פאָלק".

אַ כאַראַקטעריסטישע ווערסיע האָט דאַן קורסירט צווישן די יידישע פּאַרטיזאַנער, אַז אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און אין די סאָוועטישע רעגירונגס־קרייזן איז געווען אַן איינשטעלונג, אַז מען זאָל נישט מאָביליזירן די קליינע צאָל לעבנגעבליבענע יידן. עס האָט אָבער, ווייזט אויס, געזיגט די ליניע, אַז יידן האָבן מיטן דייטש דעם גרעסטן חשבון און דעריבער דאַרפן זיי פאַרזעצן דעם קאַמף אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי ביזן פולן נצחון.

***

בכלל האָט די פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג אין די טויזנטער שטעט און שטעטלעך פון ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע, געטראָגן אַ לגמרי אַן אַנדערן כאַראַקטער, ווי אין די גרויסע יידישע צענטערס: ווילנע, וואַרשע, ביאַליס־טאָק און אַנדערע.

אין די שטעט און שטעטלעך פון ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע האָבן נישט עקזיסטירט פאַר די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער יידישער פּאַרטיזאַנקע קיין אידעאָלאָגישע חקירות און ספקות אין דער ריכטיקייט פון זייער צו־גאַנג צום פּראָבלעם פון רעטונג.

די לאָזונג איז געווען — אַרויסצוגיין פון די געטאָס אין די וועלדער אַריין. אַליין אַרויסגיין, מיטנעמען די משפחות און ראַטעווען וואָס מער יידן.

נישט נאָר אין די טויזנטער קליינע שטעטלעך, נאָר אויך אין פיל גרויסע און מיטלמעסיקע שטעט ווי: מינסק, לידע, קאָוונע, האָבן די אָרגאַ־ניזאַטאָרן פון דער אונטערערד־באַוועגונג, נישט געפלאַנט און נישט גע־

גלויבט אין דער מעגלעכקייט פון אַ ווידערשטאַנד, אינערהאַלב דעם געטאָ, אין די געדיכטע, גרויסע, טונקעלע וועלדער האָבן זיי געזען נישט נאָר אַ רעטונגס־וועג, נאָר אויך די איינציקע מעגלעכקייט צו קאַמף און נקמה.

אין קאַפּיטל ניין „די אונטערערדישע פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציעס אין די געטאָס" האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אויף די חילוקי־דעות צווישן די אָנהענגער פון אַ קאַמף אין געטאָ און די וואָס האָבן באַפּאַרצוגט דעם פּאַרטיזאַנישן קאַמף אין די וועלדער. בלי שום ספק זענען די אַרגומענטן פון די אָנהענגער פון אַ קאַמף אין געטאָ געווען איבערצייגנדיקע. נישט מיט אַ לייכט געמיט האָט מען געקענט אָננעמען אַ באַשלוס צו ראַטעווען זיך דורך אַנטלויפן אין די וועלדער און איבערלאָזן אויף גאָטס באַראָט די יידישע מאַסן, זקנים, פרויען און קינדער. אַדאָם גיט אַן אויסדרוק צו די שטימונגען אין זיין בוך „אין די געטאָס פון וואַרשע און טשענסטאָכאָוו":

> „עס האָט נישט קיין זין אַ יידישער קאַמף אין די וועלדער, בעת די יידישע מאַסן, — פאַר וועמען דער קאַמף ווערט געפירט — ווערן פאַר־טיליקט אין די געטאָס".
> (דאָרט, — ז' 84).

אַפילו גענס, דער קאָמאַנדאַנט פון דער יידישער פּאָליציי אין ווילנער געטאָ, באַגרינדעט זיין קעגנערשאַפט צום אַרויסגאַנג אין די וועלדער מיט דעם, אַז „די פּאַרטיזאַנקע איז אַ רעטונגס־וועג בלויז פאַר יחידים, פאַר יוגנטלעכע און נישט פאַר די יידישע ברייטע מאַסן. נאָכמער, די טעטיקייט פון די פּאַרטיזאַנער אינערהאַלב די געטאָס און דאָס אַנטלויפן אין די וועלדער שטעלן אין געפאַר דאָס לעבן און זיכערקייט פון די יידישע מאַסן". די אונטערערדלער אין די גרויסע שטעט האָבן טיף אין האַרצן נישט גע־גלויבט, ביי די געגעבענע אומשטענדן, אין דער מעגלעכקייט צו לעבן און קאַמף אויך אין די וועלדער און דערפאַר געזען זייער אויפגאַבע אין צוגרייטן די יידישע מאַסן צום לעצטן יאוש־געראַנגל אין געטאָ. עס איז נישט געווען קיין אָרט פאַר אילוזיעס וועגן אויסגאַנג פון קאַמף. דער אַקצענט איז דאָ געשטעלט געוואָרן אויף צו רעהאַביליטירן דעם יידישן כבוד פאַר דער היסטאָריע און דער גרויסער וועלט.

אָבער די היסטאָריע האָט זיך אירע אייגענע וועגן. נישט ווייניקע פון די, וואָס האָבן געפּריידיקט דעם געדאַנק פון אַ מלחמה אין געטאָ, זענען

אַנטלאָפן אין די וועלדער און פּאַרקערט, די אונטערערדלער, וואָס זענען געווען פאַר אַ פּריצייטיקן אַרויסגאַנג אין די וועלדער, זענען געפאַלן אין דעם יאוש־קאַמף אין געטאָ. עס איז די איראָניע פון גורל, אַז דווקא יחיאל (איליאַ) שיינבוים, וואָס האָט גערופן די יוגנט אין ווילנער געטאָ צום תיכּף־דיקן אַרויסגאַנג אין די וועלדער, איז געפאַלן ווי אַ העלד אין ווילנער געטאָ־קאַמף (1טער סעפּטעמבער 1943) און נישט זוכה געווען צו באַטייליקן זיך אין פּאַרטיזאַנער־קאַמף אין די וועלדער און צו דערלעבן דעם טאָג פון דער באַפרייאונג.

היינט צו טאָג זענען מודה אויך די, וואָס האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט צום אַרויסגאַנג אין די וועלדער, אַז זייער עקשנותדיקע איינשטעלונג פאַר אַ קאַמף אין די געטאָס איז געווען אַ פעלערהאַפטע. מאַרקאָוו, דער קאָמאַנדיר פון אַ פּאַרטיזאַנער־בריגאַדע אין נאַראָטשער פּושטשע, האָט באַגעגנט מיט האַרבע שטראָף־ווערטער די מיטגלידער פון דער פּ. פּ. אָ.־אָרגאַניזאַציע, וואָס זענען געקומען אין די וועלדער, ערשט נאָכן ליקווידירן דעם ווילנער געטאָ. אין אויבנדערמאָנטן בוך פון אַדאַם לייענען מיר זיין ביטערן ווידוי נאָכן וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד:

„דער געטאָ־אויפשטאַנד וואָלט אָנגענומען אַנדערע מאַסשטאַבן, ווען מיר וואָלטן אין די וועלדער געהאַט פיל פּאַרטיזאַנער־פאָרמאַציעס, וואָס וואָלטן געקענט קומען צו הילף די קעמפערס אין געטאָ".
(דאָרט, — ז' 112).

דער אמת איז, אַז אין די געטאָס זיינען נישט געווען קיין מעגלעכקייטן אַפילו פאַר אַ יאוש־קאַמף און געוויס זענען די אויסזיכטן פאַר ממשותדיקער נקמה, פון די דייטשן — געווען נישטיקע. אויף דעם פּאָן ווערט פאַר־שטענדלעך פאַרוואָס אין פיל גרויסע יידישע צענטערן (אַ חוץ וואַרשע און ביאַליסטאָק) איז טראָץ די פילע צוגרייטונגען צו אַ ווידערשטאַנד, אין דער לעצטער מינוט גאָרנישט אַרויסגעקומען דערפון און די יידישע מאַסן זענען פּאַסיוו געגאַנגען צו די טויט־גריבער און צו די וואַגאָנעס, וואָס האָבן זיי אַרויסגעפירט אין די טויט־לאַגערן.

ערשט איצט זעען אַלע, אַז דער איינציקער אויסוועג איז דאַן געווען: רופן די יידישע מאַסן זיך צו צעלויפן מחוץ די אַרומגעצוימטע און באַוואַכטע געטאָס. ווען די געטאָ־יידן וואָלטן זיך מאַסנווייז געוואָרפן אַלע מיט אַמאָל

אויף די דראַט־פּאַרצוימונגען און געטאָ־טויערן, וועמענס באַוואַכונג אין רויִקע טעג איז אין מערסטנטייל שטעט געווען אַ נישטיקע, און זיך צעלויפן אין די דערפער, וועלדער, פעלדער, בלאָטעס און פליינען, וואָלט די לאַגע געווען אַ ווייניק־גינסטיקערע פאַר די דייטשע תלינים. געוויס וואָלטן פיל געפאַלן בעתן אַנטלויפן, פיל וואָלטן געפאַלן אין די וועלדער און פעלדער פון אָבלאַוועס פון דייטשן און פּאָליציי. אָבער פיל פון זיי וואָלטן אויך איבער־געלעבט די מלחמה אין די וועלדער. די דייטשן וואָלטן שוין דאָ נישט געהאַט די לייכטע אויפגאַבע: אַרויסצופירן מאַסן ייִדן פון קאָנצענטרירטע קליינע אַרומגעצאַמטע שטחים. זיי וואָלטן דאַן שוין דאַרפן אויפזוכן אײנציקווייז און גרופּעסווייז מיליאָנען ייִדן אויף ריזיקע נישט־אַרומגעצוימטע שטחים, רי־זיקירנדיק דערביי מיט זייערע אייגענע לעבנס.

אַלס רעזולטאַט פון די חילוקי דעות וועגן רעטונגס־פּראָבלעם זעען מיר, אַז פיל טויזנטער און אפשר צענדליקער טויזנטער ייִדן פון די קלענערע ישובים אין וואָלין, פּאָלעסיע ,ווייסרוסלאַנד, גאַליציע און טיילווייז אויך קאָנגרעס פּוילן האָבן זיך געראַטעוועט און איבערגעלעבט די מלחמה אין די וועלדער און בלאָטעס, בעת פון די גרויסע שטעט האָבן זיך געראַטעוועט בלויז יחידים אין דער לעצטער מינוט, און עס איז אַדורכגעלאָזט געוואָרן דער גרויסער שאַנס פון רעטונג פאַר פיל צענדליקער און הונדערט טויזנטער ייִדן.



די ברידער צבי און משה שטראַמער
פון לעמבערג, פון דער חלוצישער אונטערערד
פאַרשטעלטע אין דייטשע מונדירן
(אַרכיוו פון „יד ושם”, ירושלים)

קאַפּיטל איין און צוואַנציק

די ייִדישע פרוי אין פּאַרטיזאַנקע

בדרך־כלל זענען ייִדישע פרויען נישט גערן אויפגענומען געוואָרן אין די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן. די פּאַרטיזאַנער האָבן געהאַלטן, אַז דער גרעסטער טייל פרויען זענען נישט צוגעפּאַסט פאַר קאַמפּס־אויפגאַבעס און, אַז די אַנוועזנהייט פון פרויען אין אָטריאַד ווירקט שלעכט אויף די קאַמפּס־פעיִקייטן פון די פּאַרטיזאַנער: די פרויען ציִען אָפּ זייער אויפמערקזאַמקייט פון אייגנטלעכן קאַמף און אָפטמאָל קומט צו סכסוכים צווישן די פּאַרטיזאַנער פאַר געווינען פרויען. צוליב די זעלביקע טעמים איז אין פיל רוסישע אָטריאַדן געווען פאַרבאָטן דעם פּאַרטיזאַנער־סאָלדאַט חתונה צו האָבן. אָן אויסנאַם האָט געבילדעט דער קאָמאַנדירנדיקער פּערסאָנאַל. ביי אַזאַ איינשטעלונג צו פרויען בכלל איז פאַרשטענדלעך, אַז דאָס אָנקומען פון אַ ייִדישער פרוי אין אַ קעמפערישן רוסישן אָטריאַד איז געווען זייער שווער. די ייִדישע פרוי איז געווען דער ערשטער קאַנדידאַט, ביי יעדער געלעגנהייט, אַרויסגעשיקט צו ווערן אין פאַמיליע־לאַגער.

אין אָטריאַד „גראַזני״, האָט די קאָמאַנדשאַפט, אויסנוצנדיק די קראַנקייט פון קאָמאַנדיר, גראַזני, אַרויסגעשיקט אין ביעלסקיס אָטריאַד זיבן ייִדישע מיידלעך, איבערלאָזנדיק אָבער אין אָטריאַד די ייִדישע בחורים (מערץ 1943).

דער קאָמאַנדיר פון אָטריאַד א״נ „וואָראָשילאָוו״, מיסיוראַ, האָט אַרויסגעטריבן צען ייִדישע מיידלעך, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער פּאַרטיזאַנישער קיך און אויף זייער אָרט אַריינגענומען אוקראַאינערינס פון די אַרומיקע דערפער. אַלס פּראָטעסט קעגן מיסיוראַס אַנטיסעמיטישן באַשלוס האָט אַלעק

אַבוגאָוו, (דער יידישער קאָמאַנדיר פון דער רייטער־אויסשפּיר־אָפּטיילונג), צוזאַמען מיט נאָך צוועלף יידישע פּאַרטיזאַנער, פאַרלאָזט דעם אָטריאַד. דער „אָרליאַנסקי״־אָטריאַד פלעגט נאָך יעדער דייטשער אָבלאַווע אָדער בלאָקאַדע, אויסלאָזן דעם גאַנצן כעס צו די „איבעריקע״ יידישע פרויען און דראָען מיט אַרויסטרייבן זיי אין די פאַמיליע־לאַגערן.

דער גרעסטער טייל יידישע פרויען, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט אין די וועלדער, האָבן געפונען זייער אָרט אין די פאַמיליע־לאַגערן און פאַמי־ליע־אָטריאַדן. נאָר ווייניקע פרויען איז געלונגען אַריינצובאַקומען זיך אין רוסישע קעמפערישע אָטריאַדן, אָדער אַ דאַנק זייערע מענער, וועלכע זענען אויפגענומען געוואָרן אין די אָטריאַדן און האָבן ביי זייער אַריינטריט גע־שטעלט עס אַלס באַדינג, אָדער דערפאַר, וואָס זיי זענען געווען גענוג יונג און שיין, אויף געפעלן צו ווערן וועמען עס איז פון דער קאָמאַנדשאַפט.

אויב די לאַגע פון יידישע פּאַרטיזאַנער בכלל איז געווען אַ „דעליקאַטע״, איז נאָך פיל שווערער און טרויעריקער געווען די לאַגע פון דער יידישער פרוי. לעבן אין פאַמיליע־לאַגער האָט באַדייט אַ לעבן פון הונגער, דחקות און אומזיכערקייט. דאָס איינצלנע יידישע עלנטע מיידל, אָן משפחה, גואל אָדער פריינט, איז אָפטמאָל געווען געצוווּנגען צו ווערן די פרוי פון אַ קאָמאַנדיר אָדער סתם רוסישן פּאַרטיזאַנער. די פאַרהעלטענישן אין פּאַרטיזאַנקע זענען געווען אַזעלכע, אַז אַ פרוי האָט געמוזט האָבן אַ באַשיצער, אַ פאַטראָן, אויב זי האָט נישט געוואָלט זיין אויסגעשטעלט אויף פאַרשיידענע שיקאַנעס און לסוף אַרויסגעשיקט צו ווערן פון אָטריאַד. אַזאַ באַשיצער פלעגט אויך זאָרגן פאַר דער באַקליידונג פון זיין פרוי און האַלטן פאַר זיין חוב צו ברענגען פאַר איר אַ בעסערן ביסן און מלבוש, וואָס האָט ביי די פּאַרטיזאַנישע וואַלד־באַדינגונגען פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ פּראָבלעם.

געווען אויך איינצלנע יידישע פרויען, וואָס זענען דורך זייערע מענער איינגעאָרדנט געוואָרן ביי פויערים, אין דער אומגעגנט און זיי געשיצט און געשפייזט. געווען אויך מענער, וועלכע האָבן מסכים געווען אַריינצוגיין אין די רוסישע פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן אָן זייערע פרויען, בכדי צו האָבן אַ מעג־לעכקייט פון דאָרט זיי צו שטיצן אין די פאַמיליע־לאַגערן.

געווען אָבער אויך פאַלן, ווען רוסישע קאָמאַנדירן פלעגן אויסנוצן זייער שטעלונג, בכדי אויפצוצווינגען פיל יינגערע יידישע מיידלעך צו ווערן זייערע

פרויען. אָפּזאָגן אין אַזאַ פאַל איז געווען אַן אוממעגלעכקייט און איז געווען פאַרבונדן מיט פיל געפאַרן, נישט זעלטן אויך מיט טויט־געפאַר.

ס׳רוב זענען די רוסישע „מענער״ געווען פיל עלטערע פון זייערע פרויען. עס זענען געווען פופציק־יעריקע און אַפילו זעכציק־יעריקע קאָמאַנדירן, וואָס האָבן פאַר זיך אויסגעקליבן 18־20־יעריקע יידישע מיידלעך. געווען אויך אַזעלכע, וועלכע פלעגן נאָכן אָנזעטיקן זיך מיט דער יידישער פרוי, אָפּשיקן זי אין אַן אַנדער אָטריאַד אָדער פאַמיליע־לאַגער, און צוקלייבן זיך אַ נייע „קראַסאַוויצע...״ עס איז כדאי צוצוגעבן, אַז נאָכן אַרויסגיין פון די וועלדער האָט זיך די גרעסטע טייל פון די יידישע מיידלעך צעשיידט מיט זייערע קריסטלעכע „וואַלד־מענער״ און האָבן צוגלייך מיט אַלע יידן זיך רעפּאַטריאירט קיין פוילן, בכדי פון דאָרט צו קענען אויסוואַנדערן אין אַנדערע לענדער, בעיקר קיין ארץ־ישראל.

די יידישע פרויען, וועלכע זענען אויפגענומען געוואָרן אין די אָטריאַדן, האָבן בעיקר געאַרבעט ביי קיך־אַרבעטן, בעקעריי, וועשעריי און אַלס קראַנקנשוועסטערס. יידישע פרויען האָבן געהאַט אַ נאָמען פון גוטע קעכינס און זיי האָבן זיך באַמיט צו זיין נוצלעך און באַוויזן לייסטונגען, בכדי צו פאַרשענערן און פאַרבעסערן די לעבנס־באַדינגונגען פון די פאַרטיזאַנער.

יידישע פרויען האָבן אויך געאַרבעט אַלס באַאַמטינס, איבערזעצערינס, מאַשיניסטנס אין די שטאַבן פון די אָטריאַדן, בריגאַדעס און פאַראייניקונגען. זיי האָבן געדרוקט אויף די שרייב־מאַשינקעס און פאַרטאָפּלט אויפן שאַפּיראָגראַף די קאָמוניקאַטן („סוואָדקעס״), פון די „סאָוואינפאָרמביוראָ״ (סאָוועטישע אינפאָרמאַציע־ביוראָ), וועגן דער לאַגע אויף די פראָנטן און אין דער גרויסער וועלט. עס זענען געווען יידישע מיידלעך, וואָס פלעגן די פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַלן פאַרשפּרייטן אין די דערפער און דערלעבן־ליגנדיקע ישובים. אין „דיאַדיאַ מישאַס״ אָטריאַד איז געווען אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג פאַר דעם צוועק, בראש פון וועלכער עס איז געשטאַנען רייזעלע אָסטערמאַן. אין אָטריאַד האָט מען איר טאַקע גערופן „פּראָפּאַגאַנדע מיניסטער״. זי פלעגט אויפכאַפּן די ראַדיאָ־אויסזיצייעס פון די הויפּטשטעט פון אַלע פאַרבינדעטע מלוכות, זיי איבערזעצן אין רוסיש און אוקראַיניש און פאַרשפּרייטן אַלס נייס־ביולעטינען צווישן דער אָרטיקער אוקראַינישער באַפעלקערונג. זי האָט אויך אָרגאַניזירט אין די דערפער יונגע פויערטעס, וועלכע פלעגן

זיך פֿאַרנעמען מיט פֿאַרשפּרייטן און פונאַנדערקלעפּן די „סוואָדקעס" אויף די ווענט. אַזוי אַרום האָט מען ריכטיקגעשטעלט פֿאַר דער באַפעלקערונג דעם מצב אויף די פראָנטן און צונישט־געמאַכט די דייטשע ליגנערישע פּראָפּאַגאַנדע וועגן זייערע כלומרשטע נצחונות.

אין קאַפּיטל זיבעצן (אונטערקעפּל ה' — „דער יידישער מעדיצין־אַרבעטער אַלס קעמפער און לעבנס־רעטער") האָבן מיר שוין דערציילט וועגן די לייסטונגען פון די יידישע קראַנקנשוועסטערס פאַר די פאַרוווּנדעטע און קראַנקע פּאַרטיזאַנער.

די יידישע קראַנקנשוועסטער האָט מיטגעהאָלפן ראַטעווען די לעבנס פון פילפאַרוווּנדעטע אין די פּאַרטיזאַנער־קאַמפן דורך אַ זאָרגפולער, וואַרעמער באַציִונג און לינדערן די ליידן פון קראַנקן און פאַרוווּנדעטן פּאַרטיזאַן ביי די שווערע וואַלד־פאַרהעלטענישן.

זיי האָבן איינגעשטעלט זייערע לעבנסביים אַרויסנעמען פון שלאַכט־פעלד די פאַרוווּנדעטע, אונטער אַ האָגל פון שונאס קוילן און פיל פון זיי האָבן טאַקע באַצאָלט מיט זייערע לעבנס, פאַר זייער איבערגעגעבנקייט. פיל יידישע שוועסטער האָבן באַוווסטזיניק אויסגעוויילט פאַר זיך אַ זיכערן טויט, איידער איבערצולאָזן אויף הפקר די אָנפאַרטרויטע קראַנקע און פאַרוווּנדעטע פּאַרטיזאַנער. די פּאַרטיזאַנער און קאָמאַנדשאַפט האָבן טאַקע אָפּגעשאַצט די מסירות־נפשדיקע טעטיקייט פון דער יידישער קראַנקנשוועסטער.

אַ כאַראַקטעריסטישער פאַל איז געווען מיט דער יונגער יידישער דערעטשינער מיידל, חיהלע בעקנשטיין, וואָס איז אָנגעקומען אין 1942טן יאָר אין אָטריאַד „גראָזני". צוליבן מאַנגל אין מעדיצינישע כוחות איז זי פרייוויליק געוואָרן אַ קראַנקנשוועסטער. זי האָט אויך באַדינט דעם שכנות־דיקן אָטריאַד „זאַלאָטאָוו". ווען די דאָזיקע אָטריאַדן האָבן זיך צעוואָקסן און איבערגענומען באַזונדערע ראַיאָנען, איז צווישן די שטאַבן פון די א"ד אָטריאַדן אַנטשטאַנען אַ קאָנפליקט, אין וועלכן אָטריאַד זאָל „גאַלאַ" (אַזוי האָט מען זי גערופן אין דער פּאַרטיזאַנקע) איבערגיין. יעדער אָטריאַד האָט זי דורכאויס געוואָלט פאַרהאַלטן פאַר זיך. זי איז געבליבן אין אָטריאַד „גראָזני". די פּאַרטיזאַנער האָבן צו איר געפילט אַזאַ שטאַרקן צוטרוי, אַז אַפילו שפּעטער, ווען אין די אָטריאַדן זענען שוין געווען דאָקטוירים, פלעגן

די פּאַרטיזאַנער זיך ווענדן נאָר צו איר נאָך מעדיציניש הילף. זי איז געווען זייער חבר און מיטקעמפערין און אָן שום שרעק און פּחד מיטגע־מאַכט די געפערלעכסטע קאַמפן, צוגעבנדיק מוט די אַנדערע דערפאַרענע סאָלדאַטן און קעמפער. נאָך דער מלחמה איז זי באַלוינט געוואָרן מיט אַ הויכער מיליטערישער אויסצייכענונג.

אויך די יידישע מיידלעך, וועלכע זענען געווען באַשעפטיקט ביי אַרבעט אין דער קאָלעקטיווער קיך פון אָטריאַד, האָבן באַוויזן צו לייסטן אויף זייער געביטן דאָס מאַקסימאַלסטע, און אַנדערע פון זיי זענען אַ דאַנק זייער איבערגעגעבנקייט און אַרבעטזאַמקייט דערמאָנט געוואָרן לשבח אין די טאָג־באַפעלן פון דער קאָמאַנדשאַפט.

געווען אָבער אויך יידישע פרויען, וועלכע האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די קאַמפן, לויערונגען, דיווערסיע־אַקטן, מינירונגען פון עשאַ־לאָנען און האָבן זיך אַרויסגערוקט אין דער ערשטער ריי פון די אויסגע־צייכנטע קעמפערס. יידישע פרויען האָבן אויף זייער קאַמפּס־קאָנטע פאַר־שריבן פיל צעשטערטע עשאַלאָנען און געהרגעטע דייטשן, פרויען, וועלכע זענען באַלוינט געוואָרן מיט די העכסטע אָרדנס און פאַרשריבן אַ הערלעכן קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון יידישן אָנטייל אין דער סאָוועטישער פאַר־טיזאַנקע. איינע פון די העראָישסטע געשטאַלטן אין בלי ספק די טראַגיש־אומגעקומענע, זשעניע אייכענבוים.

זשעניע אייכענבוים איז געבוירן געוואָרן אין 1925 אין פּולטוסק. אין 1939 ווערט זי איבערגעשיקט פון טשערוואָני־בור (ביאַליסטאָקער קרייז) קיין סלאָנים. אין אויגוסט 1942, אַנטלויפט זי אין דער פאַרטיזאַנקע און קומט אָן אין דער 51טער יידישער גרופּע ביים אָטריאַד „שטשאָרס". זי האָט אָנ־טייל גענומען אין אָנפאַלן ביים באַפרייען די קאָסאָווער געטאָ אין אויגוסט 1942; אין צעקלאַפּן אַ שול פון דער „סאַמאָכאָווע" אין גאַווינאָוויטש (סלאָ־נימער געגנט); אין באַרימטן קאַמף ביים 10טן שליוז פון אָגינסקי־קאַנאַל, (פאַרבינדט די טייכן בוג, פּריפּעט און דניעפּער אין טעלעכאַנער ראַיאָן), דעם 4טן סעפּטעמבער 1942; אין נאָוועמבער 1942, נעמט זי אָן אַקטיוון אָנטייל אין קאַמף ביים צעקלאַפּן דעם דייטשן גאַרניזאָן ביים שטעטל טשו־טשעוויצי (לונינעצער ראַיאָן), וועלכער איז אויסגעפירט געוואָרן בלויז דורך דער 51טער יידישער גרופּע פון א"ד אָטריאַד. זי האָט אויך אָנטייל

געגומען אין קאַמף ביים צעקלאַפּן און פֿאַרברענען דעם גרויסן טאַרטאַק און גאַרניזאָן אין דעניסקאָוויטש (האַנצעוויטשער ראַיאָן) נאָוועמבער 1942, און אין קאַמף ביים טייך לאַן (לונינעצער ראַיאָן), דעם 5טן דעצעמבער 1942. אויך ביים צעקלאַפּן דעם גאַרניזאָן אין שוויענטאַ־וואָליאַ (טעלעכאַנער ראַיאָן), אין פעברואַר 1943 און ביים צעקלאַפּן און פאַרברענען דעם גאַר־ניזאָן אין מיענדזילעשע (קאַרטוז־בערעזער ראַיאָן) אין יוני 1943, האָט זי אַרויסגעוויזן גרויס איניציאַטיוו און דרייסטקייט.

במשך פון 1943 האָט זי אָנטייל געגומען אין די אויפרייסן אויף די ליניעס בריסק־באַראַנאָוויטש, ביי די סטאַנציעס האַראָנטשיצע־בלודען און בריסק־פינסק און ביי דער סטאַנציע האָראָדעץ־דראָהיטשין. נישט ווייניקער ווי דרייצן צעשמעטערטע עשאַלאָנען מיט דעם שונאס לעבעדיקע קראַפט און קריגס־טעכניק איז פאַרשריבן אויף איר קאַמפס־קאָנטע.

באַזונדערס האָט זי זיך געמאַכט אַ נאָמען מיט איר אָנטייל אין אויפ־רייס פון אַן עשאַלאָן אויף דער ליניע־באַראַנאָוויטש־לונינעץ, ביי דער סטאַנציע בודי (31טן דעצעמבער 1943). זי איז געווען זייער פּאָפּולער און באַליבט ביי די סאָלדאַטן־פּאַרטיזאַנער און קאָמאַנדשאַפט, נישט נאָר פון איר אָטריאַד, נאָר בכלל ביי אַלע פּאַרטיזאַנער פון דער בריסקער פּאַרטי־זאַנער־פאַראייניקונג. אַלס אויסדרוק פון אָנערקענונג פאַר איר העלדישקייט און מוט, האָט מען איר געשענקט אַן אַוטאָמאַט־געווער, וואָס זעלטן ווער פון פרויען האָט געהאַט אין פּאַרטיזאַנקע.

זי איז געפאַלן ביי טראַגישע אומשטענדן, אַ טאָג פאַר דער באַפריי־אונג פון יענעם ראַיאָן (23טן מערץ 1944), בעת דעם קאַמף מיט דער אָפּטרעטנדיקער דייטשער אַרמיי פון מערב־אוקראַינע, ביי דעם צוזאַמענגוס פון די קאַנאַלן דניעפּראַ־בוג און ביעלאָזיערסקי (דראָהיטשינער ראַיאָן). באַקומען נאָכן טויט דעם אָרדן „רויטער שטערן" און דעם מעדאַל „פּאַרטי־זאַן פון פאָטערלענדישער מלחמה" 1טע מדרגה. צוגעשטעלט געוואָרן דורך דער קאָמאַנדשאַפט פון בריגאַדע צום אָרדן „רויטע פאַן" און ערן־טיטל „העלד פון ראַטנפאַרבאַנד".

ווייט און ברייט איז אויך פּאָפּולער געווען אַלס אומדערשראָקענע קעמפערין דאָס סוואַלקער יידישע מיידל, גוטע קאַגאַן. צוזאַמען מיט זשעניע אייכנבוים איז זי אַנטלאָפן פון סלאָנימער געטאָ און צוזאַמען מיט איר

געווען אין דער 51טער ייִדישער גרופּע. אָנטייל גענומען אין אַלע קאַמפן מיט די גאַרניזאָנען צו גלייך מיט איר חברטע, זשעניע. אויגוסט 1943, גייט זי איבער אין אָטריאַד א״נ „קאַטאָווסקי״ (קאָברינער טעטיקייטס־ראַיאָן). לכבוד דעם יאָר־טאָג פון דער רויטער אַרמיי (23טן פעברואַר 1944), האָט זי געגעבן אַ מתנה דעם קעמפנדיקן היימלאַנד: פיר אויפגעריסענע עשאַלאָ־נען אויף דער ליניע בריסק־מאָסקווע (ביי דער סטאַנציע אָראַנטשיץ).

דעם 23טן מערץ 1944, ווען זי האָט געוואָלט אין מיטן דער שלאַכט געבן הילף דער שטערבלעך־פאַרווונדעטער זשעניע אייכענבוים, איז זי פאַרווונדעט געוואָרן אין מילץ. זי האָט זיך באַוויזן אויסצוהיילן און לעבט היינט צו טאָג אין סאָוועטרוסלאַנד. אַלס אויסדרוק פון אָנערקענונג איז זי באַשאָנקען געוואָרן מיטן אָרדן „רויטער שטערן״ און מעדאַל „פּאַרטיזאַן פון פאָטערלענדישער מלחמה״, 1טע מדרגה.

אין דער ליפּיטשאַנער פּושטשע איז געווען פּאָפּולער און זיך אויסגע־צייכנט אין די קאַמפן פון אָטריאַד א״נ „וואָראָשילאָוו״ דאָס ייִדישע שיינע מיידל ליובאַ אַבראַמאָוויטש. פאַר דער מלחמה האָט זי געאַרבעט אין דער אונטערערדישער קאָמוניסטישער באַוועגונג. אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע האָט זי מיטגעאַרבעט אין דער סלאָנימער אונטערערדישער אַנטי־פאַשיסטישער באַוועגונג. אַרבעטנדיק אין דער אָרטיקער זשאַנדאַרמעריע אַלס אויפראַמערין, דערטראָגט זי צו דער פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע אונ־טערגעהערטע וויכטיקע ידיעות. זי האָט אויך אייניקע מאָל געבראַכט פּ. פּ. ד.־פּאַטראָנען, וואָס זי האָט אַרויסגעגנבעט פון דער זשאַנדאַרמעריע. אין יולי 1942, איז זי אַנטלאָפן פון סלאָנימער געטאָ און אָנגעקומען אין אָטריאַד „וואָראָשילאָוו״, אין דער ליפּיטשאַנער פּושטשע. זי האָט אָנטייל גענומען אין אַלע קאַמפן, וועלכע דער א״ד אָטריאַד האָט געפירט. אין קאַמף מיט די ווייסע פּאָליאַקן אין דאָרף באַיאַרי, ביי זשעלודאָק (יוני 1943), אין קאַמף ביים דאָרף זשיזשיעוויעץ, לעבן סלאָנים (יאַנואַר 1944), אין קאַמף מיט די דייטשן ביים דאָרף געזגעלע, ביי ביעליצע (דעצעמבער 1943). זי האָט צוזאַמען מיט דיווערסאַנטן־גרופּעס אָנטייל גענומען ביים אַראָפּלאָזן אַכט עשאַלאָנען מיטן שונאס מענטשלעכע כוחות און קריגס־טעכניק אויף די ליניעס באַראַנאָוויטש־ליטע און לידע־מאָלאָדעטשנאָ. צום פּרויען־טאָג (8טן מערץ 1943), האָט זי צוגעקליבן צו זיך נאָך זעקס רוסישע פרויען

און זיי האָבן אַרונטערגעלאָזט אַן עשאַלאָן מיט קריגס־טעכניק אויף דער ליניע לידע־באַראַנאָוויטש (ביי דער סטאַנציע, יאַצוקי). נאָך דעם קריג האָט זי באַקומען דעם אָרדן „רויטער שטערן“ און „פּאַרטיזאַנער מעדאַל“ 1טע מדרגה (היינט צו טאָג אין רוסלאַנד).

אין „דיאַדיאַ מישאַס“ אָטריאַד האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט אַלס מוטיקע קעמפערין די זיבעצן־יעריקע יידישע מיידל, שרה־ליבע זיגמאַן (אָדער ווי מען האָט איר בקיצור גערופן — ליובאַ) פון לעמבערג. זי איז באַזונדערס געוואָרן פּאָפּולער נאָך דעם, ווי זי האָט אייגנהענטיק דערהרגעט דעם פּאָליציי־קאָמענדאַנט פון קאָראָסטענער קרייז, פּיאָטער טשוקאַנאָוו. אַלס געוועזענער לייטענאַנט פון דער רויטער אַרמיי, איז ער אַריינגעפאַלן אין דייטשער געפאַנגענשאַפט, אַדורך אַ ספּעציעלע אויסשולונג ווי צו קעמפן מיט פּאַרטיזאַנער און זיך געשטעלט צו דער דיספּאָזיציע פון דייטשן אָקופּאַנט.

ליובאַ האָט אין דער מלחמה פיל אַדורכגעמאַכט. פאַרן אויסברוך פון דער דייטש־רוסישער מלחמה, (אין 1941טן יאָר), איז זי מגולגל געוואָרן קיין מאָסקווע, ווו זי איז אָנגענומען געוואָרן אַלס שילערין אין קאָנסערוואַ־טאָריום. צוליבן פילבאַרן מאַנגל אין אַרבעטער, נאָכן מאָביליזירן די מענער, איז זי, צוגלייך מיט אַלע שילער פון די רוסישע הויכשולן, געשיקט געוואָרן שניטצייט אויף אַרבעט אין אַ „קאָלכאָז“ אין בריאַנסקער געגנט. אינצווישן איז דאָס דאָרף פאַרנומען געוואָרן דורך די דייטשן און שרה־ליבע זיגמאַן האָט אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן איר גורל אַלס ייִדישע. איר איז געלונגען אַרויסצובאַקומען אין דאָרפישן סאָוויעט אַ פּאַספּאָרט אויפן נאָמען פון ליובאַ אַנדראַסאָוואַ, אַלס כלומרשטע טאָכטער פון פויער, פּיאָטער אַנדראַ־סאָוו, אין וועמענס הויז זי האָט זיך אויפגעהאַלטן. צוזאַמען מיט דער גאַנ־צער דאָרפישער יוגנט, איז זי מאָביליזירט און אַרויסגעפירט געוואָרן אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד. אין אַ קורצער צייט אַרום איז זי באַפרייט געוואָרן, אַלס אומפעיקע צו שווערער פיזישער אַרבעט. אויף איר וואַנדער־וועג צוריק אין בריאַנסקער געגנט, האָט זי זיך אָנגעטראָפן מיט פּאַרטיזאַנער און זי האָט זיך אָנגעשלאָסן צו דיאַדיאַ מישאַס אָטריאַד.

אין דעם אָטריאַד האָט זי זיך פאַרליבט אין דעם יידישן פּאַרטיזאַן, יאָסעלע, וואָס איז געווען באַקאַנט אונטערן פּאַרטיזאַנישן פּסעוודאָנים

„מאָנאַך" („נזיר"). נאָך דעם ווי איר חתן איז געפאַלן, גייענדיק אויף אַ דיווערסיע־אויפגאַבע צו די אייזנבאַן־ליניעס, האָט זי באַשלאָסן צו גיין קיין קאַראַסטען דערמאָרדן דעם פּאָליציי־קאָמענדאַנט, טשוקאַנאָוו, וואָס האָט פאַרשאַפט די פּאַרטיזאַנער שמערצלעכע פאַרלוסטן דורך אָבלאַוועס און לויערונגען. זי האָט באַשלאָסן נקמה צו נעמען פון טשוקאַנאָוון פאַר דעם פאַרגאָסענעם בלוט פון איר חתן, יאָסעלע, און האָט פאַרגעלייגט דער אָטריאַד־קאָמאַנדשאַפט אַ דעטאַליזירטן פּלאַן פון אַן אַטענטאַט. דער קאָ־מאַנדיר האָט, איבערצייגנדיק זיך אין איר עקשנות צום סוף מסכים געווען.

אַ דאַנק איר רוסישן פּאַספּאָרט אויפן נאָמען פון ליובאַ אַנדראַסאָוואַ און עכטן אַרישן אויסזען, איז איר געלונגען אַריינצובאַקומען זיך אין טשו־קאַנאָווס הויז, אַלס דינסט. זי האָט מיט אירע דאָקומענטן אויפגעוויזן, אַז זי איז אַ רוסישע פּויערטע, וועלכע קערט זיך אום פון דייטשלאַנד צו איר דאָרף אין בריאַנסקער געגנט. דער באַוויבטער טשוקאַנאָוו האָט זיך שנעל פאַרליבט אין דער סימפּאַטישער מיידל און האָט באַכגעגעבן אַלע אירע פאַרלאַנגען און ווונטשן. דערוויל האָט זי דורכן פּאַרטיזאַנישן פאַרבינדלער אין קאַראַסטען איבערגעשיקט אין אָטריאַד, אַלע ידיעות, וואָס זי האָט זיך דערוווּסט וועגן די פּלענער און באַוועגונגען פון דער פּאָליציי לגבי די פּאַרטיזאַנער און אַזוי אַרום פאַרהיט דעם אָטריאַד פון פאַרלוסטן. איינמאָל האָט זי איבערגעשיקט אַ ידיעה אין אָטריאַד, אַז טשוקאַנאָוו פאָרט מיט זיין טאַקסי צומאָרגנס, צען אַזייגער פאַרמיטיק, קיין עמילטשין, אויף אַ באַגעגעניש מיט אַן אָנפירער פון אַן אוקראַיניש־פאַשיסטישער באַנדע („בול־באָווצעס"). דער אָטריאַד האָט תיכף אַוועקגעלייגט אַ לויערונג אויפן וועג קאַראַסטען־עמילטשין. אין דער לעצטער מינוט, האָט ליובאַ אים געבעטן, אַז ער זאָל איר מיטנעמען אין זיין מאַשין, כדי צו זען דאָס שטעטל עמיל־טשין, ווו זי איז נאָך קיינמאָל נישט געווען. טשוקאַנאָוו, וואָס האָט די גאַנצע צייט געטראַכט ווי צו פאַרנאַרן די שיינע רוסין, האָט זיך באַלד אָנגעכאַפּט אין דעם פאָרשלאַג. ווי נאָר עס האָט זיך אויף זיי געעפנט אַ פייער פון דער פּאַרטיזאַנישער לויערונג און די מאַשין איז געבליבן שטיין, איז טשוקאַנאָוו אַרויסגעשפּרונגען פון טאַקסי און האַלטנדיק ליובאַן פאַרן האַנט געלאָפן אין דער ריכטונג פון אַנטקעגנאיבערדיקן, קליינעם וועלדל. די פּאַרטיזאַנער זענען געווען איבעראַשט פון ליובאַס אָנוועזנהייט, אַ זאַך, וואָס זיי האָבן

לגמרי נישט דערוואַרט און מורא האָבנדיק איר צו טרעפֿן. האָבן זיי אײַ־בערגעריסן די שיסערײַ. טשוקאַנאָוון איז געלונגען אַרײַנצולויפֿן אין וועלדל. ער האָט אַ צעציטערטער געשלעפּט ליובאַן אַלץ טיפֿער אין וואַלד. ליובאַ האָט פּלוצלינג אַרויסגעצויגן דעם רעוואָלווער, וואָס זי האָט אונטערוועגס אומבאַמערקט צוגעגנבֿעט בײַ אים און אים דערשאָסן.

(דיאַדיאַ מישאַ, — „ייִדישע טעכטער").

ייִדישע מיידלעך זענען אויסגענוצט געוואָרן דורך די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס אין די געטאָס און שפּעטער, דורך די פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן אין די וועלדער, צו פֿאַרשיידענע געפֿאַרפֿולע שליחותן. זיי זענען געגאַנגען אין די דערלעבן־ליגנדיקע שטעט, שטעטלעך, כּדי אונטערצוהאַלטן פֿאַר־בינדונגען מיט די פּאַרטרויאונגס־לײַט, צו שפּיאָנירן די באַוועגונגען און פּלענער פֿון די דײַטשן, קויפֿן נויטווענדיקע פּראָדוקטן און נישט זעלטן אַפֿילו, כּדי אַדורכצופֿירן דיווערסיע־ און שעדיקונגס־אָפּעראַציעס. כּל־זמן עס זענען נאָך געווען אײַנגעלנע געטאָס פֿלעגן זיי אַהין גיין אַרויסצופֿירן ייִדן אין די וועלדער. בײַ אַ מעגלעכן דורכפֿאַל, האָט נאָך אַ ייִדישע מיידל — אָנגעטאָן ווי אַן „אַריערין", מיט אַ עכטן אַרישן אויסזען (צו אַזעלכע אויפֿגאַבן פֿלעגן געשיקט ווערן נאָר מיידלעך, וואָס האָבן אויסגעזען ווי שיקסעס), און מיט געפֿעלשטע דאָקומענטן אויפֿן נאָמען פֿון אַ פּוילישער אָדער ווײַסרוסישער פּרוי — געהאַט שאַנסן זיך ווי עס איז אַרויסצודרייען פֿון די געסטאַפּאָ־הענט. צו אַזוינע אויפֿגאַבן האָט מען נישט געקענט שיקן מענער צוליבן ייִדישן בולטן „דערקענען־צייכן" (ברית־מילה), וואָס, האָט אָן שום ספֿק פֿעסטגעשטעלט די נאַציאָנאַלע אָנגעהעריקייט. די דײַטשן האָבן אויך געלייגט ווייניקער אויפֿמערקזאַמקייט אויף פֿרויען, וואָס האָבן זיך אַרומגעשלייכט איבער די וועגן, ווי אויף דער באַוועגונג פֿון מענער. די פֿרויען האָבן באַהערשט פֿיל בעסער די שפּראַך פֿון די פֿאַרשיידענע פֿעלקער צווישן וועלכע זיי האָבן געלעבט און דער עיקר זייער דיקציע און אויס־שפּראַך, אין יענע שפּראַכן, האָבן נישט געמסרט זייער ייִדישע אָפּשטאַמונג ווי בײַ ס'רובֿ ייִדישע מענער, וועלכע ריידן פֿרעמדע שפּראַכן מיט אַ ייִדי־שער דיקציע.

מירן דאָ דערמאָנען בקיצור נאָר אייניקע געציילטע פֿון די פֿיל ייִדישע טעכטער, וואָס זענען געגאַנגען אין די סכּנותפֿולע שליחותן:

די ניינצן־יעריקע פאַניע און די צוואַנציק־יעריקע חוה פון דער „טשקאַלאָוו“־בריגאַדע, זענען אין שליחות פון דער בריגאַדע געגאַנגען פיל מאָל קיין מינסק אויסצופירן שפּיאָנאַזש־ און דיווערסיע־אויפגאַבעס. די יונגע מיידלעך. זעלדע טרעגער, דינה גרינוואַלד און דאָבע דעוועלטאָוו (היינט — אין ישראל) זענען געשיקט געוואָרן, דורך די ייִדישע אָטריאַדן אין רודניצקער פּושטשע, אויסצופירן פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבעס. אָנגעטאָן ווי טיפּישע גויעס, מיט געפעלשטע פּוילישע און ווייסרוסישע פּאַספּאָרטן זענען זיי געגאַנגען אין שליחות קיין ווילנע.

איינמאָל זענען זיי געשיקט געוואָרן קיין ווילנע, פאַר פאַרבינדונגען מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און מיט די ייִדן, אין די אַרבעטס־לאַגערן („בלאָקן“) „קייליס“ און „ה. ק. פּ.“, וועלכע מען האָט איבערגעלאָזט נאָכן ליקווידירן דעם ווילנער געטאָ. ווי געוויינטלעך, זענען דאָבע דעוועלטאָוו און דינה גרינוואַלד געווען באַזאָרגט מיט אַרישע דאָקומענטן. דעם זעלבן טאָג זענען זיי אַרויפגעפאַלן אויף אַ לויערונג פון לעטישע סאָלדאַטן. זיי האָבן זיך געווערט קעגן דער באַשולדיקונג, אַז זיי זענען ייִדישע פּאַרטיזאַנערינס און מיט זייערע פּאַספּאָרטן אויפגעוויזן, אַז זיי זענען פּוילישע, וואָס זענען געקומען פון ווילנע זיך צו פאַרזאָרגן מיט שפּייז־פּראָדוקטן אין די דערפער. דאָבע האָט אויסגענוצט די מינוטן ווען דער שיכורער סאָלדאַט, וואָס האָט איר געהיט, איז אַנטדרימלט געוואָרן אינמיטן נאַכט, און איז אַנטלאָפן דורכן פענצטער. דינהן האָט מען צומאָרגנס אַוועקגעפירט צו דער ליטווישער פּאָליציי אין שטעטל רודינצקי. עס איז איר געלונגען צו איבערצייגן דעם פּאָליציי־קאָמענדאַנט, אַז זי איז אַ פּוילישע און לויט איר ביטע האָט מען איר געגעבן אַ פּאָליציאַנט, וואָס האָט איר באַגלייט ביז ווילנע. דאָבע דעוועלטאָוו איז נאָכן דורכפאַל אַוועק קיין ווילנע און מיטגעבראַכט אין וואַלד פערציק ייִדן פון לאַגער „קייליס“. אויך דינהן גרינוואַלד איז געלונגען אַרויסצופירן פערציק ייִדן פון לאַגער „קייליס“.

די צוואַנציק־יעריקע זעלדע איז איינמאָל, אויף איר וועג פון ווילנע צו די וועלדער, אַרעסטירט געוואָרן דורך ס״ס־לייט. די דייטשן האָבן איר געשלאָגן און געפּאָדערט, אַז זי זאָל זיך מודה זיין, אַז זי איז אַ ייִדישע. זי האָט באַוויזן איר פּוילישן פּאַספּאָרט און זיך עקשנותדיק געהאַלטן ביי דאָס איריקע, אַז זי איז אַ פּוילישע. אָבער ווייזט אויס, אַז דאָסמאָל האָט

מען איר נאכגעשפיאנירט. א חוץ דעם, האט מען ביי איר אין א פעקל געפונען ווארעמע מלבושים, וואס זי האט געקויפט אין שטאט פאר אירע חברים אין די וועלדער. אין דער לעצטער מינוט ממש, איז איר געלונגען זיך ארויסצודרייען פון זייערע הענט און צו אנטלויפן. א צווייט מאל איז זי אין דארף פופישקי פארהאלטן געווארן דורך ווייסע פאליאקן. זי האט פונקט דאן געהאט ביי זיך איינגעקויפטע רפואות, מעדיקאמענטן און קארעספאנדענץ פון דער אונטערערדישער קאמוניסטישער פארטיי אין ווילנע. זי האט זיך פארגעשטעלט אלס „שפעקולאנטקע", א דערשיינונג, וואס איז אין די אקופאציע־יארן געווען פארשפרייט, און איז באפרייט געווארן. אומצייליקע מאל האט זעלדע טרעגער דורכגעשפאנט די פופציק קילאמעטער, דער מרחק צווישן די רודניצקער וועלדער ביז ווילנע, אין די פארשיידנסטע שליחותן (צ״א אויך ארויסצופירן יידן פון די דייטשע ארבעטס־לאגערן צו די פארטיזאנישע וועלדער). א דאנק איר קאלטבלוטיקייט און טיפיש־ארישן אויסזען איז זי ארויס בשלום פון אלע סכנות, וואס האבן געלויערט אויף שריט און טריט.

נאך פארן ארויסגיין פון ווילנער געטא, האט וויטקע קעמפנער (קאליש — היינט אין ישראל) צוזאמען מיט איזיע מאצקעוויטש, אויפגעריסן א צוג מיט דייטשע סאלדאטן אויף דער אייזנבאן־ליניע, ווילנע־ווילייקע. די דיווערסיע־אקציע איז דורכגעפירט געווארן לויטן באשלוס פון דער אונטערערדישער „פאראייניקטער פארטיזאנער ארגאניזאציע" (פ. פ. א.), וווּ וויטקע איז געווען איינע פון די אקטיווסטע. בשעת דער פולער ליקווידאציע פון ווילנער געטא קיין עסטאניע, ווען די חברים פון דער אונטערערדישער ארגאניזאציע זענען ארויס דורך די קאנאליזאציע־רערן אין די וועלדער, איז וויטקע געווען די וועג־אויסשפירערין. זי האט אויך ארויסגענומען דאס געווער פון די פארמאסקירטע „מלינות" און פארבאהאלטן עס אין מתים־ארונות, כדי אריבערצופירן זיי צום באשטימטן צוזאמענטרעף־פונקט, אויפן בית־עלמין.

צוזאמען מיט חיה שאפירא (היינט אין ישראל) איז זי געגאנגען פון די וועלדער קיין ווילנע אויפצורייסן די עלעקטרישע טראנספארמאטארן אין די צענטראלע גאסן. זיי זענען ארויס אדורכצופירן די קאמפס־פארגעבונג, אנגעטאענע ווי גרויס־שטאטישע דאמעס, אנגעפארבטע און פארפודירטע,

מיט עלעגאַנטע משעמאָדאַנען, אָנגעפּילטע מיט אויפּרייס־מאַטעריאַלן. נאָכן דערפאַלגרייכן אַדורכפירן די אויפגאַבע (חיה שאַפּיראָ האָט אויפגעריסן דעם טראַנספאָרמאַטאָר אויף שוביץ־גאַס און וויטקע אויף אָזשעזשקאָוואַ־גאַס) האָבן זיי זיך אומגעקערט צום יידישן בית־עלמין, ווו עס האָבן שוין געוואַרט אויף זיי זעכציק יידן פון אַרבעטס־לאַגער „קייליס" און צוזאַמען אַוועק אין דער רודניצקער פּושטשע.

אין יידישן אָטריאַד „דער נקמה־נעמער" איז וויטקע געווען נאַטשאַלניק פון אויסשפיר־־ און שפּיאָנאַזש־דינסט און זי האָט איר אויפגאַבע אויסגעפילט מיט דערפאָלג. צוזאַמען מיט נאָך צוויי פּאַרטיזאַנער האָט זי זיך אַריינגעגנבעט אין שטעטל אָלקעניק, ווו עס האָט סטאַציאָנירט אַ דייטשער גאַרניזאָן און אויפגעריסן די טערפּענטין־פאַבריק. בלויז איינמאָל איז זי אַריינגעפאַלן אין די געסטאַפּאָ־הענט. זי האָט פונקט דאַן געהאַט מיט זיך פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַלן און פּאַרטיזאַנישע ליטעראַטור. בעת מען האָט איר אונטער אַ וואָך איבערגעפירט אין תפיסה, האָט זי אין דער נאַכט־פינצטערניש זיך אַרויסגעדרייט פון זייערע הענט, זיך אַריינגעדרייט אין די שמאָלע געסלעך און אַזוי אַרום זיך געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט.

אויך ניוטע לובאָצקי האָט געהערט צו דער אויסשפיר־אָפּטיילונג פון איר אָטריאַד. זי האָט אַרויסגעקראָגן וויכטיקע ידיעות וועגן שונאס קאָנצענטראַציעס און באַוועגונגען, האָט זיך באַטייליקט אין די קאַמפן און פיל מאָל זיך אַרויסגעדרייט פון אַ זיכערן טויט.

דאָס יונגע מיידל שרה רובינאָוויטש (פון לידע, פאַרוואָרפן געוואָרן אין די מלחמה יאָרן קיין באַראַנאָוויטש), האָט געשפילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דער דיווערסיע־אַרבעט פון דער ספּעץ־גרופּע פון דער „נ. ק. ג. ב." (ראשי תיבות: „פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר מלוכהשער זיכערקייט" — געהיים־דינסט), אונטער דער אָנפירונג פון מיקולסקי (שוויעטיטשער וועלדער, פּאָלעסיע).

צענדליקער מאָל איז זי געגאַנגען קיין באַראַנאָוויטש אָנגעטאָן ווי אַ שיקסע בכדי אויכצופירן אויפגאַבעס פון ערשטקלאַסיקער וויכטיקייט. צ"אַ איז זי געווען די פאַרבינדלערין צווישן דער „נ. ק. ג. ב." און אירע פאַרטרויאונגס־מענטשן אין באַראַנאָוויטש. איר אַרישער אויסזען, געוואַגט־קייט און שנעלע אָריענטאַציע האָט איר פילמאָל געהאָלפן זיך אַרויסדרייען

פון דער געסטאַפּאָ און פיל געפּאַרן, וואָס האָבן אויף איר געלויערט בעת די „שפּאַצירן" פון די וועלדער אין שטאָט. זי האָט אויך אַרויסגענומען יידן פון געטאָ און געוועזן זייער וועגווייזערין צו דער פּאַרטיזאַנער זאָנע אין די פּאָלעסיער וועלדער (היינט צו טאָג אין ישראל).

לויט דער באַשרייבונג פון יוסף רייך (דאָרט, ז' 267), וואָס איז געווען אַ פּאַרטיזאַן אין דער סביבה, איז רובינאָוויטש געווען אין סכנה דערשאָסן צו ווערן, נאָכדעם ווי איינער פון דער ספּעץ־גרופּע האָט אין איר דערקענט אַ ציוניסטישע טוערין פון פאַר דער מלחמה, וועלכע איז דורך אים אין נ. ק. וו. ד. פאַרהערט געוואָרן אַלס באַשולדיקטע אין ציוניזם און שמוגלען חלוצים פון באַראַנאָוויטש קיין ווילנע מיטן ציל אַרויסצובאַקומען זיך פון דאָרט קיין ארץ־ישראל. דער קאָמאַנדיר פון דער ספּעץ־גרופּע, מיקולסקי האָט זיך איינגעשטעלט פאַר איר, אָפּשאַצנדיק אירע גרויסע לייסטונגען פאַר דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג.

יידישע פרויען זענען אויך געפאַלן אויף זייער וועג צו און בעתן אויספירן אויסשפּיר־, שפּיאָנאַזש־ און דיווערסיע־אויפגאַבעס.

די לאָדזשער יונגע יידישע מיידל פעליע וויינבערג איז אין יאַנואַר 1943 אַנטלאָפן פון סוויערזשנער אַרבעטס־לאַגער אין אָטריאַד „זשוקאָוו", (קאַפּוליער ראַיאָן). אייניקע מאָל איז זי געגאַנגען קיין סלוצק פאַרקליידט אַלס אַ פּויערטע, בכדי אויסצושפּירן די מעגלעכקייט פון אויפרייסן דעם גרויסן טאַרטאַק, וועלכער האָט צוגעשטעלט בוי־מאַטעריאַלן פאַרן פראָנט. זי פירט אויס די אויפגאַבע גלענצנדיק און ברענגט אַ גענויעם פּלאַן פון טאַרטאַק שטח.

זי איז געווען אַן אומדערשראָקענע און כסדר געגעבן איניציאַטיוועס צו קאַמפּס־אויפגאַבעס. אַזוי האָט, זי צוזאַמען מיט פּאַסעסאָרסקין און נאָך צען פּאַרטיזאַנער, דורכגעריסן די דייטשע בלאָקאַדע און צוריק אַוועק אין קאַפּוליער ראַיאָן, פון וואַנען דער אָטריאַד איז געווען געצוווּנגען אָפּצוטרעטן, בכדי צו באַקומען געווער פאַרן אָטריאַד.

אין מאַי 1943, באַקומט זי די אויפגאַבע אויפצורייסן די עלעקטראָ־סטאַנציע און טאַרטאַק אין שטעטל סלוצק. איבערגעטאָן אַלס פּויערטע האָט זי פאַרשטעקט אַ רעוואָלווער אין אַ קויש מיט עסנוואַרג און פאַרמאַסקירט אין אַ לעבל ברויט אַ מינע. 5 קילאָמעטער פון דאָרף גרעצק ווערט זי דע־

מאַסקירט דורך אַ געוויסן ווייסרוסישן פויער קאַדולקאַ און זי פאַלט אַריין אַ לעבעדיקע אין די דייטשע הענט. נאָך לאַנגע יסורים און פייניקונגען ווערט זי עפנטלעך אויפגעהאָנגען אין שטעטל סלוצק (מינסקער קרייז).

דאָס איוויער ייִדישע מיידל, פרומע טאַנפעל פון רוס. אָטריאַד „סוואָראָוו" איז ניט נאָר אַ קראַנקנשוועסטער פון אָטריאַד, נאָר גייט אויך מיט צו אַלע קאַמפּס־פּאָזיציעס און ווייזט אומעטום אַרויס איר דרייסטקייט, אומדערשראָקנקייט און העלדישקייט. אין אַ קאַמף מיט 15 דייטשן דערשיסט זי אַליין מיט איר „קאַראַבינקע" דריי און איינעם נעמט זי לעבעדיקערהייט אין געפאַנגענשאַפט.

אין דעם קאַמף, וועלכן עס האָבן געפירט די פּאַרטיזאַנער אויף צו באַזעצן דאָס שטעטל נאַליבאָק, אין וועלכן די דייטשן האָבן אָרגאַניזירט אַ שטאַרקע ווייסרוסישע „סאַמאָכאָווע" קעגן די פּאַרטיזאַנער (דאָס שטעטל געפינט זיך אין האַרץ פון דער פושטשע), האָט זי אַליין דערהרגעט צוויי פּאָליציסטן און אונטערגעצונדן זייערע הייזער (8טן מאַי 1943). אַ דאַנק דעם דאָזיקן פּאַרטיזאַנער־אָנפאַל אויפן שטעטל, זענען פיל ייִדן אַנטלאָפן אין די וועלדער.

זי איז געפאַלן מיט אַ העלדן־טויט אין אַפּריל 1944, ביים דאָרף נאָוואָסיאָלקי (ראַדאָשקאָוויטשער ראַיאָן) בעת זי האָט, אונטער אַ האָגל פון קוילן געאיילט צו דערטיילן הילף אַ פאַרוווּנדעטן פּאַרטיזאַן אויף די ערשטע קאַמפּס־ליניעס. זי איז באַערדיקט געוואָרן מיט מיליטערישן פּאַראַד לעבן דאָרף קלעשטשיטש.

ש. פערסאָוו דערציילט וועגן דער קליינשטעטלדיקער ייִדישער מיידל, רייזל, וואָס איז אַנטלאָפן פון געטאָ, אַ דאַנק דער הילף פון איר רוסישער חברטע, האַנאַ און אָנגעקומען אין פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד, וואָס האָט זיך באַזירט אין די וועלדער. פערסאָוו דערציילט וועגן אַ העלדישן טאַט פון דער ייִדישער מיידל בעת אַ פּאַרטיזאַנישן נאַכט־אָנגריף אויף אַ דייטשן גאַרניזאָן. די דייטשן האָבן זיך פאַרפעסטיקט אין די געציילטע געמויערטע הייזער פון דאָרף און אין קלויסטער און דורך אויסגעהאַקטע לעכער אין די ווענט, מיט קוילנוואַרפערס געהאַלטן אונטערן פייער דאָס גאַנצע דאָרף. באַזונדערס האָט געבושעוועט אַ קוילנוואַרפער פון לינקס. דער קאָמאַנדיר האָט באַפוילן:

— דערשטיקן דעם קוילנוואַרפער!
ש. פּערסאָוו דערציילט:

— „...די פּאַרטיזאַנער האָבן אַ האָגל געטון מיט קוילן, אָבער די פאַשיסטן האָבן נישט אויפגעהערט צו שיסן. פּלוצלינג האָבן די פּאַרטיזאַנער דערזען: רייזל, די יונגע פּאַרטיזאַנערין פּויזעט צום קלויסטער. די דייטשן האָבן עטלעכע מאָל אויסגעשאָסן פון אַ מינעוואַרפער שיעור נישט דערהרגעט דאָס מיידל. האַלב איינגעבויגן איז זי דערלאָפן ביזן פּאַרקאַן פון קלויסטער און, גנבענדיק זיך לענגאויס דעם פּאַרקאַן, האָט זי זיך דערקליבן ביז צו דער אַמבראַזורע. די פּאַרטיזאַנער האָבן אָפּגעשטעלט דאָס פייער: אַ אייגענע קויל זאָל נישט אַװעקלייגן אַן אייגענעם חבר. אין דער זעלבער רגע האָט רייזל מיט אַלע אירע כוחות אַ זעץ געטון מיט דעם העגטל פון איר אַוטאָמאַט איבער דער שטאַרצענדיקער קוילנוואַרפער־רער. די רער האָט זיך אויסגעקרימט, און דער קוילנוואַרפער איז אַנטשוויגן געוואָרן.

„די פּאַרטיזאַנער האָבן פאַרשטאַרקט דאָס פייער. דאָס מיידל האָט שוין פּויזענדיק צוריק; נאָך אַ צען־פופצן שפּאַן, און זי איז ווידער צווישן די פּאַרטיזאַנער. מיטאַמאָל איז זי געפאַלן, אַפילו קיין געשריי נישט געגעבן און אַרויסגעלאָזט די ביקס פון דער האַנט".

(ש. פּערסאָוו — „דיין נאָמען איז פאָלק" (פאַרצייכענונגען וועגן יידישע פּאַרטיזאַנער), — ז"ז, 84־85).

ש. פּערסאָוו דערציילט אויך וועגן דער יידישער מיידל, דבורה („ווערע"), וואָס איז געקומען צולויפן אין אַטריאַד צוזאַמען מיט איין און צוואַנציק רוסישע מיידלעך. די אַכצן־יעריקע, דבורה, איז גראָד געווען ביי אַ רוסישע חברטע, ווען די דייטשן זענען געקומען אין קליינעם ישוב אויסצוהרגענען די געציילטע פיר יידישע פאַמיליעס, וואָס האָבן דאָרט געלעבט.

אין אַטריאַד איז געשאַפן געוואָרן אַ מיידלשער ווזוואָד. ווערע האָט זיך געלערנט פאַר אַ קוילנוואַרפלערין. ווערע האָט געאָטעמט מיט נקמה פון די רוצחים פון איר פאַמיליע און איר לעבנס־פרייד. אָט איז געקומען דער טאָג, ווען דבורה האָט באַוויזן, אויף וואָס זי איז פעיק און אויף וויפל עס גליט אין איר די שנאה צו די רוצחים:

„...אַ גאַנצער מאָטאָ־מעכאַניזירטער פּאָלק דייטשן, וואָס איז געפאָרן צום פראָנט, איז אונטערוועגס אַרויסגעזעצט געוואָרן פון צוג און אַריבערגעוואָרפן געוואָרן קעגן די פרייע פּאַרטיזאַנישע דערפער.

משה קאַגאַנאָוויטש

„...קענטיק, אַז דער שונא האָט געוווסט דעם באַצירק, וועלכן עס פֿאַרנעמט דער מיידלשער וואַלד — האָבן זיי באַשלאָסן, אַז דאָס איז דאָס שוואַכסטע אָרט אין דער פּאַרטיזאַנישער פֿאַרטיידיקונג. אַ ראָטע דייטשן איז אַוועק אין אַן אַטאַקע קעגן דעם מיידלשן וואַלד פֿון די צוויי און צוואַנציק. ווערע האָט זיך פֿאַרגראָבן אין שניי און אומאויפהערלעך געשטעפּט פֿון איר קוילנוואַרפער אין דער ריכטונג פֿון די אָנגרייפֿנדיקע אַוטאָמאַטלער.

פּלוצלינג האָט ווערע דערזען! גאָר נישט ווייט קלאַפּט דעם שונאס אַ קוילנוואַרפער. זי האָט דערפֿילט, דער לינקער פֿוס איז איר מיטאַמאָל שווער געוואָרן. זי האָט נאָך פֿאַרביסענער געשאָסן. דער צווייטער נומער האָט אַרויסגעשעפּטשעט: — ווערע, דער פֿאַשיסטישער קוילנוואַרפער שטומט שוין!...

יאָ, אמת! ווערע האָט גלייך איבערגעגעבן איר קוילנוואַרפער דעם צווייטן נומער און אַליין זיך אַ וואָרף געגעבן צום שונאס קוילנוואַרפער. זי האָט אַוועקגעפּויזעט איבערן שניי, דערגרייכט דעם שונאס קוילנוואַרפער־נעסט. ביידע פֿאַשיסטן זענען געלעגן טויטע. ווערע האָט אונטערן אומהויפּהערלעכן פֿייער פֿון די דייטשע אַוטאָמאַטלער, אַ קערעווע געטון דעם דייטשן קוילנוואַרפער אויף די דייטשן און געשאָסן... ווען זי האָט געפֿילט, אַז די כּוחות האָבן איר אָנגעהויבן צו פֿאַרלאָזן, האָט זי אָנגעהויבן ליקצן צוריק. זייענדיק פֿאַרוווּנדעט, האָט זי נישט געקענט מיטשלעפּן דעם שונאס טראָפּיינעם קוילנוואַרפער און בלויז אַרויסגענומען דעם שלאָס. מיט דעם שלאָס אין דער האַנט, האָט זי זיך אַוועקגעשלעפּט צוריק אין דאָרף. די ערשטע ווערטער פֿון קאָמאַנדיר זענען געווען:

— „דו ווייסט, ווערע, וואָס דו האָסט היינט אָפּגעטון?!“

(„דיין נאָמען איז פֿאָלק“ — פֿאַרצייכענונגען וועגן יידישע פּאַרטיזאַנער, — ז״ז, 76־78).

אין דער בריגאַדע פֿון „דיאַדיאַ וואַסיאַ“ (ווילייקער געגנט), איז געווען פּאָפּולער דאָס העלדישע מיידל איטע גאַלפּערשטיין פֿון שטעטל קורעניץ. געהערט צו די געציילטע פֿרויען אין יענעם ראַיאָן, וועלכע זענען געווען איינגעשלאָסן אין דיווערסאַנטן־גרופּעס. זי האָט אָנטיילגענומען אין אויפֿרייסן צוועלף פֿיינטלעכע עשאַלאָנען און געווען דער ליבלינג פֿון דער גאַנצער בריגאַדע (געפֿאַלן אומקערנדיק זיך פֿון אַ געלונגענעם אויפֿרייס).

כאַסיע בליישטיין, וועלכע איז געקומען אין קרוקס־אָטריאַד פֿון שטעטל מאַניעוויטש, האָט זיך אויסגעצייכנט אַלס ספּעציאַליסטין ביים

פּרעפּאַרירן מינעס פון סנאַריאַדן־טאָל. דאָס איז געווען פֿאַרבונדן מיט גרויס געפאַר, ווייל יעדע קלענסטע אומפּאָרזיכטיקייט האָט געקענט ברענגען דעם טויט. זי האָט אויף איר חשבון פינף עשאַלאָן־אויפרייסן. אומגעקומען נאָך דער באַפרייאונג פון וואָלין, פאָרנדיק אָפּצונעמען אירע פּאַרטיזאַנער־דאָקומענטן און אויסצייכענונגען פון ראַפּאַלאָוקע קיין ראָוונע. דער צוג איז באָמבאַרדירט געוואָרן דורך אַן אָנפאַל פון דייטשע עראָפּלאַנען. זי איז צוגעשטעלט געוואָרן צום אָרדן „רויטן שטערן".

אויף אַ טראַגישן אופן איז אומגעקומען דבורה ליבערשטיין פון מאַניעוויטש, וועלכע איז געווען אין קרוקס־אָטריאַד אַ ראַדיסטין. אין מאַי 1943, גייענדיק מיט אַ ווזוואָד פּאַרטיזאַנער צו שאַפן אַ נייעם פלאַץ פאַרן אָטריאַד, איז זי אין וואַלד מיקולין, הינטער קאָוועל, אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט און איז בעסטיאַליש פאַרפייניקט געוואָרן. זי האָט געגאָלטן אַלס דרייסטע און אומדערשראָקענע פּאַרטיזאַנערין.

אין יידישן ווזוואָד פון א"ד אָטריאַד זענען געווען צוואַנציק פרויען. דאָרט פלעגן די יידישע פרויען לויט דער ריי זיך טוישן ביי דער אַרבעט אין קיך, וועשעריי, אַלס סאַניטאַרינס און אויף יעדער קאַמפּס־אָפּעראַציע פלעגן גענומען ווערן צוויי מיידלעך. אַ חוץ די א"ד האָבן זיך אויסגעצייכנט: מרים בליישטיין (דאָרף לישניפקע, נאַמיעוויטשער ראַיאָן), וועלכע האָט אָנטיילגענומען אין אויפרייסן פיר צוגן און האָט באַקומען אַן אָרדן „רויטער שטערן", פייגע זאַפראַן, פייגע אַוורוך, רחל פלום, פאַוואָרטיק און פיל אַנדערע.

דאָס יידיש מיידל פון שטעטעלע איוואַצעוויטש, סאָניע, האָט מען אין אָטריאַד „ראָקאָסאָווסקי" באַצייכנט מיטן צונאָמען „געראָיסקאַיאַ באַבאַ" (העלדישע פרוי). זי איז געווען די, וואָס פלעגט איניצירן דיווערסיע־אָפּעראַציעס און דערמוטיקן די פּאַרטיזאַנער צו גיין אויף געפערלעכע „אַרבעטן". זי אַליין פלעגט אַלעמאָל זיין די ערשטע אויפן וועג צו סכנותפולע אויפגאַבעס.

זי האָט עס פאָרגעלייגט דער אָטריאַד־קאָמאַנדשאַפט א"נ „ראָקאָסאָווסקי" צו פאַרברענען די צעמענט־פאַבריק לעבן דעם שטעטעלע איוואַצעוויטש (פאָלעסיע), אַ פאָרשלאַג, וואָס איז באַשטעטיקט געוואָרן. ווען די געשיקטע

צו דעם צוועק שעדיקונגס־גרופּע איז געקומען צו דער בריק, איז ביי איר אין קאָפּ אויפגעקומען אַ געדאַנק, פּאַראיינוועגס נקמה צו נעמען פון דייטשן פאַבריקס־אינספּעקטאָר. זיי האָבן געוואַרט ביז ער איז געקומען רייטנדיק און דאַן האָבן זיי אים אַראָפּגענומען פון פערד און געשמידט אין קייטן. סאָניע איז אַריין אין דער פאַבריק, אַוועקגעלייגט אין די פאַרשיי־דענע אָפּטיילונגען מינעס און באָמבעס, אויף זיי האָלץ און ברען־שטאָפן, באַגאָסן מיט בענזין און אונטערגעצונדן. דעם, אין קייטן געשמידטן אינס־פּעקטאָר האָט מען אַריינגעוואָרפן אין ברענענדיקן אויוון. די צעמענט־פאַבריק, וואָס האָט געאַרבעט פאַר די דייטשע מלחמה־צוועקן איז אינגאַנצן פאַרניכטעט געוואָרן. זי האָט זיך אויך באַזונדערס אויסגעצייכנט בעתן אָנגריף פון אַלע פּאַרטיזאַנער־איינהייטן אין יענעם ראַיאָן אויפן דייטשן עראָדראָם לעבן סלאָנים. שוין פאַרן צוריקציִען זיך פון די פּאַרטיזאַנער האָט זי פון אַ באַהעלטעניש אַרויסגעצויגן אַ פאַרוואונדעטן ס״ס־אָפיציר און אים איבערגעגעבן צו דער קאָמאַנדשאַפט: — „חבר קאָמאַנדיר, בלויז איי־נעם האָב איך געפונען. מער איז נישטאָ...״ — האָט זי לאַקאָניש ראַפּאָרטירט. אָבער איר איבערגעגעבנקייט און העלדישקייט האָט גאָרנישט געשטערט איר אַנטיסעמיטישן קאָמאַנדיר, באַבקאָוו, צו אַרויסטראָגן אויף איר אַ טויט־אורטייל פאַר כלומרשטן „רויב...״

גאָר נישט לייכט איז אָנגעקומען די מינסקער יידישע מיידל, ציליע באַטווינִיק צו קריגן די „כלי״, וואָס האָט איר דערמעגלעכט איינצושליסן זיך אין אַ רוסישן פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד. זי האָט דעם טשעכישן ביקס אַרויס־געגנבעט פון די דייטשע געווער־סקלאַדן אין מינסק, ווו זי האָט געאַרבעט. זי האָט דעם ביקס אויף איר קערפּער אַרויסגעטראָגן פון די געווער־סקלאַ־דעס אין געטאָ אַריין און פון דאָרט אין וואַלד. גלייך ווי מען האָט אין וואַלד דערזען דעם שיינעם „סקאָדאַ״־ביקס, האָבן זיך באַלד געמאָלדן פיל בעלנים אויף אים.

— „דיין אָרט איז אין קיך, ביים וועש וואַשן און ביי פאַרוואונדעטע״ —האָט מען איר פון אַלע זייטן געראָטן. אָבער ציליע באַטווינִיק האָט באַ־שלאָסן פאַר יעדן פּרייז נישט מוותר צו זיין אויפן ביקס, וועלכן זי האָט דערוואָרבן מיט סכנות נפשות. ציליע האָט אויסגעפירט דאָס איריקע. זי איז אויפגענומען געוואָרן אין אָטריאַד „קוטוזאָוו״ (בריגאַדע „פרונזע״) און

צוגעטיילט געוואָרן צום דיוויזיע־וואַלד אונטער דער קאָמאַנדשאַפט פון אַהרן שמושקאָוויטש.

זי האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין אַראָפּלאָזן פון די רעלסן פינף עשאַלאָנען. שטענדיק פלעגט זי גיין אויסשפּירן די אַרויספאַל־ערטער און אַליין פלעגט זי מינירן די רעלסן. צוויי אויפרייסן זענען דורכגעפירט געוואָרן מיט איר אָנטייל לעבן דער שטאָט, מינסק, אויף אָפענע נישט באַוואַלדערטע שטחים, ערטער וווּ די פּאַרטיזאַנער האָבן ביז דאַן נישט געוואַגט צוצוקומען. (לעבן דער משאות־סטאַנציע אין מינסק און ביי דער סטאַנציע זיעלאַניע). בשעת איינעם פון די מינירונגען, איז פּלוצלינג אונטערגעקומען די דייטשע קאָנטראָל־וואַך („שטרייף"). ציליע האָט זיך נישט דערשראָקן פאַר די דייטשע געשרייען „האַלט!" און האָט נאָך באַוויזן אַרויסצונעמען צוריק די פאַרגראָבענע מינע, ווערנדיק אומאויפהערלעך באַלויכטן דורך רעפלעקטאָרן און באַשאָסן פון אַלע זייטן פון פאַרשיידענע סאָרטן געווער. מיט דער זעלבער מינע, האָט מען אין אייניקע טעג נאָכדעם, דערפאָלגרייך מינירט אַ צוג מיט זיבן און צוואַנציק וואַגאָנעס מיט דייטשן, וואָס זענען געפאָרן פון פראָנט אויף אורלויב קיין דייטשלאַנד. אייניקע מאָל איז זי געגאַנגען, לויטן אויפטראַג פון דער קאָמאַנדשאַפט, אין אויסשפּיר־ און דיוויזיע־שליחותן קיין מינסק און צוריקגייענדיק האָט זי מיטגעבראַכט אין די וועלדער ייִדן פון געטאָ.

ש. אַליצקי דערציילט אין בוך „בריסק דליטא", וואָס איז דערשינען אין די ראַמען פון „אנציקלופּדיה גלויות" וועגן אַ העלדישער בריסקער יידישע פּאַרטיזאַנערין, חנה גינזבורג, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט אין די קאַמפן און לויט זיין עדות, האָט זי איבערגעלעבט די מלחמה:

„אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע פון פינף און דרייסיק מאַן, איבערגעטאָענע אין ס"ס־מונדירן, האָט אין די פרימאָרגן־שעהן פון דעם 21טן אָקטאָבער 1942, באַזעצט דעם שאָסיי בריסק־קאָוועל ביי דעם דאָרף מאַקאַרני און קאָנטראָלירט די באַוועגונג. יעדע דורכפאָרנדיקע דייטשע מאַשין איז פאַרהאַלטן געוואָרן צו קאָנטראָל און די פּאַסאַזשירן זענען צעשאָסן געוואָרן. הונדערטער דייטשן זענען יענעם פרימאָרגן אויסגעשאָסן געוואָרן, דורך די יידישע פּאַרטיזאַנער.

„ווען די דייטשן פון נאָענטן גאַרניזאָן האָבן זיך דערוווּסט פון דעם, האָבן זיי אַרויסגעשיקט פון פיר ריכטונגען: בריסק, קאָוועל, מאַלאָריטע און

קאָברין, שטראָף־באַטאַליאָנען קעגן די פּאַרטיזאַנער. די פּאַרטיזאַנער האָבן שנעל אויפגעשטעלט פּאָזיציעס און זיך באַפעסטיקט בײַם דאָרף ליסיטשאָװ־קאַ. דעם 22טן אָקטאָבער, 6 פּאַרטאָג, האָט זיך צעפלאַקערט אַ פּאַרביטער־טער קאַמף. פון די צינד־קוילן האָבן זיך אָנגעצונדן די הײַזער און ביימער אין דאָרף. די דײַטשן האָבן בלאָקירט דעם דאָרף פון אַלע זײַטן. אָבער ווי נאָר זיי פלעגן פרווון זיך דערנענטערן, פלעגן זיי אָפּגעטריבן ווערן מיט אַ שטאַרקן פײַער. די דײַטשן האָבן אַרויסגערופן צו הילף „מעסערשמידט״־און „פאָקאָ״־עראָפּלאַנען. במשך פון צוועלף שעה האָט געדויערט די דײַטשע באָמבאַרדירונג פון דער לופט און אויף דער ערד. די דײַטשן האָבן נאָך גרויסע פאַרלוסטן זיך אַרײַנגעריסן אין דאָרף. בלויז געציילטע פון די פּאַרטיזאַנער איז געלונגען צו אַנטלויפן.

איינע פון די געציילטע לעבנגעבליבענע איז געווען די בריסקער יידישע מיידל, חנה גינזבורג. במשך פון צוויי שעה איז זי מיט איר מאַשין־געווער געשטאַנען אין קאַמף קעגן די ס״ס־לײַט. פּלוצלינג האָט זי אויפ־געהערט צו שיסן. עטלעכע דײַטשן, מיינענדיק, אַז זי איז פאַרוווּנדעט אָדער טויט, האָבן זיך אָנגעהויבן צו דערנענטערן צו איר. זי האָט דאַן פון אַ קליינעם אָפּשטאַנד געוואָרפן אַ האַנט־גראַנאַט און די דײַטשן זענען צעריסן געוואָרן״.

(ש. אָליצקי — אנציקלופּדיה גלויות — „בריסק דליטא״, — ז׳ 517).

אַ פּאָפּולערע, לעבנגעבליבענע יידישע העלדין, וועלכע האָט זיך באַרימט־געמאַכט ווײַט אויסער די גרענעצן פון איר אָטריאַד, „זאַ סאָוועטס־קויו ביעלאָרוס״, איז די מירער צוואַנציק־יעריקע מיידל, מיראַ גילימאָווסקאַ, וועלכע אַנטלויפט פון מירער געטאָ אין וואַלד און ווערט דאָרט לכתחילה באַשעפטיקט ביים רייניקן געווער.

זי רוט אָבער נישט און רײַסט זיך צום קאַמף. דער קאָמאַנדיר וויל לכתחילה נישט דערלאָזן דערצו, זאָגנדיק, אַז אַזאַ יונג מיידל וועט נאָר שטערן די פּאַרטיזאַנער אין קאַמף. זי באַשטייט אָבער אויף דעם און נאָך איר ערשטן אָנטייל אין אַן אויפרייס פון אַן עשאַלאָן לעבן מאָלאָדעטשנע, ווו זי אַליין לייגט אונטער דעם „טאָל״ אונטער די ליניעס און עס באַקומט זיך אַ גלענצנדיקע עקספּלאָזיע, גייט זי שוין אויף אַלע קאַמפס־אונטערנע־מונגען פון איר אָטריאַד. זי האָט אויף איר אייגענעם חשבון צוועלף אַראָפּ־געלאָזטע עשאַלאָנען. זי וואַרפט זיך די ערשטע אין קאַמף, ווען איר גרופּע ווערט אַרומגערינגלט פון שונא און מונטערט דערמיט אויף די פּאַרטיזאַנער

צום אָנגריף. זי ווערט באַלוינט פאַר איר העלדישער טעטיקייט מיטן אָרדן „רויטער שטערן" און מיט פיל דאַנק־באַפעלן.

זי געפינט זיך איצט אין מינסק, ווו זי לערנט מעדיצין.

אין העלדישן פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד פון בולאַק האָט זיך אויסגעצייכנט און געוועזן אַ שם־דבר מיט איר אויסערגעווייגלעכער קאַמפּס־רירעוודיקייט און דרייסטקייט דאָס יידישע מיידל טאַניע ליפשאָוויטש. דעם 22טן יוני 1942, נאָך דער דער שחיטה אין דערעטשין, קומט זי צולויפן מיט אירע דריי העלדישע ברודער אין דער גרופּע פון ד״ר יחזקאל אַטלאַס, הגם מען באַשטימט איר אַן אַרבעט אין קיך, רייסט זי זיך צום קאַמף און באַווייזט, אַז זי שטייט קיין מאָל נישט אָפּ פון די מענער. זי צייכנט זיך אויס אין קאַמף מיטן דערעטשינער גאַרניזאָן. דעם 2טן סעפּטעמבער 1942, נעמט זי אָנטייל אין קאַמף מיטן קאָזלאָווטשיזנער גאַרניזאָן און נעמט אָפּ אַ קוילן־וואַרפער ביי די דייטשן. פּאַרוואָס זי ווערט אָפּגעמערקט אין אַ באַפעל פון דער קאָמאַנדשאַפט. איר קאַראַבינקע צייכנט זיך אויס מיט אַ מוסטערהאַפ־טער ריינקייט. די קאָמאַנדשאַפט שטעלט איר אַלע מאָל אַרויס אַלס מוסטער פון אַ דיסציפּלינירטער און אומדערשראָקענער פּאַרטיזאַנערין.

אין אויגוסט 1943, האָבן די דייטשן איינגעאָרדנט אַ גרויסע אָבלאַווע אויף די פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן אַרויסגעצויגן פון טייך שטשאַרע אַ גרויסן טאַנק און אים געמאַכט שיס־פעיק. אַ ווזוואָד פון בולאַקס אָטריאַד איז אַוועק אויף אַ לויערונג ביי שליזיען־פאָדגרעבעלסקי. עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ פאַרביסענע שלאַכט, בעת וועלכער טאַניע ליפשאָוויטש איז פאַרוווּנדעט געוואָרן דורך אַן אויפרייס־קויל. זי איז אָפּגעפירט געוואָרן אין צענטראַלן פּאַרטיזאַנישן אונטערערדישן שפּיטאָל, ווו זי איז געשטאָרבן פון אַ בלוט־פאַרגיפטונג. מיט גרויס פּאַראַד איז זי באַערדיקט געוואָרן אויפן פּאַרטי־זאַנישן בית־עולם אין אָסטראָווער וואַלד. אין זעלביקן אָטריאַד האָט זיך אויך אויסגעצייכנט ראַשע בעשקין (דערעטשין). זי האָט אָנטיילגענומען אין אַלע קאַמפן און באַזונדערס זיך אויסגעצייכנט אין רודער קאַמף (סעפּ־טעמבער 1942), אַלס אויסשפּירערין. יוני 1944, בעת דער גרויסער בלאָקאַ־דע פון די „וואָלאָסאָווצעס" אין ליפּיטשאַנער פּושטשע, ווען די פּאַרטיזאַנער האָבן מיט קאַמף דורכגעריסן דעם ווילנער טראַקט, איז זי פאַרוווּנדעט געוואָרן.

ייִדישע פרויען פילן אויס וואַך־דינסט, היטן אָפּ די צוגענג צו די פּאַרטיזאַנער־לאַגערן צוגלייך מיט די מענער, און נישט ווייניק פון זיי פאַלן אויף זייערע וואַך־פּאָסטנס. אַזוי איז אומגעקומען אויף איר פּאָסטן, אין אָקטאָבער 1943, דאָס ייִדישע מיידל מאַליע ליפּ, אַ וואַרשעווערין, וועלכע איז געווען אַ פּאַרטיזאַנערין אין אָטריאַד „זשוקאָוו".

ייִדישע פּאַרטיזאַנערינס האָבן אויך מוט צו באַגיין זעלבסטמאָרד, ווען זיי פאַלן אַריין צום שונא, בכדי נישט צו זיין אויסגעשטעלט אויף פּייני־קונגען און געפאַרן פון אַרויסגעבן סודות פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג.

רוזשקע שוועץ (באַראַנאָוויטש), פון קאַפּלונס אָטריאַד (פּאָלעסיע), ווערט פאַרוואונדעט דורך אַ דייטשער לויערונג אין די פיס און פאַלט אַריין אַ לעבעדיקע צו די דייטשן. זיי פירן זי אָפּ אין נאָענטסטן שטעטל און וואַרפן זי אַריין אין תפיסה. אויפן פרימאָרגן, איידער זי איז נאָך גענומען געוואָרן אויפן עינוים־פאַרהער דורך די דייטשע פּייניקערס, האָט זי מיטן פוס צע־בראָכן אַ שויב פון קליינעם טורמע־פענצטערל און זיך אַליין איבערגעשניטן דעם האַלדז...

אין דער דריטער ייִדישער ראָטע פון אָרליאַנסקיס אָטריאַד נעמען די ייִדישע מיידלעך אָנטייל אויך אין די לויערונגען קעגן דייטשן. בעת אַ נישט געלונגענער לויערונג, לעבן דאָרף קרופּיצי, ווען די אונטערקומענדיקע דייטשן פרווון אַרומרינגלען די פּאַרטיזאַנער, ווערט שווער פאַרוואונדעט די פּאַרטיזאַנערין, האָדע אָסטאַשינסקי (נאָוואָגרודעק).

אויף אַ טראַגישן אופן זענען אומגעקומען עטלעכע און צוואַנציק ייִדן פון א"ד אָטריאַד, האַרט פאַר דער באַפרייאונג, ס'רוב פרויען.

אין יוני 1944, איז די ליפּיטשאַנער פּושטשע בלאָקירט געוואָרן פון אַלע זייטן דורך גרויסע כוחות פון קאָזאַקן־וולאַסאָווצעס. אַ גרופּע ייִדן, וועלכע האָבן געהערט צום קאָמענדאַנטן־וזוואָד ביי דער לענינסקער פּאַר־טיזאַנער־פאַראייניקונג, זענען דורכן קאָמאַנדיר, איליאַ גלאַדקאָוו, אַנט־וואָפנט און איבערגעלאָזט געוואָרן אויף גאָטס־באַראָט. בלאָנדזשענדיק אי־בער די וועלדער, זענען זיי אַריינגעפאַלן צו די „וולאַסאָווצעס". זיי זענען אָפּגעפירט געוואָרן קיין זשעטל, וווּ מען האָט זיי פאַרפּייניקט און פאַר־ברענט אַ פּאָר טעג פאַרן אָנקומען פון דער רויטער אַרמיי. ווען די ייִדן האָבן זיך צוריקגעקערט פון די וועלדער, האָבן זיי געטראָפן אַ שוידערלעך

בילד: דריי און צוואַנציק פּאַרקוילטע קערפּערס, בעיקר פרויען, צוזאַמענגעשמידטע מיט שטעכל־דראָט, זענען געווען אויסגעלייגט אין אַ פאַרברענט הויז.

אַ באַזונדער קאַפּיטל שטעלט מיט זיך פאָר דער אָנטייל פון דער יידישער פרוי אין די אונטערערדישע פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציעס אין די געטאָס.

דער דערפאָלג פון דער אונטערערדישער אַרבעט אין די געטאָס איז אין אַ גרויסער מאָס געווען אָפּהענגיק פון אונטערהאַלטן פאַרבינדונגען מיט פאַרשיידענע נאָענט־שטייענדיקע פּאַקטאָרן. פאַר פרויען, באַזונדערס אַזוינע, וואָס האָבן געהאַט אַן אַרישן אויסזען, איז געווען פיל גרינגער ווי פאַר מענער, דאָס אַרויסגיין פון געטאָ און אַרומגיין אויף דער אַרישער זייט. געווען יידישע מיידלעך, וואָס זענען איבערגעטאָענע אַלס פּויערטעס אָדער צוגעפּוצטע ווי שטאָטישע פריילינס (ווי די אומשטענדן האָבן געפאָדערט), פאַרזעענע מיט „אַרישע" דאָקומענטן און געפעלשטע נסיעה־דערלויבענישן אַרומגעפאָרן מיט די אייזנבאַנען פון געטאָ צו געטאָ. זיי פלעגן אַריבערפירן ידיעות און אונטערהאַלטן דעם קאָנטאַקט צווישן די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס אין די פאַרשיידענע געטאָס. ביי די מלחמה־פאַרהעלטענישן און לויט די האַרבע דייטשע געזעצן, וואָס האָבן כמעט פאַראוממעגלעכט דאָס באַוועגן זיך פון דער ציווילער באַפעלקערונג, זענען אַזוינע נסיעות פאַר יידישע מיידלעך געווען פאַרבונדן ממש מיט סכנות נפשות. פיל אַזוינע יידישע „קורירינס" האָבן טאַקע באַצאָלט מיט זייערע יונגע לעבנס.

ביי דער אונטערערדישער פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע אין מינסקער געטאָ האָט עקזיסטירט אַ באַזונדער „קעמערל" פאַר פאַרבינדונגען מיט פּאַקטאָרן אויסערן געטאָ. די צוואַנציק־יעריקע עמאַ ראַדאָווא, די „דיפּלאָמאַטישע פאַרבינדלערין", נינאַ ליס, כאַסיע בינדלער (פאַרבינדונגען מיט אייגענע מענטשן פון „יודען־ראַט", פון דער יידישער פּאָליציי, וואַרשטאַטן אאַז"וו), די „דיקע" קלאַראַ (שמוגל פון געווער און מלבושים פאַר פּאַרטיזאַנער), קלאַראַ זשעלעזניאַק, בערטאַ ליבאַ און סלאַווא געבעליעוו, האָבן געבילדעט דאָס קעמערל, וואָס האָט אונטערגעהאַלטן די פאַרבינדונגען מיט די נישט־יידישע ראַיאָנען אין מינסק. עס האָט זיך געפאָדערט אַ באַזונדערער מאַסקיר־טאַלאַנט, כדי צו קענען אַ פּאָר מאָל אין טאָג זיך אַרויסצו־

גנבענען דורך די שטעכל־דראָטן פון געטאָ, און נישט איינמאָל זיך באַגעגענען פּנים אל פּנים מיט די פּאָליציי־אישע געהיים־אַגענטן, וואָס האָבן גע־זוכט קרבנות.

אין מינסקער געטאָ האָבן פרויען געשטריקט וואַרעמע הענטשקעס, סוועטערס, גענייט וועש און מלבושים פאַר די, וואָס האָבן געדאַרפט אַרויס־גיין אין די וועלדער. אין הויז פון דער פרוי, אידאַ עלאַר האָט מען גענייט ווייסע מאַסקיר־קיטלען פאַר די פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער, צו באַנוצן זיך ווינטער בעתן גיין אויף קאַמפּט־אויפגאַבעס.

סאָניע און נינע זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן דורך דער אונטערערדי־שער־אָרגאַניזאַציע אין ראַיאָן פון די וועלדער, כדי זיך צו דערוויסן די ערטער פון די פּאַרטיזאַנישע באַזיסן און דערוויידן זיך וועגן מעגלעכקייטן צו שיקן מענטשן פון מינסקער געטאָ. אינמיטן נאַכט איז זי אַרויסגענומען געוואָרן פון בעט און אַרעסטירט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ. מען האָט איר שרעקלעך געפּייניקט און געפאָדערט פון איר, אַז זי זאָל אַרויסגעבן דאָס פאַרבאַהאַלטעניש־אָרט פון יעפים סטאָלאַראָוויטש (פּסעוודאָנים פון הערשל סמאָליאַר, אָנפירער פון דער אונטערערד־באַוועגונג אין מינסקער געטאָ). נינאַ ליס, וועלכע האָט געוווּסט ווו עס געפינט זיך סמאָליאַר האָט אָבער עקשנותדיק געשוויגן, און נאָר געדריקט איר 5־יעריקע מיידעלע צו זיך. ביידע זענען דערשאָסן געוואָרן.

אויך עמאַ ראָדאָוואַ איז, צוליב אַ מסירה פון איינעם פון די „יודען־ראַט"־מיטגלידער, ראָזענבלאַט, אַרעסטירט געוואָרן. עס איז איר געלונגען איבערצושיקן אַ בריוועלע אין געטאָ, ווו זי האָט געבעטן ציאַנקאַלי־גיפט, כדי אויסצומיידן די טאָרטור־אויספאָרשונגען און דעם סאַדיסטישן איזדעק איבער איר. נאָך פיל חדשים פון עינוים, און נישט־קענענדיק אַרויסבאַקומען פון איר אַפילו אַ רמז וועגן אירע פאַרבינדונגען מיט דער אונטערגרונט־באַוועגונג, איז זי, דעם 9טן יאַנואַר 1943, דערשאָסן געוואָרן.

יידישע מיידלעך, וואָס האָבן געאַרבעט אַלס אויפראַמערינס אין דער פּאָליציי, ס"ד, מיליטערישע איינהייטן און אין געווער־סקלאַדעס, האָבן אויף זייערע קערפּערס אַריבערגעטראָגן געגנבעטע דייטשע געווער פאַר די געווער־מאַגאַזינען פון דער אונטערערד אין די געטאָס.

אַ דאַנק די צוויי קוילנוואַרפערס, אַריבערגעשמוגלטע טיילווייז דורך

רחל קאַגאַן און לאה דוקער פון זייער אַרבעטס־פּלאַץ אין געטאָ אַריין, איז דערמעגלעכט געוואָרן דער העלדישער ווידערשטאַנד פון די ניעסוויזשער ייִדן. אַרבעטנדיק ביים צונויפזאַמלען אַלטע אייזן, האָט די מינסקער מיידל, ציליע אָקון, זיך אָפּגעגעבן מיט צוזאַמענקלייבן געווער־טיילן. זי האָט מיט זיך געבראַכט, קומענדיק אין די וועלדער, פיר ביקסן־שלעסער, דער וויכטיקסטער טייל פון אַ ביקס. אַפילו דאָס הענגען פון פיר קריגס־געפאַנגענע רוסן פאַר דער עבירה, האָט נישט אָפּגעשראָקן די מיידלעך פאַרצוזעצן די אַרבעט. אין קעלער פון שׂרה געלפאַנדס דירה איז פאַרבאַהאַלטן געוואָרן דאָס געגנבעטע געווער, מיט וועלכע מען פלעגט באַוואָפענען די אַרויסגייענדיקע פון געטאָ. איר דירה איז געווען דער טרעף־פּונקט פאַר די שליחים פון די וועלדער. זי האָט זיך אינגאַנצן אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט פאַר דער הייליקער זאַך פון באַוואָפענונג און אַרויסשיקן ייִדן אין די וועלדער. שׂרה ראַבינסאָן איז געגאַנגען עטלעכע מאָל פון די רודניצקער וועלדער אין קאָוונער געטאָ, אַ מהלך פון הונדערט זעכציק קילאָמעטער. אַ וועג פול מיט סכנות אויף יעדן שריט און צוריקגעקומען אין די וועלדער מיט ייִדן פון געטאָ.

פרויען, וואָס האָבן געאַרבעט ביי די דייטשן אַלס אויפראַמערינס און קעכינס פלעגן אונטערהערן געשפרעכן און איבערגעבן די אונטערערדישע־אָרגאַניזאַציעס וועגן די דייטשע פּלענער אין באַצוג צו די ייִדן. בעלאַ באַכראַך, אַ וואַרשעווער ייִדיש מיידל, וואָס האָט געאַרבעט אַלס דינסט אין דער זשעטלער זשאַנדאַרמעריע, פלעגט כסדר איבערגעבן דער אונטערערדאָרגאַניזאַציע וועגן דעם, וואָס די דייטשן פּלאַנירן. זי האָט אויך דערטראָגן די ידיעה, אַז וואַנקע, אַ רוסישער געפאַנגענער, וועלכער פלעגט פאַרמיטלען ביים געווער־איינקויף פאַר דער אָרגאַניזאַציע, איז אַ פּראָוואָקאַטאָר. אַדוואָקאַט אלתר דוואָרעצקי מיט נאָך פינף אָנפירנדיקע חברים זענען באַלד אַנטלאָפן אין דער ליפּיטשאַנער פּושטשע, נאָך איידער די דייטשן זענען ויי געקומען אַרעסטירן.

ווי געזאָגט, איז געווען זייער שווער פאַר ייִדישע פרויען, אָנצוקומען אין אַ רוסישן אָטריאַד. דער קאַפּיטל „שפּיאָנקעס“ אין פּאָלקאָוניקס לינקאָווס („באַטיאַ“) בוך „די מלחמה אין שונאס הינטערלאַנד“ אילוסטרירט אַמבעסטן די באַציִונג צו ייִדישע פרויען אין פּאַרטיזאַנקע און די שווערי־

קייטן מיט וועלכע זיי פלעגן זיך אַנטרעפן ביים אַריינטרעטן אין אַ רוסישן אָטריאַד:

„איינמאָל האָט זיך צוריקגעקערט פון אַ קאַמפּס־אויפגאַבע דער קאַמאַנדיר פון אַ דיווערסיע־אָפּטיילונג, אַנאַטאָלי ציגאַנאָוו מיט נייע זיבן מענטשן, צווישן זיי צוויי פרויען. איינע פון זיי איז געווען זייער אַ שיינע, יונגע מיידל. לויט ציגאַנאָוון, האָבן די נייעאַנגעוואָרבירטע מענטשן אים מיטגעהאָלפן ביים פאַרניכטן צוויי דייטשע גוט־באַזיצן און אַ ספּירט־פאַבריק צוזאַמען מיט דער פּראָדוקציע, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר דער דייטשער אַרמיי.

„דאָסמאָל האָט ציגאַנאָווס אָפּטיילונג אויסגעפירט איר אויפגאַבע אויף הונדערט פּראָצענט. זעקס פיינטלעכע עשאַלאָנען האָבן זיי אַראָפּגעלאָזט פון די רעלסן אויף דער אייזנבאַן־ליניע, סטויפּץ־נעגאָראַלאָיע (צווישן באַראַנאָוויטש און מינסק). אויף זייער צוריקוועג צום באַזיס האָבן זיי פאַרברענט איבער 200 טאָן תבואות און אַ גרויסע ספּירט־פאַבריק אין אומגעגנט פון דעם שטעטל, מיכקאָוויטש. דאָס שיינע מיידל האָט ביים אָנפירן די אויפגאַבע זיך געהאַלטן בראַוו און מוטיק. די צווייטע פרוי האָט זיך באַטייליקט ביים אַנטוואָפענען בעלגישע וואַך־פּאָסטנס, וואָס האָבן באַוואַכט אַ גוט־באַזיץ אין ראַיאָן פון דעם שטעטל ניעסוויזש. אויך זי האָט זיך באַרעכטיקט אין קאַמף.

אָבער ציגאַנאָווס אַרגומענטן לטובת די צוויי מיטגעבראַכטע פרויען זענען נישט געווען פאַר מיר קיין גענוג־איבערצייגנדיקע. די היטלעריסטן האָבן זיך דאַן באַמיט צו אַנטדעקן די פּאַרטיזאַנישע באַזיסן, און זיי האָבן כדי צו דערגרייכן עס, זיך אַרויסגעהאָלפן מיט פרויען (מיר האָבן שוין דערציילט וועגן אַ בלבול, וואָס איז אויפגעקומען אין 1943 אין אַ ריי פּאַרטיזאַנער־זאָנעס, אַז די דייטשן שיקן אַרויס יידישע מיידלעך פון די געטאָס אין די וועלדער, כדי צו שעדיקן און פאַראורזאַכן קרבנות די פּאַרטיזאַנער — דער מחבר). צו אונדז האָבן זיך געקענט אַריינשמוגלען שפּיאָנינס בלויז ביי די אומשטענדן, ווי עס זענען אָנגעקומען די צוויי פרויען: אָנקומען מיט אַ זיך־צוריקקערנדיקע צום באַזיס גרופּע, נאָך אַן אָנטייל אין אַ קאַמפּס־אָפּעראַציע און אַזוי אַרום פאַרווישן די שפּורן פון זייערע פאַרבינדונגען מיט דער געסטאַפּאָ. זייער אָנטייל אין די צוויי דיווערסיע־אָפּעראַציעס האָט מיר אַזוי אַרום אויך נישט איבערצייגט.

„איך האָב באַפוילן צו ברענגען זייערע פּאַספּאָרטן, כדי זיך צו דערוויסן מער ביאָגראַפישע פּרטים. די דאָקומענטן זענען געווען דאַטירט פון אָנהייב 1942טן יאָר און אויסגעשטעלט אין מינסק. אַלעקסייעוונאַ איז אין איר דאָקומענט געווען פאַרשריבן אַלס רוסישע, שאַמאַנסקאַ אַלס

פּױלישע. איך האָב שױן אױך געװוּסט, אַז בײדע באַהערשן פּרײַ די דײַטשע שפּראַך און אַלעקסײעװנאַ האָט אַפֿילו געאַרבעט בײַ די דײַטשן, אַ שטיקל צײַט אַלס דאָלמעטשערין. איך האָב אַ גאַנצע נאַכט קײן אױג ניט צוגעמאַכט און װאָס מער איך האָב געטראַכט װעגן דעם, האָט זיך מיר אַלץ מער געדאַכט, אַז אין אונדזער אָטריאַד האָבן זיך אַרײַנגעשמוגלט שפּיאָנען. צומאָרגנס, װען אונדזער אױסשפּיר האָט געמאָלדן, אַז דער שונא דערנענטערט זיך צו אונדזער באַזיס, איז שױן בײַ מיר גאָר קײן ספֿק ניט געװען, אין דער ריכטיקײט פֿון מײַן אומצוטרױ צו זײ. איך האָב באַשלאָסן תּיכּף אױסצופֿאָרשן זײ, אײדער איך װעל זײ דערשיסן.

„אַלעקסײעװנאַ האָט בײַ דער אױספֿאָרשונג זיך פֿאַרהאַלטן רויק און קאַלטבלוטיק. זי האָט דערצײלט איר לעבנס־געשיכטע, װעגן איר אַרבעט אַלס איבערזעצערין בײַם דײַטשן קאָמענדאַנט אין מינסק און איר באַשלוס אַװעקצוגײן צו די פּאַרטיזאַנער באַלד נאָכדעם װי זי האָט זיך צעקריגט מיט די דײַטשן, בײַ װעלכע זי האָט געאַרבעט. דאָס װאָס זי האָט דערצײלט האָט בײַ מיר לגמרי ניט אַרױסגערופֿן קײן צוטרױ צו איר און אירע מעשׂיות האָבן אױסגעזען צו זײַן שקר וכזב. איך האָב פֿאַר זיך געטראַכט: צי פֿאַרשטײט זי דען ניט די סכּנה פֿון אָפּגעבן אַן אױבנאױפֿיקע פֿאַלשע עדות־דערקלערונג? אָדער אפֿשר איז דאָס דער װעג צו שפּיאָנאַזש פֿון אַ מענטשן, װאָס באַציט זיך גלײַכגילטיק צום טױט?

„איך האָב איר ניט געשטערט בעת איר דערקלערונג און ניט געשטעלט קײן פֿראַגעס.

— „נו, גוט, דו ביסט פֿרײַ. גײ צוריק צו דײַן אַרבעט" — האָב איך געזאָגט און שטילערהײט געגעבן אַ באַפֿעל צו מײַנע מענטשן, האַלטן אױף איר אַן אױג.

„דאָס צװײטע מײדל, שאַמאַנסקאַ, איז געזעסן אַנטקעגן מיר רויק און קאַלטבלוטיק װי איר חבֿרטע.

— „דערצײל מיר װער איר זענט און װי אַזױ זענט איר געקומען צו אונדז?" — האָב איך געפֿרעגט, ניט אַראָפּלאָזנדיק מײַן דורכדרינגנדיקן בליק פֿון אירע אױגן. לכתּחילה איז זי געװאָרן אַ ביסל צעטומלט, זי האָט, װײַזט אױס געטראַכט, װאָס עס לוינט צו דערצײלן און װאָס צו פֿאַרשװײַגן.

— „מײַן נאָמען איז, שאַמאַנסקאַ װיעראַ מיכאַילאָװנאַ, לױט נאַציאָנאַליטעט אַ פּױלישע און געלעבט אין מינסק. פֿיל דײַטשן קענען פּױליש און איך קען אַ ביסל דײַטש. און דערפֿאַר איז מיר גאָר לײַכט אָנגעקומען צו אַרבעטן אַלס קעלנערין אין אַ דײַטשן רעסטאָראַן. אײנמאָל האָב איך זיך צעקריגט מיטן דײַטשן פֿאַרװאַלטער און איך בין אַנטלאָפֿן געװאָרן

פון דער אַרבעט. די זעלבע נאַכט בין איך אַנטלאָפן צו די פּאַרטיזאַנישע וועלדער".

— „וויפל צייט ביסטו געווען צוזאַמען מיט דיין חברטע?

„זי האָט אַ צעשראָקענע געקוקט אויף מיר.

— „מיר... לערך זעקס חדשים האָבן מיר געלעבט צוזאַמען...

— „ווערסטו מיר טאַקע נישט דערציילן ווער איז דיין חברטע?

„זי האָט זיך שטאַרק פאַרוויטלט. זי האָט דאָך נישט געקענט דערציילן וועגן איר, מער ווי עס איז ביי זיי געווען אָפּגערעדט. דערציילן נאָך מער ליגנס האָט געקענט ווערן געפערלעך.

— „איך קען איינגאַנצן נישט דאָס מיידל און קען נישט דערציילן עפּעס וועגן איר — האָט זי מיטאַמאָל דעצידירנדיק אַ זאָג געטון.

— „נו, אויב אַזוי ווערט פאַר מיר אַלץ קלאָר. איך האָב באַשלאָסן צו דערשיסן אייך ביידן אַלס שפּיאָנינס — האָב איך אַ זאָג געטון מיט אַ רויקן טאָן.

„שאַמאַנסקאַ האָט זיך אַ הויב געטון אַ צעטומלטע פון אָרט. דער וואַכמאַן ביים טיר האָט אָנגעשטעלט אויף איר זיין אַווטאָמאַט. אַ דער־ציטערטע פון דער אומדערוואַרטעטער ווענדונג, וואָס דער ענין האָט אָנ־גענומען, איז זי געשטאַנען אַ בלאַסע ביים וואַנט. איך האָב זיך געגרייט צו פאַרלאָזן די „זיעמלאַנקע".

— „דערלויבט מיר, חבר קאָמאַנדיר, נאָך עפּעס צו דערציילן — האָט זי שטיל אַ זאָג געטון.

— „רייד. — איך האָב געוואַרט אויף אַ רעוועלאַציע, אַז די שפּיאָנין, וואָס האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין איר עדות, וועט דאָסמאָל אַראָפּנעמען די מאַסקע פון איר פּנים.

— „אַנטשולדיקט מיר, חבר קאָמאַנדיר, אַלץ, וואָס איך האָב אייך ביז אַהער דערציילט איז געווען אַ ליגן, פון אָנהייב ביזן סוף — איז זי אויסגעבראָכן אין אַ גרויס געוויין.. איך... איך... האָב געמיינט, אַז אויך דאָס מאָל וועט דאָס אַראָפּגיין גלאַטיק... איך האָב זיך איבערצייגט, אַז מיר האָבן דאָס נישט געטאָרט טון... מיר זענען ביידע יידישע פרויען...

„דער וואַכמאַן ביי דער טיר האָט באַלד אַראָפּגעלאָזט זיין אַווטאָמאַט.

— „אין דער אמתן איז אַלעקסיעוונאַ מיינע אַ ווייטע קרובה און איך ווייס וועגן איר אַלע פּרטים. מיר האָבן אָנגעדערציילט ליגנס בלויז דערפאַר, ווייל אונדזערע פּאַספּאָרטן זענען געווען געפעלשטע...

„אירע רעוועלאַציעס האָבן מיר שטאַרק אויפגערעגט. אָבער איך האָב דערשטיקט מיין כעס אין זיך...

— „מיט וואָס וועט איר דערווייזן, אַז איר זענט טאַקע יידישע?

— „דאָ, אויפן באַזיס זענען דאָ דריי יידן. אויב איר וועט מיר

דערלויבן צו ריידן מיט זיי, וועלן זיי ערוב זיין פאַר אונדזער נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקייט.

„פינוואַנען ווייסט איר, אַז עס זענען דאָ דריי חברים פון יידישער נאַציאָנאַליטעט?

„מען זעט דען נישט באַלד, לויט זייער אויסזען, אַז זיי זענען יידן?

„אינדעראמתן זענען טאַקע געווען דריי יידישע פּאַרטיזאַנער אין אַלעקסאַנדראָווס באַנ‍ע (אַ קאָנצענטראַציע פאַר גייאַגעקומענע פּאַרטיזאַנער, ביז מען איבערצייגט זיך אין זייער איבערגעגעבנקייט און קאַמפּס־גרייטקייט), אָבער צוויי פון זיי זענען לגמרי נישט געווען ענלעך צו יידן און קיינער אין אַטריאַד האָט נישט געוווסט, אַז זיי זענען יידן (אַז האָבן מיר דאָ נאָך אַ באַשטעטיקונג, און דאָסמאָל פון אַ רוסישן פּאַרטיזאַנער־קאָמאַנדיר, אַז כדי אויסצומיידן דאָס אויפקומען פון אַ „יידישן פּראָבלעם", האָט מען פאַרבאַהאַלטן די יידישע אָפּשטאַמונג — דער מחבר).

— „גוט, איך בין מסכים צו דיין פאָרשלאַג — האָב איך צוגעשטימט.

„די דריי יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן באַשטעטיקט, אַז זיי זענען יידישע מיידלעך, וואָס זענען אַנטלאָפן פון מינסקער געטאָ. פונדעסטוועגן, האָבן מיר נאָך געדאַרפט אומדירעקט קאָנטראָלירן זייערע פּערסאָנאַליען אין אויספּרובירן זיי ביי דיווערסיע־אָפּעראַציעס. שפּעטער האָבן זיי אין דער פילער מאָס זיך באַרעכטיקט ביי קאַמפּס־אויפגאַבעס און מיינע אַלע חשדים לגבי זיי זענען פאַרשוווּנדן.

„אויפן דריטן טאָג נאָך דער אויספאָרשונג האָט שאַמאַנסקאַ געבעטן, אַז מען זאָל איר מיטנעמען אויף אַ שפּיאָן־פאַרגרייטונגס־אויפגאַבע אין פּישער „סאָווכאָז" ביי דער אָזיערע ביעלאָע. לויטן באַפעל פון היטלערישן קאָמענדיר אין שטעטל זשיטקאָוויטש האָט דער פישער־דאָרף געדאַרפט צושטעלן צען צענטנער קאַרפּן־פיש. שאַמאַנסקאַ האָט פאַרגעלייגט די פישערס, אַז מען זאָל די פיש צוריק אַריינלאָזן אין די קאַנאַלן און, כדי אויסצומיידן רעפּרעסיעס מצד די דייטשן, איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאַרשפּאַרן די פישערס אין בנין פון דער פאָלקס־שול. מען האָט דערמעגלעכט איינעם פון די פישערס צו „אַנטלויפן" צום דייטשן ראַיאָן־קאָמאַנדאַנט אין דעם שטעטל זשיטקאָוויטש צו מעלדן, אַז אין דאָרף זענען דאָ פּאַרטיזאַנער. די פּאַרטיזאַנער האָבן צוגענומען אַ טייל פיש און דאָס איבעריקע איז צעטיילט געוואָרן צווישן דער באַפעלקערונג. שאַמאַנסקאַ, אַ געוועזענע קעכין אין דער רעסטאָראַציע פון „סאָוונאַרקאָם" (ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן) אין מינסק, פאַר דער מלחמה, איז ביי אונדז געוואָרן אַ קעכין. אַלעקסייעוונאַ האָט זיך אַנגעשלאָסן צו אַ קאַמפּס־אָפּטיילונג און האָט זיך באַטייליקט אין אויפרייסן פינף אָדער זעקס פייַנטלעכע צוגן".

(ג. לינקאָוו — „די מלחמה אין שונאס הינטערלאַנד", — ז"ז. 347־353).

אין שוין דערמאָנטן בוך „די גייסטיק־שטאַרקע" דערציילט פּאָלקאָווניק ד. מ. מעדוועדיעוו וועגן די ייִדישע מיידלעך ליזאַ געלפאַנד און איראַ סאַקאָלאָווסקאַ וואָס האָבן געאַרבעט אַלס אַריערינס ווי קעלנערינס אין דער דייטשער קאַסינאָ אין ראָוונע. לויט די אָנווייזונגען פון דער ראָוונער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע (מיטגעאַרבעט מיט מעדוועדיעווס פּאַרטיזאַנער אָטריאַד), האָבן די צוויי מיידלעך אויפגעריסן די אָפיצירן־קאַסינע. עס זענען ביי דעם אומגעקומען צענדליקער דייטשע אָפיצירן און העכערע באַאַמטע. זיי זענען, לויטן אָפּרייד, אַנטלאָפן אויסערן שטאָט און נאָוואַק, איינער פון די אונטערגרונט־אַקטיוויסטן, האָט זיי אַריבערגעפירט צו פּאָלקאָווניק מעדוועדיעווס באַזיס אין די שכנישע וועלדער.

אָפט מאָל דערמוטיקן די פרויען מיט זייער דרייסטקייט און ביישפּיל די מענער צום קאַמף.

יעקב שעפּטינסקי (סלאָנים), האָט איבערגעלאָזט אַ קוילנוואַרפער אין אַ דאָרפישער שטוב, אין וועלכער עס זענען פלוצלינג אָנגעקומען דייטשן פון דעם נאָענטסטן גאַרניזאָן. דער קאָמאַנדיר פון דער 51טער ייִדישער גרופּע ביים אָטריאַד „שטשאָרס", פּיצדאָרזאָוויטש, צו וועמען עס האָט געהערט דער איבערגעלאָזענער קוילנוואַרפער, רופט אויס: ווער גייט פריי־וויליק נאָכן קוילנוואַרפער?" עס מעלדן זיך דריי ייִדישע פרויען: ראָזמאַרינאַ (אַ וואַרשעווערין, איצט אין וואַרשע אָנפירערין פון פּ. פּ. ר.), אירקע ווייספּיש (וואַרשע, מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די פּוילישע ייִדן) און גוטע קאַגאַן. דאָס האָט אויף אַלעמען אַזוי געווירקט, אַז מען האָט זיך געוואָרפן שטורעמען דאָס הויז און הערץ שעפּטינסקי כאַפּט זיך אַריין דער ערשטער און נעמט אָפּ צוריק זיין ברודערס קוילנוואַרפער.

ווי מיר זעען, זענען געווען פיל ייִדישע פרויען, וועלכע האָבן נישט מסכים געווען זיך צו באַגנוגענען מיט דער צוגעטיילטער ראָל פון אַרבעטן ביי דער קיך און וועשעריי און צוזאַמען מיט זייערע מענער אויסברידער געגאַנגען אויף קאַמפּס־ און דיווערסיע־אויפגאַבעס. די ייִדישע פרוי האָט פאַרשריבן אַ בלאַט פון גבורה און כבוד אין דער געשיכטע פון פּאַרטיזאַנער־געראַנגל מיט די נאַצישע רוצחים.

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

ייִדישע פּאַרטיזאַנער פאַר דער רעטונג פון ייִדן

דער ייִדישער פּאַרטיזאַן האָט אַלץ געטון, בכדי צו ראַטעווען אַ וואָס גרעסערע צאָל ייִדן פון די דייטשע נעגל. דאָס גיין פיל צענדליקער און נישט זעלטן הונדערטער קילאָמעטער פון די פּאַרטיזאַנער־זאָנעס ביז די דראָט־פאַרצאַמטע געטאָס און דאָס אַרויסגיין פון זיי מיט געווער און גרופּעס באַוואָפנטע ייִדן, איז אויף טריט און שריט געווען פאַרבונדן מיט לעבנס־סכנה.

די מרייב־קראַפט צו אַזאַ סכנותפולן „שפּאַציר" איז געווען דער ווילן אַרויסצונעמען משפּחה־מענטשן, חברים, גוטע באַקאַנטע און סתם ייִדן פון געטאָ. אין פיל פאַלן פלעגן אין דער לעצטער מינוט, בעתן אַדורכרייסן די געטאָ־דראָטן, זיך אָנשליסן יונגמלעכע, וועלכע זענען לכתחילה נישט איינגעשלאָסן געוואָרן אין דער אַרויסגייענדיקער גרופּע. דאָס אַרויסגיין פון געטאָ מיט פּאַרטרוילעכע, דערפאַרענע פּאַרטיזאַנער, וואָס קענען אַלע שטעגעלעך און „וועלפישע" וועגעלעך און ווייסן גוט דעם וועג צו די פּאַרטיזאַנישע וועלדער און זאָנעס, האָט אַריינגעגאָסן אַ זיכערקייטס־געפיל אין די מענטשן. דאָס אָנקומען אין די וועלדער צוזאַמען מיט פּאַרטיזאַנער איז אויך געווען אַ מין רעקאָמענדאַציע אָנצוקומען אין דער פּאַרטיזאַנישער איינהייט, צו וועלכער עס געהערט דער שליח.

פּאַרטיזאַנער פלעגן אויך גיין, לויטן באַפעל פון זייערע קאָמאַנדירן אין די נאָענט־ליגנדיקע שטעט און שטעטלעך, כדי צו קריגן (אָדער קויפן) מעדיקאַמענטן, ראַדיאָ־אַפּאַראַטן, שרייב־פּאַפּיר א״אַ זאַכן, אין וועלכע דער

אַטריאַד האָט זיך געגוויטיקט און מען האָט עס נישט געקענט קריגן אין די דערפער. נישט זעלטן פלעגט מען גיין אין די שטעטלעך פון דער אומגעגנט כדי אַדורכצופירן אַ דיווערסיע־אַקט אָדער צוליב שפּיאָנאַזש־צוועקן און צוריקוועגס פלעגט מען אַרויספירן גרופּעס יידן פון די געטאָס. פיל יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן באַצאָלט מיט זייערע לעבנס, גייענדיק אין די געטאָס אַרויסצופירן יידן אין די וועלדער.

צו דער זשעטלער יידישער פּאַרטיזאַנער־גרופּע, וועלכע האָט זיך געפונען אין די וועלדער אַרום מייטשעט זענען דערגאַנגען ידיעות, אַז די געטאָ אין זשעטל שטייט ערב ליקווידאַציע. עס זענען גלייך אַרויסגעשיקט געוואָרן אין געטאָ פיר יידישע פּאַרטיזאַנער: חיים קאַנטאָראָוויטש, שלמה שיפּמאַנאָוויטש, פּרענקל מיט שעפּסל עלנבערג בראש, בכדי אַרויסצופירן פון דאָרטן נאָך יידן און דאָס געווער, וואָס איז געווען פאַרבאַהאַלטן אין דער אונטערערדישער מאַלינע פון יונה מיעדוויעצקי. דעם 5טן אויגוסט 1942, פיר אַזייגער פאַרטאָג איז זיי געלונגען אומבאַמערקט זיך אַריינצובאַקומען אין געטאָ דורך די דראָטן. צום אומגליק איז, אין אַ שעה אַרום נאָך זייער אַריינקום, די זשעטלער געטאָ פלוצלינג אַרומגערינגלט געוואָרן מיט אַ דרייפאַכיקן רינג פון מיליטער און פּאָליציי. עס איז קלאָר געוואָרן פאַר אַלע, אַז עס רוקן זיך אָן די לעצטע שעהן פון לעבן, אַז עס קומט די פולע ליקווידאַציע פון געטאָ.

נישט באַוויזנדיק נאָך אַרויסצונעמען דאָס געווער, האָבן די פּאַרטיזאַנער, וועלכע זענען אַריינגעפאַלן אַזוי אומגעריכט אין אַ פּאַסטקע, באַשלאָסן דורכצורייסן דעם דייטשן רינג מיט שטייגער און פלעקענער לעבן מאַגיעלניצקיס טויער. חיים קאַנטאָראָוויטש איז גלייך געפאַלן פון אַ מערדערישער קויל. דער העלדישער ניינצן־יעריקער פרענקל פון זשעטל רייסט זיך אַרויס דורך די דראָטן, אָפּשיסנדיק זיך מיט אַ פּיסטאָלעט און פאַלט טויט אויף יענער זייט געטאָ.

שעפּסל עלנבערג ווערט שטערבלעך פאַרוואונדעט אין בייך. ער ביי־ווייזט זיך נאָך אויפצושטעלן און שרייט אויס מיט די לעצטע כוחות: „מערדערס, איר וועט פאַר דעם אומזיסטן בלוט טייער באַצאָלן!" די דייטשן האָבן אויפגעדרייט אויף אַ פלאָקן שטעכל־דראָט און מיט דעם אים גע־

שלאָגן איבער די ווונדן. אין שרעקלעכע יסורים האָט ער אויסגעהויכט זיין נשמה, שרייענדיק כסדר: „אַ טויט די דייטשע קינדער־מערדערס״.

די יידישע פּאַרטיזאַנער, הערש ראָזאַנאָוויטש (פּולטוסק) און משה הענעך ווילקאָמירסקי (ליטע), האָבן באַצאָלט מיט זייערע לעבנס, בעתן



קאַמפּט־כאַראַקטעריסטיק פון באָארדנטן פּאַרטיזאַן
זאב ווערבאַ (מאַניעוויטש)

אַרויספירן יידן פון ווילנער געטאָ צו די פּאַרטיזאַנער אין רודניצקער פּושטשע. אין וועג זענען זיי אַרויפגעפאַלן אויף אַ דייטשער לויערונג. די צוויי פּאַרטיזאַנער האָבן אויפגענומען דעם נישט גלייכן קאַמף, בכדי צו דערמעגלעכן די אַרויסגעראַטעוועטע, אומבאַוואָפנטע יידן צו פאַר־שווינדן. זיי פאַלן מיט אויסגעשרייען: „אַ טויט די דייטשע מערדערס!״

ראָזענבלאַט גד דערציילט אין זיין בוך „מניצוץ לשלהבת״:

„הערשל ביידען (זאַפּיווקע, וואָלין), איינער פֿון די אָרגאַניזאַטאָרן פֿון דער יידישער פּאַרטיזאַנער־גרופּע, וואָס איז אַרויס פֿון א״ד געטאָ אין די שכנישע צימאַנער וועלדער, איז געפֿאַלן, גייענדיק ראַטעווען יידן.

„צוזאַמען מיט דער גרופּע יוגנטלעכע האָט ער אין דעצעמבער 1942 אָנגעשלאָסן זיך צו קאָווּפּאַקס אָטריאַד, וואָס האָט דאַן סטאַציאָנירט אין דאָרף לושקעוויטשי (מזרח־אוקראַינע). ער האָט זיך באַלד פֿרייוויליק געמאָלדן צו גיין אין די צימאַנער־ און קאָלקער וועלדער, אַ מרחק פֿון איבער 300 קילאָמעטער, כדי צו ברענגען אין אָטריאַד די פֿיל יידישע יוגנטלעכע, וואָס האָבן דאָרט אַרומגעבלאָנקעט ווערלאָזע און שוצלאָזע. מיט אים זענען מיטגעגאַנגען זיין חבר זיסי חייטשיק אין עטלעכע רוסישע פּאַרטיזאַנער, וואָס זענען געשיקט געוואָרן דורך דער קאָמאַנדשאַפֿט. אויף זייער אַהינוועגס האָבן זיי זיך אָנגעטראָפֿן אויף אַ דייטשער לויערונג. הערשל ביידען און צוויי רוסישע פּאַרטיזאַנער זענען דערהרגעט געוואָרן פֿון די ערשטע פֿלוצלינגדיקע דייטשע קוילן־סעריעס".

(דאָרט, פֿון כתב־יד).

דאָס 12־13־יעריקע יינגל ליאָנעק (ווילנע) איז געקומען אין יאַנואַר 1943 פֿון לידער געטאָ צום אָטריאַד „איסקראַ", אַלס פֿאַרבינדונגס־מאַן פֿון אַ גרעסערער גרופּע יידישע יוגנטלעכע פֿון לידער געטאָ, וועלכע האָבן געוואָלט אַנטלויפֿן אין פּאַרטיזאַנקע. צוליב דעם, וואָס די גרופּע איז געווען גוט באַוואָפֿנט, האָט די אָנפֿירונג פֿון איסקראַ־אָטריאַד, וועלכע איז נאָך דאַן געווען אין אָרגאַניזאַציע־סטאַדיום, מסכים געווען זיי אויפֿצונעמען, און ליאָנעק האָט זיי באַלד געבראַכט צופֿירן. ער פֿלעגט כסדר אַרויספֿירן קלענערע גרופּעס יידן פֿון לידער געטאָ. דער אָטריאַד פֿלעגט זיך מיט אים באַנוצן אויך צו ברענגען געווער און אויך אויסגענוצט אים צו שפּיאָנאַזש צוועקן. שפּעטער איז ליאָנעק צוזאַמען מיט נאָך זיבעצן יידן איבערגעשיקט געוואָרן אין ביעלסקיס פֿאַמיליע־אָטריאַד. דאָ הייבט זיך ערשט אָן ליאָנעקס אַקטיווע טעטיקייט, אַרויסצוראַטעווען וואָס מער יידן פֿון געטאָ. אַ דאַנק זיין קינדערישן עלטער, אַרישן אויסזען און זיין גוטן ווייסרוסיש איז קיינעם נישט איינגעפֿאַלן, אַז דאָס איז אַ יידיש קינד און ער האָט זיך באַוועגט פֿריי איבער די דערפֿער.

דער קליינער ליאָנעק רוט נישט. ער איז כסדר אין וועג צום געטאָ און פֿון געטאָ מיט גרופּעס אַרויסגעפֿירטע יידן. איינמאָל בעת אַזאַ שפּאַציר צום געטאָ איז ער אַריין אין פֿאָרשטאָט ראַשליקי, ביי לידע, צו אַ באַקאַנטן

פויער, ביי וועלכן ער פלעגט אַלע מאָל נעכטיקן. אַ שכן, וועלכער האָט חושד געווען, אַז דאָס יינגל איז אַ יידישער, האָט דאָס איבערגעגעבן די דייטשן, וועלכע האָבן דעם קליינעם גלייך אַרעסטירט.

ליאָנעק אָריענטירט זיך אין דער לאַגע. ער שלינגט אַראָפּ די בריוו, וועלכע ער האָט מיט זיך פאַר די יידן אין געטאָ פון זייערע קרובים אין

הערשל ניידען (זאַפּיוקע)

געפאַלן פון אַ דייטשער לויערונג, אויף זיין וועג פון דער באַזע פון קאָוואַלאָקס אָטריאַד, צו די צימאַגער וועלדער (וואָלין) צו מאָביליזירן יידן אין אָטריאַד. איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער זאַפּיוקער פּאַרטיזאַנער גרופּע

די וועלדער. זעקס וואָכן האָבן אים די דייטשן אוממענטשלעך געפּייניקט אין תּפיסה, אַז ער זאָל אַרויסגעבן דאָס זיך־אָרט פון די פּאַרטיזאַנער און די פאַרבינדלערס אין געטאָ. זיי האָבן אים לעבעדיקערהייט געשניטן זיין קינדערשן קערפּער און לסוף אויסגעשטאָכן די אויגן. אָבער דער העלדישער יינגל־פּאַרטיזאַן איז געווען שטאָל־שטאַרק און קיינעם נישט אַרויסגעגעבן. ער האָט פון תּפיסה דורך אַ קריסט אַרויסגעשיקט אַ בריוו אין געטאָ, וווּ ער האָט געשריבן: „מען פּייניקט מיך שרעקלעך, אָבער זייט רויק, איך וועל גאָרנישט אַרויסגעבן. די בריוו האָב איך פאַרניכטעט".

ה. סמאָליאַר דערציילט וועגן דער רעטונגס־אַרבעט פון קינדער ביים אַרויספירן יידן פון מינסקער געטאָ:

„קליינע קינדער, „דאָס קליינוואַרג", ווי מען האָט זיי גערופן, זענען געווען די וועגווייזערס פאַר די אַנטלויפנדיקע יידן פון מינסקער געטאָ. זיי

זענען עס געווען די שליחים, די פאַרבינדלערס און די וועגווייזערס. ס׳רוב זענען זיי געווען 10־13 יאָר אַלט, אָבער טראָץ דעם, האָט מען זיך רויק געקענט פאַרלאָזן אויף די געטאָ־קינדער, וואָס זענען פאַרהאַרטעוועט געוואָרן אין די אַכזריותדיקע לעבנס־באַדינגונגען.

„דער צוועלף־יעריקער ייִנגל, בוניע האַמער, האָט זיך אַפילו ביינאַכט גוט אָריענטירט אין די וועגן, סטעזשקעס, שטעגעלעך און „טראַפּינקעס״ וואָס האָבן געפירט פון געטאָ צו די פּאַרטיזאַנישע וועלדער און זאַנעס. איבער הונדערט יידן האָט ער אַרויסגעפירט פון געטאָ און זיי געבראַכט בשלום אין די וועלדער. בעת איינעם פון זיינע „שפּאַצירן״ מיט אַ גרופּע מינסקער יידן, איז ער אויפן וועג אַרויפגעפאַלן אויף אַ דייטשער לויערונג און אַפּשיסנדיק זיך, אַנטלאָפן.

„אַ מסור האָט צוגעטראָגן דער מינסקער געסטאַפּאָ, אַז די עלף־יעריקע מיידעלע, סימעלע פּעטערסאָן, איז געקומען פון די וועלדער אין געטאָ אַריין אַרויסצופירן יידן. סימעלע, וועמענס מאַמע און ברידערלעך זענען דער־מאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשן, איז געלעגן אין איר באַהעלטעניש, גרייט צו באַגעגענען די מערדערס מיט אַ געלאָדענעם רעוואָלווער. סימעלע איז אַ פּאַרטיזאַנקע, וואָס מוז דורכפירן דעם קאָמאַנדירס באַפעל: אַרויס־פירן אין וואַלד אַריין וואָס מער יידן, כדי זיי זאָלן צוזאַמען מיט איר נקמה נעמען פאַר די אומגעבראַכטע מאַמע און ברידערלעך, פאַר אַלע יתומים...

„צוועלף „שפּאַצירן״ פון די וועלדער אין מינסקער געטאָ און צוריק האָט געמאַכט דודקע קליאַנסקי און יעדעס מאָל מיטגעבראַכט צוואַנציק — פינף און צוואַנציק מענטשן.

„דאָס מיידעלע, פּאַניטשקע גימפּל, איז געקומען אין געטאָ מיט אַ ספּעציעלע אויפגאַבע: ברענגען דאָקטוירים פאַר די פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן, וואָס נייטיקן זיך אין זייער מעדיציניש־כירורגישער הילף.

„די מיידעלעך: רחלע פריקלאַד און סאָניעטשקע רובאַנטשוק זענען געקומען אין שליחות פון דער „טשקאַלאָוו״־בריגאַדע אין מינסקער געטאָ. צוזאַמען מיט זיי זענען אַרויס אין די וועלדער אַ מאַסע יידן. אַזוינע קינ־דערלעך, וואָס האָבן געדינט אַלס וועגווייזערס פאַר די אַרויסגייענדיקע פון מינסקער געטאָ, האָבן מיר געהאַט פיל...״

(„פון מינסקער געטאָ״, — ז״ז 120־121).

ראובן ביטענסקי, געבוירן אין אַ דאָרף ביי מייטשעט, איז אַרויס פון מייטשעטער געטאָ שוין אין פעברואַר 1942 מיט אַ קליינער גרופּע יידן. ער האָט זיך באַקאַנט מיט אַ געוויסן פויער קאַליאַס, וועלכער האָט אים

פאַרבונדן מיט די, נאָך דאַן קליינע גרופּעס, רוסישע פּאַרטיזאַנער פון יע־נער געגנט. זיי האָבן מסכּים געווען אויפצונעמען פופציק יונגטלעכע יידן. ריטענסקי איז כּסדר געגאַנגען אין מייטשעטער געטאָ, אַרויסגעפירט פון דאָרט קליינע גרופּעס יידן, אויסבאַהאַלטן זיי דערווייל ביי די אַרומיקע פויערים און געזאַמלט געלט אין געטאָ אויף איינצוקויפן געווער. בעת אַזאַ באַזוך אין יוני 1943, איז די געטאָ פּלוצלינג אַרומגערינגלט געוואָרן דורך דייטשן מיליטער און פּאָליציי. מיט געציילטע ביקסן האָט ביטענסקיס צו־געגרייטע גרופּע געפּרוּווט דורכברייסן דעם דייטשן רינג. זיי איז געלונגען צו דערהרגענען צוויי דייטשן, אָבער דער גרעסטער טייל פון דער גרופּע צוזאַמען מיט ביטענסקין איז אומגעקומען אין דעם נישט גלייכן געראַנגל.

ה. סמאָליאַר דערציילט:

„יצחק באַטוויניק האָט באַגלייט אַ גרופּע מינסקער יידן אויפן וועג צו די נאַליבאָקער וועלדער. לויטן פּלאַן האָבן זיי געדאַרפט בילדן דעם קערן פאַר אַ נייעם אָטריאַד, וואָס האָט געזאָלט אָרגאַניזירט ווערן א״נ „קאַגאַנאָוויטש ל. מ.״. די גרופּע, וועלכע איז אין גרעסטן טייל געווען אומבאַוואָפנט, איז פּלוצלינג באַפאַלן געוואָרן דורך דייטשן. באַטוויניק, איינער אַלייז, האָט אויפגענומען אַ קאַמף מיט דעם איבערוויגנדיקן דייטשן כּוח, כּדי צו דערמעגלעכן די אומבאַוואָפנטע זיך צו צעלויפן. ער האָט נישט אויפגעהערט צו שיסן פון זיין אויטאָמאַט אפילו נאָך־עם ווי ער איז שוין געווען שווער פאַרווונדעט. לויטן מנהג פון די יידישע פּאַרטיזאַנער האָט ער בלויז געהיט די לעצטע קויל, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר זיך...״

(ה. סמאָליאַר, — „פון מינסקער געטאָ״, — ז׳ 152).

בעת צאַלקע קרעמער איז אַנטלאָפן צוזאַמען מיט אַ גרופּע יידן פון גלובאָקער געטאָ, באַלד נאָך דער שחיטה, האָבן די דייטשן געעפנט אויף זיי אַ הוראַגאַן־פייער. עטלעכע יידן זענען שווער פאַרווונדעט געוואָרן און עס איז געווען אַ געפאַר, אַז זיי זאָלן אַריינפאַלן לעבעדיקע אין די דייטשע הענט. איינציקוויז האָט זיי קרעמער אַריבערגעטראָגן אויף זיינע פּלייצעס אין אַ זיכערן אָרט, געזאָרגט פאַר מעדיצינישער הילף און געראַטעוועט די גאַנצע גרופּע (ער אַליין איז שפּעטער געפאַלן אין אַ קאַמף מיטן ליט־וויש־דייטשן גאַרניזאָן אין דאָרף וואַסילעוויטש, לעבן דעם שטעטעלע קאָ־זאַן, דעם 28טן יוני, 1944).

אַ גרופּע ייִדישע פּאַרטיזאַנער פון ביעלסקיס אָטריאַד איז אַוועק אין לידער געטאָ אַרויסצונעמען ייִדן, ווי אויך ברענגען געווער און נייטיקע זאַכן פאַרן אָטריאַד. זיי האָבן נאָך נישט באַוויזן צו פאַרלאָזן די געטאָ, ווי עס איז אָנגעקומען די ליקווידאַציע און זיי זענען צוזאַמען מיט אַלע לידער ייִדן אַרויסגעפּירט געוואָרן קיין מאַיזדאַנעק (סעפּטעמבער 1943).

ווי געזאָגט, האָבן זיך כמעט אַלע ייִדנראַטן און די ייִדישע געטאָ־פּאָליציי אַנטקעגנגעשטעלט דאָס אַנטלויפן פון די געטאָס אין די וועלדער אַריין. אין פיל פאַלן האָבן זיי זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום מיטלען, כדי צו שטערן דאָס קומען פון ייִדישע פּאַרטיזאַנער אין די געטאָס מיטצונעמען מיט זיך ייִדן. לויט זייער מיינונג, פלעגט דאָס אַרויסרופן אומגעוווּנטשענע יזירונגען און צעררודערונג אין די געטאָס, ווו מענטשן האָבן רויִק פאַטאַליסטיש אָפּגעוואַרט זייער גורל. זיי האָבן אויך מורא געהאַט פאַר דעם עצם אַרומדרייען זיך פון „וואַלד־מענטשן", באַוואָפנטע מיט רעוואָלווערן און גראַנאַטן אין די געטאָס, וואָס קען ברענגען, אין פאַל פון אַ מסירה, — צו אַ מאַסן־אומגליק.

די פּאַרטיזאַנער פון זייער זייט האָבן נישט זעלטן אָנגעווענדט קעגן־מיטלען קעגן די „ייִדנראַטן", וואָס האָבן געשטערט, אָדער געדראָט מיט רעפּרעסיִעס קעגן זיי און זייערע משפחות. זיי זענען אַרויס פון דער הנחה, אַז די ייִדן אין געטאָ זענען סיי ווי פאַרמשפּט, פריִער אָדער שפּעטער, צו אַן אומפאַרמיידלעכן טויט און עס איז אַ פאַרברעכן צו שטערן דאָס ראַטעווען די, וועלכע ווילן אַרויסגיין. צוליב מורא פאַר פּאַרטיזאַנער־נקמה זענען די ייִדנראַטן און ייִדישע געטאָ־פּאָליציי געווען געצווונגען אַוועקצוקוקן און שווייגן. עס האָט אויך געווירקט דער מאָמענט, אַז זיי אַליין וועט אפשר אויסקומען צו אַנטלויפן אין די וועלדער. כדי אויסצומיידן מעגלעכע אומאַנגענעמלעכקייטן, פלעגן זיך די שליחים פון וואַלד פאַרבאַהאַלטן אין אַ „מלינה" ביז זייער אַרויסגאַנג און דאָס אָרגאַניזירן די גרופּעס צום אַרויסגאַנג פלעגן איבערנעמען געטאָ־מענטשן.

אָבער עס זענען, ליידער, אויך געווען פאַלן פון אַקטיוון שטערן די רעטונגס־אַרבעט און אַפילו, פון אַרויסגעבן צו דער געסטאַפּאָ.

אַברהם זאַרעצקי איז אין נאָוועמבער 1942, אַוועק אין סטויפּצער געטאָ אַרויסצופירן ייִדן אין די וועלדער פון קאַפּוליער ראַיאָן צום אָטריאַד

„זשוקאָוו". דער פאָרזיצער פון יודנראַט, מורא האָבנדיק פאַר די פאָלגן, וואָס דאָס קען ברענגען דעם געטאָ, האָט אים איבערגעגעבן אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ, ווו ער איז פאַרפּייניקט געוואָרן צום טויט.

אין אָקטאָבער 1942 שיקט דער יידישער קאָמאַנדיר, הירשל קאַפּלינ־סקי, דעם פּאַרטיזאַנער מלך צוקערקאָפּ אין דוואָרעצער אַרבעטס־לאַגער (ביי נאָוואָגרודעק) אַרויסצונעמען אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן זיך אומ־געקערט אין געטאָ נאָך דער ערשטער אָבלאַווע אין די האַרקער וועלדער (יולי 1942). עס האָט זיך געגרייט אַרויסצוגיין אַ גרופּע פון לערך 70 מאַן. דער דוואָרעצער יודנראַט, דערוויסנדיק זיך וועגן דעם, האָט צוגענומען ביי צוקערקאָפּן זיינע מלבושים און די יידישע געטאָ־פּאָליציי האָט אַרעסטירט די אַלע, וועלכע האָבן געהאַט בדעה אַרויסצוגיין. לסוף האָט מען דערלויבט אַרויסצוגיין פון געטאָ צען יידן, וועלכע זענען נישט געווען רעגיסטרירט אין געטאָ. (דעם 24סטן דעצעמבער 1942, איז דער דוואָרעצער אַרבעטס־לאַגער פון איבער 1.800 יידן ליקווידירט געוואָרן).

נח ראָטמאַן (באַראַנאָוויטש), איז אין אָקטאָבער 1942, אַוועק מיט אַ גרופּע פון פינף מאַן אין באַראַנאָוויטשער געטאָ אַרויסצופירן יידן אין פּאַר־טיזאַנקע צו דער יידישער גרופּע פון זאַלמאַנאָוויטש, וועלכע האָט זיך גע־פונען אין די וועלדער אַרום באַראַנאָוויטש. צוויי קילאָמעטער פון שטאָט לאָזט ער איבער זיינע חברים און קריגט זיך אַליין אַריין אין געטאָ. עס גיט זיך אים איין צו פאַרשטענדיקן מיט דער געהיימער פּאַרטיזאַנער אָרגאַ־ניזאַציע, וועלכע האָט אים צוגעטיילט פינף מענער און צוויי פרויען מיט געווער אויף אַרויסצוגיין. אין געטאָ־טויער האָט זיי פאַרהאַלטן דער יידישער פּאָליציאַנט פּרץ באָרקאָווסקי, וועלכער האָט געקענט ראָטמאַנען אַלס פּאַר־טיזאַן און באַפוילן אָפּצוגעבן דאָס געווער. נישט וועלנדיק מאַכן קיין טומל אַרום טויער זענען אַלע אַוועק אין יידישן פּאָליציי־אַמט, ווו עס איז אויך געווען די געטאָ־תּפיסה. אַריינקומענדיק האָבן די פּאַרטיזאַנער אַרויסגע־כאַפּט די רעוואָלווערן און טעראָריזירנדיק די פּאָליציי האָט זיי זיך איינגע־געבן אַרויסצופירן נאָך דרייסיק מאַן פון געטאָ, איבערשניידנדיק די געטאָ־פאַרצאַמונגען. דער פּאָליציי האָט מען געוואָרנט, אַז אין פאַל פון אַ טומל, וועלן מיט זיי זיך אָפּרעכענען די פּאַרטיזאַנער. און דאָס האָט געווירקט...

די קאָמאַנדירן פון יידישע אָטריאַדן האָבן כסדר געשיקט בריוועלעך

דורך פֿויערים און פּאַרטיזאַנער, רופֿנדיק אַרויסצוגיין פֿון די געטאָס און צו נעמען נקמה. אַ גרופּע פֿון צען פּאַרטיזאַנער פֿון נאַטשער פּושטשע האָט אַרויסגעפֿירט, אין יוני 1943, פֿערציק ייִדן פֿון ווילנער געטאָ.

דער ייִדישער אָטריאַד א״נ „קאַגאַנאָוויטש ל. מ.״ (מיאָרער־דיסנער געגנט), האָט אַרויסגעראַטעוועט פֿיל ייִדן פֿון גלובאָקער געטאָ.

דער העלדישער ייִדישער בּאַראַנאָוויטשער פּאַרטיזאַן יצחק מעדרעש („איטשע קאַצאַפּ״), איז אייניקע מאָל געקומען פֿון די פּאָלעסיעס וועלדער, ווו ער איז געווען אין אַ דעסאַנט־דיווערסיע־גרופּע, אין בּאַראַנאָוויטשער געטאָ, און אַרויסגעפֿירט ייִדן. די ברידער ליפּניק האָבן אַרויסגעפֿירט איי־ניקע מאָל ייִדן פֿון בּאַראַנאָוויטשער געטאָ. לייזער לידאָווסקי (בּאַראַנאָ־וויטש), האָט אַרויסגעפֿירט צוועלף מאַן פֿון די אַרבעטער ביי דער בּאַראַ־נאָוויטשער ס. ד. אין די ליפּסקער וועלדער.

„מאַטעס, פֿון פֿאַך אַ שלאָסער־מעכאַניקער, וועלכער האָט געאַרבעט אין אַ דייטשן געוווער־סקלאַד אין סלאָנים, האָט אַרויסגעשמוגלט געוווער־טיילן און דורך פֿאַרשיידענע געהיימע וועגן עס איבערגעשיקט צו די קריסטלעכע פּאַרטיזאַנער אין „וואָלטשע־נאָרע״.

„אַנטלויפֿנדיק אין וואַלד האָט ער, צוזאַמען מיט זיין אַויטאָמאַט, גע־טראָגן אויף זיינע פּלייצעס, אַ מהלך פֿון צענדליקער קילאָמעטער, אַ 15־יעריק ייִדיש ייִנגעלע, וועלכן ער האָט געטראָפֿן אַרומבלאָנקען אויף די פֿעלדער אַרום סלאָנים (געפֿאַלן דעם 18טן סעפּטעמבער, 1942).

(„פּנקס ביטען״, — ז׳ 357).

די פּאַרטיזאַנער פֿון ביעלסקיס אָטריאַד: לייב פֿעלדמאַן, לייב אָרזשע־כאָווסקי (לידע), אלי בּליאַכער (וואָראַנאָווע), מ. י. איצקאָוויטש (דעווע־נישאָק) און די פּאַרטיזאַנער פֿון „איסקרא״: רובינשטיין (לידע), ברידער פֿעלדמאַן (לאָדזש), ווילענסקי, י. מאַזאָוויעצקי (שטשוטשין) און פֿיל אַנדערע האָבן אַרויסגעפֿירט אַ גרעסערע צאָל ייִדן פֿון לידער געטאָ.

טוביה לייבאָוויטש (נאָוואָגרודעק), האָט אין אָקטאָבער 1942, אַרויס־געפֿירט פֿופֿציק ייִדן פֿון נאָוואָגרודקער געטאָ אין ליפּיטשאַנער פּושטשע צום אָרליאַנסקי־אָטריאַד. די פּאַרטיזאַנער פֿון ביעלסקיס אָטריאַד: בן־ציון גולקאָוויטש, משה רעזניק און בערנשטיין גנבֿענען זיך אַריין ביינאַכט דורך אַן אויפֿגעריסן ברעטל פֿון פּאַרקאַן אין נאָוואָגרודקער געטאָ. זייערע ביקסן פֿאַרבאַהאַלטן זיי אונטער די קוסטעס הינטערן שטאָט און לאָזן ביי זיך

בלויז קורצע קעשענע־געווער. זיי פאַרבאַהאַלטן זיך, איידער די מיטגלידער פון יודנראַט קומען פאָדערן זייער געווער און מיט דראָונגען געלינגט זיי אַרויסצופירן פון געטאָ פערציק יידן.

די סווענציאַנער יידישע פאַרטיזאַנער־גרופּע, וואָס איז נאָך פיל סכנות אָנגעקומען אין די לינטופּער וועלדער, האָט זיך פאַרבונדן מיט רוסישע פאַרטיזאַנער, וואָס האָבן שוין אָפּעריִרט אין דער געגנט. דער אָטריאַד־קאָמאַנדיר פון „טשאַפּאַיעוו", סידיאַקין האָט געלאָכט אָנקוקנדיק די יינגלעך מיט די פינף צעבראָכענע ביקסלעך, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט פון געטאָ, און צו זיי געזאָגט: „אייער וויכטיקסטע אויפגאַבע איז צו קריגן געווער".

איצווישן זענען געקומען יהושע גערטמאַן און ישראלקע וואָלפסאָן מיט אַ בריוו פון רוסישן בריגאַדע־קאָמאַנדיר, מאַרקאָוו (נאַראָטשער וועלדער), וווּ ער באַפעלט אַרויסצופירן די יידישע יוגנט פון ווילנער געטאָ, אין די וועלדער. דער זעכצן־יעריקער, משהלע שוטאַן, האָט פאַרגעלייגט צו גיין אין ווילנער געטאָ, פאַרבינדן זיך מיט דער אונטערערדישער פ. פ. אָ., באַקומען מיט זייער הילף געווער און אַרויספירן פון געטאָ די אָרגאַניזירטע יידישע יוגנט. גערטמאַן און וואָלפסאָן האָבן באַגייסטערט זיך איינגעשלאָסן צו דעם דרייסטן פּלאַן: ברענגען די ווענדונג פון קאָמבריג, מאַרקאָוו צו דער ווילנער יידישער יוגנט.

אין זייער געבורטס־שטאָט, סווענציאַן האָבן זיי געטראָפן די שטעטלשע יידן פּערפעקטע אין וואַגאָנען. לויט די דייטשישע פאַרזיכערונגען „שיקט מען זיי אויף אַרבעט אין קאָוונע". דאָ איז אַלץ שוין געווען פאַרשפּילט. אַנטלאָפן ווי דאָרפישע שקצימלעך האָבן זיי זיך אַריינגעגנבעט אין צוג און אַזוי אַרום אָנגעקומען קיין ווילנע. ביים אַרויסגיין פון ווילנער וואָקזאַל האָבן זיי גלייך געמוזט זיך אויסבאַהאַלטן פון ליטווישע פּאָליציסטן, וואָס האָבן זיי נאָכגעיאָגט און געעפנט אויף זיי אַ פייער. די יידישע פּאָליציי אין ווילנער געטאָ, האָט אָנגעהויבן זוכן די באַהעלטענישן פון די סווענציאַנער יינגלעך, וואָס היבן פונדאַסניי אויפגערודערט דעם אַביסל באַרויקטן געטאָ. דעם 22סטן יולי 1943, האָט גערטמאַן אַרויסגעפירט די ערשטע ווילנער גרופּע יוגנטלעכע אין די וועלדער. משהלע שוטאַן און ישראלקע וואָלפסאָן זענען אַרעסטירט געוואָרן דורך דער יידישער געטאָ־פּאָליציי. בעת דער רעוויזיע

האָט מען אין זייערע קעשענעס געפונען אַ בריוו פון דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע צו מאַרקאָוון און רשימות. בעת דער אויספאָרשונג האָבן די יינגלעך נישט געענטפערט אויף די געשטעלטע פראַגעס. נאָך אַ וויכוח מיט גענס', דעם קאָמאַנדאַנט פון דער יידישער געטאָ־פּאָליציי, האָט ער מסכים געווען זיי צו באַפרייען. באַלד צומאָרגנס האָבן די צוויי יינגלעך אַרויסגע־פירט אַ צווייטע גרופּע יוגנטלעכע אין די וועלדער — אַ וועג פון הונדערט און פופציק קילאָמעטער פול מיט געפאַרן און שרעק (נאַראָטשער וועלדער) — אַ וועג צום קאַמף און נקמה. אַן אַנדער גרופּע פון צען פּאַרטיזאַנער פון דער נאַטשער פּושטשע האָט אין יוני 1943, אַרויסגעפירט פערציק יידן פון ווילנער געטאָ.

אין די מערסטע פאַלן פלעגן פּאַרטיזאַנער אַריינגיין אין די געטאָס מיט די גרופּעס יידישע אַרבעטער, וואָס פלעגן זיך צוריקקערן פון זייערע אַרבעטס־פּלעצער מחוץ געטאָ. פאַרשטענדלעך, אַז אין אַזאַ פאַל פלעגן זיי צוריק אָנטאָן די געלע לאַטעס אויף זייערע מלבושים. געווען אויך פאַלן פון אַריינגיין אין די געטאָס דורך דעם געטאָ־צאַם אין די נעכט אָדער איבערגעטאָענע ווי פּויערים.

זשוקאָווסקי אליהו, אַ פּאַרטיזאַן פון „קאָמאָווסקי"־אָטריאַד (פּלעשטשי־נעצער און לעפּעלער ראַיאָנען), האָט כסדר געבעטן זיין קאָמאַנדיר, קראָס־ניאַנאָק, אַז מען זאָל גיין ראַטעווען די 17 לעצטע יידן אין „טאָדט"־לאַגער ביי דעם שטעטל ראַדאָשקאָוויטש. דער קאָמאַנדיר האָט געשטעלט אַ תנאי: זיי זאָלן ברענגען זאַלץ, אַן אַרטיקל, וואָס איז אינגאַנצן נישט געווען ביי די פּאַרטיזאַנער. זשוקאָווסקי, קידאַנאָוו שמעון (געפאַלן) און דריי נישט־יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן געבראַכט אַ זאַק זאַלץ פון אַ דאָרף לעבן ראַדאָש־קאָוויטש.

דעם 13טן יולי 1943, האָט מען געשיקט ברענגען די יידן. די פּאַר־טיזאַנער האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ כוטאָר, 3 קילאָמעטער פון שטעטל. אַ קריסט איז אַוועק און איבערגעגעבן די יידן אין לאַגער, אַז מען וואַרט אויף זיי. זיי איז געלונגען אומבאַמערקט זיך אַרויסצוגנבענען פון לאַגער און דערגיין צום כוטאָר. פון די זיבעצן געראַטעוועטע יידן זענען שפּעטער פיל געפאַלן אין די קאַמפן. אַ טייל איז געבליבן אין רוסלאַנד. אייניקע

(אינזשיניער שעפסענוואל ברוך, באמשטיין פעסיע) לעבן היינט צו טאג אין ישראל.

ישראל מאכטיי איז אין אויגוסט 1942, אנטלאפן פון סטויפצער געטא אין די וועלדער פון קאפולער ראיאן מיט צוואנציק יידן. ער האט אבער נישט געקענט רוען, וויסנדיק, אז ער האט איבערגעלאזט אין באראנאוויטשער ארבעטס־לאגער זיינע צוויי יינגערע ברידער. אין סעפטעמבער 1942, קומט ער פון וואלד אין שטאט אריין. איבערגעטאן ווי א ווייסרוסישער פויער גייט ער צו דער טויער־וואך און בעט ארויסרופן מאכטייען, וועמען ער וויל איבערגעבן א חוב. די זעלביקע נאכט אנטלויפן זיינע צוויי ברידער מיט נאך עטלעכע יידן פון לאגער. פון דארט גייט ער אוועק אין באראנאוויטשער געטא, ווו עס געלונגט אים ארויסצונעמען א גרופע יידן פון לערך פערציק מאן, פון וועלכע א גרויסער טייל איז געווען באוואפנט. אויך יהושע אפנהיים איז אריין אין נאוואגרודקער געטא פארמאסקירט אלס פויער.

יידן, וואס האבן גוט געקענט די וועלדער און אומגעגנט ווי: וואלד־ארבעטער, האלץ־סוחרים, דארף־פארערס („קאראבעלניקעס"), פערד־ און בהמות־הענדלערס, באלעגאלעס א"א, זענען געווען די וועגווייזערס („פראוואדניקי") פאר די שטעטישע יידן, וואס האבן זיך נישט אריענטירט אין די גרויסע, געדיכטע, וועגלאזע וועלדער. אין טעג פון אבלאוועס און בלאקאדעס, בעת פלוצלינגדיקע אנפאלן פון דייטשע גארניזאנען, האט נישט איינמאל, אזא וועגווייזער און קענער פון שטח, געראטעוועט גאנצע אטריאדן פון דייטשע לויערונגען דורך ארויספירן זיי פון די געפערלעכע ערטער מיט זייטיקע שטעגעלעך און וועגעלעך. די וועגווייזערס פלעגן אלעמאל אין זייערע תאלי גיין פאראויס, כדי אייסצושפירן דעם וועג און אין דער ערשטער ריי ריזיקירט מיט זייערע לעבנס.

די אנפירונג פון די יידישע אטריאדן אין די רודניצקער וועלדער האט געשיקט א גרעסערע גרופע פארטיזאנער אין די נאטשער וועלדער, כדי צו ארגאניזירן דארט פארטיזאנישע באזיסן. אלס וועגווייזערס זענען געגאנגען פאראויס, דער זיבעצן־יעריקער ישראליק שמערקאוויטש, פון אייש־ישאק און א צווייטער בחור פון דעם זעלבער שטעטל, וועלכער איז געווען באקאנט מיטן נאמען „ראובקע די חתונה". א דאנק די צוויי בחורים, וואס

האָבן זיי געפֿירט און אַרויסגעפֿירט פֿון פֿיל געפֿאַרן מצד דייטשן און נוייסט־פּאַליאַקן און אויסגעטײַטשטע סכנותדיקע ערטער, איז געלונגען דער א״ד פּאַרטיזאַנער־גרופּע אַרויסצוגיין פֿון זייער מאַרש מיט אומבאַדייטנדיקע פֿאַרלוסטן.

בעת דער גרויסער בלאָקאַדע אויף דער נאַליבאָקער פּושטשע (אויגוסט 1943), האָט זיך ריזלחקיה חייליץ־אַריאַד געפֿונען אין אַ פֿאַרצווייפֿלטער לאַגע. דער קאָמאַנדיר אַליין האָט נישט געוווּסט וווּהין זיך צו קערן מיט אַ־אַ קראַנקע, שווער־ראַנעווערטע עלעמענטן פֿון פֿרויען. זה־ים איז קינדער, מיט אַזעלכע מיזוזישע האָט מען ... נישט געקענט חלוקה וועגן אַ פּלאַן פֿון אַ דורכבראָך דורך דער ריינג, צוזאַמען אָדער אין קליינע גרופּעס. ווי עס האָבן געטון די קריגפֿערישע אַמריאַדן.

די צוויי פּאַרטיזאַנער מיירלין (געאַרבעט פֿאַר דער מלחמה אלס האַלץ־בראַקער איז די נאַליבאָקער ווײַלדער) און עקיבא (א דאָרפֿס־פּאַרער אין דער אומגעגנט) האָבן דאַן גייסטיק ביעלסקין צו ראַטעווען זיך אויף דעם „רויטן בערגל״ („קראַסנאַיאַ גאָרקאַ״). דאָס בערגל געפֿינט זיך אין מיטן גרויסע זומפּן, וואָס ציען זיך אויף צוועלף קילאָמעטער די לענג. אַ דאַנק זייער עצה און ריכטן די מענטשן, איז ביעלסקיס אָטריאַד אַרויס פֿון דער בלאָקאַדע אָן שום פֿאַרלוסטן.

נישט זעלטן פֿלעגן יידן אַרויסראַטעווען רוסישע פּאַרטיזאַנער־איינהייטן, וואָס האָבן זיך געפֿונען איז שווערע לאַגעס. די ברידער יעקב, חיים און אליהו קאַבראָווסקי פֿון דער אָלקעניקער און גראָדנער פֿאַמיליע־גרופּע וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין דער „רוסקע״־פּושטשע, האָט אַריבערגע־פֿירט די פּאַרטיזאַנער־פֿאַראייניקונג פֿון גענעראַל־מאַיאָר קאַפּוסטין פֿון דער „רוסקע״־פּושטשע אין דער נאַליבאָקער פּושטשע (נאָוועמבער 1943). די פֿאַר־אייניקונג איז געווען בלאָקירט פֿון אַלע זייטן, געליטן שמערצלעכע פֿאַר־לוסטן און נישט געזען פֿאַר זיך קיין ראַטונגס־אויסוועג. פֿירנדיק דורך בלאָטעס און וועלדער האָבן זיי אויסגעמיטן די דייטשע לויערונגען, וואָס זענען צעלייגט געוואָרן אויף אַלע וועגן, כדי צו פֿאַרניכטן די צעקלאַפּטע, אָפּטרעטנדיקע אָטריאַדן און אָן קיינע פֿאַרלוסטן דערגרייכט דעם ציל.

* *
*

יידישע קאָמאַנדירן און פּאַרטיזאַנער האָבן כסדר געטראַכט און אויסגעאַרבעט פּלענער וועגן אָנפאַלן אויף די גאַרניזאָנען פון די שטעט, ווו עס זענען געווען געטאָס, בכדי אין אַנטשטאַנענעם כאָאָס, זאָל די יידישע יוגנט האָבן אַ מעגלעכקייט צו אַנטלויפן אין די וועלדער.

ליידער, זענען אין 1943טן יאָר, ווען די פּאַרטיזאַנער האָבן שוין מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ כוח, שוין כמעט קיין געטאָס נישט געווען. די איינציקע, געציילטע געטאָס אָדער אַרבעטס־לאַגערן מיט אַ קליינער צאָל יידן זענען געוואָרן זאָרגפול אָפּגעהיט פון די דייטשן און צוליבן סאָזאָוצאָנירן פון שטאַרקע גאַרניזאָנען, איז נישט אַלע מאָל געווען אַ מעגלעכקייט אויפצונעמען מיט זיי אַ פאַרמעסטונג.

ווי עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן, האָט דער יידישער קאָמאַנדיר פון דער 51טער יידישער גרופּע ביים אָטריאַד „שטשאָרס", פּיאָדאָראָוויטש, אויסגעאַרבעט דעם פּלאַן פון אָנפאַלן אויפן קאָסאָווער גאַרניזאָן, בעת וועלכן עס זענען באַפרייט געוואָרן לערך 500 יידן, און די יידישע גרופּע האָט גענומען אין אים אַן אַקטיוון אָנטייל.

דער יידישער קאָמאַנדיר פון אָטריאַד „זשוקאָוו", גילטשיק, באַפולמעכטיקט הערשל פּאָסעסאָרסקי, אַרויסצוראַטעווען די יידן פון סוויערזשנער אַרבעטס־לאַגער. די דייטשן האָבן דאָרט צוזאַמענגעטריבן די רעשטלעך יידן נאָך די גרויסע שחיטות פון טורעץ, סטויפּץ א״אַ אַרומיקע ישובים און צוזאַמען מיט די סוויערזשנער יידן זענען זיי געווען באַשעפטיקט אין גרויסן טאַרטאַק, וועלכער האָט געאַרבעט טאָג און נאַכט פאַר די באַדערפעניש פון דייטשן פראָנט. דער יידנראַט פון סוויערזשנע האָט זיך מיט אַלע כוחות באַמיט נישט צו דערלאָזן די יידן צו אַנטלויפן אין וואַלד. דער יידנראַט האָט געטענהט, אַז כל־זמן דער טאַרטאַק אַרבעט, וועט די יידן קיין שלעכטס נישט געשען און דאָס אַנטלויפן פון יחידים קען גורם זיין צו אַ קאָלעקטיווער שטראָף פאַר די פאַרבליבענע.

דעם 29טן יאַנואַר 1943, איז הערשל פּאָסעסאָרסקי, מיט אַ רעוואָלווער און אַ שער אין די קעשענעס, אַריינגעפאָרן אין טאַרטאַק אין מיטן העלן טאָג אויף אַ פּויעריש פורל, וואָס איז געפאָרן נאָך ברעטער. ער האָט זיך

אויסגעמישט מיט די אַרבעטנדיקע ייִדן און פאַרנאַכט איז ער צוזאַמען מיט זיי אַריין אין געטאָ. שוין פריִער האָט פּאָסעסאָרסקי אָנגעהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט דער אונטערערדישער פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע אין לאַגער און דער געדאַנק וועגן אַנטלויפן אין די וועלדער איז שוין געווען רייף. ער גיט איבער קאָנספּיראַטיווע אינסטרוקציעס צו די אָנפירערס, ווי צו האַלטן זיך ביים אַרויסגאַנג. ווען עס ווערט גוט פינצטער, שניידט מען איבער די דראָט־פאַרצוימונגען אין דעם הינטערשטן טייל פון לאַגער, וואָס ציט זיך צו די פעלדער אויסער דער שטאָט און ווו אַ טייכל שניידט איבער איינדער־מיט דאָס פעלד, צוליב וואָס די שמירה איז אויף דעם אָרט געווען אַ קלע־נערע. עס גיט זיך איין גליקלעך אַרויסצוגיין בערך 220 מאַן. פּאָסעסאָרסקי איז אַוועק מיט אַ גרופּע פון 160 ייִדן און זיי זענען באַגעגנט געוואָרן 8 קילאָמעטער פון סוויערזשנע דורך ייִדישע פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן געאיילט צו הילף און אָרגאַניזירט פורן פאַר די קראַנקע און שוואַכע. דער צווייטער טייל, האָט זיך געלאָזט אין אַן אַנדער ריכטונג. נאָך אַ קורצער צייט קומען אָן אַלע געראַטעוועטע אין אָרליקער וואַלד (וויזנער ראַיאָן).

דיאַדיאַ מישאָס אָטריאַד האָט באַפרייט פערציק ייִדן (אַ רעשטל פון צוויי הונדערט און צוואַנציק, נאָך פיר חדשים אַרבעט), וואָס האָבן געאַר־בעט אין טאַרטאַק אין אומגעגנט פון דעם שטעטל וועליעדניק. די ייִדן זענען מאַסנווייז אויסגעשטאָרבן פון הונגער, שווערע אַרבעט אָדער דער־שאָסן געוואָרן דורך דעם טאַרטאַק־פאַרוואַלטער, דער דייטשער סאַדיסט, פרידריך קריפּעל. די פּאַרטיזאַנישע פאַרבינדלערין, גאַליאַ, וואָס האָט גע־אַרבעט אַלס קעכין ביי דער פּאָליציי־וואַך פון טאַרטאַק, האָט איבערגעגעבן וועגן די ליידן, וואָס די ייִדן האָבן אויסצושטיין פון דעם מערדער.

דער אָטריאַד זייענדיק דאַן שוואַך באַוואָפנט, האָט נישט געקענט ריזיקירן אונטערצונעמען אַן אָנפאַל אויפן טאַרטאַק, וואָס איז אָפּגעהיט געוואָרן דורך אַ גרעסערע צאָל פּאָליציסטן. עס איז אויך געווען אַ באַגרינדעטע געפאַר, אַז דער דייטשער גאַרניזאָן פון דעם נאָענטן שטעטל, וועליעדניק, וועט קומען צו הילף די אָנגעגריפענע פּאָליציי. איינצווישן האָט די פּאַרטיזאַנישע פאַרבינדלערין, גאַליאַ, געמאָלדן, אַז די דייטשן טראַכטן צו ליקווידירן אין די נאָענטסטע טעג די לעצטע פערציק ייִדן און פאַר־בייטן זיי מיט רוסישע געפאַנגענע. דער קאָמאַנדיר, דיאַדיאַ מישאַ, האָט

באַשלאָסן נישט צו צעגערן מער און פאַר יעדן פּרייז באַפרייען די ייִדן, וואָס זענען פאַרמשפּט צו אַ באַלדיקן טויט. נאָכן דעררעדן זיך מיטן אַרבעטס־בריגאַדיר פון דער ייִדישער גרופּע אין טאַרטאַק און אַ דאַנק דער מיטהילף פון דער פאַרבינדלערין, גאַליאַ, האָט די אָטריאַד־קאָמאַנד־שאַפט אויסגעאַרבעט אַ דעטאַלירטן פּלאַן פון אַן אָנפאַל אויפן טאַרטאַק, נאָך אין דער זעלבער נאַכט.

אַרום האַלבע נאַכט האָבן זיך פאַרשטעקט אַ גרופּע פאַרטיזאַנער, מיטן קאָמאַנדיר בראש, נישט ווייט פון אַריינגאַנגס־טויער צום טאַרטאַק. זיי האָבן, ליגנדיק אויפן שניי, אָפּגעוואַרט ביז עס וועט זיך בייטן די „סמענע״ אַרבעטער. גענוי צוועלף אַזייגער ביינאַכט האָט זיך צעקלונגען דער גלאָק, אַלס סימן פון אַ הפסקה. מיט צוויי שאָסן פון אַ „בעזשומקאַ״ (אַ ביקס וואָס שיסט אָן רעש), האָט מען דערהרגעט די צוויי פּאָליציסטן ביים טויער און אויף זייער אָרט, אין זייערע וואַרעמע פוטערס, האָבן זיך אַוועקגע־שטעלט אויף דער וואַך פאַרטיזאַנער. אין צוואַנציק מינוט אַרום האָט זיך שוין דערטראָגן פון טאַרטאַק דער גערויש פון זעג־מאַשינען. די ערשטע פיר ייִדן, וואָס זענען צוגעקומען צום טויער מיט אַ ליידיקער וואַגאָנעטקע, האָבן דערציילט, אַז דער דייטשער פאַרוואַלטער, פרידריך, האָט צוגענומען ביי זיי די אָפּרו־שעה אַלס שטראָף דערפאַר, וואָס זיי האָבן נישט אויסגע־פילט די אַרבעטס־נאָרמע. צוליב דעם האָבן זיך געקענט אַרויסגנבענען פון טאַרטאַק בלויז פיר און צוואַנציק ייִדן, וואָס זענען געווען באַשעפטיקט ביים שטופן די וואַגאָנעטקעס. זעכצן ייִדן, וואָס האָבן געאַרבעט ביי די זעגן, האָבן נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט אָפּצוטרעטן פון זייערע אַרבעטס־פלעצער. דער קאָמאַנדיר, דיאַדיאַ מישאַ, האָט אָבער נישט געוואָלט מותר זיין צו ראַטעווען אויך די זעכצן ייִדן און האָט צווישן דריי ייִדן, וואָס האָבן געשטופּט אַ וואַגאָנעטקע, אַריינגעגנבעט אַ פאַרטיזאַן, וואָס האָט געדאַרפט דערהרגענען מיט אַ גראַנאַט דעם דייטשן פאַרוואַלטער, פרידריך. אָבער דאָסמאָל האָט דער פאַרטיזאַן נישט אויסגעפילט די פאַרגעבונג. דער דייטש, פרידריך, איז דערהרגעט געוואָרן דורך אַ ייִד, שמואל דער גלעזער, וואָס האָט שוין פון לאַנג געזוכט אַ וועג, ווי נקמה צו נעמען פון מערדער פון זיין איינציקן זון.

שמואל און זיין זעכצן־יעריקער איינציקער זון זענען געבראַכט געוואָרן

אויף אַרבעט אין טאַרטאַק פון דעם וואָלינער שטעטעלע, באַראַנאָווקע, נאָך דעם ווי ער האָט אין דער שחיטה פאַרלוירן זיין גאַנצע פאַרצווייגטע משפחה. איינמאָל, ווען ער האָט צוזאַמען מיט זיין זון אָנגעלאָדן אַ קלאָץ אויף אַ וואַגאָנעטקע, האָט זיך דער קלאָץ אַראָפּגעגליטשט און צעבראָכן דעם זונס רעכטן פוס. ווי נאָר דער פאַרוואַלטער, פרידריך קריפּעל, האָט דאָס דערזען, האָט ער אַרויסגעצויגן דעם רעוואָלווער און אויפן אָרט דערשאָסן דעם אומגליקלעכן בחור, אַלס אַרבעטס־אומפעיִקן. פון יענעם טאָג, איז שמואל אַריינגעפאַלן אין אַ מרה־שחורה און אָנבאַגעגענענדיק זיך מיט פרידריכן פלעגט ער כסדר מורמלען צו זיך: „אַ טייערן פּרייז וועסטו מיר באַצאָלן פאַר מיין אומגליקלעך קינד..." אַז מען האָט אים דערציילט וועגן פּלאַן פון אַנטלויפן, האָט ער געזאָגט: „איך האָב שוין נישט פאַר וועמען און צוליב וואָס צו לעבן. איך וועל דאָ פאַרבלייבן, כדי נקמה צו נעמען פאַר מיין קינדס בלוט און איר אַנטלויפט און זאָל אייך גאָט העלפן..."

אין דער נאַכט פון מאַסן־אַנטלויף, ווען די זעכצן ייִדן, וואָס האָבן געאַרבעט ביי די זעגן זענען אַריינגעפאַלן אין אַ פאַרצווייפלונג, זעענדיק, ווי עס זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן אַלע די, וואָס האָבן געאַרבעט ביי די וואַגאָנעטקעס, האָט שמואל דער גלעזער זיי שטיל געטרייסט: „שרעקט זיך נישט, איך וועל אייך באַפרייען..."

ער האָט בכיוון געקירעוועט דעם קלאָץ האָלץ צו דער זעג־מאַשין קרומלעך. פרידריק האָט דאָס דערזען און אָנגעהויבן שרייען: „פאַרשאָלטענע ייִדן, שעדיקערס" און זיך אַ לאָז געטון מיט זיין שטעקן צו שמואלן. פלוצלינג האָט שמואל אַ כאַפּ געטון פרידריכן און מיט אַ ווילדן געשריי: „מיר אַ טויט און דיר אַ טויט" זענען זיי ביידע ראַנגלענדיק זיך, געפאַלן אויפן קלאָץ האָלץ, אונטער די שאַרפע ציינער פון דער גרויסער זעג. אין אַ מינוט אַרום זענען פון ביידע זייטן זעג געלעגן די איבערגעשניטענע קערפּערס פון ייִדישן גבור שמואל און פון דייטשן מערדער, פרידריך קריפּעל... צוזאַמען מיט די פאַרטיזאַנער זענען אַוועק אין די וועלדער אונטער דער דעקונג פון דער פינצטערער נאַכט די ניין און דרייסיק ייִדישע טאַרטאַק־אַרבעטער.

אלתר דוואָרעצקי האָט קומענדיק אין וואַלד (20טן אַפּריל 1942), מיט זיין קליינער גרופּע פון זשעטלער געטאָ, גלייך אָנגעהויבן דרינגלעך פאָדערן

אָנצופאַלן אויפן זשעטלער גאַרניזאָן און אַזוי אַרום באַפרייען די ייִדישע יוגנט. צו דוואָרעצקין זענען דערגאַנגען ידיעות דורך זיינע פאַרבינדונגס־מענטשן, אַז די דייטשן גרייטן צו אויף דעם 30טן אַפּריל 1942, אַ שחיטה אין זשעטלער געטאָ. די צייט איז געווען קורץ. מען האָט געמוזט אונטער־נעמען אַ באַלדיקע אַקציע. די פאַרטיזאַנער, אונטער דער אָנפירונג פון אַלתר דוואָרעצקי, מיט דער הסכמה פון רוסישן קאָמאַנדיר, קאַליאַ וואַ־כאַנין, האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין אויף זשעטל, שטעלנדיק פאַר זיך פאָלגנדיקע צילן:

1) איין גרופע האָט באַדאַרפט איבעררייסן די טעלעפאָן־פאַרבינדונגען, אַז די דייטשן זאָלן נישט קענען צונויפריידן זיך מיט די שכנותדיקע גאַר־ניזאָנען.

2) די צווייטע גרופע האָט אין דער זעלביקער צייט באַדאַרפט מאַכן אַ קאָנצענטרירטן אָנפאַל אויף דער זשאַנדאַרמעריע און פאָליציי, בכדי די ייִדישע באַפעלקערונג זאָל, אין דער אַנטשטאַנענער מהומה, אַרויסלויפן פון געטאָ. צוקומענדיק צום קריסטלעכן בית־עולם (200־300 מעטער פון זשאַנ־דאַרמעריע־בנין), האָבן זיי זיך דערוווּסט דורך אַ פויערישן אויסשפּיאָנער, אַז אין זשעטל איז אָנגעקומען אַ גרויסער דייטשער כוח אויף אַדורכצופירן די שחיטה. די רוסישע פאַרטיזאַנער האָבן זיך גלייך אָפּגעזאָגט אָנטייל צו נעמען אין דער געוואַגטער אונטערנעמונג און פון דעם גאַנצן פלאַן איז גאָרנישט געוואָרן.

אויך ביעלסקיס אָטריאַד האָט זיך אַ לענגערע צייט אַרומגעטראָגן מיט געדאַנק אָנצופאַלן אויפן נאָוואָגרודקער גאַרניזאָן און באַפרייען פון געטאָ די עטלעכע הונדערט ייִדן, וועלכע זענען דורך די דייטשן אַלס „נוצלעכע ייִדן" צייטווייליק איבערגעלאָזט געוואָרן, אָבער וועמענס אומקום איז געווען אַ זיכערער. צוליב דעם זייער שטאַרקן גאַרניזאָן און די קליינע כוחות, מיט וועלכע ביעלסקי האָט דיספּאָנירט, האָט ער זיך געמוזט אָפּזאָגן פון פלאַן.

* * *

די ייִדישע קאַמפּס־פעיִקע באַוואָפנטע יוגנט קלייבן אויס דעם דערנער־וועג פון בלייבן אין ייִדישן פאַמיליע־אָטריאַד, אָנשטאָט צו גיין אין רוסישע

אָטריאַדן, ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט לאָזן אויף הפקר די נישט־קאַמפּס־פּעיִקע. קליינע גרופּעס באַוואָפנטע יוגנטלעכע באַזאָרגן מיט שפּייז און באַשיצן גרויסע פאַמיליע־אָטריאַדן (ביעלסקי, זאָרין, גילטשיק, קאַגאַנאָוויטש א״אַ), אַ זאַך, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט טויט־סכנות פון אַלע זייטן. זיי באַטראַכטן עס פאַר זייער הייליקן חוב און זיי האָבן זייער פליכט דערפילט בכבוד.

די ייִדישע יוגנט, וועלכע קומט אין וואַלד מיט געווער, נעמט אין שוץ די פאַמיליעס, וועלכע זענען נישט באַוואָפנט, זאָרגט פאַר זיי און אָרדנט זיי איין. אַ דאַנק דעם בלייבן פון די ברידער ליפּשין און וואָלאַך אין די קאָזאַנער וועלדער צוזאַמען מיט די פאַמיליע־גרופּעס, לעבן איבער פיל ייִדן די מלחמה.

פופציק ייִדן פון אָטריאַד „זשוקאָוו" זענען קוואַליפיצירט געוואָרן אַלס אומקאַמפּס־פּעיִקע און אַרויסגעשיקט געוואָרן פון אָטריאַד. צו דער גרופּע זענען צוגעטיילט געוואָרן אייניקע באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנער מיט לייזער סעגאַל (האַנצעוויטש) אַלס קאָמאַנדיר כדי זיי צו שיצן און באַשפּייזן.

סעגאַל האָט פאַרגעלייגט דעם פּאַרטיזאַן, יוסף רייך, וועלכער האָט זיך איינגעאָרדנט און געפילט גוט צווישן אַ רוסישער דיווערסאַנטן־גרופּע, אַז ער זאָל אַריבערגיין צום אים. רייך האָט געצעגערט. סעגאַל זאָגט דאַן צו אים, אַז ער אַליין וואָלט בעסער געוואָלט זיין ביי די רוסישע דיווערסאַנטן, נאָר „זיי קענען זיך באַגיין אָן מיר און די פרויען, קינדער און עלטערע מענטשן קענען זיך אָן מיר נישט באַגיין". רייך האָט זיך איבערגענומען מיט סעגאַלס רייד און איז אַריבער צו זיין גרופּע, אין די מישיקער וועלדער.

(„וואַלד אין פלאַמען", — ז' 252).

אליהו יאָנעס דערציילט אין זיין גבית עדות:

„די רוסישע דיסאַנטן־גרופּע איז צוגעטראָטן צו שאַפן אַן אָטריאַד. זי האָט אָבער געוואָלט אויפנעמען בלויז די יוגנטלעכע, וואָס האָבן געווער. מיר בחורים, וועלכע האָבן זיך די גאַנצע צייט געפילט ווי אַפּוטרופּסים און באַשיצערס פון דעם ביסל קינדער, זקנים און פרויען אין די כאַנאַטשעווער (מזרח־גאַליציע) וועלדער, האָבן געשטעלט אַ תנאי, אַז אייניגע פון די אויפגאַבן פון אָטריאַד, זאָל זיין די זאָרג פאַר אַלע שוצלאָזע ייִדן אין די וועלדער. אייניקע מאָל האָבן זיי אָפּגעוואָרפן אונדזער פאָדערונג, ביז לסוף האָבן זיי אונדז נאָכגעגעבן און אין פרילינג 1944, איז אָרגאַני־

זירט געוואָרן אין סוויזשער וואַלד אַ פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד, וואָס איז געווען אַנגעשלאָסן צו דער בריגאַדע פון פּאַלקאָווניק מעדוועדיעוו".
(„אין די לאַגערן און וועלדער פון מזרח־גאַליציע", — יד ושם, ירושלים).

אַלעק אַבוגאַוו זאָגט זיך אָפּ אַוועקצוגיין מיט דער גאַנצער גרופּע פּאַרטיזאַנער אויף מזרח און באַשליסט בלייבן אין די פּינסקער וועלדער, ווייל דאָרט איז געווען אַ פאַמיליע־לאַגער פון אומבאַוואָפנטע יידן, אַנטלאָ־פענע פון די אַרומיקע שטעטלעך און ישובים. אַבוגאַוו טרעט צו ענערגיש צו אָרגאַניזירן די יידישע יוגנט. זיינע מיטהעלפערס אין דעם זענען געווען: שמואל פורים, ברוך מאַנקאָווסקי (ביידע אין ישראל), משה בראַמבערג (געפאַלן) און לאַזאַר (אַמעריקע). שפּעטער שליסט זיך די גרופּע איין אין רוסישן אָטריאַד „וואָראָשילאָוו", אָדער ווי ער איז געווען באַקאַנט אין אומגעגנט א"נ פון קאָמאַנדיר „מיסיורא". אַלעק אַבוגאַוו ווערט נאָמינירט אַלס קאָמאַנדיר פון רייטער־אויסשפּיר־דינסט, ווו ער צייכנט זיך באַזונ־דערס אויס.

אָבער דער שלום־בית צווישן אַלעק אַבוגאַוו און דער קאָמאַנדשאַפט פון אָטריאַד האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. מיסיורא האָט פאַרן אַוועקגיין אין אַ צווייטן מער זיכערן ראַיאָן, אַרויסגעטריבן פון אָטריאַד צען יידישע מיידלעך, וועלכע זענען געווען באַשעפטיקט אין קיך, און אויף זייער אָרט צוגענומען אוקראַינקעס פון די אַרומיקע דערפער. אַלעק אַבוגאַוו האָט נישט געקענט אַריבערגיין שטיל־שווייגנדיק איבערן שרייענדיקן אַנטיסעמיטישן פאַל און שאַרף פּראָטעסטירט קעגן אַזאַ האַנדלונג. זעענדיק, אַז ער קען נישט באַווירקן מיסיוראַן, אַז ער זאָל ענדערן זיין באַשלוס, דעצידירט ער זיך אויף אַ געוואַגטן שריט און פאַרלאָזט אַלס פּראָטעסט צוזאַמען מיט די איבעריקע צוועלף יידן דעם אָטריאַד. די יידישע פּאַרטיזאַנער באַשליסן נישט איבערצולאָזן די צען יידישע מיידלעך אויף הפקר און גייען מיט זיי אַוועק צום האַלב־יידישן אָטריאַד „קרוק", לעבן וועלכן עס האָט עקזיס־טירט אַ יידישער פאַמיליע־לאַגער. מיסיורא דערוויסנדיק זיך וועגן פאַר־שווינדן פון אַבוגאַווס גרופּע, שיקט דעם אָטריאַד־דאָקטאָר, ערליך, מיט אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט צוגעזאָגט צו ענדערן זיין באַשלוס וועגן די מיידלעך און געבעטן זיי צוריקקערן זיך. אַבוגאַוו ענטפערט מיט אַ פאָדע־

רונג צו באַזייטיקן דעם שטאַב־נאַטשאַלניק און אָטריאַד־קאָמיסאַר, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס אָפענע אַנטיסעמיטן. מיסיורא וואַרפט אָפּ די פאָדערונג און פאַרלאָזט דעם ראַיאָן.

אין וואַלד זענען געבליבן צוועלף באַוואָפנטע ייִדישע פאַרטיזאַנער און העכער 250 אומבאַוואָפנטע ייִדן פון פאַמיליע־לאַגער.

די באַנדעראָוועצעס, דערוויסנדיק זיך, אַז מיסיורא האָט פאַרלאָזט די געגנט, האָבן באַלד צונויפֿגערופֿן געמאַכט אַן איבערפאַל אויפן פאַמיליע־לאַגער (3טן מאַי 1943). די צוועלף באַוואָפנטע ייִדישע פאַרטיזאַנער נעמען אויף דעם אומגלייכן קאַמף מיט די איבערוויגנדיקע כיחות פון די באַנדע־ראָוועצעס, געבנדיק דערמיט אַ מעגלעכקייט די אומבאַוואָפנטע זקנים, פרוי־ען און קינדער פון פאַמיליע־לאַגער צו אַנטלויפן טיפער אין וואַלד. זעקס און פערציק ייִדן זענען געפאַלן פון דעם רוצחישן איבערפאַל פון די באַנדעראָוועצעס. 180 קילאָמעטער האָט די ייִדישע פאַרטיזאַנער־גרופּע אַדורכגעמאַרשירט, מיטמאַכנדיק פיל געפאַרן און צוזאַמענשטויסן, ביז זי איז אָנגעקומען צום אָטריאַד „קרוק", וווּ די ייִדישע מיידלעך זענען אויפ־גענומען געוואָרן.

***

ייִדישע פאַרטיזאַנער האָבן אויפגעצווונגען פויערים צו באַהאַלטן און אויסצוהאַלטן ייִדישע ניט קאַמפּס־פעיִקע עלעמענטן: פרויען, קינדער, זקנים אדג"ל און געמאַכט פערזענלעך פאַראַנטוואָרטלעך די פויערים פאַר זייער לעבן. די פויערים האָבן געוווּסט, וואָס עס דערוואַרט זיי אין קעגנפאַל.

אַזוי האָט יוסף אָלשאַנסקי (ראָקיטנע), אַ פאַרטיזאַן פון „קאָטאָווסקי"־אָטריאַד, געטראָפן אין וואַלד אַ גרופּע אָפּגעריסענע, הונגעריקע ייִדישע פרויען און קינדער. ער האָט אויפגעצווונגען די פויערים אויפצונעמען און אויסצוהאַלטן זיי. דער זעלביקער אָלשאַנסקי האָט דערשאָסן דעם לערער פון דאָרף קאַראַסין (וואָליִן), ווייל ער האָט געדראָט דעם דאָרף־עלטסטן מיט מסרן דער געסטאַפּאָ, אויב ער וועט נישט פאַרטרייבן די ייִדן פון דאָרף.

ייִדן, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין דאָרף בערעזאַנצי (וואָראָ־נאָווער ראַיאָן), האָבן איבערגעגעבן די ייִדישע פאַרטיזאַנער פון רוסישן

אָטריאַד „איסקרא“, אַז דער דאָרף־עלטסטער טרייבט זיי פון דאָרף, דראָענדיק אין קעגנפאַל מיט אַרויסגעבן זיי צו די דייטשן. די פּאַרטיזאַנער זענען מיט דער הסכמה פון דער אָטריאַד־קאָמאַנדשאַפט אַוועק זין דאָרף און עפּנטלעך געגעבן 25 שמיץ דעם דאָרף־עלטסטן, וואָרענענדיק אים, אַז אין פאַל פון איבערחזרן אַזעלכע דראָאונגען, וועט מען אים דערשיסן.

וועגן אַ פאַל פון פּאַרטיזאַנער שוץ פאַר אַ יידיש מיידעלע לייענען מיר אין „ספר זיכרון לקהילה לומז׳ה“. דאָרט דערציילט חיהלע פּרוזוועלעוויטש וועגן אירע איבערלעבונגען אַלס עלף־יעריק קינד אין די יאָרן פון דער דייטשער אָקופּאַציע.

מיטן אָנהייב פון דער רוסיש־דייטשער מלחמה אין 1941, איז זי מגולגל געוואָרן פון לאָמזשע אין דאָרף קאָמיישע (ביי סטופּיעץ). זי האָט געאַרבעט אַלס פּאַסטוכיז ביי אַ פּויער פאַרן שטיקל ברויט און געלעגער, אַ גלח פון שכנישן דאָרף, ראָזשאַנקע, האָט אָנגעהויבן אויסאיבן אויף איר אַ דרוק, אַז זי זאָל אָננעמען דעם פּראַוואָסלאַווען גלויבן. די עלף־יעריקע חיהלע, וואָס האָט געשטאַמט פון אַ שטרענג־אָרטאָדאָקסישער הויז האָט זיך קעגנגעשטעלט און נישט געזען קיין אַנדער ברירה, ווי צו אַנטלויפן אין אַן אַנדער דאָרף. אָבער אומעטום האָט מען אין איר דערקענט אַ יידישע און מורא געהאַט צו האַלטן איר. אָט וואָס עס דערציילט חיהלע וועגן דער הילף, וואָס איז איר דערמיילט געוואָרן דורך יידישע פּאַרטיזאַנער און ווי זי האָט אַדאַנק זיי אַדורכגעלעבט די מלחמה:

„צו מיין גליק איז מיר געקומען אַ ישועה פון די יידישע און רוסישע פּאַרטיזאַנער. זיי האָבן געוואָרנט די פּויערים, מיינע אונטער־דיקער, אַז אויב עס וועט אַראָפּפאַלן אַ האָר פון מיין קאָפּ וועלן זיי זיך מיט זיי אָפּרעכענען. וועלן אָנשיקן אויף זיי דעם „רויטן האָן“ און חרוב מאַכן זייערעווירטשאַפטן.

„איינמאָל זענען געקומען אין הויז פון פּייער קאַנוואַט, וווּ איך האָב זיך איינגעהאַלטן, פּייערים פון דאָרף יאַנושקי און האָבן מיר מיט געוואַלד אַוועקגעפירט אין קלויסטער, כלומרשט כדי אויסצובאַהאַלטן מיר דאָרט פון די דייטשן. איינדערמאַמתן האָבן זיי, קעגן מיין ווילן, געוואָלט מיר אָפּשמדן. מיינע אַ חברטע, חנה כאָמגאַטאָוויטש, וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטן ביי אַ פּייער אין דאָרף קאָמענייש, האָט וועגן דעם צוויסן געגעבן די פּאַרטיזאַנער. דער זעלבן אָוונט זענען צום פּייער קאַנוואַט געקומען אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער פון אָטריאַד „נ. ק. נ.“, אונטער דער אָנפירונג פון

דעם יידן, מעסטילאָוויטש, און געפאָדערט אַרויסצוגעבן זיי די יידישע מיידעלע. לכתחילה האָט ער געלייקנט, אַז עס איז דאָ ביי אים אַ יידיש קינד. לויט זיינע רייד בין איך אַ קריסטלעך קינד, מיטן נאָמען אַנאַ שימאַנסקאַ. ערשט ווען די פּאַרטיזאַנער האָבן צוגעשטעלט צו זיין האַרצן אַ ביקס, האָט ער מודה געווען, אַז איך בין אַ יידישע. צומאָרגנס זענען זיי געקומען און מיר מיטגענומען מיט זיך. איך בין געווען אונטער זייער שוץ ביז דער באַפרייאונג. (היינט צו טאָג אין ישראל).

(„ספר זיכרון לקהילה לומז׳ה, — ז״ז 92־93).

וועגן אַן ענלעכן פאַל פון ראַטעווען אַ יידיש קינד דורך יידישע פּאַרטיזאַנער, דערציילט שמואל באָרענשטיין פון בולאַקס אָטריאַד אין זיין בוך:

„...אַדורכגייענדיק אַ דאָרף ביינאַכט, האָבן מיר דערהערט אַ קינדערישע שטימע:

— „פּאַרטיזאַנער, וואַרט!

„פאַר אונדז איז געשטאַנען אַ באָרוועסער און כמעט נאַקעטער צען־יעריקער יינגל. אַ האַרבסטיקער קאַלטער רעגן האָט אומאויפהערלעך געגאָסן און דאָס יינגל האָט זיך געטרייסלט פון קעלט.

— „וואָס ווילסטו, יינגעלע? — האָב איך געפרעגט.

— „איך וויל גיין מיט אייך. — האָט ער געענטפערט.

„מיר זענען אַריין אין אַ פּויערישער הויז. דאָס יינגעלע האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעקוקט צו אונדז.

— „איר זענט יידן? — האָט ער געפרעגט, — איך בין אויך אַ ייד.

„זיינע ווערטער האָבן אונדז אויפגעטרייסלט. ערשט איצט ביים אָפּשיין פון נאַפט־לעמפל האָבן מיר דערקענט, אַז עס איז אַ יידיש יינגל. דוד איז געווען דער נאָמען פון יינגל. ער איז פון שטעטל מאָלטשאַדז. על פי נס איז אים געלונגען צו אַנטלויפן פון דער שחיטה אין אַ דאָרף. ער פלעגט פּאַשען די קי און דערפאַר באַקומען אָפּעסן. צוליב מורא פאַר די דייטשן האָבן אים די פויערים אַרויסגעטריבן. ער האָט אָנגעהויבן צו וואַנדערן פון דאָרף צו דאָרף און בעטלען איבער די הייזער. אין די נעכט פלעגט ער אָפּוואַרטן פּאַרטיזאַנער, וועגן וועמענס עקזיסטענץ ער האָט געהערט אין די דערפער. אים איז גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז עס לעבן אַ חוץ אים נאָך יידן...

„אונדזער חבר, באָגדוש, וואָס האָט געשוויגן די גאַנצע צייט, איז פלוצלינג אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צום בעט, אונטער וועלכן עס זענען געשטאַנען עטלעכע פאָר קינדערישע שיכעלעך. ער האָט גענומען אַ פּאָר שיכעלעך און אָנגעטאָן זיי אויף דודס באָרוועסע פיסלעך. דער

פייער און די פויערטע האָבן אָנגעהויבן צו וויינען און בעטן: — וואָס וועט אָנטאָן אונדזער קינד? באַגדוש האָט מיט קיין איין וואָרט נישט געענטפערט און בלויז אַ וואַרף געטון אַ צאָרנדיקן בליק אויפן פייער.

„פאָרנדיק צוריק מיטן איינגעוויקלטן יינגל דוד אין מיין וואָרעמען פעלץ, האָב איך געזאָגט צו מיין חבר:

— „ווייסט, בערעק, מיר האָבן נישט מצליח געווען אַראָפּצולאָזן אַ באַן פון די רעלסן, האָבן מיר דערפאַר מצליח געווען צו ראַטעווען אַ יידיש קינד".

(„פלגת הד"ר אַטלס", — ז"ז 112־110).

אויך הערש סמאָליאַר דערציילט וועגן דער טעטיקייט פון 5טן אָטריאַד א"נ „קוטוזאָוו" (פּאָפּולער אויפן נאָמען „לאַפּידוסעס אָטריאַד", אויפן נאָמען פון איר אָרגאַניזאַטאָר), ווו עס האָבן דאָמינירט מינסקער יידן, ביים ראַטעווען יידישע קינדער:

„מען איז אַוועק קיין מינסק און מען האָט דאָרט יידישע קינדערלעך גענומען, אויפגעקליבן קינדערלעך אויף די וועגן (קינדער פון געטאָ פלעגן אַליין גיין זוכן לאַפּידוסן) און זיי אין די דערפער פון דער זאָנע, ווו עס האָט געקעמפט דער 5טער אָטריאַד, איינגעאָרדנט, זיי איינגעהיט ביזן העלן באַפרייאונגס־טאָג. אין איין דאָרף בלויז, פּאָרעטשע (פּוכאָוויטשער ראַיאָן), זענען אויף אַזאַ אופן איינגעהיט געוואָרן פערציק יידישע קינדער".

(„פון מינסקער געטאָ", — ז"ז 159־158).

ווי עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן, האָבן די יידישע פאַרטיזאַנער, נישט אָפּשטעלנדיק זיך פאַר קיין שום זאַך, אונטערגעשטיצט מיט שפּייז און מלבושים די פאַמיליע־אָטריאַדן.

די 52 יידישע פאַרטיזאַנער פון אָטריאַד „ספּאַרטאַק" האָבן אויסגעהאַלטן אַ פאַמיליע־לאַגער פון 85 פרויען, קינדער און זקנים. אויך דער אָטריאַד „קאַגאַנאָוויטש ל. מ." (מיאָר — דיסנער ראַיאָן), האָט אויסגעהאַלטן לעבן זיך מיט אַלעם נייטיקסטן פאַמיליע־גרופּעס אין די וועלדער פון יענער סביבה.

אליהו אַריעוויטש (ראַדון), איז געקומען אין נאַטשער פּושטשע דעם 10טן מאַי 1942. ער האָט גלייך אָרגאַניזירט אַ גרופּע, זי באַוואָפנט און באַוויזן, אַז מען קען לעבן אין וואַלד. ער האָט אָנגעהויבן מיט איינציקע און לסוף האָט זיין גרופּע געציילט ביז הונדערט מאַן. די גרופּע האָט טאַקע

שפּעטער געטראָגן זיין נאָמען און געהייסן „עלקעס גרופּע”. די קאָמאַנד־שאַפט פון אָטריאַד „לענינסקי קאָמסאָמאָל” האָט אים באַשטימט אַלס קאָמאַנדיר פון פאַמיליע־לאַגער און פאַרפליכטעט אים אויסצוהאַלטן, שיצן און זאָרגן פאַר די אומקאָמפּס־פעיִקע יידן. עלקע האָט זיין אויפגאַבע אויס־געפירט בשלימות. ווי נאָר ער פלעגט זיך דערוויסן, אַז אין פושטשע זענען אָנגעקומען יידן פון געטאָ, פלעגט ער אַרויספאָרן זיי באַגעגענען, פאַר־לייכטערן זייער וועג און ברענגען זיי אין לאַגער. ער האָט זיך באַמיט, אַז די אומגליקלעכע יידן זאָל פון גאָרנישט פעלן. זייערע שפּייז־פאַרזאָר־גונגען פלעגט ער מאַכן אויף דער אייגענער האַנט מיט געווער — אַ זאַך וואָס האָט אַרויסגערופן אַ קעגנערשאַפט ביי די פאַרטיזאַנער און לסוף געבראַכט צו זיין פריצייטיקן טויט.

יעקב כאַגעדאָווסקי (גראָדנע), אַליין אַ קעמפּער־ישער פאַרטיזאַן אין אַ רוסישן אָטריאַד פון נאַטשער פושטשע, פלעגט זיך פרייוויליק מעלדן און בעטן דעם אָטריאַד־קאָמאַנדיר צו דערלויבן אים באַזאָרגן די פאַמיליע־לאַגערן מיט פּראָדוקטן דורך אַדורכפירן פאַר זיי ווירטשאַפטלעכע אויפ־גאַבעס.

דער „פּאָליטרוק” פון אָטריאַד „לענינסקי קאָמסאָמאָל”, דער סאָוועטישער ייד, איליאַ גרייס, האָט געטון אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געקענט, צו שטיצן די פאַמיליע־גרופּעס, אויסבאַהאַלטענע אין נאַטשער פושטשע. ער פלעגט זיי אָפט באַזוכן, דערציילן די לעצטע נייס פון די פראָנטן לויט די ראַדיאָ־קאָמוניקאַטן, מוטיקן און טרייסטן זיי, אַז גאָר אינגיכן וועט קומען דער טאָג פון נצחון און באַפרייאונג.

פיל יידישע פאַרטיזאַנער האָבן באַצאָלט מיט זייערע יונגע לעבנס בעת אַדורכפירן שפּייז־פאַרגרייטונגס־אָפּעראַציעס פאַר פאַמיליע־גרופּעס אָדער בעתן באַשיצן די לאַגערס פון אָנפאַלן פון דייטשן און זייערע באַ־העלפערס.

סאַשע סטאָקליצקי (ווילנע), פאַרטיזאַן פון „זשוקאָוו”־אָטריאַד, איז שווער פאַרוואונדעט געוואָרן אין דאָרף מושקי (קלעצקער געגנט), בעתן דורכפירן אַ ווירטשאַפטס־אויפגאַבע פאַר די אומבאַוואָפנטע יידן.

אָשר מאַנקאָווסקי (דאָמבראָוויץ), פון „וואָראָשילאָוו”־אָטריאַד האָט פיל מיטגעהאָלפן דעם שכנותדיקן פאַמיליע־לאַגער, וואָס האָט געציילט בערך

250 פערזאָן, מיט שפּייז און קליידער. ווען ער איז געפאַלן, האָט דער הילפסלאָזער לאַגער געטרויערט נאָך אים, ווי נאָך אַ פאָטער.

דער פאַרטיזאַן פון 4טן אָטריאַד (בריגאַדע „ספּאַרטאַק"), העניאַך קאַגאַן (סטאָיאַציאָק) איז געשיקט געוואָרן מיט נאָך דריי פאַרטיזאַנער אויף אַ לויערונג ביי אַ בריק איבערן טייך דיסענקע (לעבן דאָרף אוסטיע, ווידזער ראַיאָן), בכדי אָפּצוהאַלטן די דייטשן, וועלכע האָבן געגרייט אַן איבערפאַל.

פון איבערפאַל פון שונא וואָלט אין דער ערשטער ריי געליטן דער יידישער פאַמיליע־לאַגער. די פיר פאַרטיזאַנער האָבן עס געדאַרפט פאַר־האַלטן דעם שונא, ביז דער אָטריאַד וועט קומען אויפן קאַמפּס־פּלאַץ. די דייטשן האָבן אויף זיי געעפנט אַזאַ שטאַרקן פייער, אַז די פאַרטיזאַנער האָבן זיך געוואָרפן אין טייך און גליקלעך אָפּגעשווומען פון קאַמפּס־פּלאַץ. העניאַך, זייענדיק פאַרוווּנדעט אין דריי ערטער, האָט די פּאָזיציע נישט פאַרלאָזט און אָנגעהאַלטן דאָס פייער. ווען דער שונא האָט אים אינגאַנצן אַרומגערינגלט און שווער אויסגעשטרעקט די האַנט נאָך אים, האָט ער זיך אייפגעריסן מיט אַ גראַנאַט.

דאָס אָפּהאַלטן דעם שונא אַ האַלבע שעה, ביז עס איז אונטערגעקומען דער אָטריאַד, וועלכער האָט פאַריאָגט די דייטשן, האָט געראַטעוועט דעם יידישן פאַמיליע־לאַגער פון פאַרניכטונג. העניאַך האָט דערפאַר באַצאָלט מיט זיין יונגן לעבן.

אַברהם טענצער (זאַבאַלאָטש, ראַדונער ראַיאָן), פון „לעניניסקי קאָמ־סאָמאָל", איז געפאַלן בעתן דורכפירן אַ ווירטשאַפטלעכע אויפגאַבע פאַר די פאַמיליע־גרופּעס אין נאַטשער פּושטשע. פאָרנדיק צוריק מיט זיינע פיר חברים אויף דריי פורן פאַרגרייטע פּראָדוקטן, האָט זיי באַגעגנט אַ גרופּע יידן פון פאַמיליע־לאַגער, וועלכע האָבן געבעטן דורכפירן אויך פאַר זיי אַ פּראָדוקטן־זאַמלונג ביי די פויערים, ווייל זיי אַליין האָבן נישט קיין געווער. די פינף יידישע פאַרטיזאַנער האָבן רחמנות געהאַט אויף די אומגליקלעכע יידן און איבערלאָזנדיק זייערע פורן מיט די פּראָדוקטן ביי באַקאַנטע פויערים, געלאָזט זיך ווידער אין דאָרף נאָך עסנוואַרג. אויפן וועג זאַבאַלאָטש־גוטענסקי האָבן זיי פּלוצלינג אָנגעטראָפן אויף דייטשן

וועלכע האָבן געעפנט אַ שטאַרקע שיסעריי אויף זיי און טענצער איז געפאַלן אַ קרבן.

גרשון יאַנקעלעוויטש (בראַסלאַוו, ווילנער קרייז), איז העלדיש אומ־געקומען ביים פּאַרטיידיקן אַ יידישע פאַמיליע־גרופּע אין נאַטשער פּושטשע, גייענדיק פון זיין לעצטער קאַמפּס־אויפגאַבע צו ברענגען 4.000 קוילן פון אַ פויער אין דאָרף פּריוואַזיע (ראַדונער געגנט), איז ער אַריין אין אַ יידישן פאַמיליע־לאַגער. ער מיט נאָך דריי יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן אויסגענוצט די פרייע צייט, אויף צו זאַמלען פאַר זיי פּראָדוקטן ביי די פויערים. אויף צו מאָרגנס, ווען אַלע זענען נאָך געשלאָפן, איז דער לאַגער באַפאַלן געוואָרן דורך באַוואָפנטע ליטווישע באַנדיטן פון די אַרומיקע דערפער. זעענדיק, אַז עס דראָט אַ געפאַר פאַר די אומבאַוואָפנטע יידן, האָט ער מיט די איבעריקע חברים געעפנט אַ פייער און דערמיט אָפּגע־האַלטן דעם פאַרויסמאַרש פון די מערדערס און געגעבן אַזוי אַרום אַ מעגלעכקייט אַלעמען צו אַנטלויפן. ווען ער האָט דער לעצטער זיך געוואָלט צוריקציִען, איז ער דערשאָסן געוואָרן.

בעתן ראַשיקן צוריקטריט פון די דייטשן פון וויטעבסק, האָבן זיי פאַרבלאָקירט די וועלדער, כדי צו זיכערן דעם ריקצוג פון זייער אָפּטרעטנ־דיקער אַרמיי. די 4טע ווייסרוסישע פּאַרטיזאַנער־בריגאַדע בראש פון לעאָ־ניד סאַזיקין, שלאָגט זיך אַדורך דורך דער בלאָקאַדע און ציט אָפּ אירע הויפּט־כוחות צו די קאַזאַנער וועלדער.

מאיר סאַווינסקי (פּאָלאָצק), „פּאַליטרוק״ פון דער א״ד בריגאַדע, האָט אָבער נישט געוואָלט איבערלאָזן אויף הפקר די שוצלאָזע יידן פון יידישן פאַמיליע־לאַגער און ער בלייבט דאָרט צו זוכן אַן אויסוועג ווי אַרויסצופירן זיי פון דער אַרומרינגלונג. די דייטשן באַשיסן זייער שטאַרק דאָס אָרט פון פאַמיליע־לאַגער. עס פאַלן פיל יידישע קרבנות און צווישן זיי אויך דער „פּאַליטרוק״ מאיר סאַווינסקי. ער איז באַערדיקט געוואָרן אין די מיסייער־בלאָטעס (מיארער ראַיאָן).

אויך משה האָפמאַן (מיאָר), האָט אָפּגעגעבן זיין יונג לעבן בכדי צו ראַטעווען יידן. אין דער פּאַרטיזאַנער־בריגאַדע פון קאָמאַנדיר סאַזיקין פירט ער אויס די פונקציע פון אַן אויסשפּירער. ער איז איינער פון די וויכטיקסטע נקמה־נעמער און דערשיסט עפנטלעך „פערעד סטראָיעם״ (פאַר

די רייען פון די אויסגעשטעלטע פאַרטיזאַנער) אַ געוויסן פויער זענוס, וועל־כער האָט איבערגעגעבן אַ גרופּע יידן אין דייטשע הענט.

ענדע פעברואַר 1944, האָט דער קאָמיסאַר פון 6טן אָטריאַד באַפוילן די דריי יידישע פאַרטיזאַנער, משה האָפמאַן, לייב בערזאַן (דיסנע) און יצחק אַראָן (מיאָר), זיי זאָלן אויספירן די דייטשע כוחות פון די מיאָרער גאַרניזאָנען און אָנבינדן אַ קאָנטאַקט מיט פּוילישע פּאַטריאָטן.

אויף צוריקוועגס צום אָטריאַד, אויפן שאָסיי דיסנע־מיאָר (לעבן דאָרף יאַקובאָווישטשיזנע), ווערן זיי פּלוצלינג אַרומגערינגלט פון אַן ערך 100 דייטשן און פּאָליציסטן. זיי באַפעלן די יידן זיך אונטערצוגעבן. אַלס ענטפער עפנט האָפמאַן אַ פייער פון זיין קאַראַבינקע און דערהרגעט עטלעכע דייטשן. זייענדיק דריי מאָל פאַרוואונדעט, דעקט ער מיט זיין קערפּער דעם צוריקטריט פון זיינע חברים, וועמען עס געלינגט זיך צו ראַטעווען. אַ קויל, וועלכע רייסט אים אַראָפּ דעם שאַרבן, מאַכט אַ סוף צו זיין העלדישן לעבן.

ביי דער קבורה האָט דער אָטריאַד־קאָמיסאַר קאַרפּאָוו צ״אַ געזאָגט: „עס איז געפאַלן איינער פון די העלדישסטע און דרייסטסטע פּאַרטיזאַנער פון אונדזער בריגאַדע״.

די יידישע ווירטשאַפטס־קאָמאַנדירן („סטאַרשינאַס״) אין די רוסישע אָטריאַדן לאָזן נישט דורך קיין געלעגנהייט צו באַזאָרגן מיט שפּייז די פאַרצווייפלטע און הונגעריקע ברידער פון די פאַמיליע־לאַגערן, הגם דאָס איז אין פיל ראַיאָנען געווען שטרענג פאַרבאָטן.

דער סטאַרשינאַ פון אָטריאַד „לאַזאָ״ (פּינסקער בריגאַדע), דער 27־יעריקער יידישער בחור, אַהרן קאַראָלינסקי האָט אויסגענוצט זיין פּאָפּו־לאַריטעט אַלס העלדישער פּאַרטיזאַן און האָט פיל געהאָלפן מיט פּראָדוקטן די צוויי פאַמיליע־לאַגערן פון פּאָלעסיער יידן, וועלכע האָבן זיך געפונען בשכנות פון א״ד אָטריאַד (ביי די דערפער וויטשיטש און דיפערענץ — פּאָלעסיע).

דער „סטאַרשינאַ״ פון דער 2טער ראָטע אין „זשוקאָוו״־אָטריאַד, עוזר מאַזע, (סטויפּץ), פלעגט אומקערנדיק זיך פון אַ געלונגענער „באָמביאַזשקע״ (ווירטשאַפטס־אָפּעראַציע), ספּעציעל דורכפאָרן דורך די פאַמיליע־לאַגערן און אונטערהאַלטן דעם בטחון, אַז „מיר וועלן זיי איבערלעבן!״

מיכל פיש (ניעסוויעזש), פאַרטרעטער פון אָטריאַד־קאָמאַנדיר א״נ

„זשוקאָוו", איז געווען ווי אַ פאָטער צו די ייִדן פון סוויערזשנער לאַגער. ווען פּאָסעסאָרסקי האָט געבראַכט די אַרויסגעראַטעוועטע ייִדן פון סוויערזש־נער לאַגער, האָט פּיש זיי פאַרזאָרגט מיט עסן, קליידונג און מעדיצינישער הילף. מען קען מיט זיכערקייט זאָגן, אַז אַדאַנק אים, זענען די אומבאַהאָל־פענע אומקאַמפּס־פעיִקע סוויערזשנער ייִדן געהאַלטן געוואָרן גאַנצע דריי מאָנאַטן אין אָטריאַד. נאָך דער גרויסער בלאָקאַדע אין האַנצעוויטשער ראַיאָן (מערץ 1943), ווען די קאָמאַנדשאַפט האָט אַרויסגעשיקט פון אָטריאַד העכער 50 ייִדן אין אַ פאַמיליע־לאַגער, איז פּיש געווען איינער פון די הויפּט־פאַראינטערעסירטע מיט זייער גורל און זיי מיט אַלעם אַרויס־געהאָלפן.

דער מירער פּאַרטיזאַן, אפרים גולקאָוויטש האָט בעת דער גרויסער בלאָקאַדע אין נאַליבאָקער פּושטשע (יולי 1943), געבראַכט צוויי בהמות פּאַר אַ פאַמיליע־לאַגער, וועמען עס האָט געדראָט אַ הונגער טויט. אין יענע אומשטענדן, ווען די פּושטשע איז געווען בלאָקירט פון אַלע זייטן מיט גרויסע כוחות פון שונא, איז עס געווען פאַרבונדן מיט לעבנס־געפאַר.

דוד מעקעל (ביעליצע), „סטאַרשינאַ" פון דער דריטער ייִדישער ראָטע פון אָרליאַנסקי־אָטריאַד, האָט ריזיקירנדיק מיט דעגראַדאַציע און שטראָף מצד דער אָטריאַד־קאָמאַנדשאַפט געגעבן הילף די ייִדישע פאַמיליע־לאַגערן אין נאַקרישקער וואַלד און ביעליצער פאַמיליע־גרופּע ביים דאָרף זאַטשע־פּיטשע. פיל פאַרגרייטע פּראָדוקטן פאַרן קאַמפּס־אָטריאַד פלעגן דורך אים איבערגעלאָזט ווערן פאַר די ייִדן פון די ציווילע לאַגערן.

ייִדישע פּאַרטיזאַנער פון אָטריאַד „אָקטיאַבר" און פון אָרליאַנסקי־אָטריאַד פלעגן פאַרנדיק אויף זייערע פאַרשיידנאַרטיקע אויפגאַבעס זיך אָפּשטעלן נעכטיקן ביי די ביעליצער פאַמיליע־גרופּעס, נעמען זיי מיט זיך אויף די „באָמביאָזשקעס", בכדי צו באַקומען פאַר זיי שפּייז.

דער ייִדישער „סטאַרשינאַ" פון רוסישן אָטריאַד „איסקראַ" (לידער ראַיאָן), פּוזאַרייסקי (וואָראָנאָווע), וועלכער איז געווען פּאָפּולער אונטערן נאָמען „טשאַפּאַיעוו", האָט באַזאָרגט מיט שפּייז די ייִדישע פרויען און קינדער, וועלכע לעבן אויף די כוטאָרעס אין יענעם ראַיאָן.

ראובן טורקיעניטש און בערל באָבראָוו (סיערניק), אָרגאַניזירן אַ גרופּע פון צען ייִדן און אַנטלויפן אין די וועלדער. זיי גייען צו די פּויערים

וועגן וועלכע עס זענען דאָ אינפאָרמאַציעס, אַז זיי באַזיצן געווער. זיי נעמען עס אָפּ מיט גוטן אָדער מיט בייזן און אַזוי אַרום באַוואָפּענען זיי אויך אַנדערע יידן. ביים אָנפאַל (ענדע 1942) אויף האָראָדנאָיע ביי סטאָלין (פּאָלעסיע), האָבן זיי פאַרטריבן צוועלף פּאָליציאַנטן פון דאָרטיקן גאַרניזאָן. די צוגעקומענע טראָפייען האָבן זיי צעטיילט צווישן די וואַנדערנדיקע, אומבאַוואָפנטע יידן אין די וועלדער.

יידישע פאַרטיזאַנער אין רוסישע אָטריאַדן באַווירקן די אָנפירונג אויפצונעמען יידן, וועלכע קומען אין די וועלדער פון די געטאָס. זיי דערלערנען די ניי־אָנגעקומענע די טעכניק פון באַגיין זיך מיט געווער און די פאַרטיזאַנישע קאַמפּס־טאַקטיק און סטראַטעגיע, כדי זיי צו מאַכן פאַר פולווערטיקע פאַרטיזאַנער. זיי זוכן אויס די קאַמפּס־פעיִקע יידן אין די פאַמיליע־לאַגערן און גרופּעס און באַמיען זיך זיי אַריינצונעמען אין די רוסישע אָטריאַדן. די יידישע פאַרטיזאַנער־גרופּע פון די וואָלינער שטעטלעך זאַפּיווקע און איגנאַטאַווקע, וואָס איז ביז נאָוועמבער 1942 געווען טעטיק אין די צומאַנער וועלדער און שפּעטער זיך אַריינגעגאָסן אין קאָוופּאַקס אָטריאַד, האָט נישט געקאַרגט קיין באַמיונגען אויפצונעמען וואָס מער יידן פון די וועלדער אין די פאַרטיזאַנער רייען.

פעברואַר 1943 און שפּעטער יוני 1943, בעתן מאַרש פון קאָוופּאַק צו די קאַרפּאַטן־בערג איז דער אָטריאַד אַדורך די צומאַנער וועלדער. מיט דער דערלויבעניש פון דער קאָמאַנדשאַפט זענען די יידישע פאַרטיזאַנער אַוועק אויפזוכן די בלאָנקענדיקע יידן אין די וועלדער. עס איז געלונגען דורך פּויערים צו באַקומען אַ קאָנטאַקט מיט זיי און ביי אָראָדישצי איז אַ גרעסערע גרופּע, ווידער לויט דער אינטערווענץ פון די יידישע פאַרטיזאַנער — אויפגענומען געוואָרן אין אָטריאַד.

נאָכן באַפרייען די יידן, בעתן אָנפאַל פון א״ד אָטריאַד אויף סקאָלאַט און אָרגאַניזירן די 7טע יידישע ראָטע, האָבן די יידישע פאַרטיזאַנער אינוועסטירט פיל אַרבעט ביים איבן און אויסשולן זיי אַלס אַ קאַמפּס־גרופּע. יוסף גאָלוב פון מיעדוויעדיעווס אָטריאַד (לידוויפּאָליער ראַיאָן), אָרגאַניזירט די בלאָנקענדיקע יידן אין די וואָלינער וועלדער, העלפט זיי באַקומען און קויפן געווער ביי פּויערים און שפּעטער גלידערט ער זיי איין אין די אָטריאַדן, וועלכע שטייען אין יענעם ראַיאָן.

**
*

אַ רומפּולן קאַפּיטל אין דער רעטונגס־אַרבעט פון די ייִדישע פּאַרטי־זאַנער בילדעט די מסירות־נפשדיקע, האַרציק־פּאַטערלעכע באַציִונג פון די ייִדישע קאָמאַנדירן און קאָמאַנדירנדיקן צוזאַמענשטעל צו זייערע סאָלדאַטן, ווי בכלל צו ייִדן.

הערש סמאָליאַר שילדערט אין דער דערציילונג „די דריטע בריק״ די איבערגעגעבנקייט פון קאָמאַנדיר פון אַ ייִדישן פאַמיליע־אָטריאַד (וואַר־שיינלעך רעדט זיך דאָ וועגן ש. זאָרין, קאָמאַנדיר פין אָטריאַד נומער 106). דער קאָמאַנדיר זוכט אַן אויסוועג ווי צו ראַטעווען זיינע מענטשן, בעת דער גרויסער דייטשער בלאָקאַדע אין נאַליבאָקער פּושטשע. עס איז נישט פּשוט זיך אַדורכצורייסן דורך דער ענגער דייטשער רינג מיט זקנים, פרויען און קינדער. דער קאָמאַנדיר זעט נישט קיין אַנדער אויסוועג, ווי צו פאַרבאַהאַלטן זיך אין בלאָטיקע וואַלד־געדיכטענישן, ביז די בלאָקאַדע וועט פאַראיבערגיין.

בענציע, אַ ייִד, וואָס קען גוט די פּושטשע, עצהט צו פירן די מענטשן צום טייוול־אינדזל, אַ בלאָטיקער שטח פאַרוואַקסן מיט קוסטעס. אָבער בכדי אָנצוקומען אַהין מוז מען אַדורכשווימען אַ טייך און דער וועג־ווייזער, בענציע, גלייבט נישט, אַז אַלע וועלן קענען אָנקומען צום אינדזל:

— נאַטשאַלניק, אַלע וועלן זיך נישט קענען ראַטעווען — דאַרף מען זיך העלפן, ווער עס קאָן... ווער עס וויל זאָל זיך פּרווון.

דער קאָמאַנדיר האָט רעאַגירט נעגאַטיוו אויף דעם פאָרשלאָג:

— די דאָזיקע חכמה האָב איך שוין געהערט, נאָך פאַר דער אָבלאַווע. „ראַטעוועט זיך ווער עס קען!״ מיר זענען נישט קיין היטלעריסטן. מיר פאַרמשפּטן נישט אויף אומצוקומען ווייבער, קינדער, אַלטע, קראַנקע.

סמאָליאַר שילדערט ווי אַזוי מען האָט געמאַכט אַ בריק פון די ייִנגערע און געזונטערע, כדי אַריבערצופירן די אַלטע און שוואַכע דורכן טייך צו דער באַהעלטעניש, צום טייוול־אינדזל.

„...די בריק האָט מען זיך געגומען בויען אַזוי: פון אַלע טיילן זענען אַרויסגעצויגן געוואָרן די גוטע שווימער, די ייִנגערע און קרעפטיקערע און אויך די סאַמע געוויקסיקע.

„די הויך־געוויקסיקע זענען געקראָכן אין וואַסער, ווי וויט טיף זיי האָבן נאָר געקענט. דער איבעריקער עולם, ווער נאָר ס'איז בכוח געווען, האָט זיך געלאָזט זוכן לאַנגע דרענגער. נעגטער ביים ברעג זענען געבליבן די שוואַכסטע, ווייטער זענען געשווומען די קרעפטיקערע. און אַזוי האָט מען זיך אויסגעצויגן אין איין ריי, אַראָפּלאָזנדיק צום גרונט אין די טיפסטע ערטער די דרענגער. און, אַז עס איז געקומען דער לעצטער באַפעל, האָט איין שווימער אָנגעכאַפּט דעם צווייטן ביים פוס, און אין דער גאַנצער ברייט פון טייך האָט זיך אויסגעלייגט אַ בריק פון לעבעדיקע מענטשלעכע קערפּערס. מיט דרענגער אין די הענט, אויף צו באַלאַנסירן און אין נויט־פאַל אין וואַסער אַראָפּצילאָזן, כדי זיך אָנצושפּאַרן, האָבן אָנגעהויבן דורכגיין די בריק פרויען און קינדער..."

(„יידן אָן געלע לאַטעס", — ז"ז 135־133).

יהושע יפה שרייבט אין זיין בוך „פּרטיזנים" וועגן קאָמאַנדיר טוביה ביעלסקי:

„...געקומען צו אונדז דער קאָמאַנדיר צוזאַמען מיט זיינע באַגלייטער. מיט זיין אָנקומען האָבן מיר זיך געפילט שטאַרקער און זיכערער. וואָס פאַר אַ גוואַלטיקן צוטרוי מיר האָבן געפילט צו דעם מענטשן! מיר האָבן געגלויבט, אַז ער וועט אונדז אַרויסראַטעווען פון אַלע צרות. מיט אַ זעלבסטזיכערקייט און אין אַ פלאַמיקן טאָן פלעגט ער מיט אונדז ריידן. ער פלעגט זאָגן: „דער עיקר ראַטעווען וואָס מער יידן!" ער פלעגט זיך אינטערעסירן מיט יעדן איינעם און אויספרעגן, צי איז ער הונגעריק, אָנגעטאָן ווי געהעריק און ווי ער פילט זיך..."

(דאָרט, — ז' 49).

אַברהם ווינער, איינער פון די שטאַב־סעקרעטאַרן פון ביעלסקיס אָטריאַד דערציילט:

„אין מיין אָנוועזנהייט איז איינמאָל צוגעגאַנגען דער לונגען־קראַנקער, מאַניש פשעפּיורקע צום קאָמאַנדיר טוביה ביעלסקי און אָנווייזנדיק מיט אַ יאוש־בליק אויפן רעוואָלווער אין ביעלסקיס טאַבור, געזאָגט: „גיב מיר אויף אייניקע מינוט דעם רעוואָלווער". אין ביעלסקיס אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן, ער האָט אַ גלעט געטון מאַנישן און געזאָגט: „איך וועל דיר נישט פאַרלאָזן, פּונקט ווי איך וועל נישט פאַרלאָזן יעדן אַנדערן פון אונדז. מירן גיין אַלע צוזאַמען, אָדער מיר וועלן זיך אַלע ראַטעווען, אָדער מיר וועלן אַלע פאַלן".

(„יהודי יער", — ז' 162).

אויך יוסף רייך דערציילט פיל וועגן דעם כּסדרדיקן קאַמף פון קאָמאַנדיר פון יידישן „זשוקאָוו"־אָטריאַד, קעגן די אַנטיסעמיטישע פּלענער צו אַרויסשיקן קאַמפּס־פעיִקע אין פאַמיליע־לאַגערן און שפּעטער קעגן דער טענדענץ אָפּצונעמען ביים אָטריאַד זיין יידישן כאַראַקטער און אַראָפּנעמען די טיילוויזע יידישע קאָמאַנדשאַפט. ער האָט נישט נאָר באַוואָפנט אומ־אויפהערלעך אויך פאַרשיידענע וועגן דעם אָטריאַד און אַזוי אַרום פאַר־גרעסערט זיין אויפנאַמס־פעיִקייט פאַר פריש־צוגעקומענע יידן, נאָר אויך איניצירט און דערמוטיקט די פּלענער וועגן אַרויסראַטעווען יידן פון די שכנותדיקע געטאָס, און אַרבעטס־לאַגערן.

דער „זשוקאָוו"־אָטריאַד האָט בעת זיין גרינדונג געהאַט אויף זעכציק מאַן בלויז פיר ביקסן און צען גראַנאַטן, געקויפטע אין שטעטל קלעצק פאַר גאָלד. זיי זוכן אויס נייע קוועלעס צו באַוואָפענען זייערע מענטשן און דערמעגלעכן אויפצונעמען ניי־אָנגעקומענע יידן. דער קאָמאַנדיר גילמשיק קען גוט די געגנט און ווייסט, אַז ווען די דייטשן זענען אַריין אין שטעטל קאַפּוליע, האָבן זיי דערשאָסן פיל רוסישע געפאַנגענע און באַגראָבן זיי צוזאַמען מיטן געווער, ביים שאָסיי בריסק־מאָסקווע, לעבן דעם שטעטעלע סטאַריצע. ער גייט אַהין אַוועק מיט אַ גרופּע, גראָבט אויס פון מאַסן־קבר דאָס פאַרזשאַווערטע געווער און שטעלט צוזאַמען 33 ביקסן, פיר קוילנוואַרפערס און עטלעכע טויזנט קוילן. דער אָטריאַד אָרגאַניזירט אָנפאַלן אויף פּאָליציייִשע פאַמיליעס, קאָנפיסקירט זייער פאַרמעגן און קויפט געווער ביי באַקאַנטע פּויערים. אַכט יידן פון זעלביקן אָטריאַד, וועלכע האָבן פאַר דעם אָנקום אין פאַרטיזאַנקע געאַרבעט אין סטויפּצער „בויטן־לאַגער", און האָבן געקענט גוט דעם פּלאַן פון דער געביידע און אַלע דורכגענג, גייען אַוועק אויף אַן אויפגאַבע אין סטויפּץ, גנבענען זיך אַריין אויפן בוידעם און טראָגן אַרויס צוועלף ביקסן און 200 קוילן. דאָס האָט דערמעגלעכט אויפצונעמען נאָך קאַמפּס־פעיִקע יידן אין אָטריאַד.

אויך ביעלסקי און זאָרין האָבן אַלץ געטון, בכדי צו פאַרגרעסערן דעם געווער־באַזיץ פון זייערע אָטריאַדן. צוויי יידישע פאַרטיזאַנער פון רוסישן „סטאַלין"־אָטריאַד, וועלכע זענען אַריבער צו ביעלסקין, האָבן אויפגעגעבן, אַז זיי וויסן אַן אָרט, וווּ עס איז באַגראָבן געווער, וואָס עס איז באַהאַלטן געוואָרן דורך דעם א"ד אָטריאַד בעת דער גרויסער אָבלאַווע. ביעלסקי

איז אַוועק מיט אַ גרופּע פון צוואַנציק מאַן אין דער אומגעגנט פון מינסק אויסצוזוכן דאָס געווער. עס האָט זיך זיי איינגעגעבן צו אַנטדעקן דאָס אָרט מיט דער הילף פון די אַרומיקע פּויערים און געפונען דאָרט אַ קוילנוואַר־פער, 20 ביקסן, אַ זעקל קוילן און אַ געוויסע צאָל גראַנאַטן.

עס איז כדאי צוצוגעבן, אַז פונקט דאַן איז דורך דעם באַפולמעכטיקטן פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג איבער דער ליפּיטשאַנער פּושטשע, סטע־

אַ ראָטע יידישע פּאַרטיזאַנער, גייענדיק אויף אַ קאַמפּס־אָפּעראַציע (אַנטאָפּאָליער ראַיאָן, פּאָלעסיע)
(ארכיוו פון „בית לוחמי הגיטאות ע״ש י. קצנלסון״, ישראל)

פאַן פּיעטראָוויטש (פּסעוודאָנים „שופּיעני״), אָפּגענומען געוואָרן דאָס געווער פון דער ליפּיטשאַנער גרופּע, וועלכע איז אַלס פּראָטעסט קעגן דעם שטאַרקן אַנטיסעמיטיזם אַנטלאָפן פון „אָרליאַנסקי״־אָטריאַד צו ביעלסקין און עס איז געווען דרינגלעך נייטיק זיי באַלד צו באַוואָפענען.

**
*

יידן אין די וועלדער האָבן באַשיצט איינער דעם צווייטן, פּראָטעסטירט קעגן אַנטיסעמיטישע האַנדלונגען און קעגן פאַראורטיילן, וועלכע זענען פאַרשפּרייט געוואָרן דורך אַנטיסעמיטישע פּאַרטיזאַנער, און באַשיצט דעם יידישן כבוד.

בלייבנדיק געציילטע נאָך די אַלע שוידערלעכע איבערלעבענישן, האָבן יידן אין די וועלדער זיך געפילט, ווי איין משפּחה. יידישע פּאַרטיזאַנער פון רוסישע אָטריאַדן פלעגן, גייענדיק אויף קאַמפּס־אויפגאַבעס אין אַנדערע געגנטן אָנלייגן איבעריקע צענדליקער קילאָמעטער וועג, בכדי זיך צו טרעפן מיט יידישע פּאַרטיזאַנער פון אַנדערע אָטריאַדן און ראַיאָנען, כדי זיך דורכשמועסן מיט זיי. פאַרנדיק אויף קאַמפּס־אויפגאַבעס, פלעגט מען אויסקאָמבינירן איבערצונעכטיקן אין די יידישע פאַמיליע־לאַגערן, בכדי האָבן די מעגלעכקייט צו זיין כאָטש אויף אַ ווײַלע אין אַ היימישער יידישער סביבה. נאָך אַזאַ יידישער סביבה האָט מען זייער שטאַרק געבענקט. דאָס חברן זיך פון יידישע פּאַרטיזאַנער אין די רוסישע אָטריאַדן אין גרעסטן טייל צווישן זיך, דאָס ריידן צווישן זיך יידיש, דאָס אונטערשטיצן די פאַמיליע־לאַגערן, די העפטיקע אַרויסטריטן פון די יידן קעגן יעדן פּרוּוו פון פאַרמאַסקירטן אָדער אָפענעם אַנטיסעמיטיזם, פאַראורטיילן און פאַרלוימדונגען, דאָס נעמען אין שוץ און פאַרטיידיקן די אומבאַוואָפנטע יידן — האָט ביי אַ טייל רוסישע פּאַרטיזאַנער אַרויסגערופן אַ שאַרפע קעגנערשאַפט. נישט זעלטן האָט מען צוליב דעם באַשולדיקט די יידן אין שאָוויניזם און ענגהאַרציקן נאַציאָנאַליזם. מען פלעגט פאָרוואַרפן, אַז די יידן שטעלן זייערע אינטערעסן העכער איבער דער אַלגעמיינער זאַך פון קאַמף מיטן אָקופּאַנט, אַז אַ ייד וועט אַלעמאָל פאַרטיידיקן יידן, אומאָפּהענגיק, צי זיי זענען געוועזן אָדער נישט. געוועזן אָטריאַדן וואָס האָבן פאַרבאָטן צו ריידן יידיש. די אָפיציעלע מאָטיווירונג איז געווען, אַז די ענלעכקייט פון דער יידישער שפּראַך צו דער דייטשער, קען ברענגען צו מיספאַרשטענדענישן, וועלכע קענען זיך ענדיקן מיט אומזיסטע קרבנות. אין אַ טייל אָטריאַדן האָט מען אויך געקוקט קרום אויפן אָפּטן באַזוכן פון יידישע פּאַרטיזאַנער אין די פאַמיליע־לאַגערן. די קאָמאַנדשאַפט האָט געוווּסט וועגן דער הילף

פֿאַר די פֿאַמיליע־לאַגערן מצד די ייִדישע פּאַרטיזאַנער און דערפֿאַר עס שפּעטער פֿאַרבאָטן אָן אַ ספּעציעלער דערלויבעניש.

די ייִדישע פּאַרטיזאַנער פֿון רוסישן אָטריאַד „איסקראַ" האָבן שאַרף פּראָטעסטירט ביי דער קאָמאַנדשאַפֿט קעגן דעם ראָטע־קאָמאַנדיר דיאָזשי־שיקין, וועלכער איז געווען אַ באַוווסטזיניקער, איבערצייגטער אַנטיסעמיט און כסדר געפֿירט אַנטיסעמיטישע שמועסן. לסוף איז געלייענט געוואָרן אַ באַפֿעל וועגן דעגראַדירן אים צו אַ געוויינלעכן פּאַרטיזאַנער־סאָלדאַט.

די ייִדישע פּאַרטיזאַנער פֿון אָטריאַד „סוואָראָוו": דער שרייבער פֿון די שורות, ה. צוקערמאַן און י. קרימעלאָווסקי, האָבן געפֿירט אַ קאַמף קעגן דעם אַנטיסעמיטישן אָטריאַד־קאָמאַנדיר, קראַיניק. באַזונדערס האָט זיך אין דאָזיקן קאַמף אויסגעצייכנט ירחמיאל קרימעלאָווסקי (וואַרשע), וועלכער האָט געהאַט דעם מוט, אַלע מאָל צו זאָגן דעם אמת אין די אויגן אַריין. ער איז דערפֿאַר אַראָפּגענומען געוואָרן פֿון אָטריאַד־סטאַרשינאַ און אַריבערגעפֿירט געוואָרן אַלס געוויינלעכער סאָלדאַט אין אָטריאַד „ניעווסקי".

ברוך לעווין און קאָוועצקי זענען געווען די, וועלכע האָבן געוואַגט צוזאָגן דעם אמת דער קאָמאַנדשאַפֿט, זייער אויסצייכענען זיך אין פּאַרטיזאַנקע האָט זיי געגעבן די מעגלעכקייט העפֿטיק אויפֿצוטרעטן אין אַלע פֿאַלן, ווען מען האָט געדאַרפֿט רעאַגירן אויף אַנטי־ייִדישע פֿאַרמאַסקירטע אַרויסטרעטונגען. אַזוי פֿירן זיי אַ קאַמף קעגן דעם אַרויסגעגעבענעם טויט־אורטייל אויף לעווינס אַ קוזין, צוליב איינשלאָפֿן אויף דער וואַך.

מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז אַלס פּראָטעסט קעגן פֿאַרשטאַרקטן אַנטיסעמיטיזם אין אָרליאַנסקי־אָטריאַד איז אַ ייִדישע גרופּע פֿון 22 מאַן צוזאַמען מיט זייער געווער אַריבער פֿון דעם א"ד אָטריאַד צו ביעלסקין, צוליבן פֿאַרשטאַרקן זיך פֿון אַנטיסעמיטיזם אין קרוקס אָטריאַד איז איינער פֿון די ערשטע אָרגאַניזאַטאָרן פֿון דעם א"ד אָטריאַד, ווזוואָד־קאָמאַנדיר בערל לאָרבער, אַוועק פֿון אָטריאַד אַלס צייכן פֿון פּראָטעסט קעגן דעם, וואָס קרוק האָט זיך די לעצטע צייט אונטערגעגעבן דער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע.

די העלדישע זשעניע אייכנבוים, צוזאַמען מיט אייניקע פּאַרטיזאַנער פֿון דער 51טער ייִדישער גרופּע ביים אָטריאַד „שטשאָרס", האָט זיך געטראָפֿן אין דאָרף קאָזשעלעווע (קאַרטוז־בערעזער געגנט) מיט אַנטיסעמי־

טישע פּאַרטיזאַנער פון אָטריאַד „קאָלאָפּאַיעוואַ“, וועלכע האָבן פּראָוואָצירט אַן אַנטיסעמיטישן שמועס און איינער פון זיי האָט אַ זאָג געטון „די דייטשן האָבן נאָך אייך ווייניק אויסגעהרגעט!“ זשעניע האָט גלייך אַרויסגעכאַפּט דעם פּיסטאָלעט און אויסגעשריגן „אַזעלכע ווי דו, וועל איך שיסן, ווי אַ הונט!“ די יידישע חברים האָבן זי קוים באַרויקט און אַרויסגעריסן ביי איר דעם רעוואָלווער.

יידן פלעגן שאַרף רעאַגירן, ווען מען האָט אומגערעכט פאַרמשפּט זייערס אַ חבר. די פּאַרטיזאַנער פון „לענינסקי קאָמסאָמאָל“ (נאַטשער פּושטשע) האָבן אויסגענוצט דעם מאָמענט, ווען דער בריגאַדע־קאָמאַנדיר, סטאַנקיעוויטש, אַ באַקאַנטער יידן־פריינט, איז אַוועק מיט אַ גרעסערער גרופּע יידישע פּאַרטיזאַנער אויף מזרח אין נאַליבאָקער פּושטשע צו באַקומען געווער און „טאָל“, בכדי פּטור צו ווערן פון קאָמענדאַנט פון אַ יידישער פאַמיליע־גרופּע, אליהו אַריעוויטש. זיי מאַכן אַ געריכט און פאַרמשפּטן אים צום טויט פאַר מכלומרשטן רויבן די פויערים. ווען זיי האָבן געוואָלט אויספירן דעם טויט־אורטייל, האָבן זיך די יידישע פּאַרטיזאַנער געשטעלט קעגן און געדראָט מיט אַ קאַמף, פאָדערנדיק אָפּצוּוואַרטן ביז דעם צוריקקער פון קאָמאַנדיר סטאַנקיעוויטש. צוליב זייער עקשנותדיקער שטעלונג, איז דער טויט־אורטייל דאַן נישט אויסגעפירט געוואָרן (דער טויט־אורטייל איז אויסגעפירט געוואָרן שפּעטער ביי אַנדערע אומשטענדן).

דעצעמבער 1942, האָט דער אָטריאַד „שטשאָרס“ זיך באַזירט לעבן דעם טייך לאַן, (אומגעגנט פון דעם שטעטל לעניִן, פּאָלעסיע). די אויסשפּיר־אָפּטיילונג („ראַזוויעדקאַ“), צו וועלכער עס האָט אויך געהערט דער באַראַנאָוויטשער בחור, בערקאָוויטש, האָט דערשאָסן אַ פויער פון דאָרף כאָראָסטאָוו אַלס דייטשער שפּיאָן אויפן סמך פון אַ מסירה פון אַ שכן. צופעליק איז דער דערשאָסענער פויער געווען אַ קרוב פון קאָמאַנדיר פון דער פּינסקער פּאַרטיזאַנער־פאַראייניקונג, קאָמאַראָוו, וואָס איז אַליין געווען אַ אָפּשטאַמיקער פון דאָרף כאָראָסטאָוו.

נאָך אַן אויספאָרשונג האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער פויער, וואָס האָט געמסרט איז אַליין געווען אַ קאָלאַבאָראַנט און לויט קאָמאַראָווס באַפעל איז ער באַלד דערשאָסן געוואָרן. דער קאָמאַנדיר פון דער אויסשפּיר־אָפּטיילונג, אַ רוס און דער ייד, בערקאָוויטש, וואָס האָבן אויסגעפירט

פערזענלעך דעם טויט־אורטייל איבערן פויער (קאָמאַראָווס קרוב), זענען פאַרמשפּט געוואָרן צו דריי טעג שווערע אַרבעט. צומאָרגנס נאָך זייער אַרעסט איז אומדערוואַרטעט אָנגעקומען אויפן באַזיס פון אָטריאַד „שטשאָרס" דער קאָמאַנדיר פון דער פּינסקער פּאַראייניקונג, קאָמאַראָוו, און אייגנ־הענטיק דערשאָסן בערקאָוויטשן.

לאָרבער בערל (מאַלינקע)

וזוואָד־קאָמאַנדיר פון אָטריאַד „קרוק"

אויסגעצייכנטער באַאָרדנטער

פּאַרטיזאַן

די נייס האָט זיך באַלד צעטראָגן צווישן די יידישע פּאַרטיזאַנער פון דער 51טער יידישער גרופּע און אַרויסגערופן אַ גוואַלטיקע אויפרעגונג. אַלע יידן זענען אַרויס מיט געווער פון די ערד־שטיבלעך און מיט אויסרופן און געשרייען געבראַכט צום אויסדרוק זייער פּראָטעסט קעגן דעם אָפּגעטאָנענעם פאַרברעכן און ראַסן־דיסקרימינאַציע לגבי דעם יידישן פּאַרטיזאַן, וואָס איז דערמאָרדעט געוואָרן אַפילו אָן אַן אינסצעניזירטע אויספאָרשונג. דער אָטריאַד־קאָמאַנדיר פון „שטשאָרס" האָט זיך דערשראָקן פאַר די מעגלעכע פאָלגן און פאַר קאָמאַראָווס לעבן און ער האָט דאָס ערד־שטיבל, אין וועלכן

ער האָט זיך אויפגעהאַלטן, אַרומגעשטעלט מיט שטאַרקע וואַך־פּאָסטנס. ערשט ווען דער אָטריאַד־קאָמאַנדיר, פּראָניאַגין, האָט פּאַרזיכערט, אַז מאָרגן וועט פּאַרקומען אַ פּאַרזאַמלונג, געווידמעט דעם פאַל, האָבן זיך די ייִדישע פּאַרטיזאַנער צורויקגעקערט אין זייערע ערד־שטיבלעך.

צו דער פאַרזאַמלונג איז אַראָפּגעקומען, גענעראַל קלעשטשאָוו, (דער באַפולמעכטיקטער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי ביי קאָמאַראָווס פאַר־אייניקונג), אַן אויסגעשפּראָכענער אַנטיסעמיט, און האָט באַשולדיקט דעם אָטריאַד־דאָקטאָר, אַברהם בלומאָוויטש (באַקאַנט אין ישראל אַלס אַלוף משנה, ד״ר עצמון), אין אָרגאַניזירן דעם אויפשטאַנד פון די ייִדישע פּאַר־טיזאַנער. ער האָט געפאָדערט, אַז די ייִדישע פּאַרטיזאַנער זאָלן אַרויסגעבן די נעמען פון די אָרגאַניזאַטאָרן און זיי עפנטלעך שטעמפּלען. אַ טייל פון די קאָמאַנדירן האָבן זיך נישט געפילט באַקוועם, וואָס ד״ר בלומאָוויטש ווייסט וועגן זייערע פאַרברעכערישע, אומגעזעצלעכע האַנדלונגען און איז עלול נאָך דער באַפרייאונג זיי צו דעמאַסקירן. זיי האָבן געגלויבט, אַז דאָס איז אַ גוטע געלעגנהייט פטור צו ווערן פון אַן אומגעוווּנטשענעם עדות. זיי האָבן אים אויך געמאַכט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער קעגנערשאַפט פון די ייִדישע פּאַרטיזאַנער צו אויפלייזן זייער 51טע גרופּע און צעשיטן איר צווישן די אַנדערע פאָרמאַציעס.

דער גענעראַל קלעשטשאָוו, וואָס האָט געהאָפט צו געפינען אַרויס־העלפערס פון צווישן די ייִדן, האָט זיך אָבער ביטער אַנטוישט. איינער נאָכן אַנדערן זענען אַרויסגעטרעטן זרח קרעמיען, אַהרן באַנט א״אַ ייִדישע פּאַרטיזאַנער און האָבן דערקלערט, אַז דאָס איז נישט געווען קיין געפּלאַנ־טער אויפשטאַנד, נאָר אַ ספּאָנטאַנע רעאַקציע קעגן דער נאַציאָנאַלער דיסקרימינאַציע פון וועלכער עס ליידט די 51טע ייִדישע גרופּע, זינט איר אַנטשטייאונג. אַלע ווי איינער האָבן זיי אויפגעוויזן די לעכערלעכקייט פון די באַשולדיקונגען קעגן ד״ר בלומאָוויטש. אַדאַנק דער מוטיקער האַלטונג און דרייסטקייט פון די ייִדישע פּאַרטיזאַנער איז צונישט געמאַכט געוואָרן דער טייוולאָנישער פּלאַן צו ליקווידירן ד״ר בלומאָוויטש, (לויט פּרעסע־מעלדונגען איז גענעראַל קלעשטשאָוו אַרעסטירט געוואָרן נאָך דער ליקווי־דאַציע פון בעריאַ און צ״אַ באַשולדיקט געוואָרן אין פלעגן ראַסן־שנאה).

נאָך דעם טראַגישן פאַל האָבן די ייִדישע פּאַרטיזאַנער געפּלאַנט אַ

מאַסן־אַנטלויף אין די קאַפּוליער וועלדער, כדי זיך אָנצושליסן צום ייִדישן אָטריאַד א״נ „זשוקאָוו״. זיי האָבן אָבער שנעל מותר געווען אויף דעם פּלאַן, ווען עס זענען צו זיי דערגאַנגען די ידיעות, אַז אויך דאָרט זענען די קעגנזייטיקע באַציִונגען נישט קיין געהויבענע... שפּעטער איז די 51טע ייִדישע גרופּע אויפגעלייזט און צעשאָטן געוואָרן צווישן די רוסישע אייַנ־הייטן. נאָכן אַנטשטיין פון דער בריסקער פּאַרטיזאַנער־פּאַראייניקונג (טע־טיקייטס־ראַיאָן: קאָברינער און קאַרטוז־בערעזער וועלדער), איז ד״ר בלומאָוויטש נאָמינירט געוואָרן אַלס הויפּט־דאָקטאָר פון דער א״ד פּאַראיי־ניקונג.

ביי די פּאַרטיזאַנישע פאַרהעלטענישן איז אָבער נישט אַלע מאָל געווען אַ מעגלעכקייט צו רעאַגירן אָפן, ווייל עס איז זייער לייכט געווען אונטער וועלכן עס איז תירוץ ביי אַן אַנדער געלעגנהייט פאַרפלאָנטערט צו ווערן אין ענינים, וואָס זייער קאָנסעקווענץ האָט געקענט זיין פאַטאַל...

דער קאָמאַנדיר קאַליאַ וואַכאָנין האָט באַפוילן דעם ייִדישן פּאַרטיזאַן פון „אָרליאַנסקי״־אָטריאַד, משה סענדעראָווסקי, פון זשעטל, אַז ער זאָל אויספירן דעם טויט־אורטייל איבער שאול סאַוויצקי (זשעטל), פאַר צונעמען ביי אַ פויער בעת דער גרויסער אָבלאַווע (דעצעמבער 1942) אַ פּאָר שטיוול. סענדעראָווסקי האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט אויסצופירן דעם אומגע־רעכטן אורטייל. מען האָט אים געדראָט צו דערשיסן. ער ענטפערט: „איך וועל נישט שיסן, איך וועל קיין אומשולדיק בלוט נישט פאַרגיסן. אויב איר ווילט שיסט מיך אויך״. דער אורטייל אויף סאַוויצקין איז אויסגעפירט געוואָרן דורך אַ רוסישן פּאַרטיזאַן.

אַברהם וויניצער (טומשין, וואָלין), אַ פּאַרטיזאַן פון אָטריאַד „טשאַ־פּאַיעוו״ (פּאַראייניקונג שיטאָוו), פאָדערט ביים אָטריאַד־קאָמאַנדיר, אַז מען זאָל שטעלן צום געריכט און פאַראורטיילן צום טויט די נישט־ייִדישע פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן, גייענדיק אויף אַ קאַמפּס־אויפגאַבע, דערמאָרדעט די ייִדישע פּאַרטיזאַנער: קרולפעלד, יעקב שעוו (טוטשין) און יהושע גערשפעלד (מעזריטש). אויף דער פאָדערונג ענטפערט דער קאָמיסאַר וואַסילעוויטש, אַז איצט איז נישט די צייט צו מאַכן אָפּרעכענונגען פאַר אַזוינע קלייניקייטן און אומברענגען זעלנער. ערשט נאָך די דראָונגען פון א״ד ייִדישן פּאַרטיזאַן, אַז ער וועט זיך באַמיִען צו געפינען אַ וועג צו

די העכערע אינסטאַנצן, האָט מען פאַרפירט אַן אויספאָרשונג און אויפן סמך פון עדות זענען די כוליגאַנעס דערשאָסן געוואָרן.

וועגן אַן ענלעכן פאַל פון אַ קאַמף פון די יידישע פאַרטיזאַנער פון „וואָראָשילאָוו“־אָטריאַד קעגן אַן אַנטיסעמיטישן פאַרטיזאַן און זיין ביטערן סוף, דערציילט אונדז מלך באַקאַלטשוק:

„אין ווינטער, 1943, איז געקומען אין וואָראָשילאָוו־אָטריאַד (פּאָלעסיער־וואַליי), אַ יונגער רוס מיטן נאָמען, וואַסקאַ. לויט ווי ער האָט דערציילט האָט ער געדינט אין דער סאָוועטישער אַוויאַציע, אַריינגעפאַלן אין דייטשער געפאַנגענשאַפט און אַנטלאָפן. ער האָט שנעל נושא חן געווען ביי די שטאַב־לייט און זיי האָבן אים גענוצט אַלס קאָמענדאַנט פון דער באַזונדערער יידישער פאַרטיזאַנער־גרופּע, וואָס איז געווען אין א״ד אָטריאַד. די יידן האָבן זיך גאַר גיך איבערצייגט, אַז וואַסקאַ איז אַ געוויינלעכער פאַרברעכער און זיי האָבן אים אַריינגעהויבן פאַרדעכטיקן אַלס אַ צוגעשיקטן דייטשן שפּיאָן. זיין נידערטרעכטיקע אויפפירונג און האַנדלונגען האָבן אָן שום ספק באַשטעטיקט דעם פאַרדאַכט. אַזוי האָט ער, למשל, צוגענומען מיט כוח אַ זייגער ביי אַ יידישן פאַרטיזאַן — דאָס איינציקע אָנדענקונג נאָך זיין דערמאָרדעטן פאָטער. ביי יעדער געלעגנהייט האָט ער געזידלט און באַליידיקט די יידן און ער האָט זיך גאָרנישט באַמיט צו מאַסקירן זיין טיפע שנאה צו זיי.

„די יידישע פאַרטיזאַנער האָבן אומאויפהערלעך געפאָדערט, אַז דער שטאַב זאָל אַוועקנעמען וואַסקען פון זיין אָנפירנדיקן פּאָסטן אין דער יידישער גרופּע. אין קעגנפאַל, האָבן זיי אַפילו געדראָט, אים צו דערמאָרדן. דער שטאַב האָט אין דעם פאַל נאָכגעגעבן, אָבער נאָך אַלץ געהאַט צו אים דעם פולן צוטרוי און אַנפאַרטרויט אים וויכטיקע אויפגאַבעס. מיט דעם האָט זיך אָבער נאָך נישט געענדיקט זיין כוליגאַנישע „קאַריערע“. אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט ער אין וואַלד באַגעגנט אַרומבלאָנקענדיקע יידן און ער האָט זיי שרעקלעך צעשלאָגן. די יידישע פאַרטיזאַנער האָבן ווידער שאַרף רעאַגירט און געפאָדערט פון שטאַב אַ שטרענגע שטראָף פאַר וואַסקעס פאַרברעכערישע מעשים. דער שטאַב האָט זיך דאָסמאָל באַגנוגנט בלויז מיט געבן אים אַ וואָרענונג. ערשט ווען ער האָט דערהרגעט אַ האָראָדנאָער יידן איז ער אַרעסטירט און איבערגעפירט געוואָרן צום פּאָלקאָווניק, ברינסקי. נאָך אַ געניער אויספאָרשונג פון זיין עבר און זיינע פילע פאַרברעכנס איז ער, לויט אַן אורטייל, דערשאָסן געוואָרן. די אויספאָרשונג האָט אין דער פולער מאָס באַשטעטיקט די יידישע

פּאַרדאַכטן, וואַסקאַ איז געווען אַ צוגעשיקטער שפּיאָן פון די דייטשן און פלעגט צו זיי איבערשיקן מעלדונגען וועגן דער טעטיקייט און פּלענער פון די פּאַרטיזאַנער".

(„זכרונות פון אַ יידישן פּאַרטיזאַן", — פון כתב־יד).

די יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן עקשנותדיק באַקעמפט און כסדר דעמאַסקירט די אויסגעשפּראָכענע אַנטיסעמיטן פון צווישן די פּאַרטיזאַנער. מערסטנסטייל זענען עס געווען קריגס־געפאַנגענע אָדער פּאָליציסטן, וואָס האָבן אָנגעטאָן דייטשע אוניפאָרמען, מיטגעאַרבעט מיטן אָקופּאַנט אין אָבלאַוועס און בלאָקאַדעס אויף פּאַרטיזאַנער און אַקטיוו זיך באַטייליקט אין די דייטשע „אַקציעס" און שחיטות אין די געטאָס. אין 1943טן יאָר, איז דאָס קומען אין די וועלדער פון מענטשן, וואָס האָבן געטריי געדינט דעם דייטש און מיטגעמאַכט זיינע אַלע פאַרברעכנס, געוואָרן אַ מאַסנהאַפטע דערשיינונג. באַזונדערס האָט זיך פאַרגרעסערט די צאָל פון די, וואָס זענען געקומען צו די פּאַרטיזאַנער מכפּר זיין אויף זייערע שווערע זינד קעגן זייער פאָלק און פאָטערלאַנד — נאָך דער גרויסער דייטשער מפּלה אין סטאַלינגראַד, ווען עס זענען אויסגערונען געוואָרן אַלע האָפענונגען אויף אַ דייטשן נצחון.

די רוסישע פּאַרטיזאַנער האָבן די „בעלי תשובהניקעס" אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס. גאָר גיך האָט מען פאַרגעסן, אַז די ניי־אָנגעקומענע האָבן גאָרנישט לאַנג מיט שמחה געדינט דעם שונא און געווען פולע שותפים צו די דייטשע שוידערלעכע פאַרברעכנס קעגן דער באַפעלקערונג. די פּאַרטיזאַנער און די יידן...

— „מען דאַרף זיי איבערדערציִען... מירן זיי געבן אַ מעגלעכקייט דורך דרייסטע אָפּעראַציעס און קאַמפּס־אויפגאַבעס צו פאַרגעבן אויף זייערע שווערע חטאים... אַ חשבון וועלן זיי אָפּגעבן נאָך דער באַפרייאונג, דערווייל איז פאַר אונדז וויכטיק יעדער מענטש, וואָס איז גרייט צו קעמפן קעגן דייטש..." אַזוינע און ענלעכע שלאָגווערטער זענען געווען דער ענטפער פון די שטאַב־לייט צו די יידישע פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן נישט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז די נעכטיקע מערדערס פון זייערע משפחות זאָלן שוין היינט אויפגענומען ווערן אָן שום באַוואָרענישן אַלס גלייכ־באַרעכטיקטע קעמפערס. נאָכמער, אַדאַנק זייער מיליטערישער דערפאַרונג

משה קאַגאַנאָוויטש

זענען גאָר שנעל, פיל פון די „בעלי תשובהס" נאָמינירט געוואָרן אַלס קאָמאַנדירן פון פּאַרטיזאַנישע איינהייטן...

פיל פון די האָבן זיך גאָר שנעל אַרויסגעוויזן אַלס אַנטי־יידישע העצערס און פאַרשפּרייטערס פון נאַצישן גיפט. פון געוווּנטשאַפט האָבן זיי ווייטער געראַבעוועט און געמאָרדעט יידן, וועלכע זיי האָבן אָנגעטראָפן אין די וועלדער, איבערהויפּט שוצלאָזע און פארלאָזע פרויען, זקנים און קינדער פון פאַמיליע־לאַגערן. געווען צווישן זיי אויך דייטשע שפּיאָנען, וואָס זענען געשיקט געוואָרן מיט אַ מיסיע צו דערשיטערן און אַרויסרופן אַ דעזאָרגאַניזאַציע אין די פּאַרטיזאַנישע רייען. די יידישע פּאַרטיזאַנער פלעגן כסדר וואָרענען און צוטראָגן אין שטאַב וועגן שפּיאָנען און דייטשע אַגענטן פון צווישן די ניי־אָנגעקומענע, אָבער נישט אַלעמאָל האָבן זיי געפונען אָפענע אויערן פאַר זייערע וואָרענונגען. ערשט שפּעטער פלעגט מען זיך איבערצייגן אין דער ריכטיקייט פון די פּריציזע יידישע וואָרענונגען. וועגן אַזאַ פאַל דערציילט אונדז מלך באַקאַלטשוק אין זיינע „זכרונות פון אַ יידישן פּאַרטיזאַן":

„אין די ווינטער־חדשים פון 1943, האָט די יידישע ראָטע אין אָטריאַד „וואָראָשילאָוו" זיך באַזירט אין אָזיערסקער וואַלד (אויפן גרענעץ פּאָלעסיע־וואָלין). איינער פון אונדזערע פאַרבינדלערס, דימיטרי, האָט געבראַכט אַ בריוו פון פּאָליציי־קאָמענדאַנט אין שטעטל וויסאָצק, ווו ער האָט מודיע געווען, אַז ער צוזאַמען מיט זיבעציק אוקראַינישע פּאָליציסטן ווילן אַריבערגיין, צוזאַמען מיט זייער געווער, צו די פּאַרטיזאַנער און ער האָט פאָרגעלייגט אַן אָרט צו באַגעגענען זיך.

„די יידישע פּאַרטיזאַנער פון „וואָראָשילאָוו"־אָטריאַד האָבן זיך שאַרף קעגנגעשטעלט אָנצונעמען די וויסאָצקער פּאָליציי־לייט, ווייסנדיק, אַז זיי האָבן אַדורכגעפירט די שחיטה אין שטעטל. עס איז אויך געווען אַ באַגרינדעטער חשד, אַז דער בריוו איז געשריבן געוואָרן מיט דער הסכמה פון די דייטשן, וועלכע האָבן געוואָלט אויף אַזאַ וועג אַריינשמוגלען שפּיאָנען אין די פּאַרטיזאַנישע רייען. אָבער דער אָטריאַד־שטאַב האָט אַפילו נישט געוואָלט הערן די יידישע פּראָטעסטן און באַשלאָסן זיי אויפצונעמען. זיי האָבן, בעת דער באַגעגעניש מיט פאָרשטייער פון דער וויסאָצקער פּאָליציי, מסכים געווען צו דעם באַדינג, אַז די פּאָליציסטן זאָלן בילדן אַ באַזונדערע איינהייט אין די ראַמען פון אָטריאַד. לויט זייער צאָל און אויסגעצייכנטער באַוואָפענונג האָבן זיי ווייט איבערגעשטיגן די יידישע

ראָטע. זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט, בלויז געציילטע קילאָמעטערס פון אונדזער באַזיס.

„מיר האָבן פאַרשטאַרקט די וואַכן, כדי צו פאַרהיטן פאַר מעגלעכע סיורפריזן מצד די „פרישע" פאַרטיזאַנער־פּאָליציסטן. עטלעכע מאָל האָבן מיר אין אָטריאַד־שטאַב געבראַכט צום אויסדרוק אונדזער חשד, אַז זיי זענען געשיקט געוואָרן דורך די דייטשן מיט אַ ספּעציעלער שפּיאָנאַזש־אויפגאַבע. דער קאָמאַנדיר האָט אויף דעם געהאַט אַ סטערעאָטיפּע תשובה: „מען דאַרף זיי איבערדערציען". איך האָב באַקומען אַ באַפעל צו פירן מיט זיי דריי מאָל אין דער וואָך אויפקלערונגס־פאַרזאַמלונגען און שמועסן. יעדעס מאָל, נאָך אַזאַ שמועס, פלעגן מיר (צוויי יידישע פאַרטיזאַנער פלעגן מיר באַגלייטן בעת די באַזוכן) בענטשן „גומל", וואָס מיר זענען אַרויס גאַנצע פון דער מערדער־הייל...

„מיר, די יידישע פאַרטיזאַנער, האָבן כסדר נאָכגעשפּיאָנירט זייערע באַוועגונגען. אונטערן אויסרייד, אַז זיי פּלאַנירן דיווערסיע־אָפּעראַציעס, פלעגן כסדר גיין זייערע שליחים אין די שכנישע שטעטלעך. דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט אונדזער חשד. איינמאָל האָבן מיר פאַרהאַלטן זייער־רע צוויי שליחים, וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט פון וויסאָצק און בעת דער רעוויזיע געפונען אַן אויסגעאַרבעטן פּלאַן פון וויסאָצקער דייטשן גאַרניזאָן, ווי צו פאַרניכטן די פאַרטיזאַנער און אין דער ערשטער ריי די יידישע ראָטע. ערשט דאַן האָט זיך דער שטאַב איבערצייגט, אַז אונדזערע פאַר־דאַכטן און שרעקן זענען געווען באַרעכטיקטע. אין דער זעלבער נאַכט זענען די ערד־שטיבלעך פון די פּאָליציסטן אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַלע זייטן און אָנגעגריפן געוואָרן דורך אונדזער אָטריאַד. עס איז איבעריק צוצוגעבן, אַז די יידישע ראָטע האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דעם אָנפאַל. בלויז געציילטע פּאָליציאַנטן איז געלונגען אַרויסצולויפן פון רינג קיין וויסאָצק. כמעט אַלע אויסוואורפן זענען געפאַלן אין דעם קאַמף.

„מיר, די יידישע ראָטע, האָבן באַלד נאָך דעם געוואָלט אַוועקגיין פון אונדזער באַזיס, ווייסנדיק, אַז די דייטשן וועלן אונדז זיכער אָנגרייפן. אָבער דער באַפעל פון שטאַב איז געווען, און ווידער אָן שום לאָגיק, אַז מיר זאָלן בלייבן אויף אונדזער אָרט. אונדזער אויסרעכענונג און שרעק האָט זיך אויך דאָס מאָל באַשטעטיקט. שטאַרקע כוחות פון אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטן און פּאָליציי, אונטער דער אָנפירונג פון דייטשן, און די געציילטע פּאָליציסטן וועמען עס איז יאָ געלונגען צו אַנטלויפן, האָבן אָנגעגריפן די יידישע ראָטע. עס האָט זיך צעפלאַקערט אַ שטאַרקער קאַמף. ברוך מאַנקאָווסקי, דער קאָמאַנדיר פון דער יידישער ראָטע (הייַנט אין ישראל), האָט אָנגעפירט מיט דעם קאַמף. ענדלעך איז אונדז געלונגען אַדורכצוברייסן דעם דייטשן רינג און אָנצוקומען צו דער פאַרטיזאַנער־באַזע

אין סוואריטשעווער וואַלד. אין דעם קאַמף האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט דער אויסשפּירער, משה לאַנדע (היינט אין ישראל), וואָס האָט אַרויסגעפירט פון אַרומרינגלונג אין אָזיערסקער וואַלד, אַ גרופּע פון יידישע מיידלעך".

(דאָרט, — פון כתב־יד).

און וועגן אַן ענלעכן פאַל אין אַן אַנדער ראַיאָן דערציילט אונדז יחיאל גראַנאַטשטיין:

„אין „ראָקאָסאָווסקי"־אָטריאַד (וואָלטשע־נאָרער ראַיאָן), איז געקומען אַ גרעסערע גרופּע אוקראַינער, וואָס האָבן ביז דאַן מיטגעאַרבעט מיט דעם דייטשן גאַרניזאָן אין סלאָנים. איינער פון זיי, מיטן נאָמען אַרקאַדי, האָט זיך באַזונדערס געוואָלט באַפריינדן מיט מיר. ער האָט מיר אויספירלעך דערציילט וועגן די שחיטות און ליקווידאַציע פון די סלאָנימער יידן. לויט זיינע רייד איז אויסגעקומען, אַז ער איז געווען בלויז אַ צושויער פון די שוידערלעכע גרויזאַמקייטן, אָבער זיך אַליין אַקטיוו אין זיי נישט באַטייליקט. אָבער פון זיינע גענויע שילדערונגען און אופן פון דערציילן האָב איך אַרויסגעפילט און געווען זיכער, אַז זיינע הענט זענען באַפלעקט מיט יידיש בלוט... דאָס אַליין איז נישט געווען גענוג, כדי עס פאַרצוברענגען פאַר דער קאָמאַנדשאַפט. די פאַרטיזאַנער־קאָמאַנדשאַפט האָט גוט געוווסט, אַז אַלע קריגס־געפאַנגענע, וואָס האָבן אָנגעטאָן דייטשע אוניפאָרמען, האָבן אויסגעפירט געטריי אַלע דייטשע באַפעלן און צ"אַ אויך דאָס פאַרניכטן די יידישע באַפעלקערונג.

„איינמאָל, זייענדיק טויט־שיכור און אויפגערעגט, וואָס איך, אַ יידישער פאַרטיזאַן ענטפער אים נישט מיט פריינטשאַפט אויף זיין פריינטשאַפט צו מיר, האָט ער זיך אינגאַנצן פאַרגעסן אין אַלע פאָרזיכטיקייטס־כללים און די גאַנצע שנאה צו יידן, וואָס ער האָט ביז איצט דערשטיקט אין זיך, האָט ער איצט פריי־געלאָזן אין אַ שיכורער פלאַפּלעריי:

— „איך האָב שטענדיק פיינט געהאַט יידן. עס איז דער סאָוועטישער רעגירונג נישט געלונגען אונדז איבערצואַנדערשן. מיר, די אוקראַינער, זענען באַוווסטזיניק געגאַנגען אין די טורמעס פאַר אונדזער אַנטיסעמיטיזם. אָבער היטלער וועט, נאָכן נצחון, אונדז געבן אַ נייע אייראָפּע, אַ נייע וועלט, צו וועלכער מיר האָבן געשטרעבט אונדזער גאַנץ לעבן. די נייע אָרדענונג וועט אייך אומברענגען. ענדלעך וועלן מיר זיך באַפרייען פון דער יידישער געלער לאַטע אויף אייביק..." אין מבול פון מליצות און ווערטער האָט ער אויך אויסגעפּלאַפּלט, אַז באַלד נאָכן אַריינפאַלן אין דייטשער געפאַנגענשאַפט, איז ער דורך זיי געשיקט געוואָרן אין אַ ספּעציעלער שול פאַר אוקראַינער. ער האָט דאָרט באַקומען פאַרשיידענע

אינסטרוקציעס, וועלכע האָבן איצט נישט קיין באַזונדערן ווערט, ווייל ער האָט איבצווישן באַשלאָסן אַוועקגיין צו די פּאַרטיזאַנער...

גראַנאַטשטיין האָט באַלד איבערגעגעבן זיין קאָמאַנדיר וועגן די פּלאַפּלאַרייען פון שיכורן אַרקאַדי. דער קאָמאַנדיר האָט תיכף געפּאַסט זיין באַשלוס. גראַנאַטשטיין האָט זיך צוריקגעקערט אין לאַגער, צוגעגאַנגען פון הינטן צו אַרקאַדין און אַריינגעשאָסן אים אַ קויל אין קאָפּ. אויף גראַנאַטשטיינס באַמערקונג: „ווינציקער מיט אַ מערדער, אָבער מען האָט געדאַרפט פיל מער פון זיי אויסראַמען", האָט דער קאָמאַנדיר געענטפערט: „אויסגעצייכנט, פיליפּ (פּאַרטיזאַנישער פסעוודאָנים), דיין האַנט האָט אַפילו קיין ציטער נישט געטון..."

(„איך האָב געוואָלט לעבן", — ז"ז 109־114).

**
*

די יידישע אָטריאַדן האָבן געדינט, ווי אַ מקום מקלט פאַר יידישע פּאַרטיזאַנער פון רוסישע אָטריאַדן, ווען זיי זענען צוליב אומגערעכטע אורטיילן געווען באַדראָט מיט זייער לעבן.

דער פּאַרטיזאַן יאַשקאַ מאַזאָוויעצקי (שטשוטשין, ביי לידע) ווערט באַשולדיקט דורך דער אָטריאַד־אָנפירונג אין וואַרפן אין קאַמף דאָס געווער און עס דראָט אים דערפאַר אַ טויט־שטראָף. ער אַנטלויפט דאַן אין ביעלסקיס אָטריאַד און באַהאַלט זיך דאָרט אויס אַ לענגערע צייט, ביז די זאַך ווערט אויפגעקלערט.

אויך איינצלנע יידישע פּאַרטיזאַנער פלעגן אָפט זיין געצוווּנגען צוליב דעם פאַרשטאַרקן זיך פון די אַנטיסעמיטישע טענדענצן אין זייערע אָטריאַדן צו אַנטלויפן אין אַן אַנדער פּושטשע אָדער אָטריאַד.

אַזוי איז אַנטלאָפן פון אַנטיסעמיטישן אָטריאַד „וואָראָשילאָוו" (ליפּיטשאַנער פּושטשע) און נאַליבאָקער פּושטשע דער העלדישער יידישער פּאַרטיזאַן בנימין באַראַן. הגם צו אים האָבן זיי צוליב זיינע העלדישע אויפטוען און דרייסטקייט געהאַט די בעסטע באַציונג, האָט ער דאָך מורא געהאַט, ווייל ער האָט געוווּסט צופיל סודות וועגן זייערע פאַרברעכנס לגבי יידן און זיי וואָלטן נישט געהאַט קיין אינטערעס אים צו האַלטן אַלס אַ לעבעדיקן עדות ביז נאָך דער באַפרייאונג.

איינער פון די וויכטיקסטע לייסטונגען פון די יידישע פּאַרטיזאַנער

פאַר דער רעטונג פון ייִדן, איז בלי שום ספק געווען די מאַסן אַדורכגעפירטע נקמה־אַקטן איבער פויערים ייִדן־מערדערס, דייטשע אַגענטן, שפּיאָנען, קאָלאָבאָראַנטן, ווייסע פּאָליאַקן, אוקראַינישע און ליטווישע פאַשיסטישע באַוואָפנטע פאָרמאַציעס. אַדאַנק דעם האָבן זיך די אומבאַוואָפנטע, שוצלאָזע ייִדן פון די פאַמיליע־לאַגערן, גרופּעס און באַהאַלטענע ביי פויערים זיך ווידער געקענט באַוועגן איבער די דערפער און וועלדער און זענען נישט געווען אַזוי הפקרדיק ווי פריִער, ווען עס איז נאָך נישט געווען די שטרענג־שטראָפנדיקע האַנט פון ייִדישן באַוואָפנטן פאַרטיזאַן.

עס דאַרף געזאָגט ווערן, אַז אין דער זעלביקער צייט, ווען אין די דייטשע טויט־לאַגערן, זענען געווען ייִדן, וואָס האָבן געראַטעוועט זייער לעבן פאַרן פרייז פון די לעבנס פון אַנדערע ייִדן, האָבן ייִדישע פאַרטיזאַנער טאָג־טעגלעך ריזיקירט און באַצאָלט מיט זייערע יונגע לעבנס, בכדי צו ראַטעווען ייִדן.

י. בערמאַן

אַ יידישער פּאַרטיזאַן פון אָטריאַד „קאָרטשאַגין" (ליטע).

אַ גרופּע יידישע פּאַרטיזאַנער פון נאַליבאָקער פּושטשע,

פון רעכטס צו לינקס: מאיר־יוסף איצקאָוויטש (דעווענישאָק), פּאַרטיזאַן לעוויט (לידא), פּאַרטיזאַן פון אָטריאַד „באַלטייעץ"; אַבראַשע פון אָטריאַד „איסקראַ"; דבורה אָקון (האָראָדאָק), פּאַרטיזאַן פון אָטריאַד „טשקאַלאָוו".

קאַפּיטל דרײ און צוואַנציק

נקמה־אַקטן איבער פּויערים יידן־מערדערס און דייטשע אַגענטן

די יידן, אַנטלויפנדיק אין די וועלדער מיטן פעסטן באַשלוס נקמה צו נעמען פון די שוחטים פון זייערע משפחות, האָבן געהאַט בלוטיקע חשבונות נישט נאָר מיט די דייטשן, נאָר אויך מיט פּויערים, „מיעשטשאַנעס״(שטאָטישע קריסטלעכע איינוווינערס) און דייטשישע קאָלאַבאָראַנטן פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג.

עס איז אַלגעמיין באַוווּסט, אַז די אָרטיקע פּוילישע, ליטווישע, אוקראַיִנישע און ווייסרוסישע איינוווינערס האָבן סטימולירט די דייטשן וואָס גיכער צו פאַרענדיקן מיט די יידן, בכדי דאָס יידישע שווער־פאַרהאָרעוועטע האָב־און־גוטס פון דור־דורות זאָל אַריינפאַלן צו זיי אין די הענט.

דערזעענדיק דעם הפקרדיקן, אַכזריותדיקן איינשטעל פון די דייטשן לגבי די יידן, האָבן די לעצטע איבערגעגעבן זייערע פאַרמעגנס אויף צו באַהאַלטן צו זייערע „גוטע פריינט״ און „ליבע שכנים״ פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג. די זעלביקע „ליבהאַרציקע שכנים״, וועלכע האָבן אַזוי גערן גענומען דאָס יידישע גוטס אויף צו באַהאַלטן, זענען שוין געווען בלוטיק פאַראינטערעסירט, אַז זייערע באַלעבאַטים זאָלן וואָס גיכער פאַרשווונדן ווערן פון צווישן די לעבעדיקע און זיי זאָלן בלייבן זייערע יורשים.

כמעט אַלע „בעלי־טובות״ פלעגן נאָך אַן „אַקציע״ זיך גלייך פאַראינטערעסירן, צי עס איז נאָך ווער געבליבן לעבן פון דער משפחה, ווען מען

פארמעגן עס איז אים אנפארטרויט געווארן. נישט זעלטן פלעגן די יידן אפגעבן זייערע פארמעגנס צו באהאלטן די יעניקע קריסטלעכע פאמיליעס, וועלכע האבן אויף אזא אדער אנדער אופן געדינט ביי דעם אקופאנט (פאליציי, מאגיסטראט או״וו), מיט דער אויסרעכענונג, אז דארט איז דער פארמעגן זיכערער. אבער דווקא די פלעגן גיכער אויסזוכן א בלבול, בכדי צו זיין זיכער מיט די לייכט־דערווארבענע פארמעגנס.

עס איז אלגעמיין באוווסט, אז ווען נישט די אקטיוו־פריידיקע מיט־הילף און אפילו איניציאטיוו פון דער ארטיקער קריסטלעכער באפעלקערונג צו דער טאטאלער אויסראטונג פון די יידן, וואלטן די דייטשן בשום אופן נישט געקענט מיט אזא דערפאלג אדורכפירן זייערע גרויזאמע ארבעט פון אומברענגען זעקס מיליאן יידן אין אייראפע. נישט נאר די, וועלכע זענען געשטאנען אין דינסט פון דייטש, האבן דערצו מיטגעווירקט, נאר אויך די ציווילע קריסטלעכע באפעלקערונג אין איר איבערוויגנדיקן טייל איז געווען בלוטיק פאראינטערעסירט אין וואס גיכערן אומקום פון די יידן. כמעט אלע האבן איינגעטונקט זייערע הענט אין יידיש בלוט און גוטס, און אלע זענען זיי געווען פאראינטערעסירט, אז עס זאל נישט בלייבן קיין לעבעדיקער עדות פון זייערע מעשים אין פאל, ווען דער גאט פון מלחמה וועט אפטון זיין גנאד פון די היטלעריסטן... מען האט אויך נישט געוואלט איבערלאזן לעבעדיקע „באאומרויקערס״ פון מ׳שטיינס געזאגט „מענטשלעכן געוויסן״...

וויסנדיק די שטימונג פון דער ארטיקער באפעלקערונג, האבן די דייטשן אין פיל שטעט און שטעטלעך אינסצעניזירט פארמעלע פארזאמלונגען פון דער ארטיקער קריסטלעכער אינטעליגענץ און געזעלשאפטלעכע טוערס און פארמירט שריפטלעכע רעזאלוציעס און פאדערונגען צו פארניכטן די יידן פון געגעבענעם ארט.

די דייטשן האבן אויסגעליפערט דאס יידישע לעבן און פארמעגן אויפן חסד פון דער ארטיקער באפעלקערונג. יעדע שחיטה פון א געטא איז באגלייט געווארן מיט אן אלגעמיינעם פאגראם אויף די יידישע הייזער דורך די איינוווינערס, וועלכע פלעגן פונאנדערנעמען גאנצע ווענט, אויוונס און דילן, זוכנדיק די פארבאהאלטענע יידישע „אוצרות...

די ווילדקייט און רויב־גיריקייט איז דערגאנגען צו אזא מדרגה, אז

מען האָט זיך נישט געשעמט פון נאָך וואַרעמע קערפּערס אָראָפּצורייסן פינגערלעך, אוירינגלעך און אַרויסצונעמען גאָלדענע ציין... וואָכן און חדשים נאָך די שחיטות פלעגן די פויערים פון די, דערביי ליגנדיקע, דערפער אַרום די מאַסן־קברים גריבלען אין די גריבער, זוכנדיק דאָרט ווערטפולע זאַכן.

מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז ווען נישט די מערדעריש־סאַדיסטישע איינשטעלונג פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג, וואָלטן זיך געראַטעוועט פיל צענדליקער טויזנטער ייִדן אין די דערפער, פאַרוואָרפענע כוטאָרס, בלאָטעס אין וועלדלעך, ווו אַ דייטשער פוס האָט במשך פון דער גאַנצער מלחמה נישט געטראָטן. אַנטלויפנדיק פון די געטאָס, זענען די ייִדן געכאַפּט און אויסגעליפערט געוואָרן צו די דייטשן און פאָליציי אין די הענט, אָדער פראָסט און פשוט דורך זיי אַליין פאַרפייניקט געוואָרן אויף אַ בעסטיאַלישן אופן.

פיל ייִדן האָבן איבערגעגעבן זייער גאַנצן פאַרמעגן צו באַקאַנטע פויערים מיט דער אויסרעכענונג, אַז אין פאַל פון אַ סכנה וועט מען ביי זיי געפינען שוץ און באַהעלטעניש. אין גרעסטן טייל פאַלן פלעגט אַזאַ פויער אַליין דערמאָרדן די ייִדן נאָך אַ שטיקל צייט האַלטן זיי, אָדער פלעגט זיי אויסליפערן צו די דייטשן. נישט זעלטן פלעגט עס טון אַ שכן, וועלכער איז געווען „אייפערזיכטיק" אויפן מעגלעכן באַרייכערן זיך פון דעם „ייִדן־פריינט..."

איין אַ געוויסער מאָס האָבן די ייִדן געטראָגן אַ גרעסערע שנאה צו דער אָרטיקער באַפעלקערונג, ווי צו די דייטשן, און יעדער ייִדישער פאַרטיזאַן האָט געהאַלטן פאַר זיין הייליקסטן חוב נקמה צו נעמען פון די פויערים ייִדן־מערדערס און רויבערס.

בעתן פאָרן אויף אויפגאַבעס, פלעגן ייִדישע פאַרטיזאַנער אָפּנעמען די אָנגערויבטע זאַכן, צעשלאָגן די פויערים און אין אַ טייל פאַלן אויך דערשיסן.

די רוסן האָבן נישט אַלעמאָל מסכים געווען אויף נקמה־אַקטן קעגן פויערים ייִדן־מערדערס. זיי האָבן נישט געוואָלט אויפרייצן קעגן זיך די אָרטיקע באַפעלקערונג. עס פלעגט אויסקומען אין פיל פאַלן אָפּצוטאָן אַזוינע זאַכן אויסבאַהאַלטנדיק דאָס פאַר די רוסישע פאַרטיזאַנער.

ניסל באַבראָוו (סיערניק, וואָלין), אַ פאַרטיזאַן פון אַנישטשענקאָס אָטריאַד (גענעראַל ביעגמאַס פאַראייניקונג) איז אין מערץ 1943 געפאָרן צוזאַמען מיט זיין וזוואָד־קאָמאַנדיר אויף אַ ווירטשאַפטס־אויפגאַבע אין דאָרף אָזערצע (ראַפאַלאָווקער ראַיאָן). דאָרט דערקענט באַבראָוו אַ פויער פון דער אוקראַיניש־פאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע „זיעלענעווצעס", וועלכער האָט, נאָכן אָפּטרעטן פון די סאָוועטן, נאָך פאַרן אַריינמאַרש פון די דייטשן, דערהרגעט זיין שוועסטער. באַבראָוו מעלדעט וועגן דעם זיין וזוואָד־קאָמאַנדיר און מיט זיין דערלויבעניש דערשיסט ער דעם פויער. צוליב טעמים פון פּאָליטיש־טאַקטישן כאַראַקטער, ווי אויך צוליב דעם, וואָס דער פויער איז אין צווישן־צייט געוואָרן אַ פאַרטיזאַנישער פאַרטרויאונגס־מאַן, האָט די העכערע פאַרטיזאַנער־קאָמאַנדשאַפט צונויפגערופן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג אין דאָרף און מען האָט באַבראָוון עפנטלעך דערשאָסן.

אָפּטמאָל האָט מען אויף פויערים, וועמען די יידישע פאַרטיזאַנער האָבן געוואָלט דערשיסן פאַר פאַרגיסן יידיש בלוט, אָנגעגעבן פאַר דער העכערער פאַרטיזאַנער־אָנפירונג אויך מאָטיוון פון אַלגעמיין־פאַרטיזאַנישן כאַראַקטער, ווי מיטאַרבעט מיטן דייטש, שפּיאָנאַזש אדג״ל. דאָס איז נישט געווען באַזונדערס שווער, ווייל אַממייננסטן אַקטיוו אין קרייץ־צוג קעגן די יידן האָבן זיך אַנגאַזשירט די אַלע, וועלכע זענען געווען פאַרבונדן מיט די דייטשן (פּאָליציסטן, באַאַמטע, סאָלטיסן א״אַ), וועלכע זענען דורך די פאַרטיזאַנער, אַלס פאַררעטערס אומברחמנותדיק באַקעמפט געוואָרן.

ווען די יידישע פאַרטיזאַנער אין רוסקע־פּושטשע האָבן געזוכט אַ וועג, ווי נקמה צו נעמען פון ליטווישן דאָרף מוסטייקע, פאַר דערמאָרדן העכער הונדערט יידן פון שטעטל מאַרציקאַנץ, האָבן זיי אָנגעגעבן אויך די אַלע פאַלן, וועלכע באַלאַסטן דאָס דאָרף אין פאַרברעכנס לגבי אַנטלאָפענע רויטאַרמייערס בעתן ראַשיקן אָפּטרעטן אין 1941טן יאָר. דאָס האָט דעצידירט אויפן באַשלוס פון דער פאַרטיזאַנישער אָנפירונג און דער נקמה־אַקט איז אויסגעפירט געוואָרן.

די פויערים פון דאָרף סוועריניאָווקע (מאַניעוויטשער ראַיאָן, וואָלין) האָבן אַרויסגעגעבן פיר באַהאַלטענע יידן צו דער פּאָליציי. אַ גרופּע יידן מיט יידל מאַרמעדיק בראָש (מאַנישעוויטש), צוזאַמען מיטן קאָמאַנדיר מאַקס (אַ פּאָליאַק) הרגענען אויס די פויערים־מוסרים און פאַרברענען דאָס דאָרף.

פאַר אַרויסגעבן פאַרבאַהאַלטענע ייִדן, פאַרברענט די זעלביקע פּאַרטיזאַנער־גרופּע אַ פויער פון דאָרף מאַניעוויטש.

אין דאָרף קאַסטיוכנאָווקע (קאָלקער ראַיאָן), האָט אַ פויער אויסבאַהאַלטן אַ ייִדן, אַרויסבאַקומען זיין געלט און שפּעטער אים איבערגעגעבן די דייטשן. דעם פויער ברענגט מען אין וואַלד און מען פאַרברענט אים.

אין אַלע פאַלן פון אַדורכפירן נקמה־אַקטן קעגן פויערים ייִדן־מערדערס, שפּיאָנען און קאָלאַבאָראַנטן, ווערן אַרויסגעלאָזט געדרוקטע פלוגבלעטלעך איבער אַלע געגנטן, וועלכע מאָטיווירן די אויסגעפירטע נקמה־אַקטן און עס ווערט געוואָרנט אַנדערע פאַר ענלעכע האַנדלונגען אויף ווייטער, למען ישמעו ויראו.

אַדאַנק דעם, וואָס עס איז געווען אַ שטראָפנדיקע האַנט פון ייִדישן פּאַרטיזאַן, איז אַרויפגעפאַלן אַ מורא אויף אַלע פויערים און אומבאַוואָפנטע ייִדן פון די פאַמיליע־לאַגערן האָבן געקענט זיך ווידער באַווייזן אָן שרעק פאַר זייער לעבן און זיך באַוועגן פראַנק און פריי איבער די דערפער.

מלך באַקאַלטשוק שילדערט אין זיין בוך „זכרונות פון אַ ייִדישן פּאַרטיזאַן“ די נקמה פון די ייִדן, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין סוואַריטשעוויטשער וואַלד, ווי נאָר זיי האָבן באַקומען דעם ערשטן רעוואָלווער:

„אין דער זעלבער נאַכט האָבן געברענט די הייזער, שטאַלן און שייערן פון די „ייִדן־יעגערס“: איוואַנעטשקאַ, מאַטאַרקאַ און גריץ פאַלוכאָוויטש. דער הימל איז געוואָרן צונטער־רויט און גרויסע פלאַמען האָבן זיך אויסגעשפּרייט איבער די אַרומיקע דערפער, כוטאָרעס, סוואַריטשעוויטשער וואַלד און איבער די גריבער אויף די סולאָמירער כוטאָרס, אַנזאָגנדיק אַלעמען, אויך די קדושים, אַז דער קאַמף קעגן די פאַרטיליקער פון ייִדישע מענער, פרויען, קינדער און זקנים האָט זיך שוין אָנגעהויבן דורך די ייִדישע נקמה־נעמער...“

(דאָרט, — פון כתב־יד).

אין דעצעמבער, 1942, האָבן צוויי פויערים פון דאָרף אָזיערסק (ביי דאָמבראָוויץ) דערמאָרדעט אין וואַלד צוויי ייִדישע ייִנגלעך. אין אַ געוויסן טאָג זענען אָראָפּגעקומען אין א״ד דאָרף אַ גרופּע ייִדישע פּאַרטיזאַנער און האָבן אונטערגעצונדן זייערע הייזער. ווען די פויערים זענען אַרויסגעלאָפן לעשן, זענען זיי עפנטלעך דערשאָסן געוואָרן דורך נחמן פיאַלקאָוו, פייוול גלעזער און בערל גראָסמאַן.

אַ ייִדישע פּאַרטיזאַנער־גרופּע פון פּאָלקאָווניק מיעדוועדיעווס פּאַר־אייניקונג (לודוויפּאָלער געגנט), האָט, אין 1942, איינגעאָרדנט אַ לויערונג אויפן וועג בערעזנאַ־ביסטריץ (וואָלין) אויף 12 דייטשע פּאָליציסטן, וועלכע האָבן אָנטיילגענומען אין פיל ייִדישע שחיטות אין דער אַרומיקער געגנט און געגאַנגען ווייטער אויסזוכן און פאַרניכטן די רעשטלעך צעלאָפּענע ייִדן אין די דערפער און וועלדער. פון די 11 ייִדישע פּאַרטיזאַנער האָבן נאָר דריי געהאַט ביקסן און אַכט זענען געווען באַוואָפנט מיט מעסערס. ווען די פּאָליציסטן זענען אָנגעפאַרן, האָט יוסף גאָלוב מיט אַ הוראַ־געשריי זיך געוואָרפן אויף זיי. די פּאָליציסטן זענען צעטומלט געוואָרן פון פּלוצ־לינגדיקן אָנפאַל און אויפגעהויבן די הענט אין דער הויך. אַלע 12 היטלע־ריסטן זענען דורך די ייִדן צעשניטן געוואָרן אויף שטיקלעך.

ראָזענבלאַט גד דערציילט אין זיין בוך „מניצוץ לשלהבת" וועגן די נקמה־אַקטן, וואָס עס האָט אַדורכגעפירט די ייִדישע פּאַרטיזאַנער־גרופּע פון זאָפּיוווקע און איגנאַטאָווקע אין די צומאַנער וועלדער, במשך פון די דריי חדשים טעטיקייט אין דער סביבה, ביזן אַוועקגיין קיין פּאָלעסיע און אָנשלוס צו קאָוופּאַקס אָטריאַד. דער מחבר, קאָמאַנדיר פון דער א"ד פּאַר־טיזאַנער־גרופּע שילדערט דעם בלוטיקן חשבון, וואָס זיי האָבן געמאַכט (דעם 20סטן סעפּטעמבער, 1942), מיט אַנאַצנען פון דאָרף יערמאָלע:

„...די טיר האָט זיך געעפנט. אַ הויכע, ברייטפּלייציקע געשטאַלט האָט אַרויסגערוקט די קאָפּ אינדרויסן און אונדז באַגריסט: „אַ לויב צו אוקראַינע".

— „...מען האָט אונדז דערציילט, אַז דו פאַרבאַהאַלטסט ייִדן, ביי דיר אין שייער פאַרשטעקן זיך צוועלף ייִדן, — האָט אַלעקס פּיטיליוק (אַן אוקראַי־נישער קאָמוניסט, אַ חבר פון דער גרופּע) אויפגעקלערט די סיבה פון באַזוך (די גרופּע האָט זיך פאַרגעשטעלט אַלס דייטשע פּאָליציי פון קיבערצע).

— „מיינע הערן, איך מיין, אַז איר האָט אַ טעות. ערשט נעכטן האָב איך געכאַפּט צען ייִדן, צווישן זיי זענען געווען צוויי מיידעלעך. איך האָב זיי געבונדן און אַוועקגעפירט צו די דייטשן אין קיבערצע. צוויי וואָכן פריער האָב איך אַנטדעקט אַ באַהעלטעניש אין וואַלד ביי יעראָמלע, מיט זעקס ייִדן און זיי אַלעמען דערהרגעט מיט אַ האַק. מיט אַ חודש פריער האָב איך דערהרגעט צוויי ייִדישע קינדער, וואָס האָבן ביינאַכט אָנגע־קלאַפּט אין טיר. און איר זאָגט גאָר, אַז איך העלף ייִדן?

— „איר האָט אַ טעות, גוטע מענטשן. איך קריג זיך מיט אים די גאַנצע צייט. צוליב וואָס הרגענען זיי, די אומגליקלעכע ייִדן? און ער?

משה קאַגאַנאָוויטש

דער טייוול האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין זיין האַרץ. טאָג און נאַכט לויפט ער אַרום איבער די וועגן, וועלדער און דערפער כאַפּן יידן — איז זיין פרוי אַרויס צו זיין פאַרטיידיקונג.

—„מיין ווייב איז גערעכט. איך בין איך פּעטליורעס צייטן שוין געווען אַקטיוו אויף דעם געביט. פאַר מיר איז דאָס אַ הייליקע זאַך. איך לייד זיי פשוט נישט. איר זעט די כלי אין ווינקל. דאָס האָב איך באַשטעלט ביים שמיד אין קיבערצע פאַר פינף מאַרק. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך דאַרף דאָס אויף אַרויסצורייסן בוים־וואָרצלען, אָבער אין דער אמתן דאַרף איך דאָס אויף שפּאַלטן יידישע קעפּ. איך האָב דאָס אויסגעפּרוווט אויף די קעפּ פון די צוויי יידישע קינדער און מיט איינציקע קלעפּ, האָב איך זיי דערליידיקט. נו, און איצט גלייבט איר מיר שוין? — האָט אַנטאָן מיט אַ נצחון־טאָן געענדיקט.

„ערשט ווען ער האָט דערזען דעם פינף עקיקן סאָוועטישן שטערן אויף אַלעקס פּעלצל האָט ער פאַרשטאַנען זיין אומגליק.

— „מאַריאַ, איך בין אַ פאַרפאַלענער! האָט ער אויסגעשריגן צו זיין ווייב.

„די יידישע בחורים האָבן אים גענומען מיט זיך און געבראַכט אין לאַגער. ביי דער אויספאָרשונג אין וואַלד האָט ער געלייקנט שטיין און ביין. די מעשיות וועגן הרגענען יידן, האָט ער דערציילט ווייל ער האָט געגלויבט, אַז זיי זענען דייטשע שוצמאַן־לייט און זיך געבעטן, אַז מען זאָל אים לאָזן לעבן און ער וועט זיי דינען מיט אינפאָרמאַציעס און געווער. אַנטאָנען האָבן זיי דערשאָסן און אַריינגעוואָרפן אין אַן אויסגעגראָבענער גרוב.

ראָזענבלאַט ענדיקט די באַשרייבונג פון דעם נקמה־אַקט מיט די פילזאָגנדיקע ווערטער:

— „דעם מערדערס בלוט האָט אַ שפּריץ געטון אין פנים און פאַרגאָסן מיינע ברילן. אָבער פאַר מיר איז דאָס געווען ווי אַ פרישער רעגן — נקמה פאַר די קינדער, פרויען און מענער, וועמענס לעבן עס איז פאַרשניטן געוואָרן דורך זיינע הענט. אויף זיין קבר האָבן מיר אַנגעלייגט היי, גראָז און טרוקענע צווייגן און עס אָנגעצונדן. פייער־צונגען האָבן זיך אויפגעהויבן צום הימל. דאָס איז געווען אַ נקמה־פייער...״

(דאָרט, — פון כתב־יד).

די אויסראָט־כוואַליע אויף די יידן אין יענער געגנט האָט זיך מיט דעם נקמה־אַקט אָפּגעשטעלט.

***

פיל ייִדישע פּאַרטיזאַנער זענען געפאַלן ביים אַדורכפירן נקמה־אַקטן קעגן ייִדן־מערדערס.

שיע היידוקאָווסקי (פון אָרליאַנסקי־אָטריאַד) איז געפאַלן פון אַן אייגענער פאַרבלאָנדזשעטער קויל בעת אַ נקמה־אַקט איבער אַ פּאָליציי־אישער פאַמיליע אין דאָרף סטריכאַטקע (זשעטלער געגנט). ער האָט זיך אַזוי איבערגענומען מיטן נקמה־אייפער, אַז ער האָט נישט אָפּגעהיט די פאַרזיכטס־כללים אין אַזוינע פאַלן און געפאַלן אַן אומזיסטער קרבן פון אַן אייגענער פּאַרטיזאַנער קויל. פּנחס יפה און זיין זון, מאָטל, זענען אַנטלאָפן פון יאָדער געטאָ אין די זאַראָווטשיזנער וועלדער (קאָזאַנער געגנט). זיי, צוזאַמען מיט נאָך אַ ביסל ייִדן, וועלכע זיי האָבן דאָרט שוין געטראָפן, אָרגאַניזירן אַ קליינע פּאַרטיזאַנער־גרופּע, וועלכע פאַרנעמט זיך בעיקר מיט אַדורכפירן נקמה־אַקטן. איינער פון זייערע געלונגנסטע נקמה־אַקטן איז געווען דער אָנפאַל אויפן דאָרף קאַשונקי, וואָס איז געווען אַ נעסט פון „סאַמאָכאָוצעס״.

ביינאַכט (יולי 1942) צינדן זיי אונטער עטלעכע הייזער פון פּויערים, דייטשע אַגענטן, ווו עס זענען געשלאָפן צוויי דייטשע אָפיצירן, די אָפיצירן זענען דערהרגעט געוואָרן מיט גראַנאַטן, אַריינגעוואָרפענע דורך די פענצ־טער און די פּויערים־פאַמיליעס זענען פאַרברענט געוואָרן. אין דער זעל־ביקער נאַכט פאַרברענען זיי אויך די גמינע־געביידע אין הויף פון גראַף לאָפּאַטשינסקי.

דעם 5טן נאָוועמבער 1942 גייט יפה מיט זיין זון מאָטל אין דאָרף בוראָווטשיזנע אויספירן אַ נקמה־אַקט. צוליבן נישט טרעפן דעם פּויער אין שטוב, גייען זיי אַריין אין אַ זייטיקן כוטאָר איבערצונעכטיקן. די פּויערים פון אומגעגנט, דערוויסנדיק זיך וועגן דעם, רינגלען אַרום דעם כוטאָר און כאַפּן זיי לעבעדיקע. דעם זון פאַרברענען זיי גלייך אויף אַ פלאַקער און דעם פאָטער גיבן זיי איבער די דייטשן. ער פּרוווט נאָך מיט אַ טריק ראַטעווען דאָס לעבן. ער זאָגט די דייטשן, אַז אין שטעטל יאָד האָט ער פאַרן אַנטלויפן פאַרגראָבן זיין גאָלד. זיי פירן אים אַהין אָפּ. זיי כאַפּן זיך אָבער שפּעטער אויפן שפּיצל און דערשיסן אים עפנטלעך אין גאַס.

זיינער צייט האָט אַרויפגעוואָרפן אַ מורא אויף דעם נאָוואָגרודקער קרייז די נקמה־אַקטן פון טוביה בעלסקיס אָטריאַד קעגן די פויערים, פּאָליציי און דייטשע אַגענטן. פאַר די פויערים, וועלכע האָבן מיטגעהאָלפן די דייטשן אויסהרגענען און אויסרויבן די ייִדן, איז געווען שווער זיך צוגעוווינען צום געדאַנק, אַז די זעלבע ייִדן זאָלן גאָר אַלס פּאַרטיזאַנער הערשן און צונעמען ביי זיי אומזיסט שפּייז און מלבושים. זיי האָבן דעריבער אָנגעהויבן מעלדן אין די שכנישע גאַרניזאָנען וועגן די באַוועגונגען און באַזיסן פון ביעלסקיס אָטריאַד און פלעגן שטילערהייט הרגענען אָדער ארויסגעבן צו די דייטשן איינציקע בלאָנקענדיקע ייִדן אָדער פּאַרטיזאַנער און אַנטלאָפענע פון די געטאָס. עס איז נייטיק געווען אַ באַלדיקע ענערגישע אַקציע קעגן די קאָלאַבאָראַנטן און מערדערס, כדי אַרויפצוואַרפן אַ מורא און באַלד ביים אָנהייב דערשטיקן אין וואָרצל די מערדערייען. טוביה ביעלסקי דערציילט אין זיין בוך „יהודי־יער” פיל פאַקטן פון נקמה־אַקטן קעגן ייִדן־מערדערס אין נאָוואָגרודקער קרייז:

„פּיפּצן מאַן פון ביעלסקיס אָטריאַד זענען, לויטן באַפעל פון קאָמאַנדיר, אַוועק אין דאָרף איזוויע (נאָוואָגרודקער ראַיאָן), אויסגעהרגעט אַ פּאָליציי־אישע פאַמיליע און אַלץ פאַרבערנט (יולי 1942). אין דאָרף ליטאָווקע האָבן זיי אויך אויסגעהרגעט אַ פּאָליצייאישע משפחה.

„די דייטשן האָבן פאַרן פאַרניכטן די ליובטשער ייִדן זיי קאָנצענטרירט אין אַ לאַגער אין דאָרף ווערכאָוויטש (ליובטשער ראַיאָן). ביעלסקיס אָטריאַד האָט געמאַכט אַ „באָמביאָזשקע” און אויסגעהרגעט צוויי פאַשיסטישע פאַמיליעס פון א״ד דאָרף. אויך אין דאָרף סלוכאָוויטש (ביי נאָוואָגרודעק) האָבן זיי אויסגעמאָרדעט פּאָליצייאישע פאַמיליעס.

אין מערץ 1943, זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון ביעלסקיס אָטריאַד 10 פּאַרטיזאַנער מיט אַברהם פּאָלאָנסקי בראש, אויף אַ שפּייז־פאַרגרייטונג. זיי האָבן זייער אויפגאַבע בשלימות אויסגעפירט. פינף קילאָמעטער פאַר נאָוואָגרודעק זענען זיי אַריין צו אַ באַקאַנטן פויער, ביעלאָאוס, אָפּצורוען און אָפּצוואַרטן, ביז עס וועט ווערן טונקל און מען וועט קענען ווייטער זיך לאָזן אין וועג אַריין. ביעלאָאוס האָט זיי זייער פיין אויפגענומען, האָט זיי געגעבן אָפּצועסן און צוגעגרייט ערטער אויף צו שלאָפן. אַרויסשטעלנדיק אַ וואַך האָט זיך די גרופּע געלייגט אָפּרוען. נאָך מיטאָג איז דער כוטאָר פלוצלינג אַרומגערינגלט געוואָרן דורך אַ גרעסערער צאָל פּאָליציסטן. ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָט ביעלאָאוס דערטראָגן צו דער פּאָליציי אין נאָוואָגרודעק דורך זיין זון, אַז ביי אים געפינען זיך

פאַרטיזאַנער. דער אָנפאַל איז געקומען אַזוי אומגעריכט, אַז די פאַרטיזאַנער האָבן אַפילו נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט זיך קעגנצושטעלן. זיי זענען אַלע אויסגעשאָכטן געוואָרן. בלויז אברהם פּאַלאַנסקין איז געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטן אין אַ הינערשטייג הינטערן אויוון. ווען די פּאָליציי איז אַוועקגעפאָרן און די גאַנצע משפּחה ביעלאַאוס האָט זיך געזעצט צום טיש פייערן דעם „נצחון" איבער די „זשידעס", איז ער אַרויסגעקראָכן פון זיין באַהעלטעניש און האָט אויסגעשריגן: „די פּאַרטיזאַנער וועלן דיר דאָס נישט מוחל זיין". ער איז אָבער גלייך געפאַלן טויט פון אַ זעץ פון הינטן מיט אַ האַק איבערן קאָפּ.

נאָך צוויי טעג אַפּוואַרטן דעם צוריקקער פון דער גרופּע, האָט ביעלסקי אַרויסגעשיקט אַן אויסשפּיר־גרופּע, וועלכע האָט זיך דערוווּסט וועגן שרעק־לעכן אָנפאַל. עס איז באַשטימט געוואָרן תיכף צו נעמען אַ בלוטיקע נקמה פון מסור. קאָמאַנדיר ביעלסקי שיקט דאַן אַרויס אַ גוט־באַוואָפנטע שטראָף־עקספּעדיציע פון 25 מאַן אונטער דער אָנפירונג פון זיין ברודער עשהאל און באַפוילט זיי, אַז זיי זאָלן נקמה נעמען פון ביעלאַאוסן און זיין משפּחה, אַלץ אַוועקלאָזן מיטן רויך, אָבער קיין שום זאַך פון די שטוב־חפצים נישט צונעמען. עשהאל האָט זיין אויפגאַבע אויסגעפירט פּינקטלעך. ביעלאַאוס מיט זיין משפּחה זענען אויסגעשאָכטן געוואָרן און זיין הויז מיטן גאַנצן פאַרמעגן איז פאַרברענט געוואָרן. אין אַ קעשענע פון ביעלאַאוס בגדים האָט מען געפונען אַ בריוו פון נאָוואָגרודקער געביטס־קאָמיסאַר טראַובע, אין וועלכן ער דריקט אים אויס אַ דאַנק פאַרן אַרויסגעבן די צען יידישע פאַרטיזאַנער, און דריקט דערביי אויס זיין האָפענונג, אַז אויך אויף להבא וועט ער זיין אַזוי לאָיאַל צו דער דייטשער מאַכט.

„עס איז כדאי צוצוגעבן, אַז נאָכן אויסמאָרדן די צען פּאַרטיזאַנער האָט דער געביטס־קאָמיסאַר, טראַובע, פאַראָרדנט אויסצוקלעפּן מעלדונגען איבער דער שטאָט, אַז דער „יידישער באַנדיט", ביעלסקי מיט זיין אָטריאַד איז פאַרניכטעט געוואָרן און, אַז אַזאַ סוף וועלן האָבן אַלע פּאַרטיזאַנער און די, וועלכע וועלן זיי העלפן.

„אויף צוריקוועגס האָט די שטראָף־עקספּעדיציע אָפּגעטראָטן אין אַ צווייטן כוטאָר צו אַ געוויסן פויער קאָזאַק, וועלכער האָט געמסרט די דייטשן אין נאָוואָגרודעק, אַז פיר יידישע בחורים זענען אַרויס פון געטאָ און געוואָלט אַוועקגיין צו די פּאַרטיזאַנער (די יידן האָבן דאַן נישט געקענט צוגיין צו די פּאַרטיזאַנער צוליב אויסגעמאַטערטקייט און הונגער און זיך אומגעקערט צוריק אין געטאָ). די דייטשן האָבן דאַן אויסגעשטעלט 250 יידן פון געטאָ און דער פויער האָט אָנגעוויזן אויף פיר יידישע בחורים, אַלס די „שולדיקע" און מען האָט זיי אויפן אָרט דערשאָסן. איצט האָט דער פויער באַצאָלט מיט זיין לעבן פאַר זיין מסירה.

(דאָרט, ז"ז, 94־97).

משה קאַגאַנאָוויטש

„די דאָקטאָרין מאַנוסיעוויטש פון נאָוואָגרודעק האָט איבערגעגעבן דעם קאָמאַנדיר ביעלסקי, אַז אין דאָרף סלאָוועצע (ווסיעליובער גמינע), לעבט אַ פויער לאַווסקי, וועמענס צוויי זין דינען אין דער פּאָליציי און האָבן אָנגעטון יידן געברענטע צרות. זיי האָבן דאָס טאַקע געכאַפּט דעם ד״ר זיסקין פון נאָוואָגרודעק, ווען ער איז, אין נאָוועמבער 1942, אַנטלאָפן צו די פּאַרטיזאַנער אינאיינעם מיט בן־ציון גולקאָוויטש, יעקב רודניצקי, מיכל לייבאָוויטש, משולם באָלדע, מרדכי שמוליעוויטש, אליעזר קאָטליער און יצחק באָרקאָוויטש, און אים איבערגעגעבן צו די דייטשן. צוקומענדיק ביינאַכט צום הויז פון די מערדערס, האָבן די הינט, וועלכע האָבן געהיט דעם הויף, אָנגעהויבן שטאַרק צו בילן. לאַווסקי, וועלכער האָט זיך געפונען אין שטוב, האָט פאַרשטאַנען, אַז אין אַזאַ שפּעטער שעה קענען קומען אויף אַ וויזיט נאָר פּאַרטיזאַנער. ער האָט זיך גלייך אַ לאָז געטון דורכן פענצטער. די פּאַרטיזאַנער האָבן עס אָבער באַמערקט און געכאַפּט אים אַ לעבעדיקן. נאָך אַ לאַנגער אויספאָרשונג, באַגלייט מיט קלעפּ, און נאָכן אָפּנעמען ביי אים דאָס געווער און די אָנגערויבטע יידישע פאַרמעגנס, האָט מען די גאַנצע פאַמיליע אויסגעשאָסן און דיווירטשאַפט פאַרברענט, איבערלאָזנדיק אַ מעלדונג, אַז דאָס האָבן זיך די יידישע פּאַרטיזאַנער אָפּגערעכנט מיט זייער שונא און, אַז אַזאַ סוף וועלן האָבן אַלע יידן־מערדערס.

„אין דעצעמבער 1942, האָט חנן פרעסמאַן איבערגעגעבן ביעלסקין, אַז נישט ווייט פון כוטאָר אַבעלקאָוויטש (נאָוואָגרודקער געגנט), געפינט זיך אַ פויער, קאָמענדאַנט פון דער אָרטיקער ווייסרוסישער „סאַמאָכאָוועי", וועלכער האָט שוין אומגעבראַכט צענדליקער יידן. ביעלסקי פאַראָרדנט קעגן דעם פויער אַ שטראָף־עקספּעדיציע. דער באַפעל איז געווען: אַלץ פאַרניכטן און קיינעם נישט לאָזן לעבן. דעם 25סטן יאַנואַר 1943, ביינאַכט, האָט מען אַרומגערינגלט דעם פויערס הויז. לעבן יעדן פענצטער האָט מען געשטעלט וואַכן. דער קאָמאַנדיר, טוביה, זיין ברודער עשהאל, פסח פרידבערג, בן־ציון גולקאָוויטש און מיכל לייבאָוויטש, זענען אַריין צום פויער אין שטוב. אין צימער איז געשלאָפן די גאַנצע משפּחה פון פויער. פסח פרידבערג, וועלכער האָט געקענט דעם פויער פון אויסזען, האָט זיך צו אים צוגעזעצט אויספרעגן, וואָס עס הערט זיך. דער פויער האָט נישט דערקענט אין די אַריינגעקומענע, אַז דאָס זענען יידן. ער האָט זיי געענטפערט אין דער ווייסרוסישער שפּראַך צום גראַם: „די פויערים לעבט זיך גאַנץ גוט און מען באָדט זיך אין יידיש בלוט!" „אָט — דערציילט ער — האָב איך מיט עטלעכע טעג צוריק געכאַפּט צוויי יידן און אַ פרוי מיט צוויי קינדער. איך האָב זיי אַ גאַנצע נאַכט געהאַלטן אין קעלער, ווו זיי זענען גוט דערפרוירן געוואָרן און דאַן האָב איך זיי

איבערגעגעבן דער פּאָליציי אין דוואָרעץ. מיט אַ פּאָר וואָכן פריער האָבן מיר געכאַפּט עלף יידן, מיר האָבן זיי צונויפגעבונדן ווי די שעפּסן און אָפּגעפירט צו די דייטשן".

„אויף דער פראַגע, ווי אַזוי דערלויבט ער זיך אַזוינס צו טון, האָט דער פויער תמעוואַטע געענטפערט: — „היטלער האָט אַרויסגעגעבן אַזאַ באַפעל און מיר מוזן עס אויספירן".

„פאַרן אויספירן אַזוי געטריי היטלערס באַפעלן איז ער און זיין גאַנצע משפחה געוואָרן אויסגעקוילעט. אויף די הייזער האָט מען אַרויס־געהאַנגען מעלדונגען, אַז דאָס האָבן געטון יידישע פאַרטיזאַנער און אַזאַ וועט זיין דער סוף פון די אַלע, וועלכע אַרבעטן מיט מיט די דייטשן" (דאָרט, — ז"ז, 78־80).

דעם 3טן יאַנואַר 1944, איז עשהאל ביעלסקי מיט אַ גרופּע פון פינף מאַן אַריינגעפאַרן אין שטעטל איוועניעץ צום אַפּטייקער און צוגענומען ביי אים מעדיקאַמענטן. דאָס שטיקל אַרבעט איז אַדורך אָן קרבנות, האַרט אונטער דער נאָז פון די דייטשן. זייענדיק צופרידן, וואָס עס האָט זיך אַזוי לייכט איינגעגעבן אַדורכצופירן די אויפגאַבע, האָבן זיי באַשלאָסן, אויף צוריקוועגס, זיך נוקם צו זיין אינעם וואַלד־וועכטער צישיק איוואַן, וועלכער האָט אין דעם ערשטן פעריאָד פון דער פאַרטיזאַנקע אָפּגעהיט, אַז אין זיין אומגעגנט, אַרום די גרויס־איזוויער וועלדער, זאָלן זיך נישט קענען באַזעצן קיין פאַרטיזאַנער און געהאַט אויף זיין געוויסן נישט איין יידיש לעבן. מען האָט דעם וואַלד־וועכטער מיט זיין גאַנצער משפחה און פאַרמעגן פאַרברענט.

בכדי אָנצוקומען אויף זייער באַזע, האָבן זיי געמוזט דורכשניידן דעם שאָסיי לידע־נאָוואָגרודעק. פּלוצלינג האָבן זיי באַמערקט צוויי פורן. זיי האָבן די פורן פאַרהאַלטן און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס זענען צוויי באַקאַנטע פויערים, יידן־מערדערס: וואַסילי ראַמאַניוק און סטעפּאַן בולהאַטע, וועלכע האָבן געדינט ביים דייטש און האָבן געהאַט פּאַסיר־שיינען אַלס נוצלעכע פערזאָנען. מען האָט זיי גלייך דערשאָסן און די פורן מיט די סחורה, זאַלץ, ציגאַרעטן אאַז"וו, האָבן די פאַרטיזאַנער צוגענומען.

אויך די פאַרטיזאַנער פון דער 3טער יידישער ראָטע פון אָרליאַנסקי־אָטריאַד האָבן אומברחמנותדיק גענומען נקמה פון די יידן־מערדערס.

צוויי קריסטן, מאַטשיי און אַנטאָן פון דאָרף מאַלערי (דוואָרעצער

גמינע, באַראַנאָוויטשער קרייז), פלעגן באַפאַלן די אַנטלויפנדיקע ייִדן פון זשעטלער געטאָ און איבערגעבן זיי דער דייטשער זשאַנדאַרמעריע. די דאָזיקע צוויי פויערים האָבן דאָס געכאַפּט דעם זשעטלער רב און זיין פרוי, אויסגעטאָן זיי נאַקעט און אָפּגעפירט אין דער זשאַנדאַרמעריע, ווו מען האָט זיי אויף אַ שוידערלעכן אופן דערמאָרדעט. די ייִדישע פּאַרטיזאַנער פון ליפּיטשאַנער פּושטשע האָבן באַשלאָסן נקמה נעמען פון די באַנדיטן.

דעם 10טן דעצעמבער, 1942, איז אַ גרופּע, וועלכע איז באַשטאַנען פון יחיאל יאָסעלעוויטש, שלום גולקאָוויטש, שלום גערלינג, חיים סלאָמקע, יהושע שאַכנאָוויטש, פּיניע גרין, אברהם מגיד א״אַ. אַריינגעפאָרן אין דאָרף מאַלערי און אַרומגערינגלט דאָס הויז פון פויער מאַטשיי. ער איז אָבער געווען ביי אַ שכן און געשיכורט. מען האָט דאַן אַרומגערינגלט דעם שכנס הויז, ווו עס זענען געזעסן פויערים און געטרונקען. די פּאַרטיזאַנער זענען אַריין אין שטוב, אַרויסגענומען מאַטשייען און פאַר אַלעמען אין די אויגן אים דערשאָסן, אויפקלערנדיק די סיבה פון זייער טאַט. אין יענער נאַכט האָט מען אויך אומגעבראַכט דעם צווייטן מערדער, אַנטאָן.

אַ גרופּע ייִדישע פּאַרטיזאַנער פון אָרליאַנסקי־אָטריאַד איז, פאָרנדיק אויף אַ ווירטשאַפטס־אויפגאַבע לעבן דוואָרעץ (זשעטלער געגנט) אַריין עסן צו אַ באַקאַנטן פויער. דער פויער האָט זיי דערציילט, אַז אין יעזאַר־וויצער כוטאָר (7 קילאָמעטער פון דוואָרעץ), זענען אַריין עלף אַנטלאָפענע ייִדן פון דוואָרעצער שחיטה און געבעטן אַ דערלויבעניש איבערצונעכטיקן. דער פויער האָט זיי זייער פיין אויפגענומען, געגעבן זיי אָפּצועסן און וואַסער אויף אַרומצווואַשן זיך. ווען די ייִדן זענען מידע, דערשלאָגענע איינגעשלאָפן, האָט ער עס תיכף געמאָלדן, דורך זיין זון, צו דער קאָזלאָווטשיזנער פּאָליציי (סלאָנימער געגנט). עס זענען באַלד אַראָפּגעקומען פופצן ווייסרוסישע פּאָליציסטן, אַלע ייִדן אַוועקגעטריבן קיין קאָזלאָווטשיזנע און דאָרט זענען זיי, אויף אַן אַכזריותדיקן אופן, אומגעבראַכט געוואָרן.

די א״ד גרופּע, מיטן רוסישן ראָטע־קאָמאַנדיר, סערגיי פּלאַגאָ בראָש, איז, נאָכן אויסהערן די דאָזיקע מעשה, תיכף אַוועקגעפאָרן צו די באָרקער כוטאָרעס צום פויער, וועלכער האָט אויך געהייסן באָרקע. עלף אַזייגער ביינאַכט האָבן זיי אָנגעקלאַפּט צו אים אין טיר. עס האָט זיי געעפנט באָרקע

אַליין. ער האָט זיי זייער שיין אויפגענומען און געשטעלט שנאַפּס אויפן טיש. אויף דער פראַגע, צי ער איז אַליין אין שטוב, האָט ער געענטפערט, אַז זיין 24־יעריקער זון איז אויך דאָ. מען איז גלייך צוגעטראָטן אויסצו־פאָרשן זיי. לכתחילה האָבן זיי ביידע געלייקנט, אָבער נאָך אַ פּאָר געזונטע קלעפּ האָט זיך דער זון מודה געווען און דערציילט אויספירלעך וועגן דעם גאַנצן פאַל. מען האָט קאָנפיסקירטביים פויער זיין גאַנצע האָב־און־גוטס, דאָס הויז מיט די שייערן פאַרברענט, אַלע משפּחה־מיטגלידער אויס־געשאָסן און דער פויער מיטן זון האָט מען נאַקעטערהייט צוגעבונדן צום שליטן און אָפּשלעפּנדיק זיי עטלעכע הונדערט מעטער, דערשאָסן.

די גאַנצע פּאַרטיזאַנער־גרופּע האָט געגעבן אַ שבועה ביי די פּגרים פון די מערדערס, אַז זיי וועלן נקמה נעמען פון יעדן איינעם, וועלכער האָט אַ חלק אין פאַרגאָסענעם יידישן בלוט.

דער פּאַרטיזאַן אַברהם מגיד האָט, פאָרנדיק אויף אַ ווירטשאַפטס־אויפגאַבע פאַרן אָרליאַנסקי־ אָטריאַד זיך דערוווּסט, אַז דער קריסט קולעש, וועלכער האָט געוווינט לעבן שטעטל ביעליצע, האָט אַרויסגעגעבן צו די דייטשן די גאַנצע פאַמיליע פון ביעליצער שוסטער, לייזער־חיים שעשקאָ. שעשקאָ האָט זיין גאַנצן שוער־פאַרהאַרעוועטן פאַרמעגן אָפּגעגעבן צו באַהאַלטן, קולעשן, אַלס זיין בעסטן גוטן פריינט. קולעש האָט זיך נישט געקענט דערוואַרטן די מינוט, ווען ער וועט שוין קענען ירשנען דעם יידישן שוסטער, זיין אומגעדולד איז דערגאַנגען צו אַזאַ אַכזריותדיקער מדרגה, אַז ער האָט פאַר שעשקאָן געבראַכט סם אין געטאָ און פאַרגעלייגט אים נישט צו וואַרטן, ביז די דייטשן וועלן זיי אומברענגען, נאָר זיי זאָלן זיך בעסער אַליין נעמען דאָס לעבן.

נאָך דער צווייטער שחיטה אין זשעטלער געטאָ, איז שעשקאָן מיט זיין פאַמיליע געלונגען זיך צו ראַטעווען און ער איז אַנטלאָפן צו זיין „גוטן פריינט״, קולעשן, ווו ער האָט געהאָפט זיך אויסצובאַהאַלטן. קולעש נעמט זיי פריינטלעך אויף. בשעת זיי זענען מידע און דערשלאָגענע איינגעשלאָפן, האָט קולעש אויסגענוצט דעם מאָמענט, אַוועקגעלאָפן אין זשעטל און געבראַכט צוויי דייטשן און צוויי ווייסרוסישע פּאָליציסטן. די אומגל קלעכע האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון די מערדערישע קלעפּ און מיט שרעק דערזען פאַר זיך די באַוואָפנטע מערדערס און קולעשן מיטן טייוולאָנישן שמייכל,

וועלכער האָט זיך צו אים אָפּגערופֿן: „געגנוג שוין אייך צו לעבן גוט, איצט וועלן מיר שוין נעמען לעבן!" שעשקאָס פֿאַמיליע איז אָפּגעפֿירט געוואָרן קיין בעליצע, ווו זיי זענען עפּנטלעך, ביי אַ בראַוואָ־פּאַטשעריי און הילכיקן געלעכטער פֿון פֿאַרזאַמלטן המון, דערשאָסן געוואָרן.

אַברהם מגיד האָט גענומען מיט זיך נאָך אַכט ייִדישע פּאַרטיזאַנער און אַוועקגעפֿאָרן צו קולעשן. זיי האָבן אַרויסגעפֿירט זייך גאַנצן פֿאַרמעגן, פֿאַרברענט דאָס הויז און אומגעבראַכט זיין פֿרוי און טאָכטער. קולעשן גופֿא האָבן זיי פֿאַרשלעפּט מיט זיך אויפֿן פּראָם איבערן טייך ניעמאַן, וועלכן זיי האָבן באַדאַרפֿט אַריבערפֿאָרן, אָנגעבונדן אַ שטיין אויפֿן האַלדז און דערטרונקען.

דער אָרליאַנסקי־אָטריאַד האָט ענדע פֿעברואַר 1943, דורכגעפֿירט אַ שטראָף־עקספּעדיציע איבערן דאָרף סיוויטש (ביי זשעטל), אַלס נקמה־אַקט פֿאַר דעם טויט פֿון די העלדישע ייִדישע פּאַרטיזאַנער: אַברהם ראָשקין (זשעטל), יונה אָזשעכאָווסקי (ביעליצע) און פֿאַרן ערנסט־פֿאַרוווּנדעטן ליפּע גליקמאַן (היינט — אין ישראל), וועלכע האָבן זיך אָנגעטראָפֿן אויף אַ לויערונג פֿון דער דאָרפֿישער „סאַמאָכאָווע".

די שטראָף־עקספּעדיציע האָט באַקומען אַ באַפֿעל: נעמען דעם אָנפֿי־רער פֿון דער סיוויטשער „סאַמאָכאָווע", קאָסטיק ליובעצקי, אַ לעבעדיקן און רעקווירירן די שפּייז־רעזערוון, דעם לעבעדיקן און טויטן אינווענטאַר פֿון גאַנצן דאָרף. דאָס הויז פֿון ליובעצקין איז פּלוצלינג אַרומגערינגלט געוואָרן אין מיטן העלן טאָג. ער איז אויפֿגעפֿאָדערט געוואָרן אַרויסצוגיין אין דרויסן. אויף דער פֿאָדערונג האָט ער געענטפֿערט מיט אַ שיסעריי און מיט אויסרופֿן, אַז „זשידעס" וועט ער צו זיך אין שטוב נישט אַריינלאָזן. דער ראָטע־קאָמאַנדיר, יוזשקאָוו, וואַרפֿט דאַן אַוועק זיין אויטאָמאַט און פֿאַרזיכערט ליובעצקין, אַז ער איז אַ רוס און אַז ער וויל זיך מיט אים בלויז פֿאַרשטענדיקן. קאָסטיק עפֿנט דאַן די טיר. אויסנוצנדיק דעם מאָ־מענט, רייסן זיך אַלע פּאַרטיזאַנער אַריין אין שטוב. נאָך אַ קורצער ראַנג־לעניש איז ער דערשאָסן געוואָרן. אין דער זעלביקער צייט האָבן די איבעריקע פּאַרטיזאַנער „באַאַרבעט" דאָס דאָרף, צונעמענדיק דאָס פֿויערישע גוטס. דער דרייסטער נקמה־אַקט, האָט אָנגעוואָרפֿן אַ פּחד אויף דער פּויערישער באַפֿעלקערונג פֿון דער גאַנצער געגנט. באַזונדערס צוליב דעם,

וואָס דאָס שטיקל אַרבעט איז פאַרגעקומען 12 אַזייגער בייטאָג, האַרט אונ־טער דער נאָז פון זשעטלער דייטשן גאַרניזאָן.

אויך די פּאַרטיזאַנער פון יידישן „זשוקאָוו"־אָטריאַד האָבן געמאַכט אַ חשבון מיט גוֹיִם־מערדערס און דייטשע מיטהעלפערס צום יידן־אויסראָט:

„אַ צוואַנציק נפשות אַנטלאָפענע פון באַראַנאָוויטשער געטאָ האָבן אויסגעבויט אַ גוט־פאַרמאַסקירטע „זעמליאַנקע" אין וואַלד און האַרט זיך אויפגעהאַלטן אַ לענגערע צייט. קריסטן פון דער סביבה האָבן אויסגעשפּירט זייער באַהעלטעניש און געבראַכט דייטשן, וועלכע האָבן אַלעמען אויסגע־שאָסן אַ חוץ צוויי, וועלכע עס איז על פּי נס געלונגען זיך צו ראַטעווען: פּנחס לאַכאָוויצקי און קומאָק. נאָך דעם פאַל האָבן זיך די צוויי געראַטע־וועטע איינגעשלאָסן אין „זשוקאָוו"־אָטריאַד און פּנחס לאַכאָוויצקי האָט זיך נוקם געווען אין די מוסרים. ער איז אַוועק צו די, אויף וועמען עס איז געפאַלן אַ חשד און געפינענדיק ביי זיי מלבושים פון זיין פרוי און קינדער, האָט ער זיי אויפן אָרט דערשאָסן.

(י. רייך, — וואַלד אין פלאַמען" — ז' 169).

„דער קלעצקער ייד יאַנקל געלער איז געווען פּאָפּולער אין דער פּאַרטיזאַנער־פאַראייניקונג פון גענעראַל־מאַיאָר קאַפּוסטין. ביי יעדע מילי־טערישע אַקציע קעגן די דייטשן אין קלעצקער ראַיאָן, איז ער געווען דער אויסשפּירער און וועגווייזער. ער האָט אַנגעוואָרפן אַ פּחד אויף דער אָרטיקער באַפעלקערונג, וואָס האָט זיך באַרייכערט אַדאַנק דער אויס־ראָטונג פון די יידן און האָט זיך בעיקר באַשעפטיקט מיט אַרויסבאַקומען צוריק גאָלד־מטבעות און אַנדערע ווערטפולע יידישע אַנגערויבטע זאַכן פון די גיריקע ווייסרוסישע פּויערים, לטובת דער פּאַרטיזאַנער באַוועגונג.

(דאָרט, — ז"ז, 206־207).

אין דער ערשטער צייט, ווען די צעלאָפענע יידן פון די געטאָס האָבן נאָך געלעבט אין די פּושטשעס אַלס באַזונדערע, איינצלנע, קליינע גרופּעס, איז זייער עיקר טעטיקייט געווען — נקמה.

אַ גרופּע יוגנטלעכע פון איוויע, וועלכע האָבן געלעבט אין אַ בונקער אין מאַרינער וואַלד (8 קילאָמעטער פון שטעטל), האָט זיך בלוטיק אָפּגע־רעכנט מיטן פּויער לאַסטון, פון דאָרף סטריזשיבאַט. לאַסטון האָט, נאָכן צונעמען ביי דער איוויער פרוי, פריידל וויסמאַנסקי, איר ביסל געלט, וועלכע זי האָט געהאַט, נאָכן ראַטעווען זיך בעת דער ליקווידאַציע פון איוויער געטאָ (17טן יאַנואַר, 1943, זענען אַלע יידן אַרויסגעפירט געוואָרן קיין באַריסאָוו), געשלעפּט זי דריי קילאָמעטער פאַר די האָר צו דער איוויער

זשאַנדאַרמעריע, ווו זי איז אומגעקומען אין שרעקלעכע יסורים.

שעפּסל שעפטל, הירש לעווקאָוויטש, לייב קאַלמאַנאָוויטש (שפּעטער דערמאָרדעט געוואָרן דורך אַנטיסעמיטישע פּאַרטיזאַנער), און הירשט גאָלד־שמיד, זענען ביינאַכט אַוועק צום א״ד פּויער און אויפגעפאָדערט, אַז ער זאָל זיי גיין וויזן דעם וועג צו אַ צווייטן דאָרף. אָפּגייענדיק עטלעכע קילאָמעטער דורך אַ וואַלד, האָבן זיי ביי אים דורך־אַגב געפרעגט וועגן גורל פון דער יידישער פרוי, וועלכע באַהאַלט זיך אויס ביי אים. נישט באַקומענדיק קיין ענטפער האָט אים שעפּסל שעפטל דערשאָסן. אין היטל האָבן די פּאַרטיזאַנען אַריינגעלייגט אַ צעטל מיטן פאָלגנדיקן אינהאַלט: „דערשאָסן געוואָרן פאַר איבערגעבן אַ יידישע פרוי אין דייטשע הענט".

לויטן באַפעל פון קאָמאַנדיר סטאַריצקי איז אַ גרופּע יידישע פּאַרטי־זאַנער אַוועק אין שטעטל האָראָדאָק (וואָלאָזשינער געגנט), כדי אויסצופירן אַ טויט־אורטייל איבער דעם ווייסרוסישן בירגערמייסטער פּראַדוכאַ, וועלכער האָט צוזאַמען מיט דער געשטאַפּאָ אַדורכגעפירט די שחיטה פון די שטעטלשע יידן. אונטערן דעקמאַנטל פון דער פינצטערער נאַכט האָט זיך די גרופּע אַריינגעריסן אין בירגערמייסטערס הויז, אַרויסגעשלעפּט אים אויפן הויף און דער יידישער פּאַרטיזאַן ראַגאָווין (וואָלאָזשין) האָט אים אַריינגעשאָסן אַ קויל אין שלייף. אַ רוסישער באַדינער, וואָס האָט געאַרבעט ביי פּראַדוכאַ, האָט באַוויזן די באַהעלטעניש, ווו עס ליגט דאָס אָנגערויבטע יידישע פאַרמעגן. די פּאַרטיזאַנער האָבן אַרויסגעפירט אין וואַלד אַריין זעקס פורן מיט יידיש האָב־און־גוטס.

אין די וועלדער אַרום די דערפער מיקאָלאַיעוואָ, וואָוטשיצאַ און דובראָיסק (מאָראָטשנער ראַיאָן, פּאָלעסיע), האָבן געלעבט לערך 100 יידן, אַנטלאָפענע פון די שחיטות פון די שטעטלעך סיערניק, מאָראָווין און קאָסטאָפּאָל. בראָש פון דער גרופּע איז געשטאַנען כאַצקל ליבערמאַן. די גרופּע האָט פאַרמאָגט בלויז 2 ביקסן, איין פּיסטאָלעט און אַ קורצע ביקס.

דעם 1טן יאַנואַר, 1943, איז פּלוצלינג דער לאַגער באַפאַלן געוואָרן דורך פּאָליציסטן און עס זענען אומגעקומען זיבעצן יידן.

נאָך דעם האָט מען זיך דערוווסט, אַז דער איבערפאַל איז פאָרגעקומען צוליב אַ מסירה פון צוויי פויערים פון דאָרף מיקאָלאַיעוואָ: איוואַן גיכער און לעווקאָ.

די יידן האָבן באַשלאָסן צו נעמען פון זיי נקמה. אַ גרופּע פון 6 מאַן, אונטער דער אָנפירונג פון לוי פישמאַן (זאַמאָראָטשניע) און אַ צווייטע גרופּע בראש מיט משה טורקעניטש, זענען אַוועק אין א״ד דאָרף און „דערליידיקט" ביידע מוסרים־באַנדיטן.

די גרופּע האָט אויך אומגעבראַכט די שוחטים פון די סיערניקער יידן: דעם פּאָליציי־קאָמענדאַנט איוואַן פּאָליווניק, די ברידער אַנדריי און דאַנילאָ דראָכטיוק און אַדורכגעפירט נאָך פיל נקמה־אַקטן אין זייער טעטיקייטס־ראַיאָן.

באַלד נאָכן דייטשן אַריינמאַרש אין פּאָלעסיע האָט דענישציק, אַן אוקראַינישער פויער פון דאָרף סטאַראָיע סיעלאָ (סטאָלינער ראַיאָן), אָרגאַניזירט אַ גרופּע פויערים מיטן ציל אויסצומאָרדן יידן. זיי זענען אַוועק אין שכנישן דאָרף טאַנעזש און אויסגעהרגעט די עטלעכע צענדליק יידן, וואָס האָבן דאָרט געלעבט. אין גאַנצן געגנט האָט מען גערעדט וועגן דעם, איניצייִרטן דורך די פויערים מאַסן־מאָרד און מען האָט געוווסט צו דערציילט וועגן דער אַכזריות פון פויער וואַסילי פישניאַק, וואָס האָט די יידישע קינדער דערשטאָכן מיט אַ מעסער.

הירש אָלשאַנסקי, קאָמאַנדיר פון אַ דיווערסיע־גרופּע אין אָטריאַד „קאָטאָווסקי", וואָס האָט זיך באַזירט אין דעם ראַיאָן, האָט איבערצייגט דעם שטאַב־נאַטשאַלניק אין דער נויטווענדיקייט פון אַ שטראָף־עקספּעדיציע קעגן די רוצחים.

אין מערץ 1943, זענען זיי, צוזאַמען מיט צוויי אָפּטיילונגען פּאַרטיזאַנער, אַוועק אין דעם דאָרף און אַרעסטירט די פויערים: וואַסילי פישניאַק, מאַקסים לעסאָוויעץ (אַ געוועזענער פּאָליציאַנט אין דייטשן דינסט, וואָס האָט אייגנהענטיק דערמאָרדעט אָלשאַנסקיס פּעטער, מאיר באַרמאַן), איוואַן זאָלאָטאָזוב (אַ קאָלאָבאָראַנט, וואָס האָט איבערגעגעבן ידיעות וועגן די פּאַרטיזאַנישע באַזיסן), וואַסילי וואַקוליטש און איוואַן פישניאַק. אויסנוצנדיק די נאַכט־פינצטערניש זענען לעסאָוויעץ און וואַסילי פישניאַק אַנטלאָפן ממש פון אונטער די פּאַרטיזאַנישע הענט. די איבעריקע פויערים יידן־מערדערס זענען דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט.

די געציילטע יידישע פאַמיליעס, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ביי

די פּויערים אָדער געלעגן אין די וועלדער אין יענער געגנט, האָבן אַדאַנק די נקמה־אַקטן איבערגעלעבט די מלחמה.

דער סעקרעטאַר פון דער מייטשעטער גמינע (נאָוואָגרודקער קרייז) האָט געוווינט אַ האַלבן קילאָמעטער פון שטעטל. ער איז געווען אַ דייטשער קאַלאַבאַראַנט און פלעגט פאַרהאַלטן יעדן אומגליקלעכן ייִדן, וועמען עס איז געלונגען צו אַנטלויפן פון געטאָ, דערשיסן און צורויבן זיין לעצטן ביסל האָב־און־גוטס. די ייִדישע פאַרטיזאַנער פון די האַרקער וועלדער (ייִדן פון דוואַרעץ און מייטשעט) האָבן באַשלאָסן זיך נוקם צו זיין אין דעם בלוטיקן שונא, בכדי צו באַווייזן די אַרומיקע קריסטן, אַז עס איז דאָ אַ שטראָפנדיקע האַנט, וועלכע מאַכט אַ חשבון מיט מערדערס, וואָס פאַרגיסן ייִדיש בלוט. ניין אַזייגער אינאָוונט איז אַ גרופּע פון ניין מאַן מיט זעקס ביקסן (די איבע־ריקע מיט שטעקנס) און אַ ליטער בענזין, אַוועק אין דער ריכטונג פון סעקרעטאַרס הויז. איינס אַזייגער ביינאַכט איז אַרומגערינגלט געוואָרן דער כוטאָר און מען האָט אַוועקגעלייגט לעבן יעדן פענצטער צוויי באַוואָפנטע פאַרטיזאַנער. לויטן באַפעל פון קאָמאַנדיר איז דייכעס צוגעשיקט געוואָרן אָנצוקלאַפּן אין פענצטער פון רוצח און צו בעטן ביי אים ברויט, בכדי דער סעקרעטאַר מיט זיין זון זאָלן אַרויסלויפן אין דרויסן (ווי ער פלעגט עס שטענדיק טון) צו כאַפּן די אומבאַוואָפנטע ייִדן איבערצוגעבן זיי אין דייטשע הענט. אַזוי ווי פאַרפילנדיק עפּעס דראָענדיקס, איז ער דאָסמאָל נישט אַרויס. דער סעקרעטאַר האָט אַרויסגעוואָרפן אַ שטיקל ברויט דורכן פענצטער. דייכעס האָט זיך דאַן אָנגערופן: — „מיר זענען נישט קיין הינט, לאָזט אונדז אַריין אין שטוב און גיט אונדז אָפּצועסן ווי מענטשן“. דער סעקרעטאַר מיטן זון האָבן דאַן אָנגעהויבן צו שיסן דורך די פענצטער. די לויערנדיקע פאַרטיזאַנער האָבן געענטפערט מיט פייער. דייכעס איז אַרויפּ־געקראָכן אויפן דאַך מיט אַ פלאַש בענזין און אונטערגעצונדן דאָס הויז. דער סעקרעטאַר מיט זיין גאַנצער משפחה זענען פאַרברענט געוואָרן לע־בעדיקערהייט.

אַ גרופּע ייִדישע פאַרטיזאַנער פון ציגאַנקאָווס אָטריאַד (אַנטלאָפענע פון באַראַנאָוויטשער געטאָ), האָט באַקומען אַ באַפעל צו צעשניידן די טע־לעפאָן־דראָטן אויפן שאָסיי בריסק־מאָסקווע. זעקס מאַן זענען אַוועק אויס־פירן די אויפגאַבע. אַן ערך 7 קילאָמעטער פון שאָסיי, ווו זיי האָבן באַדאַרפט

דורכפירן דאָס שטיקל אַרבעט, האָבן זיי אָנגעקלאַפּט צו אַ פּויער. אַ דער־שראָקענער עפנט זיי דער פּויער די טיר. די פּאַרטיזאַנער האָבן ביי אים געבעטן אַ זעג מיט אַ האַק, נישט וואַרטנדיק, ביז דער פּויער וועט זיי געבן די געבעטענע כלים, האָבן די פּאַרטיזאַנער אַליין אָנגעהויבן צו זוכן און געפונען אַנשטאָט אַ האַק אָנגערויבטע יידישע זאַכן.

— „פון וואַנען קומען דאָס צו דיר יידישע זאַכן? וויפל יידן האָסטו דערמאָרדעט?!"

דער פּויער האָט לכתחילה נישט געענטפערט קיין וואָרט, אָבער נאָכ־דעם, ווי ער האָט באַקומען אַ פּאָר שטאַרקע קלעפּ, האָט ער אָנגעהויבן צו ריידן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז זיין זון דינט אין דער דייטשער פּאָליציי און די זאַכן האָט ער עס טאָקע געבראַכט פאַרן טאַטן אַ מתנה. די יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן דאַן אויסגעליידיקט דאָס גאַנצע הויז און אַוועק־געשיקט עס צו זיך אין לאַגער. דעם פּויער מיט זיין גאַנצער פאַמיליע האָבן זיי צעשאָסן און דאָס הויז פאַרברענט. אויפן אָרט האָבן זיי איבערגע־לאָזט אַ צעטל אין דער רוסישער שפּראַך: „אַזוי וועט מען טון מיט אַלעמען, ווער עס וועט העלפן די דייטשן".

אויך וואָלין זענען דורך יידישע פּאַרטיזאַנער אומגעבראַכט געוואָרן פיל אוקראַינישע פאַשיסטן פאַר מאָרדן יידן און מיטאַרבעטן מיטן דייטש.

דער יידישער ווזוואָד פון קרוקס־אָטריאַד האָט בעיקר אין דער ער־שטער צייט נאָך זייער אַרויסגיין אין די וועלדער, סיסטעמאַטיש אָפּגענומען ביי די פּויערים דאָס אָנגערויבטע יידישע אייגנטום פון די אַרומיקע געטאָס. זיי האָבן אויך אומבארחמנותדיק פאַרניכטעט אַלעמען, ווער עס האָט אָנטייל גענומען אין יידישע שחיטות און אַרויסגעגעבן צו די דייטשן אַנטלויפנדיקע יידן.

אַ גרופּע פון 15 מאַן פון א"ד אָטריאַד איז אַוועק אין דאָרף שטשערעוויטש (קאַמיען־קאָשירסקער ראַיאָן) צו כאַפּן דעם גמינע־סעקרעטאַר, וואָס האָט דערמאָרדעט צענדליקער רוסישע זעלנערס און קאָמאַנדירן, בעתן אָפּטרעטן פון דער רויטער אַרמיי און אַקטיוו אָנטיילגענומען ביים ליקווידירן די יידן אין שטעטל קאַמיען־קאָשירסק. דעם סעקרעטאַרס הויז איז אַרומגערינגלט געוואָרן און מען האָט באַפוילן עפענען די טיר, אָנגעבנדיק זיך אַלס אוקראַי־נישע פּאָליציסטן. אויפן פּאַרטיזאַנישן שטייגער האָט מען אַריינקומענדיק

גלייך געפרעגט, צי עס געפינען זיך נישט אין שטוב קיין פרעמדע מענטשן און נאָכן אַדורכפירן אַ גרינטלעכע רעוויזיע, באַפוילן אַלעמען אויסצולייגן זיך אויפן דיל מיטן פנים אַראָפּ. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער סעקרעטאַר איז אין שטוב נישט געווען און אַז ער נעכטיקט נישט אין הויז צוליב מורא פאַר נקמה. די וואַכן, וועלכע זענען געווען אויסגעשטעלט אַרום דאָרף, האָבן באַמערקט, אַז אַ פאַרדעכטיקטע פערזאָן דרייט זיך אַרום. אויפן באַפעל: — „שטיי, די הענט אין דער הויך!", האָט ער אָנגעהויבן צו אַנטלויפן. אַ פּאַרטיזאַנישע קויל האָט אים אָבער שנעל אָנגעיאָגט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס האָט מען דערשאָסן דעם געזוכטן סעקרעטאַר. זיין גאַנצן פאַרמעגן האָבן די פּאַרטיזאַנער צוגענומען און דאָס הויז פאַרברענט.

אין אָקטאָבער, 1942, איז די זעלביקע יידישע פּאַרטיזאַנער־גרופּע אַרויס אין דאָרף לישניפקע (מאַניעוויטשער ראַיאָן) צו כאַפּן דעם פּאָליציי־קאָמענדאַנט, וועלכער האָט אָנטיילגענומען אין דער ליקווידאַציע פון די מאַניעוויטשער יידן. דעם קאָמענדאַנטס שטוב איז געוואָרן אַרומגערינגלט. דער שלאָפנדיקער קאָמענדאַנט האָט שוין נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו קעגנשטעלן זיך. מען האָט אים געבונדן און אַלע שטוביקע באַפוילן אויסצולייגן זיך מיטן פנים צום דיל. נאָך עטלעכע שעה פון פייניקן אים האָט ער מסכים געווען צו באַווייזן, וווּ עס געפינט זיך זיין ביקס. אָבער אַרויסגייענדיק אין דרויסן אויפן וועג צום שייער, האָט ער אָנגעהויבן צו אַנטלויפן. די נאָכיאָגנדיקע פּאַרטיזאַנישע קוילן האָבן געמאַכט אַ סוף צו זיין לעבן. קומענדיק צוריק אין וואַלד האָבן אַ סך יידן דערקענט זייערע צוגערויבטע זאַכן.

צוויי טעג שפּעטער איז די זעלביקע גרופּע אַוועק אין דאָרף סיערכאָוו (מאַניעוויטשער ראַיאָן), כדי אומצוברענגען דעם אָנפירער פון דער אוקראַי־נישער מערדער־באַנדע „זיעלענעווצעס", וועלכער האָט געהאַט אויף זיין געוויסן פיל דערמאָרדעטע רוסישע זעלנערס, אָנטיילגענומען אין דער מאַניעוויטשער שחיטה, פלעגט פלייסיק אויספאַנגען פאַרבאַהאַלטענע יידן אין די דערפער און זיי אַליין אויסהרגענען. די אונטערגענומענע אָפּעראַציע איז געווען זייער אַ געפערלעכע צוליב דעם, ווייל אין דאָרף זענען געווען פיל באַוואָפנטע פויערים און דאָס דאָרף איז געווען ווייט פון דער פּאַרטי־

זאַנער־זאָנע. אָבער די נקמה־לוסט איז געווען ביי די יידישע פּאַרטיזאַנער זייער גרויס, און נישט קוקנדיק אויף דער ריזיקע און לעבנס־געפאַר האָבן זיי זיך דאָך דעצידירט זיך אָפּצורעכענען מיט דעם ווילדן יידן־פרעסער.

מיט הינטערשטע וועגן איז מען צוגעקומען צו דעם מערדערס הויז און עס אַרומגערינגלט. איינער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער פון דער זייט און אָנגעקלאַפּט, אָנגעבנדיק זיך אַלס איינער פון זיינע חברים. דער מערדער איז אויפן זינען נישט געקומען, אַז דאָס קענען זיין יידישע פּאַרטיזאַנער פון די וועלדער, ווייל אין דעם דאָרף זענען קיין פּאַרטיזאַנער ביז דאַן דאָך קיינמאָל נישט געווען. אויף דער פראַגע, ווו ס'איז זיין געווער און ווער עס זענען זיינע מיטאַרבעטערס, האָט ער געענטפערט, אַז קיין געווער האָט ער נישט און אַז זיינע מיטאַרבעטערס זענען אין שכנותדיקן דאָרף קאַראַסין. אָריענטירנדיק זיך אין דער לאַגע, איז ער אין די אונטערוועש אַרויסגעשפּרונגען דורכן פענצטער. די דרויסן־וואַך האָט אים נאָכגעשאָסן, פאַרוואונדעט און געבראַכט צוריק אין שטוב. נאָך זיין אָפּזאָג צו ענטפערן אויף די געשטעלטע פראַגעס, ווערט ער פאַרהרגעט צום טויט. די יידישע מעבל און מאַשינעס, וועלכע די פּאַרטיזאַנער האָבן נישט געקענט מיטנעמען מיט זיך, האָבן זיי חרוב געמאַכט.

אָנהייב נאָוועמבער 1942, איז די זעלביקע גרופּע יידישע פּאַרטיזאַנער אַוועק אין דאָרף אָזירעץ (ראַפאַלאָווקער ראַיאָן). די פויערים האָבן זיי דערציילט, אַז אַ פויער מיטן נאָמען קוזמאַ, האָט דערמאָרדעט פיל יידן אין שטעטל סיערניק און לעבעדיקערהייט געוואָרפן יידישע קינדער אין די ברונעמער. די פּאַרטיזאַנער האָבן באַשלאָסן, אַז פאַר די שוידערלעכע טאַטן דאַרף דער פויער באַצאָלן מיט זיין לעבן. אויף צומאָרגנס איז אַ גרופּע פון אַכט מאַן, אונטער דער אָנפירונג פון פאַרטרעטער פון אָטריאַד־קאָמאַנדיר, לאָרבער דב („מאַלינקע") אַוועק אויסצופירן די אויפגאַבע. דער „העלד", וויסנדיק פון די יידישע נקמה־אַקטן אין אַנדערע געגנטן, האָט זיך געהיט און פלעגט תמיד אַרומגיין מיט געווער אין קעשענע. מער ווי אַ האַלבע שעה האָבן די פּאַרטיזאַנער געקלאַפּט אין טיר און קיינער האָט זיי נישט געעפנט. ערשט נאָכן אויסהאַקן די שויבן און אַריינשיסן אין שטוב האָט זיך דערהערט אַ געוויין פון פרויען און קינדער. נאָכן אויפרייסן די ערשטע טיר פון קיך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די שטוביקע האָבן זיך

פאַרבאַריקאַדירט אין אַ צווייטן צימער. אַריינלייכטנדיק מיט אַ טאַשן־לאַמפּ, האָט מען באַמערקט, ווי דער מערדער שטייט לעבן דער צווייטער טיר מיט אַ האַק, גרייט צו וואַרפן זיך אויף יעדן, וואָס וועט פּרוּוון אַריינצורייסן זיך אין שטוב. די ייִדן האָבן דורכן פענצטער אַריינגעשאָסן צו קוזמאַן. די קויל האָט אים אָבער נישט געטראָפן. פון פּחד איז אים אַרויסגעפאַלן די האַק פון האַנט. די פּאַרטיזאַנער האָבן אויפגעריסן אויך די צווייטע טיר און זיך אַריינגעריסן אין צימער. מען האָט דעם גזלן געבונדן די הענט און די פיס און גענומען אים אויף אַ פאַרהער. ער האָט לכתחילה געלייקנט זיין אָנטייל אין פאַרגיסן ייִדיש בלוט, און, אַז ער זאָל האָבן געוווּער. דריי שעה האָט געדויערט דאָס מוטשען אים, אָבער ער האָט זיך געהאַלטן עקשנותדיק ביי דאָס זייניקע און נישט געוואָלט אָפּגעבן זיין געוווּער. די שטור־ביקע פויערטעס האָבן אָבער לסוף מודה געווען, אַז ער איז געווען אַ ייִדן־מערדער. מען האָט אים דערליידיקט אויפן אָרט.

די ייִדישע פּאַרטיזאַנער פון קרוקס־אָטריאַד האָבן דורכגעפירט נאָך פיל נקמה־אַקטן, וואָס עס האָט געהאַמעוועט די באַנדיטישע אַפּעטיטן פון די אוקראַיניש־פאַשיסטישע מערדערס צו מאָרדן אומגליקלעכע ייִדן.

האַרבסט 1942 איז געקומען צולויפן צום פאַמיליע־לאַגער ביים אָטריאַד מיסיוראַ אַ פאַרבלוטיקטער ייִדישער בחור, אשר טורקעניטש (האָראָדנע), וועלכער האָט זיך אויסבאַהאַלטן מיט זיין ברודער אין אַ וועלדל הינטערן דאָרף אַזיערסק. צו זיי פלעגן אָפט קומען אויף באַזוכן זייערע „גוטע פריינט", צוויי אוקראַאינישע פויערים פון דעם א"ד דאָרף. ביינאַכט איז געקומען איינער פון די פויערים, מיט אַ מעסער דערשטאָכן אַשרס ברודער און אים אַליין לייכט פאַרוווּנדעט. צופעליק איז דאַן קיינער פון די באַוואָפנטע חברה נישט געווען. אַלעק אַבוגאָוו נעמט מיט זיך צוויי אומבאַוואָפנטע ייִדן פון פאַמיליע־לאַגער, לוי פישמאַן (זאַמאַראַטשנע) און משה לאַנדע (דאַמבראַוויטש), וועלכע האָבן גוט געקענט די געגנט און לאָזט זיך אַוועק אין דאָרף אַזיערסק. דעם מערדער האָבן זיי אין שטוב נישט געטראָפן. ווען די פּאַרטיזאַנער האָבן אָנגעהויבן רעווידירן דאָס הויז, איז דעם פויערס אַ שוועסטער אַרויסגעשפּרונגען דורכן פענצטער כדי צו וואָרענען איר ברודער, וועגן דער דראָענדיקער געפאַר. אַבוגאָוו האָט דאָס אָבער גלייך באַמערקט און איר דערשאָסן. פאַראויסזעענדיק, אַז

מאַקסים מיסיורא

עס זיצן פון רעכטס צו לינקס: 1. נחמן זילבערפאַרב; 2. מאַקסים מיסיוראַ — קאָמאַנדיר פון אָטריאַד „וואָראָשילאָוו"; 3. פורים שמואל; עס שטייען פון רעכטס צו לינקס: 1. פרץ שוכמאַן; 2. באַקאַלטשוק מלך; טורקעניטש א.; אַלע פון שטעטל סערניק (וואָלין).

דער שאָס וועט אַרויסרופן אַ טומל אין דאָרף, צינדן די פּאַרטיזאַנער אונטער דאָס הויז און אַליין פאַרבאַהאַלטן זיי זיך אין דערבייאיקן וועלדל. לויטן אָפּרייד, האָט אַ פויער־פאַרבינדלער געדאַרפט געבן אַ צייכן דורך אויפהייבן זיין הוט אין דער הויך, ווען צווישן די פויערים, וועלכע זענען אָנגעלאָפן לעשן דאָס פייער, וועט זיך באַווייזן דער מערדער. אין עטלעכע מינוט אַרום, האָבן זיי טאַקע באַמערקט אַן אויפגעהויבענע הוט. די יידן האָבן זיך גלייך אַ לאָז געטון צום פייער אויסשיסנדיק עטלעכע מאָל אין דער לופטן. די פויערים זענען זיך אין שרעק צעלאָפן. דער אינפאָרמאַטאָר האָט אָנגעוויזן די פאַרטיזאַנער אויף איינעם, וועלכער האָט זיך געלאָזט לויפן אין אַן אַנדער ריכטונג. אַבוגאָוו האָט אים נאָכגעיאָגט. דעם מערדער האָט זיך אָבער איינגעגעבן אַריינצולויפן אין אַ שייער און פאַרקלאַפּן הינטער זיך די טיר. אַבוגאָוו זעצט אַרויס די טיר און מיט די ווערטער: — „דאָ האָסטו פאַר דאָס פאַרגאָסענע יידישע בלוט!“ שיסט ער אין אים אַריין צוויי קוילן.

די יידישע פּאַרטיזאַנער פון נאַטשער פושטשע האָבן פיל געליטן פון די פויערים פון יענעם ראַיאָן (וואַסילישאָק, ראַדון, זשעלודאָק, שטשוטשין), באַזונדערס ווען עס איז דאָרט אויפגעקומען די ווייס־פּוילישע פאַרטיזאַנקע. די ווייס־פּאָליאַקן איז געלונגען צו באַהערשן די אומגעגנט פון נאַטשער פושטשע און צו געווינען די סימפּאַטיע פון די פּוילישע פויערים. דער קאַמף מיט זיי אין דעם ראַיאָן איז געווען זייער אַ פאַרביסענער. דאָך האָבן די יידישע פּאַרטיזאַנער זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום זאַך און נקמה גענומען פון די פויערים יידן־מערדערס און ווייסע פּאָליאַקן.

דער פויער שאַמאַשקאָ פון דאָרף קאָוואַלקי (ראַדונער געגנט), האָט געהאַט באַהאַלטן דאָס אייגנטום פון דער יידישער פאַמיליע ראַגאָווסקי פון שטעטל ראַדון. ווען די ברידער משה און בנימין ראַגאָווסקי זענען געקומען צום פויער אָפּצונעמען זייערע זאַכן, האָט ער דעם יינגערן ברודער, משה, גלייך דערשאָסן און בנימין האָט אַ פאַרוווּנדעטער באַוויזן צו אַנטלויפן. דער דאָזיקער פויער איז געווען אַ גרויסער דייטשן־פריינט. ער האָט דאָס אָרגאַניזירט די פויערים פון דאָרף קאָוואַלקי קעגן די פּאַרטיזאַנער און זיי באַוואָפנט מיט דייטשישע געווער. ענדע אַפּריל, 1943, האָבן די יידישע פּאַרטיזאַנער פון א״ד אַטריאַד אויסגעהרגעט שאַמאַשקעס גאַנצע פאַמיליע און פאַרברענט די גאַנצע ווירטשאַפט.

פאַר מסרן און אַרויסגעבן יידישע פאַמיליעס צו די דייטשן האָט מען פאַרברענט דעם פויער, ראַקיטש, פון דאָרף ליליושי (ראַדונער קאַנט).

משה גודעס (איישישאָק) איז, גייענדיק נקמה נעמען פון דייטשע אַגענטן, געפאַלן דורך ווייסע פאַליאַקן ביים דאָרף קאַוואַלקי.

פאַר איבערגעבן אין די הענט פון די ווייס־פוילישע פאַרטיזאַנער דעם פאַרטיזאַן אַהרן בערקאָוויטש, האָבן די יידישע פאַרטיזאַנער אויסגעהרגעט די פויערים־משפחה, פיאַלקע, פון דאָרף באַבראָווע און זייער פאַרמעגן פאַרברענט.

אין דער נאַטשער פושטשע האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט מיט זייערע נקמה־אַקטן די געפאַלענע פאַרטיזאַנער: מרדכי קאַפּלאַן (ראַדון), שלמה קורליאַנדטשיק (סטאַנציע אָראַן), אליהו אַריעוויטש (ראַדון) און די העלדישע ברידער נקמה־נעמער: אַהרן־חיים און יעקב אַסנער (ראַדון), אליהו גרייס (גאָרקי), יעקב קאַניוכאָווסקי (וואָראָנאָווע) און פיל אַנדערע.

דער אָטריאַד „איסקראַ" האָט דערשאָסן דעם דייטשן אַגענט און בירגערמייסטער פון דאָרף געראַניאַן (ווילנער געגנט), דעם געוועזענעם פאַרמלחמהדיקן סענאַטאָר, סאָראָקאָ. וועלנדיק אַרויסווייזן זיין טרייקייט פאַר זיינע באַלעבאַטים, פלעגט ער און זיין זון אויסזוכן און איבערגעבן דער געשטאַפּאָ יידן, וועלכע האָבן געלעבט אויף אַרישע דאָקומענטן אין סובאָטניקער און גערעניאַנער גמינעס.

אויך די יידישע פאַרטיזאַנער פון רודניצקער און נאַראָטשער וועלדער האָבן אַדורכגעפירט נקמה־אַקטן אין זייער געגנט.

יעדער ייד האָט געשטרעבט נקמה צו נעמען פון די מערדער פון זיין פאַמיליע און פאָלק און שטילן כאָטש אין אַ קליינער מאָס דאָס צעשטורעמטע בלוט, דאָס האַרץ־געשריי אויף דעם פאַרגאָסענעם אומשולדיקן בלוט פון זייערע ברידער און שוועסטער, עלטערן און קינדער.

חיים לאַזאַר דערציילט:

„נאָך לאַנגע אַרומזוכענישן איז געלונגען אַ יידישע פאַרטיזאַנער־גרופּע פון די רודניצקער וועלדער צו כאַפּן אַ לעבעדיקן אין דאָרף דאַינאָווע (איישישאָקער געגנט) דעם פוילישן געהיים־אַגענט, באַלעסלאַוו אַצקאָרוניס. אַלס שליח פון דער געסטאַפּאָ האָט ער זיך בעיקר פאַרנומען מיט באַוואָפענען מיט דייטשישע געווער די פויערים פון דער אומגעגנט קעגן די פאַרטיזאַנער. די באַוואָפנטע פויערים פלעגן עפענען אַ שיסעריי אויף

> פּאַרטיזאַנער, ווען זיי פלעגן קומען אין די דערפער נעמען שפּייז־פּראָדוקטן פאַר זייערע אָטריאַדן. אַ גרופּע פון אַכט יידישע פּאַרטיזאַנער, וועלכע איז געווען אין ראַיאָן האָט באַקומען אַ ידיעה, אַז דער לאַנג־געזוכטער אָצקאָ־רוניס באַטייליקט זיך אין אַ „הוליאַנקע״ אין דאָרף דאַיגאָוואַ. אַריינרייסנ־דיק זיך אין הויז, האָט חיים לאַזאַר געמאָלדן די פיל אָנטיילנעמער אין דער שמחה, אַז דער דאָרף איז אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן דורך וואַכן און הונדערטער באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנער. ער האָט געוואָרנט פאַר מעגלעכע פּרוּוון צו אַנטלויפן און געפאָדערט אַרויסצוגעבן דעם דייטשן אַגענט. אָצקאָרוניס. נאָך אַ פערזענלעכער קאָנטראָל פון אַלע אָנוועזנדיקע מענער. וועלכע זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן מיטן פּנים צום וואַנט און מיט אויפגעהויבענע הענט, איז געלונגען צו דעמאַסקירן דעם געסטאַפּאָ־אַגענט ער איז אַוועקגעפירט געוואָרן אין וואַלד און גאָר שנעל האָט די קאָמאַנד־שאַפט אַרויסגעטראָגן אויף אים אַ טויט־אורטייל. פיל יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן זיך פרייוויליק געמאָלדן אויסצופירן דעם טויט־אורטייל. לסוף איז ער פאַרהרגעט געוואָרן דורך אַלעמען, באַגלייט מיט געשרייען: „פאַר מיינע דערמאָרדעטע עלטערן, פרוי און קינדער!...״
>
> („חורבן ומרד״, — ז״ז, 302־304).

אויך אין פּוילן, ווו די אָביעקטיווע באַדינגונגען פאַר די ייִדישע פּאַר־טיזאַנער זענען געווען פיל אומגינסטיקערע ווי אין די רוסישע געביטן, האָבן זיי דאָך נישט מותּר געווען אויף נקמה פון די פּוילישע רוצחים, וואָס האָבן מיטגעאַרבעט מיט דער אָקופּאַציע־מאַכט ביים אויסראַמען די ווייניקע ייִדן ווען עס איז געלונגען צו אַנטלויפן פון די געטאָס און לאַגערן. באַזונדערס שווער איז דאָרט געווען צו באַקעמפן די אַ. ק.־אָוצעס, ביי וועמען דאָס הרגענען ייִדן איז געווען אַ פיל הייליקערע מיסיע ווי דער קאַמף מיטן אָקופּאַנט.

די, אין גרעסטן טייל, שוואַך־באַוואָפנטע ייִדישע גרופּעס אין די פּוילישע וועלדער, האָבן פאַרשטאַנען, אַז אויב זיי וועלן נישט רעאַגירן קעגן פּאָליאַקן, ייִדן־מערדערס אָן ריקזיכט, וועט פאַר קיין איין ייִד נישט זיין קיין אָרט אין די וועלדער און דערפער. פּאַקטיש, איז ביזן אויפקום און פונאַנדערוווקס פון דער לינקער „אַ. ל.״ און אָנקום פון רוסישע פּאַר־טיזאַנער־פאָרמאַציעס פון לינקן זייט בוג, דער קאַמף מיט די פּוילישע קאָלאָבאָראַנטן און „אַ. ק.״ געווען כמעט די איינציקע קאַמפּס־אַקטיוויטעט.

ווייל צוליב די געגעבענע באַדינגונגען איז נישט געקומען אין חשבון אָפּעראַציעס קעגן די דייטשן.

מענדל גערעכט (היינט — אין ישראל) דערציילט אין „יזכור־בוך פון דער זשעלעכאָווער יידישער קהילה" וועגן אייניקע נקמה־אַקטן פון אַ זשעלעכאָווער פּאַרטיזאַנער־גרופּע:

„גייענדיק אויף אַן אויפגאַבע דורך די באַראַנאָווער־לובאַרטאָווער וועלדער, האָבן מיר געטראָפן אַ גרויסע גרופּע אומבאַוואָפנטע יידן, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון פאַרשיידענע געטאָס און זיך אויסבאַהאַלטן אין וואַלד. זיי האָבן אונדז דערציילט, אַז זיי ליידן שרעקלעך פון אָנפאַלן פון „אַ. ק."־באַנדעס. מיר, די באַוואָפנטע, זענען פאַרבליבן אין דער סביבה אייניקע טעג, אויסגערייניקט די אומגעגנט פון באַנדיטן און ערשט נאָכדעם אַוועק פון דאָרט. אַ סך פון די אָפּגעראַטעוועטע יידן געפינען זיך היינט אין ישראל".

(דאָרט, — ז׳ 269).

„אַ פאַרשוין פון דער „אַ. ק." איז געפאַלן אויף די שפורן פון יידן, וואָס האָבן געלעבט אין אַ בונקער אין וואַלד. ער האָט געבראַכט דייטשן, וועלכע האָבן מיט גראַנאַטן פאַרוואָרפן דעם בונקער. אַלע יידן האָבן דאָרט געפונען דעם טויט. דערוויסנדיק זיך וועגן דעם, זענען מיר, אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער, אַוועק צום „אַ. ק."־פאַרשוין און אים דערשאָסן".

(דאָרט, — ז׳ 270).

„זייענדיק ביינאַכט אויף אַן אויפגאַבע האָבן מיר באַמערקט ווי עס לייכט זיך אין אַ דאָרפישער כאַטע מיר האָבן זיך צוגעשלייכט צום פענצטער און דערזען צוויי געבונדענע יידן, וועלכע דער פויער האָט געוואָלט אויסליפערן צו די דייטשן. מיר האָבן זיך מיט שטורעם אַריינגעריסן אין הויז, דערשאָסן דעם באַלעבאָס און געראַטעוועט צוויי יידן פון אַ זיכערן טויט. איינער פון זיי איז געווען דער זשעלעכאָווער הערשל פייגע טויבעס און דער צווייטער — אַ ייד פון שטעטל קשיוודע.ביידע זענען שפּעטער אומגעקומען אין אַ בונקער".

(דאָרט, — ז׳ 270).

„לויט אַ באַפעל פון אונדזער שטאַב און אונטער מיין אָנפירונג, האָבן מיר אָפּגעראַמט צוויי ברידער, פריצים, אין הויף זאַשעליע (ביי ריקע). זיי זענען געווען די אָנפירער פון דער „אַ. ק." אין געגנט און געהאַט אויף זייער געוויסן אַ סך אומגעקומענע יידן. פון דער אַקציע זענען מיר אַרויס בשלום.

„אין יאָר 1944, האָבן זיך פאַרשטאַרקט די „אַ. ק"־אָנפאַלן אויף יידן. אַקאָוועס האָבן אָנגעוויזן די דייטשן אויף צוויי יידישע בונקערס ביי

פּעליקשין. די יידן זענען פאַרוואָרפן געוואָרן מיט גראַנאַטן און דאָרט אומגעקומען. מיר זענען אַוועק נקמה נעמען. ביינאַכט האָבן מיר זיך אויפגעהאַלטן אין אַ הויז אין דאָרף טאָדאָראָוו. עמעצער האָט וועגן דעם געמאָלדן דער „אַ. ק.״ און מיר זענען אַרומגערינגלט געוואָרן. עס איז געקומען צו אַ ביטערער שלאַכט, וואָס האָט זיך פאַרצויגן דריטהאַלבן שעה. פון אונדזער גרופּע זענען געפאַלן דריי יידן. פון די אַקאָוועצעס — אויך דריי פּערזאָן. מיר האָבן זיך אַרויסגעבאַקומען פון דער אַרומרינגלונג, אַוועק צום פויער, וואָס האָט אונדז אַרויסגעגעבן און אים דערשאָסן״.
(דאָרט, — ז׳ 270).

אויך אין די אַנדערע וואַלד־ראַיאָנען אין פּוילן און גאַליציע האָבן די באַוואָפנטע יידישע פּאַרטיזאַנער־גרופּעס דורך נקמה־אַקטן געשיצט די אומבאַוואָפנטע און אַרויפגעוואָרפן אַ פּחד אויף די צעיושעטע מערדערס, וועלכע האָבן געגלויבט, אַז זייערע שוידערלעכע פאַרברעכנס וועלן אַדורך אומבאַשטראָפט.

מענדל קיימאַן איז געווען איינער פון די נישט־פילע יוגנטלעכע, וועמען עס איז געלונגען צו אַנטלויפן פון די שטעטלעך גראַיעווע, גאָניאָנדז, טרעסטינע אין די שכנישע וועלדער. אַרום לענק (מאַזורישע געגנט) האָבן זיי זיך פאַראייניקט מיט אַ קליינע גרופּע רוסישע פּאַרטיזאַנער, קריגס־געפאַנגענע, וואָס האָבן דאָרט אַרומגעבלאָנקעט. זייער ערשטע אַרבעט איז געווען: אַדורכצופירן אַ טויט־אורטייל איבער אַ גראַיעווער „פאָלקס־דייטש״, וועלכער האָט אומגעבראַכט פיל יידן. די גרופּע פּאַרטיזאַנער, בראש מיט עטלעכע גראַיעווער בחורים, איז אַוועק און נקמה גענומען.

קיימאַן דערציילט:

„עס איז געווען דעם 3טן מאַי 1942. דער אַרויסגאַנג פון וואַלד איז געווען באַשטימט אויף 7 אָוונט. גראַיעווער יוגנט אין וואַלד האָט מיט אומגעדולד שוין געוואַרט אויף דעם אָוונט. אונדזער קאָמאַנדיר גיט אַ פאַראָרדענונג, אַז אַלע זאָלן זיך צוגרייטן און מיטנעמען מיט זיך אונדזער גאַנצע געווער און אַמוניציע. מיר זענען געווען דריי און פערציק פּאַרטיזאַנער. אין דרויסן איז שוין געווען פינצטער. מיר זענען אַרויס פון וואַלד און אויסגעמיטן צו גיין איבער די דערפער און הויפּט־וועגן. דאָס ערשטע הויז, צו וועלכן מיר זענען צוגעקומען, איז געווען דאָס הויז, ווו עס האָט געלעבט דער פאָלקס־דייטש, בזשאָזע. דורכן פענצטערל האָט אַרויסגעלויכטן אַ פייערל פון אַ נאַכט־לעמפל. מיר האָבן דעם פאַראָרדנטן

טויט־אורטייל איבער דעם פאָלקס־דייטש דורכגעפירט. עס איז אונדז אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן, ווען מיר האָבן שוין געזען דעם רוצח אַ דערשאָסענעם".
(„גראַיעווער יזכור־בוך", — ז' 215־216).

ייִדישע פאַרטיזאַנער און גרופּעס (באַזונדערס אין דער ערשטער צייט), האָבן פיל געליטן פון פויערישע שפּיאָנען, וועלכע פלעגן דערטראָגן צו די דייטשישע גאַרניזאָנען דאָס זיך־אָרט פון די אָטריאַדן און דערמיט דערפירן צו פלוצלינגדיקע אָבלאַוועס. נישט זעלטן פלעגן סתם פויערים אָנפירן די דייטשן אויף ייִדישע פאַרטיזאַנער. די פויערים האָבן נישט געקענט שלום־מאַכן מיטן געדאַנק, אַז די ייִדן, וועלכע זענען ביז איצט באַטראַכט געוואָרן ערגער ווי משוגענע הינט, וואָס זענען באַשטימט אויף אויסראָט, זאָלן גאָר ווערן באַלעבאַטים אויף זייער האָב־און־גוטס און נעמען מיט געווער אַלץ, וואָס עס געפעלט זיי. די דייטשן פלעגן אַרויסשיקן אַזעלכע פויערים אָדער פויערטעס איבער די וועלדער, בכדי פעסטצושטעלן די ערטער, ווו עס געפינען זיך די ייִדישע „באַנדיטן..." פאַרשטענדלעך, אַז אַזעלכע „געסט", וועלכע מען פלעגט טרעפן כלומרשט קלייבנדיק שוואָמען אָדער פאַשענדיק נאָענט פון די אָטריאַדן, פלעגט מען באַלד נאָך אַ פאַרהער דערליידיקן...

באַזונדערס גרויסע פאַרלוסטן אין מענטשן, אַלס רעזולטאַט פון אַזוינע מסירות און איבערפאַלן, האָט געהאַט ביעלסקיס אָטריאַד, ווען ער איז נאָך געשטאַנען אין נאָוואָגרודקער ראַיאָן (די אָבלאַוועס אויף די כראַפּעניעווער כוטערס, פּערעלאַז, יאַשינאָווקע אאַז"וו).

בעת די אָנפאַלן פון די פאַרטיזאַנער־אָטריאַדן אויף די ראַיאָן־שטעט, וועלכע האָבן אין די יאָרן 1943־1944 אָנגענומען אַ מאַסן־כאַראַקטער, האָבן ייִדישע פאַרטיזאַנער געהאַט די געלעגנהייט נקמה צו נעמען פון די „מיעשטשאַנעס" (שטאָטישע, קריסטלעכע איינוווינערס), וועלכע האָבן זיך אַממייסטן אַנגאַזשירט אין די שחיטות און די אַלע איבעריקע דייטשע אַגענטן און ייִדישע שוחטים, וועלכע זענען צוליב מורא פאַר דער נקמה פון ייִדישע פאַרטיזאַנער, זיך צעלאָפן פון די דערפער אין די שטעט אַריין, ווו זיי האָבן געהאָפט צו זיין זיכערער מיטן לעבן אונטערן שוץ פון די סטאַנציאָנירנדיקע דייטשע גאַרניזאָנען.

די נקמה־אַקטן זענען אין זייער איבערוויגנדיקן טייל פאָרגעקומען בעיקר אין דער ערשטער תקופה נאָך די שחיטות. באַזונדערס פיל נקמה־

אַקטן האָבן אַדורכגעפירט די רייך־ייִדישע אָטריאַדן און גרופּעס, וועלכע האָבן די ערשטע צייט זיך אויפגעהאַלטן זעלבסטשטענדיק.

מען דאַרף צוגעבן, אַז כמעט אַלעמאָל האָט די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער־אָנפירונג געהאָלפן אויסצוראָטן די, וועלכע פלעגן אַרויסגעבן די פאַר־צווייפלטע, שוצלאָזע ייִדן, ווען עס איז געלונגען זיך צו ראַטעווען על־פי נס פון די געטאָס. די פּאַרטיזאַנער־אָנפירונג האָט באַטראַכט אַזעלכע מוסרים פאַר די געפערלעכסטע שונאים פון ראַטנפאַרבאַנד און דער סאָוועטישער פּאַרטיזאַנקע.

אין יאָר 1943 איז געקומען אַן אויסדריקלעכער באַפעל פון מאָסקווע אויסצוראָטן אָן רחמנות די פאַמיליעס פון די יעניקע, וועלכע זענען אויף דינסט ביי די דייטשן. אין דער אויסראָט־אַקציע קעגן די א״ד פאַמיליעס זענען געווען באַזונדערס רירעוודיק ייִדישע פּאַרטיזאַנער.

נאָך דער באַפרייאונג, דורך דער רויטער אַרמיי, האָט דער גרעסטער טייל פון די ייִדישע פּאַרטיזאַנער זיך פרייוויליק געמאָלדן אין די א״ג „איסטרעביטעלנע באַטאַליאָנען" (אויסראָט־באַטאַליאָנען) און אין די אָרגאַ־נען פון דער סאָוועטישער זיכערהייטס־מאַכט (נ.ק.ג.ב.״), בכדי צו האָבן אַ מעגלעכקייט אויפצוזוכן די מערדערס און איבערצוגעבן זיי אין די הענט פון דער גערעכטיקייט.

ליידער איז די מערהייט פון די אַקטיוו־אַנגאַזשירטע דייטשע משרתים געלונגען צו אַנטלויפן צוזאַמען מיט זייערע „הערן" קיין דייטשלאַנד. דאָרט האָבן זיי געפונען אַ באַהעלטעניש אין די פּליטים־לאַגערן אַלס „פאַרפאָלגטע פּאָליטישע עמיגראַנטן" צוליב זייער אַנטי־סאָוועטישער איינשטעלונג און צום סוף זענען געמאַכט געוואָרן אַלע פאַרלייכטערונגען פאַר זייער עמיג־ראַציע אין די לענדער מעבר לים...

אַדאַנק די פּיל נקמה־אַקטן, וואָס עס האָבן אַדורכגעפירט די ייִדישע פּאַרטיזאַנער, זענען אָפּגעשטומפּט געוואָרן די שאַרפע ציינער פון די ייִדישע שונאים און עס איז ווידער דערמעגלעכט געוואָרן דאָס פרייע באַוועגן זיך פון געראַטעוועטע, וועלכע ייִדן אין די דערפער און וועלדער. די ייִדישע פּאַרטיזאַנער האָבן דורך די פּיל נקמה־אַקטן, טיילווייז געשטילט דאָס נקמה־פייער וואָס האָט זיך אָנגעצונדן אין די הערצער, אין די שרעקלעכע שחיטה־טעג, און וועט דוכט זיך קיינמאָל נישט אויפהערן צו מאָנען און וועקן צו אייביקער נקמה פון דייטשן מערדער־פאָלק — די שוחטים פון אונדזער פאָלק.

קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

אויסגעצייכנטע ייִדן אין די קאַמפּן

אין יעדער פּושטשע, אין יעדן אָטריאַד זענען געווען ייִדן, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אַ רירעוודיקע איניציאַטיוו, אָנגערעגט דער קאָמאַנדשאַפט אונטערצונעמען דרייסטע אָפּעראַציעס, זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט אין די קאַמפן און דיווערסיע־אַקטן קעגן דעם פאַרהאַסטן אָקופּאַנט און זיך אויפגעהויבן איבערן גאַנצן אַרום. אַזוינע ייִדישע פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן זיך געריסן צו גיין אויף אַלע פאַרגעבענע קאַמפּס־אויפגאַבעס, זענען געווען דער שטאָלץ פון יעדן אָטריאַד. זייערע אויפטוען זענען אָפּגעמערקט געוואָרן אין די טאָג־באַפעלן און זיי זענען געשטעלט געוואָרן אַלס מוסטער פון דרייסטע, אומדערשראָקענע קעמפערס.

אַזעלכע פּאַרטיזאַנער זענען אין די הונדערטער צוגעשטעלט געוואָרן דורך די קאָמאַנדירן פון די אָטריאַדן, בריגאַדעס און פאַראייניקונגען און באַקומען די העכסטע מלוכה־אויסצייכענונגען, אָרדנס און מעדאַלן. די קאָמאַנדירן פלעגן שטאָלצירן מיט אַזוינע פּאַרטיזאַנער־סאָלדאַטן און זייער נאָמען האָט זיך געטראָגן ווייט און ברייט איבער די וועלדער און פּושטשעס פון דער פּאַרטיזאַנקע. ליידער, זענען זייער ווייניק פון די ממש לעגענדאַרע העלדן געבליבן צווישן די לעבעדיקע. בלויז קליינע צעוואָרפענע בערגלעך ערד איבער די רחבותן פון ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע, מיט אַ באַשיידענער אויפשריפט אויף אַן אַריינגעשטעקטער ברעטל, אָפטמאָל אויסגעקריצט מיט אַ טשוואָק אָדער אָנגעשריבן מיט אַ כעמישן בלייפעדער, דערציילן וועגן פאַרשניטענע יונגע לעבנס פון העלדן־קעמפערס.

מיר האָבן, ליידער, נישט אין אונדזער רשות די פולע מאַטעריאַלן וועגן אַלע ייִדן, וואָס האָבן באַשיינט מיט זייער גבורה־אָרעאָל דאָס ייִדישע פאָלק און באַשיצט זיין כבוד. אַ טייל פון די לעבנגעבליבענע זענען פאַרבליבן אין סאָוועטרוסלאַנד. פון די רעפּאַטריאירטע האָבן זיך פיל צעשאָטן איבער גאָר דער וועלט (דער גרעסטער טייל לעבט היינט צו טאָג אין ישראל) און עס איז נישט לייכט זיך צו שאַפן אַ פול בילד וועגן זייער קאַמפּס־טעטיקייט, און דערגרייכונגען. זאָלן כאָטש די געציילטע נעמען פון די דאָ אָנגעגעבענע ייִדן־העלדן זיין אַן אילוסטראַציע וועגן דעם ברענענדיקן נקמה־געלוסט און בלוטיקן חשבון, וואָס זיי האָבן געמאַכט מיט די היטלעריסטישע מערדערס.

איינער פון די פּאָפּולערסטע פּאַרטיזאַנער־העלדן אין נאַליבאָקער פּושטשע איז געווען ברוך לעווין. אַ תושב פון שטעטל זשאָלודאָק (לידער געגנט) איז ער באַלד, ווי די דייטשן האָבן אָקופּירט דאָס שטעטל, געווען געצוווּנגען צו אַנטלויפן אין שטוטשין און דערנאָך אין לידע.

אַלס שלאָסער־מעכאַניקער ספּעציאַליסט, האָט ער אין לידע געאַרבעט אין די האַנטווערקער־וואַרשטאַטן ביים געביט־קאָמיסאַריאַט. דאָרט האָט ער פאַר זיך אַליין קאָנסטרויִרט אַן אויטאָמאַט, אָרגאַניזירט גרופּעס אויף אַרויסצוגיין אין וואַלד און געווען פון די ערשטע, וועלכע זענען אַוועק פון לידער געטאָ אין פּאַרטיזאַנקע.

לכתחילה איז ער אַוועק אין ליפּיטשאַנער פּושטשע (10טן נאָוועמבער 1942) און געווען טעטיק אין אָרליאַנסקי־אָטריאַד. זיין קעמפערישע איניציאַטיוו און טעמפּעראַמענט קומען אָבער צום פולן אויסדרוק ערשט נאָכן אָנשליסן זיך אין דער דאַן אַראָפּגעוואָרפענער דעסאַנט־דיווערסיע־גרופּע „מאָסקאָוויטשי", וועלכע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן שפּעטער אין אַן אָטריאַד א"נ „אָקטיאַבר" (1טע מאַי־בריגאַדע), בראש פון וועלכער עס איז געשטאַנען דער ייִדישער קאַפּיטאַן, גאָרעליק.

אין יענעם פּעריאָד האָט זיך געפילט אַ געוואַלדיקער מאַנגל אין אויפרייס־מאַטעריאַלן פאַר דיווערסיע־אַרבעט. ברוך לעווין, וועלכער האָט געקענט גענוי דעם פּלאַן פון זשאָלודקער אַעראָדראָם און געוווּסט, אַז דאָרט איז מאַגאַזינירט זייער פיל אויפרייס־מאַטעריאַל, האָט אויפגעגעבן דער קאָמאַנדשאַפט דעם פּלאַן פון אַרויסגנבענען דאָס, און, מיט אַ קליינער גרופּע

צו הילף, רעאַליזירט ער עס מיט גרויס דערפאָלג. זיין זאַך־קענטעניש איז אים גוט צונוץ־געקומען ביים צוזאַמענשטעלן מינעס און פאַרריכטן געווער. ער איז געווען דער דערפינדער פון אייניקע טיפּן מינעס, וועלכע

ברוך לעווין (זשאָלודאָק)

אַ באַרימטער דיווערסאַנט. פאַרגעשטעלט געוואָרן צו באַקומען דעם טיטל „העלד פון ראַטנפאַרבאַנד" און טרעגער פון אָרדן „די רויטע פאָן". (איצט אין ישראל).

האָבן געפונען זייער אַנווענדונג אין אַלע איבעריקע אָטריאַדן פון דער אומגעגנט, ביי זייער דיווערסיע־אַרבעט.

זייער גיך האָט ער זיך ספּעציאַליזירט אין דער מינירער־אַרבעט און געלערנט פיל אַנדערע פּאַרטיזאַנער פון זיין אָטריאַד און פון אַנדערע אָטריאַדן (סטרעלקאָווס, אָרליאַנסקער, גראָזניס, קאַטאָווסקי אאַז"וו), די תורה פון מינירן. הגם ברוך לעווין האָט נישט געהאַט קיין מיליטערישן טיטל און אויסשולונג, האָט זיך דאָך די פּאַרטיזאַנער־אָנפירונג גערעכנט זייער שטאַרק מיט זיין מיינונג, און קאַפּיטאַן גאָרעליק האָט נישט אונטערגענומען קיין שום קאַמפּס־אויפגאַבע, נישט באַראַטנדיק זיך פריער מיטן באַשיידענעם, העלדישן יידישן פּאַרטיזאַן.

ברוך לעווין האָט אָנטיילגענומען און זיך אויסגעצייכנט אין אַלע קאַמפן, וועלכע עס האָט אויפגענומען זיין אָטריאַד מיט דייטש־פּאָליציייאישע גאַרניזאָנען אין די ראַיאָנען פון נאַליבאָקער פּושטשע. אָבער זיין רום אַלס העלד האָט ער זיך געשאַפן ביי מינירער־ און דיווערסיע־אַקטן.

אַכצן פיינטלעכע עשאַלאָנען מיטן שונאס לעבעדיקן כוח און קריגס־טעכניק, פיל הונדערטער דייטשע פגרים, ווערטפולע געווער, וואָס זענען געווען באַשטימט פאַרן פראָנט, האָבן געפונען זייער קבר, נישט דערגרייכנ־דיק זייער ציל, אַ דאַנק דעם זשאָלודקער ייִדישן שלאָסער־מעכאַניקער לעווין.

אַלע פאַרטיזאַנער פון א"ד אָטריאַד האָבן זיך געריסן צו גיין מיט ברוך לעווינען אויף אַן אויפגאַבע, זייענדיק איבערצייגט, אַז מיט אים וועט די פאַרגעבענע אויפגאַבע געלונגען. אַדאַנק דעם ביישפיל און איינפלוס פון ברוך לעווין האָבן די איבעריקע פאַרטיזאַנער פון א"ד אָטריאַד אויך אַרויסגעוויזן קאַמפס־איניציאַטיוו און רירעוודיקייט אין זייער פאַרטיזאַנער־טעטיקייט.

לויט דער אָפּשאַצונג פון דער העכסטער פאַרטיזאַנער־קאָמאַנדשאַפט, ווי זי קומט צום אויסדרוק אין דער פערזענלעכער קאַמפס־כאַראַקטעריסטיק, איז צו זען, ווי ווערטפול עס איז געווען זיין אָנטייל אין דעם פאַרטיזאַנער־געראַנגל מיטן אָקופּאַנט. ער איז צוגעשטעלט געוואָרן צו די העכסטע מילי־טערישע סאָוועטישע אָרדנס: „רויטע פאָן", „לענין־אָרדן" און בכבודיקסטן טיטל „העלד פון ראַטנפאַרבאַנד".

מיר גיבן דאָ די קאַמפס־כאַראַקטעריסטיק פון ברוך לעווין, איבער־געזעצט פון רוסישן אָריגינאַל, וועלכער כאַראַקטעריזירט אַמבעסטן זיין באַדייטנדיקן צושטייער צום פאַרטיזאַנישן קאַמף.

קאַמפּס־כאַראַקטעריסטיק:

געגעבן דעם פאַרטיזאַן פון אָטריאַד „אָקטיאַבר", 1טע מאַי בריגאַדע, לעווין באַריס, זון פון שמואל, געווען אין פאַרטיזאַנקע פון 10טן נאָוועמ־בער 1942 ביזן 11טן יולי 1944.

געפינענדיק זיך אין פאַרטיזאַנער־אָטריאַד „אָקטיאַבר" האָט דער ח' לעווין אָנטיילגענומען אַלס אַ מינירער ביים אויפרייסן אַכצן (18) מיליטער־רישע עשאַלאָנען פון שונא. אין רעזולטאַט פון די אויפרייסן זענען צע־שטערט געוואָרן: 20 לאָקאָמאָטיוון און 127 וואַגאָנען; פון דעם — 38 וואַגאָנען מיט לעבעדיקן כוח, 19 מיט מיליטערישער טעכניק, 43 וואַגאָנען מיט טאַנקן און אויטאָמאָבילן, 12 וואַגאָנען מיט בהמות, 8 וואַגאָנען מיט קוילן, 7 וואַגאָנען מיט שטיין־קוילן. געטויט 936 היטלעריסטן — פאַר־וווּנדעט 426.

ער איז אין אָטריאַד געווען אַ מייסטער ביי באַן־מינעס און רעמאָנט־מייסטער פון געווער אין בריגאַדע.

ער האָט אָנטיילגענומען אין אַלע קאַמפן, וועלכע עס האָט דורכגעפירט דער אָטריאַד און די בריגאַדע, אַרויסווייזנדיק העלדישקייט און אומדער־שראָקנקייט.

צוגעשטעלט געוואָרן צו דער העכסטער מלוכה־אויסצייכענונג „העלד פון ראַטנפאַרבאַנד״. צוגעשטעלט געוואָרן צו דעם מלוכה־אָרדן „רויטע פאַן״ און מעדאַל „פאַרטיזאַן פון פאַטערלענדישער מלחמה״ 1טע מדרגה.

בריגאַדע־קאָמאַנדיר: (—) קאָוואַלאָוו

בריגאַדע־שטאַב־טאַטשאַלניק: (—) פערסידסקי.

(— קיילעכדיקער שטעמפל פון דער פאַרטיזאַנישער ערשטער מאָי־בריגאַדע ס. ס. ס. ר.), באַראַנאָוויטש, 44. 8. 17.

אין זעלביקן אָטריאַד האָט זיך אויך אויסגעצייכנט לעווינס חבר — אליהו קאָוועסקי, וועלכער האָט דורכגעמאַכט דעם גאַנצן פאַרטיזאַנער־וועג צוזאַמען מיט לעווינען. פון וואָלקאָוויסק, ווו ער האָט געלעבט פאַר דער מלחמה, איז ער אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע מגולגל געוואָרן קיין זשעטל. נאָכן פאַרלירן זיין גאַנצע משפחה בעת דער שחיטה, איז ער אָפּגעשיקט געוואָרן דורך די דייטשן אַלס אַרבעטס־פעיקער אין דוואָרעצער אַרבעטס־לאַגער (לעבן נאָוואָגרודעק). פאַרפילנדיק דאָס אָנקומענדיקע, האָט ער זיך צוגעקליבן נאָך פערצן מאַן און אין אַ פינצטערער נאַכט, נאָכן אַדורכרייסן די שטעכיקע דראָט־פאַרצוימונגען פון געטאָ, זענען זיי אַנטלאָפן מיט איין פּיסטאָלעט אין ליפּיטשאַנער פּושטשע, ווו ער טרעט אַריין אין אָרליאַנסקי־אָטריאַד.

אין איניקע טעג אַרום איז געקומען ד״ר אַטלאַס מיט אַ גרופּע פון זיבן מאַן פון די רודער־דאָמבראָווטשיזנער וועלדער און געבעטן הילף אויף צו צעשטערן די ביעליצער הילצערנע בריק איבערן טייך ניעמאַן. די בריק האָט געהאַט 365 מעטער די לענג און איז געווען אַ זייער וויכטיקער פאַרבינדונגס־וועג פאַרן שונאס טראַנספּאָרט. קאָוועסקי און יונה מיעד־וויעצקי (זשעטל), זענען באַשטימט געוואָרן מיטצוגיין מיט ד״ר אַטלאַס. אויסנוצנדיק אַ מאָמענט, ביינאַכט, ווען די דייטשע וואַך איז אָפּגעגאַנגען אַ ביסל אויף אַ זייט, האָבן זיי זיך צוגעגנבעט צו דער בריק, אויפגעראָבן דריי לעכער און אַריינגעלייגט דריי גרויסע אַרטילעריע־סנאַריאַדן, אַרומגע־

לייגט מיט פאַקולע, באַגאָסן עס מיט טערפּענטין און אונטערגעצונדן. די בריק איז פולשטענדיק חרוב געוואָרן. ד״ר אַטלאַסן איז געפעלן געוואָרן קאָוועסקיס רירעוודיקייט און געוואַגטקייט און האָט געפועלט ביים דעמאָלסטדיקן קאָמאַנדיר פון אָרליאַנסקי־אָטריאַד, קאָליאַ וואַכאָנין, ער זאָל אַריבערגעפירט ווערן אין זיין ראָטע, ווו ער איז גלייך נאָמינירט געוואָרן אַלס קאָמאַנדיר פון דריטן ווזוואָד. בלי שום ספק, האָט אויך דאָס אויסער־

אליהו קאָוועסקי
(וואָלקאָוויסק)

אויסגעצייכנטער פאַרטיזאַן. אויפגעריסן 14 פייַנטלעכע צוגן. טרעגער פון די אָרדנס „רויטע פאָן" און „לענין". (היינט אין ישראל)

לעכע, רעפּרעזענטאַבעלע אויסזען פון קאָוועסקין צוגעצויגן ד״ר אַטלאַסעס אויפמערקזאַמקייט. אַ הויך־וווקסיקער, ברייט־פּלייציקער ברונעט פון ווע־מען עס האָט געשפּרודלט מיט געזונט, ענערגיע און קאַמפס־לוסט, האָט ער אויף אַלעמען, מיט וועמען ער איז געקומען אין באַרירונג, איבערגעלאָזט אַ גוטן איינדרוק.

קאָוועַנסקי נעמט אַן אַקטיוון אָנטייל אין אָנפאַל פון בולאַקס אָטריאַד אויף דעם קאָזלאָוושטשיזנער גאַרניזאָן, וועלכער האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ פולשטענדיקן נצחון פון די פאַרטיזאַנער. ער נעמט אויך אָנטייל אין ערשטן אָנפאַל פון אַלע פאַרטיזאַנער־אָטריאַדן פון יענעם ראַיאָן אויפן גאַרניזאָן אין רודע־יאַוואָרסקע, און שפּילט אַ וויכטיקע ראָל ביים פאַרכאַפּן אַ דייטשן עראָפּלאַן ביי אַ געצוווּנגענער לאַנדונג אין יענעם ראַיאָן. ענדע 1942, ווען עס איז געקומען די פּאַראַשוטיסטן־גרופּע „מאָסקאָוויטשי", איז קאָוועַנסקי צוזאַמען מיט ברוך לעווין געווען פון די פיר מאַן, וועלכע זענען צוגעטיילט געוואָרן אַלס וועגווייזערס צו דער א"ד גרופּע דורך דער פאַר־מיזאַנער־אָנפירונג פון ליפּטשאַנער פושטשע. ביז דער באַפרייאונג האָט ער אין דעם זעלביקן אָטריאַד פאַרשריבן אויף זיין קאָנטע פערצן דייטשע צעשטערטע עשאַלאָנען.

בעת דער גרויסער בלאָקאַדע פון נאַליבאָקער פושטשע, האָט זיין קאָוועַנסקי אויסגעצייכנט אַלס אויסשפּירער. דעם 19טן יוני 1944, האַרט פאַר דער באַפרייאונג איז קאָוועַנסקי שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן און פאַר־לוירן זיין רעכטע האַנט. ער איז באַלוינט געוואָרן דורך דער סאָוועטן־מאַכט מיט די אָרדנס: „רויטער שטערן", „לענין־אָרדן" און „מעדאַל פאַטערלענ־דישע קריג" (היינט צו טאָג — אין ישראל).

מיר גיבן דאָ אַ ווערטלעכע איבערזעצונג פון קאָוועַנסקיס קאַמפּס־כאַראַקטעריסטיק („באָיעוואַיאַ כאַראַקטעריסטיקאַ"), וועלכע שפּיגלט אָפּ זיין גאַנצע קאַמפּס־טעטיקייט לויט דער אָפּשאַצונג פון דער פאַרטיזאַנער־קאָמאַנדשאַפט, ווי אויך אַ באַשטעטיקונג פון זיין אָנטייל אין קאַמף מיט אַ באַפעסטיקטן דייטשן גאַרניזאָן.

קאַמפּס־כאַראַקטעריסטיק:

שטאָט וואָלקאָוויסק, נייע גאַס נר. 5. אַ קורצע און קאָנקרעטע איבער־זיכט וועגן די קאַמפּס־טאַטן פון קאָוועַנסקי אלי, זון פון הירש.

קאָוועַנסקי אלי, זון פון הירש, איז געווען אין פאַרטיזאַנקע פון 22סטן נאָוועמבער 1942. אין אונדזער אָטריאַד פון 22 יאַנואַר 1943. אין דער צייט, וואָס ער איז געווען ביי אונדז אין אָטריאַד, האָט ער זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַ דיסציפּלינירטער און קאַמפּראָמיסלאָזער אין די קאַמפן מיטן דייטשן אָקופּאַנט.

משה קאַגאַנאָוויטש

אין דעם פעריאָד, וואָס ער איז געווען אין דער מיניר־גרופע, האָט ער גענומען אָן אַקטיוון אָנטייל אין אויפרייסן 14 פיינטלעכע עשאַלאָנען: 3 מיט לעבעדיקן כוח, 2 — מיט טאַנקן, 1 — מיט קריגס־טעכניק, 3 — מיט אַמוניציע, 1 — מיט פראָדוקטן, 1 — מיט קוילן, 1 — מיט בוי־מאַטעריאַלן, 1 — נישט פעסטגעשטעלט די לאַדונג. אין רעזולטאַט פון די אויפרייסן זענען באַשעדיקט אָדער צעשטערט געוואָרן: 14 לאָקאָמאָטיוון, 64 וואַגאָנען מיט קריגס־מאַטעריאַלן און טעכניק, 28 פלאַטפאָרמעס — פון זיי 18 מיט טאַנקן און 4 — מיט אויטאָ־מאַשינען. דערהרגעט 420 און פאַרוווּנדעט 470 היטלעריסטן. פאַרהאַלטן דעם באַן־פאַרקער אויף 277 שעה. אָנטייל גענומען אין 2 לויערונגען לעבן דער באַן־ליניע מיט אַ „פ. ט. ר.״ אין רעזולטאַט: 2 דורכגעשאָסענע לאָקאָמאָטיוון דורכן „פ. ט. ר.״ זייענדיק אין אָטריאַד „פאָביעדאַ״ האָט קאָווענסקי אָנטייל־גענומען אין פאַרברענען אַ פיינטלעכן עראָפּלאַן, איין בריק און אַ מילך־פאַבריק. אָנטייל גענומען אין רעלצן־קריג.

פאַר זיינע קאַמפּס פאַרדינסטן איז דער ח׳ קאָווענסקי אלי, זון פון הירש, צוגעשטעלט געוואָרן צום „לענין־אָרדן״.

קאָמאַנדיר פון אָטריאַד „אָקטיאַבר״ (—) אונטערשריפט נישט לעזבאַר.

קאָמיסאַר פון אָטריאַד „אָקטיאַבר״ אונטערשריפט (—) לעסניטשי.

קאָמיסאַר פון פאַרטיזאַנער־בריגאַדע אונטערשריפט (—) איליניטש.

איך באַשטעטיק און בין זיך משתדל: קאָמיסאַר פון 1טער בריגאַדע אונטערשריפט (—) קאָוואַלעוו.

איך באַשטעטיק און בין זיך משתדל: געהילף באַפולמעכ־טיקטער פון צענטראַל שטאַב פון דער פאַרטיזאַנער־באַוועגונג ביי דער הויפּט־קוואַרטיר פון דער העכסטער קאָמאַנדע און צקווקפּ (ב) איבער דער באַראַנאָוויטשער געגנט. אונטערשריפט: (—) צאַריוק.

22 פעברואַר, 1944. (—) שטעמפּל.

„באַשטעטיקונג. אַרויסגעגעבן דעם פאַרטיזאַן קאָווענסקי אלי, זון פון הירש, אַז ער האָט אָנטייל־גענומען אין קאַמף ביים ליקווידירן דעם דייטשן גאַרניזאָן, קרופּיצי.

די היטלעריסטן האָבן זיך באַזעצט אין אַן אייזן־בעטאָנענעם „דאָט״, פון וועלכן זיי האָבן זיך קעגנגעשטעלט ביז צו דער לעצטער קויל. דער

קאַמף פאַרן „דאַט" האָט אָנגעהאַלטן 5 שעה. קאָוועטסקי איז געווען אין בלאָקיר־אָפּטיילונג און אין מאָמענט ווען ער האָט געוואָרפן אַ גראַנאַט אין דער „דאַט"־אַמבראַזורע, איז ער פאַרוואונדעט געוואָרן אין האַנט. אין רעזולטאַט פון קאַמף איז דער „דאַט" אויפגעריסן געוואָרן און די 18 היטלעריסטן, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען, זענען געטויט געוואָרן. גענו־מען טראָפייען: אַ מאַשין־קוילנוואַרפער, אַ ראָטנעם קוילנוואַרפער, 12 ביקסן און 300 קוילן.

קאָמאַנדיר פון אָטריאַד „אָקטיאַבר", 1טע מאַי פּאַרטיזאַנער־בריגאַדע, אונטערשריפט (—) לייטענאַנט א. גאָרעליק.

שטאַב־נאַטשאַלניק פון אָטריאַד „אָקטיאַבר", אונטערשריפט (—) לייטענאַנט קאָנטדראַטיעוו.

(—) שטעמפּל פון שטאַב 44. 6. 19.

די ברידער מאָטקע און צאַלקע גינזבורג זענען געקומען צולויפן אין דאָרף דאָקודאָוואַ (ביי לידע) צוזאַמען מיט זייער משפחה אין דעצעמבער 1942, נאָכדעם ווי עס איז קלאָר געוואָרן, אַז די איוויער געטאָ וועט ליק־ווידירט דורכן אַרויספירן די יידן קיין באָריסאָוו. די פאַמיליע האָבן זיי איינגעאָרדנט אויף אַ כוטאָר אין אומגעגנט פון דאָרף אָלעכאָוויקע ביים ניעמאַן און אַליין האָבן זיי זיך אָנגעשלאָסן אין פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד „איסק־רא", וועלכער האָט אָפּערירט אין לידער געגנט און איז נאָך דאַן געווען אין אַנטשטייאונגס־סטאַדיע. הויך־וווקסיקע, ברייט־פּלייציקע, זענען זיי גלייך געפעלן געוואָרן דער אָנפירונג און זענען תיכף אויפגענומען געוואָרן אין אָטריאַד. דער 20־יעריקער צאַלקע איז נאָכן אַדורכמאַכן אַ מינירער־קורס צוגעטיילט געוואָרן צו דער מיניר־גרופּע פון אָטריאַד.

די ברידער גינזבורג האָבן זיך באַשעפטיקט פאַרן קריג מיט פערד־הענדלעריי און צוליב דעם האָבן זיי גוט געקענט די סביבה און די אַרומיקע פויערים, ביי וועלכע זיי זענען געווען באַליבט.

דער אָטריאַד „איסקראַ" האָט בעיקר אָפּערירט אויף דעם אָפּשניט פון דער אייזנבאַן־ליניע לידע־איוויע־יוראַטשישאָק־מאָלאָדעטשנע, ווו צאַלקע האָט געקענט אויסגעבונדן יעדן צוגאַנג און אָפּגאַנג פון דער באַן־ליניע, וואָס עס האָט אים זייער אַ סך מיטגעהאָלפן ביים דערפאָלגרייכן אַדורכפירן זיינע דיווערסיע־אַקטן.

די פויערים פון די דערפער לענגאויס דער אייזנבאַן־ליניע פלעגן אים

געבן אינפאָרמאַציעס וויפל און ווו עס געפינען זיך דייטשן, ווי אויך וועגן די באַוועגונגען אויף דער טראַסע. נישט איין מאָל איז צאַלקע געווען אין קלעם דורך די ראַקעטעס פון די דייטשע וואַך־בונקערס. נישט איין מאָל איז ער העפטיק באַשאָסן געוואָרן מיט אַ האָגל פון מינעס און קוילן, און נישט איין מאָל האָט ער „געשמירט פּיאַטעס" פון נאָכיאָגנדיקע דייטשן. אָבער זיין רויקייט, אומדערשראָקנקייט און דאָס קענען די סביבה פלעגן אים יעדעס מאָל אַרויסראַטעווען פון די געפערלעכסטע סיטואַציעס.

בצלאל (צאַלקע) גינזבורג

דער טראַגיש־אומגעקומענער העלד, געפאַלן פון די ווייספּוילישע מערדער־באַנדעס נאָך דער באַפרייאונג.

ענדע 1943, און אין דער ערשטער העלפט פון 1944, ווען דער צוטריט צו די אייזנבאַן־ליניעס איז, צוליב דער פאַרשטאַרקטער שמירה, געוואָרן כמעט אוממעגלעך, פלעגט צאַלקע דאָך דערקריכן און מאַכן געלונגענע אויפרייסן אין אַזעלכע ערטער, ווו דער שונא האָט דאָס אַמווייניקסטן דערוואַרט.

זיבעצן פיינטלעכע עשאַלאָנען מיט געווער, אַמוניציע און סאָלדאַטן זענען צעשמעטערט געוואָרן דורך דעם העלדישן דיווערסאַנט, צאַלקע. ער האָט גענומען דעם אַקטיווסטן אָנטייל אין אויפרייסן די עלעקטראָסטאַנציע

און טאַרטאַק אין שטעטל איוויע און האָט אויך אָנטיילגענומען אינעם „רעלצן־קריג". ער האָט אָנטיילגענומען אין דער לויערונג ביי הוטע, (נאָוואָ־גרודקער געגנט), ווו עס זענען דערהרגעט געוואָרן זעכצן פּאָליציסטן און אַכט און דרייסיק דייטשן, אין דער שלאַכט מיט די „ווייסע פּאָליאַקן" ביים דאָרף אָלעכאָוויקע (סיעלובער ראַיאָן) אאַ"וו.

נאָך דער באַפרייאונג ווערט צאַלקע געשיקט דורך דעם ראַיאָן־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, אַלס קאָמסאָמאָל־מיטגליד און פּאַרטיי־אַקטי־וויסט, אין דאָרף דאָקודאָווע(לידער ראַיאָן) אויף אַ תבואה־זאַמלונג ביי די פּויערים פאַר דער רויטער אַרמיי. מיט אַ גרופּע פון זעקס רוסן קומט ער אין דאָרף 12 אַזייגער ביינאַכט און אויסגעמאַטערטע האָבן זיי זיך אַוועק־געלייגט אַ ביסל אָפּרוען ביי אַ פּויער אין שטוב. זיי האָבן נאָך נישט באַוויזן איינצודרעמלען, ווי דאָס הויז איז פּלוצלינג אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַ באַנדע ווייסע־פּאָליאַקן און עס האָט זיך אויף זיי אַ שאָט געטון אַ האָגל פון קוילן און גראַנאַטן. צאַלקע איז גלייך געוואָרן שווער פאַרוואונדעט. ער האָט נאָך באַוויזן אַרויסצושפּרונגען פון פענצטער און אָפּלויפנדיק עטלעכע טריט געפאַלן אַ טויטער. די רוסן האָבן זיך געראַטעוועט און געמאָלדן אין לידע וועגן דעם אומגליקס־פאַל.

דער אומגעריכטער אומגליק מיט דעם העלדישן צאַלקע, וועלכער האָט איבערגעלעבט אין פּאַרטיזאַנקע אַזויפיל געפאַרן און צוזאַמענשטויסן מיטן שונא און איז געפאַלן נאָך דער באַפרייאונג, האָט אַרויסגערופן אַן אַלגע־מיינעם טרויער ביי יידן און קריסטן, וועלכע האָבן אים געקענט פון זיין קאַמפּס־וועג אין פּאַרטיזאַנקע. אויף צו מאָרגנס האָט מען אים געבראַכט פון דאָרף אין לידע, ווו ער איז מיט מיליטערישן פּאַראַד באַערדיקט געוואָרן אויפן יידישן בית־עולם. אין פּאַרטיזאַנקע איז גינזבורג צוגעשטעלט געוואָרן צו די אָרדנס „רויטער שטערן" און „לענין". נאָך זיין טראַגישן אומקום איז ער צוגעשטעלט געוואָרן דורך דעם שטאָטישן קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין לידע צום טיטל „העלד פון ראַטנפאַרבאַנד".

זיין עלטערער ברודער, מאָטקע (מרדכי), האָט זיך אויך אויסגעצייכנט אין דעם א"ד אָטריאַד, בעיקר אַלס רייטער־אויסשפּירער. אַדאַנק זיינע גוטע באַציונגען מיט די פּויערים, האָט ער אַלע מאָל געבראַכט זייער וויכטיקע אינפאָרמאַציעס פאַרן אָטריאַד וועגן די באַוועגונגען און פּלענער פון די

דייטשן. ער האָט אויף זיין אַקטיוו פאַרשריבן אַכט אַרונטערגעלאָזענע פיינטלעכע עשאַלאָנען. ער, צוגלייך מיט זיין ברודער, צאַלקע, איז געווען באַליבט ביי דער אָטריאַד־קאָמאַנדשאַפט און אַ לענגערע צייט געווען דער אַדיוטאַנט פון אָטריאַד־קאָמאַנדיר. צוגעשטעלט געוואָרן צום אָרדן „רויטער שטערן" און אַ ריי אַנדערע אויסצייכענונגען.

בכלל האָבן זיך די ייִדן פון אָטריאַד „איסקראַ" אויסגעצייכנט. פיל פון זיי האָבן געהאַט אויף זייער חשבון ביז צו דער באַפרייאונג 6־10 אַראָפּגעלאָזטע עשאַלאָנען און געווען צוגעשטעלט צו מלוכה־אויסצייכענונגען און אָרדנס (ז. אַרליוק, רובינשטיין, לאַוויט, זשירמונסקי — לידע; ברידער פעלדאָן — לאָדזש; מאַזאָוויעצקי — שטוטשין א״אַ).

דעם 25טן נאָוועמבער, 1941, האָבן זיך די דריי יוגנטלעכע: יצחק איינבינדער, אידאַ גאַלפערשטיין און יעקב אַלפעראָוויטש, וועלן אין ווייסרוסלאַנד איז נאָך געווען גאַנץ רויִק, זיך צוזאַמענגערעדט און אַנטלאָפן פון דעם שטעטעלע קורינעץ (7 קילאָמעטער פון ווילייקע, ווילנער געגנט) אין די אַרומיקע וועלדער. די אַנגעלאָפענע ייִדן פון ליטע (קורינעץ געפינט זיך האַרט לעבן דער ליטווישער גרענעץ) האָבן איבערגעגעבן וועגן דעם גרויזאַמען טאָטאַלן אויסראָט פון די ייִדן אין ליטע און די א״ד ייִדישע ייִנגלעך האָבן פאַרגעפילט, אַז ווייסרוסלאַנד וועט נישט זיין קיין אויסנאַם. זיי האָבן צוזאַמען מיט איינצעלנע אַנטלאָפענע סאָוועטישע געפאַנגענע, אָרגאַניזירט אַ פאַרטיזאַנער־גרופע א״נ „באָרבאַ" און אָנגעהויבן באַאומרויִקן די דייטשן דורך אומגעריכטע אָנפאַלן אויף קליינע גרופעס דייטשע סאָלדאַטן און באַ־פאָליציי־לייט. אין יענער צייט זענען נאָך די אייזנבאַן־ליניעס געווען וואַכט בלויז דורך פויערים. יצחק איינבינדער מיט זיין הייפעלע פאַרטיזאַנער האָט דאָס אויסגענוצט און אַדורכגעפירט דיווערסיע־אַקטן מיט פרימיטיווע מיטלען (פונאַנדערשרויפן רעלצן אאַז״וו). דורך די פויערישע פאַרבינדונגס־מענער האָבן זיי אַרויסגעפירט פון קורינעץ אַ באַדייטנדיקע צאָל ייִדישע יונגעלייט. יצחק איינבינדער גייט מיט זיי אַוועק אין מינסקער געגנט און שליסט זיך אָן אין דער בריגאַדע פון „דיאַדיאַ קאָליאַ" (פעטער קאָליאַ), (טעטיקייטס־ראַיאָן באָריסאָוו־לעפּלע, פלעשניצער וועלדער).

אין אָקטאָבער 1942, ווערט יצחק איינבינדער מיט אַ גרופע אָרטיקע פאַרטיזאַנער אָפגעשיקט קיין מאָסקווע אין אַ דיווערסיע־שול, און נאָכן

פּאַרענדיקן זי, פירט ער אַדורך, דורך דער פראָנט־ליניע אין הינטערלאַנד, 300 מאַן אויסגעשולטע דיווערסאַנטן.

לויט זיין ביטע ווערט ער דורכן בריגאַדע־קאָמאַנדיר אָפּגעשיקט מיט אַ גרופּע דיווערסאַנטן אין זיין היימישער געגנט, אין ווילייקער־קרייז. דערוויסנדיק זיך וועגן אומקום פון זיינע ליבסטע אין זיין געבורטס־שטעטל, שרייט ער אויס: „איצט האָב איך שוין מער נישט וואָס צו פאַרלירן; איך שווער נקמה צו נעמען פאַר מיינע עלטערן און אַלע אומגעקומענע יידן פון מיין שטעטל; פאַר מיר וועט איצט קיין זאַך נישט זיין צו שווער!" איינ־בינדער האָט זיין שבועה געהאַלטן. ער האָט נישט גערוט. ביי טאָג און ביינאַכט האָט ער אויף דער אייגענער האַנט געלויערט אין די געפערלעכסטע ערטער אויף דעם שונאס קאָמוניקאַציע־ליניעס. ער ווערט שנעל פּאָפּולער צווישן די פּאַרטיזאַנער אונטערן נאָמען „בעזסטראַשני" (אומדערשראָקענער) און „בעזסמיערטני" (אומשטערבלעכער).

אין אַ קורצער צייט האָט ער פאַרשריבן אויף זיין חשבון 16 אויפגע־ריסענע דייטשע עשאַלאָנען. ווען זיין בריגאַדע־קאָמאַנדיר וויל אים צונעמען אין שטאַב, זאָגט ער זיך קאָטעגאָריש אָפּ, דערקלערנדיק: „איך האָב נאָך ווינציק אויפגעטון; כל־זמן איך וועל לעבן, וועל איך נקמה נעמען!" נישט באַשערט איז אים אָבער געווען לאַנג נקמה צו נעמען. צוריקקערנדיק זיך פון אַ געלונגענער דיווערסיע־אויפגאַבע, פאַלט ער אַרויף אויף אַ דייטשער לויערונג, ווו ער און נאָך צוויי קאַמפס־חברים פאַלן טויט.

פאַר זיינע העלדישע מעשים און פאַרדינסטן ביים אָרגאַניזירן די פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג איז ער צוגעשטעלט געוואָרן נאָכן טויט צום „לענין־אָרדן" און טיטל „העלד פון ראַטנפאַרבאַנד".

באַערדיקט געוואָרן אויף אַ דאָרפישן בית־עולם, לעבן שטעטעלע דאָקשיץ, ביי גלובאָק, (ווייסרוסלאַנד).

איינבינדערס חבר, יעקב אַלפּעראָוויטש, איז געווען אַ רייטער־אויס־שפּירער אין דעם אָטריאַד „מעסט" (נקמה), בריגאַדע „דיאַדיאַ וואַסיאַ" (טעטיקייטס־ראַיאָן, פּלעשניץ). ער פאָרט אין די געפערלעכסטע ערטער און ווייזט אַרויס אויסערגעוויינלעכע העלדישקייט. אין אָקטאָבער 1943, נעמט ער אָנטייל אין אָנפאַלן אויף זיין געבורטס־שטעטעלע קורינעץ, ווו עס איז געשטאַנען אַ שטאַרקער דייטשער גאַרניזאָן. קענענדיק גוט די

אומגעגנט, גיט זיך אים איין צוצוגיין צום טאַרטאַק, וועלכן ער פאַרברענט און פירט דאָרט אויס עטלעכע נקמה־אַקטן איבער די מערדערס, וועלכע האָבן געהאַט אַ חלק אין אומברענגען די שטעטלשע ייִדן.

אויף זיין חשבון זענען פאַרשריבן פיל אָראָפּגעלאָזטע עשאַלאָנען און געהרגעטע היטלעריסטן. פאַר זיין העלדישקייט באַקומט ער בעתן צוזאַמענ־פאַר פון אַלע ווייסרוסישע פאַרטיזאַנער אין מינסקער געגנט (25סטן אויגוסט 1944), די העכסטע מיליטערישע אויסצייכענונג — „העלד פון ראַטנפאַר־באַנד". אַלפּעראָוויטש לעבט היינט צו טאָג אין שטעטל מאָלאָדעטשנע (רוסלאַנד) און פאַרנעמט דעם אַנגעזעענעם אַמט פון נאַטשאַלניק נ. ק. ג. ב.

ווייט און ברייט האָט זיך געטראָגן איבער דער פאַרטיזאַנקע פון ווייסרוסלאַנד דער נאָמען יצחק (איציק) בלאַט.

נאָך דער צווייטער שחיטה אין גלובאָקער געטאָ (ווילנער געגנט), יולי 1942, איז אַ גרופּע ייִדישע יונגעלייט מיט יצחק בלאַטן בראש אַנטלאָפן אין די וועלדער. זיי גייען אַוועק אין בעהאָמעלער ראַיאָן (מינסקער געגנט), וווּ זיי ווערן אויפגענומען אין קוזינס בריגאַדע. בלאַט רוקט זיך גלייך אַרויס אין פאָדערגרונט אַלס דרייסטער און אומדערשראָקענער פאַרטיזאַן. ער צייכנט זיך אויס אין אַ רייע שלאַכטן ביי דאָלגאָפּאָליע, קאַנציאַן, בעהאָ־מעל און אין סאַבאָטאַזש־אַקטן קעגן שונא. עטלעכע מאָל ווערט ער בראש פון אַ גרופּע פאַרטיזאַנער אַריבערגעוואָרפן איבער דער פראָנט־ליניע קיין רוסלאַנד, פונוואַנען ער קומט צוריק אין פיינטלעכן טיפן הינטערלאַנד מיט געווער און ליטעראַטור. שוין דאַן באַקומט ער אַ דאַנק־אויסדרוק פון בריגאַדע־קאָמאַנדיר אין אַ טאָג־באַפעל, וועלכער ווערט געלייענט פאַר אַלע אָטריאַדן, וועגן זיין דרייסטקייט און העלדישקייט.

שפּעטער זייענדיק אין אויסשפּיר־דינסט פון אָטריאַד „טשאַפּאַיעוו" (וואָראָשילאָוו־בריגאַדע), וועלכער האָט זיך דאַן געפונען אין די קאַזאַנער וועלדער, איז ער פאַר זיין אַרויסגעוויזענער העלדישקייט נאָמינירט געוואָרן אַלס קאָמאַנדיר פון אויסשפּיר־דינסט און שפּעטער „פּאָליטרוק". אין די קאַמפן מיט די גאַרניזאָנען פון די שטעטלעך אָפּסע און קאַזאַן, איז בלאַט שטענדיק אין די ערשטע רייען. נאָך דער צווייטער בלאָקאַדע אין די קאַזאַנער וועלדער (סעפּטעמבער 1943), איז מאַרקאָווס בריגאַדע געוואָרן געצוווּנגען אַריבערצוגיין אין ראַיאָן פון דער אָזיערע נאַראָטש. אונטערן

אָנפיר פון בלאַטן ווערן צעשטערט די דייטשע הויפן אין אומגעגנט פון גלובאָקע (פּעטראָווישטשינע, טשעראַמקע, קאַסטעלאַנאָשטשיזנע א״אַ), ווו מען צעשיסט די פּאָליציי־וואַכן און מען נעמט טראָפייען. צוזאַמען מיט נאָך צוויי רוסישע פּאַרטיזאַנער נעמט ער אויף אַ קאַמף מיט אַ גרופּע פּאָליציסטן און זיי פאַרניכטן זעקס באַנדיטן. דעם 30סטן אויגוסט 1943, באַקומט ער דעם מעדאַל „פּאַרטיזאַנער פון פּאַטערלענדישן קריג״ און ווערט צוגעשטעלט צום אָרדן „רויטע פאָן״. צענדליקער יידן האָט בלאַט אַרויסגעפירט פון גלובאָקער געטאָ. ער האָט אויך געשיצט די פאַמיליע־לאַגערן פון קאַזאַנער און נאַראָטשער געגנטן.

אין יאַנואַר, 1944, איז דער אָטריאַד באַפאַלן אַ דייטשן גאַרניזאָן ביי דער אייזנבאַן־ליניע פּאָסטאַוו־וואָראָפּאַיעווא. מיט אַ געשריי: — „חברים, פאָראויס!״, האָט זיך בלאַט אַ ריס געטון צו די קעלערן פון גאַרניזאָן, ווו עס האָבן זיך געפונען 16 פּאָליציסטן. דער גאַרניזאָן־בנין איז געשטאַנען אין פלאַמען. דער אָטריאַד־קאָמאַנדיר האָט אים געוואָרנט: — „קריך נישט, בלאַט!״, אָבער בלאַט האָט נישט גענומען אין אַכט דעם קאָמאַנדירס וואָרענונג און צולויפנדיק האַרט צום בנין, האָט ער אויפגעפאָדערט די פּאָליציאַנטן זיך אונטערצוגעבן. אַ קויל פון אינעווייניק איז געווען דער ענטפער. בלאַט ווערט שטערבלעך פאַרווונדעט. ער באַווייזט נאָך אַרויס־צורײדן: — „איך שטאַרב... נעמט נקמה... גיט אַכטונג אויף מיין מוטער!״ נאָך זיין העלדישן טויט איז ער צוגעשטעלט געוואָרן צום טיטל „העלד פון ראַטנפאַרבאַנד״.

אין געגנט פון גלובאָקע, פּאָסטאַוו, וואָראָפּאַיעווא, ווו עס האָבן סטאַנ־ציאָנירט די בריגאַדעס א״נ „פּאָנאָמאַרענקאָ״, „ראָקאָווסקי״ און „מאַרקאָוו״, האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט די ברידער זלמן און דן פייגעלסאָן (גלובאָק). זלמן איז געווען וזוואד־קאָמאַנדיר פון אָטריאַד נר. 1 (בריגאַדע פּאָנאָמאַרענקאָ) און דן — קאָמאַנדיר פון אַן אויפרייס־גרופּע.ביידע ברי־דער האָבן זייער פיל אויפגעטון און באַקומען אויסצייכענונגען און אָרדנס.

דעם 22סטן יוני, 1941, פאַרלאָזט דוד פּלאָטניק, צוזאַמען מיט דער אָפּטרעטנדיקער רויטער אַרמיי, די שטאָט פּינסק. ער ווערט מגולגל אין דער שטאָט איזשעווסק (300 קילאָמעטער פון סווערדלאָווסק), ווו ער אַרבעט

ביים אויפשטעלן די פאַבריקן, וועלכע זענען עוואַקויִרט געוואָרן פון די באַדראָטע געביטן.

ער רופט זיך אָפּ אויף דער ווענדונג פון צ״ק פון דער ווייסרוסישער קאָמוניסטישער פאַרטיי צו אַלע אָפּשטאַמיקע פון ווייסרוסלאַנד וועגן פריי־וויליקן אַוועקגיין אין טיפן הינטערלאַנד צו קעמפן קעגן אָקופּאַנט. ער קומט אָן אין דער ספּעציעלער פּאַרטיזאַנישער דיווערסיע־שול נאָוואָשינאַ (גאָרקער קרייז). דעם 10טן נאָוועמבער, 1942, גייט ער, צוזאַמען מיט אַ גרופּע פון 14 מאַן, אַריבער די פראָנט־ליניע און קומט אָן אין מירער ראַיאָן. פון דער דיווערסיע־גרופּע ווערט שפּעטער אויסגעבילדעט אַן אָטריאַד א״נ „קאַלינין״ (בריגאַדע „זשוקאָוו״).

לכתחילה איז ער אויסגענוצט געוואָרן בלויז אויף הילפס־אַרבעטן אין אָטריאַד. ער האָט זיך אָבער געריסן צו דיווערסיע־אַרבעט און לסוף איז אים געלונגען צו צעשטרייען דעם אומצוטרוי צו זיין קאַמפּס־פעיִקייט. זיינע געלונגענע כסדרדיקע מינירונגען פון עשאַלאָנען האָבן באַווירקט די קאָמאַנדשאַפט אים צו נאָמינירן אַלס קאָמאַנדיר פון דער דיווערסיע־ראָטע ביים א״ד אָטריאַד. אונטער זיין אָנפירונג און ביי זיין אַקטיווער מיטבאַטייליקונג אַלס מינירער, זענען אויפגעריסן געוואָרן איבער 28 עשאַלאָנען מיטן שונאס מיליטער און טעכניק. פיל הונדערטער דייטשן האָבן געפונען זייער טויט אונטער די אויפגעריסענע גרוזן. פלאָטניק האָט אויך אָנטיילגענומען אין די צווייִ קאַמפן מיטן דייטשן גאַרניזאָן אין שטעטל האָראָדאָק; אין דער לויערונג (27סטן אַפּריל 1943), אויף דייטשע אויטאָס אויפן שאָסיי מינסק־באַראַנאָוויטש; אין קאַמף מיט אַ דייטשער לויערונג אין דאָרף טראָשטשישע (מירער ראַיאָן); אין די קאַמפן ביים ליקווידירן די ווייסרוסישע „סאַמאָכאָוועס״ אין די דערפער: זאַגאָריע, באָהאָדקי און זאַלעסיע (מירער ראַיאָן); אין קאַמף פאַר דעראָבערן דאָס שטעטל מיר; אין קאַמף מיט די קאָזאַקן־וולאַסאָוועצעס אין דאָרף בערעזשינאָיע (יוני 1944) א״אַ. אַלס אָנערקענונג פאַר זיינע דיווערסיע־אויפטוען אין איניציאַטיוו, האָט ער באַקומען דעם אָרדן „פאַטערלענדישע מלחמה״ 2טע מדרגה און מעדאַל „פאַרטיזאַן פון דער פאַטערלענדישער מלחמה״ ערשטע מדרגה. פאָרגעשטעלט געוואָרן צו באַקומען די אָרדנס: „רויטע פאָן״, „רויטער שטערן״ און מעדאַל „נצחון״.

אין פּאָלעסיעס פּאַרטיזאַנקע זענען געווען פּאָפּולער די יידישע פּאַר־טיזאַנער: זרח קרעמען, עריק שטיין, סערוויאַנסקי און ליקער.

זרח קרעמען איז שוין אין אַפּריל 1941, געווען אַ פּאַרבינדלער צווישן דער סלאָנימער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע און דעם פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד „שטשאָרס", וועלכער איז געשטאַנען אין די ראַפּאַלאָווקער וועלדער („וואָלטשע נאָרע"). דעם 28סטן יולי 1942, נאָך דער סלאָנימער שחיטה, אַנטלויפט ער אויך אין וואַלד. ער קומט אָבער אָפּט צוריק אין שטאָט, פירט אַרויס יידן און ברענגט געווער אין וואַלד. ער ווערט נאָמינירט אַלס קאָמאַנדיר פון 1טן דיווערסיע־וזוואָד ביי דער 51סטער יידישער גרופּע אין א"ד אָטריאַד. אָנטיילגענומען אין די קאַמפן ביי גאַווינאָוויטש, סאָמי־טשיק, 10טן שליוז, ביים צעקלאַפּן טשעטשינאָוויטש און ביים טייך לאַן. אין סעפּטעמבער 1942, האָט ער, בראש פון אַ קליינער גרופּע, אין ראַיאָן פון דער סטאַנציע בודי, פאַרברענט צוויי סמאָליאַרניעס: סאָוויקי (ליאַכאָ־וויטשער ראַיאָן) און אָסטראָוו (האַנצעוויטשער געגנט). מיט אַרטילעריע־סנאַריאַדן רייסט ער אויף פיר עשאַלאָנען אויף דער ליניע באַראַנאָוויטש־לונינעץ (לעבן דער סטאַנציע בודי).

נאָכן פונאַנדערלאָזן די יידישע גרופּע, איז ער אַריבערגעפירט געוואָרן אין דער 55סטער גרופּע פון אָטריאַד „קאָטאָווסקי", אַלס קאָמאַנדיר פון אַן אָפּטיילונג, וואָס איז אַריבער אויף פּאָלעסיע. אָנטיילגענומען דעם 17טן סעברואַר 1943 אין דער לויערונג לעבן די מאַשוקיער כוטאָרס (האַנצעווי־טשער ראַיאָן), ווו עס זענען דערהרגעט געוואָרן 25 דייטשן מיטן הויפּט־קאָמיסאַר פון באַראַנאָוויטש, גרופּן־פירער פענץ. אין משך פון צייט־אָפּשניט יוני 1942 — פעברואַר 1943, לאָזט ער אַראָפּ פון די רעלצן 13 עשאַלאָנען אויף דער באַן־ליניע בריסק־פּינסק, לעבן די סטאַנציעס דראָ־היטשין און אַנטאָפּאָל און בריסק־מאָסקווע, ביי די סטאַנציעס בלודען, אָראַנטשיי, טעוולי. ער רייסט אויך אויף אַן עשאַלאָן פון 25 וואַגאָנעס מיט טאַנקן און אַמוניציע אויף דער ליניע בריסק־מאָסקווע, לעבן דער סטאַנציע בלודען. ער נעמט אויך אַן אַקטיוון אָנטייל אין „רעלצן־קריג".

אין יולי 1943 איז אַראָפּגעקומען פון מאָסקווע אַ ספּעציעלער שליח, וועלכער האָט געבראַכט מתנות־אויטאָמאַטן פאַר די אויסגעצייכנטע פּאַר־טיזאַנער און קאָמאַנדירן. קרעמען באַקומט אויך אַן אויטאָמאַט. צום יאָר־

טאָג פון דער רויטער־אַרמיי, דעם 23סטן פעברואַר 1943, האָט ער אויפ־געריסן נאָך פיר עשאַלאָנען ביי דער סטאַנציע אָראַנטשיץ, אויף דער ליניע בריסק־מאָסקווע. ער האָט אויך אָנטיילגענומען אין די קאַמפן ביים דאָרף רודיעץ, אויפן דניעפּרא־בוגער קאַנאַל (אַנטאָפּאָלער ראַיאָן). נאָך דער באַפרייאונג (אַפּריל 1944) איז ער אָפּגעשיקט געוואָרן קיין האָמעל, פון וואַנען ער קומט אָן, לויט זיין אייגענעם פאַרלאַנג, אין פוילישן פּאַרטיזאַנער־שטאַב, בכדי אַריבערגעוואָרפן צו ווערן אין פוילן און אָרגאַניזירן דאָרט אַ פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג.

קרעמען איז באַלוינט געוואָרן מיטן אָרדן „רויטער שטערן". צוגע־שטעלט געוואָרן צו די אָרדנס „לענין" און „פּאַטערלענדישן קריג", 1טע און 2טע מדרגה.

מיר גיבן דאָ אַ יידישע איבערזעצונג פון קרעמענס קאַמפּס־כאַראַק־טעריסטיק, אַרויסגעגעבן פון דער פּאַרטיזאַנער־אָנפירונג.

קאַמפּס־כאַראַקטעריסטיק פון פּאַרטיזאַן פון אָטריאַד א"נ „קאָטאָווסקי" בריסקער פּאַראייניקונג, זרח קרעמען, זון פון אַברהם.

זרח קרעמען איז געווען אין אָטריאַד א"נ „קאָטאָווסקי", בריסקער פּאַראייניקונג פון דעם 28טן יוני 1942 ביז דעם 10טן יוני 1944. פאַר דער צייט פון זיין לעבן אין אָטריאַד האָט זיך דער חבר קרעמען אַרויסגעוויזן אַלס דרייסטער און דיסציפּלינירטער פּאַרטיזאַן.

אַלס קאָמאַנדיר פון אַ דיווערסיע־גרופּע און מינירער האָט ער אויפ־געריסן 22 פיינטלעכע עשאַלאָנען, אָנטיילגענומען מער ווי 10 מאָל אין אָפענע קאַמפן, צעשטערט 4.5 קילאָמעטער טעלעגראַפיש־טעלעפאָנישע פאַר־בינדונגען, און 3 אויטאָ־מאַשינען אויף דעם שאָסיי־וועג בריסק־פינסק. אַן אַקטיווער אָנטיילנעמער אין רעלצן־קריג. אויסער דעם האָט ח' קרעמען שטאַרק געהאָלפן באַוואָפענען און אויסברייטערן די פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן א"נ „שטשאָרס" און „קאָטאָווסקי". דורך אים זענען געוואָרן צוגעשטעלט אין אָטריאַד א"נ „שטשאָרס": 18 קוילנוואַרפערס, 10 אויטאָמאַטן און ביי 10.000 קוילן. צווישן די פּאַרטיזאַנער האָט ער געהאַט גרויס אויטאָריטעט און אַכטונג.

געוו. קאָמאַנדיר פון פּאַרטיזאַנער אָטריאַד א"נ „קאָטאָווסקי".
אונטערשריפט: א. לעשטשאָווי. (—) שטעמפּל פון
בריסקער אָבלאַיספּאָלקאָם (געגנט אויספיר־קאָמיטעט).

דער לעגענדאַרער עריק שטיין, וועגן וועלכן מיר האָבן שוין דערמאָנט אין קאַפּיטל „געווער־פאַרזאָרגונג" איז אַנטלאָפן פון סלאָנימער געטאָ קיין

וואָלטשע־נאָרע צו דער 51סטער יידישער פּאַרטיזאַנער גרופּע ביים אָטריאַד „שטשאָרס", דעם 1טן אויגוסט, 1942. אָנקומענדיק אין אָטריאַד, האָט שטיין שטענדיק געזוכט אַ וועג, ווי נקמה צו נעמען פון די דייטשן. זייענדיק אַ זייער פעיקער מעכאַניקער, האָט ער פון געפונענע טיילן אין די טייכן און אויף די וועגן צונויפגעשטעלט אַ 45־מילימעטערדיקן האַרמאַט און גע־טרוימט צו קאָנסטרויִרן אַ טאַנק. אַלס געשולטער קאַפּיטאַן (פאַר דער מלחמה געווען אַ שיפס־קאַפּיטאַן אויף דער ליניע קאָנסטאַנץ־חיפה), איז ער געווען אַן אויסערגעוויינלעכער שיסער. ער פלעגט מיט איין האַנט אַראָפּשיסן טעלעפאָן־דראָטן. ער האָט אַבסאָלוט נישט געקענט קיין רוסיש (געווען אַ דייטשער ייד) און פלעגט זיך באַנוצן מיט אַ דאָלמעטשער אין זיינע שמועסן מיט די פּאַרטיזאַנער און טראָץ דעם איז ער געווען ביי אַלעמען געשעצט און געאַכטעט. ער האָט אָנטיילגענומען אין די קאַמפן: ביי גאַווינאָוויטש (סלאָנימער ראַיאָן), ביי סאַמיטשין (ביטענער ראַיאָן, 10טן אָקטאָבער 1942), ביים צעקלאַפּן דעם גאַרניזאָן אין שינטיעוויטש (לוני־ניעצער ראַיאָן, נאָוועמבער 1942), אין קאַמף ביים טייך לאַן און לעבן דאָרף לוגי(לוניניעצער ראַיאָן, 5טן דעצעמבער 1942).

ענדע דעצעמבער 1942, איז שטיין, מיט די יידישע פּאַרטיזאַנער זרח קרעמען, ד"ר בליומאָוויטש, ליקער, בערעזין, זשעניע אייכנבוים און שמעון סנאָווסקי (סלאָנים), אַוועק אויף אַן אויפגאַבע אויף דער באַן־ליניע באַראַ־נאָוויטש־לוניניעץ, לעבן דער סטאַנציע בודי, און אויפגעריסן צוויי פיינט־לעכע עשאַלאָנען. קיין אויפרייס־מאַטעריאַל איז נישט געווען, האָט מען זיך באַנוצט מיט אַ 32־מילימעטערדיקן אַרטילעריע־סנאַריאַד און אַ קאַפּסול האָט מען גענוצט פון אַ רוסישן גראַנאַט „עף־1". דער מינירער איז געווען שטיין. אָבער די פּרימיטיווע מינע האָט נישט אויפגעריסן. מען האָט זיך געמוזט צוריקקערן און שטיין האָט אַליין קאָנסטרויִרט אַ קאָמבינירטע מינע פון אַ סנאַריאַד מיט אַ דייטשן גראַנאַט, וואָס עס האָט געגעבן אַ געלונגענעם אויפרייס. אויף צוריקוועגס פון דעם איינגעגעבענעם שטיקל אַרבעט, האָבן די פּאַרטיזאַנער אָנגעטראָפן אויף אַ לויערונג פון אוקראַינער, לעבן דאָרף בוטשאַ (האַנצעוויטשער ראַיאָן), ווו שטיין ווערט דערהרגעט. זיין קבר געפינט זיך לעבן טייך לאַן. די קאָמאַנדשאַפט פון אָטריאַד און קאָמאַנדיר פון דער בריסקער פאַראייניקונג, קאָמאַראָוו, האָבן

אויסגעדריקט זייער מיטגעפיל און טרויער צוליבן פאַרלוסט פון העלדישן פּאַרטיזאַן, עריק שטיין.

דער קאָמאַנדיר פון אַ דעסאַנט־גרופּע, אָרלאָווסקי, האָט דערנאָך איבערגעגעבן, אַז ער האָט צוגעגרייט פאַר שטיינען ספּעציעלע שפּיאָנאַזש־אויפגאַבעס, ווו ער האָט געזאָלט אויפטרעטן אין דער ראָל פון אַ דייטשן אָפיציר. נאָכן טויט איז ער צוגעשטעלט געוואָרן צום טיטל „העלד פון ראַטנפאַרבאַנד".

נח סערוויאַנסקי איז ,אין 1939, אַנטלאָפן קיין סלאָנים פון זיין געבורטס־שטעטעלע אויגוסטאָוו (ביי סוואַלק), ווו ער האָט געאַרבעט אַלס שלאָסער אין אַ דייטשן וואַרשטאַט און דאָרט צוזאַמענגעשטעלט פאַר זיך אַ ביקס. נאָך דער שחיטה אין סלאָנים אַנטלויפט ער און קומט אָן אין דער 51סטער יידישער גרופּע פון אָטריאַד „שטשאָרס", סערוויאַנסקי האָט נאָך זיין אָנקומען געמאַכט זיך אַ שם פון אַ מענטשן, וועלכער לאַכט דעם טויט אין פּנים אַריין. אין אַלע קאַמפן האָט אים באַגלייט דאָס געפיל פון זעלבסט־זיכערקייט, אַז אים וועט קיין קויל נישט נעמען. אין אַלע קאַמפּס־אָפּעראַציעס פלעגט זיך סערוויאַנסקי קאַלט־בלוטיק אַרויסרוקן אין דער ערשטער ריי.

אויגוסט 1942 איז דער אָטריאַד „שטשאָרס" אָנגעפאַלן אויפן גאַרניזאָן, וועלכער איז באַשטאַנען פון 15 דייטשן און פּאָליציאַנטן אין טשעמיאַלי (ביטנער געגנט). דער גאַרניזאָן אין טשעמיאַלי האָט געהיט די בריק איבערן טייך שטשאַרע אויפן שאָסיי בריסק־מאָסקווע. נאָך דעם ווי דער באַראַק, ווו די דייטשן האָבן געלעבט, איז ביינאַכט אַרומגערינגלט געוואָרן און מען האָט דערשאָסן דעם וואַך־זעלנער, האָבן די דייטשן געעפנט אַ העפטיקע שיסעריי. אַ דייטשער פעלדפעבל האָט פאַרנומען אַ גינסטיקע פּאָזיציע אויפן בוידעם און עפּנענדיק אַ געדיכטן פייער פון אַ קוילנוואַרפער, קיינעם נישט צוגעלאָזט צו דער געביידע. די קאָמאַנדשאַפט גיט דאַן אַ באַפעל: נעמען דעם דייטש אַ לעבעדיקן, אָדער פאַרברענען דאָס הויז צוזאַמען מיט אים. אַ יידישער פּאַרטיזאַן, סיוואַש (וואַרשע), וועלכער האָט זיך געפּרוּווט דערנענטערן צום הויז, איז געפאַלן אַן אונטערגעשאָסענער, סערוויאַנסקי לייגט נישט קיין אַכט אויף דעם קוילן־

האָגל און באַווייזט צוצוגיין צו דער שטוב און פאַרברענען דעם באַראַק אינאיינעם מיט דעם דייטש.

אין דער גרויסער שלאַכט ביים 10טן שלוז אויפן דניעפּראָ־בוגער־קאַנאַל (14טן נאָוועמבער 1942), איז סערוויאַנסקי געווען דער, וועלכער איז דער ערשטער אַריבערגעלאָפן מיט אַ הוראַ־געשריי איבער דעם שמאָלן בריקל פון שלוז, מיטרייסנדיק מיט זיך די איבעריקע פאַרטיזאַנער. די דייטשע לויערונג (איבער 100 דייטשע און לעטישע ס. ד.), וועלכע איז געלעגן פאַרפעסטיקט אויפן צעמענטענעם ברעג פון דער צווייטער זייט טייך, איז געוואָרן פאַרניכטעט.

סערוויאַנסקי האָט אויך אָנטיילגענומען אין אויפרייסן פיל עשאַלאָנען און אין אַלע קאַמפן, וועלכע דער אָטריאַד האָט געפירט. אין קאַמף איז ער געווען אומדערשראָקן. אַלע מאָל און אומעטום איז ער געגאַנגען דער ערשטער. ער פלעגט זיך וויצלען: — „די קוילן מיידן מיר אויס, זיי שרעקן זיך פאַר מיר...״ עס איז אינטערעסאַנט, אַז אין די קאַמפן ביי טשעמיאַלי און אויפן 10טן שלוז זענען סערוויאַנסקיס מלבושים געווען אינגאַנצן דורכגעלעכערט פון קוילן, אָבער זיין קערפער האָבן זיי נישט אָנגערירט. ער האָט טאַקע געהאַט מזל: ער איז אַדורך בשלום אַלע געפאַרן און דערלעבט די באַפרייאונג.

סערוויאַנסקי איז באַאָרדנט געוואָרן מיט די אָרדנס „רויטער שטערן״, „רויטע פאָן״ און מעדאַל „פאַרטיזאַן פון פאָטערלענדישן קריג״ 1טע מדרגה (לעבט היינט צו טאָג אין גראָדנע, ווייסרוסלאַנד).

אין דער 51סטער יידישער גרופע אין אָטריאַד א״נ „שטשאָרס״ האָט מיט זיין קאָלטבלוטיקייט און העלדישקייט זיך אויסגעטיילט נתן ליקער, וועלכער איז געקומען פון וואַרשע קיין סלאָנים אַלס פליט און האָט אין געטאָ געאַרבעט אַלס ראַדיאָ־טעכניקער אין דער סלאָנימער אָרטס־קאָמענדאַנטור. שוין דאָרט האָט ער אַרויסגעגנבעט וויכטיקע ראַדיאָ־טיילן און אַריבערגעשיקט אין וואַלד צו די פאַרטיזאַנער, וווהין ער איז אַליין אויך שפּעטער אַנטלאָפן. פון אַ צעבראָכענעם האַרמאַטל האָט ער אויפגעבויט אַ 45־מילימעטערדיקן האַרמאַט, ביי וועלכן ליקער, אַלס געוועזענער אַרטילעריסט, האָט געאַרבעט ביז דעם קאַמף ביי סאַוויטשין, ווו מען איז געווען געצוווּנגען אָפּצוטרעטן און וואַרפן דעם האַרמאַט.

ליקערס דעוויז איז געווען: — „אַ ייִד מוז גיין פאָראויס און קיינמאָל נישט אַראָפּלאָזן דעם קאָפּ אין קאַמף...״ ער האָט טאַקע קיינמאָל נישט אַראָפּגעבויגן זיין קאָפּ. אין די קאַמפן פלעגט ער זיך באַוועגן אין דער פולער הויך.

באַזונדערס אויסגעצייכנט האָט ער זיך אין קאַמף ביים 10טן שלוז. נאָך אַ פּאָר וואָכן אָפּרו אין די וועלדער צווישן די דערפער גאַטיליצאַ און דאָבראָמישל (ביטענער ראַיאָן), האָט דער אָטריאַד „שטשאָרס״ זיך איבערגערוקט ווייטער אויף מזרח, אויף דער קליינבאַן־ליניע טעלעכאַן־איוואַצעוויטש, ווו עס האָט דאַן געשוויבלט פון דייטשן.

דעם 11טן נאָוועמבער 1942, איז דער אָטריאַד אָנגעקומען און פאַר־מאַסקירט זיך אין די קוסטעס, אַ 100 מעטער פון שלוז. די אויסשפּיר־גרופּע, וועלכע איז אַוועק אויספאָרשן דעם וועג, איז אַריין אין שטוב ביים בריקל און אָנשטאָט אַריינצוּוואַרפן אַ פּאָר גראַנאַטן אויף די שלאָפנדיקע דייטשן, האָבן זיי זיך שנעל אַרויסגערוקט פון צימער. די דייטשן האָבן אָבער באַמערקט די אָנוועזנהייט פון די פּאַרטיזאַנער און צוגעגרייט זיך צום קאַמף מיט זיי, פאַרנעמענדיק גוטע פּאָזיציעס אויפן בוידעם, אין גערטל צווישן די קוסטעס און אויפן צווייטן ברעג פון קאַנאַל. די פּאַרטי־זאַנער האָבן זיך געוואָרפן שטורעמען דאָס הויז, דאָס בריקל און די דייטשע פּאָזיציעס אויף דער צווייטער זייט קאַנאַל. העניעק מלאך כאַפּט זיך אַריין אין שטוב, צעברעכט אַ שאַפע, צינדט זי אונטער און פאַרברענט דאָס הויז מיט די דייטשן. די דייטשן, איבערראַשט פון שטורמישן אָנפאַל, האָבן זיך געוואָרפן אין טייך, בכדי אַריבערצושווימען אויף דער צווייטער זייט. נישט קוקנדיק אויפן געדיכטן פרימאָרגן־נעפּל, וועלכער האָט שטאַרק געשטערט דעם אָנפאַל, האָט דאָך ליקער מיט זיין געוויינלעכער ביקס דערהרגעט דריי שווימענדיקע דייטשן. דער קאַמף איז געווען אַ קורצער און איבערראַשנדיקער. נאָכן פאַרכאַפּן דאָס בריקל איז דער ווידערשטאַנד פון די דייטשן געבראָכן געוואָרן און עס האָט לאַנג נישט געדויערט ווי די איבער הונדערט דייטשן און לעטן פון דער „זאָנדער־דיוויזיע מינסק״ זענען צעשאָסן געוואָרן, חוץ איינעם, וועמען עס האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן.

אין דאָזיקן קאַמף האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט די ייִדישע העלדישע פּאַרטיזאַנער: נתן ליקער, סערוויאַנסקי און העניעק מלאך.

די ייִדישע גרופּע האָט אין דעם קאַמף געהאַט גרויסע פּאַרלוסטן. עס זענען געפאַלן: דער קאָמאַנדיר פון דער 51סטער ייִדישער גרופּע פּיאַ־דאָראָוויטש, אינגבער (אָסטראָוו־מאַזאָוויעצק), מאיר מאַלאַך (וואַרשע) און נאָך דריי ייִדן.

די ייִדישע גרופּע, וועלכע איז געגאַנגען די ערשטע אין שטורעם, האָט זיך געמאַכט אַ העלדן־נאָמען און אַרויסגערופן אַלעמענס באַוווּנדערונג. אויף די קברים פון די געפאַלענע האָבן די ייִדישע פּאַרטיזאַנער געשוווירן ווייטער צו טראָגן די פאָן פון נקמה און געזאָגט אין האַרצן אַ צווייענדיקן קדיש נאָך די דערמאָרדעטע בעת דער שחיטה אין סלאָנים (14טן נאָוועמבער 1941) און נאָך די געפאַלענע אין שלאַכט ביי דעם אָגינסקי־קאַנאַל (14טן נאָוועמבער 1942), ווייל די שלאַכט איז אויסגעפאַלן אין יאָרצייט־טאָג פון דער ערשטער סלאָנימער שחיטה. נאָכן פאַרסירן דעם קאַנאַל האָבן אַלע מסכים געווען, אַז ליקער דאַרף באַקומען אַן אויטאָמאַט פון די דערמאָרדעטע דורך אים ס"ס־לייט. זייענדיק אין דער 51סטער ייִדישער גרופּע ביים אָטריאַד „שטשאָרס", האָט ליקער אַראָפּגע־לאָזט פיר עשאַלאָנען אויף דער ליניע באַראַנאָוויטש־לוניניעץ. אין דער 52סטער גרופּע, וווּהין ער איז אַריבערגעפירט געוואָרן, האָט ער אַראָפּ־געלאָזט נאָך 27 עשאַלאָנען. צוזאַמען האָט ער אַראָפּגעלאָזט 31 עשאַלאָנען.

ליקער האָט זיך אויסגעצייכנט אין דער לויערונג ביי די מאַשוקיער כוטאָרעס אויף דער גרופּע דייטשע אָפיצירן און ווייסרוסישע פּאָליציי־קאָמאַנדאַנטן. ליקער האָט אויך אָנטיילגענומען אין אַלע לויערונגען און קאַמפן און אַלע מאָל זיך אויסגעצייכנט. זיין קאַלטבלוטיקייט האָט אים קיינמאָל נישט פאַרלאָזט. אַפילו אין פאַל פון אַ צוריקטריט פלעגט ער קיינמאָל נישט לויפן. נאָך דער באַפרייאונג האָט ער זיך פרייוויליק גע־מאָלדן אין דער רויטער אַרמיי און געקעמפט ביז צום פאַלן פון בערלין. ליקער האָט באַקומען די אָרדנס: „רויטער שטערן" און „רויטע פאָן", צוגעשטעלט געוואָרן צו די אָרדנס „לענין", „פאַטערלענדישן קריג" און צום ערן־טיטל „העלד פון ראַטנפאַרבאַנד" (לעבט היינט צו טאָג אין בריסק, רוסלאַנד).

משה קאַגאַנאָוויטש

אַ העלדן־טיפּ פון אַ פאָלקס־מענטש, וועלכער האָט זיך געשאַפן אַ נאָמען אין נאַליבאָקער און ליפּיטשאַנער פושטשעס ,איז געווען דער לידער ייִדישער מאַלער־אַרבעטער, בנימין באַראַן, וועלכער איז געווען פּאָפּולער אונטערן צונאָמען „לאַמאַי פּאָסודו" (ברעך דאָס געפעס), אַ טיטל, וועלכן ער האָט באַקומען אַדאַנק אַן אַרויסגעוויזענע דרייסטקייט ביים אַראָפּלאָזן אַ דייטשן עשאַלאָן. אין סעפּטעמבער 1942 אַנטלויפט בנימין באַראַן, נאָכן

בנימין באַראַן

פּאָפּולער אונטערן פּעסוודאָנים „לאַמאָי פּאַסודו". אויסשפּירער און די־ווערסאַנט פון אָטריאַד „וואָראָשילאָוו", אויסגעצייכנטער, באַאָרדנטער פּאַרטיזאַן.

פאַרלירן זיין גאַנצע משפחה אין דער לידער שחיטה, מיט אַ גרופּע יוגנט־לעכע אין ליפּיטשאַנער פושטשע. פון דאָרט גייט ער נאָך אייניקע מאָל אין לידער געטאָ, כדי צו באַקומען געווער און ברענגען מענטשן. בעת זיין צווייטן „שפּאַציר" צום געטאָ, ווו ער איז געגאַנגען צוזאַמענקלייבן אַ גרעסערע גרופּע יוגנטלעכע, (לויט דער עצה פון אָטריאַד־קאָמאַנדיר פון „איסקראַ"), אויף צו פאָרמירן אַ ייִדישן אָטריאַד, האָט ער לעבן שטאָטישן בית־עולם אָנגעטראָפן אויף אַ דייטש, וועלכער האָט אים געוואָלט פאַר־האַלטן. באַראַן פאַרלירט זיך נישט. ער כאַפּט אַרויס פון קעשענע אַ גראַנאַט

און וואַרפט. דער גראַנאַט האָט אויפגעריסן. באַראַן נוצט אויס די סיטו־אַציע און אַנטלויפט צוריק אין וואַלד.

דער סימפּאַטישער ברונעט, באַראַן, געפינט חן ביים אָטריאַד־קאָמאַנ־דיר פון „וואָראָשילאָוו", פּעטיאַ קאָמאַראָוו, וועלכער האָט זיך צופעליק דאַן געפונען אין לידער ראַיאָן אויף דורכצופירן אַ דיווערסיע־אויפגאַבע אויף דער אייזנבאַן־ליניע לידע־באַראַנאָוויטש. ווי שוין געזאָגט, איז דער אָטריאַד געווען טרויעריק פּאָפּולער אין ליפּיטשאַנער פּושטשע אַלס אַנטי־סעמיטישער. אין גאַנצן אָטריאַד זענען געווען בלויז פיר יידן. באַראַן איז אָבער געוואָרן זייער גיך באַליבט ביי אַלע פּאַרטיזאַנער פון אָטריאַד, ווי אויך ביי דער קאָמאַנדשאַפט, פאַר זיין אויסערגעוויינלעכער דרייסטקייט, בריהשקייט און קונציקע שטיקלעך אַרבעט.

דאָרט ווו קיין איין פּאַרטיזאַן פלעגט זיך נישט דערוועגן צו גיין, פלעגט באַראַן איינער אַליין ריזיקירן. זייענדיק אַ חוץ אַ מינירער אויך אַן אויסשפּירער, האָט ער אַדורכגעריסן די דייטשע בלאָקאַדע פון נאַליבאָ־קער פּושטשע און אַריבערגעפירט פון ליפּיטשאַנער פּושטשע דאָקומענטן אין באַראַנאָוויטשער פּאַרטיזאַנער ־קרייז־צענטער (נאַליבאָקער פּושטשע), יולי 1944). פיל קריסטלעכע פּאַרטיזאַנער האָבן זיך צוריקגעקערט, נישט קענענדיק אויספירן די אויפגאַבע, אָבער באַראַן האָט זי אויסגעפירט אויף אַן אויסטערלישן שטייגער. רייטנדיק אויף פערד, איז ער אין מיטן העלן טאָג אַדורכגעפאָרן די שטאַרק־באַוואַכטע אייזנבאַן־ליניע לידע־באַראַנאָוויטש.

באַראַנס דרייסטקייט און געוואַגטקייט אילוסטרירט אַמבעסטן פאַלגנ־דיקער פאַל: נאָכן אַראָפּלאָזן אַן עשאַלאָן אויף דער ליניע לידע־גראָדנע, ביי ראָזשאַנקע(יוני 1942), איז דער אָטריאַד „וואָראָשילאָוו" אויפן פריי־מאָרגן אָנגעקומען צו אַ כוטאָר, ביים דאָרף באָיאַרי (זשאָלודקער קרייז), אויף אָפּרו. פלוצלינג האָט באַראַן באַמערקט, אַז עס ברענט אַ צווייטער כוטאָר. ער האָט זיך גלייך פאַראינטערעסירט און דערוווסט, אַז די ווייסע פּאָליאַקן פאַרברענען די ווירטשאַפט פון אַ פויער, אַ פּאַרטיזאַנישן פאַר־בינדלער. דער אָטריאַד האָט תיכף אָפּגעמאַרשירט צום ברענענדיקן כוטאָר. באַראַן מיט נאָך פיר רייטערס, באַוואָפנטע מיט האַנט־קוילנוואַרפערס, זענען צוגעפאָרן צום כוטאָר. די ווייסע פּאָליאַקן האָבן זיי באַגעגנט מיט

אַ האָגל קוילן. באַראַן, נישט אַראָפּגייענדיק פון פערד, האָט אַרויסגעלאָזט אַ גאַנצן דיסק מיט קוילן, דערנענטערנדיק זיך אַלץ נענטער צו די פּאַליאַקן. אָבער אַ קויל פון אַ פאַרשטעקטן שונא האָט אים געטראָפן אין ברוסטקאַסטן. ער איז אַרונטערגעפאַלן פון פערד און געבליבן ליגן אַ פאַרווונדעטער אין קאָרן. נאָך אַ פערציק מינוט העפטיקן קאַמף זענען די פּאַרטיזאַנער געווען געצוווּנגען אָפּצוטרעטן, איבערלאָזנדיק באַראַנען אויפן שלאַכטפעלד. באַראַן האָט דאַן אַרויסגעשלעפּט זיינע צוויי גראַנאַטן און פּיסטאָלעט, גרייט אויפן פאַל, ווען מען וועט אים אַנטדעקן און וועלן נעמען אַ לעבעדיקן. די ווייסע פּאָליאַקן זענען טאַקע באַלד געקומען אויפצוקלייבן זייערע פאַרווונדעטע. דערזעענדיק, אַז צוויי פּאָליאַקן דערנענטערן זיך צו אים, האָט ער קיין סך נישט געצעגערט און אַ וואָרף געטון אַ גראַנאַט. די פּאָליאַקן זענען אויפגעריסן געוואָרן און באַראַן, אָפּגייענדיק אין בלוט, איז מיט די לעצטע כוחות דורכגעקראָכן דורך דעם קאָרן צו אַ נאָענטן כוטאָר און געצוווּנגען דעם פויער איינצושפּאַנען אַ פערד און אים ברענגען אין אָטריאַד.

נאָך עטלעכע מאָנאַטן ווערט ער אויסגעהיילט און זעצט זיך צוריק אויף זיין פערד. באַראַן פּלעגט זייער אָפט באַזוכן די פאַמיליע־אָטריאַדן און טרייסטן די ייִדן מיט אַ גיכער אויסלייזונג. נאָך אַ געלונגענער לויערונג אין דאָרף זשיזשעוויטש, ביי סלאָנים (פעברואַר 1944), ווו עס זענען אומגעבראַכט געוואָרן זיבן דייטשן און 14 פּאָליציאַנטן, האָט באַראַן געבראַכט די פאַמיליע־לאַגערן אַלס מתנה אַ זאַק פאַרבלוטיקטע זאַכן פון די מערדערס פון זייערע משפּחות...

אויף ווי וויט באַראַן איז געווען פּאָפּולער און באַליבט ביי די פּאַרטיזאַנער קען דינען דער פאַקט, וואָס שוין נאָך דער באַפרייאונג, ווען ער האָט זיך פאַרזינדיקט קעגן דעם סאָוועטישן געזעץ און עס האָט אים געדראָט 12 יאָר תפיסה, איז ביי די געריכטס־פאַרהאַנדלונגען אַרויסגעטראָטן אַלס פאַרטיידיקונגס־עדות זיין געוועזענער אָטריאַד־קאָמאַנדיר, פּעטיע קאָמאַראָוו, וועלכער האָט צ״אַ באַטאָנט, אַז אויב מען וויל פאַרמשפּטן באַראַנען, דאַן זאָל מען אים אויך משפּטן, וויל באַראַן האָט פאַר דער סאָוועטישער פּאַרטיזאַנקע מער אויפגעטון, ווי ער. אַדאַנק דער דערקלערונג איז באַראַן פולשטענדיק באַפרייט געוואָרן.

פאַר זיינע פאַרדינסטן אין פּאַרטיזאַנקע איז ער צוגעשטעלט געוואָרן צום אָרדן „קעמפערישע רויטע פאָן“ און מעדאַל „פּאַרטיזאַן פון פאָטערלענדישן קריג“, 1טע מדרגה.

מיר גיבן דאָ אַן איבערזעצונג פון זיין קאַמפּס-כאַראַקטעריסטיק מיט אַ ווערטלעכע יידישע איבערזעצונג:

„קאַמפּס־כאַראַקטעריסטיק פון פּאַרטיזאַן פון אָטריאַד א״ב „וואָראָשילאָוו“, בריגאַדע „וואָראָשילאָוו“ (ליפּיטשאַנער פּושטשע), בנימין באַראַן, זון פון רובין.

בנימין באַראַן איז אָנגעקומען אין פּאַרטיזאַנער אָטריאַד ־א״ב „וואָראָשילאָוו“ (וואָראָשילאָווער בריגאַדע) אין אָקטאָבער 1942. גלייך אין אָנהייב האָט ער זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ דרייסטן, מענערישן קעמפער אין קאַמף מיט די דייטשע פאַרכאַפּערס. אין אָטריאַד איז חבר באַראַן געווען אַן אויסשפּירער, געבנדיק אַלעמאָל גענויע פאַקטן וועגן קעגנער, זיינע פּלענער און באַוועגונגען. גלייכצייטיק מיט דער אויסשפּיר־אַרבעט האָט ער צוזאַמען מיטן אָטריאַד געפירט אַן אַקטיווע דיווערסיע־ און קאַמפּס־אַרבעט. באַראַן האָט צראָפּגעלאָזט 18 עשאַלאָנען פון שונא מיט לעבעדיקע כוחות, אַרטילעריע, טאַנקן און אויטאָמאַשינעס. אונטער די חורבות פון די צעקלאַפּטע וואַגאָנען האָבן געפונען זייער קבר מער ווי 700 היטלעריסטן. ביי דעם זענען געוואָרן צעקלאַפּט: 16 לאָקאָמאָטיוון, 35 וואַגאָנען מיט לעבעדיקער קראַפט, 93 פּלאַטפאָרמעס מיט קריגס־טעכניק. אין די דיווערסיע־אָפּעראַציעס האָט זיך חבר באַראַן אַרויסגעשטעלט אַלס דרייסטער און העלדישער פּאַרטיזאַן. אַלס ביישפּיל קען דינען פאָלגנדיקער פאַקט:

אין יאַנואַר 1943 האָט חבר באַראַן מיט אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער אויפגעריסן דעם שונאס עשאַלאָן און אים פאַרברענט. נישט קוקנדיק אויפן הוראַגאַן־פייער פון קעגנער, האָט באַראַן פערזענלעך באַגאָסן מיט בענזין און פאַרברענט 7 וואַגאָנעס פון קעגנער מיט געווער און אַמוניציע.

דער חבר באַראַן האָט אָנטיילגענומען אין 14 אָפענע קאַמפן און לויערונגען מיט די דייטשן. אין יוני 1943, פירנדיק אַ קאַמף מיט די דייטשע אָקופּאַנטן אין לידער ראַיאָן, איז ער, נישט קוקנדיק אויף זיין פאַרוווּנדעטע ווערן, נישט אַראָפּ פון קאַמפּס־פּלאַץ און דערביי נאָך דערהרגעט 2 היטלעריסטן.

אין די אַלע אַדורכגעפירטע קאַמפן זענען געוואָרן געהרגעט 450 היטלעריסטן, פאַרוווּנדעטע — 230, גענומען אין געפאַנגענשאַפט — 23.

פאַר דעם גאַנצן פעריאָד פון זיין פּאַרטיזאַנקע האָט זיך חבר באַראַן אַרויסגעוויזן פאַר אַ דרייסטן און העלדישן קעמפער אין קאַמף מיט די דייטשע פאַרכאַפּערס.

משה קאַגאַנאָוויטש

פאַר די אַרויסגעוויזענע העלדישקייטן אין די קאַמפן מיט די דייטשע אָקופּאַנטן איז דער חבר באַראַן פאָרגעשטעלט געוואָרן צו די רעגירונגס־אויסצייכענונגען: אָרדן „קעמפערישע רויטע פאָן" און מעדאַל „פּאַרטיזאַן פון פאָטערלענדישן קריג", ערשטע מדרגה.

קאָמאַנדיר בריגאַדע א"ב „וואָראָשילאָוו", אונטערשריפט (—) מאַקאַראָוו.

קאָמיסאַר פון בריגאַדע א"ב „וואָראָשילאָוו", אונטערשריפט (—) ביעליאַקאָוו.

נאַטשאַלניק פון שטאַב־בריגאַדע א"ב „וואָראָשילאָוו", אונטערשריפט (—) דאָבראָוואָלסקי.

דעם אונטערשריפט פון דאָבראָוואָלסקי באַשטעטיקט דער שטשוטשינער ראַיאָן־אויספיר־קאָמיטעט, אונטערשריפט, (—) סאָבאָלאָוו.

(—) אַ קיילעכדיקער שטעמפל פון שטשוטשינער „ראַיאיספּאָלקאָם".

אין פּאָפּולער־העלדישן אָטריאַד און שפּעטערדיקער בריגאַדע „פּאָביעדאַ", האָבן זיך כמעט אַלע יידישע פּאַרטיזאַנער אויסגעצייכנט און

אלי ליפּאָוויטש (דערעטשין)

ווזוואָד־קאָמאַנדיר אין ד"ר אַטלאַסעס ראָטע און שפּעטער אין בולאַקס אָטריאַד „פּאָביעדאַ". אויסגעצייכנטער, באַאָרדנטער פּאַרטיזאַן. געפאַלן נאָך דער באַפרייאונג, מאַי 1946, אין ליגניץ (פּוילן) דורך באַנדיטן פון א. ק.

געהאַט אַ העלדן־נאָמען. באַזונדערס האָט זיך דאָרט קונה־שם געווען די פאַמיליע ליפּשאָוויטש פון דערעטשין. שוין אין בראשית־שאַפן פון אָטריאַד האָבן די ברידער ליפּשאָוויטש אַרויסגערוקט זיך אין פאָדער־גרונט. אין דער יידישער ראָטע פון ד"ר אַטלאַס איז אליהו ליפּשאָוויטש געווען אַ

וווואָד־קאָמאַנדיר; חיים־שיִע — סטאַרשינאַ. זייער העלדישקייט האָבן זיי אַרויסגעוויזן שוין אין ערשטן קאַמף, בעתן אָנפאַל אויף דעם שטעטל דערעטשין. אליהו, בראש פון אַ וווואָד, צוזאַמען מיט זיין ברודער חיים־שיִע, האָבן די ערשטע געשטורעמט די געביידע פון דער ס״ס־זשאַנדאַר־מעריע און אַדאַנק זייער העלדישן און דערמוטיקנדיקן ביישפּיל האָט זיך דער אָנפאַל געענדיקט מיט אַ פולשטענדיקן נצחון פאַר די פּאַרטיזאַנער.

ווען שובינס און אַבראַמאָווס ראָטעס, וועלכע זענען באַשטאַנען אין זייער איבערוויגנדיקער מערהייט פון יידן, זענען צונויפגעגאָסן געוואָרן אין איין ראָטע אונטער דער אָנפירונג פון אַ רוס, אַבראַמאָוו, איז אליהו ליפשאָוויטש געבליבן אויף ווייטער וווואָד־קאָמאַנדיר. חיים־שיִע איז גע־בליבן אויף ווייטער „סטאַרשינאַ״.

די ברידער ליפשאָוויטש האָבן אָנטיילגענומען אין אַלע קאַמפן און לויערונגען פון אָטריאַד און אַלע מאָל געגעבן מיט זייער דרייסטער האַלטונג אַ ביישפּיל פאַר אַנדערע. דער „סטאַרשינאַ״, חיים־שיִע, האָט בעתן אָנפאַל אויפן שטעטל קאָזלאָווטשיזנע זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט. ער האָט פאַרנומען אַ פּאָזיציע אויף אַ בערגל, וואָס האָט דאָמינירט איבערן גאַנצן אַרום און פון אַ מאַקסים־קוילנוואַרפער באַשאָסן מיט אַ הוראַגאַן־פייער די דייטשע בונקערס אין שטעטל. בעת די פּאַרטיזאַנער זענען דערנאָך געווען געצוווּנגען, צוליב דעם פעלן פון קוילן, אָפּצוטרעטן, האָט ליפשאָוויטש, מיט אַ גרופּע קוילנוואַרפלערס, געדעקט דאָס אָפּטרעטן פון די פּאַרטיזאַנער.

אין בולאַקס אָטריאַד זענען אַלע נצחונות פון דעם יידישן וווואָד געווען פאַרבונדן מיט דער פּערזאָן פון איר קאָמאַנדיר, אלי. בעת ד״ר אַטלאַס איז געפאַלן אין דער גרויסער אַבלאַווע אויף דער ליפּיטשאַנער פושטשע, האָט די ידיעה וועגן זיין טויט זייער דערשיטערט די יידישע פּאַרטיזאַנער אויף דער פּאָזיציע און אַריינגעגאָסן אין זיי פרישן מוט און נקמה־געלוסט. אלי גיט זיך דער ערשטער מיט אַ הוראַ־געשריי אַ וואָרף פאַראויס און די יידישע פּאַרטיזאַנער טרייבן אַרויס די דייטשן פון דאָרף קליין־וואָליע. אלי האָט אָנטיילגענומען אין קאַמף ביים דאָרף כאַצקעוואַ; אין דער לויערונג אויפן שאָסיי — סלאָנים־האַלינקע־דערעטשין (22סטן מערץ 1943); אין די קאַמפן ביי שליזען־פּאָדגרעבעלסקי; אין אויפרייסן דעם אַרבעטס־אַמט אין מאַגיסטראַט אין שטעטל דערעטשין; אין דער

לויערונג אויף אַ גרופּע פּאָליציסטן, וועלכע האָט געפירט פּראָדוקטן פאַרן גאַרניזאָן אין רודאַ־יאַוואָרסקע; ביים צעקלאַפּן דעם גאַרניזאָן אין דאָרף אָסטראָווע (סלאָנימער ראַיאָן), וועלכער האָט געשטערט די פּאַרטיזאַנער אין זייערע באַוועגונגען און אין אָנגריף אויפן דייטשן גאַרניזאָן אין רודע־יאַוואָרסקי, וואָס האָט זיך געפונען אין האַרץ פון דער ליפּיטשאַנער פּושטשע. ווען די אָטריאַדן האָבן אויפן אָנגריפס־צייכן זיך געלאָזט צום דאָרף, האָבן זיי צו זייער גרויסער פאַרוווּנדערונג דערזען: געפאַנגענע זיצן מיט די הענט אין דער הויך און חברה פון ליפּשאָוויטשעס ווזוואָד היטן זיי, קלייבן צונויף די טראָפייען און באַלעבאַטעווען אין דאָרף.

דאָס האָט אליהו ליפּשאָוויטש, ווי נאָך דער אָנגריף האָט זיך אָנגע־הויבן, דער ערשטער זיך אַריינגעריסן מיט זיין ווזוואָד און פאַרנומען אַ וויכטיקע פּאָזיציע, וועלכע האָט דערמעגלעכט די איבעריקע אַריינצוקומען אין דאָרף אָן קרבנות. בעת אַ פּאַרטיזאַנער־אַפּעל נאָכן קאַמף האָבן אַלע אָטריאַדן באַגריסט אלין פאַר זיין העלדישן טאַט.

די ברידער ליפּשאָוויטש האָבן געהאַט אויף זייער חשבון אַ באַדייטנ־דיקע צאָל אַראָפּגעלאָזטע דייטשע עשאַלאָנען, אַנטיילגענומען אין דיווער־סיע־אַקטן און אויך גרויסע פאַרדינסטן ביי דער אָרגאַניזאַציע פון דער דערעטשינער יידישער פּאַרטיזאַנקע אין בולאַקס־אָטריאַד.

איינער פון די וויכטיקסטע דיווערסיע־אַקטן, וועלכער איז אַדורכ־געפירט געוואָרן לויט אַ דירעקטן באַפעל פון מאָסקווע, איז געווען דאָס אויפרייסן די גרויסע צעמענט־פאַבריק אין שטעטל ראָש (ביי וואָלקאָוויסק), אונטער דער אָנפירונג פון לייטענאַנט שובין. צווישן די 10 פּאַרטיזאַנער־אָנטיילנעמערס אין דער אויבנדערמאָנטער דיווערסיע זענען געווען פינף יידן: משה סאַלוצקי (זעלווע), מישקאַ אָגולניק, גדליה באָסאַק, יוסף בליזניאַנסקי און אלי ליפּשאָוויטש (דערעטשין). די פאַבריק האָט פּראָדו־צירט טעגלעך דריי וואַגאָן צעמענט, וואָס איז אויסשליסלעך באַנוצט געוואָרן פאַר פראָנט־פּאַרטיפיקאַציעס. 10 אַזייגער ביינאַכט האָט זיך די גרופּע שטילערהייט צוגעגנבעט צום פאַבריק־בנין, אַראָפּגענומען דעם פּאָסטן, דעם גאַנצן פּערסאָנאַל פאַרשפּאַרט אין איין צימער, אונטערגעלייגט 16 קילאָ „טאָל“ אונטער דעם מאָטאָר־קעסל און תיכף אָפּגעטראָגן זיך אָן

פּאַרלוסטן. נאָך דעם אויפרייס איז די פאַבריק במשך פון 6 מאָנאַטן נישט געווען טעטיק.

ער האָט געהאַט אויף זיין קאַמפּס־חשבון פאַרשריבן 22 אויפגעריי־סענע עשאַלאָנען. באַזונדערס האָט ער זיך באַרימט־געמאַכט מיטן געלונ־גענעם אויפרייס, וועלכן ער מיט נאָך זעקס חברים האָבן אַדורכגעפירט אויף דער אייזנבאַן־ליניע וואָלקאָוויסק־באַראַנאָוויטש. 20 וואַגאָנעס מיט סנאַריאַדן זענען דאַן פאַרברענט געוואָרן.

פאַר אויספירן אַ ספּעציעלע געפערלעכע אויפגאַבע מיט אַ גרופּע פון זעקס מענטשן האָט ער באַקומען דעם אָרדן: „פּאַטערלענדישער קריג״, 1טע מדרגה.

ביידע ברידער זענען געווען די ליבלינגען נישט נאָר פון די יידישע פּאַרטיזאַנער, נאָר אויך געווען געאַכט פון די רוסן און פון דער פּאַרטיי־זאַנער־אָנפירונג. דער בריגאַדע־קאָמאַנדיר, בולאַק, האָט נישט געקאַרגט קיין לויב־ווערטער פאַר די העלדישע ברידער און זיי צוגעשטעלט צו הויכע מלוכה־אויסצייכענונגען און אָרדנס. בולאַק האָט פאַרגעלייגט אלי ליפשאָוויטשן, ער זאָל ווערן ראָטע־קאָמאַנדיר, אָבער אלי אַליין האָט געצעגערט און נישט געוואָלט עס אָננעמען צוליב טעמים פון טאַקטישן כאַראַקטער.

אַ באַווייז פון חיים־שיעס באַליבטקייט און הויכער אָפּשאַצונג קען דינען דער פאַקט, אַז ווען ער איז געוואָרן פאַרוווּנדעט, לויפט אַ רוסישער קאָמאַנדיר אים ראַטעווען און פאַלט אַליין אַ טויטער.

ליידער געפינען זיי זיך נישט צווישן די לעבעדיקע. חיים־שיע האָט זיך אַליין דערשאָסן, ווערנדיק שווער פאַרוווּנדעט בעתן אַדורכרייסן די בלאָקאַדע אויפן ווילנער טראַקט, האַרט פאַר דער באַפרייאונג.

זיין ברודער, אלי, האָט דערלעבט די באַפרייאונג, פאַרגעזעצט דעם קאַמף אין דער רויטער אַרמיי ביזן סוף פון קריג און געפאַלן ביי טראַגישע אומשטענדן (מאַי 1946) שטייענדיק אויף דער וואַך אין אַ קיבוץ פון פּח״ח, אין ליגניץ (פּוילן), דורך מערדער פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ״ (א. ק.).

אַן אַנדער יידישער פּאַרטיזאַן, לאַרבער בערל (פסעוודאָנים „מאַלינ־קע״), האָט ביזן אַריינמאַרש פון די דייטשן אין וואָלין געלעבט רויק אין לישניפקע — אַ ישוב, (ספק שטעטעלע, ספק דאָרף), ווו דער ייד איז

זייט דורות געווען צוזאַמענגעבונדן מיטן אוקראַיִנישן פּויער און דער וואָלינער ערד. די באַציִונגען פון די שכנים־אוקראַיִנער האָט זיך גלייך ראַדיקאַל געביטן מיטן אַריינמאַרש פון די דייטשן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ טאָטאַלע אויסראָטונג פון הונדערטער יידישע קהילות אויף וואָלין און עס זענען פאַר די יידן אָפּגעשלאָסן געוואָרן אַלע וועגן צום לעבן.

געגנוי מיט אַ נאַכט פאַר דעם אַרויספירן דאָס ביסל יידן פון ליש־ניפקע אין שכנותדיקן שטעטל מאַניעוויטש, איז לאָרבער מיט נאָך 13 פּערזאָן אַנטלאָפן אין די וועלדער. שוין פריִער האָט ער דורך יוסף צווייבל זיך פאַרבונדן מיטן געוועזענעם פאָרזיצער פון דאָרפס־ראַט, בעתן קורצן פּעריאָד פון דער סאָוועטישער הערשאַפט (1939־1941), מיקאָלאַי קאָניש־טשוק (אין פּאַרטיזאַנקע פּאָפּולער אונטערן פּסעוודאָנים „קרוק"), וועלכער האָט זיך שוין געפונען אין וואַלד, און געמיינזאַם האָבן זיי אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן די פּאַרטיזאַנקע אין יענער געגנט. לאָרבער, וועלכער האָט געקענט די סביבה און די פּויערים, האָט גלייך פון ערשטן טאָג אַרויס־געוויזן פיל איניציאַטיוו און איז באַשטימט געוואָרן אַלס פאַרטרעטער פון קאָמאַנדיר פון אָטריאַד, וועלכער איז אינצווישן געגרינדעט געוואָרן א"נ „קרוק". אין גאָר אַ קורצער צייט זענען צוגעקומען אין אָטריאַד איבער הונדערט יידן, אַנטלאָפענע פון די שחיטות אין די שטעטלעך: מאַניעוויטש, פּאָוואָרסק, טראָיאַנאָווקע, קאַמיען־קאָשירסק, א"אַ. דער אָטריאַד איז במשך פון געציילטע חדשים אויסגעוואַקסן אויף איבער 200 יידן און געהאַט אַ נאָמען פון אַ ריין־יידישן אָטריאַד.

נישט ווייניק זענען געווען לאָרבערס פאַרדינסטן ביים אַרויסקריגן געווער פאַר די אַלע כסדר אָנקומענדיקע גרופּעס יידן. דאָס אַדורכפירן די סאַבאָטאַזש־אַקטן, דאָס דעמאָלירן און פאַרברענען די קאָאָפּעראַטיווע קראָ־מען און מעלקערייען און די אומצאָליקע נקמה־אַקטן קעגן די דייטשע אַגענטן פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג — איז פאָרגעקומען אין פיל פאַלן לויט זיין איניציאַטיוו און אונטער זיין אָנפירונג.

אין פעברואַר 1943, ווערט מאָלינקע ווזוואָד־קאָמאַנדיר פון אַ ריין־יידישן ווזוואָד און אונטער זיין אָנפירונג און אַקטיוון אָנטייל אַלס מינירער, ווערן פיל צענדליקער עשאַלאָנען געלאָזט אין דער לופטן.

בלויז אין משך פון אַפּריל 1943 געלינגט אים בראש פון זיין ווזוואָד

אויפצורייסן אַכט מאַשינעס מיט דייטשן אויף די טראַקטן קאַמיען־קאַשירסק־וויבזער, קאַמיען־קאַשירסק־קאָוועל, און קאַמיען־קאַשירסק ליוביעשאָוו. לערך 50 דייטשן און זייערע יוצר־משרתים זענען דערביי אומגעבראַכט געוואָרן, צווישן זיי אויך דער ראַיאָן־קאָמענדאַנט פון דער קאַמיען־קאַשירסקער פּאָליציי, קעמפּאַ.

דעם 31סטן דעצעמבער 1942, איז אַ גרופּע, אונטער דער אָנפירונג פון מאַלינקע, אַוועק אויף דער באַן־ליניע קאָוועל־קיעוו, צווישן טראַיאַנאָווקע און מאַניעוויטש, צעשטערן די טעלעפאָן־ליניע. די פּויערישע וואַכן, וועלכע די דייטשן האָבן צעשטעלט אויף צו היטן די אייזנבאַן־ליניעס, זענען דורך די פּאַרטיזאַנער אויפגעצוווּנגען געוואָרן מיטצוהעלפן אונטערצוזעגן די סלופּעס. נאָכן אויספירן די אויפגאַבע האָט זיך פלוצלינג דערהערט דאָס רוישן פון אַ זיך־דערנענטערנדיקן צוג. אויפן באַפעל פון לאָרבערן פאַרנעמען די יידישע פּאַרטיזאַנער אַ פּאָזיציע און ווען דער צוג דערנענטערט זיך צו זייער לויערונג באַשיסן זיי אים מיט אַ געדיכטן קוילן־האָגל. אויף צומאָרגנס האָט די אויסשפּיר־דינסט געמאָלדן, אַז אין רעזולטאַט פון באַשיסן דעם צוג זענען 9 דייטשן דערהרגעט און פיל פאַרוווּנדעט געוואָרן.

ענדע מאַי 1943, מינירן צוויי גרופּעס פון יידישן ווזוואָד, בראש פון וועלכע עס שטייען מאַלינקע און יצחק קופּערבערג, די באַן־ליניע קאָוועל־קיעוו, צווישן די סטאַנציעס טראַיאַנאָווקע־מאַניעוויטש. ביים פּרווו אומשעדלעך צו מאַכן צוויי אַנטדעקטע מינעס זענען אומגעקומען פיר דייטשן פון דער באַוועגלעכער קאָנטראָל־וואַך („שטרייף") און פון דער דריטער מינע איז אויפגעריסן געוואָרן אַ דייטשער עשאַלאָן און 12 מאַן פון דער וואַך און אייזנבאַן־באַדינונג זענען דערביי אומגעקומען.

לויט זיין קאַמפּס־כאַראַקטעריסטיק האָט ער במשך פון דער גאַנצער צייט:

1) אַליין געמינירט און אָנגעפירט מיטן אויפרייסן אַכט דייטשע עשאַלאָנען.

2) מיטן גאַנצן ווזוואָד אויפגעריסן 16 עשאַלאָנען.

3) אויפגעריסן און פאַרברענט אַכט דייטשע אויטאָ־מאַשינעס, ביי וואָס עס זענען אומגעקומען 50 היטלעריסטן.

4) פאַרברענט 2 טאַרטאַקן, 3 דייטשע פּאַלוואַרקעס און לערך 16 תבואה־שפּייכלערס און געזעלשאַפטלעכע גרעסערע געביידעס.

5) אויפגעריסן דעם וואַסער־טורעם אויף דער אייזנבאַן־סטאַנציע קאַמיען־קאַשירסק.

6) אָנטייל גענומען אין קאַמפן מיט צווייי פּאָליציייאישע גאַרניזאָנען, אין צוויי קאַמפן מיט „בולבאָוועצעס", אין פיל לויערונגען אויף דייטשן און אוקראַיִנישע פאַשיסטן און אויסגעפירט אייניקע טויט־אורטיילן איבער אוקראַיִנער, דייטשע אַגענטן און פּאָגראָמ־שטשיקעס.

7) אַ העלדישער, דיסציפּלינירטער וואָווואַד־קאָמאַנדיר און מינירער־ספּעציאַליסט — איז ער געווען באַליבט און געאַכטעט דורך דער העכסטער פּאַרטיזאַנער־אָנפירונג און זיינע סאָלדאַטן.

פאַר זיינע פאַרדינסטן און קאַמף מיטן שונא איז ער צוגעשטעלט געוואָרן און באַקומען דעם אָרדן „רויטע פאָן" און „פּאַרטיזאַנער מעדאַל".

עס לויטן די אונטערשריפטן פון: קאָמאַנדיר פון דער פּאַרטיזאַנער־פאַראייניקונג — גענעראַל־מאַיאָר ביעגמאַ, שטאַב־נאַטשאַלניק, טימאָשענקאָ און בריגאַדע־קאָמיסאַר — קאַרטשעוו.

אין דעם יידישן וואָווואַד פון קרוקס אָטריאַד האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט:

1) דער אָפּטיילונגס־קאָמאַנדיר יצחק קופּערבערג (מאַניעוויטש), וועל־כער האָט אויפגעריסן אַכט מיליטערישע צוגן, זעקס אויטאָ־מאַשינעס און אָנטיילגענומען אין אַ ריי שלאַכטן. ער איז אויסגעצייכנט געוואָרן מיט דעם אָרדן „פּאַטערלענדישער קריג" — 1טע מדרגה און מעדאַלן: „פאַרן זיג" און „פּאַרטיזאַנער־מעדאַל".

2) וואָווואַד־פּאָליטרוק יוסף בליישטיין (דאָרף לישניפקע), איינער פון די ערשטע אָרגאַניזאַטאָרן פון אָמריאַד — זיבן עשאַלאָנען, 8 אויטאָ־מאַשינעס און אָנטיילגענומען אין אַ ריי שלאַכטן. באַאָרדנט: „פּאַטערלענ־דישער קריג", 1טע מדרגה און פּאַרטיזאַנער־מעדאַל.

3) אָפּטיילונגס־קאָמאַנדיר יעקב („אַליאָשאַ") צווייבעל (דאָרף טשערע־וויטש), — זיבן עשאַלאָנען, זיבן אויטאָ־מאַשינעס און אָנטיילגענומען אין אַ ריי שלאַכטן. באַאָרדנט: „פּאַטערלענדישער קריג", 1טע מדרגה און פּאַרטיזאַנער־מעדאַל.

4) אַפּטיילונגס־קאָמאַנדיר זאב („וואָלאָדימיר“) ווערבאַ (מאַניעוויטש) — זעקס עשאַלאָנען; אַכט אויטאָ־מאַשינעס און אָנטיילגענומען אין אַ ריי שלאַכטן. באַאָרדנט: „פּאַטערלענדישער קריג“, 1טע מדרגה און מעדאַלן: „פּאַרטיזאַן פון פּאַטערלענדישער קריג, 1טע מדרגה און „פּאַרן זיג“.

דער 20-יעריקער אייזיק פירט (טשאַרטאָריסק, וואָלין), איז צוזאַמען מיט נאָך זיבן יִדן אויפגענומען געוואָרן, נאָכן אויספילן אַ פּאַראַנטוואָרט־לעכע אויפגאַבע, אין קאָנטשאַס אָטריאַד (פּאַראייניקונג — פּיאָדאָראָוו־ראַווענסקי), וואָס האָט געהאַט זיין באַזיס אין די ראַפּאַלאָווקער וועלדער.

ער האָט זיך גיך געמאַכט אַ נאָמען אַלס אויסגעצייכנטער מינירער און אָנטיילגענומען אַלס אַזאַ אין אַלע דיווערסיע־אַקטן אויף דער אייזנבאַן־ליניע קאָוועל־קיִעוו. עס איז אים אינגאַנצן פרעמד געווען דאָס געפיל פון שרעק און ער פלעגט זיך אַפילו אין די שווערסטע סיטואַציעס נישט פאַרלירן.

זיין אויטאָריטעט איז געשטיגן און דער קאָמאַנדיר, קאַפּיטאַן קאָנטשאַ, האָט אים נאָמינירט אַלס קאָמאַנדיר פון אַ דיווערסיע־ווזוואָד.

ביז דער באַפרייאונג האָט ער באַוויזן אַליין צו מינירן אַכצן דייטשע עשאַלאָנען. דער מזל האָט אים געדינט, זיינע מינירונגען זענען געווען דערפאָלגרייכע.

דער קאָמאַנדיר פון דער פּאַראייניקונג, גענעראַל־מאַיאָר ביעגמאַ, האָט אים צוגעשטעלט צום העכסטן טיטל „העלד פון ראַטנפאַרבאַנד“. באַ־קומען די אָרדנס: „רויטע פאָן“, „פּאַטערלענדישער קריג“ און אַנדערע אָרדנס און מעדאַלן (לעבט אין רוסלאַנד).

אין די פּאָליעסער וועלדער איז געווען אַלגעמיין באַקאַנט דער נאָמען פון באַאָרדנטן און אויסגעצייכנטן דיווערסאַנט פון אָטריאַד „קאָטאָווסקי“ (אָדער, ווי ער איז געווען פּאָפּולער אויפן נאָמען פון קאָמאַנדיר, „פלוסקאַ־נאָסאָוו“), הירש אָלשאַנסקי (הייגט אין ישראל).

ביים אויסברוך פון דער דייטש־סאָוועטישער מלחמה געפינט זיך אָלשאַנסקי אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי אויפן פראָנט־אָפּשניט ביי קאָוועל. בעת די קאַמפן לעבן דער שטאָט טשערניגאָוו (מזרחדיקע אוקראַינע) פאַלט ער אַריין אין דייטשער געפאַנגענשאַפט (7טן סעפּטעמבער 1941). אין געפאַנגען־לאַגער ביי אָסיפּאָוויטש (ווייסרוסלאַנד) גיט ער זיך

אָן אַלס אוקראַינער און ראַטעוועט זיך אַזוי אַרום פון גורל פון די איבע־ריקע יידישע געפאַנגענע, וועלכע זענען באַלד צעשאָסן געוואָרן. אַדאַנק דער הילף פון אַ ווייסרוסין איז אים געלונגען צו באַקומען אַ געפעלשטן פּאַספּאָרט אַלס אוקראַינער און צוזאַמען מיט נאָך זיבן און צוואַנציק געפאַנגענע איז ער אַנטלאָפן ביי דער ערשטער געלגנהייט.

אין זיין געבורטס־דאָרף סטאַראַיע סיעלאָ, וווהין ער איז געקומען, איז ער באַלד אַרעסטירט און אָפּגעשיקט געוואָרן אין דעם שכנישן



הירש אָלשאַנסקי (סטאָלין)

איינער פון די העלדישסטע יידישע פּאַרטיזאַנער אין פּאָלעסיע. אַ באַ־אָרדנטער פּאַרטיזאַן. געוועזן פאַרגע־שטעלט צו באַקומען די העכסטע באַ־צייכענונג „העלד פון ראַטנפאַרבאַנד" (היינט אין ישראל).

שטעטל, סטאָלין. פירנדיק אים צום עקזעקוציע־פּלאַץ אויסצופירן דעם טויט־אורטייל, איז ער אַדאַנק געגעבענע 1.000 רובל אויסקויף־געלט, באַפרייט געוואָרן. אַ טאָג פאַר דער שחיטה אין סטאָלין (ערב ראש השנה 1942) זענען אַראָפּגעקומען דייטשן און אוקראַינער אין געטאָ פון דאָרף בערעזאָוו, ווו אָלשאַנסקי איז געווען און אויסגעהרגעט די יידן. בלויז פופציק מאַן, צווישן זיי אויך אָלשאַנסקי, זענען אַנטלאָפן אין די וועלדער פון דער אומגעגנט (פּאָלעסיע).

די פּאַרטיזאַנער פון איוואַנאָווס אָטריאַד האָבן אים נישט געוואָלט צונעמען און ערשט נאָך זייער אַוועקגיין פון דער אומגעגנט, איז ער אַריין אין דעם אָטריאַד, וואָס עס האָט אָנגעהויבן אָרגאַניזירן פּלוסקאַנאָסאָוו. זיין יאַגד־ביקס, וואָס ער האָט צוגענומען פון אַ וואַלד־וועכטער האָט ער אויס־געטוישט ביי אַ פּאַרטיזאַן אויף באַזונדערע געווער־טיילן, פון וועלכע עס איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן 7 ביקסן און אַ „צענטל״.

אָלשאַנסקי האָט אָנטיילגענומען אין אָנפאַלן פון סאַבוראָווס פּאַראיי־ניקונג אויפן סטאַלינער גאַרניזאָן, בעת וועלכער מען האָט גענומען אין געפאַנגענשאַפט הונדערט און דרייסיק אוקראַיִנישע און ווייסרוסישע פּאָלי־ציי־לייט (23טן יאַנואַר 1943). ער, צוזאַמען מיט נאָך פיר פּאַרטיזאַנער האָבן אויפגעריסן די שטיינהאַקערייען ביי דעם שטעטל ראָקיטנע (וואָלין) און גענומען אין געפאַנגענשאַפט ניין קאָזאַקן (רוסישע געפאַנגענע אין דייטשן דינסט) און אַ דייטשן סאָלדאַט פון דער „טאָדט״־געזעלשאַפט (24סטן אַפּריל 1943).

אָבער זיין נאָמען און פּאָפּולערקייט אין די וועלדער האָט ער באַקומען אַדאַנק זיינע דיווערסיע־אויפטוען. לויט אַ רשימה פון הויפּט־שטאַב פון דער אוקראַיִנישער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג (וועמענס קאָפּיע עס געפינט זיך ביי אָלשאַנסקין) האָט ער אַליין אויפגעריסן 24 עשאַלאָנען אַלס מיני־רער. די דיווערסיע־גרופּע, וועמענס קאָמאַנדיר ער איז געווען, האָט אויפגעריסן איבער פופציק פיינטלעכע צוגן אויף אייזנבאַן־ליניעס: ראָקיטנע — סטאַנציע אוסטקי; קלעסאָוו־טאָמאַש־גאָראָד; סאַרנע־סטראַשאָי; אָלעווסק־סנאָוויטש — אַלע אויפן מאַגיסטראַל סאַרנע־קיִעוו.

ער איז דורך דער קאָמאַנדשאַפט צוגעשטעלט געוואָרן צו דעם העכסטן טיטל: „העלד פון ראַטנפאַרבאַנד״. ביז דער רעפּאַטריאַציע פון רוסלאַנד האָט ער אָבער די אויסצייכענונג נישט באַקומען. ער איז פאַרגעשטעלט געוואָרן און באַקומען די אָרדנס: „די העלדישע רויטע פאָן״, „פּאַטערלענ־דישע מלחמה״, צווייטע קלאַס; „רויטער שטערן״ און מעדאַל „פּאַרטיזאַן פון פּאַטערלענדישן קריג״, 1טע מדרגה.

אין דער ציימונג „אייניקייט״ פון 5טן אַפּריל 1943, איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ רשימה פון יידישע פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן באַקומען הויכע אָרדנס פון דער סאָוועטישער רעגירונג, לויטן באַפעל פון אויבערשטן

ראַט פון סססר: דעם „לעניך“־אָרדן — בער ערנפּרייס; „רויטע פאָן“ — מיכאל גערשאַניק, לייב לאַרין, שמעון אָלכאָוועץ, פּייסי פּראַצון; „פּאַטער־לענדישער קריג“, צווייטע קלאַס — לייב פּוכאַטינסקי; „רויטער שטערן“ — שמעון זאַרעצקי, לייזער באַסקין, מיכאל קאַראַדאַי, מיכאל קאַלעסניק, מאַקס לייטנער, הירש מענזיאַק.

אַ צווייטע רשימה פאָלגט פון אָרדערן צוגעטיילטע צו יידישע פּאַר־טיזאַנער, וואָס זענען געווען טעטיק אויף דער אוקראַינישער טעריטאָריע: „רויטע פאָן“ — יאַנקל דאַווידזאָן, משה ספּיוואַק, געצל באַסקין און זעליק באַדין. „פּאַטערלענדישער קריג“, צווייטע קלאַס — יעקב סאָבאָליעוו; מעדאַל „כבוד־צייכן“ — שמעון וואַקסמאַן.

עס איז כדאַי צו באַטאָנען, אַז דאָס איז בלויז איין רשימה פון פילע וועלכע מיר האָבן געפונען פאַרעפנטלעכט אין דער פּרעסע.

אַזוינע אויסגעצייכנטע יידן אין די קאַמפן, באַאָרדנטע דורך די סאָוועטישע און פּוילישע רעגירונגען מיט די העכסטע אויסצייכענונגען, דעקאָרירטע מיט לויב דורך דער העכסטער פּאַרטיזאַנער־אָנפירונג און געשטעלטע ווי אַ מוסטער פון דרייסטקייט און אומדערשראָקנקייט — זענען געווען אין דער פּאַרטיזאַנקע אין די הונדערטער.

יידן האָבן אין לעגענדאַריש־העראָישן קאַמף פון די פעלקער אין מזרח־אייראָפּע קעגן די אָקופּאַנטן, קעגן די היטלעריסטיש־דייטשע באַנ־דיטן, 900־600 קילאָמעטער פון די ערשטע פראָנט־ליניעס, אין טיפן הינטערלאַנד, צוזאַמען מיט די זין פון אַלע פעלקער, געשלאָגן די דייטשן אויף אַלע וועגן, פון הינטער יעדן קוסט און שטיין און געמאַכט אומזיכער די טריט פון יעדן נאַצי אין הינטערלאַנד, געבונדן זיינע כוחות, געשטערט זיינע קאָמוניקאַציע־ליניעס, געשעדיקט אויף טריט און שריט און צוגע־נומען ביי אים אַ באַדייטנדיקן טייל פון די אָקופּירטע געביטן, מאַכנדיק עס פאַר פּאַרטיזאַנישע זאָנעס, וווּ די דייטשן פלעגן נישט וואַגן צו קומען און נישט געקענט אויסנוצן די מענטשלעכע און מאַטעריעלע רעסורסן פון די באַזעצטע געגנטן.

די יידישע פּאַרטיזאַנער זענען שטאָלץ אויף דעם, וואָס מיט זייער קאַמף און בלוט־חלק האָבן זיי בייגעטראָגן צום זיג איבערן גרעסטן שונא

פון דער מענטשהייט, איבערן פאַרהאַסטן בלוט־פּיינט און פאַרניכטער פון אונדזער פאָלק אין אייראָפּע.

אייביק וועלן בלייבן אין זכרון יענע סצענעס און בילדער ביי די אָנטיילנעמער אין די לעגענדאַרע קאַמפן און לויערונגען, ווען עשאַלאָנען זענען געפלויגן אין דער לופטן, ווען דייטשע מערדערס זענען געפאַלן פון יידישע קוילן און ווען יידיש בלוט איז באַצאָלט געוואָרן מיטן פאַרברעכערישן בלוט פון די רוצחישע שכנים־פעלקער.

קיינמאָל וועלן מיר נישט פאַרגעסן די פיל טויזנטער יידישע פּאַרטיזאַנער, וועלכע זענען אין דעם דאָזיקן היסטאָרישן געראַנגל געפאַלן פאַר דער זאַך פון נקמה!

זייערע קברים זענען צעזייט איבער די רחבותן און בלאָטעס, פּושטשעס און וועלדער פון ווייסרוסלאַנד, רוסלאַנד, אוקראַינע, ליטע און פוילן. אָבער די זאַך, פאַר וועלכע זיי זענען געפאַלן, וועט ווערן דער קנין פון גאַנצן יידישן פאָלק אויף אַלע צייטן און דורות.

ס ו ף

סטאַטיסטיק פון קליינע פּאַרטיזאַנישע אָפּעראַציעס

(דערקלערונג צו דער דייטשער מאַפּע)

די מאַפּע איז אַ סומירונגס־מאַפּע, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן אין פּאָרמאַציע־שטאַב — די הינטערלאַנד־וואַך פון די דייטשישע אַרמייען „די צענטראַלע", און איז פאַרכאַפּט געוואָרן דורך ווייסרוסישע פּאַרטיזאַנער אין אַ קאַמף קעגן ס. ס.־אָפּטיילונגען; טראָץ די גרויסע צאָל אָפּעראַציע־צייכנס אויף דער מאַפּע, איז עס פאַקטיש אַ סומירונג פון פּאַרטיזאַנישע טעטי־קייטן בלויז פאַר איין חודש — אויגוסט 1943. אין ציפערן: אין פינף ראַיאָ־נען פון דעם באַהאַנדלטן אָקופּאַציע־שטח (מזרח־ווייסרוסלאַנד און צפון־אוקראַינע), האָבן די פּאַרטיזאַנער אין דעם א"ד חודש געפירט 719 קאַמפן מיט די דייטשן, אָנגעגריפן 831 גאַרניזאָנען, צעשטערט אין 70 ערטער די טעלעפאָניש־טעלעגראַפישע קאָמוניקאַציע, פאַרניכטעט 17 דייטשע באַאַמטע. צעשטערט 82 בריקן און דורכגעפירט 6.000 אויפרייסן פון צענטראַלע אייזנ־באַן־מאַגיסטראַלן. די סאָוועטישע קוועלן, וועלכע גיבן־אָן די ציפערן (מעגלעך, אַז דער באַריכט, וועלכער איז צוזאַמענגעשטעלט לויט די באַ־ריכטן פון די פּאַרטיזאַנישע איינהייטן, פאַרמאָגט אַביסל גוזמאדיקע ציפערן), באַמערקן, אַז די דייטשע מאַפּע זאָגנט נישט עדות אויף גרויסע בקיאות אין דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג. לויט דער מאַפּע, זעט מען, אַז די דייַ־טשישע ידיעות איבער די באַוועגונגען פון די פּאַרטיזאַנער־איינהייטן, זענען קאַרגע און אומפּינקטלעכע; זיי ווייסן נאָר וועגן 15 פּאַרטיזאַנישע באַזיסן, בעת זייער צאָל האָט דערגרייכט אין די טויזנטער. זייערע ידיעות וועגן דעם איבערגיין פון פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן און בריגאַדעס פון איין ראַיאָן אין

אַן אַנדער ראַיאָן, זענען נאָך מער קאַרגע. אין דעם באַריכט — חודש אוי־גוסט 1943 — האָט זיך דער סאָוועטישער פראָנט ביי אָריאָל און קורסק געררוקט פּאָראויס. די רוסישע פּאַרטיזאַנער האָבן זיך „באַוועגט פּאָראויס" און „אָפּגעטראָטן" צוזאַמען מיט די דייטשן, בלייבנדיק אַלעמאָל האַרט הינ־טער זייערע פראָנט־ליניעס. האַלטנדיק זיך ביי דער טאַקטיק, זענען אַלע אָטריאַדן, לויטן באַפעל פון צענטראַלן פּאַרטיזאַנער־שטאַב, אַריבער פון מזרח־ווייסרוסלאַנד קיין מערב־ווייסרוסלאַנד. אויך אין אוקראַינע איז פאָר־געקומען אַן ענלעכע איבערוואַנדערונג. אויף דער דייטשישער מאַפּע זעט מען דאָס אינגאַנצן נישט. די דייטשן האָבן אויך נישט געוווסט קיין גענויעס וועגן די געהיימע ערגאַדראַמען אין די וועלדער. דאָס אַלץ זאָגט אַמבעסטן עדות אויף דער מיטאַרבעט און אונטערשטיצונג פון דער אָרטיקער באַפעל־קערונג און אויף דער מאַסקירונגס־פעיקייט, וואָס עס האָבן דערמעגלעכט די גרויסע, געדיכטע וועלדער, מיט וועלכע די געגנטן זענען געבענטשט.

אויגוסט 1943, איז אין דער געשיכטע פון דער ווייסרוסישער פּאַרטי־זאַנקע געוווען דער חודש פון אַ מאַסן־אַרויספאַל אויף דעם שונאס קאָמוני־קאַציע־ליניעס. לויט סאָוועטישע אָנגאַבן, זענען אין דעם חודש צעריסן געוואָרן 120.800 ליניעס־צוזאַמענשלוסן. די „רעלצן־מלחמה" אין די חדשים אויגוסט און סעפּטעמבער 1943 האָט פאַרקלענערט דעם דייטשישן טראַנס־פּאָרט ביז 40 פּראָצענט. אַ צווייטער מאַסן־אָנפאַל פון אַלע אָטריאַדן גלייכ־צייטיק לענג־אויס אַלע אייזנבאַן־מאַגיסטראַלן, איז פאָרגעקומען אין די חדשים אָקטאָבער־נאָוועמבער 1943, בעתן סאָוועטישן פּאָראויסמאַרש צו קיִעוו אויף דרום און אין סמאָלענסקער אומגעגנט אויף צפון; אַ דריטן מאָל זענען אַלע פּאַרטיזאַנישע איינהייטן אַרויס צו דער „רעלצן־מלחמה" אין יוני 1944, האַרט פאַר דער באַפרייונג פון ווייסרוסלאַנד. אַלס רעזולטאַט פון דריטן אַרויספאַל זענען צעריסן געוואָרן 47.000 ליניעס־צוזאַמענשלוסן און עס איז אָפּגעשטעלט געוואָרן אויף אַ לענגערער צייט די באַוועגונג אויף די וויכטיקסטע דייטשישע אייזנבאַן־ליניעס. אַדאַנק דעם איז דערמעגלעכט גע־וואָרן דאָס „איינקעסלען" די אָפּטרעטנדיקע דייטשן פון ווייסרוסלאַנד, אָן אַ מעגלעכקייט פון אַ געאָרדנטן צוריקטריט, אונטערן דרוק פון ראַשיקן פּאָראויסמאַרש פון דער רויטער אַרמיי. אַלס רעזולטאַט זענען אויף דעם



ראַיאָן באַצייכענונג פון דייטשן און פון די וואַסאַל־מלוכות; מיליטערישע איינהייטן; די זיכערהייטס־דיוויזיע נומער 286
פעלד־קאָמענדאַנטור 813:
דער 8טער אונגאַרישער קעניגלעכער קאָרפוס

אָפּשניט, דער גרעסטער טייל פון די דייטשישע פראָנט־סאָלדאַטן אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט אָדער פאַרניכטעט געוואָרן.

די פּאַרטיזאַנישע טעטיקייט אויפן ווייסרוסישן פראָנט־אָפּשניט אין די צוויי יאָר 1943—1944, איז געווען אַ מוסטער פון אַ גרויסצוגיקער אָפּעראַטיווער אַרבעט, אין ענגער צוזאַמענאַרבעט מיט דער רעגולערער פראָנט־אַרמיי און ביישפּילפולער הילף פון דער באַפעלקערונג אין שונאס הינטערלאַנד. ביי די ראַנדן פון דער מאַפּע זענען באַצייכנט די אייזנבאַן־ריכטונגען, וואָס הייבן זיך אָן פון דער איינגעשלאָסענער אין דער מאַפּע, מזרח־ווייס־רוסלאַנד.

די ריכטונגען, וואָס פירן צו וויטאַלע, וויכטיקע צענטערן, זאָגן אַם־בעסטן עדות אויף דער עמפינדלעכקייט און גרויסן סטראַטעגישן ווערט פון דעם הינטערלאַנד־ראַיאָן און אויך אויף דער באַזונדערער וויכטיקייט פון די פּאַרטיזאַנישע דיווערסיע־אַרבעטן אויף די ליניעס, וואָס האָבן זיך באַזונדערס פאַרשטאַרקט מיטן דערנענטערן זיך פון סאָוועטיש־דייטשישן פראָנט — (1943—1944).

(איבערגעדרוקט פון בוך „מסעי קובפּאַק" פון פּ. ווערשיגאָראַ, אויסגאַבע פון צבא הגנה לישראל (צה"ל), תל־אַביב, 1953).

ביבליאָגראַפיע

עברית:

אביזריהו ב. — לפרשת הטקטיקה והאורח האופרטיבי של הפרטיזנים — „**מערכות**" **טס., ל"ו, 1946; ל"ח 1947; ל"ט 1947.**

ד"ר אלישב ש. — הספרות הסובייטית החדשה — **הוצאת ספרים נ. טברסקי. ת"א 1953.**

בילסקי ט. — יהודי יער — **הוצאת „עם עובד", ת"א 1946.**

בורנשטיין ש. — פלוגת הד"ר אַטלס — **הוצאת „הקבוץ המאוחד", ת"א 1946.**

ברנוביץ, — ספר זכרון, — **ערוך ע"י א. ש. שטיין, הוצאת ארגון יוצאי ברנוביץ, ת"א 1946.**

בריסק־דליטאָ — אנציקלופדיה של גלויות — **כרך שני; העורך: אליעזר שטיינמן. תל־אביב, ירושלים, דצמבר 1954.**

גרוסמאַן ח. — אנשי המחתרת — „**ספרית פועלים, ת"א 1950.**

דוידזון גוסטה — יומנה של יוסטינה — **הוצאת „הקבוץ המאוחד", ת"א 1953.**

וארשה — ענציקלופדיה של גלויות — **כרך ראשון. העורך: יצחק גרינבוים. ת"א 1950.**

טננבוים ב. — אחד מעיר ושניים ממשפחה —)**מבחר מאלף אבטוביוגרפיות של ילדי ישראל בפולין)** — **הוצאת „ספרית פועלים", ת"א 1947.**

טננבוים (תמרוף) — דפים מן הדליקה — **פרקי יומן, מכתבים ורשימות. הוצאת „הקבוץ המאוחד", ת"א 1947.**

טרנופול — אנציקלופדיה של גלויות — **כרך שלישי. העורך: ד"ר פ. קורנגרין; פברואַר, ירושלים 1955.**

ילקוט והלין — **כרך** ראשון ושני. העורכים: **אבטיחי א., אילון ח. ב., זמיר א. תל־אביב, תש"ה—תשי"ג.**

יפה י. — פרטיזנים — **(קורות פלוגת פרטיזנים יהודים ביערות רוסיה הלבנה). הוצאת נ. טברסקי, תל־אביב 1951.**

לזר ח. (לטאי) — חורבן ומרד — **הוצאת „משואות", ת"א 1950.**

לידובסקי א. — ביערות — הוצאת הקבוץ המאוחד", ת"א 1946.
לשצינסקי י. — היהודים ברוסיה הסובייטית — הוצאת „עם עובר", ת"א 1943.
מלקחו של ספר פרטיזני — נספח מס. 2 לספרו של ורשיגורה „מסעי קובפאק" צה"ל, הוצאת „מערכות", ת"א 1953.
ספר מלחמות הגיטאות — בין החומות, במחנות, ביערות. — ערוך בידי יצחק צוקרמן, משה בסוק. הוצאת „הקבוץ המאוחד", ת"א 1954.
ספר זכרון לקהילת לומזה — ערוך בידי ד"ר יום־טוב לוינסקי. הוצאת ארגון עולי לומזה בישראל. ת"א, תשי"ג (1952).
פראגר מ. — חורבן ישראל באירופה — הוצאת „הקבוץ המאוחד", ת"א 1947.
קורצ'אק ר. (רוז'קה) — להבות באפר — הוצאת ספרית פועלים, ת"א 1946.
ד"ר קרמיש י. — שואה ומרד של יהדות גליציה — מאמר בספר המוקדש לזכרו של ד"ר זילברשטיין א., ת"א 1956.
רוזנבלט ג. (גרישה) — מניצוץ לשלהבת — יומנו של פרטיזן יהודי על פלוגה פרטיזנית יהודית שפעלה ביערות צומן, וולין וקורותיה בחטיבת ר"א קובפק ס. א., מתוך כתב־יד. עומד להופיע בהוצאת „הקבוץ המאוחד", ת"א 1956.

יידיש:

„אייניקייט" — אָרגאַן פון יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט, — מאָסקווע, 1942—1945.
אייזען א. — דאָס גייסטיקע פּנים פון געטאָ — אַרויסגעגעבן פון יידישן קולטור־צענטער אין מעקסיקע, 1950.
באַקאַלטשוק מ. (פעלין) — זכרונות פון יידישן פּאַרטיזאַן — פון כתב־יד. דאַרף דערשיינען אין פאַרלאַג „דאָס פוילישע יידנטום", בוענאָס־איירעס.
ברענער ל. — ווידערשטאַנד און אומקום אין טשענסטאָכאָווער געטאָ — יידישער היסטאָרישער אינסטיטוט אין פוילן, וואַרשע.
ד"ר ביגיל ג. — מיין שטעטעלע בערעזנע — תל־אביב 1954.
גילדענמאַן מ. („דיאַדיאַ מישאַ") — מאַטעלע, דער יונגער פּאַרטיזאַנער — פּאַריז, 1950.
גילדענמאַן מ. („דיאַדיאַ מישאַ") — יידישע טעכטער — פּאַריז 1950.
גילדענמאַן מ. („דיאַדיאַ מישאַ") — אויפן וועג צום זיג (טיפּן פון יידישע פּאַר־טיזאַנער); — אַרויסגעגעבן דורך דער אָרג. פון פוילישע יידן אין פראַנקרייך, פּאַריז 1951.
גילדענמאַן מ. („דיאַדיאַ מישאַ") — חורבן קאָרעץ — פּאַריז 1949.
גראַנאַטשטיין י. — איך האָב געוואָלט לעבן — פּאַריז 1949.
גראָסמאַן וו. — אוקראַינע אָן יידן — רעפּאָרטאַזש „אייניקייט". פון 2טן דעצעמבער 1943.
גראַיעוואָער יזכור־בוך — אַרויסגעגעבן פון פאַראייניקטן גראַיעוואָער הילפס־קאָמי־טעט. רעדאַקציע: ד"ר ג. גאָרין, ה. בלום, ס. פישביין. ניו־יאָרק 1950.

דאָס בוך פון לובלין — זאַמלבוך, פּאַריז 1952.
ד״ר דוואָרזשעצקי מ. — ירושלים דליטא אין קאַמף און אומקום — זכרונות פון ווילנער געטאָ. יידישער פאָלקס־פאַרבאַנד אין פראַנקרייך. פּאַריז 1948.
וואָלקאָווויסקער יזכור־בוך — רעדאַגירט: ד״ר מ. איינהאָרן; 2טער באַנד, ניו־יאָרק 1949.
ווייסבראָד א. — עס שטאַרבט אַ שטעטל — מגילת סקאַלאַט — באַאַרבעט פון י. קאַפּלאַן; אַרויסגעגעבן: צענטראַלע היסטאָרישע קאָמיסיע, מינכען 1948.
ד״ר ווײַנרײַך מ. — היטלערס פּראָפעסאָרן — דער חלק פון דער דייטשער וויסנשאַפט אין דייטשלאַנדס פאַרברעכנס קעגן יידישן פאָלק. יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט — „ייווא״, ניו־יאָרק 1947.
טורקאָוו י. — אין קאַמף פאַר לעבן — פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום״, בוענאָס־איירעס 1949.
יזכור־בוך קאָריוו — רעדאַקטאָר: משה גראָסמאַן. אַרויסגעגעבן דורכן ארגון יוצאי קוריב אין ישראל און לאַנדסמאַנשאַפטן אין אַלע לענדער, ת״א 1955.
יזכור־בוך פון דער זשעלעכאָווער יידישער קהילה. רעדאַקציע: א. וואָלף יאַסני; אַרויסגעגעבן פון דער צענטראַלער זשעלעכאָווער לאַנדסמאַנשאַפט אין שיקאַגאָ, 1953.
יעלין מ. געלפערן ד. — פּאַרטיזאַנער פון קאָוונער געטאָ — „דער עמעס״ מאָסקווע 1948.
לעוו מ. — פּאַרטיזאַנישע וועגן — מאָסקווע 1950.
מאַרק ב. — דער אויפשטאַנד אין ביאַליסטאָקער געטאָ — יידישער היסטאָרישער אינסטיטוט, וואַרשע 1950.
מאַרק ב. — חורבות דערציילן — „דאָס נייע לעבן״, לאָדזש 1947.
מגילת גלינע (גליניאַנע) — צונויפגעקליבן און באַאַרבעט פון הנוך ה. האַלפערן. ניו־יאָרק 1950.
מענדזיזשעצקי פ. (וולאַדקע) — פון ביידע זייטן געטאָ־מויער — בילדונגס־קאָמיטעט פון אַרבעטער־רינג, ניו־יאָרק 1948.
מעזריטש — זאַמלבוך — אַרויסגעגעבן פון מעזריטשער לאַנדסלייט־פאַראיין אין אַרגענטינע, בוענאָס־איירעס 1952.
סמאָליאַר ה. — פון מינסקער געטאָ — „אָגיז״, מאָסקווע 1946.
סמאָליאַר ה. — יידן אַן געלע לאַטעס — פאַרלאַג „יידיש בוך״, וואַרשע 1952.
סוצקעווער א. — ווילנער געטאָ 1941—1944 — אַרויסגעגעבן פון פאַרבאַנד פון ווילנער יידן אין פּאַריז, פּאַריז 1945.
עפרויקין י. — קדושה און גבורה ביי יידן אַמאָל און היינט, גזירת ת״ש—תש״ה — פאַרלאַג „אויפן שייד־וועג״, ניו־יאָרק 1949.
ערענבורג א. — מערדער פון פעלקער — 2טער זאַמלבוך „דער עמעס״, מאָסקווע 1944.
פערסאָוו ש. — דיין נאָמען איז פאָלק (פאַרצייכענונגען וועגן יידן־פּאַרטיזאַנער) — „אָגיז״, פאַרלאַג „דער עמעס״, מאָסקווע 1944.

פון לעצטן חורבן — צייטשריפט פאַר יידישער געשיכטע אונטער דער נאַצישער הערשאַפט — **רעדאַגירט: י. קאַפלאַן. נומערן: 1—10, מינכען 1946—1948.**

פיינזילבער א. — אויף די חורבות פון מיין היים (חורבן שעדלעץ), **ת"א 1952.**

פנקס ביטען — אויפקום און אונטערגאַנג פון אַ יידישער קהלה — **רעדאַגירט: דאָדל אַבראַמאָוויטש** (ישראל), **מרדכי וו. בערנשטיין** (אַרגענטינע), **ב. איירעס 1954.**

קאַטשערגינסקי ש. — פאַרטיזאַנער גייען — **פאַרלאַג „דאָס פוילישע יידנטום", בוענאָס־איירעס 1947.**

קאַטשערגינסקי ש. — איך בין געווען אַ פאַרטיזאַן (די גרינע לעגענדע) — **בוענאָס איירעס 1952.**

קאָברין — זאַמלבוך (אַן איבערבליק איבערן יידישן קאָברין) — **רעדאַגירט: מ. גלאָצער. אַרויסגעגעבן: קאָברינער לאַנדסלייט פאַראיין אין אַרגענטינע, בוענאָס־איירעס 1951.**

רייך י. — וואַלד אין פלאַמען — **פאַרלאַג „ייחבוך", בוענאָס איירעס 1954.**

שטריגלער מ. — אין די פאַבריקן פון טויט — **פאַרלאַג „דאָס פוילישע יידנטום", בוענאָס־איירעס 1948.**

רוסיש

БОЛЬШАЯ СОВЕТСКАЯ ЭНЦИКЛОПЕДИЯ.— "Партизанское движение", 32 том, стран. 161—165. Госуд. Научное издат. Москва 1955.

ВЕРШИГОРА П.— "ЛЮДИ С ЧИСТОЙ СОВЕСТЬЮ",— Издат. "Советский писатель", Москва 1951.

ГРОССМАН В.— ГОДЫ ВОЙНЫ (Старый Учитель),— "Огиз", Москва 1945.

ДВИНОВ Б.— ВЛАСОВСКОЕ ДВИЖЕНИЕ В СВЕТЕ ДОКУМЕНТОВ, Нью-Иорк, 1950.

ДОКУМЕНТЫ ОБВИНЯЮТ.— Сборник документов о чудовищных зверствах германских властей. Выпуск 2, Огиз, Москва 1945.

ИГНАТОВ П.— ЗАПИСКИ ПАРТИЗАНА.— "Молодая гвардия, Москва 1944.

КОВПАК С.— ОТ ПУТИВЛЯ ДО КАРПАТ.— Огиз. Госполитиздат, Москва 1945.

КОЗЛОВ И.— В КРЫМСКОМ ПОДПОЛЬЕ.— "Молодая гвардия", Москва 1947.

КОЗЛОВ И.— В ГОРОДЕ РУССКОЙ СЛАВЫ,— Москва 1954.

ЛИВЕНЦЕВ В.— ПАРТИЗАНСКИЙ КРАЙ.— "Молодая гвардия", Ленинград 1951.

ЛИНКОВ Г. (Батья)— ВОЙНА В ТЫЛУ ВРАГА.— Гостиздат, Москва 1951.

ЛОГУНОВА Т.— В ЛЕСАХ СМОЛЕНЩИНЫ.— Записки комсомолки-партизанки. "Молодая гвардия", Москва 1947.

МЕДВЕДЕВ Д.— СИЛЬНЫЕ ДУХОМ.— "Воениздат", Москва 1951.

МЕДВЕДЕВ Д.— ЭТО БЫЛО ПОД РОВНО.— Москва 1948.

ОЧЕРКИ ИСТОРИИ ВЕЛИКОЙ ОТЕЧЕСТВЕННОЙ ВОЙНЫ—1941-1945.— Ак. Наук СССР. Москва 1955.

СИМОНОВ К.— В ЭТИ ГОДЫ.— Публицистика 1941—1950. Госуд. изд. Худ лит. Москва 1951.

ФЕДОРОВ А.— ПОДПОЛЬНЫЙ ОБКОМ ДЕЙСТВУЕТ.— "Госиздат", Москва 1950.

ЭРЕНБУРГ И.— БУРЯ.— "Советский писатель", Москва 1948.

אַנדערע שפּראַכן

Ajzensztajn B. — Ruch podziemny w ghettach i obozach — Łódź 1946.

Görlitz Walter — Der Zweite Weltkrieg 1939-1945 — Band II. Steingrüben — Verlag Stuttgart 1952.

Davidson B. — Partisan Picture — Bedford Books Ltd. Bedford 1946.

Haussleiter A. — An der Mittleren Ostfront (Ein deutsches Korps im Kampf gegen die Sowjets) — Schrang verlag, Nürenberg 1942.

Reütlinger G. — The Final Solution — Valentine Mitchel, London 1953.

Sowińska Stanisława ("Barbara") — Lata walki, Książka 1948.

Dr. Schwarz S. — The Jews in the Soviet Union — New York 1951.

Thorwald J. — Wen Sie Verdevben Wollen — Bericht des grossen verrats. Steingrüben verlag, Stuttgard 1952.

Tenenbaum J. Underground — The story of a people — Philosophical Library, New York 1952.

Trials of war criminals — Nürenberg Military Tribunals.

קוועלן־אָנגאַבע

פון די מאַטעריאַלן, גבית עדותן, וואָס זענען טיילווייז אויסגענוצט געוואָרן צום בוך:

נאָמען פון דער אַרבעט:	געשריבן דורך:
געשיכטע פון דער וואָלינער פּאַרטיזאַנקע און דער יידישער אָנטייל — — — — —	דב לאָרבער (מאַניעוויטש)
זכרונות פון אַ וואָליגער פּאַרטיזאַן — —	יעקב יונג (טראָיאַנאָווקע)
וועגן אָטריאַד „בודיאָני" — — — — — —	פּנחס לאַנגע (סאַרני)
די טעטיקייט פון דיווערסיע־גרופּע „סומ־טשאַקאָוו — — — — — — — — — — —	א. אינגבער (דעמידאָווקע)
יאַנאָווער יידן אין אָטריאַד „סטאַלין" (פּינסקער בריגאַדע) — — — — — —	הענעך פּרוזשאַנסקי (יאַנאָווע)
ליודוויפּאָלער יידן אין אָטריאַד „סטאַלין" (שיטאָווס פאַראייניקונג) — — — — —	יוסף גיטערמאַן (ליודוויפּאָל)
אַ קאָרעצער גרופּע יידן אין אָטריאַד „טשאַפּאַיעוו" (שיטאָווס פאַראייניקונג)	יוסף הימעלפאַרב (קאָרעץ)
לאַכוועער יידישע פּאַרטיזאַנער־גרופּעס —	יעקב אַבראַמאָוויטש (לאַכווע)
די געשיכטע פון דער זשעטלער פּאַרטיזאַנער אָרגאַניזאַציע און דער אָנטייל פון די יידן אין דער פּאַרטיזאַנקע פון ליפּיטשאַנער פּושטשע במשך פון 2 יאָר	סעמינאַר: ד"ר אַלפּערט, יאָסעלעוויטש (זשעטל), אברהם מגיד (ביעליצע) און ל. גליקמאַן (וואַרשע)
דער יידישער אָטריאַד „קאַגאַנאָוויטש ל. מ" (מיאָרער־דיסנער ראַיאָן) — — —	שלמה צימער (שאַרקאָווטשיזנע)

געשיכטע פון יידישן אָטריאַד „זשוקאָוו" (קאַפּולער ראַיאָן) און זיין קאָמאַנדיר, גילטשיק — — — — — — — — — — —	יודל געסיק (טורעץ) און מאָטל געלפאַנד (קלעצק)
אונדזער העלדיש אַכטל — — — — — —	אַגינסקי (סטויפּץ)
די געשיכטע פון יידישע אָטריאַד „קאַגאַנאָוויטש ל. מ." (פּאַלעסיע) — — — —	לייב באָבראָוו (פּאָהאָסט־זאַהאַראַדסקי)
דער בקמה־אַקט פאַר ל. ח. שישקא — —	אברהם מגיד (ביעליצע)
מיינע קאַמפן אין טשאַפּאַיעוו־אָטריאַד —	מאַקס ביעגון (בודסלאָוו)
די געשיכטע פון זאָרינס יידישן אָטריאַד (נומער 106) — — — — — — — — —	משה רעזניק (לידע)
מירער יידן אין פּאַרטיזאַנקע — — — —	בערל רעזניק (מיר)
דער ווידערשטאַנד אין לאַכווע — — —	אהרן שווארין (לאַכווע)
דער ווידערשטאַנד אין ניעסוויזשער געטאָ	יוסף דמשק (ניעסוויזש)
דער אָנהייב פון פּאַרטיזאַנקע אין נאַטשער פּושטשע — — — — — — — — — — —	יעקב קאַניוכאָווסקי (וואָראָנאָוע)
די געשיכטע פון בולאַקס אָטריאַד „פּאַביעדאַ" אין די יאַנאָווער וועלדער —	משה סאַלוצקי (זעלווע)
מיינע איבערלעבונגען אין דער אָקופּאַציע־צייט — — — — — — — — — — —	משה פּרוזשאַנסקי (יאַנאָוו)
דער גורל פון די טולטשינער יידן — —	דוד קאַנטאָראָוויטש (ווילנע)
דער אייחיים פון 11 דאָקטוירים אין וואָלקאָוויסק — — — — — — — — — — —	יוסף עלבירט (טוטשין)
מיין באַקאַנטשאַפט מיט „דיאַדיאַ מישאַ"	ד"ר רעזניק (וואָלקאָוויסק)
קאָמאַנדיר אליהו ליפשאָוויטש — — —	סענדער שפּין (בערעזנע)
זכרונות פון פּאַרטיזאַנקע — — — — —	שלום גערלינג (וואַרשע)
דער העלדישער פּאַרטיזאַן, אייזיק פּירט	אַלעק אַבוגאָוו (אָדעס)
זכרונות פון אַ פּאַרטיזאַן — — — — —	יהושע גלוז (ראַפּאַלאָווקע)
די פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע אין מאַניעוויטש — — — — — — — — — —	ב. אייזענשטאַרק (סקאַלאַט, גאַליציע)
די 7טע יידישע נאַציאָנאַלע ראָטע ביי קאָוופּאַקן — — — — — — — — — —	חיים וואַטשין (זאַפּיוווקע)
די פּוילישע בריגאַדע „יעשטשע פּאָלסקאָ ניע זגינעלאָ" — — — — — — — — —	לעאָן גאָטליב (וויסאָצק)
זכרונות פון אַ פּאַרטיזאַן פון מיסיוראַס אָטריאַד — — — — — — — — — — —	משה טורקעניטש (סיערניק)
פון האַנצעוויטשער לאַגער אין גולאַיעוווס אָטריאַד — — — — — — — — — —	מרדכי זאַיטשיק (לעני)
דונילאָוויטשער, פּאַסטאָווער און דאַקשיצער יידן אין דער פּאַרטיז. באַוועגונג	בערל בענסמאַן (דונילאָוויטש)

אין לאַגערן און וועלדער פון מזרח־גאַלי־ציע — — — — — — — — — — —	**אליהו יאָנעס (ווילנע)**

(יד ושם, ירושלים)

פאַרטיזאַנער האָבן אונדז אַדורכגעפירט דורך די פראָנט־ליניעס — — — — — —	**אברהם קלאָרין (דאָלהינאָוו)**
אין די ראַפּאַלאָווקער וועלדער — — —	**יעקב ראָבין (ראַפּאַלאָווקע)**
פון געפאַנגען־לאַגער ביז צו פלוסקאַנאַ־סאָווס אָטריאַד — — — — — — — — — —	**הירש אָלשאַנסקי (סטאָלין)**
אין אַ ווינטער־נאַכט — — — — — — — — —	**יוסף טייטלבוים (לובלין)**
וועגן אַן אנטיסעמיטישן פאַרפאַל אין אָט־ריאַד „שטשאָרס" — — — — — — — —	**זרח קרעמיען (ביעליצע)**
דער יידישער אָטריאַד „קאַלינין" (ביעל־סקי) אין נאַליבאָקער פושטשע פון ערשטן טאָג ביז דער באַפרייאונג — —	**סעמינאַר: ב. צ. גולקאָוויטש, יעקב אַבראַמאָוויטש (קאָרעליטש), מ. לייַ־באָוויטש (נאָוואָגרודעק)**
פון ראַדאָשקאָוויטש אין די פלעשטשינע־צער וועלדער — — — — — — — — — —	**אליהו זשוקאָווסקי (ראַדאָשקאָוויטש)**

און קלענערע אַרבעטן וועגן געפאַלענע און לעבעדיקע פאַרטיזאַנער פון ליפּיטשאַנער פושטשע און רודער־דאָמבראָווטשיזנער וועלדער, געשריבן דורך:

ד"ר אַלפּערט, א. יאָסעלעוויטש, א. מגיד, ל. גליקמאַן, באַראַנטשוק (זשעלו־דאָק), דאָמבראָווסקי (דערעטשין), סאָניע ראָטאַפּל (אָסטראָלענקאָ), אפרים געלמאַן (דערעטשין), ש. קלעצקי, לייזער סאָוויצקי (זשעטל), אליהו דערע־וויענקאָ, ראָזע ראָזענבערג (דערעטשין) און מאיר גרושקאָ.

פון וואָלינער און פּאָלעסיער וועלדער, געשריבן דורך:

דב לאָרבער, זאב וווערבאַ (מאַניעוויטש), פּ. בורקאָ, נ. וואָלפין, ל. פערלמאַן, איסר גלעזער, א. פורטיק (מאַניעוויטש), מ. ווייסמאַן, אפרים שתדלן, א. וואַקס, פּיוניק יוכבד, אפרים סאַפּאָזשניק, ליובא סאַפּאָזשניק (בערעזנע), יוסף הימעלפאַרב (קאָרעץ), נחמן זילבערפאַרב, ראובן גרייסער, ה. סעגאַל, ה. גאָבעל, ב. צ. קאַרש, ה. אַקאַן, מ. קאָזשושניק, זרח קרעמען, בעלא זימאַן בערקאָוויטש (באַראַנאָוויטש), לייב טראַובע (לאָדזש).

פון קאַפּולער ראַיאָן, געשריבן דורך:

א. סלוצקי (לאָדזש), יודל געסיק (טורעץ), הרכבי, ב. צ. קאָווענסקי, ע. אדי־נולאָוו, סאָניע)מינסק), מאָטל געלפאַנד (קלעצק).

פון נאַטשער פּושטשע, געשריבן דורך:

יעקב קאָניוכאָווסקי (וואָראָנאָווע), אברהם יאַנקעלעוויטש, אברהם ליפּקונסקי, ד. גריזשעווסקי (ראַדון), יעקב קאַניעוויטש (סאָבאַקינצע), גורוויטש (ווילנע), נ. קאַץ און יעקב גוליס.

פון ווילייקער געגנט, געשריבן דורך:

מ. ליפשין, יצחק צימערמאַן (קוריניעץ), דוד קמחי, י. ה. ליפשיץ (קאַזאַן), זלמן לעווין.

פון רודניצקער פּושטשע, געשריבן דורך:

שלמה יאַשונער, גרישאַ גורוויטש, חנן מגיד (ווילנע), סאָניע בורשטיין, סאָניע גיטעלזאָן (גלובאָקי), מאיר טאַינאָוויטש (קאָוונע).

פון נאַליבאָקער פּושטשע, געשריבן דורך:

הירש גאָלדשמידט, יצחק גאָרדאָן, משה בלאָך (איוויע), קלמן פּופּקאָ, ברוך זשירמונסקי, העניק עדעלבערג, אייזיק מאָנסקי, נאַרקונסקי, קאָבראָווסקי (לידע), חדוה ליאַכאָוויצקאַ (ניעסוויזש), נ. שלימאָוויטש (ליובטש), ש. וואָל־קאָוויסקי (באַראַנאָוויטש), דוד פלאָטניק (פּינסק), כאַיטאָוויטש (מיר), חנן לעווקאָוויטש (טראַב), לייזער סאַוויצקי (זשעטל) און מאיר גינענסקי (נאָוואַ־גרודעק).

די מאַטעריאַלן וועגן געפאַלענע פּאַרטיזאַנער געפינען זיך היינט צו־טאָג אין „בית לוחמי הגיטאות" ע"ש יצחק קצנלסון", ישראל.

נעמען־רעגיסטער

א

אַבוגאָוו, אַלעק I: 247, 248; II: 181, 216, 217, 267, 318, 320.

אַבעלעוויטש, נחום — I: 191.

אַבראַמאָוו — I: 262; II: 122, 355.

אַבראַמאָוויטש, דאָדל — I: 144, 199, 350, 359; II: 133, 154, 167.

אַבראַמאָוויטש, חיים — I: 230.

אַבראַמאָוויטש, ליובאַ — II: 22.

אַבראַמאָוויטש, ש. — II: 90.

אַבראַמאָוונאַ, שרה (גראַבוס, ראָזאַליאַ) — I: 83.

אַבראַמסאָן — I: 186.

אַבראַמסאָן, וועלוול — I: 158, 189.

אַבראַמאָווסקי, אַבראַשאַ, ד״ר — I: 157, 340.

אַגולניק, מישקע — II: 356.

אַגולניק, שלום I: 154.

אַדאַם — II: 212, 213.

אַדאַש — II: 32.

אַדלער, עדמונד — II: 54.

אַוורוך, פייגע II: 233.

אונטערשול, יוסף — I: 192.

אוצר, מישע — II: 182.

אָזשעכאָווסקי, יונה — II: 310.

אַטלאַס, יחזקאל, ד״ר — I: 220—223, 262, 408; II: 79, 96, 97, 237, 331, 332, 354, 355.

איגנאַטאָוו, פּ. — I: 307.

איגנאַץ — II: 23, 32, 33.

איוואַן, קאַפּיטאַן — II: 61.

איוואַנאָוויטש, איוואַן — I: 338.

איוואַטשענקאָ — II: 300.

איזאַק — I: 342.

איידלמאַן, יעקב — II: 90, 121, 122.

אייזמאַן, יוליאַן — II: 76.

אייזן, יעקב — I: 377.

אייזן, משה — II: 27.

אייזנשטיין, ב. — II: 28.

אייזנשטיין, נחום — II: 119.

אייכנבוים, זשעניע — II: 220—222, 283, 345.

איינבינדער, יצחק — II: 338.

אילגען פאָן, גענעראַל — I: 82.

איליניטש, קאָמיסאַר — II: 334.

אינגבער — II: 110, 349.

אינגעל, ט. — I: 166.

איצקאָוויטש, מאיר־יוסף II: 256, 295.

איצקאָוויטש, שלמה I: 115; II: 125.

אַלבינע I: 159.

אַלטערמאַן, חנן — II: 102—104.

אַליאָשאַ, דיאַדיאַ — I: 24.
אַליצקי, ש. — II: 235, 236.
אַלכאָוועץ, שמעון — II: 364.
אַלענדאָרף — I: 219.
אַלעקסאַנדראָוו — II: 245.
אַלעקסאַנדראָוויטש, חיים — I: 378; II: 114, 207.
אַלעקסאַנדראָוונאַ, מאַריאַ — I: 254, 363.
אַלעקסייעוונאַ II: 242, 243, 245.
אַלעף, גרשון (באַלעק) פּולקאָווניק — II: 38, 71, 76.
אַלפּער I: 306.
אַלפּעראָוויטש, יעקב — II: 338—340
אַלפּערט, ד"ר — I: 416.
אַלפּערט, דוד — I: 345.
אַלפּערט, יוסף — I: 353.
אַלפּערט, שרה I: 341.
אַלשאַנסקי, הירש — II: 313, 361, 362.
אַלשאַנסקי, יוסף — II: 84, 268.
אמסטערדאַם, ראָמאַן — II: 62.
אַנדערס, גענעראַל — I: 319; II: 13.
אַנדראָסאָוו, פּיאָטר — II: 223.
אַניטשענקאָ, קאָמאַנדיר — I: 351.
אַניע (קראַנקנשוועסטער) — I: 356.
אָסטאַשינסקי, האָדע — II: 238.
אָסטערמאַן, רייזעלע — II: 218.
אָסטראָווסקי — I: 32, 72, 342.
אָסטראַכאָוו — I: 342.
אָסנער, אהרון־חיים — II: 163, 321.
אָסנער, יעקב II: 163, 321.
אָפּנהיים, יהושע — II: 259.
אַצקאַרוניס, באָלעסלאָוו — II: 321, 322.
אָקון, דבורה — II: 295.
אָקון, צילע — II: 241.
אָקס, אברהמל — I: 398.
אַראָן, יצחק — II: 275.
אַרזשעכאָווסקי, לייב — II: 256.
אַריעוויטש, אליהו — II: 271, 284, 321.
אַרלאָוו, סאַפּריאַני — II: 153.
אַרלאָווסקי, קאָמאַנדיר — II: 94, 346.
אַרליוק, ז. — II: 338.
אַרקאַ — I: 216.
אַרקאַדי — II: 292, 293.
אַשליאַק, שמילקע — II: 60.
אַשמיאַן, אהרון I: 200, 201.
אַשנדאָרף, וואָלף, אינזש. — II: 43.
אַשעראָווסקי, איזיע — I: 170, 171.
אַשעראָווסקי, יודל — II: 106, 118.

ב

באַבי, סטאַש — II: 54.
באַבקאָוו, איוואַנאָוויטש, וולאַדימיר — 346—349, 351, 367.
באַבקאָוו, ניקאָלאַי, קאָמאַנדיר — II: 84, 234, 281.
באַבראָוו — II: 133.
באַבראָוו, בערל — II: 276.
באַבראָוו, דוד — I: 233, 234.
באַבראָוו, לייב — I: 33.
באַבראָוו, ניסל — II: 299.
באַבראָוו, שמואל — II: 99, 100.
באַגדוש — II: 91, 92, 270, 271.
באַגדוש, ישראל — 183.
באַגנאַס — II: 126.
באַדין, זעליק — II: 364.
באַזימאַ — I: 57, 348.
באַזיקין — II: 342.
באַזשענקאָ (קאַפּוסטאַ), גענעראַל־מאַיאָר — I: 25, 77, 80, 93, 94, 115, 232
באַטוויניק, יצחק — II: 253.
באַטוויניק, צילע — II: 234.
באַיאַרסקי, שמואל — I: 114, 115.
באַיניציצקי, מישקע — II: 116.
באַיקאַ, זאַכאַר — I: 252.
באַיקאָוו — I: 334.
באַכראַך, בעלאַ — II: 241.
באַלדע, משולם — II: 306.

באַלטון — I: 331.

באַלטשוק — II: 67.

באַמשטיין, פּעסע — II: 253.

באַנאַסיאַק, סטעפאַן — I: 49.

באַנדעראַ, סטעפאַן — I: 118, 119, 121, 122.

באַנט, אהרון — II: 286.

באַס, שלום — I: 59, 60.

באַסאַק, גדליהו — II: 91, 356.

באַסמאַנאַוו — I: 284.

באַסקין, געצל — II: 364.

באַסקין, לייזער — II: 364.

באַק, גערשקע — I: 167, 179.

באַקאַלטשוק, אפרים — I: 246, 248, 276

באַקאַלטשוק, מלך — I: 74, 107, 248, 269, 281; II: 93, 133, 180, 181, 207, 208, 288, 290, 300, 319.

באַקראַדזאַ, דוד — I: 295.

באַראַוויק, ש. — I: 243.

באַראַווסקי — II: 60.

באַראַווסקאַ, כיענע — I: 246, 264.

באַרעוועץ, בולבאַ (אטאַמאַן) — I: 118, 119, 121, 122.

באַראַן, בנימין — II: 195, 196, 293, 350—354.

באַראַן, רובין — II: 353.

באַראַנאַוו — I: 262.

באַראַנאַווסקי, גענעראַל — II 26, 39.

באַרג, לייבקע — II: 160.

באַריס — I: 362.

באַרכנעס, שלמה — I: 193.

באַרמאַן, מאיר — II: 313.

באַרנשטיין, שמואל — I: 222; II: 79, 92, 96, 97, 270.

באַרקאַוויטש, יצחק — II: 306.

באַרקאַווסקי, פּרץ — II: 255.

באַר־קאַמאַראַווסקי, גענעראַל — I: 141; II: 11, 15, 16.

באַרקע — II: 308.

בובליאַצקי — I: 158, 189.

בודי — II: 221, 343, 345.

בודילאַוויטש, יוזעף — I: 340.

בויטענאַס — I: 264.

בוימאַטש, אליהו — I: 43.

בולאַט (בעזרוקי) קאַמאַנדיר — I: 25, 57, 58, 217, 221, 258, 331; II: 79, 91.

בולאַט, באַריס — II: 113.

בולאַק־באַלאַכאַוויטש — I: 24.

בולאַק — I: 25, 57, 58, 76, 77, 108, 192, 217, 221, 223, 415; II: 357.

בולבאַ, טאַראַס — I: 119.

בולהאַלטע, סטעפאַן — II: 307.

בוסעל, ישראל — II: 127, 156, 157, 201.

בורגער — I: 53.

בורשטיין, בערעק — II: 22.

בורשטין, משה — II: 80, 81.

בורשטין, סאָניע — II: 80.

בזשאַזע — II: 324.

בזשעסקאַ — I: 34.

ביטאַס, פראַנקאַ — II: 62.

ביטענסקי, ראובן — I: 340; II: 252, 253.

בייער, ד"ר — I: 82.

ביליאַנקאַ, שרה — I: 282.

בינאַן — I: 378.

בינדלער, כאַסיע — II: 239.

ביסטראַוו, קאַפּיטאַן — I: 160, 161.

ביעלאַאוס — II: 304, 305.

ביעגון, מאַקס — II: 107, 185, 186.

ביעגמאַ, גענעראַל־מאַיאָר — I: 25, 336, 247, 248, 414; II: 181, 360, 361.

ביעלאַווסקי, סענדער — I: 331.

ביעלאַק — I: 334.

ביעלאַק, טוביה — II: 174.

ביעליאַקאַוו, קאַמאַנדיר — II: 354.

ביעלסקי, זוסיע — I: 58, 228, 230, 271, 272.
ביעלסקי, טוביה — I: 58, 193, 207, 215, 217, 227—230, 232, 261, 271, 321, 346; II: 186, 187, 204, 260, 265, 279, 280, 281, 283, 304—306.
ביעלסקי, עשהל — I: 58, 228, 230, 321; II: 305—307.
ביעלעצקי — II: 13.
בירנבוים, הערשקע — II: 44, 45, 54, 63.
בלאַט, יצחק — II: 340, 341.
בלאצמאַן, גענעראַל — I: 27.
בלאַק, ש. — II: 90.
בלוישטיין, יוסף — I: 236.
בלומאָוויטש, ד"ר (עצמון) — I: 157, 236, 414; II: 286, 287, 345.
בלומענטאַל, נחמן — II: 51, 52.
בליאַכמאַן, אברהם I: 331, 345.
בליאַכער, אלי — I: 334; II: 256.
בליזניאַנסקי, יוסף — II: 356.
בליט, מאיר — I: 58.
בלייכמאַן, אפרים — II: 69.
בליישטיין, אברהם — II: 174.
בליישטיין, גרישע — II: 173, 174.
בליישטיין, הערשל — II: 94.
בליישטיין, יוסף — I: 217; II: 360.
בליישטיין, כאַסיע — II: 232.
בליישטיין, מרים — II: 233.
בלעך, לייזער — II: 203.
בעזראַדני, ד"ר — I: 298.
בעלקין, מישאַ — I: 245; II: 117, 118.
בעניעק — II: 32, 33.
בענץ, הויפטמאַן — II: 107.
בעקנשטיין, אליהו — II: 132.
בעקנשטיין, חיהלע (גאַלאַ) — II: 219.
בעקער, ביילע — I: 331.
בעקער, יאַנעק ד"ר — I: 399.
בעקענשטיין — II: 89.

בערדאָווסקי — II: 106.
בערזאַן, לייב — II: 275.
בעריאַ — II: 286.
בערלינג, גענעראַל — I: 113, 319; II: 21.
בערמאַן, אַדאָלף ד"ר — II: 16.
בערמאַן, אידאַ — II: 189.
בערמאַן, ישכר — II: 201.
בערמאַן, ירחמיאל — II: 189, 190.
בערמאַן, ליאַלאַ — II: 189.
בערנשטיין — II: 256.
בערנשטיין, שלום — I: 389.
בערעזאָווסקי, יהושע — I: 391.
בערעזאָווסקי, נח — II: 167.
בערעזאָווסקי, שעפסל — II: 113.
בערעזין — II: 94, 345.
בערעזני, קאַפּיטאַן — I: 363.
בערענשטיין, לעאָ ד"ר — I: 246.
בערקאָוויטש — II: 284.
בערקאָוויטש, אהרן — II: 321.
בערקאָוויטש, חיים — I: 389; II: 111.
בערקאָוויטש, חיים־איטשקע — I: 389; II: 111.
בעשקין, ראַשע — II: 237.
בראַוכיטש, פאָן גענעראַל — I: 26.
בראַמבערג, ל. — II: 92.
בראַמבערג, משה — II: 267.
ברינסקי, פּולקאָווניק — I: 25, 57, 217, 341, 342; II: 288.
בריסקין, מרדכי ד"ר — I: 359, 360.
בריסקין, פרוי — I: 359.
ברעדער — I: 172.
ברעמער (ווערמאַכט־קאָמיסאַר) — I: 219.
ברענער, ל. — II: 20, 46, 217.
ברעסטאָוויצקי, יונה — I: 227.
ברעסלין, קיווע — I: 352.
ברעסקין, דוד — I: 346, 347.

ג

גאַגאַל — I: 119.
גאַוואַרדאָווסקאַ, פּאַליאַ — I: 293, 294, 302, 310.
גאַלאָוויעצקי — II: 150.
גאַלאָמב — II: 60.
גאַלאַנד — I: 182.
גאַלאַנד, פרוי ד"ר — I: 413.
גאַלארי, יאַנאַס — II: 195.
גאַלדזאַק, נחום — II: 104, 105.
גאָלדשמיד, הירש — II: 312.
גאַלוב, יוסף — II: 161, 183, 277, 301.
גאַלובאָווסקאַ, ביילע — I: 351.
גאַלעצקי, ל. — II: 92.
גאַלפּערשטיין, איטע — II: 232, 338.
גאַס, אהרון — I: 204.
גאַסמאַן, בערל — II: 160.
גאַפּאַנאָוויטש, אהרון — II: 90, 168.
גאַרבאַטשעווסקי — I: 277.
גאַרדאַן I: 158.
גאַרדאַן, גרישע ד"ר — II: 82, 116.
גאַרדאַן, פרוי — II: 168.
גאַרעליק, קאַפּיטאַן — I: 25, 251, 253, 328, 329, 335.
גאַרפינקעל, שלמה ד"ר — I: 399, 401.
גודאַוסקאַס, וויטאַוטאַס — I: 186.
גודעס, משה — II: 321.
גוטערמאַן, דוד — II: 143.
גוטערמאַן, יוסף — I: 180.
גוטקין — II: 157—159.
גולקאָוויטש, אפרים — II: 169, 170, 276.
גולקאָוויטש בן־ציון — II: 186, 187, 256, 306.
גולקאָוויטש, שלום — II: 308.
גומניץ, מרדכי — I: 182.
גוסינאָוו, חנן — I: 182.
גורוויטש גרישע — II: 112, 140, 141
גורוויטש, פישל ד"ר — I: 416.
גורוויטש, שרה — II: 140.
גורעוויטש, פאַניע — II: 191.
גידאַליס (איסער, שמידט) — I: 246.
גיידען, הערשל — II: 250.
גייער, איוואַן — II: 312.
גיך — I: 51.
גילדענמאַן, מ. (דיאַדיאַ מישאַ) — I: 170, 239—242, 291, 306; II: 136—138, 188, 202, 223, 225, 262.
גילדענמאַן, שמחה (ליאָנקע) — I: 170, 240, 242; II: 188, 189.
